STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11511

IN UN ARUM YIDISHVARG

Dov Sadan

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דב סדן

אין און אַרום יידישוואַרג

ערשטער באַנד

הוצאת עם עובד
ביזמת הועד הציבורי
להוצאת כתבי דב סדן

הספר רואה־אור בסיוע
הקרן לתרבות יהודית

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם פאָנד
פאַר ייִדישער קולטור

עטיפה : אוריין

נדפס בישראל תשמ"ה 1984

©

הוצאת עם עובד תל־אביב

סידור והדפסה דפוס משה חמיאל תל־אביב

דרײַ הערות

א

דאָס בוך „אין און אַרום ייִדישוואַרג״, וואָס ליגט דאָ פֿאַרן לייענער, איז אַ המשך פֿון מײַנע ביכער, וואָס דער פֿאַרלאַג „עם עובד״ האָט, זײַט זײַן התחלה, אַרויסגעגעבן. פֿאַרמאָגט אָבער צוויי חידושים:

ערשטנס: בשעת די פֿריִערדיקע ביכער מײַנע, וואָס זענען, אין דעם פֿאַרלאַג, אַרויס בלשון עברי, איז דאָס איצטיקע בוך אַרויס בלשון ייִדיש, און עס איז נישט בלויז מײַן ערשט ייִדיש־בוך, נאָר דאָס ערשטע ייִדיש בוך וואָס איז אַרויס אין „עם עובד״, וברוך משנה הוועלטלעך, אַ סימן אַז איך זאָג: כל התחלות קלות.

צווייטנס: דער איצטיקער באַנד איז אפֿשר דאָס פֿילשיכטיסטקע בוך מײַנס — נעמט עס דאָך, אין זײַנע הונדערטער זײַטן און אַכט רובריקן, אַרום פֿאָרשונגען און עטיודן, עסייען און מאמרים, געשיכטע און קריטיק, פּובליציסטיק און כראָניק, זכרונות און רעמיניסצענצן, און פֿאַרמאָגט אַ פֿיל־גראַדיקע גאַמע פֿון טעמעס און ענייִנים — הויבט אָן מיט ייִדיש־שרײַבער אין די לעצטע דורות, פּרוווט צייכענען זייערע געשטאַלטן און אויפֿטוען; איז ממשיך מיט קולטור־היסטאָרישע, שפּראַכלעכע און פֿאָלקלאָרישע כּללים און פּרטים, און פֿאַרענדיקט מיט אַ בונט פּרקים פֿון אויטאָביאָגראַפֿישן און מעמואַריקן כאַראַקטער.

ב

איך ווייס וויל, אַז עס געהערט נישט, ביים הײַנטיקן שטאַנד פֿון ביכער־וועזן, נישט צו די לײַכטסטע זאַכן, אַרויסצוגעבן אַזאַ בוך, און פּונקט ווי איך טראָג אין האַרצן אַ דאַנק די אינסטיטוציעס און יחידים, וואָס האָבן זיך, בחסדם, אונטערגענומען צו טראָגן דעם עול, מײַנע ביער מזכּה צו זײַן מיטן ליכט פֿון דרוק און פֿאַרשפּרייט, האָף איך, אַז זיי וועלן מיר בײַשטיין, אויף ווײַטער עס וועט מיר, בסיעתא דשמיא, באַשערט זײַן כּוח און התמדה, אמן.

און מן הכלל אל הפרט, דערלויב איך מיר אויסצודרוקן מיין הכּרת טובה די מוסדות, וואָס זענען אויסגערעכנט אין שער־בלאַט און מעֵבר־לשער, און די יחידים, וואָס האָבן אַ באַזונדערן אַנטייל אין דער הילף. דער חוב לגבי יקרא דשיכבא — דעם פאַרלאַגס־לייטער ר׳ דב גאָרפונג עליו השלום; און דער זכות לגבי יקרא דחיי, שיאריכו ימים ושנים — ר׳ ישעיהו אברך, וואָס האָט דעם היפּשסטן פאַרדינסט מיך צו האַלטן וואַך לגבי מיר אַליין און וואָס אָן זיין איניציאַטאָרישקייט און התמדה, וואָלט איך נישט מסוגל געווען צו אַזאַ מתמידיקער דאגה פאַרן גורל פון מיין אייגענעם פּען־פאַרמעג; און מיין דאַנק נעמט אַרום מיינע פריינד, וקודם־כּל פאַר זיין אַנטשיידנדיקער הילף ר׳ יצחק קאָרן און די מיטהעלפער ר׳ ישראל כּהן, ר׳ שמשון מעלצער, ר׳ אברהם סוצקעווער, ר׳ מתתיהו קאַליר, וואָס זענען געווען בעצה אחת לטובה.

און אַ באַזונדערער האַרציקער דאַנק קומט לידידי, וואָס האָבן מיר געהאָלפן הלכה־למעשׂה — ר׳ יעקב צבי שאַרגל, וואָס האָט דאָס בוך גע־לייענט מדאָשקע לדאָשקע, נישט איבערגעהיפּערט קיין אות, און געזאָרגט, אַז אַלץ זאָל אַרויס קאָרעקט און לייטיש, ווי ער האָט עס שוין געטאָן לגבי אַנדערע ביכער מיינע אין פאַרלאַג „ישראל בוך״. ספּעציעל דאַנק איך לריעי ר׳ יצחק ווינער, דעם פאַרלאַגס־לייטער, וואָס האָט מיר נאָך פריִער געהאָלפן לגבי מיינע ביכער וואָס זענען אַרויס אין די פאַרלאַגן פון קיבוץ המאוחד, תרבות וחינוך און עם עובד, וחן חן לר׳ משה חמיאל, וואָס איז ממונה אויף די כ״ב אותיות, און למרת וורדה לוי, וואָס האָט געפירט דעם גאַנצן משׂא־ומתן, כּולם יעמדו על הברכה, ברכת כּהן, סלה.

ד. ס.

ירושת״ו, מנחם אב תשמ״ד

תוכן

I

אַ חיבור וואָס זוכט אַ מחבר

וועגן דער אַנאָנימער „די געגנאַרטע וועלט" . . . 7 — 21

צווישן טאָג און נאַכט . . . . 22 — 26

צווישן זכות און חוב

וועגן אליעזר שטיינבאַרג . . . . 27 — 31

II

מדרש פליאה

וועגן יוסף צבי רימון . . . . 32 — 42

אָפּשטאַם און גאַנג

אַריינפיר־פּאַראַגראַפן צו אורי צבי גרינבערג . . . 43 — 55

אַ מחלוקה און איר ווידעראַנאַנד

וועגן און אַרום מדרש־איציק . . . . 56 — 75

אַ פּאַרשוין פון גרויסן און שווערן קאַליבער

וועגן חיים גראַדע . . . . 76 — 85

בכלל און בפרט

וועגן אַברהם סוצקעווער

מאמר א׳: בכלל — צווישן יובל און יובל . . . . 86 — 91

מאמר ב׳: ממש־פּאָעזיע און כביכול־פּראָזע . . . 92 — 106

III

אַ דאָרף ווערט געבוירן

וועגן יוסף ערליך . . . . 107 — 109

איידי דזוטר

וועגן יאָסל חריף . . . . 110 — 113

צווישן געפּענקעניש און געעפנטן טויער

וועגן קלמן סעגאַל . . . . 114 — 121

קינדער־זינגזאַנג

מיט בינה שטיינבערגס שול־לידער־געזעמל . . . . 112 — 129

דאָס וואָרט אין יאָמער־טאָל

וועגן ישראל קאַפּלאַנס „דאָס וואָרט אין נאַצי־קלעם" 130 — 132

הרוגי מלכות

מאמר א׳: יחזקאל הנביא׳ס קשיא . . . . . . 133 — 137

מאמר ב׳: אַ וואָרט ביי אַן אזכרה אין ירושלים . 137 — 140

וועגן אַ שטעטל אין מאָלדעווע

מיטן בוך פון חיים זיידמאַן . . . . 141 — 143

אַ שטיק קולטור־יבשה

וועגן מאיר ברוידאס זכרונות . . . . 144 — 150

צווישן ווינטן, ווערבע און שטיינער

וועגן מנוחה ראַם . . . . 151 — 165

IV

יִדיש שפּראַך און ליטעראַטור — בקיצור

מאמר א׳: אַ פאָלק צווישן שפּראַכן . . . . . 171—167

מאמר ב׳: אַ שפּראַך ביי דעם פאָלק . . . . . 174—171

מאמר ג׳: אַ שפּראַך און איר ליטעראַטור . . . 177—174

מאמר ד׳: און די קרוין — פּאָעזיע . . . . . 180—178

צווישן אייגנס און פרעמדס . . . . 186—181

אַ שטיק דין וחשבון

מיט אַ וואָרט ביי דער יִדישער קולטור־געזעלשאַפט

אין ירושלים . . . 198—187

דריי פּונקטן

אַרום משה וואַלדמאַן . . . . 207—199

דריי קריזן

אַ וואָרט ביים פּאַרטייל פון פּרס ראש הממשלה . 215—208

V

אויטאָביאָגראַפישע פּרקים

מאמר א׳: אַ יִינגליש בינטל . . . . 262—216

מאמר ב׳: היימישע מעשות צו דער כראָניק פון

אַ משפחה:

אונדזער עלטער־זיידנס וועג קיין ירושלים . . . 275—263

מאמר ג׳: ריח תורה . . . . 278—271

מאמר ד׳: נוסח אשכנז . . . . 282—278

מאמר ה׳: טאַטע און זון . . . . 286—282

VI

בעלי חיים

פּרק א׳: צווישן מאַרדער און טכויר . . . . . 292—287

פּרק ב׳: צווישן טכויר און מאַרדער . . . . . 296—292

צווישן פּיקס און פיש . . . . 307—297

צווישן אליהו און עליע . . . . 311—307

דרך ארץ . . . . 314—311

צווישן הא׳ און היי . . . . 320—315

דער שוואַרצער בישאָף . . . . 332—321

VII

לא־היה־ולא־נברא־מעשות

1. צוויי וואַריאַנטן און אַ צולאָג . . . . . . 342—333

2. נאָך צוויי מעשות . . . . 349—342

בכור שטן

וועגן אַ דעמאַנאָלאָגישן פּלאַנטער . . . . . . 357—350

אַרום תוספות גורניש . . . . 362—358

אייבעלעך תוספות . . . . 366—363

I

אַ חיבור וואָס זוכט אַ מחבר

וועגן דער אַנאָנימער „די געגאַרטע וועלט“

א

עס געהער, דאַכט זיך, צו די כאַראַקטעריסטישע סימנים פון דער משׂכּילישער ייִדיש־ליטעראַטור, אַז כאָטש בלויז אַ קלייִנער טייל האָט, בשעתו, געזען דעם שייַן פון דרוק, און אַ גרעסערער טייל פון איר איז אַרומגעגאַנגען אין, נישט זעלטן, געהיימע אָפּשריפטן, און אַ נאָך גרעסערער איז געבליבן פאַרגראָבן אין כּתבֿ־ידן, לאָזט זיך באַוויזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ היפּשער פאַרבונד, און ממילא אַ השפּעה, צווישן די פריִערע און שפּעטערע שאַפונגען. צו מאָל הערן מיר דאָס בפירוש פון די מחברים גופא, צו מאָל מערקט זיך עס אינעם איבערוואַנדער פון נוסחאות, מאָטיוון, פּראַזעס וכדומה, אַזוי אַז עס מערקט זיך, בפירוש, אַ קענטעניש אָדער באַוווסטזיין, אָדער, לפּחות אַ בולטער רושם פון אַ געקייטלטער געאײנפּאָר־מירטקייט, און אַז עס זענען נישט אויסגעשלאָסן קאָנטאַקטן, כאָטש מיר ווייסן ווייַט נישט, ווי זיי זענען פאָרגעקומען.

אָט, אַ שטייגער, די אומזיכערע השערות וועגן שלום־עליכם, וואָס נעמען אָן אַ בריק צווישן אים און יוסף פּערלס ייִדיש־נוסח פון מגלה טמירין, וואָס איז געלעגן אין כּתבֿ־יד, לא כּל־שכּן אַ בריק צווישן אים און ר׳ אַברהם־יצחק לאַנדויס ספר הקונדס, וואָס איז געווען אַ געדרוקטער יקר־המציאות; שוין אָפּגעשמועסט פון השערות וועגן מענדעלע, וואָס נעמען אָן אַ בריק צווישן אים און מענדל לעפין [= לעווין], און דאָס נישט בלויז מכּוח זיינע געדרוקטע חיבורים נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דער לעבעדיקער מסורה פון לעפינס נוסח, אין ביידע שפּראַכן, וואָס זיין תּלמיד, ר׳ מרדכי סוכיסטאָווער, האָט זי פאַרטראָגן קיין זשיטאָמיר, ווו ער איז געווען לערער אין ראַבינער־סעמינאַר, און משפּיע געווען אויף זיין קאָלעגע, ר׳ אליעזר־צבי צווייפל, און זיין כּמעט־תּלמיד, ר׳ שלום־יעקב אַבראַמאָ־וויטש.

וואָס שייך דעם איבערוואַנדער פון דעטאַלן פון פריִערע אין שפּעטערע שאַפונגען — האָב איך עס געפּרוּווט באַווייזן אין אַ באַזונדערן סעקטאָר פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, דער משׂכּילישער יידיש־קאָמעדיע. דער נאָמען פון מיין אַרבעט דערוועגן: „שם־דבר — מכּוח דער טיטולאַטור פון דער עלטערער יידיש־קאָמעדיע" (געווען צום ערשט געדרוקט אין חיים בעזס פּינקס וכו׳, שפּעטער, עפּעס אויסגעברייט, אַריין אין מיין בוך אַ וואָרט באַשטייט, תשל"ה, באַנד 1, זז׳ 194־225), שעפּט נישט אויס דעם כאַראַקטער פון מיין פּרווו, ווו איך האָב מיך טאַקע בעיקר באַמיט צו ווייזן און באַווייזן די גילגולים פון די קאָמעדיע־טיטלען, אָבער געפּרוּווט עס צו טאָן אויך לגבי איבערוואַנדערנדיקע פראַזעס, און דאָ און דאָ לאָזט זיך נאָך היפש צוגעבן און מיר וועלן עס, בשעת־הכּושר, טאָן.

איך הייב מיין אַרבעט אָן מיטן טיטל פון איציק אייכלס קאָמעדיע רבי העניך אודר [= אָדער] וואָס טוט מן דר [=דער] מיט, און גיי נאָך דעם גאַנג פון דעם אידיאָם, סיי פריִער סיי שפּעטער, און פאַרענדיק מיט דיא גענאַרטע וועלט, ווי עס הייסט קודם־כּל אַן אַנאָנימע קאָמעדיע, וואָס איז, ווייזט אויס, צום פריסטן אַרויס 1817, און האָט זיך דערהאַלטן בלויז אין אַ שפּעטערן און געקירצטן אויסגאַב פון 1863, וועלכן מאיר ווינער זאָל האָבן געפונען אין יאָר 1929 — מיר דעפינירן עס אַזוי, ווייל געפונען האָט עס, בעצם, נחום שטיף, און זיך געגרייט עס אַרויסצוגעבן, אָבער אַרויסגעגעבן ממש, מיט אַ ברייטן אַריינפיר און מיט פירושים, האָט עס טאַקע מאיר ווינער (מאָסקווע, 1940). די קאָמעדיע, וואָס איז אַ צענטראַל־גליד אין גאַנג און אַנטוויקל פון דער משׂכּילישער יידיש־קאָמעדיע, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אַקאַדעמיש־פאָרשערישן און ליטעראַריש־קריטישן אינטערעס.

דער אינטערעס וועט זיך איצט באַנייַען און שטאַרקן מיט דער קורצער אָבער קאָמפּאַקטער פאָרשאַרבעט פון חנא שמערוק: „נוסח בלתי ידוע של הקומדיה האנונימית די גענאַרטע וועלט" (קרית ספר תשל"ט, באַנד 54, זז׳ 802־816) — עס האַנדלט זיך אין אַ גאָר וואָגיק געפינס: אַן אַנדער דרוקאויסגאַב פון דער דאָזיקער קאָמעדיע, אויף וועלכער חנא שמערוק האָט זיך אָנגעשטויסן, דורכקוקנדיק די רשימה פון יידיש־ספרים אין פראַנק־פורט־דמאַין און וועלכע עס האָט פאָטאָגראַפירט מרת שׂרה צפּתמן און אויף דעם סמך האָט ד. י. כּהן געקריגן די פאָטאָקאָפּיע פון ספר גופא. דער אויסגאַב איז אַרויס מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער (1865) כּ׳ין דער וואָס ווינער האָט געהאַט פאַר זיך און פון דער סקרופּולאַטער רעוויזיע, וועלכע ח. שמערוק האָט דורכגעפירט ווערט קלאָר, אַז כאָטש אויך זי איז אַרויס מיט אַ דור שפּעטער פון דער ערשטער אָריגינאַלער עדיציע, וואָס האָט

זיך נישט דערהאַלטן, און מיר ווייסן פון איר בלויז פון אַ ביבליאָגראַפישער רשימה (אייגנטלעך פון אַ צעטל דעזידעראַטאַ פון אַ מוכר־ספרים, 1859) איז זי אָבער קראַנטנער און פאַרלאָזלעכער פון דער וואָס ווינער האָט ווידער אַ מאָל אַרויסגעגעבן, און לויט דעם נייעם געפינס, לאָזן זיך פאַרריכטן נישט ווייניק גרייזן פון דעם פריִערדיקן אויסגאַב, און וואָס שייך דעם טעקסט גופא — איז ער אַפילו אידענטיש מיט ווינערס אויסגאַב, אָבער עס איז דאָ פאַראַן אַ הקדמה און אַן אַנדער סוף. פאַראַן אויך אַן אַנדער שער־בלעטל, בעיקר אין אונטער־קעפּל: די גענאַרטע וועלט אָדער שווערער מען נעמט זיך פיר גרינגער העלפט גאָט; אויך אַן אַנדערע דעפיניציע פון דער קאָמעדיע. נישט: טעאַטער־שטיק, נאָר: געשיכטע (אויב ניטשעכע איז, ווי שמערוק מיינט, אַ פאַרגרייז פון געשיכטע, אָדער ווי איך מיין: גישעכט[ע], ווי איך האָב עס נאָך געהערט ווי אַ לעבעדיק שמועסוואָרט; און אַזוי איז דאָך דער אויסלייג אין דעם טעקסט: ווערכטוקייט אין זינען פון וויכטיקייט, שפּרעכווערטלעך אין זינען פון שפּריכווערטלעך, און אפשר אויך: זיי רעכטן אָפּ פון דעם שענסטן בעל־מלאכה, אין באַטייט פון חוזק. פאַרשטייט זיך, אויב ניטשעכע איז נישט קיין פאַרזיכטיק וואָרט פון סלאַווישן אָפּשטאַם, ווי אַ שטייגער nieuciecha משמע: אַ נישט־פריילעכע, נישט־טרייסטלעכע מעשה. אַן ענין פאַר זיך איז אַ גאַר פּיקאַנטער פונקט אינעם אַריינפיר, וואָס איז אַנדערש און לענגער ווי אין דעם אויסגאַב פון 1863, דהיינו, אַז דער מחבר זאָל גאָר זיין נישט קיין מאַנסביל, נאָר אַ פרוי, נישט אַ מחבר נאָר אַ מחברטע („פון מיר דיין פריינטלעכע און געטרייע שוועסטער”).

כּדי אויסצורעכענען אַלע חידושים וואָס דאָס געפינס דערלאַנגט אונדז, וואָלטן מיר בעצם באַדאַרפט איבערחזרן די גאַנצע אַרבעט, אָבער אַנשליסנדיק זיך דער סברה פון חנא שמערוק, אַז מען דאַרף אַרויסגעבן אַ נייע טעקסט־קריטישע עדיציע פון ביידע אויסגאַבן, וועל איך מיך איצט באַנוגענען מיט אַ בינטל באַמערקן, וואָס וועלן אפשר צו נוץ קומען דער געפּלאַנטער אַקאַדעמישער עדיציע און זיך דערלויבן אָנצווייזן, אַז דער ענין גופא איז פאַר מיר נישט קיין חידוש — איך האָב זיך מיט דער מאַטעריע פאַרנומען, סיי בכתב, סיי בעל־פּה (איז דאָך מיין ערשטער קורס אין ירושלימער אוניווערסיטעט געווען וועגן דער משׂכּילישער ייִדיש־קאָמעדיע, כולל די גענאַרטע וועלט).

ב

וועל איך מיך אומקערן צום לעצטן קאַפּיטל פון מיין דערמאָנטן מאַמר („שם־דבר וכו׳״) — איך דערמאָן דאָרט, פאַרשטייט זיך, די גענאַרטע וועלט פון ישׂראל אַקסנפעלד, געשריבן פאַר 1862 אָבער אַרויס ערשט אין 1870, פיר יאָר נאָך זיין פּטירה, און ווידער אַ מאָל 1940, אין אַ וויסנשאַפט־לעכער עדיציע פון מאיר ווינער. אַז אַקסנפעלד האָט געוווסט, און אפשר אויך געלייענט, די פריִערדיקע קאָמעדיע מיט דעם דאָזיקן נאָמען, איז קלאָר פון זיין פירוואָרט: „מיט דעם נאָמען גענאַרטע וועלט ווי מיר דאַכט / האָט שוין איינער אין קאָרדאָן [= גאַליציע] אַ טעאַטער געמאַכט״. לויט ח. שמערוקס באַמערק וועגן חילוק אין דער אויטאָדעפיניציע פוןביידע נוסחאות („טעאַטער־שטיק״ — „געשיכטע״), לאָזט זיך אָננעמען, אַז די ערשטע דעפיניציע איז געווען אין אורטעקסט, דען וואָלט אַקסנפעלד צווישן 1842 און 1866 געזען נישט די אורעדיציע, נאָר די שפּעטערע עדיציעס, צי די פון 1863 צי פון 1865 פון די גענאַרטע וועלט — וואָלט ער זיך נישט באַניצט מיט אַזאַ זאָג: „ווי מיר דאַכט זיך האָט שוין איינער אַ טעאַטער געמאַכט״, דען אַזוי שרייבט מען נאָך אַ סך יאָרן, ווען מען איז נישט זיכער לגבי דעם אייגענעם זכרון, כיבאי מען וויל שפּילן איינעם וואָס געדענקט נישט, כאָטש בעצם געדענקט ער גאַנץ גוט (לייענען מיר דאָך אין אַקסנפעלד־ערך אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן: „דערצו האָט ער געהאַט אַ מערקווירדיקן זכרון און זייער געניי געדענקט, וואָס ער האָט זיך אָנגע־זען און אָנגעהערט״). און אויב אַזוי, האָט אפשר אויך די דעפיניציע פון איינעם און נישט פון איינער, וואָס האָט אין גאַליציע אַ טעאַטער געשטעלט, אַ שטיקל ווערדע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געזאָגט, אויב עס בלייבט אַ קיימא־לן וואָס אַלע פאָרשערס, און שמערוק בכללם, נעמען אָן, אַז שלמה עטינגער, שרייבנדיק אַז ער איז נאָכגעגאַנגען צוויי ייִדיש־ביכלעך, וועלכע ער האָט געלייענט אין לעמבעריק — דער ייִדישער טאַר־טיף און אַלטעלע — מיינט די קאָמעדיע גענאַרטע וועלט, וואָס איז געבליבן אַנאָנים, און די ראָבינזאָן־פּרעפּאַראַציע אַלטער לעב וואָס ווערט צוגע־שריבן יוסף ווילטין. אין דער אַנאָנימער די גענאַרטע וועלט האָבן מיר דאָך אַ גענויען צייטפּונקט פון דער אַקציע, וואָס האָט נישט געקאָנט זיין פאַר 1815, ווייל עס ווערט דאָרט גאָר היפּש דערמאָנט דער לעמבעריקער חרם, משמע דער חרם אויף פיר משׂכּילים (שי״ר, ערטער, נאַטקעס, פּאַסטאָר), וועלכן עס האָט אויסגערופן דער לעמבעריקער רב, ר׳ משולם־יעקב אָרנשטיין (בעל־ישועות יעקב), און וועלכן ער האָט בגזירת־המלכות, וואָס

האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון די משׂכּילים, געמוזט אָפּרופן. און מיר ווייסן, אַז אויב עטינגער האָט די ביכלעך געלייענט אין לעמבעריק, איז עס געווען בעת זיינע דאָרטיקע אוניווערסיטעט־שטודיעס, אַזוי אַז די דאָזיקע לעקטור האָט נאָר געקאָנט זיין צווישן 1825 ביז 1830. משמע, אַז ער האָט געלייענט דעם אורטעקסט, און כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין אַ גאַר וואָגיקן שטריך באַשטעטיקט עס דאָס נייע געפינס — ברענגט דאָך עטינגער פון די צוויי ביכלעך אַ ראיה פאַרן יכולת צו שרייבן ייִדיש, וואָס טויג סיי פאַר געלערנטע סיי פאַר פּראָסטאַקעס, און אין שער פון נוסח 1865, וואָס ח. שמערוק האָט געגעבן זיין פאַטאָסטאַט, לייענען מיר בפירוש, וואָס מיר לייענען נישט אין נוסח 1863: „צום אונטערהאַלט פר [= פאַר] אללערלייא מענטשין גילערנטע אין [= און] אויך אימגילערנטע".

ג

פאַר וואָס עס זענען, אין אַ קורצן צייטשפּאַן, אַרויס צוויי נייע אויס־גאַבן, און דאָס אין צוויי באַקאַנטע לעמבעריקער דרוקן — 1863 אין דרוק פון ב. לייב נעכעלעס, 1865 ביי א. י. מדפיס — וואָס האָבן ביידע געדרוקט ספרי־יראים און סיפּורי־חסידים, פאַר וואָס בלויז ביים ערשטן ווערט אָנגעגעבן ווי אַ מביא־לבית־הדפוס, דער נגיד ר' צבי־הירש צוקער איז אַ קשיא פאַר זיך, על־כּל־פּנים איז עס שוין אַ צייט ווי דער חרם איז שוין אַ ווייט ווידערקול, און פון די צוויי פּראָמינענטע פאַרשוינען וואָס זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם — האָט ר' שלמה יהודה־לייב ראַפּאָפּאָרט ביי זיינע זיבעציק יאָר און איז רב אין פּראָג; ווייטער ר' איציק ערטער איז שוין איבער אַ צענדליק יאָרן נישט מער צווישן די לעבעדיקע און דער רב המחרים, ר' משולם־יעקב אָרנשטיין איז שוין איבער אַ האַלבן יובל אויפן עולם־האמת; די צוויי ווייניקער באַקאַנטע מוחרמים — ר' צבי־בנימין נאַטקעס איז יונג פון דער וועלט געגאַנגען; פון ר' יהודה־לייב פּאָסטאַר האָט זיך קיין בולטער זכר נישט פאַרהיט און לויט אַן אומקאָנטראָלירטער און אומקאָנטראָלירלעכער שמועה זאָל ער האָבן אויסגעביטן דאָס רענדל, און פון אים זאָל אָפּשטאַמען דער בישאָף פּאַסטאָר, דער אייבערגלה פון אַלטן בייטשער קלויסטער, וואָס איז געזעסן אין ווינער פּאַרלאַמענט ווי דער אָנפירער פון צענטרום און געווען פון די חסידי־אומות־העולם (זע דעם ספר זכּרון עיירתנו בייטש, תש"ך, ז' 247), אָבער

מעגלעך אַז עס איז אַן אויסטראַכטעניש לויט אַ בייזן פּילפּול: פּאַסטאַר — כּשמו כּן תהילתו.

איך האָב אויסגערעכנט די פיר מוחרמים מחמת צוויי טעמים. ערשטנס, ווי די וואָס האָבן פון דעם חרם געליטן — כאַטש, און אפשר ווייל, זייערע חברים האָבן בכוח־מלכות געצוווּנגען דעם בעל־ישועות יעקב אָפּצורופן דעם חרם, האָבן כּמעט אַלע פיר געמוזט פאַרלאָזן לעמבעריק און די צוויי פּראָמינענטע זענען אַוועק קיין בראָד. צווייטנס, זיי, בתורת ליטעראַטן זענען געווען די אייגנטלעכע קאַנדידאַטן דעם חרם צו מאַכן פאַר אַ וועהיקל פון זייערס אַ סאַטירישע ווערק, און בראשם ר׳ איציק ערטער, וואָס האָט זיך אין זיינע סאַטירעס (מאזני משקל, תשליך) מיטן רב שטאַרק און בייסיק אָפּגערעכנט. אַזוי ווי כ׳האָב געהאַלטן און האַלט, אַז דער מחבר פון דער אַנאָנימער די געוואַרטע וועלט, איז אַ צו שאַפעריש־מאַרקאַנטער און קינסט־לעריש דיסציפּלינירטער פאַרשוין, אַז מען זאָל אים נישט פּרווון זוכן צווישן די משׂכּילישע קאַרפּנקעפּ, האָב איך אַרויסגעשטעלט ווי אַן עיקר־קאַנדידאַט דערצו ר׳ איציק ערטער, דערמאָנענדיק אַנדערע קאַנדידאַטורן. די ערשטע, וואָס נאָך מאַקס עריק האָט זי אַרויסגעשטעלט: מענדל לעפין, און וועלכע ער האָט אַליין מבטל געווען, די אַנדערע, וואָס עס האָט אין אַ שמועס מיט מיר אויפגעשטעלט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל (האַלפּערן), איז די קאַנדידאַטור פון ר׳ יעקב־ שמואל ביק וואָס איך האָב שוין דערמאָנט אין צוויי ביכער מיינע (די חכמה פון חכמות תשכ״ח, ז׳ 128 און אַ וואָרט באַשטייט, תשל״ה, באַנד 1, ז׳ 231) און האָב דאָרט באַמערקט, וואָס איך חזר אויך איצט איבער — אַז עס זענען היפּאָטעטישע קאַנדידאַטן נוסח quod demonstrandum esse משמע: וואָס מען דאַרף ערשט באַווייזן, און איצט ווייטער, ווייל איך בלויז סקיצירן וואָס עס זענען די אַרגומענטן פון די השערות.

ד

בעצם וואָלט איך באַדאַרפט מוותר זיין אויף דער קאַנדידאַטור פון מענדל לעפין, נאָך דעם ווי מאַקס עריק, וואָס האָט זי געשטעלט, האָט אויף איר מוותר געווען. עס דאַכט זיך מיר, אַז כּדי זיין ביטול צו באַשטאַרקן איז כּדאַי אויפמערקיק צו מאַכן אויף פיר פונקטן — עלטער; פאַרשוין; סטיל; לעקסיק. וואָס שייך עלטער — לעפין האָט נאָך געלעבט

מער ווי אַ צענדליק יאָרן נאָכן לעמבעריקער חרם און האָט געקאָנט אויף אים, און אַפילו אין אַ קאָמעדיע, רעאַגירן. אָבער די ווערווע פון דער קאָמעדיע ווייזט אָן אויף אַ ייִנגערן רעגיסטער, איידער אויף אַ זקן, וואָס איז נאָענט צו די ימי שנותינו. וואָס שייך פּאַרשוין — פון דער קאָמעדיע קוקט בפירוש אַרויס אַן אַנדער האַביטוס פון אַ שרייבער, ווי עס רעפּרעזענטירט אים, בפירוש, אַ דור נאָך לעפין — סיי דער טיפּ פון באַרעדעוודיקן בעל מגלה טמירין סיי דער טיפּ פון דיסציפּלינירטן איציק ערטער. וואָס שייך סטיל — איז ער אַ גרונטיק דראַמאַטישער, דען כאָטש אין דער דאָזיקער קאָמעדיע איז די משׂכּילישע טענדענציע און אינטערפּרעטאַציע דער חוט־השדרה פונעם גאַנצן, אַזוי אַז דער משׂכּילישער שרייבער (בוכהאַלטער, געשעפּט־פירער) איז דער פּאָזיטיוו מיט זיין שבח און דער צד פון מלמד (שטוב־מלמד) דער נעגאַטיוו מיט זיין גנאַי, ווערן פּאָרט ביידע צדדים אַנידערגעשטעלט אין אַ מין גלייכער לעגיטימקייט לויט זייער שטעל און באַצי, יעדער צו זיין מסורה, און אויב עס אויסדריקן בקיצור, איז די גרונט־הנחה פונעם שרייבער, אַז זיין וועג פירט דורך די חכמי־הדור ביזן רמבמס יד חזקה, שוין אָפּגעשמועסט מורה נבוכים, כּדי צו גרייכן צו תּורת־משה; און די גרונט־הנחה פון דעם מלמד איז, אַז זיין וועג פירט דורך די צדיקי־הדור ביז די מקובלים, ביז ר׳ שמעון בן יוחאיס ספר הזוהר, כּדי צו גרייכן צו תּורת־משה. אָבער, אמת, כּדי ביידע צדדים זאָלן זיין גערעכט, וואָלט זיך געפּאָדערט אַ גרונטיק טראַגישער און נישט בכּיוונדיק קאָמישער צוגאַנג, צו וועלכן עס האָבן זיך גיכער באַפּעיִקט ר׳ אליקום מיהלזהגי (מעלזאַק) און האָט זיך ערשט אַ סך שפּעטער דורכגעזעצט אין ר׳ אליעזר־צבי הכּהן צוויפּלס שלום על ישׂראל און זיין לעקסיק (1868 און ווייטער). וואָס שייך שפּראַך און סטיל — דער מחבר פון אונדזער קאָמעדיע לאָזט אַלע פּאַרשוינען רעדן ייִדיש, און טיילט זיי נישט אויף, ווי עס האָט געטאָן זיינס אַ פירגייער און זיינס אַ נאָכגייער. אַ פירגייער — וואָלפזאָן, וואָס לאָזט דעם נעגאַטיוון טיפּ (ר׳ יוספכע) רעדן ייִדיש ממש, ווי ער האָט עס צום טייל פון נוסח־פּוילן און צום טייל פון נוסח־אַשכּנז, און עס איז אַ שטאַרק אידיאָמאַטיש באַווערצטער ייִדיש, אָבער דעם פּאָזיטיוון טיפּ (מאַרקוס) לאָזט ער רעדן אַ נאָרמאַטיוו ליטעראַרישן הויכדייטשיש, אַזוי אַז שפּראַכלעך קומט אויס וואָלפזאָנס כּוונה פּונקט קאַפּויער — דער נעגאַטיווער טיפּ איז אַ ממשדיקע בריה און דער פּאָזיטיווער טיפּ איז אַ פּאַפּירענער פּאַרשוין. און אַזוי טיילט זיך אויך דער שמועס פון די גוייִם. אַ נאָכגייער — שלמה עטינגער, וואָס כאָטש ער האָט שוין געלייענט די אַנאָנימע גענאַרטע וועלט און געזען ווי מען קאָן אַלע נפשות, דורך אַ באַזונדערער שפּראַך־ספּעציפיקאַציע, וואָס פּאַסט פאַר זייער ראָל און

כאַראַקטער, לאָזן רעדן ייִדיש, איז צוריק צו וואָלפֿזאָנס דרך און זיין שפּראַכן־אויפֿטייל.

אָבער לגבי דער אַנאָנימער גענאַרטער וועלט מוז מען נאָך עפּעס באַמערקן: איר מחבר פֿירט זיך אויף גלייך ער וואָלט באַדינט אַ לייענער וואָס איז אַ מין בור־דאורייתא, וואָס פֿאַרשטייט נישט קיין שיַיטל עברי, אַזוי אַז דער מחבר זעט זיך מחויב צו דערקלערן אויף ייִדיש איעדן פּסוק אָדער מאמר וואָס קומט פֿיר אין שמועס. און ער טוט עס קאָנסעקווענט אין ראַנדבאַמערקן. אמת, דאָס גיט אים אַ מעגלעכקייט אַפּירצוברענגען זיין משׂכּילישן צוגאַנג און פּירוש פֿון די פּסוקים און מאמרים אין די רעפּליקעס. אַן אַנאַליז פֿון די איבערזעצן ווייזט אַז זיין שיטה איז נישט פֿון אַ טיפּישן פּראַזאַיִקער, ווי עס איז געווען לעפּין, נאָר ווי עס פּאַסט גיכער פֿאַר אַ פּאָעט. מעגלעך אַז דער מחבר האָט געזען לעפּינס משלי פּאַרטייטש, וואָס איז אַרויס (1814) אַ יאָר פֿאַרן לעמבעריקער חרם (צי ער האָט געזען לעפּינס קהלת־פּאַרטייטש, איז נישט אַזוי לייכט צו באַיאָען — איז ער דאָך שפּעט אַרויס אין דרוק, 1873, כּיבֿאַי ער האָט אים געהאַט אין כּתב־יד, ווי דער וואָס האָט זיך דערהאַלטן אין דער טערניפּאָלער פּערל־ביבליאָטעק און וואָס זיין פּאַטאָסטאַט האָט ערשט דער ייִוואָ אַרויס־געגעבן אין 1939). אָבער די איבערזעצן אין אונדזער קאָמעדיע טראָגן אַ בפירוש מעטרישן כאַראַקטער, און אַז מען קוקט אין זיי טיפער אַריין, קאָן מען זיך נישט אָפּווערן פֿון רושם, אַז זיי באַדינען דו־פּרצופֿין פֿון דעם לייענער — דעם פּראָסטאַק, וואָס איז אַזוי ווייט עם־הארץ אַז ער פֿאַרשטייט נישט מה קאמרי די רביצין, און מען מוז יעדעס לשון־קודש־וואָרט אים פֿאַרטייטשן; דעם געלערנטן, וואָס דעלעקטירט זיך מיט דער קינצלעכער איבערזעץ־שיטה און קינסטלעכע איבערזעץ־מיטלען. כּדי דאָס אויסצו־בולטן, וועלן מיר ברענגען אַלע פֿאַרטייטשן לויט זייער סדר:

1. רחמנא ליצלן — גאָט זאָל באַשירעמען; 2. למעלה מן הטבע — זאַכן וואָס זענען גאָר איבער דער נאַטור אַריבער; 3. דע מה שתשיב לאפּיקורס — דו מוזסט וויסן וואָס צו ענטפֿערן, אַז דו ווילסט זיך מפלפּל זיין מיט אַן אַפּיקורס; 4. בימי התלמוד — אין די צייטן ווען עס האָבן געלעבט די, וואָס האָבן די גמרא געמאַכט; 5. הרגל נעשה טבע — געוווינהייט ווערט תמיד אַ טבע; 6. התבודדות — אַליין זיין דענצמאָל ווען ער איז מתפּלל; 7. מעורב בין הבריות — אין וועלטלעכע געשעפֿטן און צווישן אַלע מענטשן אויסגעמישט און אויסגעקאָכט; 8. עת לעשות לד׳ הפרו תורתך — עס זענען פֿאַראַן צייטן, וואָס מען מעג די תורה פֿאַרבייגן כּדי אַ מיצווה־זאַך צו טאָן;

9. נפל תורא חדד לסכינא — ליגט דער אָקס, שאַרף דאָס מעסער; 10. כל הון דעלמא — אַלע אוצרות פון דער וועלט; 11. כל התחלות קשות — דער אָנהייב פון אַלע אינטערעסן איז שווער; 12. אמונת חכמים — עס איז אַ חיוב צו גלייבן אַ גוטן ייִדן; 13. אלו ואלו דברי אלוהים חיים — זיי שמועסן ביידע פון די רבישע תורו[ת]; 14. עד לב השמים — ביז אין מיטן הימל; 15. רחמנא לבא בעי — גאָט וויל נאָר דער מענטש זאָל אַ גוט האַרץ האָבן; 16. כל תלמיד חכם שאין בו דעת נבלה טובה הימנה — אַ געשטאָפּטער למדן, וואָס קען נישט נאָך חכמות דערצו, איז אַ נבלה בעסער פאַר אים; 17. טוב תורה עם דרך ארץ — עס איז זייער גוט צו דער תורה נאָך וועלטלעכע זאַכן אויך צו לערנען; 18. הולך את חכמים יחכם ורועה כסילים ירוע — ווער עס האָט ליב חכמים, דער איז אויך אַ חכם, און ווער עס פּאַסעט נאַראָנים, ווערט מיט זיי פאַרשוואַרצט; 19. כמדקרות חרב — ווי מעסערשטעך; 20. אסור לקדש את האשה עד שיראנה — מען טאָר נישט מקדש זיין קיין ווייב, ביז מען קען זי; 21. אשת חיל עטרת בעלה וכרקב בעצמותיו מבישה — אַ בריה אַ ייִדענע, אַ געטריי ווייב, איז אַ קרוין צום מאַנס קאָפּ, און אַ בייזע ברענט ווי אַ גאַרשטשיץ אין זיינע גלידער; 22. מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות ישטפוה — אַ קוואַל וואַסער קאָן נישט פאַרלעשן די ברענענדיקע ליבשאַפט, ריקעסווייז מעגסטו גיסן און זיי לעשן זיך ניט אָפּ; 23. ועל כל פשעים תכסה האהבה — עס מעג זיך נאָך אַזוי פיל קלוטניעס געפינען, דעקט אַלץ די ליבשאַפט צו; 24. ויאהב המלך את אסתר מכל הנשים — ער האָט זי ליבער פון אַלע אַנדערע ווייבער; 25. אלה וכחש וגנוב ונאוף פרצו, דמים בדמים נגעו — פאַלשקייט און ליגנער, גנבה, נאיפה און רציחה האָבן די וועלט אָפּגענומען, איינער נעמט דעם אַנדערן גאָר די נשמה אַרויס; 26. כל מי שאינו מלמד לבנו אומנות כאילו מלמדו ליסטות — וועלכער פאָטער עס לערנט נישט זיין קינד אַ מלאָכה איז גלייך ווי ער האָט אים געלערנט זיין אַ פעלד־גזלן.

איך האָב בכיוון געבראַכט דעם גאַנצן לייִסטער אין מאיר ווינערס אויסגאַב (אָבער אין אונדזער איצטיקן אויסלייג), כּדי אויסצובולטן: ערשטנס, ווי ווייט דער מחבר האַלט זיך אין דער אָנגענומענער מסורה, אַז פאַרטייטשן הייסט דערקלערן, מפרש זיין, וואָס איז צו מאָל גורם אַ לענגערן טעקסט, ווי עס פאַרמאָגט דער געבראַכטער פּסוק אָדער מאמר־חז״ל; צווייטנס, ווי דער מחבר האַלט זיך לגבי פּסוקים, נישט אין דער

טייטש־מסורה, וואָס האָט פון קיין סלאַוויזמען נישט געוווסט, וועלכע ס׳האָט ברייטלעכער איינגעפירט מענדל לעפין; דריטנס, אַז די ייִדיש־איבערזעצן גייען נאָך אַ מעטרישער שיטה, וועלכע מען קאָן אויססדרן אין ריטמישע גרופן.

ה

איך האָב דאָס פירגעבראַכט פאַר ר׳ מרדכי בן־יחזקאל, דעם מחבר פון זעקס בענד סיפורי מעשיות, וואָס איז געווען אויסגעבונדן ביז גאָר אין עניני־חסידות און השׂכּלה, האָט ער מיך אויסגעהערט, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט איבערגעלייענט די געגאַרטע וועלט אין ווינערס אויסגאַבע, אויסגעהערט די טעמים פון מיין קאַנדידאַטור — ר׳ איציק ערטער, האָט ער זי אָפּגעוואָרפן. און ער האָט מיר מבאר געווען די טעמים פון זיין קאַנדידאַטור — ר׳ יעקב־שמואל ביק. ערשטנס, איז ער געווען נישט בלויז מענדל לעפינס תלמיד — האָט ער דאָך זיין קוק אויף ייִדיש, מען מעג זאָגן: זיין אידעאָלאָגיע פון ייִדיש, אַרויסגעבראַכט, כּדי צו פאַרטיידיקן מענדל לעפינס ייִדיש־שרייבן, בעיקר זיין משלי־פאַרייִדישן, פאַר די ראַבוסטע אָנפאַלן פון ר׳ טוביה פעדער (קול מחצצים).

צווייטנס, האָט ער דאָך געקעמפט נישט בלויז פאַר אָנערקענען ייִדיש, נאָר אויך פאַר אָנערקענען חסידות, און מסתמא געוואָלט ביידע עלעמענטן זען אָנערקענט אין דער רעם פון דער השׂכּלה, אָן אויסברייט, וואָס ערשט אַ שפּעטערער דור האָט געקאָנט פאַרשטיין און פאָדערן, אַזוי אַז עס איז אַ ספק, צי ער איז טאַקע געוואָרן צוריק אַ חסיד, דען אויב יאָ, איז עס ווייטער אַ ספק צי איציק ערטער, וואָס האָט אים געפּרוווט ראַטעווען פון דער כאָלערע און נישט מצליח געווען (1831), וואָלט געהאַלטן, אַז דעם ניפטר איז ניחא, אַז ער דווקא זאָל מחבר זיין דעם נוסח צו זיין מצבה.

אַוודאי — האָט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל ממשיך געווען — איז ער מושפּע געוואָרן פון גרויסע געשטאַלטן אין חסידות — מעגלעך ר׳ משה־לייב סאַסעווער, נאָך מעגלעכער ר׳ הערשעלע זשידיטשויווער, וואָס האָט געהאַט אַ קלייזל חסידים זיינע אין בראָד און פאַראַן זיינער אַ בריוו צו זיי (זע ספר צוואת הריב״ש והנהגות ישרות, לבוב 1860, עמ׳ ו־ז), און וווינענדיק יאָרן אין נאָענטן סטאַניסלאַוווטשיק, האָט ער געזען וואָס עס מיינט געבן הונדערטער און טויזנטער פּשוטע ייִדן אמונה און בטחון, וואָס די משׂכּילים זענען נישט געווען מסוגל צו טאָן, און עס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַ זכר

פון אַ שמועס, ווען ער, ביק, איז געווען אין טערניפּאָל, ביי דער לוויה פון ר׳ מענדל לעפין — עס איז זיין זאָג, אַז אַיעדע כּת דאַרף די אומה צו איר מסכּים זיין, און פון זיין זאָג לאָזט זיך אָפּלערנען, אַז די אומה האָט עס לגבי די משׂכּילים נאָך נישט געטאָן. איז קלאָר ווו ער האָט געהאַלטן. נו יאָ — האָט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל פאַרענדיקט — ער האָט אָנגעהויבן, ווי זיינע חברים, מיט אַנטיחסידישע שטיקלעך. דו גופא — האָט ער מיר אָנגעטייט מיטן פינגער — וואָס האָסט אָפּגעדרוקט פון כּתב־יד ביקס ליצנישע סאַטירע קעגן חסידות (חזיוני היתול, לזכרון הרב ד״ר לוי פרוינד, מזכרת לוי, תשי״ד, זז׳ 96־108) און באַוויזן, אַז דאָס זענען די סצענעס וואָס ער האָט געשיקט צו ר׳ יוסף פּערל און שפּעטער מורא געהאַט אַז ער, פּערל, זאָל זיי, אים אויף צו־להכעיס, פאַרעפנטלעכן, און ס׳איז דיר נישט איינגעפאַלן, אַז ער, ביק, איז עס דער רעכטער קאַנדידאַט פאַר אַזאַ חיבור ווי די געגאַרטע וועלט, און דוכט זיך, ווען מען זאָל דעם לשון־קודש־טעקסט פון יענע סצענעס צוריקפירן צו זיין גערעדט לשון, וואָלט מען געזען, ווי ער וואָלט געווען געשריבן ייִדיש, און אַז זיין ייִדיש־מאַניפּולאַציע איז די זעלבע ווי אין די געגאַרטע וועלט.

ו

ווייל איך מודה זיין, אַז עס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען, נאָך דער אַרגומענטאַציע פון בעל־סיפּורי מעשׂיות צו פאַרטיידיקן מיין היפּאָטעטישן קאַנדידאַט, ר׳ איציק ערטער, און עס איז מיר נישט לייכט אויך איצט, נאָך חנא שמערוקס געפינס, ווו עס לאָזט זיך פון דער הקדמה געפינען אַ פּאַראַלעל צום דערקלער ווי צו באַניצן ייִדיש, און ביקס ייִדיש־אָריענטאַציע. כּידוע, ברענגט ער אַ פאַרגלייך לגבי דעם באַרעכטיקטן באַנוץ פון דיאַלעקט (אַ ראַיה, דאָס אין ווין דערשיינענדיקע וואָכנבלאַט אין דייטשישן פּויערן־דיאַלעקט), וואָס פירט, לאָגיש, צום באַנוץ פון פּלאַטדויטש, וואָס מיינט: פשוט, פאַרשטענדלעך — הייסט עס דאָך אין דעם אַריינפיר צו דער אַנאָנימער קאָמעדיע אונדזערער: „נאָר זאָגן מוז איך עס פּאָרט, כּדי די ווילקענענדיקע לייט זאָלן נישט שפּעטן אויס דעם ביכל, וואָס עס איז נישט ריין דייטש אָדער גאָר אין אונדזער לשון־הקודש געשריבן געוואָרן, רק אויף דעם פּלאַטשיק ייִדיש צוזאַמענגעזעצט לשון״. און נאָך עפּעס — ר׳ מרדכי בן־יחזקאל האָט געוווסט נאָך צוויי זאַכן, וואָס זענען היינט קלאָרער, מחמת צוגעקומענע ידיעות. ערשטנס, דערמאָנענדיק יעקב־שמואל

ביקס טענות לטובת יידיש, אין זיין בריוו צו טוביה פעדער (ווידער אַ מאָל 1815), האָט ער אונטערגעשטראָכן די טענה, וואָס יידיש־פּאַרטיידיקער האָבן זיך מיט איר באַניצט ביז אונדזערע צייטן, אַז דאָס איז די שפּראַך וואָס עס האָבן גערעדט ר׳ יואל סירקיש (דער ב״ח) און ר׳ משה איסערליש (דער רמ״א), ר׳ יהושע פאַלק (דער סמ״א) און ר׳ שבתי כהן (דער ש״ך) און ער קומט ביז נאָענט צו זיין צייט: „בלשון הזה שמענו מדבר את הגאון מווילנא ז״ל", משמע: אין דעם לשון האָבן מיר געהערט רעדן דעם ווילנער גאון ז״ל — אַגב, יהושע־מרדכי ליפשיץ, וואָס האָט דעם בריוו פאַרייִדישט (קול מבשׂר 1863) זעצט איבער: „אין דעם לשון האָט גערעדט דער ווילנער גאון", מעגלעך מחמת שיקול־דעת אַז ביק האָט זיך נישט באַגעגנט מיטן גאון און אים נישט געהערט, און נישט מחמת אונטערשייד פון עלטער (ביק איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר ווען דער גאון איז ניפטר געוואָרן) — ווייל בעצם — האָט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל, באַמערקט — האָט דאָך יעקב־שמואל ביק געקאָנט דעם פאָדעם ווייטער ציִען ביז די גדולי־התורה אין זיין צייט און אין זיין שטאָט, טאָקע ווי האָבן עס אַ שטייגער גערעדט די גאונים ר׳ אפרים־זלמן מרגליות און ר׳ שלמה קלוגער, אויב נישט יידיש. און ר׳ אפרים־זלמן מרגליות איז דאָך געווען אַ שייַנדל אין ביקס אויגן, אַ סימן, ער האָט געשריבן זיין ביאָגראַפיע, און די צוויי מיוחסדיקע משפחות זייערע זענען געווען פאַרשוועגערט. ר׳ מרדכי בן־יחזקאל האָט דעם ענין ביאָגראַפיע געוווּסט פון ר׳ שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרטס בריוו צו ביקן (זיי זענען געווען קרובים), ווו ער ענטפערט אים (1830) אויף אַ קאַפּיטל פון דער ביאָגראַפיע — ער האָט פאַראיבל דערויף און שרייבט וועגן: „הדוגמה אשר שלחת אלי מאוצר השקרים שחיברת על תולדות הגאון ר׳ ז. מרגלית" (השחר, יאָר 4, ז׳ 479), משמע ער האָט עס געהאַלטן ווי אַ פּאַק ליגנס, מחמת ר׳ אפרים־זלמן, אַ גאונישער למדן פון גרונטיק מתנגדישן טיפּ, איז געווען אַ באַשיצער פון די חסידים (זייער אַפּיטרופּוס אין ארץ־ישׂראל). ר׳ מרדכי בן־יחזקאל האָט נישט געקאָנט וויסן צוויי פּרטים, וואָס זענען ערשט איצט קלאָרער געוואָרן. ערשטנס, שטיצנדיק זיך אויף נ. מ. געלבער, האָט ער געהאַלטן, אַז ר׳ אפרים־זלמנס שנור, מרת ראָזע ביק (וואָס האָט נאָך איר מאַנס פּטירה געפירט זיין ירושה, דעם מאַנאָפּאָל־האַנדל אין ווין) איז, ווייזט אויס, אַ טאָכטער פון ר׳ מרדכי ביק, אָבער אין ר׳ אפרים־זלמנס אַ בריוו, וואָס עס האָט ערשט איצט אָפּגעדרוקט ר׳ חיים ליבערמאַן (אהל רחל, תש״ם) לייענען מיר (ז׳ 567): „שארי וחתן גיסי החריף מו״ה מרדכי ביק", משמע אַז די קרובישאַפט איז גאָר אַן אַנדערע, און מען קאָן נאָך געפינען, ווער פון דער משפחה ביק איז געווען דער פאָטער פון מרת ראָזע און דער מחותן פון ר׳ אפרים־

זלמן. צוויטנס, פון אַ שטודיע פון ר׳ אפרים קופּפער וועגן ר׳ יעקב־שמואל ביק אין ליכט פון נייע דאָקומענטן (גלעד, באַנד ב׳—ה׳, תשל״ט), ביקס פינף בריוו צו זיינע פריינד (בעיקר צו ר׳ נחמן קראָכמאַל און ר׳ שלמה־יהודה ראַפּאָפּאָרט), ווו ביקס אַנטימשׂכּילישע נאָטע גייט איבער צום בייסיקסטן באַפּאַלערישן חוזק. די בריוו האָבן זיך געפונען אין אַ בינטל כתבים אין דער פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק און צווישן זיי זענען, ווי קופּפער באַמערקט, אויך דאָ צוויי קאַפּיטלען פון ביקס חיבור וועגן ר׳ אפרים־זלמן מרגליות, וואָס מען וואָלט באַדאַרפט אָפּדרוקן. על־פּל־פּנים שטאַרקט דאָס ר׳ מרדכי בן־יחזקאלס קאָנקלוזיע, אַז די געשטאַלט און די השפּעה פון ר׳ אפרים־זלמן זענען אַ שליסל, וואָס באַשיידט דאָס רעטעניש פון יעקב־שמואל ביקס טאָפּעלער רעוויזיע. צי וועט עס אויך שטאַרקן זיין השערה, אַז ביק איז דער מחבר פון די גענאַרטע וועלט איז אַ קשיא פאַר זיך.

ז

און דאָ קום איך צוריק צו מיינעם — אויב זוכן וואָס עס איז רעכט צו זוכן, דעם מחבר פון די גענאַרטע וועלט צווישן די משׂכּילישע שרייבערס אין יענער צייט, און נישט מוזן אָנקומען צו דער סברה, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ מעטעאָר, וואָס איז אַ פאַל געטאָן און זיך צעפלימערט אין דער איינציקער קאָמעדיע און פאַרשווונדן, האָבן מיר דעמאָלט, לויט דעם יכולת פון קינסטלערישער געצוימטקייט, בלויז איין קאַנדידאַט: ר׳ איציק ערטער. אַוודאי ווייס איך דעם קעגן־אַרגומענט, אַז זיין שרייבן איז געהאַלטן אין אַ שטרענגער רעם פון אַ תנך־סטיל און לעקסיק, און ער האָט נישט מיטגעמאַכט דעם אויסשפּרייט פון לעפין און זיינע תלמידים לגבי דעם באַנוץ מיט מישנה־סטיל און לשון־חכמים, וואָס אַפילו זיין געטרייסטער תלמיד, ר׳ יהושע־העשל שור, האָט מיטגעמאַכט. און וואָס ס׳איז נאָך חשובער — מיר האָבן נישט געהערט אַז ערטער זאָל האָבן געשריבן ייִדיש. לאָזט זיך ענטפערן, אַז לא ראיתי אינה ראיה; בפרט אַז עס זענען דאָ אַנדערע רמזים, און אויף איינעם, אַ חשובן רמז, האָט אונדזער ח. שמערוק אויפמערקיק געמאַכט — האָט ער דאָך אַרויסגעגעבן אַ טעקסטבוך, ווו ער האָט אָנגעזאַמלט דאָקומענטן וועגן באַצי צו ייִדיש, בעיקר מצד משׂכּילים און חסידים, און ער ברענגט דאָרט אַ קריטיק פון משה עהרענרייך אויף ערטערס הצופה לבית ישׂראל, ווו ער קוועסטיאָנירט

בערך דעם גלויבן אין כּוח־השפּעה פון מליציש־משׂכּילישער שפּראַך און סטיל אויף חסידים, צו וועלכע מען וואָלט גיכער באַדאַרפט קומען אין זייער שמועסשפּראַך — ייִדיש. משה עהרענרייך, וואָס איז מיט אַ האַלבן דור יינגער געווען און אַן ענטוזיאַסטישער תּלמיד פון ערטערן, איז מסתּמא מצד די בראָדער משׂכּילים געשיקט געוואָרן קיין פּאַדואַ שטודירן, און האָט דאָרט געלערנט, בעיקר פון ר׳ שמואל־דוד לוצאַטו (שד״ל), כּדי צוריקצו־קומען קיין בראָד און זיין דאָרט אַן אויפגעקלערטער רב (ראַבינער), איז אָבער געבליבן אין איטאַליע, (חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון יש״ר רעדזשיאַ און צום סוף געוואָרן רב אין רוים). און מסתּמא האָט ערטער זיך גערעכנט מיט זיין טענה. איך וויל נישט זאָגן, אַז ער האָט אים געפּאָלגט און גענומען שרייבן ייִדיש, ווייל אויב ער איז באמת דער מחבר פון די גענאַרטע וועלט, איז ער עס דאָך געווען פריִער, איידער עהרענרייך האָט פירגעבראַכט זיין טענה. וואָס איך וויל זאָגן איז, אַז עהרענרייך וואָלט נישט געווען אַפירגעבראַכט אַזאַ טענה, ער זאָל געווען וויסן, אַז דער מורי־ורבי זיינער איז נישט נוטה און נישט מסוגל צו אַזאַ אויפטו. דערצו וויל איך נאָך צוגעבן, אַז ערטערס עצם דעפיניציע פון ייִדיש אין אַ קול־קורא צו די גאַליצישע ייִדן וועגן באַגרינדן פון גאַליציש־ייִדישן אַקערבוי־פאַר־איין, לויט דער איניציאַטיוו פון באַראָן ר׳ מאיר קאַליר און דער הסכּמה פון דעמאָלטיקן בראָדער קרייז־רב, רעדט וועגן צוויי אָפּטיילן. איין אָפּטייל צו זאַמלען דאָס נייטיקע געלט און איין אָפּטייל פאַר פּראָפּאַגאַנדע: „משמרת עבודתה היא כל מעשה הכתיבה בלשון עברית אשכנזית ויהודית וכל אשר יסכּימו אנשי החברה״, משמע: איר אויפגאָב איז דאָס שרייבן אין העברעיִש, דייטשיש און ייִדיש, און ער חזרט עס איבער: „וכתבו אלינו בכל לשון שאתם שומעים עברית אשכנזית או יהודית את אשר הסכּמתם ואת אשר החילותם לעשות״, משמע: און שרייבט אין יעדער שפּראַך וואָס איר פירט, העברעיִש, דייטשיש אָדער ייִדיש, וואָס איר האָט מסכּים געווען און אָנגע־הויבן טאָן. און נאָך עפּעס — אין אַ בריוו צו ר׳ מאיר לעטעריס (נישט דאַטירט, אָבער האָט געמוזט זיין פאַר 1815, ווייל ער שרייבט: מעולם לא ראיתיך, משמע: איך האָב דיך קיין מאָל נישט געזען, בשעת אין אַן אַנדער בריוו פון 1845 שרייבט ער: אהבתי לך אשר ימיה ימשכו זה כשלושים שנה, טײַטש: מיין ליבשאַפט צו דיר וואָס ציט זיך קאַרגע דרייסיק יאָר) רעדט ער וועגן „שלשת הערבים מרובינזון העברי״, משמע: דריי אָוונטן פון העברעיִשן ראָבינזאָן, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויפן ייִדישן ראָבינזאָן, דעם דערמאָנטן „אַלטער לעב״ און דער קשיא וועגן דעם ייִדיש־איבערזעצער, וואָס איז אפשר נישט אַזוי איינגטײַטיק, ווי עס ווערט אָנגע־נומען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט נאָך אַ קאַנדידאַטור פֿאַר די גענאַרטע וועלט — א. ר. מלאכי האָט צום הונדערטסטן יאָרצייט פֿון ר׳ ישעיהו־מאיר פֿינקלשטיין, אַ תּלמיד־נאמן פֿון ר׳ מענדל לעפֿין און אַ ייִדיש־שרייבער (געווען אַ פֿעטער פֿון אַלפֿרעד לאַנדוי), געלאָזט גיין אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל (פֿרייע אַרבעטער שטימע, 1970), וועלכן ער פֿאַרענדיקט מיט זיין השערה, אַז ער, פֿינקלשטיין איז עס דער מחבר פֿון דער אַנאָנימער די גענאַרטע וועלט. שווער צו זאָגן, אַז ער ברענגט ראיות צו דער דאָזיקער השערה. ער דערקלערט אויך נישט, ווי אַרום ער וואַרפֿט אָפּ דעם קיימא־לן, וואָס זעט 1817 בערך ווי די מעגלעכע אָנהייב־דאַטע פֿון איר אַרויסגאָב — און דעמאָלט איז דאָך פֿינקלשטיין נאָך נישט געווען קיין בר־מיצווה־ייִנגל. אָבער אַ סך ערנצטער איז דער ענין וואָס גייט אַפּיר פֿון איצטיקן געפֿינס — האָבן מיר דאָך געהערט אַז מיר זאָלן גאָר פֿאַר זיך האָבן אַ מחברטע. קאָן מען דאָס האַלטן פֿאַר אַ קאַמופֿלאַזש, וואָס איז אָנגעגאַנגען אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן. אָבער ווידער אַ מאָל, ווי האָט עס דער מחבר אָנגענומען, אַז די לייענערס וועלן גלייבן אין אַזאַ מעגלעכקייט? כּדי דאַרויף צו ענטפֿערן דאַרף מען באַטראַכטן נישט בלויז די השערה, אַז עס וואָלט רעכט אויסגעזען, ווען אַ משׂכּילישע פֿרוי וואָלט געווען די רעכטע באַקעמפֿערין פֿון אַ וועלט, ווו אַ חסידישע פֿרוי, די פֿיינע־בריה, האָט געשאַלטעוועט (און זי איז דאָך נישט ווייט פֿון מרת טעלצע, ביי וואָלפֿזאָן, פֿאַר איר און נאָענט צו מרת סערקעלע, ביי עטינגערן, נאָך איר), נאָר מען דאַרף אויך אַ קוק טאָן, ווי אַרום די משׂכּילישע פֿרוי איז באַטראַכט געוואָרן און וואָס פֿאַר אַ ראָל זי האָט געשפּילט — באַשטימט דאָך יוסף פּערל אין זיין בוחן צדיק אַ ראָל, אין אַ בריוו, וואָס צוויי בראָדער משׂכּילישע פֿרויען האָבן געשריבן (יוני 1823) וועגן ייִדישע אַקער־בויער און זייער לעבן אין זייער דאָרף יפֿה־נהר, לעבן כערסאָן, און שטעלט עס אַנידער ווי דעם משׂכּילישן אידעאַל פֿון אַ רעכט ייִדיש לעבן און שטייגער; און מסתּמא איז עס נישט קיין צופֿאַל, וואָס פֿראַגמענטן פֿונעם בריוו זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין בעאָבאַכטער אַן דער ווייַכסעל (1824, נומער 31, דעם 4 אויגוסט 1824, נומער 32, דעם 11 אויגוסט 1824. זע מאַריאַן פֿוקס אין זיין בוך וועגן דער ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע, 1823—1939 — ער האַלט אַז דער בריוו איז אַ טיפּישע קאָרעספּאָנדענציע און נישט אַן אָפּדרוק פֿון פֿרעמדע מקורות). און צו לעצט: עס לוינט זיך אָפּצוגעפֿינען די קאָרעספּאָנדענציע וואָס עס האָבן געפֿירט משׂכּילישע פֿרויען, וואָס האָבן געהאַט אַ מין ליטעראַרישן סאַלאָן (אַ לאַ הענריעטאַ הערץ) אין בראָד און אין טערנאָפּאָל, און וואָס זייער אָפּשריפֿט איז געווען אין רשות פֿון נ. מ. געלבער.

צווישן טאָג און נאַכט

א

דער זעכציקסטער יאָרצייט פון ש. אַנ־סקי, וואָס פאַלט אויס היי־יאָר, ווערט איצט, דאָ און דאָרט, דערמאָנט — אַרטיקלען אין דער פּרעסע; אויפפירן פון „דער דיבוק" (בעיקר אין ניו־יאָרק, מיטן אַנטייל פון שמעון פינקל), אַן אויסשטעלונג (אויך דאָרטן, בהשתדלות פון ייִדיש־וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט); און אחרון־אחרון — אַ האַלביאָריקער ציקל פון פאָר־שעריש רעפעראַטן (אין ירושלים, בהשתדלות פון פאָלקלאָר־קרייז אין העברעיִשן אוניווערסיטעט). דער דאָזיקער ציקל וואָס האָט זיך נאָך נישט פאַרענדיקט, נעמט באַזונדערס אַרום אַנ־סקיס דראַמאַטישע אויפטוען, און די אָפּשאַץ־פּרווון באַרירן, לעבן דעם „דיבוק" מיט זיין גרויסן פּירסום, אויך „טאָג און נאַכט", מיט זיין קלענערן פּירסום, אַ דיספּראָפּאָרציע, וואָס איז פאַרשטענדלעך מחמת דעם, וואָס די אַנדערע דראַמע איז, בעצם, געבליבן אַ נישט־פאַרענדיקט טאָרסאָ, און די פּרווון די דאָזיקע דראַמאַ־טישע פּאָעמע משלים צו זיין, ווי עס האָבן זיך באַמיט אַלטער קאַציזנע אין ייִדיש־נוסח און יעקב האָרוויץ אין העברעיִש־נוסח, האָבן זי נישט געקאָנט באַפרייען פון איר פראַגמענטאַרישקייט.

ב

דער סוזשעט איז, כּידוע, אַן אויפברויזנדיקער — אַ רבי וואָס ראַנגלט זיך, כּל ימיו, צו דערגרייכן און דערהאַלטן די העכסטע מדרגה פון יראת־שמים און קדושה, און פּירט, לכורחו, אַ טאָפּל־לעבן — ביי טאָג איז ער אַ צדיק, גאָטס שליח; ביי נאַכט איז ער אַ רשע, דעם שׂטנס קנעכט, און וואָס עס דאַכט זיך צומערשט אויס ווי אַן אחיזת־עינים, אַ שפּיל פונעם טייוול, שטעלט זיך לסוף אַרויס ווי די רעאַלסטע ממשותדיקייט. דער אויפ־טייל אויף די צוויי עקסטרעמע ספערן, דאָס ליכט פון טאָג און די פינצ־טערניש פון דער נאַכט, נעמט זיך פונעם טאָפּעלעם אָפּשטאַם פונעם רבין — דעם טאָג האָט ער געירשנט פון דער מאַמען, אַ ייִדישע טאָכטער, די נאַכט האָט ער געירשנט פונעם טאַטן, אַ היידאַמאַק, וואָס האָט די מאַמע מאַנס

געווען, און דער געראנגל צווישן די גרונטיק קאָנטראַרע עלעמענטן, וואָס דער דראַמאַטיקער האָט נישט באַוויזן אים צו דערפירן צו זיין סוף, געהער צו די גרויסע מענטשלעכע ווידעראַנאַנדן, וואָס האָבן כּלערליי סיבות — אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגישע צעשפּאָלטנקייט, קאָלעקטיוו־ביאָלאָגישע פּאָלאַרישקייט; עטיש־מאָראַלישער פונאַנדערפאַל, אַרכיטיפּיש־היסטאָרישע קעגנערישקייט וכדומה, סיבות וואָס ווערקן באַזונדער, אָדער צום טייל און אַפילו אַלע צוזאַמען.

ג

אין דער ליטעראַטור איז באַקאַנט דער סיפּור פון ראָבערט לואיס סטיוונסאָן, אַן ענגלישער נעאָ־ראָמאַנטישער שרייבער: The Strange Case of Dr. Yekyll and Mr. Hyde אין דעם סיפּור, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אַ באַקאַנטער אַלעגאָריע אין דער ענגלישער ליטעראַטור, האַנדלט זיך וועגן איינעם און דעם זעלבן מענטשן, וואָס טראָגט צוויי נעמען, ביי טאָג הייסט ער דזשעקיל און איז פון פאַך אַ שטרענגער ריכטער און ביי נאַכט הייסט ער מיסטער הייד, און איז אַ געמיינער פאַרברעכער, אַזוי אַז עס פּאַסט זיך אויך דאָ דער באַצייכן: טאָג און נאַכט. דער אָפּשטאַנד צווישן סטיוונסענס דראַמאַטיש שפּאַנענדיקער דערציילונג און אַנ־סקיס דראַמאַטיש פּאָעטישן טאָרסאָ, איז אַ פּילפּנימדיקער, און אַנ־סקי האָט מסתּמא געקענט די דערציילונג, וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט, וועלכע האַלט זיך עד היום, און ווען זי איז אַרויס (1886) איז אַנ־סקי שוין געווען איבער די צוואַנציק, בשעת די דראַמע זיינע איז אַרויס נאָך זיין פּטירה, און נאָך דעם ווי קאַציזנע האָט צוגעשריבן אַן אַקט, איז זי אויפגעפירט געוואָרן (1921).

אַז ביידע מאָטיוון, סיי ווי מיר האָבן עס ביי סטיוונסענס, סיי ווי מיר האָבן ביי אַנ־סקי, האָבן בתורת מאָטיוון אָנגערעגט דעם דראַמאַטישן חוש, לאָזט זיך אָפּלערנען פון צוויי דראַמעס, וועלכע עס האָט מחבר געווען אייזיק וויינשטאָק, אַ יידישער שרייבער, וואָס איז יונג פון דער וועלט אַוועק. אַנומלט האָט זיין יינגסטער ברודער, דער פאָלקלאָר־פאָרשער מנשה גפן, אַרויסגעגעבן אין עברית־נוסח די דראַמע „יום הדין" (פאַרלאַג פון דער משפּחה, חיפה, 1980), וועלכע איז געווען בשעתו פּאָפּולאַר און געהאַט גרויס דערפאָלג אין לעמבעריקער יידישן טעאַטער. פון דער הקדמה פון דעם איבערזעצער הערן מיר, אַז דער מחבר האָט צווישן זיינע דראַמעס, צוויי וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער פּראָבלעם. ערשטנס אַ דראַמע וואָס

הייסט: „איין מענטש מיט צוויי זעלן" — אַ מעשׂה מיט אַ פּאַרשוין וואָס באַטרייבט ביי טאָג אַן אַקאַדעמישן פאַך און פאַרמאָגט אַ מעמד אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, אָבער ביי נאַכט איז ער אַ שותּף אין אַ שייקע גנבים, און ער פירט זיי אַפילו באַגנבענען זיין אייגענע שטוב. צווייטנס אַ דראַמע: „דער שרעקלעכער וידוי" — עס איז אַ מעשׂה מיט אַ רבֿ, וואָס דערוויסט זיך, אַז ער איז נישט דער זון פון זיינע יידישע טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן אים אַדאָפּטירט, און באמת האָט אים געבוירן אַ גויע, וואָס איז געווען זיין זייגערין.

אַזוי ווי מיר קענען נישט די צוויי דראַמעס, וואָס האָבן זיך נישט דערהאַלטן, און וויסן בלויז זייערע דעפיניציעס, ווי עס גיט זיי איבער זיין ברודער, קאָנען מיר לגבי דער ערשטער דראַמע נישט וויסן, צי האָט ער געקענט סטיווענסען, ווי עס איז גריילעך מעגלעך, און צי האָט ער לגבי דער אַנדערער דראַמע געקענט אַנ־סקי, וואָס איז, דוכט זיך, נישט מעגלעך. אייזיק וויינשטאָק איז געווען באַליבט, מכּוח זיינע פעליעטאָנען (געחתמעט: אייזיק מזיק), האָט געליטן פון אַ שווערער קרענק און איז יונג געשטאָרבן (1922), איידער אַנ־סקיס דראַמע האָט זיך געדרוקט בּרבּים. ער האָט אַפּנים געהאַט פאַר זיך אַן אַנדערע ווערסיע פון דעם עצם סוזשעט, וואָס איז אומגעגאַנגען אין פאָלק — ביי אַנ־סקי איז דעם רבינס טאַטע אַ גוי, וואָס האָט די מאַמע זיינע פאַרגוואַלדיקט, און ער, דער זון גופא איז אַ ייִד, ביי וויינשטאָק איז דעם רבס מאַמע אַ גויע און ווער עס זאָל נישט האָבן געווען זיין טאַטע, איז ער, דער זון גופא, אַ גוי, אַ גרונט־מאָמענט וואָס פאַרשפּאַרט אַ יעדן אויסגאַנג פון דער טראַגיק.

ד

אָבער צוריק צו דעם אויפשפּאַלט נוסח סטיוונסען, ווי מיר האָבן אים אין אַ פּאָבולאַריש און פּסיכאָלאָגיש פיין אויסגעבויטער נאָוועלע פון שמואל איזבאַן „דער טעפיך פון די מזלות" (אין זיין בוך: „די שטאָט פון צאָרן", מאָנטעווידעאָ, 1955, זז' 179־204), אויך דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט איינעם און דעם זעלבן פּאַרשוין, מיט אַ פאַרבייט פון זיינע קאָנטראַרע ראָלעס — איין ראָל ביי טאָג, איין ראָל ביי נאַכט. די נאָוועלע הייבט זיך טאַקע אָן ביים אַריינפאָר צו דער מאַנהעטן־בריק, ביים בייט פון טאָג אויף נאַכט, וואָס איז מרמז אויפן ראָל־פאַרבייט פונעם העלד. דער הויכער באַוואָקסענער בעטלער, אַלבערטאָ דע קאַרלאָס „האָט איצט איילנדיק פאַרלאָזט זיין שטיי־פּלאַץ. דאָס שפלות־געפיל פון אַ שנאָרער איז מיט דעם אָנקום פון דער

נאַכט, איבערגעגאַנגען אין דער דערהויבענער שטימונג פון אַ פּרינץ. קומענ־דיק אַהיים האָט ער אויסגעטאָן זיין בעטלער־אויסזען ווי מען טוט אויס אַ מאַסקע", און טוט זיך איבער און קוקט זיך אַליין אָן, ווי אַ צויבערמאַן, און זאָגט צו זיך: „איצט ביסטו דאָס אוראייניקל פון — — מאַגעלאַן. ביסט דער יורש פון דעם געוואַגטסטן ים־זעגלער אין דער געשיכטע — — איז דיין אויפגאַבע איצט אַרויסצונעמען מאַגעלאַנען פון דער פאַרגעסנקייט און אים צוריקברענגען זיין גלאָריע. און דאָס דאַרפסטו טאָן וואָס גיכער — — אין דרויסן וואַרט אויף דיר די ריזיקע האָפן־שטאָט ניו־יאָרק. די שטאָט איז אַ פּאַלאַץ און זיינע גאַסן זענען פאַרביקע טעפּיכער. דו וועסט שפּאַנען איבער דעם טעפּיך פון מזלות". ער רופט אַ טעקסי, וואָס ברענגט אים אין אַ האָטעל ווו עס קומען זיך צוזאַמען „געקליבענע פלאָט־מאַנשאַפטן פון די פּאָרטוגעזישע שיפן, וואָס אַנקערן אין ניו־יאָרק", און ווו עס וואַרט אויף אים, ווי אויף אַ געליבטן, אַ טענצערין, וואָס „האָט נישט געוווּסט פון זיין דאָפּלט לעבן — ביי טאָג אַ בעטלער און ביי נאַכט אַן אויסגע־חלומטער פּרינץ פון די ימען". פאַר איר און אַנדערע „האָט עס געהייסן אַז ער איז אַ רייכער יורש פון ליסאַבאָן, אַן אויסגעדוכטער ייִד, אַן אייניקל פון מאַראַנען, וואָס ווינט אין ניו־יאָרק". ער ווייטער האָט איר, דער טענצערין, „צוגעזאָגט אַ לעבן פול מיט אַוואַנטורעס, פול מיט געפאַרן, אַ לעבן אויסער יבשה, ווו מענטשן זענען ברוטאַל, פּונקט ווי די פּיראַטן — — זיי פאַרלירן גאָטס פּורעם, און אין אַ נויט מישן זיי גרויזאַמקייט מיט רחמנות, פאַרצוויפלונג מיט באַגייסטערונג". די געדאַנקען זיינע דרייען זיך אַרום דער קשיא, פאַר וואָס האָט דער זכר פון אויסגערעכנטערן און פראַ־טענזירטן קאָלומבוס פאַרטונקלט דעם זכר פון געוואַגטן און העראָישן מאַגעלאַן, און אַרום זיין חלום דעם זיידנס פאַרגעסענעם זכר אויפצולעבן". ער האָט נישט געזען קיין סתירה צווישן זיין טעגלעכער שפלותדיקער באַשעפטיקונג און זיין הויכער מיסיע. זיין פאַרגעענגלעך לעבן האָט אַ מיסיע, דערפאַר פירט ער אַזאַ אויסטערליש, דאָפּלט לעבן. „ביי טאָג אַ הוילער, פאַרשטויסענער גאַסן־בעטלער אין ניו־יאָרק, וואָס וויל אָנזאַמ־לען אַן אוצר און ביי נאַכט אַן אַריסטאָקראַט, אַ פּאַטריאָט, וואָס זוכט זיך אויסצומישן מיט דעם זעמל־מעל פון פּאָרטוגעזישן פלאָט. מיט דעם אָנגע־זאַמלטן אוצר און מיט דער פריינדשאַפט פון די פלאָט־קאָמאַנדירן וועט ער זיך רוימען אַ וועג צום ציל".

שוין די פּאָר ציטאַטעס פון אָנהייב נאָוועלע ווייזן אונדז ווי אונדזער מאָטיוו, דער תהום צווישן טאָג און נאַכט, ווי אַ תהום ביי דעם זעלבן פאַרשוין, ווו דער טאָג און זיין ראַל אין אים איז זיין וואָר, און די נאַכט און זיין ראָל אין איר איז זיין חלום, כאָטש גרונטיקער איז דער חלום די

אמתע און טיפערע וואָר, איז קאַרדינאַל אַנדערש פון דעם תּהום ביי סטיווענסען, אַנ־סקי, ווײַנשטאָק, און אויב מיר ווילן יוסט: פונעם תּהום אין היינעס „פּרינצעסין שבת", ווו דער אויפטייל איז נישט צווישן טאָג און נאַכט, נאָר צווישן חול און קודש, צווישן ששת ימי המעשׂה און צווישן שבת, צווישן הונט און פּרינץ. און מיר דערמאָנען עס מחמת מיר האָבן שוין געהערט דעם קעגנשטעל: ביי טאָג — בעטלער, ביי נאַכט — פּרינץ.

די אָריגינאַלע אַנדערשקייט פון מאָטיוו־באַנוץ, וואָס איז שוין בולט אין אָנהייב נאָוועלע, באַדינגט אויך די אַנדערשקייט פון המשך און סוף, און מיר פאַרבעטן דעם לייענער אויפצוזוכן „די שטאָט פון צאָרן" און מקיים זיין: ניתּי ספר ונחזי, טייטש: מיר וועלן נעמען דאָס בוך און נאָכקוקן.

ה

אַ צולאָג: נאָך־דעם ווי דער דאָזיקער מאמר האָט זיך אָפּגעדרוקט („ישׂראל שטימע", י' ניסן תשמ"א), האָט מיך מיין פריינד, ראובן גאָלד־בערג, אַ מומחה אין יידיש־ליטעראַטור, בעיקר אין איר דראַמע, אויפ־מערקיק געמאַכט, אַז צו די צוויי באַהאַנדלטע דראַמעס — די פראַגמענ־טאַרע פון ש. אַנ־סקי „צווישן טאָג און נאַכט" און די פאַרלוירן־געגאַנגענע פון אייזיק ווײַנשטאָק, לאָזט זיך צושטעלן די דראַמע פון משה קאָזלאָווסקי — „נתן דער משומד" (תּל־אביב, תּרצ"ח), ווו דער ענין איז נאָך פאַר־וויקלטער. און איך דערלויב מיר צו ברענגען בקיצור די עיקר־האַנדלונג: אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, אין יאָר 1908, געפינט זיך אַ ר' אַברהמעלע חריף, דער רב און דיין, קרוב לאַכציק, און זיין זון נתן, אַ ישיבה־בחור. דאָרט געפינט זיך אויך סטעפאַן דער הייליקער, דער גלח, קרוב לפופציק, וואָס האָט דערצויגן דעם פריצס טאָכטער, סאָפיאַ; און איז גורם דעם טויט פונעם רב. דאָ אָבער שטעלט זיך אַרויס, אַז דער גלח און נתנס מאַמע האָבן זיך געליבט, און נתן איז בעצם דעם גלחס זון, און ווערט בטעות געהאַלטן פאַרן רבס זון, און דאָס שאַפט אַ שרעקלעכן טראַגישן פּלאָנטער, וואָס ענדיקט זיך מיטן טויט פון נתן, וועמען קהל האָט אַריינגעלייגט אין חרם.

ראובן גאָלדבערג באַמערקט, אַז דער מחבר, וואָס לעבט אין תּל־אביב, האָט אויך געשריבן יידיש אַ היסטאָרישן ראָמאַן, וואָס איז אַרויס אין העברעיִשן נוסח: „מפּרוסקורוב עד ארץ־ישׂראל".

(ניסן, תשמ"א)

אַן אחרון ווי אַ ראשון

וועגן אליעזר שטיינבאַרג

א

הונדערט יאָר איז אַ צאָל, און לגבי דער פּאָזיציע אליעזר שטיינבאַרג, אין לוח פון לעבן און ליטעראַטור, איז עס אַ היפּשע צאָל, און ברענגט מיט זיך נאָך צאָלן, וואָס צוזאַמען זענען זיי אַ מדרש־פּליאה. יאָ, שוין — און אויב מען וויל יוסט: ערשט — הונדערט יאָר זייט ער איז געבוירן געוואָרן; און שוין — און אויב מען וויל יוסט: ערשט — אַכט און זיבעציק יאָר זייט ער האָט, געענוג שפּעטלעך, ווייל אַ צוויי און צוואַנציק יאָריקער יונגערמאַן, אָנגעהויבן שרייבן לידער און משלים, און שוין — און אויב מען וויל יוסט: ערשט — זיבעציק יאָר זייט ער האָט, אויך געענוג שפּעטלעך, ווייל אַ דרייסיק יאָריקער מאַן, געלאָזט אָפּדרוקן זיין ערשטן משל, אָבער בלויז צוויי און פופציק יאָר, כּמעט אַ העלפט פון די הונדערט יאָר, זייט ער האָט, נאָך כּל־מיני קווענקלענישן און רעזערוואַציעס, געגעבן אַ בינטל חסידים זיינע אַ היתר אָפּצודרוקן אַ טוץ משלים בצורת ספר, וואָס זיין פאַרשלייס איז לכתחילה געווען באַגרענעצט אויף הונדערט און צוואַנציק קאָפּיעס, און בלויז אַכט און פערציק יאָר, זייט עס איז אַרויס זיינס אַ בוך ממש, דער באַנד „מעשאָלים״, אָבער דאָס יאָר פון זייער דערשיינען איז אויך געווען דאָס יאָר פון זיין פּטירה.

ב

אָט די און ענלעכע פּרטים האָב איך, ברייטער און אויספירלעכער, געבראַכט אין מיין אַריינפיר צו דעם באַנד „משלים״, וואָס איז אַרויס אין תל־אביב אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, מיט עלף יאָר צוריק (תשכ״ט, זז׳ 9־34) און ווו איך האָב געפרווט צו באַשיידן דאָס רעטעניש, וואָס זיין שפּיץ איז אפשר די עובדא, אַז יעקב שטערנבערג האָט פאַר ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַוויניצקי אין אָדעס, פירגעלייענט פון שטיינבאַרגס משלים, אין כּתב־יד, זענען זיי אַזוי נתפּעל געוואָרן, אַז זיי זענען געווען גרייט זיי אַרויסצוגעבן, און ווען שטיינבאַרג (האָט זיך נאָך דעמאָלט געחתמעט ווי דער פעטער

זיינער: שטיינבערג) וואָלט דעמלט אויך אַזוי נתפעל געווען פון זיך אַליין, וואָלט דאָס ערשטע געזעמל משלים זיינע געקענט דערשיינען, לפחות עטלעכע און צוואַנציק יאָר פריִער, איידער זיי זענען דערשינען. משמע: ער וואָלט זיין משל אַ סך פריִער געשטעלט אין סאַמע ברען פון אינטערעס מצד דעם לייענער — דאַרונטער אויך דער סאָרט לייענער, וואָס איז אַ געניטערער מבין, און ווערט אָנגערופן: קריטיקער — און וואָס עס שפּילט אַ נישט מינדערערע ראָל: ער וואָלט דעם דאָזיקן אינטערעס דערוועקט אין סאַמע אָפּענעם געראַנגל פון אונדזער ליטעראַטור און אירע רייכע טאַלאַנטן, וואָס האָבן זיך אין יענער ברוזיקער און וווּנדערלעכער תקופה אַנטפּלעקט. דען שטיינבאַרג האָט שוין, אין עצם אָנהייב זיינעם, געגומען דערהייבן דעם משל צו אַ הויך און דערפירן צו אַ טיף, וואָס דער סאָרט שאַפן — און ער איז אין אונדזער ליטעראַטור אי אַלט און פאַרוואָרצלט, אי יונג און פאַרצווייגט — האָט פריִער נישט פאַרמאָגט און אפשר אַפילו נישט גע־חלומט דערוועגן.

ג

יאָ, וואָלט אליעזר שטיינבאַרג פריִער זיך געיאָוועט, וואָלט זיך דער געראַנגל וועגן זיין אייגענער פערפעקציע, וואָס האָט זיך כּמעט געהיים, ברשות היחיד, און העכסטנס: ברשות־יחידים, געהאַט, יאָסנע וועיאָוונע, צעשפּילט אין רשות־הרבים, ווי עס האָבן זיך דעמלט צעשפּילט אַלע צווייגן פון אונדזער פּאָעזיע, אַזוי, אַז דער כּלל־אַרקעסטער וואָלט, מכּוח דעם באַזונדערן געניאַלן שפּיל־עלעמענט, זיין משל, געווען אַ גראַנדיאָזערער, און וואָלט מיטאַנטשיידט צו אַ פּולערער, שלימותדיקייט פון אונדזער ליטע־ראַטורישער שפּילעוודיקייט. דערפאַר טאַקע קען איך נישט אויסמיידן די קשיא צי געהערט שטיינבאַרגס ביאָגראַפיע צו די גליקלעכסטע, אָדער איפכא מסתברא — עס איז אַ ביאָגראַפישער צוזאַמענשטויס, ווו עס האָבן זיך באַגעגנט צוויי גורמים: איינער אַן אינעווייניקסטער גורם — דער איבערגעטריבענער קווענקל ביים דערגרייכן די אייגענע הסכּמה צו דער אייגענער פערפעקציע: און איינער, אַ מער דרויסנדיקער, גורם — דאָס באַנוגענען זיך מיט אַ באַשיידענעם רעגיאָנאַלן, פּראָווינציאַלן, כּמעט לאָקאַלן אָפּקלאַנג.

און דערלויבט מיר דאָס עזות צו ברענגען צוויי משלים, וואָס שייך פערפעקציע — ווייסן מיר טאַקע, אַז דער תּנא פלעגט זיך זונטיק צו פּעדערן אין מאַרק אַריין, כּדי צו קריגן די שענסטע קו, און זאָגן, אַז עס

איז לכּבֿוד שבת; דעסגלייכן האָט ער געטאָן מאַנטיק, אויסבייטנדיק די קו אויף אַ שענערער, און האָט ווידער געזאָגט, אַז עס איז לכּבֿוד שבת. און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען דינסטיק און מיטוואָך און דאָנערשטיק און פֿרייטיק, און איצט האָט ער געקריגן די מעגלעכסט שענסטע קו, וואָס האָט בפֿירוש געטויגט לכּבֿוד שבת. און כּידוע האָט די וואָך ששת ימי המעשׂה, אָבער נאָך זיי קומט שבת, און אָפּלייגן דעם שבת לאָזט זיך נישט, און דער כּלל פֿון אַ נדחה איז דאָ נישט חל. דער אַנדערער משל גייט וועגן ענגן אָפּקלאַנג — אַוודאי איז דאָס וועלדל גליקלעך, וואָס איז זוכה צו אַ סאָלאָוויי, וועלכער זינגט אין אים און פֿאַר אים, מה־דאָך: בלויז פֿאַר אים, אָבער דאָס קול פֿון אונדזער משל האָט געסטאַיעט פֿאַר אַ וואַלד, און זיין דיאַפּאַזאָן האָט געדאַרפֿט אַ וואַלד, און געפֿאָדערט אַ וואַלד, איז דאָס האָבן פֿאַרשטאַנען די, וואָס האָבן זיין משל געלאָזט קלינגען איבערן גאַנצן וואַלד — צומערשט די רעציטאַטאָרן (און הערץ גראָסבאַרד, און עד היום, בראשם), און שפּעטער די קריטיקער (זע אליעזר פֿרענקלס שטיינבאַרג־ביבליאָגראַפֿיע און זייט דעמאָלט איז נאָך היפּש צוגעקומען).

ד

יאָ, עס האָט זיך געשטאַרקט און עס שטאַרקט זיך די ליבשאַפֿט און דאָס פֿאַרשטאַנדעניש פֿון און פֿאַר שטיינבאַרגן; אַזוי אַז עס לאָזט זיך נישט מאַכן קיין חשבון פֿון דער לעצטער תּקופֿה פֿון דער ייִדישער שאַפֿערישקייט אָן דער בולטקייט און אָן דער צענטראַלקייט פֿון דעם פֿענאָמען.

האָב איך געקענט הנאה האָבן, וואָס מען האָט מיך פֿאַרבעטן צו זאָגן אַ וואָרט לזכר דעם הונדערט־יאָריקן יובל, ביי אַן אימפּרעזע, וואָס איז פֿירגעקומען בשעת דעם אויסשטעל פֿון ייִדיש־ביכער אין תּל־אָבֿיבֿ, אָבער דווקא ווען איך האָב געזען שטיינבאַרגס משלים אין דער נאַטירלעכסטער רעם זייערער — צווישן עלטערע און ייִנגערע חבֿרים זייערע, די ייִדיש־ספֿרים, האָב איך נישט געקענט אָפּווערן אַן עגמת־נפֿש, און שטאָט אָנצו־שלאָגן אַ פֿייערלעכן טאָן האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט אַן עלעגישער קרעכץ. און דער טעם איז אַ פּשוטער: עד־היום פֿאַרמאָגן מיר נישט קיין כּל כּתבֿי אליעזר שטיינבאַרג, אַזוי אַז מיר זענען ווייט צו האָבן מקיים געווען די ווערטער פֿון ח. נ. ביאַליק, נישט לאָזן פֿאַרלוירן גיין קיין איינציק אות פֿון דעם גענֿיאַלן שרייבער.

ה

אמת, עס איז אַרויס אַ צווייטער באַנד משלים, עס זענען אַרויס ביידע בענד משלים צוזאַמען — אָבער ווידער אַ מאָל, נעמט אָוועק די איניציאַטיוו פון זיינע אַלטע ליבהאָבערס, די בעסאַראַבער און בוקאָווינער, און די און ענלעכע אויפטועז וואָלטן אפשר נישט צו שטאַנד געקומען, בשעת דער איבערגעזעצטער שטיינבאַרג געווינט אַלץ מער התלהבותדיקע אינטערע־סירטע. וואָס דאַרפן מיר ווייט גיין — אויב עס ווערן, פון מאָל צו מאָל, אויפגעפרישט שטיינבאַרגס קלענערע, באַזונדערע שאַפונגען, טוט עס ווידער איינער פון זיינע אַלטע חסידים, הערש סעגאַל, און דאָס מיט גרויס פיעטעט און נאָך גרעסערער באַשיידנקייט. אָבער דער זכות פון יחידים איז נישט יוצא דעם חוב פון ציבור. וואָס אליעזר שטיינבאַרג האָט איבערגעלאָזט חוץ די משלים סיי וואָס ער האָט געדרוקט סיי וואָס ער האָט נישט געדרוקט: און בעיקר דער עזבון, וואָס די אלמנה מרת רבקה שטיינבאַרג, האָט אָפּגעהיט און ער געפינט זיך אין רשות פון ירושלימער אוניווערסי־טעט, איז איצט אַן אבן שאין לה הופכין. ווי אַרום האָב איך געקאָנט, ביי דער דערמאָנטער אימפּרעזע, צווישן די טישן יידיש־ספרים, נישט דער־מאָנען, אַז אַזוי לאַנג עס זענען צווישן זיי נישטאָ כל כתבי אליעזר שטיינ־באַרג, וואָס זאָלן אַנטהאַלטן אַלע זיינע דערהאַלטענע ווערק — לידער, משלים, דראַמעס, בריוו — איז דאָס פּראָווען פון זיין יובל נישט מער ווי אַ ביליק פאַרגעניגן, וואָס איז קוים־קוים אַ מצוות אנשים מלומדה. די כל כתבי זיינע דאַרפן אַרויס מיט נייטיקע אַריינפירן, פּירושים, הערות און עס פאָדערט זיך אַ צוזאַמענקלויב פון די פאַרלאָזלעכע זכרונות וועגן אים, זיין פאָרשוין און ווערק, ווי אויך אַן אָפּקלייב פון די שוין געדרוקטע גרונטיקערע אָפּשאַצן, קריטיקן און פאָרשונגען וועגן אים. ואחרון אחרון איז עס אַ חוב צו איניציירן אַ געזעמל פון באַזונדערע, גייע אַרבעטן וועגן אים — ביאָגראַפיע, ביבליאָגראַפיע, פאָרשונג פון זיינע שאַפערישע שיטות (מקורות, שפּראַך, פּראָזאָדיע וכדומה).

ו

נאָך מער, דער אחרון אחרון בעט זיך, פאָדערט זיך צו זיין אַ ראשון ראשון: אַ באַזונדערער אָרגאַן, לפחות: אַ צוויי־יאָר־בוך, אויב טאָקע נישט אַ יאָר־בוך פאַר דעם דאָזיקן תכלית. דען פּראָבלעמען זענען דאָ אַ ים, און איך בין ווייט נישט דער איינציקער, וואָס שאַרפע פאַרוואָסן אין לעבן און ווערק פון שטיינבאַרגן לאָזן מיך נישט רוען, און איך באַמי מיך,

כּמיעוט כּוחי, זיי צו באַשיידן, און ממילא בין איך ווייט נישט דער איינ־ציקער, וואָס וויל אַפּירברענגען זיינע שאלות ותשובות אין קאָנצערט פֿון אַנדערע שאלות ותשובות, וואָס פֿאָדערן אַ באַזונדערן אָרגאַן. כּדי מרמז צו זיין אויף עטלעכע פֿון די פּאַרוואָסן — איז עס, אַ שטייגער, די קשיא פּאַר וואָס איז ביי אַזאַ מאדים אויף אונדזערע ביידע לשונות און זייערע מקורים און מקורי־מקורים, זיין עברית־שאַפֿונג, מיט איר גאַנצער אָריגי־נאַליטעט, געבליבן אַן עפּיזאָד, גלייך עס וואָלט געווען אַ רעליקט פֿון אַ נעכטן, אָן אַן אָנשפּאַר אין אַ היינט און אָן אַן אָנווייז אויף אַ מאָרגן. אָדער: פּאַר וואָס האָט אַזאַ מאדים אויפֿן לעבעדיקן פֿאַרבונד מיט דער לשון־קודש־ירושה, איר תּורה און חכמה, און וואָס, האָט אַזוי קלוג און בולט, פֿאַרוועבט אירע פֿעדעם אין זיין געוואָרג, זיי אַנגעטאָן אין אַן אַזוי גערופֿענעם נאַטוראַליזירטן און באמת אומנאַטירלעכסטן אויסלייג, וואָס אַלע נעכטנס האָבן פֿון אים נישט געוווסט און בלויז אַ שמאָלער, פֿאַרבייַיקער, אַפּילו עפּעמערישער היינט האָט זי צוגעטראַכט, און אַ טייל פֿון זיינע אויסשפּרייטערס האָבן זיך סומך געווען אויף דער אויטאָריטעט פֿון בעל „מעשׂאָלים". און אויב אָנשפּאַר אויף אים — פּאַר וואָס זענען נישט ווייניק פֿון זיינע תּלמידים, בפֿרט די וואָס האָבן זיך געלאָזט, ווער בלויז להלכה און ווער אויך למעשׂה, איבער דעם גרינעם פּאַס צו מזרח צו, געהאַלטן, אַז זייער שריט און זיינע קאָנסעקווענצן, זענען אין הסכּם מיטן קוק פֿון זייער רבין.

אָט די און ענלעכע קשיות פֿאָדערן תּשובות, וואָס וועלן קאָנפֿראָנטירן צווישן דעם, וואָס עס דאַכט זיך, אַז עס איז געווען, און צווישן דעם, וואָס עס איז באמת געווען.

ז

און זאָל מיר ווידער אַ מאָל דערלויבט זיין דאָס עזות זיך צו באַנוצן מיט אַ דרך־משל — שלמה ביקל, וואָס איז געווען אַ גרויסער שטיינבאַרג־חסיד און שטיינבאַרג־מבין האָט בשעתו אַרויסגעלאָזט אַ פּאָלעמישן חיבור — זיין בוך „אינזיך און אַרומזיך" (1936), אויף וועלכן איך האָב מיך דעמאָלט, דער ערשטער און דער איינציקער, אין דער היגער פּרעסע אָפּגע־רופֿן. ווען ער האָט מיר, נאָך יאָרן, געשיקט נאָך אַ קאָפּיע פֿונעם בוך, האָט ער אויפֿגעשריבן (עשׂרה באָב, תּשי"ט): „אַ סך וואָלט איך היינט נישט געשריבן און אַ סך אַנדערש געזאָגט, אָבער — ס'איז מיינס". איך האָב דערצו צוצוגעבן בלויז צוויי ווערטער: ודי לחכּימא.

II

מדרש פליאה

וועגן יוסף צבי רימון

א

ודבר בעתו מה טוב — טייטש: און אַ וואָרט אין זיין צייט ווי גוט — איז אַ בפירושע אַנדערע העלפט פסוק אין משלי, און דאָס פאָלקס־מויל האָט דאָ געמאַכט אַ קליינעם שינוי, אַפּוואָרפנדיק דאָס אָנהייב־אות, דעם וואָ״ו החיבור (זע, אַ שטייגער, י. ח. טאַוויאָוו׳ס „משלים ופתגמים״, סי׳ 842), און האָט עס, כביכול, געמאַכט פאַר אַ גאַנצן, אויטאָנאָמען פסוק, און אַזוי אַרום אויסגעבויט ווי אַ ווערטל פאַר זיך, און עס אַפילו צוגעשפּיצט צו אַ מין פּאָפּולאַרן דרוש: אַ גוט וואָרט איז תמיד אין זיין צייט. אָט דאָס לאָזט זיך זאָגן וועגן ר׳ יונה בערקמאַן, וואָס האָט פאַרטראַכט און אויס־געפירט אַ דבר טוב, וואָס איז במילא בעתו — אַליין אַ יידישער, אַ טיף־יידישער דיכטער, האָט ער בכוח זיינע, אי צאַרטע אי פעסטע, כלים, געלאָזט אויפשפּילן און אויסשפּילן, אין מאַמע־לשון, דעם אין־זיך־געוועגדטן משורר הקודש, ר׳ יוסף צבי רימון, פון די אָריגינאַלסטע דערשיינונגען אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליריק, און כאָטש עס איז שוין לאַנג צייט, אַז די יידיש־ליטעראַטור, אין איר איבערזעצערישער קולטור־פּאָליטיק, וואָס זי באַטרייבט אין די לעצטע דורות, זאָל זיך פאַר דעם באַזונדערן פענאָמען אינטערעסירן, און דער אויפטו, דער אָפּקלויב, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז, האָט געלאָזט אויף זיך וואַרטן, איז דער פאַרשפּעט נישט קיין צופאַל, דען דער מקור האָט זיך דערוואַרט זיין רעכטן מתרגם, חזרן מיר במילא איבער: דבר בעתו מה טוב.

ב

מיר האָבן גערעדט וועגן אָריגינאַלן פענאָמען אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליריק, מיר ווילן פּרעציזירן: עס האַנדלט זיך דאָ אין אָנהייב, אין סאַמע אָנהייב פון דער, אַזוי גערופענער, פּאָסט־ביאַליקישער ליריק, וואָס וואָלט, פאַרשטייט זיך, אָן דער ביאַליקישער ליריק, נישט מעגלעך געווען, אָבער איר באַזונדערער כאַראַקטער האָט זיך אויסגעבולט אין

סאַמע פּראָצעס פון דער ביאַליקישער שאַפונג. איך וואָלט דאָ געקענט פּאַרווייזן אויף מיין דריַ מאַמרדיקע סעריעס: יד חזון, משמע: דער כּוח פון וויזיע (אין מיין בוך: „בין דין לחשבון", תּשכ"ג, זז׳ 78־85) און אויף אַנדערע מאַמרים־סעריעס פון אָפּשאַצערס, בעיקר, אָבער, דוכט זיך, אַז עס בעטן זיך קודם־כּל עטלעכע אינפאָרמאַטיווע ביאָגראַפישע שטריכן וועגן פּאַרשוין און זיין גאַנג צווישן וואָר און דיכטונג.

איש היה אין אַ פרומער משפחה אין אַ ייִדיש־פּויליש שטעטל (ביע־זשון אין פּלאָצקער קרייז) ושמו ר׳ אפרים אליעזר גראַנאַט, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן צו „מזרחי" און עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל (1906) און דאָ זיך פּאַרנומען מיט מסחר און אויפקויף פון באָדן, און דריי יאָר שפּעטער האָט ער אַראָפּגעבראַכט די קינדער זיינע, יוסף צבי און יעקב, וואָס האָבן, צוגלייך מיט אים, דעם טאַטן זייערן, פּרי אַרויסגעוויזן אַ נטיה צו דער פּען, און זענען אויך געוואָרן אנשים סופרים, בעיקר, די צוויי זין, פּאָעטן פון אַ פאַרשיידענעם קאַליבער. יוסף צבי, געבוירן תּרמ"ט (1889), האָט גאָר פרי גענומען שרייבן, און דאָס ערשטע ליד געדרוקט אין „הפּרחים" פון ישׂראל בנימין לעוונער, אַזוי לויט קרעסל און גראַיעווסקי, אָבער לויט דעם דיכטערס זון, דוד רימון, אין „גן שעשועים" פון אַברהם מרדכי פּיורקאָ (וועגן זיין געשטאַלט פּאַראַן אַ פיינע פּאָעמע פון נחמן ראַפּאָפּ). דאָ, אין לאַנד, האָט ער זיך געדרוקט אין דער פּרעסע, און נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען אַרויס בינטלעך לידער זיינע („לקט", „דביר", „במחזה"), וואָס האָבן אַנטפּלעקט זיין טיף־רעליגיעזע, מיסטישע נטיה, אין תּוכן, טאָן און שטימונג. תּחילת איז ער הי געווען אַ שרייבער אין כּולל וואַרשע, שפּעטער אַ לערער אין „תּחכמוני" און אַ ביבליאָטעקאַר אין חיפה. אָבער אַ קרבן פון אַ ברוטאַלן איבערפאַל מצד צעווילדעוועטע אַראַבער (תּרפּ"א), האָט ער זיך מתבודד געווען אין דער שול פון אר"י אין צפת, און האָט זיך ערשט, נאָך אַ טוץ יאָרן, אומגעקערט קיין תּל־אביב. אויך דאָ האָט ער ממשיך געווען זיין התבודדות — מען פלעגט אים דאָ, נישט זעלטן, זען שפּאַצירן מיט זיין מאָגערן פּאַרמעט־פּנים און טונקעלע טרויעריקע אויגן, און ס׳האָט געוויט פון אים אַ נישט־הי־וועלטישע אָפּגעזונדערטקייט, און ער איז געווען גאָר שפּאָרעוו־דיק מיט וואָרט, ווי איינער, וואָס איז פּאַרשלאָסן מיט זיך און אין זיך אַליין. אַפילו ווען אַרום אים האָט זיך דער אינטערעס פאַר אים געגומען שטאַרקן, איז די מחיצה צווישן אים און אַרום נישט קלענער געוואָרן, און ער איז געבליבן דער שטילער, כּמעט שטומער, מתבודד. מען האָט אַלץ

מער און רווישיקער גערעדט וועגן זיין שאַפן, בפרט נאָך דעם ווי עס איז אַרויס זיין בוך לידער „כתרים" (תש"ד), מען האָט, מיט גרויס ליבשאַפט, געפּראַוועט זיין יובל הששים, אָבער ער איז געבליבן וואָס ער איז געווען, לויט זיין טבע און זיין גורל — דער האַר און דער קנעכט פון אַן אייביקן שיוויתי, ביז ער איז, אויפן שוועל פון ימי שנותינו (תשי"ט) נפטר געוואָרן.

ג

דער רעליגיעזער כאַראַקטער, ווי אַ גרונט־שטריך פון י. צ. רימונס פּאָעזיע, באַזירט, פאַרשטייט זיך, אויף זיין ביאָגראַפיע, און עס בעט זיך צו באַטאָנען די השפעה פון זיין רבין, דעם לידער ראש־ישיבה, ר' יעקב יצחק ריינעס, דעם אייגנטלעכן איניציאַטאָר פון דער „מזרחי"־באַוועגונג; פון ר' הלל צייטלין אין זיין ראָמאַנטיש־חסידישן וועג פון אַ בעל־תשובה; פון ר' אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש אין זיין נאַיִוון פּרווו פון אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישן סינטעז, און בעיקר פון הרב ר' אַברהם יצחק הכהן קוק, וואָס שרייבט וועגן יוסף צבי רימון: „מעגלעך, אַז דווקא אַ דיכטער אַ מאַרטירער פון זיין לעבנס־גורל, ווי דער דאָזיקער ליבלינג אונדזערער, איז פעיִק צו עפענען די שטראָז פון קדושה (מסלול הקודש). אין דער זיך באַנייענדיקער ישראל־פּאָעזיע ווי נאָך דעם זי איז פאַרשטומט געוואָרן, במשך הונדערטער יאָרן, האָט זי געעפנט איר מויל צו רעדן גרויסקייטן, אָבער דרויסנדיקע אומשטאַנדן פון וועלטלעכן לעבן האָבן אין איר אַן אַנטשיידנדיקן אָנטייל גענומען, כאָטש ווי אַ שירת־ישראל וואָלט זי דאָך געמוזט זויגן ממקור־הקודש. און אָט באַווייזט זיך אונדזער ליבער דיכטער, ר' יוסף צבי רימון, ווי אַ הדס אין מדבר, און זויגט פונעם מאַרך פון געהייליקטן לעבן, וואָס איז באַהאַלטן אין זיין גייסט אינעווייניק און אָפּגעהיטן אין דער ריינקייט פון זיין לעבן און אין געפיל פון זיין באַזונדערער טהרה".

די ווערטער פון הרב קוק, וואָס מיר האָבן דאָ פאַרייִדישט, געפינען זיך אין זיינס אַ בריוו צו ר' פּנחס גראַיעווסקי, דעם עניוותדיקן און איבערגעגעבענעם כראָניקער פון ירושלים, און ער האָט דעם בריוו געדרוקט בראש דעם העפט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן לכבוד דעם האַלבן יובל פון רימונס ליטעראַרישער טעטיקייט (תרס"ז—תרצ"ב). דאָרט ווערט אויך געבראַכט אַ בריוו פון ר' אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש, ווו עס הייסט: „ר' יוסף רימון ליידט, אין זיין לעבן, שווערע ייִסורים, אָבער גרויס איז

זיין נחמה, דער רוח־מסתּורין באַווערקט אים, צוזאַמען מיט דער בענק־שאַפט צום אייבערשטן ליכט, האָט ער אַ נחת רוח פון דער גוטער מתּנה, וואָס דער אייבערשטער האָט אים געלאָזט אַרבן, אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנ־קען אין אַ שיינער פּאָעזיע, וואָס דערהייכט אויך די נשמה פונעם לייענער".

ד

דאָס העפט — וואָס איז אַרויס דריי יאָר נאָך יענעם יובל געהער איצט צו די ביבליאָגראַפישע זעלטנקייטן — איז אָנגעפּראָפּט אָפּשאַצעריש מאַטעריאַל פון אַ מנין מחברים, דאַרונטער דיכטער און פּובליציסטן, און פראַגמענטן פון דער פּרעסע, און דאָ איז גאָר בולט דאָס וואָרט פון אונ־דזער דיכטערס, וואַרעמען און געטרייען פּראָטעקטאָר, ר' בנימין: „יוסף צבי רימון, וואָס טוליעט זיך היינט צו די פעלדזן פון צפת, איז היינט־צו־טאָג דער איינציקער רעליגיעזער שרייבער אין אונדזער קרית־ספר, דער לעצטער (און אפשר דער ערשטער ?), אין אַ פּראַקטיקער קייט. מיר פאַרמאָגן היינט קאַרגע זעכציק דיכטער — און כּמו־דיכטער אָן אַ צאָל — און ווען מיר זאָלן קומען דרוקן אַלע זייערע לידער, וואָלטן די ביימער פון די הערצל־וועלדער, כאָטש זיי האָבן זיך פאַרמערט אין די לעצטע יאָרן, זיך געענדיקט, און די לידער וואָלטן זיך ניט געענדיקט. אָבער אַ ייִדיש קינד, אַ זון פון דער אומה, וועלכע האָט אַריינגעפירט די רעליגיעזע פּאָעזיע אין אוצר פון דעם מענטשוואַרג, און אירע מזמורים זינגט מען אין אַלע עקן פון דער וועלט — אַ ייִדיש קינד, וואָס זאָל נאָך זינגען זיין ליד צום לעבעדיקן גאָט, וואָס זאָל נאָך איידל נאָכשפּאַנען אין די שטעגן פון אבן־גבירול און הלוי און אבן עזרא ,און מיט אַ צולאָג פון ווייכקייט, בענקשאַפט צו גאָטס שכינה פון די קהילות אוקריַינע־פּוילן — אַזוינס נישט מיר זעען און נישט מיר הערן. מיר האָבן, ברוך השם, גרויסע רבנים און דערהויבענע אדמו"רים, מיר האָבן לייטישע פאָרשערס און אויסגע־צייכנטע געלערנטע, מיר האָבן אַפילו שרייבערס מיט טאַלאַנט, איינער אין אַ מדינה און אַן אַנדערער אין אַ וועלט — אָך זינגערס זעען נישטאָ, און דאָס איז נישט קיין גוטער סימן. אין די גוטע טעג פון אונדזער אומה זענען אירע דיכטערס געגאַנגען בראש. עס זענען געווען לערנהייזער פאַר דיכטער. „אנעים זמירות ושירים אארוג, כי אליך נפשי תערוג" (איך וועל צימלעך מאַכן געזאַנגען און פאַרוועבן לידער, בעוויַיל צו דיר בענקט מיין נשמה). אָט די לווים ביים דוכן, אָט תּהילים, אָט די ליכטער פון ספרד, אָט

די ייִדן פון תּימן, איטאַליע, דמשק. אַפילו דער „חיי אדם", וואָס איז כּולו סימנים און פּאַראַגראַפן, האָט צוגעשטעלט „תּפילה זכּה". אַפילו שׂרה בת־טובים, אַ שאָטן פון אַ דור, האָט עפּעס אויסגעדריקט, עפּעס נייעס צוגעגעבן, פון איר גייסט און נשמה. און פּלוצעם זענען די ליכטער פאַרטונקלט. אין אַ דור, ווו די העברעיִשע פּאָעזיע האָט געפייערט אירע גרויסע נצחונות, איז רימון געווען אַ משורר־יתום, אַן איינציקער, אַן אוניקום, אַ ייִד, וואָס דער יצר זיינער רעדט אים צו אויסצוזינגען דעם שמועס זיינעם פאַר גאָט אין שיר און מליצה, אין ליד און אין תּפילה. עס אַרט זייער, אַז עס האָט זיך ניט געפונען נישט קיין פאַרלעגער, נישט קיין אויסלייזער פאַרן ספר, וואָס הייסט „עולה לד'", און ער וואַלגערט זיך ווי סתּם אַ שערבל. ר' מאיר רימון מצא תּוכו אכל, קליפּתו זרק (ר' מאיר האָט געפונען אַ מילגרוים, דעם תּוך האָט ער געגעסן, די שאָל האָט ער אַוועקגעוואָרפן), און איר, הויז ישׂראל, הויז פון ווידערשפּעניקייט, אַ מילגרוים האָט איר געפונען און אַוועקגעשליידערט, סיי דעם תּוך סיי די שאָל, דעם גוף און די נשמה צוזאַמען. שטוין איבער שטוין: דער דאָזיקער דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, וואָס מען האָט אים, מחמת צו פיל טירחה, אָפּגעשטויסן פון לינקס, און נישט געננוג דערנענטערט פון רעכטס, ער דריקט עס אויס די פאַרבאַרגנסטע פאַרלאַנגען פון דור. די איידעלע שכינה, די פּראַכט פון דער זון, און די שיינקייט פון שולמית — זיי בינדט ער די קרוינען פון זיין מוזע".

דערצו אַ באַמערק: ר' בנימינס מאמר איז טאַקע געווען אין דער־מאָנטן יובל־העפט, וואָס גראַיעווסקי האָט אַרויסגעגעבן, ער האָט דעם מאַמר געשריבן און געדרוקט מיט פינף יאָר צוריק, אויף די שפּאַלטן פון „ההד". מיר האָבן עס איצט פאַרייִדישט, אויך כּדי מרמז צו זיין, ווי ווייט די שאַצערס און אָפּשאַצערס האָבן זייער קול לטובת רימון, געהאַלטן ווי אַ קול קורא במדבר.

ה

אַז עס איז נישט אַזוי, אָדער אַקוראַט נישט אַזוי געווען, באַווייזט דער אויפגעלעבטער אינטערעס, און דאָס נישט פון רעכטס, נאָר דווקא פון לינקס — אַזוי, אַ שטייגער, האָט דער „דבר" אָפּגעגעבן דעם דיכטער און זיין דיכטונג אַ נומער פון זיין ליטעראַרישן ביילאַג (סיון תּרצ"ט), און דאָס איז געווען מכוון צו זיין, וואָס עס איז געוואָרן — אַן אויפטאַקט צו אַ גרעסערן אָפּקלייב פון זיינע לידער און פּאָעמען: „כּתרים", משמע קרוינען,

(„עם עובד" תש"ד), מיט אַריינפירן פון יעקב ראַבינאָוויטש און אַברהם קריב, (קריוואָרוטשקאָ), און אַ ביאָגראַפיע פון דיכטער, געשריבן פון זיין זון, דוד רימון. כּדאַי אויך נישט לאָזן אומדערמאָנט די אימפּרעזע לכבודו, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן אין זאַל פון „הבימה", און ווו עס האָט גערעדט דוד רמז, וואָס איז אַליין געווען אַ דיכטער (אונטערגעשריבן מיט זיין עיקר־נאָמען דראַבקין, אָדער פּסעוודאָנים אבידור, און גאָר וואָגיק פאַר־ייִדישט ביאַליקס „המתמיד", וואָס וואָרט נאָך געפּובליקירט צו ווערן). אַ היפּשן אָפּקלאַנג האָט אויך געהאַט די אימפּרעזע לכּבוד דעם זעכציק־יאָריקן יובל פון דיכטער (תש"ט), וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אין דער פּרעסע, ווו עס האָט זיך לייטיש געלאָזט שפּירן דער רושם, וואָס „כּתרים" האָבן געמאַכט. פון דער דאָזיקער יובל־ליטעראַטור ווילן מיר אויסבולטן דאָס וואָרט פון אשר באַראַש, ביי אַ מסיבה אין זאַל פון קרן קיימת אין תּל־אביב: „אַלע הוויות פון דער וועלט און פון דעם לעבן, זענען פול שאָטן פון וווּנדער און ער, רימון, רוט אין דעם דאָזיקן שאָטן. אויך די שווערקייט פון דער עקזיסטענציע, די ייִסורים, ראַנגלענישן, מה־דאָך דער חלום און די וויזיע — רוען אין שאָטן פון וווּנדער. דער יסוד פון פאַרוווּנדערונג איז איינער פון די יסודות פון דער פּאָעזיע בכלל — — ווען רימון איז געקומען אין לאַנד אַריין, אין די סאַמע ייִנגלשע יאָרן, האָבן אים מקרב געווען צוויי שרייבער — אלכּסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש און יוסף חיים ברענער. אז"ר איז געווען, אין גאַנצן, איינגעווייקט אין טראַדי־ציאָנעלן און רעליגיעזן שטייגער, און עס האָט אים געצויגן צו רימון מחמת דעם טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן עלעמענט זיינעם. עס האָט אים געכּישופט דער האַרציקער און וואַרעם־פּולסירנדיקער דיכטער. ברענערן ווייטער האָט געצויגן אַן אַנדערער עלעמענט — דער עלעמענט פון ייִסורים ביי רימון. נאָך אין די ערשטע יאָרן האָט זיך רימון אַנטפּלעקט ווי דער דיכטער פון ייִסורים, די ייִסורים פון מענטשן, בעוויַיל ער איז אַ מענטש, און די ייִסורים פון אַ ייִדן, וואָס טראַכט און פילט. און ברענער האָט ליב געהאַט בעלי־ייִסורים. ער גופא איז געווען פון די שרייבערס, וואָס גיבן, אין זייערע שאַפונגען, אויסדרוק די ייִסורים פון מענטשן. צו אונדזער לייד האָט זיך דער עלעמענט פון ייִסורים פאַרמערט אין רימונס פּאָעזיע. ער איז געווען איינער פון די גרויסע בעלי־ייִסורים אין אונדזער דיכטונג — — דער דריטער יסוד אין רימונס שאַפונג איז די פאַרשיכּורטקייט. פאַראַן אין זיין נשמה און אין זיין לידערוואַרג יענער גייסט פון שיכּרות, וואָס גיסט אָן וואַרעמקייט, כּישוף, חלום און אַ דין הייטל פון פאַנטאַזיע. — — רימון האָט האַלט זיך צו באַנוצן מיט די ווערטער: חזון, חזיון, חזיון־אל־ דאָס וואָרט לאָזט אים נישט אָפּ. איך בין מסופּק, צי איז ביי אים, צווישן צען

שירים, דאָ איינס, וואָס פאַרמאָגט נישט דעם עלעמענט — — — פאַראַן אַ מאָל אַ זייער דין שטריקל, וואָס מאַכט נישט קיין רושם פון אַן איבעריק גרויסער שטאַרקייט, אָבער ווייל עס איז געמאַכט פון אמתער זייד, איז עס גוואַלדיק שטאַרק. איך וואָלט רימונס לידער, זיין אויסדערווײלט און געלייטערט ליד, אָנגערופן — אַ ריינער זיידענער פאָדעם — — —"

דאָס וואָרט פון אשר בּאַראַש פאַרבעט ממילא צו לאָזן הערן אַ וואָרט פון זיין האַרציקן פריינד, יעקב ראַבינאָוויטש — (זיי האָבן ביידע רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „הדים", ווּ רימון איז געווען אַ באַליבטער אורח) — און ער האָט דאָך, מיט זיין עסיי, דערעפנט דאָס געזעמל „כּתרים". איז כּדאי צו באַמערקן, אַז ראַבינאָוויטש, וואָס שטאַמט אָפּ פון דורות רבנים, האָט מיט זיין מתנגדישער ירושה צעמענטירט די משׂכּיליש־וועלטלעכע באַזע פון זיין קולטור־קוק (זיינער אַ פסעוודאָנים איז געווען: לא־תיאולוג דהיינו: אַ נישט־טעאָלאָג), און אָפּשאַצנדיק י. צ. רימון — האָט ער נישט אַזוי איינזייטיק, ווי אַנדערע, געזען זיינע מקורי־יניקה. „אין זיין לעבן, אין די געשעענישן פון זיין לעבן, האָט ער, רימון, נישט זיינס גלייכן. אפשר אַ מענטש פון אַן אוראַלטן געבירד, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַן אַנדערער וועלט אַריין, און אפשר אַ נשמה פון אַ נישט־געוויינטלעכן סאָרט. פרעמדלעך איז רימון אין זיין פּאָעזיע, נישט אַזוי אין איר אינהאַלט ווי אין איר אויסדרוק. דער אינהאַלט איז צו מאָל פון אונדזער פּאָעזיע בכלל, און צו מאָל פון דער פּריִערדיקער, רעליגיעזער, פון תפילות און פיוטים, און פון דער רעליגיעזער פּאָעזיע בכלל, בעיקר פון נאָך דער ספרדישער פּאָעזיע, נישט פון די אַשכּנזים, נאָר פון די איטאַלקים, פון ישׂראל נאַדזשאַראַ וכדומה. אָבער צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען די דיכטונג פון זיין אייגן לעבן. פאַראַן אין זיין דיכטונג אַ סך פון דער אויטאָביאָגראַפיע, פון דעם סאָרט, וואָס געטהע האָט אים זייער געשאַצט. די פּרשה פון זיינע דרויסנדיקע יִסורים און זיינע אינעווייניקסטע לעבנס־פּחדים — זיי האָבן זי בעיקר געשאַפן. דוכט זיך, אַז די לידער וועלן בלייבן אַ קנין, אָדער ווי מען זאָגט, אַ פּאָעטיש „פאַרמעג". זיינע לידער צו גאָט און צום פאָלק ישׂראל, די וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעז געפיל, וועלן זיך אָנשליסן צו אונדזער פריִערדיקער פּאָעזיע, וואָס האָט געערן געהאַט ממשיך צו זיין, נאָכצוקומען, און האָט נישט מקפיד געווען אויף פאָרזיכטיקייט (זע מאיר ווינערס אַריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע פון אונדזער אַלטער פּאָעזיע). די לידער פון זיין לעבן וועלן בלייבן זיינע, כאָטש אפשר דווקא אין זיי האָט ער זיך נישט מתכוון געווען צו פאַרזיכער־דיקייט — — —"

ז

אויף וויפל דער דאָזיקער אויפטייל האָט האַפט, איז שווער צו אַנט־שיידן, ווייל דאָס קען זיך דאָך, ווי אַ יעדער פּראָגנאָז, ערשט, נאָך דורות, אויסקלאָרן. אָבער דער צוגאַנג איז נאָענט צו דער הויפּט־ליניע, וועלכע עס האָט אַנטוויקלט אַ ייִנגערער דור אין דער קריטיק, און אַזוי ווי איך בין איצט דער עלטסטער צווישן די לעבעדיקע פון דעם דור, וויל איך מיר דערלויבן בקיצור צו צייכענען מיין איינשטעל, ווי איך האָב ברייטע־רער באַהאַנדלט אין מיינע עסייען. אָבער איידער איך שטעל זיך אָפּ אויפן טעות פון דער איינזייטיקייט אינעם פאַרשטענדעניש פון רימון און זיין מהות און גאַנג, וויל איך דערמאַנען, ווי ש״י עגנון האָט געזען די גרויס־יחידישע מערכה פון דער צווייטער עליה. לויט אים האָבן זי פאָרמירט און געפאָרעמט די גרויסע פאַרשוינען, ווי ער רעכנט זיי אויס (מעצמי אל עצמי, תשל״ו): יוסף חיים ברענער, אַרטור רופּין, הרב ר׳ אַברהם יצחק קוק און בערל קאַצענעלסאָן (ער נעמט נישט אַריין דעם פינפטן, אַהרן דוד גאָרדאָן, און דאָס איז אַ האַרבער טעות). דוכט זיך מיר, אַז די צוויי עקסטע פּאָלוסן זענען יוסף חיים ברענער און הרב קוק — פּונקט ווי עס דוכט זיך מיר, אַז קיינער איז, אין יענער תקופה, נישט געשטאַנען, אין אַזאַ מהות־דיקער שפּאַנונג און אין אַן אינעווייניקסטן געראַנגל, צווישן דיביידע פּאָלוסן, ווי יוסף צבי רימון, און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט דער כּוח פון זיין בײ־פּאָלאַרן שייכות — סיי צו דער מסורה, סיי צו דער מאָדערנע, אַזוי אַז מען קען אויף אים זאָגן: והיו לאחדים בידו. האָב איך שוין אָנגעוויזן, אַז ער געהער צו די פּיאָנירן פון העברעיִשן מאָדערניזם, וואָס איז, אין סאַמע מיט ביאַליק, געקומען ווי נאָך אים, כאָטש ער גייט פון אים — בעיקר פון תהומיקן אויפברוך פון זיין „מגילת האש״. ווי די פּיאָנירן פון דער מאָדערנע, פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אויסגערעכנט: אַברהם בן יצחק (זאָנע), יהודה קרני (וואָלאָוועלסקי), דויד פּאָגעל, אביגדור המאירי (פייערשטיין), און יוסף צבי רימון. נאָך מער, ער, יוסף צבי רימון, איז ביי מיר געווען אַן אַבסאָלוטע ראיה, אַז דער דאָזיקער מאָדערניזם גייט, נישט, אָדער נישט בלויז, פון דרויסן, נאָר, און אַפילו בעיקר, פון אינעווייניק: איז דאָך שווער אָנצווייזן אַ קאָנטאַקט צווישן רימון און רילקע אָדער האָפמאַנסטאַל (כאָטש ער האָט געקענט דייטשיש, און איבער־געזעצט הערמאַן שוואַבס „קינדהייטס חלומות״). נאָך מער, בשעת קרני און המאירי זענען, נאָך בלאָנקענישן, געקומען וווהין זיי זענען געקומען, איז רימון דאָרט ווי געשטאַנען מכּתּחילה.

ז

ווער עס וויל וויסן, ווי עס שטייט היינט מיטן אָפּשאַץ און איינשאַץ פון רימון, דאַרף איבערלייענען די גרונטיקע, פאַרשערישע עסיי פון צבי לוז, וואָס איז אַן אַריינפיר צום, ביז איצט, ברייטסטן און פוללדיקסטן אָפּקלײַב פון רימון: „שירים" (תשל"ג) — עס איז אַ, נאָך זיבעציק יאָר, באַנייט באַגעגעניש מיט רימונס פּאָעזיע — לוז האַלט נישט פון די דעפי־ניציעס, וואָס ווייזן זיך אים אויס סטערעאָטיפּ: רעליגיעזער דיכטער, מיסטיקער, פאַרצייטישער פּייטן, בעל־תּפילה, ווייל זיי „פאַרהעלפן גאָר ווייניק צום פאַרשטענדעניש פאַר רימונס פּראָבלעמאַטישער וועלט, פאַר זיינע פּאָעטישע וועגן, בילדער און באַהעפטן, און אַוודאי נישט צום פאַר־שטענדעניש פון זיינע באַנײַערישע, איבערראַשנדיקע יסודות, וואָס זיי זענען דאָס בעסטע פון זיין פּאָעזיע. אָט איצט, אין די זיבעציקער יאָרן, מיט אַ באַנײַטער באַגעגעניש מיט רימונס פּאָעזיע, ווערט, אָן שום ספק, קלאָר, אַז דער דאָזיקער דיכטער, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון געפּרעגן פון אַלטן העברעיִשן פּיוט; וואָס האָט נישט מורא געהאַט פאַר השתּפכות הנפש און וויזיאָנערישקייט, האָט באַנײַט קוק־ווינקלען און אויסברוך־אופנים, דערוועגלעכע און וויט־גייענדיקע בילדער און שטימונגען, און האָט צומאָל דערגרייכט הויכע עסטעטישע דערגרייכונגען אין דער העברעיִ־שער פּאָעזיע נאָך ביאַליקן. די פּרעמדקייט פון דער דאָזיקער פּאָעזיע, אויפן פאָן פון דער היינטצייטיקער העברעיִשער פּאָעזיע, שאַנצט איר צו אַ זעלטענעם צויבער, דעם צויבער פון יחיד במינו (אַן איינציקן אין זיין סאָרט) — — "

ער, צבי לוז, שטעלט זיך, אין אַ באַזונדער קאַפּיטל, אָפּ אויף די אָפּשאַצן פון יונגן און נאָך יינגערן דור קריטיקער. וואָס שייך מיין קוק, אַז רימונס פּאָעזיע איז אַ מחויבדיקער לעבעדיקער המשך פון ביאַליקס פּאָעזיע, פליש און ביין פון אונדזער פּאָעזיע, מאַכט לוז אויפמערקיק דערויף, אַז ביאַליקס פּאָעזיע איז געבויט אויף אַ מעטאַפיזישן איבערברוך, און דערגרייכט צו ניהיליזם, ביאַליקס תּלמידים ווייטער האַלטן שוין נאָכן און איבערן איבערברוך, בשעת רימון, אַפילו אין זיינע איובדיקסטע מאָמענטן, געפינט זיך נישט אין אַ מעטאַפיזישן איבערברוך („אויך אין מיין יאוש שפּרייזט גאָט אַרום"). לאָזט ער מיר פלאַץ פאַר אַ וויכוח, אָבער איצט וויל איך מיך באַנוגענען מיט אַ באַמערק, אַז מיין הנחה פון רימונס שייכות צו ביאַליק, איז אַ סותרדיקע — סיי אַ גענעטישע, סיי אַ דיאַלעקט־טישע, איך וויל איבערחזרן, וואָס איך האָב געזאָגט וועגן רימונס גע־

שפּאַנטן מעמד צווישן הרב קוק און ברענער, און אָנווייזן, אַז דער שפּיץ פון דעם וויכּוח איז, צי האָט רימון נאָך נישט, אָדער שוין נישט, גע־ ווּסט פון אַ מעטאַפיזישן איבערברוך. און מיר רעדן בפירוש וועגן שפּאַ־ נונג און נישט וועגן פּשרה, ווו די קאָנטורן ווערן אויסגעגלעט, ווי מיר האָבן זי אין דער, לרוב בלייכער דיכטונג, וואָס וואַקסט ביי די אָפיציעלע און האַלב־אָפיציעלע ראַנדן פון די פרומע פּאַרטייען. וואָס שייך שפּאַנונג, איז אַ חוב צו דערמאָנען נאָך בולטע יחידים — געוועזן אַהרן צייטלין, געוועזן ישׂראל שטערן, און ס׳איז דאָ ישׂראל שטערן (איש יאיר), געוועזן שרגא קדרי (פּייוול טעפּער) און ס׳איז דאָ זעלדע (מישקאָווסקי), און די שורה לאָזט נאָך עפּעס פאַרלענגערן, אָבער דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך.

אָבער צוריק צו צבי לוז — ער ברענגט אויך פון ייִנגערן דור, דן מיראָן, וואָס וואַרפט אָפּ די סברה, אַז רימון איז אַ „דירעקטער" ממשיך פון דער מסורההדיקער רעליגיעזער דיכטונג, זעט אים נאָענט צו דער מרידה פון דוד פאָגעל אָדער אַברהם בן יצחק, און ברענגט אַ פאַרבליפנדיקע שפע ראיות צו דער המשכדיקייט פון ביאַליקס סימבאָלן. וואָס שייך ווייטער זיין „רעליגיעזן" שטעל פון אַ גרויסן געטלעכן אויסדערוויילטן, לגבי זיך אַליין, לגבי זיין פאָלק און לגבי זיין באַשאַפער, איז ער כּלל נישט קיין איינציקער אין אונדזער פּאָעזיע, און פאַראַן גאָר אַ בפירושע נאָענטקייט, וואָס פאַרבינדט צווישן אים און צווישן געשטאַלטן, וואָס געהערן גאָר קלאָר צום „צענטראַלן גאַנג" אין דער „וועלטלעכער" העברעיִשער פּאָעזיע פון ח. נ. ביאַליק ביז אורי צבי גרינבערג, ש. שלום און נאָך זיי" (1959). יאָ, אויך אין ייִנגסטן דור ווערן די קשיות געפרעגט, און איך האָב דאַנומלט געהערט דערוועגן אַ גאָר שאַרפע קאָנצעפּציע ביי אַ לעקציע פון יונגן ליטעראַטור־פאָרשער חנן חבר, און מסתמא וועט נאָך זיין אַ המשך דערצו.

ח

לבסוף גלוסט זיך ברענגען אַ פראַגמענט פון דעם מאמר פון אַברהם קריב, וואָס גייט סיי אין קלענערן אָפּקלייַב „כּתרים", וואָס עס האָט באַ־ זאָרגט אשר באַראַש, סיי אין גרעסערן אָפּקלייַב „שירים", וואָס האָט באַ־ זאָרגט צבי לוז, דאָרט הייסט עס וועגן רימון: „אויב מיר זאָלן זוכן זיינס־ גלייכן צווישן די דיכטער, וואָס זענען פאַר אונדז געוועזן, פאַרהאַלטן מיר זיך לעבן פרידריך העלדערלין, וואָס פאַראַן צווישן זיי עטלעכע שייכותן אין דער געשטאַלט און אין דער שאַפונג. ווער ווייסט, צי איז נישט

באַשטימט אַ בשותּפותער גורל זייער שאַפונג. אויך ער איז, ווי באַוווּסט, געוועזן אַ דיכטער מחוץ לעניין, און עס בלינצלט אַ השערה, אַז ווען עס וועלן פאַרטונקלט און פאַרגעסן ווערן עטלעכע פון די, וואָס זיצן אין סאַמע פּאָרנט מלכות פון דער פּאָפּולאַריטעט, וועט נאָך קומען דער טאָג פון דעם, וואָס מיר האָבן אים אָנגערופן: „דער פּליאהדיקער דיכטער"

(תּמוז, תשמ"ג)

אָפּשטאָם און גאַנג

אַריינפיר־פּאַראַגראַפן צו אורי צבי גרינבערג

א

אַז דאָס שייכות פון אַ סופר און אַ ספר, איז אַ סך טיפער ווי אַ שייכות פון די אותיות — האָב איך געלערנט פון חיים נחמן ביאַליקס מויל, און עס האָט זיך מיר איינגעקריצט, ווייל עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געהערט בעל־פּה, און דאָס וואָס איך האָב געהערט, איז געווען זיין הספד, ביי דער לוויה פון אחד־העם. פאַרגלייכנדיק דעם גרויסן נפטר צו אַ ספר־תורה, האָט ביאַליק דעם לעצט פון זיין לעבן פאַרגליכן צו די לעצטע שורות, וואָס דער סופר סת"ם פולט אויס די ווענט־לעך פון די אותיות, אַז דער עולם, קינד און קייט, זאָל דאָס אינעווייניקסטע אויספילן. מעגלעך, אַז דער משל פּאַסט זיך אויך צו דעם לעצט פון א. צ. גרינבערגס לעבן — אַרום זיין אַכציקסטן יובל און ווייטער, אָבער איך דערלויב מיר דעם משל ווייטער צו שפּינען און דערמאָנען, אַז נאָך־דעם ווי מען פאַרענדיקט לייענען וזאת הברכה, נעמט מען זיך לייענען בראשית ברא, אַזוי אַז נאָך חתן תורה קומט חתן בראשית. און קומענדיק, נאָך שלושים, רעדן וועגן נפטר, וועל איך אָנהייבן מיטן אָנהייב, און פּרווון צייכענען עטלעכע רמזים וועגן דעם אָרט און צייט פון זיין אָפּשטאָם און גאַנג, וועגן דער סביבה פון זיין שאַפערישן שפּאַן און וועג. און איך דער־לויב מיר אַזאַ פּרווו, ווייל איך בין איינער פון די עלטסטע, אויב נישט דער עלטסטער, פון זיינע נאָך לעבעדיקע לייענערס, פּונקט ווי איך בין איינער פון די עלטסטע, אויב נישט דער עלטסטער, פון די נאָך לעבעדיקע עדות, וואָס האָט אים נאָך יינגלווייז געזען פּנים אל פּנים. אַזוי אַז די טאָפּלטע בכורה מיינע באַרעכטיקט מיך צו זאָגן אַ וואָרט וועגן זיין טאָפּלטן אָנהייב — אין לעבן און אין שאַפן.

ב

וועל איך, ברשותכם, אָנהייבן מיט דעם קרייז פון אונדזער קינדער־און יוגנט־היים — דעם מזרח־גאַליציאַנער דרייַעק: פון דאַנען די צווי ברען־פּונקטן — ערשטנס דאָס שטעטל בילקאַמין, נישט ווייט פון זלאָטשיוו,

(וואָס איז באַרימט מיטן מגיד ר׳ יחיאל מיכל), און אין דעם שטעטל איז געבוירן געוואָרן אורי צבי, אין שטוב פון זיין זיידן, זיין מאַמעס פאָטער, דעם צדיק ר׳ נחום ווידערמאַן, וואָס איך האָב שוין, לויט דער מסורה פון מיין משפחה, געפרווט סקיצירן עטלעכע כאַראַקטער־שטריכן זיינע, אין וועלכע עס איז געווען גאָר ענלעך זיין אייניקל. צווייטנס, דאָס שטעטל גלינע, צפונדיק פון פרעמישלאַן (באַרימט מיטן צדיק ר׳ מאירל, וואָס איז געווען אורי צביס אַן עלטער־זיידע), פונקט ווי עס איז געווען אין אַ נאָך צפונדיקער שטעטל, סטרעליסק, דער צדיק ר׳ אורי, וואָס מען האָט גערופן דער שׂרף, און וואָס אורי צבי איז געווען ווי זיינער אַ רעכטער גלגול. דריטנס, דער צענטער פון יענער סביבה, לבוב המעטירה, קהילת לעמבע־ריק, ווו דער פאָטער ר׳ חיים, אויך אַ רבי פון חסידים, האָט זיך נאָך עטלעכע יאָר וווינען אין גלינע, באַזעצט, ווען אורי צבי איז געווען אַ קוים צוויי־יאָריק קינד, און ווו ער האָט זיך געכאָוועט און געוווינט, ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אַזוי אַז מען קאָן יענע קהילה באַטראַכטן ווי די ספער און אַטמאָספער פון זיין לעבן און איבערלעבן, ווי אַ גרעאַנגל צווישן דרויסן — די יִדישע און מענטאַלע קאַמפן אין דער ייִדישער גאַס און דער גוייִשער סביבה, און צווישן אינעווייניק — דער רביש־חסידישער ירושה פון שטוב און אָפּשטאַם, און דער אַריינדראַנג פון דער וועלטלעך ייִדישער מאָדערנע, צוויי עלעמענטן וואָס האָבן אין אים געלעבט און געוועבט כל ימיו.

ג

געטריי דעם כלל, אַז אַ יעדער פּרווו אָפּצושאַצן אַ שרייבער אין זיין שרייבן, איז מחייב אַ שטיקל ידיעה אין היסטאָריע, געאָגראַפיע, כראָנאָ־לאָגיע, וויל איך עפּעס באַמערקן צו דער רעם פון דערמאָנטן דריַיעק, אַזוי צו זאָגן: כאָטש דער באַגריף און טערמין גאַליציע האָבן עפּעס קינצלעכס, ווייל אַזאַ נאָמען און צונאָמען האָט גאָרנישט עקזיסטירט, און איז נישט מער ווי אַ המצאה פון עסטרייכישן מלכות, ווען עס איז געקומען אָפּצוכאַפּן אַ שטיק פון אַלטן פוילן, און האָט צוגעטראַכט די טענה, אַז ערגעץ, מיט אַ סך דורות צוריק, זאָל די שטאָט האַליטש און איר סביבה האָבן געהערט, ווי אַ נדן, צו איינעם פון זיינע מלכים, און האָט, מחמת דעם, אויסקאָמבינירט דעם נאָמען גאַליציע, פונקט ווי עס האָט אַן אַנדערן פּאַס, לויט דער שטאָט לודמיר, באַקרוינט מיט אַ צוגעטראַכטן נאָמען, לאָדאָמעריע, און מיט די נעמען באַקרוינט, אויך נישט בלויז די דאָזיקע

אוקריינישע טעריטאָריעס, נאָר אויך די פּוילישע טעריטאָריעס פונעם סאַן ביז קראָקע, האָט די עצם שייכות צו דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע, מיט דער צייט, אַלץ מער פאַרטושט דעם חותם פון קינצלעכקייט, און עס האָט זיך אויסגעבילדט אַ באַזונדערקייט, וואָס איז אויך, און צו מאָל, בעיקר געווען ניכּר אין איר יידישן יישוב, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער כּלל־שייכות צו מזרח־אייראָפּעיִשער יידישקייט, און זיין באַצי צו מערב־אייראָפּעיִשן כּמו־יידישקייט, געווען אַ מין וועלט פאַר זיך, וואָס האָט זיך באמת צו בלייבן געטריי זיך גופא, און די געטריישאַפט אַפּגעהיט כּלפּי מזרח און מערב.

כּדי דאָס צו פאַרשטיין, איז גענוג צו פּאַרוּוייזן אויף אַ טעותדיקן קוק, ווי עס קאָנסטרויִרט אים דער לעמבעריקער פּאָפּולאַר־משׂכּיל ר׳ אַברהם מנחם מענדל מאָהר אין זיין פּאָפּולאַרער געאָגראַפיע, ערך גאַליציען (״שבילי עולם״, תּרט״ז און ווייטער), וואָס האָט זיך מסתּמא, באַנוצט מיט אַן אַלגעמיין האַנטבוך, אָבער אויסרעכענענדיק די שטעט און שטעטלעך, לויט זייערע באַצערקן, האָט ער אָנגעוויזן אויפן פּינטעלע ייִד, אָנרופנדיק ביי די נעמען די גייסט־יידן, סיי די גדולי תּורה סיי די גדולי־השׂכּלה (דעם גרעסטן ערך האָט ער דאָ אָפּגעגעבן זיך אַליין), אָבער נישט דערמאָנט, מיט קיין איינציק וואָרט, די גדולי הצדיקים, די גוטע יידן ,און אַפילו די וואָס זענען געווען באַרימטע גדולי תּורה, פּשוט: חסידות איז, חלילה, ווי געשטאָרבן.

אָט דער חסרון דערמאָנט דעם חוב זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע צדדים, מה־דאָך די דריי גרונט־שטראָמען וואָס האָבן, במשך עטלעכע דורות, באַלעבט די מזרח־אייראָפּעיִשע יידן בכלל, און דאָס גאַליצישע יידישקייט בפרט, כּדי אָפּצושיידן דעם פאַרשידנפּנימדיקן רושם זייערן אין אַנטוויקל־גאַנג פון אונדזער דיכטער.

ד

וואָס שייך חסידות, איז עס דאָרט, מיט צוויי דריי דורות צוריק, אַריין אין אַ שווער מחלוקת; דער ביטערער ווידעראַנאַנד צווישן צאַנז און סאַדע־גערע, האָט געלאָזט אויפקומען אַנדערע דינאַסטיעס, און בעיקר די דינאַס־טיע פון חסידות בעלז, ווי עס האָט שאַרף באַשריבן דער גרויסראַדימיש־לער ראובן אייזלאַנד אין זיין פּאָעמע. און דאָס דאָזיקע חסידות האָט זיך געפרווווט פעסטיקן, באַטרעטנדיק צוויי שטעגן, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט נישט באַטראָטן — דעם שטעג פון פּאָליטיזאַציע, שאַפנדיק אַ קאָאַליציע צווישן חסידות, בעיקר נוסח בעלז, און דער למדנישער פרומקייט, בעיקר

בוסח פרעשבורג, און אַזוי איז געבוירן געוואָרן די באַוועגונג „מחזיקי הדת" און איר בלאַט „קול מחזיקי הדת", וואָס דער גאַליציִשער וואַלטער, ר' יהושע העשיל שור, האָט זי נאָך מיט זיינע פּאַסקווילן באַקעמפט אויף די שפּאַלטן פון „עברי אנכי". און די באַוועגונג איז אַ מין פּראָטאָטיפּ פון דער אַ סך שפּעטער אויפגעשטאַנענער „אגודת ישׂראל". ווער עס האָט געלייענט דעם בעלזער יוסף פאַלק, וואָס איז געווען אורי צביס יוגנט־פריינד, און בעיקר זיין נאָוועלע וועגן געשטאַלט און אויפטו פון ר' מרדכי פעלץ, דער שׂר־החוץ פון בעלזער הויף, קריגט עטלעכע הויפּט־באַגריפן וועגן דער שטאַרקונג פון גאַליציש חסידות, ווי בעלז האָט עס רעפּרעזענטירט ווי אַ גורם, און אַפילו ווי אַ פּאָליטישע מאַכט אין די גאַליציִשע יידישע פּאַרטיי־ווידעראַנאַנדן. דער אַנדערער שטעג איז די אורבאַניזאַציע — דער ליצני־שער זאָג פון דוד מרדכי בראַנדשטעטער וועגן די חסידישע צענטערס און זייערע רביים אין די קליינע שטעטלעך: אַזוי ווי מען האָט נאָר אויסגעבויט די באַן, איז פונעם שטעטל אַוועק דער רבי מיט זיין הויף און סוויטע, איז געוואָרן אַ פּוסטער זאַג, זינט עס האָט זיך געשטאַרקט דער איבערגאַנג פון די חסידים און פון זייערע רביים פון די שטעטלעך אין דער גרויס־שטאָט, אַ פּראָצעס וואָס האָט זיך זייט דער ערשטער מלחמה גאָר גע־שטאַרקט.

אַגב, הרב ר' מנחם גוטמאַן האָט מיר דערציילט, אַז דער פאָטער זיינער האָט דעמאָלט געקריגן אַ בריוו פון אורי צביס טאַטן, אַז אין לעמ־בעריק ווינען מאה צדיקים, און איך דערמאָן זיך אַז איך האָב גראָד דעמאָלט געהערט פון מיין פעטער, ר' שלום לייב אויערבאַך: סדום מיט עמורה האָבן שוין נישט וואָס מורא צו האָבן, ווי איינער זאָגט, אַז וואָס אַברהם אָבינו האָט געזאָגט בתוך העיר, מיינט מען עקסטער סדום און עקסטער עמורה, אַזוי אויב יעדע וואָלט געהאַט אירע פופציק צדיקים, וואָלטןביידע ניצול געוואָרן. און דער פּראָצעס פון איבערגאַנג האָט זיך אויסגעברייט אויף ווין און בודאַפּעשט, און אורי צביס טאַטע איז נאָך אַוועק קיין לעמבעריק אַנדערטהאַלבן טוץ יאָר פריער.

ה

וואָס שייך דעם שטראָם פון למדנות — איז עס דאָך געווען אַ תקופה פון אַן ענאָרמען אויפבלי פון גאַליציִשע גדולי תורה, פּוסקי־הלכה, און גענוג צו דערמאָנען דעם בערזשאַנער ר' שלום מרדכי שוואַדראָן, דעם גרויסראַדאָמישלער און שפּעטער קאָשויער ר' שמואל ענגל, דעם בעטשו־

טשער און שפּעטער טאַרנעווער ר׳ מאיר אַראַק, דעם פּידהייצער ר׳ שלום ליליענפעלד, דעם איסטיטשקער ר׳ מרדכי פּאַהאַרילע, דעם סניטינער און שפּעטער בראָדער ר׳ אַברהם מנחם מענדל שטיינבערג הלוי — אַלץ אויפן שוועל פון דער ערשטער מלחמה און צום טייל האַרט נאָך איר. און עס לאָזט זיך איבערחזרן די קשיא פון ש״י עגנון, צי זענען די דאָזיקע גדולי תורה נישט די אייבער־שפּיצן פון גייסטיקן כּוח פון די גאַליצישע יידן אין יענער צייט, ווען סיי איר חסידות, סיי איר השׂכּלה האָבן זיך געפונען אויף דער אַראָפּשטייגנדיקער ליניע פון עפּיגאָניע און נישט די און נישט יענע האָבן אויפגעשטעלט ענלעכע געשטאַלטן.

ו

און די קשיא איז גריילעך אַ קשיא — דען וואָס שייך חסידות, האָבן מיר דאָך שוין געהערט, ווי אַזוי זי האָט געהאַלטן, און וואָס שייך השׂכּלה, איז דאָך איר גדולה שוין פאַרביי מיט אַ דור צוויי צוריק, און געבליבן איז אַ מין דאַרער גרוגרת פון בלייכע מליצות, בפרט נאָך עס האָבן זיך אויף איר פאַרנומען צוויי אַסימילאַציע־כוואַליעכלעך — איינע, וואָס האָט דייטשיש געשיקלט קיין ווין — די חברה „שומר ישׂראל״ און איר בלאַט Israelit; און די אַנדערע, וואָס האָט פּויליש געקאָקעטירט קיין לעמבעריק און קראָקע, די חברה Agudas Achim און איר בלאַט Ojczyzna (פּאָטער־לאַנד), און יעדע איינע פון די צוויי חברות האָבן איעדע אין איר ווינקל שוואַכלעך געפּילעוועט, אַ מין רופא־לא־לו, אַ ברעקל לשון קודש, אין אירע בלאַסלעכע שרייבערס, און אין די טירן זייערע האָט שוין הויך טאַראַ־בענדעט די יונגע נאַציאָנאַל־יידישע באַוועגונג, וואָס איז צום טייל נאָך נאָכגעגאַנגען דעם בת־קול פון פּרץ סמאָלענסקין און זיין „השחר״ און צום טייל נאָך נאָכגעגאַנגען דעם ווידערקול פון נתן בירנבאַום און זיין Selbst-emanzipation, צו וועלכן עס איז באַלד צוגעקומען די היימישע פּרי־ציוניס־טישע Przyszlość (= צוקונפט) און שפּעטער Wschód (= מזרח).

ז

און איך האָב בכוונה דערמאָנט די פּרעמדשפּראַכיקע נעמען פון די צייטשריפטן — דען דאָס איז דער צד השווה צווישן די לעצטע אַסימי־לאַנטן און די ערשטע נאַציאָנאַל־יידן, און צווישן זיי, און אַפילו בראש

פון זיי, די ציוניסטן, וואָס די פרעמדשפּראַך האָט זיך ביי זיי געשטאַרקט, נישט בלויז ווי אַן אויסדרוקס־כּלי פון דער פּובליציסטיק, נאָר אויך ווי אַן אויסדרוקס־כּלי פון דער שיינער ליטעראַטור. אַוודאי האָט נאָך די יידישע מאַסע געשיקט אירע קינדער אין די חדרים און בתי־מדרשים (גאַליציע האָט נישט געקענט די אינסטיטוציע פון ישיבות, און זיי האָבן זיך ערשט שפּעטער און ווינציק געגרינדעט, ווי די אושפּיצינער ישיבה פון ר׳ פּנחס באַמבאַך אָדער די בראָדשינער ישיבה פון רי״א קעמעלהאַר), און אַוודאי האָט די יידישע מאַסע אָפּגעהיט און גערעדט מאַמע־לשון, אָבער די פּוילישע פאָלקשול און גימנאַזיע האָבן געטאָן זייערס, און די שפּראַך־אַסימילאַציע איז געוואָרן אַלץ אַרומנעמערישער און ברייטער, און אויב די פרעמדשפּראַך האָט נישט פאַרכאַפּט אַלע טאַלאַנטן, און עס האָבן זיך פון זיי אָפּגעראַטעוועט פאַר אונדזער אייגענער, היימישער ליטעראַטור, דאַרף מען נאָכגיין דער ביאָגראַפיע פון די שרייבערס, בעיקר די גרויסע פון זיי, אויב נישט דער באַשלוס פון זייערע טאַטע־מאַמעס, זיי נישט צו שיקן אין יענע אַנשטאַלטן, וואָס לערנען פרעמדע שפּראַך, האָט אַ האַנט דערביי, און עס איז אַ ספק, אויב אַ פרעמדשפּראַכיקע שול, ווי עס איז געווען די פּוילישע פאָלקשול און אַ פּוילישע גימנאַזיע וואָלטן אונדז אויפגעכאָוועט אַזעלכע צוויי גילדענע כּלים, וואָס גאַליציע האָט אויפגעשטעלט — ווי אין בעטשוטש עגנון אין דער פּראָזע, און אין לעמבעריק אורי צבי אין דער פּאָעזיע.

ח

אָבער אַז עס איז שוין אויסגעקומען צו רייד, ווילט זיך זאָגן אַ וואָרט וועגן דער פילשפּראַכיקייט פון יידישן גאַליציע. זי איז געווען אַ פינפ־פאַכיקע — געלערנט און געדאַוונט לשון קודש, גערעדט צווישן זיך האָט מען יידיש, מיטן רוב גוייִשער דאָרפישער באַפעלקערונג — רוטעניש, וועלכע מען האָט נישט געלערנט אָבער באַדאַרפט בעל־פּה פאַר דער פּרנסה וועגן; די שפּראַך פון נאָענטן הערשנדיקן מיעוט אין קרוינלאַנד איז געווען פּויליש, און דאָס לשון פון די ווייטע הערשערס אין דער מאָנאַרכיע איז געווען דייטשיש, וואָס איז זייט אָנהייב פון דער השׂכּלה געווען די קולטור־שפּראַך פון דער יידישער אינטעליגענציע און אירע נאָכגייערס, ביז פּויליש האָט דאָ איבערגענומען איר אָרט און ראָל. אָט די פינפאַכיקע שפּראַכי־קייט האָט זיך איינגעקאַרבט אין דעם גאַליציש־יידישן שטייגער און האָט אויפגעדריקט איר חותם אויף זייער ליטעראַטור. אַזוי נאָך אין צייט פון

דער השׂכּלה אין דער פּילשפּראַכיקייט פון אירע משׂכּילים — דער פּאָדאָ־ליער מנחם מענדל לעפין, וואָס האָט געלערנט און געווערקט אין בראָד און אין טערנאָפּאָל, ווו ער איז אויך נפטר געוואָרן, האָט געשריבן עברית, איבערגעזעצט דעם מורה נבוכים אויף מישנה־לשון, און די חיבורים פון טיסאָ, קאַמפּע, פראַנקלין; אויף יידיש איבערגעזעצט תּהילים, משלי, קהלת, איכה און מעגלעך גאַנץ שוואַרבע; דייטשיש געשריבן אַ סאַטירישן ראָמאַן אויף אַפּצוחוזקן די חכמי אבדערא (וואָס איז דאָ אַן אַנאַגראַם פאַר בראָד), און נאָך פריִער פראַנצויזיש — אַ בראָשור וועגן פאַרבעסערן דעם מעמד, די בילדונג פון די יידן און די בראָשור איז געווענדט צו די גוייִם און זייער עמאַנציפּאַטאָרישער גנאָד.

דער שפּראַך־אויפטייל איז דאָ אַ קלאָר פונקציאָנאַלער — אַ יעדעס לשון און זיין באַשטימטער אַדרעס. זיין תּלמיד ווייטער, יוסף פּערל, האָט געשריבן עברית זיין פּאַראָדיע „מגלה טמירין" און שפּעטער האָט ער זי אויך פאַריידישט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט פילדינגס ראָמאַן „טאָם דזשאָנס" און מיט אַ ראָמאַן מימי בית שני; אין דייטשיש האָט ער געשריבן זיין פּערסיפלאַזש וועגן דער כּת חסידים. און אויך דאָ האָבן מיר אַ פונקציאָנאַלן אויפטייל. אַנדערש שטייט עס מיט די תּלמידי־תּלמידים פון לעפין, ווו דער שפּראַך־אויפטייל איז אַן אַנדערער — אַזוי, אַ שטייגער, האָט ר׳ מרדכי אליהו ווערבל געשריבן עברית זיין „חולדה ובור", וואָס דער איידעם זיינער, אַברהם גאָלדפאַדן האָט דראַמאַטיזירט, דאָס איז דאָך די באַקאַנטע „שולמית". אָדער הערש רייטמאַן האָט מחבר געווען די פּאָעמע „דער קיטל", ווו ער האָט אָריגינאַל באַאַרבעט שילערס Die Glocke.

און אויב מיר האָבן דאָ נישט קיין אויפטייל, לויט דער אַדרעס פון פאַרשיידענעם לייען־ציבור, מעגן מיר, דוכט זיך, אָננעמען, אַז עס איז אַ מעשׂה וויטע אָבות וואָס איז אַ סימן פאַר נאָענטע בנים, וואָס האָבן זיך באַמיט צו דערהאַלטן ביידע אייגענע, היימישע שפּראַכן, אָדער איינע פון זיי, און מיט דער צייט האָבן זיי צוגעשטעלט אַ פרעמדשפּראַך, וואָס איז פאַר אַ סך געוואָרן דאָס איינציקע ליטעראַטור־לשון.

ט

און כּדי זיך מער און גיכער צו דערנענטערן צו אונדזער תּקופה, דעם אָנהייב פון אונדזער דיכטער, וויל איך אָנווייזן אויף אַ טאָפּעלע דוגמה, צוויי פריינד, ביידע יוסף, וואָס זענען געבוירן און אויפגעוואַקסן אין אונדזער דיכטערס סביבה (אַגב, זיי זענען אַלע דריי כּמעט אין דעם זעלבן

עלטער און זענען אַלע דריי געווען עסטרייכישע זעלנער בעת דער ערשטער מלחמה) — איינער יוסף ראָט, וואָס האָט פאַרענדיקט די דייטשישע גימנאַזיע אין בראָד און געוואָרן אַ דייטשישער שרייבער און האָט זיך צום סוף ענטוזיאַזמירט פאַר קאַטוילישקייט און געוואָלט מחדש זיין די האַבסבור־גישע מאָנאַרכיע, דער אַנדערער, יוסף וויטלין, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן בראָד, האָט נישט, ווי זיין טאַטע און פינף פעטערס, געלערנט אין דער בראָדער דייטשישער גימנאַזיע, נאָר אין אַ פוילישער לעמבעריקער גימנאַזיע און איז געוואָרן אַ פוילישער דיכטער, פּראָזאַיִקער, איבערזעצער (האָמער), און לסוף האָט ער פאַרביטן זיין נאָמען אויף פראַנ־טשישעק יוזעף און האָט, פאַרן טויט, אָנגענומען סאַקראַמענטן. אַוודאי איז דאָס ווייט פון יענעם יוסף וויטלין, מיט אַ דריי דורות צוריק, אַ ייִדיש־פּיאָנער אין דער השׂכּלה, וואָס זיין בוך „אַלטער לעב", האָט אָנגערעגט אַ נישט אַנדערן, ווי שלמה עטינגערן, צו נעמען שרייבן ייִדיש.

י

אַוודאי זענען די צוויי יוסף עקסטרעמע דוגמות, וווהין דער ליטעראַ־טור־באַנוץ אין אַ פרעמדשפּראַך קען און מוז פירן, אָבער עס איז פאַרט איינס און דאָס זעלבע אָרט און איין און די זעלבע צייט, און מיר האָבן צו טאָן מיט אַ דרייַיִקער שפּראַכיקייט — און מיר זענען זיך קודם כּל מכוון צו אַ פאַרשוין, וואָס ווערט געהאַלטן ווי דער פּאָטער פון דער מאָדערנער גאַליציש־ייִדישער ליריק, שמואל יעקב אימבער — וואָס זיין טאַטנס ברודער, דער מחבר פון דער „התקווה", איז געווען אַ עברית־שרייבער אָבער ער, דער מחבר פון „היימלידער", „אסתּרקע" וכדומה, וואָס איז נישט געווען קיין ייִדישיסט, האָט קיין עברית נישט געשריבן, דערפאַר אָבער פּויליש; זיין מאָנאָגראַפיע וועגן אָסקאַר ווײַלד און זיינע פאָלע־מישע ביכער; אויך זיינע ערשטע לידער האָט ער געשריבן פּויליש, פּונקט ווי מלך ראַוויטש און מיט אַ דור שפּעטער — רחל קאָרן און דבורה פאָגל. און לגבי אימבער איז עס שוין געווען אַ חידוש — ווייל זיינע נאָענטסטע פריינד, דוד קעניגסבערג, יעקב מעסטל, משה לייב האַלפּערן האָבן אָנגעהויבן שרייבן דייטשיש. עפּעס פאַר דער גרופּע אַרום אימבערן און אַפילו מיט פיר יאָר עלטער פון אים איז געווען מלך כמיעלניצקי — געבוירן אין צאַרישן פּאָדאָליע, איז ער געקומען קיין גאַליציע אַ בר־מצוה־ייִנגל, אַריין אין אַ פּוילישער גימנאַזיע און גאָר גיך גענומען שרייבן מיטן

פּסעוודאָנים Achma, פּוילישע לידער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין Życie (= לעבן) פון פּשיבישעווסקי, שפּעטער פאַרפּוילישט די מאָדערנע ייִדיש־פּאָעזיע, און נאָך שפּעטער געשריבן בלויז ייִדיש. ווי ווייט זיין השפּעה האָט געגרייכט, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפון, אַז זכריה חנא בערגנער האָט זיך פון אים, פון כמיעלניצקין, אויסגעליִען דעם נאָמען און פון אַ גיבור אין למד שפּיראָס אַ נאָוועלע האָט ער זיך אויסגעליִען דעם משפּחה־נאָמען, צוזאַמען מאַכט עס: מלך ראַוויטש.

יא

אָבער קעגן דער טאָפּל־שפּראַכיקייט, ייִדיש און גוייִש, וואָס איז געווען ווייניקער באַשטאַנדיק און מער צייטוויייליק, איז געווען אַן אַנדערע היסטאָרישע און גרונטיקערע טאָפּל־שפּראַכיקייט, עברית און ייִדיש, אַ כּלל־דערשיינונג, וואָס האָט שוין דעמלט, ווען אורי צבי׳ס שטערן איז אויפגעלויכטן, געגומען זעלטענער ווערן, בעיקר ביים יונגן דור, און גאָר בולט אין דער פּאָעזיע, ווו עס האָט געהערשט אַן איינשפּראַכיקייט — מער ייִדיש און ווייניקער העברעיִש.

וואָס שייך ייִדיש, איז כּדאי אַ קוק דערלאַנגען אין מענדל נייגרעשלס מאָנאָגראַפיע: די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור אין גאַליציע (אַריין אין געזעמל: פון נאָענטן עבר, באַנד א׳, 1955). אמת, זי נעמט אַרום די יאָרן 1904 ביז 1918, און לויט זיין פּלאַן איז געווען אַ חלק וועגן פריִער (1890 ביז 1900), און אַ חלק וועגן שפּעטער (1918 ביזן חורבן), און מיר ווייסן נישט, צי האָט ער זיין פּלאַן אויסגעפירט, אוןביידע חלקים געפינען זיך אפשר אין זיין עיזבון. אמת, אין אַרויסגעגעבענעם טייל האָט ער נאָך נישט אַריינגענומען ראַוויטשן און גרינבערגן, כאָטש ביידע האָבן געשריבן און פּובליקירט, אַפילו אין בוך־פאָרעם פאַר 1918, לאָזט זיך פון אים אַ סך לערנען, בפרט אַז די טעותים זיינע וועלכע שטאַמען פון זיינע אידעאָלאָגישע איינזייטיקייטן, ווי זיין אַנטי־העברעיִזם און אַנטי־ציוניזם, לאָזט זיך לייכט אָפּוועגדן, און ווער עס וויל זיך באַקענען מיט דער אַטמאָספער, די גערונגען און פּראָבלעמען פון דער דעמלטיקער ייִדיש־ליטעראַטור אין יענער פּראָווינציע, קען זיך אָן דער מאָנאָגראַפיע נישט באַגיין. און מעגלעך, אַז דווקא ווייל די ייִדיש־ליטעראַטור ווערט דאָ סעפּאַרירט און אויסשליסלעך באַהאַנדלט, זעט זיך דאָ דער טאָפּל־היימיש־שפּראַכיקער שרייבער גאָר בולט אַרויס. און אָט אַ פּאָר דוגמות דערצו — ער, נייגרעשל, ווייסט גאָר־

נישט וועגן ש״י עגנון, כאָטש ער האָט, אין באַהאַנדלטן פּעריאָד, געדרוקט יידישע לידער, פּרימיטיווע, אָבער צייטיקערע פון זיינע דעמלטדיקע העברעיִשע שירים, פּונקט ווי ער האָט געדרוקט יידישע דערציילונגען, וואָס זענען וויטאַלערע פון זיינע דעמלטדיקע העברעיִשע סיפּורים (אָבער ער האָט אויך נישט קיין ערך נישט אין לעקסיקאָן פון רייזען און נישט אין נייעם יידישן לעקסיקאָן). אָבער זייט זיין עליה האָט ער מער קיין יידיש נישט געשריבן, און אויפן וועג פון ש״י טשאַטשקיס צו ש״י עגנון האָט ער שנעל פאַרלוירן זיין פּאָעזיע און האָט זי בלויז צומאָל מטריח געווען, כּדי צו קאָנסטרויִרן מיני פאָלק־לידער, וועלכע ער האָט אַריינ־געפלאָכטן אין זיין פּראָזע. איז כּדאי צו געדענקען, אַז ער האָט פאַרלאָזט גאַליציע אין סאַמע אויפוועק פון איר דיכטונג און אירע דיכטער, וואָס בלויז איר וויט עכאָ האָט דערגרייכט בעטשוטש, און אַן עדות זענען די בלעטער פון דאָרטיקן „דער יידישער וועקער״, וואָס ער איז געווען זיין מיט־רעדאַקטאָר און הויפּט־מיטאַרבעטער, פּונקט ווי ער איז עס געווען אין לעמבעריקער העברעיִשן „העת״ — צוויי בלעטער וואָס זענען געווען אַ מין המשך פון פּאָר דער מאָדערנע, וואָס נייגרעשל באַשטימט 1908 ווי איר אָנהייב.

ענלעך צו עגנון און אַנדערש פון אים איז געווען אשר באַראַש — זיין בינטל יידיש־לידער שטייט אויף דער זעלבער, אויב נישט העכערער מדרגה פון אימבער און זיין גרופּע, אָבער אויך ער האָט מיט זיין עליה, פיר יאָר נאָך עגנונס, אָפּגעשלאָסן זיין יידיש־שרייבן, און מיט דער צייט האָט ער אויך פאַרלאָזט זיין העברעיִש־פּאָעזיע, און האָט זיך, ווי עגנון, מתיחד געווען בלויז אין דער עברית־פּראָזע, וואָס ער האָט זיך אין איר אויסגעצייכנט נאָך וווינענדיק אין גאַליציע.

יב

און דאָס איז כּדאי צו פאַרגעדענקען, אַז דאָס פאַרלאָזן יידיש ווי אַ שעפּעריש לשון, מצד די וואָס זענען געווען טאָפּל־שפּראַכיק, איז אַ מין קענצייכן פון די, וואָס זענען געקומען אַהער, פון מזרח־אייראָפּע, מיט דער צווייטער עליה, אַזוי דוד שמעוני, יעקב שטיינבערג וכדומה. אמת, פאַראַן אַן אַנדערע דוגמה — אהרן ראובני, וואָס זיין ערשט בוך, דאָ אין לאַנד, זענען געווען יידיש־לידער, און זיין פּראָזע איז, נאָך יאָרן, גרונטיק גע־שריבן יידיש און פאַרהעברעיִשט פון אַנדערע און דערנאָך פון אים, ביז ער

האָט זיך סטאַטואירט ווי אַ בלויז העברעיִשער דערציילער, פּובליציסט, אַפילו פּאַרשער. יאָ, אין דער צווייטער עליה און לעבן איר זענען געווען אפרים אויערבאַך, ז. ווינפּער, תּלוש, ז. ברכות — אָבער זיי זענען צוריק אַוועק אין גלות, און בלויז דער ערשטער און לעצטער זענען לסוף־ימיהם אַהער צוריקגעקומען.

יג

אָבער קערן מיר זיך אום קיין גאַליציע כּדי צו דערמאָנען אַ געשטאַלט, וועלכע מיר האָבן הי געקאָנט, מאיר האַרטינער, וואָס איז געווען אַ מין פּראָטעקטאָר פון דער יידיש־מאָדערנע דאָרט — זיין ביסל העברעיִש־פּאָעזיע איז, מחמת איר משכּילישקייט, פאַרגעסן געוואָרן, אָבער זיין יידיש שרייבן האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג מחמת איר פאָלקישקייט — אַזוי זיינע גאָר פּאָפּולאַרע לידלעך („ס׳ראַשט און זידט דער אונטערהאַלט״ אָדער „מען זאָל זיי נישט דערקענען זשידוווקעס אַז זיי זענען״) אָדער זיין העפט „כּנסת ישׂראל בצער״, וואָס מ׳האָט געלייענט אין בתּי־מדרשים, אָבער אין תּוך איז ער דעמלט געווען אַ פאַרשפּעטיקטער המשך פון בנימין זאב עהרענ־קראַנץ, משמע: וועלוועלע זבאַראַזשער, וואָס האָט זיין „מקל נוֹעם״ אַרויס־געגעבן אַ זייט עברית קעגן אַ זייט יידיש, פּונקט ווי עס האָט נאָך אים געטאָן בירך שאַפיר, און דער חילוק צווישן די צוויי נוסחאות פון דעם זעלבן טעקסט באַשטייט דערינען, וואָס דער העברעיִש־נוסח איז געהאַלטן אין הויכן רעטאָרישן סטיל און דער יידיש־נוסח איז געהאַלטן אין נידע־ריקן פאָלקישן סטיל, און עס גייט צווישן זיי נישט אָן אַ קאָנקורענציע צו דערגרייכן אַן איינהייטלעכע סטיל־הייך. דוכט זיך, אַז די דוגמה פון זייער יורש אין דער פּאָעזיע, מאיר האַרטינער, שטרייכט אונטער דעם פאַרקערטן כּיוון — דאָס שאַפן אין ביידע שפּראַכן און אויף אַן אופן, אַז זייערע באַזונדערע ירושות ווערן איין נחלה, און דוכט זיך, אַז דעמלט און דאָרטן איז דערצו נישט געווען קיין קלאַסישערע ראיה, ווי עס איז געווען אורי צבי גרינבערג.

די קענטשאַפט פון ביידע לשונות, אַ יעדע ביז אויפן גרונט אירן, ווי עס זענען מחייב אירע טיפסטע וואָרצלען, און כּדי צו דערגרייכן, סיי אין איינער סיי אין דער אַנדערער שפּראַך, די העכסט־מעגלעכע הייך פון אויסדרוק, דאָס ווערט קלאָר אַ יעדן, וואָס לייענט זיין פּאָעזיע, אין אירע ביידע תּקופות — תּקופת פּוילן מיט איר פריִע יידישע לידער־בענד, וואָס

האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון דער דאָזיקער פּאָעזיע, און עס איז כּדאַי נאָכצופאָרשן די תּקופה, אין וועלכער ער האָט געשאַפן אין ביידע לשונות, כּדי צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס פון אַ שפּראַכלעך סימולטאַנער שאַפונג, אין וועלכער ער האָט דערוואָרבן צוויי מיני שלימותן, און עס איז אַ חוב דאָס נאָכצופאָרשן פון סאַמע אָנהייב, די ערשטע ייִדיש־לידער זיינע און די ערשטע העברעיִש־לידער זיינע, און עס וועלן זיך דאָ אַנטפּלעקן סור־פּריזן, און צווישן זיי בעיקר דער חילוק צווישן די וועגן פון רעפּרעזענ־טאַטיווע צווייִשפּראַכיקע שאַפערס.

יד

אַזוי, אַ שטייגער, די שיטה פון זיך־אַליין־איבערזעצן, ווי מיר האָבן זי אין דער פּאָעזיע און פּראָזע — מענדעלע און דוד פרישמאַן, ז. שניאור און י. ד. בערקאָוויטש; דאָ האָבן מיר דעם זעלבן סוסטראַט אין ביידע לשונות, בעת ביי אורי צבי איז די צוויי־געלייזיקייט אַ גרונטיק אַנדערע, פאַר אים גופא זענען זיינע שאַפונגען אומאיבערזעצלעך — די שפּראַכן זיינע זענען בחינת תהום לתהום קורא, טייטש: אַן אָפּגרונט רופט צו אַן אָפּגרונט, ער אַליין קאָן צווישן געשאַפענעם ווערק אין איין שפּראַך נישט שאַפן קיין עקוויוואַלענט אין דער אַנדערער שפּראַך. פאַר אים זענען די ווערק זיינע, אין דעם באַצי, אומאיבערבריקלעך, און די דערשיינונג פאָדערט אַ סקרופּולאַטע שטודיע, און פאַרשטייט זיך, אַז בלויז אַ פאָרשער, וואָס איז אויסגעשטאַט מיט אַן אויסערגעוויינטלעך בקיאות אין ביידע לשונות, און קען זיך אויס אין אירע געהיימסטע וויברירונגען, איז מסוגל צו אַזאַ אויפגאַב.

טו

און דאָס איז נישט קיין לייכטע מלאָכה, שוין ווייל זי פאָדערט אַ פולקומענע בקיאות אין אַלע זיינע כּתבים, און דאָס איז אַ פאַרוויקלטער ענין. ערשטנס, האָבן מיר ערשט, מיט אַ גאָר קורצער צייט צוריק, גע־קריגן אַ פאָלנע ביבליאָגראַפיע פון זיינע כּתבים, ווי עס האָט זי, מוסטער־האַפט, צוזאַמענגעשטעלט יוחנן ארנון; און דער רוב כּתבים זיינע איז

צעוואָרפֿן. אַפֿילו די וואָס איז אַריין אין בוך־טאָוולען, זענען געוואָרן אַ יקר־מציאות, און אַלע בקשות צו אים, צו דערלויבן זיינע ביכער צו באַנייען און דאָס צעוואָרפֿענע צוזאַמענצוזאַמלען, האָבן גאָרנישט געפּועלט, און ער האָט בלויז דערלויבט דאָס צו טאָן לגבי די ייִדיש־כּתבים, וועלכע זענען אַרויס צו זיינע גבורות, און חנא שמערוק האָט דאָס אויך געטאָן — און זיי זענען, אין צוויי גרויסע בענד, גרויס־פֿאָרמאַט אין זעקסהונדערטפּופּציק זייטן, דערשינען אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און האָפֿנטלעך וועט עס אויך אַזוי צוגיין מיט זיינע העברעיִשע כּתבים. ערשט דעמאָלט וועלן זיך שאַפֿן די פּשוטסטע באַדינגען פֿאַר דעם איינציקאַרטיקן און אייגנאַרטיקן, און צו גלייך פֿיל־עלעמענטנדיקן און פֿיל־סתּירותדיקן פּענאָמען, וואָס האָט מיט כּוח פֿון וויזיע און אויסדרוק, סיי אין זיינע אַרויפֿן סיי אין זיינע אַראָפּן, גאָר זעלטן זיינס גלייכן אין אונדזער ליטעראַטור, און זיך דער־גרונטעווען דערצו איז כּמעט אידענטיש מיט אַן אַנאַליז פֿון אַן אָרקאַן.

אַוודאי נישט אַלע, וואָס ווילן זיך דערגרונטעווען דערצו, זענען פּעיִק דערצו, שוין מחמת דעם וואָס די טאָפּלטע שפּראַך־אָפּגעפֿרעמדקייט שטערט ביז גאָר. פֿאַר נישט ווייניק זענען די טויערן פֿון זיין העברעיִשער פּאָעזיע אָפּגעשלאָסן, און פֿאַר נישט ווייניק פֿון זיי די טויערן פֿון זיין ייִדיש־פּאָעזיע אָפּגעשלאָסן.

טז

און אויב די און די רעדן זיך איין, אַז מען קען זיך באַנוגענען בלויז מיטן עברית־קאַנאָן אָדער בלויז מיטן ייִדיש־קאַנאָן, זענען זיי זיך האַרב טועה, און מיר האָבן שוין געזען, וואָס פֿאַר אַ שטותים עס וואַקסן אַפֿיר פֿון אַזאַ איינזייטיקן באַהאַנדל, וואָס שטאָט דער פֿאָרשער זאָל זיך צופּאַסן צו דעם פֿולן היקף פֿונעם געפֿאָרשטן, פּאַסן זיי אים צו צו זייער באַגרענעצטער שפּראַך־יכולת און זיין רגילות אָדער געמיטלעכקייט. אַוודאי איז די פֿאָדע־רונג אַ גרויסע, אָבער נישט אומזיסט שטייט עס ביי ישעיהו: למדו היטב דרשו משפּט, אַמערשט לערנט לייטיש, און שפּעטער וועט איר קענען האָבן אַ רעכטן אָפּשאַץ. ביליקער גייט עס נישט.

(אב תשמ״א)

אַ מחלוקה און איר ווידעראַנאַנד

וועגן און אַרום מדרש־איציק

א

דאָס בוך, וואָס ליגט איצט פֿאַרן לייענער און לערנער, און הייסט: מדרש איציק, איז אַן אָנקלויב פֿון איציק מאַנגערס לידער, וואָס זייער צד השווה באַשטייט אין זייער בשותּפֿותדיקער טעמאַטישקייט — עס זענען לידער, וואָס זייער כּלל־ענין און זייערע פּרט־ענינים האָבן זייער מקור אין תּנ״ך. דער עצם אָנקלויב זייערער איז נישט קיין פֿאַרלעגערישע נאָווינע. ערשטנס, איז שוין אַ גאָר היפּשער טייל פֿון די לידער אַרויס ביים לעבן פֿון מחבר, און דאָס אין צוויי באַזונדערע בענד חומש־לידער (וואַרשע, 1935) און מגילה־לידער (דאַרט, 1936). צווייטנס, זענען די לידער אַרויס צוזאַמען אין איין באַנד, טאַקע אונטערן נאָמען מדרש איציק (פּאַריז, 1951). דריטנס, זענען זיי ווידער אַרויס צוזאַמען, אָבער אין אַן אַנדערן אויפֿטייל, און מיט אַ לייטישן צוגאָב פֿון אַנדערע לידער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער וועלט פֿון תּנ״ך, אירע טעמעס און מאָטיוון, און זענען געווען אין אַנדערע ביכער פֿון מאַנגער, אָדער געפּובליקירט אין בלעטער אָדער דער־האַלטן אין כּתב־יד, און דאָס אַלץ איז אַרויס גערעדאַקטירט פֿון חנא שמערוק, דורכן ייִדיש־אָפּטייל אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים (תּשכ״ט). פֿערטנס, אַזוי ווי דאָס דאָזיקע בוך האָט זיך פֿאַרשפּרייט און איז מער נישטאָ אויפֿן מאַרק, און דער פֿאַרלאַג און דאָס באַדערפֿעניש פֿאָדערן אַ נייע עדיציע, קומט זי איצט צו שטאַנד און מיט אַ צוגאָב פֿון נאָך צוויי שאַפֿונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעפֿונען. פֿיפֿטנס, נאָך אַ שטיקל שינוי — מיין אַריינפֿיר צו דער פֿריִערער אויסגאַב חזרט זיך אויך איצט איבער, אָבער אויב ער איז, מיט איבער אַ טוץ יאָרן צוריק, געגאַנגען עברית, ווי עס פּירט זיך לגבי ייִדיש־טעקסטן, וואָס גייען אַרויס אין די היגע אַקאַדע־מישע אינסטיטוציעס (די אוניווערסיטעטן, די העברעיִשע נאַציאָנאַלע וויסנ־שאַפֿטלעכע אַקאַדעמיע, דער פֿאָלקלאָר־צענטער וכדומה), ברענג איך אים איצט ייִדיש (ווי איך האָב עס שוין געטאָן לגבי די ייִדישע שריפֿטן פֿון ש״י עגנון, וואָס דער דערמאָנטער ייִדיש־אָפּטייל האָט אַרויסגעגעבן).

ב

וועלן מיר אָנהייבן מיט אַ כּלל־באַמערק — אויך די איצטיקע עדיציע נעמט אַריין אַלץ, וואָס איז געווען אין דער פריִערדיקער, אַזוי אַז מיר האָבן פאַר זיך דעם פולקומענעם פאַרנעם פון מאַנגערס שאַפערישן באַצי צום תּנ״ך, און אויך איצט דאַרף מען זיך פרעגן, צי עס וואָלט נישט געווען לאָגיש, אַז דער סדר פון די לידער זאָל גיין לויט דער כראָנאָ־לאָגיע פון די תּנ״ך־ספרים, וואָס זענען דער סוסטראַט פון די לידער. אָבער אויך איצט איז גענוג אַ לייכטער דורכקוק פון בוי און אויפבוי פון די עצם לידער סיי לויט זייערע קאָמאַסירטע גרופּן, וואָס גייען צוזאַמען, און סיי לויט די איינצלנע לידער, וואָס זענען צעשפּרייט אין פאַרשיידענע ביכער, כּדי צו באַרעכטיקן דעם אויפטייל פון פיר קאָמפּלעקסן — דריי פון זיי קאָמאַסירטע: ערשטנס, די חומש־לידער, וואָס האָבן צו טאָן מיט ענינים פון ספר בראשית, פון אָדם און חוה ביז די אָבות ואמהות און יוסף הצדיק; צווייטנס, די לידער לויט ספר שמואל און אַרום, וואָס האָבן צו טאָן מיט ענינים פון שמואל הנביא, בית שאול און בית דוד, און ווי אַ באַזונדערער צולאָג, די לידער לויט מגילת רות; דריטנס, די לידער פון מגילת אסתּר; פערטנס אַ קאָמפּלעקס פון צעוואָרפענע לידער און וואָס זענען זיך דאָ צוזאַמענגעקומען, און דאָס זענען שפּילן, באַלאַדעס און סאָנעטן, וואָס זייערע טעמעס האָבן פאַרשיידענע מקורים — אָנהייבנדיק פון ספר בראשית, דורך ספרי שופטים, שמואל, מלכים און פאַרענדיקט מיט ספר איוב. דער סדר פון דעם געזעמל, מעשה חנא שמערוק, לאָזט ווי איזאָלירט איין ליד, וואָס ווערט געגעבן אין סאַמע אָנהייב: „עקידת איציק", וואָס איז אַריין אין בוך דעמערונג אין שפּיגל (וואַרשע, 1937), און עס איז אַנדערש פונעם ליד „עקידת יצחק", וואָס איז אַריין אין דיכטערס ערשטן בוך שטערן אויפן דאַך (בוקאַרעשט, 1929). און דער עיקר שינוי צווישן די צוויי לידער באַשטייט דערינען, וואָס ער שטעלט אַנידער אַ גרויסן תּנ״ך־ענין, עקידת יצחק, אין איבערלעבעניש־תּחום פון דיכטער גופא, אַן איבערלעבעניש פון זיין פּריס־טער קינדהייט, וואָס ער דערמאָנט אויך אין זיין אַריינפיר צו די חומש־לידער. און מען דאַרף נישט אַ סך בריינען, פאַר וואָס אַ ליד, וואָס זיין ענין איז גאָר אַלט, און עס טראָגט דעם שטעמפּל פון אַן אידענטיש איבערלעבעניש צווישן נאָענטן איציק און ווייטן יצחק, וואָס ווערט גאָר נאָענט, איז ראוי באַטראַכט צו ווערן ווי אַ מין געהיימע מעלאָדיע פון אַלע תּנ״ך־לידער, ווי פאַרשיידן עס זאָלן נישט זיין זייערע אינהאַלטן און קאָנ־סטרוקציעס.

האָבנדיק פאַר זיך אַ בוך, ווו אַלע ענינים פון תנ״ך, וואָס אַ ייִדישער אָריגינאַלער דיכטער, ווי מאַנגער, האָט זיי שאַפעריש און קינסטלעריש באַהאַנדלט, און נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דאָס איז געווען אַ צענטראַלער ענין צו וועלכן ער האָט זיך אומגעקערט, פרעגן מיר זיך, וואָס זענען געווען די טעמים דערצו און פרוּוון ענטפערן אויך אין ליכט פון דער קריטיק, וואָס האָט בדרך כלל נישט געהאַלטן, אַז די לידער זענען דער פאָעטישער הויכפּונקט זיינער, און מיר קומען, לפּחות, צו דריי תשובות.

ג

די ערשטע תשובה איז אַ קורצע און פּאָפּולאַרע, וואָס שטיצט זיך אויף אַן עדות פונעם פּאָעט גופא, און דאָס איז, בעצם, אַ כראָנאָלאָגישע תשובה. די דאָזיקע תשובה דערמאָנט, אַז ווען די ארץ־ישׂראלדיקע העברעיִשע דראַמאַטישע סטודיע „אהל״ האָט געוויילט אין וואַרשע, האָט זי אין איר רעפּערטואַר אַריינגענומען אַ מין מעלאָדראַמע אויף אַ ביבלישער טעמע „יעקב ורחל״, לויטן טעקסט פון קראַשענינניקאָוו און באַאַרבעט פון אַברהם שלאָנסקי, האָט זיך געלאָזט הערן אַ שאַרפע קריטיק וועגן דעם באַנעם פון דער וועלט פון די אָבות, און אין דער קריטיק איז דער שאַרפסטער טאָן געווען מאַנגערס, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף אַ דיאַמעטראַל אַנדערן צוגאַנג, און עס איז נישט אַוועק אַ סך צייט, אַז ער האָט דעם אַנדערן צוגאַנג, באַשיינפּערלעך באַוויזן אין זיינע חומש־לידער, וואָס ער האָט געגומען דרוקן אין דער פּרעסע. אָט די תשובה וואָלט נאָך באַדאַרפט קאָנטראָלירט ווערן אין אירע פּרטים, אָבער אַפילו מיר זאָלן זיך מעגן אויף איר אין גאַנצן סומך זיין, איז זי נישט מער ווי אַ דרויסנדיקע תשובה, דען אַפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען אַז יענער פירשטעל האָט אים דערצו דערוועקט, האָט עס העכסטנס געקאָנט זיין אַן אָנרעג, אָבער נישט דער ממשותדיקער גורם דערצו, ווייל עס איז אַ צו קליינע סיבה פאַר אַזאַ גרויסן מסובב. נאָך עפּעס: מיר ווייסן, אַז מאַנגער פלעגט זיינע לידער לאַנג אויסטראָגן, ביז ער האָט זיי, מיט מזל, אויף דער וועלט געבראַכט, בעיקר ווען עס האַנדלט זיך אין אַן ענין, וואָס איז פון די ברענפּונקטן פון זיין אייגענעם לעבן.

צווייטנס, אַ לענגערע תשובה, וואָס באַרירט זיך עפּעס מיט דער פריִערדיקער און זי פּרוּווט זיך אָנטשעפּען אין איר, אָבער דערווייטערט זיך גאָר היפּש פון איר און זי איז, בעיקר, אַ ביאָגראַפישע. מיר האָבן געזאָגט: אַ קליינע סיבה — יענער טעאַטער־פירשטעל פון „אהל״, זיין

רעזשיסור און סצענאַריע, זענען געווען אַ פּרוּוו אויפצופירן די וועלט פונעם דריטן פון אונדזערע אָבות אין אַ פאָלקלאָרישער קאָנצעפּציע, וואָס האָט זיך דעם תוכן אויסגעליִען, לויט אַ פּאַראַיינפאַכטן פשט פון חומש, און די פורעם זיינע פון בעדוּיִנישן לעבנס־שטייגער. אַ גרויסער טייל פון דער קריטיק, סיי אין תל־אביב סיי אין וואַרשע, האָט די קאָנצעפּציע אָפּ־געפּרעגט, און די דראַמע גופא, נישט זייענדיק מער ווי אַן עפּיזאָד, איז פאַרגעסן געוואָרן און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין לענגער־אָנהאַלטיקן רושם. מיר האָבן געזאָגט: דער גרויסער מסובב — די חומש־לידער, אַפילו ווער עס האַלט זיי נישט פאַרן סאַמע שפּיץ פון מאַנגערס שאַפונג, קאָן נישט פאַרלייקענען די שפע פון די כּישופדיקע חן־גריבעלעך, וואָס זענען צעזייט כמעט איבער אַיעדן ליד אין זיינע קנייטשן. עס איז דער צוזאַמענ־גוס פון דעם פשוטן און קאָמפּליצירטן; דער פאַרשלונג פונעם וויטן און נאָענטן; דער צוזאַמענפלעכט פון פּרימיטיוון און ראַפינירטן; דער צוזאַ־מענוועב פון ערנצטן און שטיפעריי, בסך הכל: אַ חנעוודיקע צאַצקע, וואָס איז נישט קיין עפּיזאָד, נישט אין זיין פּאָעזיע, נישט אין דער געשיכטע פון אונדזער פּאָעזיע בכלל. אויב עס לאָזט זיך רעדן וועגן אַ שייכות צווישן דער קליינער סיבה און דעם גרויסן מסובב איז דאָס, העכסטנס, געווען אַן אַלאַ־מינוט־אויפברויז קעגן דער וועלט, וואָס דער דיכטער האָט געמיינט צו זען פאַר זיך לויט אַ קאָנצעפּציע פון אַן עברי חדש, אַ נייעם העברעער, וואָס דער חומש זיינער שטעלט זיך אים פיר, ווי אַ זאַך וואָס האָט בלויז אַ וויטן און צוגעטראַכטן אייערנעכטן. קעגן דער כּלומרשטער קאָנצעפּציע האָט מורד געווען די וועלט, וואָס דער דיכטער האָט געזען אין זיך, לויטן באַנעם פון אַן אַלטן יידן, וואָס דער חומש שטעלט זיך אים פיר, ווי אַ זאַך, וואָס זיין וויטער אייערנעכטן לעבט אין נאָענטן און ממשותדיקן נעכטן, ווי דער תנ״ך לעבט אין די מדרשים פון די אַלטע דורות, און פון זיי אַרויס. מעגלעך, אַז דער דיכטער איז נישט געווען דער איינציקער צווישן יענע וואַרשעווער „אהל״־באַזוכער, וואָס האָבן זיך נישט געכאַפּט, אַז עס איז נישט מער ווי אַ טעאַטראַלישער עקספּערימענט, און וואָס האָט אַזוי אַרום געזען אין אים, און בעיקר הינטער אים, וואָס עס איז נישט געווען, נישט אין איר און נישט הינטער איר, און געמיינט, אַז יענער אויפפיר רעפּרעזענטירט אַ ראַדיקאַלן באַנעם פון תנ״ך. אָבער מעגלעך, אַז דער דיכטער איז געווען דער איינציקער צווישן יענע וואַרשעווער „אהל״־באַזוכער, וואָס האָט דעם טעאַטער־אויפפיר געפילט ווי אַ פּראָוואָקאַציע צו זיין אייגענער תנ״ך־וויזיע, ווי ער האָט זי קינדוויז איבערגעלעבט און ייִנגלוויז דורכגעפאַנטאַזירט און שפּעטער אין צייטיקן עלטער אויסגע־פּאָעטיזירט. און דאָס איז געווען אַ באַזונדער איבערלעבעניש — דען

מאַנגער האָט נישט געקענט דעם תּנ״ך אין מקור, אַ ספק צי ער האָט אַ מאָל געלערנט אַ פּרשה חומש און רש״י אין חדר, אויב ער איז אַהין בכלל געגאַנגען, און דאָס האָט זיך בעצם, אויך שפּעטער נישט איבערגעאַנדערשט — ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט און די גרונטיקע מקורות אונדזערע זענען געווען און געבליבן פאַר אים פאַרשלאָסן.

וועט איר דאָך פרעגן, ווי אַזוי האָט זיך דער חומש פאַר אים פאַרטגעעפנט. האָב איך דערויף אַ דרייַיִקן פּירוש. דעם ערשטן פּירוש האָב איך געהערט פון מיין טאַטן עליו השלום — מיר האָבן געוווינט אין אַ דאָרף און איין מאָל איז ביי אונדז געווען אַ גלעזער, וואָס האָט נישט געקענט אַהיימפאָרן, ווייל עס האָט אים פאַרכאַפּט אַ שניי, וואָס האָט דערגרייכט ביז אונדזערע פענצטער. האָט ער מיך מיט מיין ייִנגערן ברודער, דעמאָלט נאָך קליינע קינדער, פאַרהערט און דערנאָך געפרעגט דעם טאַטן: מילא, איר קענט לערנען, האָט איר געלערנט אין שטאָט, פון וואַנען קענען אייערע קינדער אין דאָרף לערנען. האָט מיין טאַטע געענטפערט: אין אַ ייִדישער שטוב קענען שוין די ווענט לערנען. פאַרשטייט זיך, אַז דער נמשל טרעפט נישט אין גאַנצן צו — נישט בלויז מאַנגער, נאָר אויך דער זיידע זיינער, דער בעל־עגלה אין סטאָפּטשעט און דער עלטער־זיידע זיינער, דער טאַפּעצירער אין בראָד, זענען נישט געווען קיין תּלמידי־חכמים. אָבער דאָ, מיט יאָרן שפּעטער, האָב איך געהערט פון הרב ר׳ יהודה לייב אבידע (זלאָטניק, עליזעט), אַ פיינער ייִדיש־קענער און גרונטיקער פאָלקלאָר־פאָרשער — ער האָט עס געזאָגט: ווען אַ פּשוטער ייִד, אַ הדיוט, וואָס האָט קוים געקענט עברי, וואָלט געוווּסט די מקורות און מקורי־מקורות פון זיין ייִדיש־רעדן, פון די ווערטער און ווערטלעך וואָס ער באַנוצט, און דאָס גאָר נאַטירלעך, כּמעט מאַכינאַל, וואָלט ער געמעגט זיצן אויפן כּסא־רבנות פון אַ וואַזשנער קהילה. מאַנגער איז געווען אַזאַ מין ייִד — ער האָט געקאָנט ייִדיש, און אויב ער האָט נישט געוווּסט, האָט ער געשפּירט די מקורות און מקורי־מקורות, וואָס שטעקן אין איר. ער האָט טאַקע איבער־געלעבט דעם תּנ״ך און זיין אַרום, ווי עס האָט אים איבערגעלעבט די ייִדישע מאַמע, וואָס האָט קיין לשון־קודש נישט געקענט און זיך געקוויקט מיט עברי־טייטש, און איר גאָט איז געווען דער זעלבער גאָט ווי ביים ייִדישן טאַטן, נאָר ווי זאָגט עס מיין תּלמידה, די דיכטערין מירה מאיר:

לאבותי היה אלהים\
שציִוָם לשמור מצוותיו\
ולסבתי היה אלהים\
שחָבש פאה נכרית לראשה

וּצְנָפוֹ בשָבִיס
וישב לצִדָּה
על ספסל הֶחלב.

טייטש: מיינע טאַטעס און זיידעס האָבן געהאַט אַ גאָט, וואָס ער האָט זיי באַפוילן אָפּהיטן זיינע מצוות, מיין באָבע ווייטער האָט געהאַט אַ גאָט, וואָס האָט איר אויפן קאָפּ אָנגעטון אַ שייטל און באַצירט מיט אַ שטערנ־טיכל און זיך לעבן איר אַנידערגעזעצט אויף דער מילכיקער באַנק. וואָס וויל, בעצם, די דיכטערין זאָגן — אַז עס איז דער זעלבער גאָט, אָבער אַ סך אינטימער. אָבער ווער עס זאָגט, אַז מאַנגער האָט איבערגעלעבט דעם חומש ווי עס האָט אים געלעבט די מאַמע, זאָגט ממילא, אַז ער האָט דעם חומש איבערגעלעבט ווי ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין לשון, וואָס איז די לייענשפּראַך, און מיט דורות צוריק די איינציקע לייענשפּראַך, פון דער יידישער מאַמע. עס איז די שמועסשפּראַך, יידיש, וואָס האָט צו גלייך מיט אַלע יידיש־שפּראַכן, און צוליב איר לאַנגן לעבן מער ווי אַלע איבעריקע, אָפּגעהיט אַן אויסנעמלעכע געטרייקייט צו דער מסורה פון די דורות. און זאָל דער ענין פון דער דאָזיקער מסורה נישט גרינג זיין אין אונדזערע אויגן, סיי זאַכלעך — די אינהאַלטן וואָס מען האָט אין טייטש אַריינגע־פלאַנצט; סיי דערציִעריש — די ווערטן, וואָס מען האָט אין טייטש אַריינ־געוועבט; דאָס אַלץ איז געווען גאָר סקרופּולאַט אויסגערעכנט, אַ סימן האָבן מיר — זיי האָבן די יידישע מאַמע פּעיִק געמאַכט צו איר אויפגאַב, צו דערהאַלטן אַ יידישע שטוב און דערציִען אַ יידיש דור. ווי אַזוי דער חומש און די הפטרות און די פינף מגילות האָבן זיך אויסגעפורעמט אין ווייבערטייטש, דאָס איז אַ גרויסער ענין און די יידיש־פאָרשונג האָט זיך ערשט מיט אַ קליינעם פינגער דערצו צוגערירט און סוף הכבוד לבוא. אָבער דער כוח פון יידיש, ווי אַ לעבעדיקע שמועסשפּראַך, האָט עס דעם חומש פאַרהאַלפן אַרויסצונעמען פון תחום פון דער ווייטער געשיכטע און אַריינשטעלן אין תחום פון נאָענטן איבערלעבעניש, אַזוי אַז די כוונה פונעם מדרש איז ווייטער צו שפינען דאָס לעבן פון תנ״ך מיטן כוח פון דעם באַנייטן טעם פון איעדן דור, דערהאַלטנדיק דעם פשט, האָט דאָ דערגרייכט זיין פולקומענע פּערפעקציע. עס איז גריילעך נישט קיין צופאַל, אַז יענע טיילן און פרקים פון תנ״ך, וואָס זענען, מיט דורות צוריק, געוואָרן אַן ענין פון יידיש־עפּיק (די געשעעענישן פון ספר שמואל און ספר מלכים), אָדער פון יידיש־דראַמאַטיק (עקידת יצחק, גדולת יוסף) און יידיש־קאָמיק (מגילת אסתר) און האָבן אויסגעצייטיקט קאַפּיטלעך ליטעראַטור, ווו עס האָבן זיך פאַרקנסט די וואָרצלען פון תנ״ך און די צווייגן פון מדרש —

פאַרשטייט זיך אויך דערפאַר, וואָס ייִדיש, ווי אַ שמועסשפּראַך, איז מסוגל געווען גובר צו זיין די סטיל־דיפערענצן צווישן לשון־מקרא און לשון־חכמים — זענען עס די טיילן און קאַפּיטלען, וואָס די מאַנגער־דיכטונג האָט זיי באַזונגען. הייסט עס, אַז דאָס איז אַ המשך פון יענער באַזונדערער ליטעראַטור, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ פּאָר ייִדישע שפּראַכן, און בעיקר אין אַשכּנזישן ייִדיש, אַזוי אַז מאַנגער איז אַ היטער און באַנייער פון דער ליטעראַטור, וואָס איז ממשיך די מסורה לויט זיין אויפוווקס, און אַטמאָספער, צו וועלכער עס איז צוגעקומען זיין קלאָר באַוווּסטזיין, ווי ער איז מעיד אויף אַ פּאָר שטעלן, צווישן זיי אויך די אַנטיק־סטיליזירטע אַריינפירן זיינע צו די חומש־לידער און מגילה־לידער. און ער ווייסט קלאָר, אַז דער מדרש, וואָס ער דרשעט, איז אַ מדרש פון זיין דור, אָדער קלאָרער: אַ מדרש פון אַ טייל פון זיין דור, וואָס האָט אַ בשותפותדיקע ביאָגראַפיע, פּרעציזער געזאָגט: האָט זיך ענלעך געכאָוועט, און אַם פּרעציזסטן געזאָגט: זיין אייגענער, פאַרשווינדלעכער און אַפילו פּריוואַטער מדרש; הייסט עס דאָך בפירוש: מדרש איציק. אַוודאי איז דאָ דערביי אַ בישט קליינע מאָס נאַרציסיזם, אָבער אויך אַ היפּשע מאָס אַחריות. דאָס איז כּדאַי אונטערצושטרייכן אויך מחמת דעם, וואָס די קריטיקערס האָבן עס פאַרגעסן אָדער פאַרזען, בעיקר די וואָס האָבן נעגירט די חומש־לידער און האָבן נישט מוחל געווען זייערע קעגנערס, וואָס האָבן געדענקט און נישט פאַרזען, ווי אייגנטלעך דער גאַנצער קאָמפּלעקס הייסט. כּדאַי אויך צו געדענקען, אַז דער נאָמען מדרש איציק איז אַ בן־יחיד, כאָטש מאנגער איז נישט קיין בן־יחיד אין תּנ״ך־סוזשעט און פון זיינע צענדליקער באַנוצערס האָט קיינער זיינס אַ בוך ניט אָנגערופן מדרש און נישט באַשרענקט בלויז אויף זיין נאָמען, און ווי זאָגט מען עס תּנ״כיש: הלא דבר הוא.

דריטנס, נאָך אַ תּשובה, ווידער אַ קורצע, נישט קיין כראָנאָלאָגישע און נישט קיין ביאָגראַפישע, נאָר אַ קינסטלערישע. עס האַנדלט זיך, ווי אַזוי שאַפעריש צו באַוועלטיקן דעם פּאַראַדאָקס, וואָס איז ווי אַ געוועב, ווו די פעדעם וואָס ציִען זיך אין דער לענג און די פעדעם וואָס ציִען זיך אין דער ברייט זענען זיך איינע די אַנדערע סותר — דען די פעדעם, וואָס ציִען זיך אין דער לענג, זענען עס דער אַלטער מדרש לויט דער מסורה, וואָס די נאַיִוויטעט זיינע פאַרשטעלט פאַר אים אַליין, ווי ווייט ער איז אַוועק פון מקור, און דער כּוח פון דער נאַיִוויטעט גייט אַזוי ווייט, אַז עס שטאַרקט זיך די אמונה, אַז וואָס מען טייטשט אַריין אין די פּסוקים, טייטשט מען, בעצם, פון זיי אַרויס; ווייטער די פעדעם, וואָס ציִען זיך דורך דער ברייט, דאָס איז דער נייער מאָדערנער מדרש וואָס דאָס פּיקחות

פֿאַרשטעלט נישט פֿאַר אים, ווי ווייט ער איז אַוועק פֿון מקור; אָבער דער כּוח פֿון פּיקחות גייט אַזוי ווייט, אַז עס שטאַרקט זיך די אילוזיע, אַז וואָס מען טייטשט אַרויס פֿון די פּסוקים, טייטשט מען, בעצם, אין זיי אַריין, אַזוי אַז דער היזק פֿון דער אמונה ווערט כּביכול אויסגעגליכן דורכן געווינס פֿון דער קונסט. אָט דער פּאַראַדאָקס מאַכט עס אונדזער דיכטער סיי פֿאַר אַ ווידערשפּעניק אייניקל פֿון זיינע ווייטע, תּמימותדיקע און גלייביקע אבֿות, סיי אַן אָפּטריניקן זון פֿון זיינע נאָענטע פּיקחותדיקע און קינסטלערישע אבֿות, און אַז מען וועט זיך ערנצט נעמען נאָכפֿאָרשן דעם ענין פֿון תּנ״ך־סוזשעט, נישט בלויז אין דער ייִדישער, נאָר אויך אין דער העברעיִשער פּאָעזיע, וועט זיך ערשט דער פּאַראַדאָקס אין זיין גאַנצער ברייט און טיף אַרויסווייזן.

ד

נאָך דעם ווי מיר האָבן געפּרוּווט אַנאַליזירן די דריי תּשובֿות אויף דער קשיא, ווי אַרום און ווי אַזוי מאַנגער איז געקומען צום תּנ״ך־סוזשעט, וועלן מיר סקיצירן, ווי אַזוי האָט די קריטיק זיינע צוויי ביכער, חומש־לידער און מגילה־לידער, אויפגענומען. איך זאָג: די קריטיק, איך מיין נישט: דער עולם, ווייל דער עולם האָט געזאָגט אַ הויכן אומצווייטייטיקן יאָ, בשעת די קריטיק האָט געזאָגט סיי יאָ סיי ניין, און עס איז אָנגע־גאַנגען אַ היפּשע פּאָלעמיק. עס איז נישט די איינציקע פּאָלעמיק אַרום מאַנגערן, אָבער אפֿשר די שאַרפֿסטע און פּרינציפּיעלסטע. די הנחה פֿון די יאָ־זאָגערס האָט אַם־בעסטן דעפֿינירט שלמה ביקל, וואָס, אָפּשטעלנדיק זיך אויפֿן ענין תּנ״ך־מאָטיוון אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, באַמערקט ער, אַז דאָס גרויסע קונסטוואַרג לאָזט אויפֿקומען פֿלוצעמדיקע, נאָענטע און ווייטע, קשיות, דען וויפֿל דער שרייבער זאָל אונדז נישט דערציילן, איז דער סיפּור זיינער אָן אַ סוף, און מיר ווערן כּביכול אויפֿגעפֿאָדערט, אים צו פֿאַרענדיקן, און דאַרינען באַשטייט טאַקע דער סוד פֿון דעם ים מדרשים, וואָס האָט זיך אָנגעהויפֿנט איבער די תּנ״ך־סיפּורים, און דאָס איז, בעצם, אַ סטימול איינצושפּאַנען די פֿאַנטאַזיע פֿון אַיעדן נייעם דור, ער זאָל ווייטערשפּינען די סיפּורים וועגן די פֿאַרשווינען פֿון חומש, און זייער אַיעדן פּרט, סיי דרך פּשט סיי דרך דרש, ווי איינער זאָגט: זייט מיך ממשיך, ציט מיך ווייטער. ווי אַ דוגמא דערצו איז דער אָפּטער מינהג פֿון מדרש מתקן צו זיין חסרונות פֿון תּנ״כישע געשטאַלטן, אַזוי, אַ שטייגער, אין ענין

פון אסנת, דינהס טאָכטער, וואָס דער מדרש איז מזמן דעם מלאך מיכאל, ער זאָל זי ברענגען אין הויז פון זליכה, פוטיפרעס אומטראָכטיק ווייב. און דאָ לאָזט זיך נאָך צוגעבן, אַז דער מדרש לאָזט אסנת, דינהס טאָכטער, חתונה האָבן מיט פּוטיפרעס קנעכט, איר פעטער יוסף, אַזוי אַז זי ווערט די מאַמע פון אפרים און מנשה, וואָס זענען אַזוי אַרום געווען יעקבס אייניקלעך און אור־אייניקלעך. און ער, ביקל, איז נאָך מחדש זיינעם אַן אייגענעם מדרש — צום סוף פון אַיעדן ספר פון חומש שטייט נישט: תּם ונשלם, נאָר: חזק חזק ונתחזק, און דאָס איז, לויט זיין טעם, נישט בלויז אַ מאָראַלישער רוף, נאָר אַ פאַרבעט צו דער פאַנטאַזיע פון אַיעדן דור אויסצוּוועבן נייע געשטאַלטן, און זיי צוצוגעבן פון דער סימבאָליש־קייט און אַקטואַליטעט פון אַיעדער נייער צייט. דער שרייבער דערמאָנט די מדרש־ליטעראַטור בכלל, ער בולט אָבער באַזונדערס אויס די צאינה וראינה און דעם טייטש־חומש, כּדי פון זיי אַריבערצושפּאַנען צו דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור און אונטערצושטרייכן צוויי שרייבערס, וואָס זייער שאַפונג אַנטפּלעקט זיך תּנ״ך־טעמעס און יעדער פון זיי איז טיפּאָלאָגיש אַ שם־דבר: איציק מאַנגער און ה. לייוויק, און פאַרצייכנט דעם חילוק צווישן זיי — דער ערשטער מיט זיין לירישן הומאָר און זיין שטעל אין לעבנס־שטייגער; דער לעצטער מיט זיין עטישן ערנצט און זיין שטעל אין דער היסטאָרישער גייסטיקער פּראָבלעמאַטיק. און דאָס זענען צוויי מינים שטעלן, וואָס אַיעדער פון זיי באַצייכנט אַ שטראָם פון ביידע שטראָמען אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, און ער, שלמה ביקל, פּרוּווט אויך, אין המשך פון זיין דערקלער, אַנטקעגנשטעלן מאַנגערס מגילה־לידער פון איין זייט און לייוויקס עקידת יצחק און שירת־איוב פון דער אַנדערער זייט.

אַזוי ווי די באַמערקן גייען נישט אַרויס פון דער רעם פון רמזים, קענען מיר נישט, בלויז לויט זיי, באַשטימען, צי דער דערקלער פון חילוק צווישן די צוויי פּאָעטן איז, מצד זייער באַצי צו דער תּנ״ך־טעמע, מחייב זיי אַנידערצושטעלן אין אַ כּוללדיקן חילוק, וואָס איז ווי אַ שיידוואַנט אין דער גאַנצער ייִדיש־ליטעראַטור, אָדער בלויז אין זייער אייגענעם חילוק. און עס איז, דאַכט זיך, גענוג אַ קוק דערלאַנגען אין די שאַפונגען פון איינעם און אין די שאַפונגען פון אַנדערן, עס צו פאַרשטיין: איינס איז אַ דיכטער, נוסח לייוויק, וואָס פאַרבעט זיך און זיין דור און זיין וועלט אין אַ וויטער צייט אַריין, מיט אירע געשעענישן און געשטאַלטן, און עפּעס אַנדערש איז אַ דיכטער, נוסח מאַנגער, וואָס פאַרבעט אַ ווייטע צייט, מיט איר דור און איר וועלט, אין זיין דור און זיין וועלט אַז מען מעג ספקן, אויב ביקל איז טאַקע גערעכט, האַלטנדיק אַז אויף די ביידע פאַר־שיידענע וועגן איז חל די דעפיניציע פון מדרש. דען דער ערשטער וועג

דערווייטערט דאָך דאָס שפּעטע צום פריִען, און דאָס פריִע, מיט זיין רעם און אַטמאָספער, איז גובר, אַזוי אַז מיר האָבן נישט פאַר זיך די אייגנשאַפט פון מדרש. דער לעצטער וועג דערנענטערט דאָס פריִע צום שפּעטן, און דאָס שפּעטע, מיט זיין רעם און אַטמאָספער, איז גובר, אַזוי אַז מיר האָבן גריילעך פאַר זיך די אייגנשאַפט פון מדרש.

און ביקל גופא דערלאַנגט אונדז אַ משל דערצו — דאָס פּורים־שפּיל אין זיין זיידנס שטוב. ער וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן — שרייבט ער — מרדכי הצדיק, אַ געבויגענער ייִד, מיט אַ שיטער בערדל, אַ לייטישער האָרב אויף דער פּלייצע, און עס איז, לויט ביקלען, נישט קיין אַראָפּנידער נאָר אַן אויפהייב פון דער געשטאַלט, אַ שטייגער זי קומט טרייסטן דעם אַרום, אַז עס איז מעגלעך, אַז אַזאַ קליין מענטשעלע זאָל בייקומען דעם צורר־היהודים. און אַקעגן וועמען איז עס געזאָגט געוואָרן — אַקעגן די שלומי אמוני אין אַמאַליקן וואַרשע, וואָס האָבן געפּסלט און מחרים געווען מאַנגערס מגילה־לידער און חומש־לידער מחמת חילול־הקודש. און ער, ביקל, וואָס איז געווען איינער פון די ערשטע הערלדן פון אונדזער דיכטער, דערקלערט בקיצור אָבער־אַ־מאָל וואָס ער האָט שוין באַריכות דערקלערט אין עטלעכע מאמרים זיינע: מאַנגער זעט און ווייזט קאַפּיטלעך חומש, וואָס זענען ווי אַריינגעפּלאַנצט אין דער שטייגער־רעם פון מזרח־גאַליציש שטעטל, און דערפאַר זענען די אבות, מיט זייער פרייד און לייד, אויסגעפורעמט אַזוי, אַז אברהם אבינו קריגט די געשטאַלט פון אַ לייטישן קילימייער בעל־בית; יצחק אבינו קריגט די געשטאַלט פון אַ פאַרהעטשלטן מעזיניק און נאָענטן פּעטשיניזשין; יעקב אבינו ווייטער קריגט די געשטאַלט פון אַ ישיבה־בחור אין וויזשניצער הויף, און דער גייסט, וואָס שפּאַצירט אַרום צווישן די סטראָפעס, איז דער גייסט פון אַ היינטיקער קריטיק אויף אַ פאַרצייטיש התנהגות, אין ליכט פון דער מאָראַל פון אַ פאָלקסמענטש, וואָס דאָס אַרויסטרייבן פון אַ דינסט איז אים נישט צום האַרצן, פונקט ווי דאָס פאַרקויפן אַ ברודער איז אים נישט צום האַרצן. און די שטראָפרייד, וואָס דאָס היינטיקע אייניקל, דער דיכטער, זאָגט אויפן קאָנט פון די פאַרצייטיקע אבות, וואָס האָבן אָנגענומען די געשטאַלט פון היינטיקע ייִדן, פאַרמינערט נישט דעם יראת הכבוד פאַר זיי.

אַוודאי מיינט נישט ביקל, דערמאָנענדיק די חרם־מאמרים מיט איבער פערציק יאָר צוריק, אַז זיינע רייד זענען מסוגל, סיי דעמאָלט, סיי שפּעטער, איבערצואַנדערשן די בעלי־החרמות און זייער קוק. אַפילו נאָך־דעם ווי מאַנגער איז אַוועק פון אונדז, האָט אברהם בלאַט, וואָס האָט פאַרן דיכטער און זיין דיכטונג אַ סך שבחים, געשריבן אַזוי צו זאָגן: „אַ באַהאַנדל פון איציק מאַנגערס שאַפונגען דאַרף אויך געמאַכט ווערן אין ליכט פון סעקו־

לאַריזאַציע־אַספּעקט פון די חומש־לידער, ווו דער דיכטער האָט אָפּגערוקט די פּירושי־חומש פון זייער קאָנטעקסט און האָט זיי געשטעלט אין פּאָן פונעם קליינעם שטעטל, לויטן געפיל פון אירע ייִדן און זייער לאָקאַלן שמועס. עס איז קיין ספק נישט, אַז דאָס רעליגיעזע ייִדישקייט האָט אַ געקריג מיט איציק מאַנגער וועגן סעקולאַרן אופן פון זיין באַנעם פון דער אַרכאַישער וועדקלעכקייט און דער פלאַטער טראַנספּלאַנטאַציע פון באַגריפן, וואָס גרענעצט מיט חילול־השם״ (הצופה, כו שבת תשכ״ט). צי צום געקריג פון דער רעליגיעזער ייִדישקייט, וואָס דער שרייבער באַשטימט נישט איר אַדרעס (דער אַלטער אַדרעס זענען געווען די וואַרשעווער בלעטער דער ייִדישער טאָגבלאַט און דרכנו) פּאַסן זיך אַזעלכע פּרעמד־טערמינען, איז אַ קשיא פאַר זיך. אָבער דוכט זיך, אַז אויך לויט זייער שיטה האָבן די בעלי־נידוי, וואָס האָבן געפּסלט ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס באַהאַנדלען אַ חומש־סוזשעט, זיך אויסגעהיטן פון אַ פלאַטשיקן באַטראַכט פונעם פּראָבלעם, אַזוי אַז די סכנה האָט זיך זיי געוויזן נישט אויף איר פּלאַץ. דען אויב זיך האַלטן אין טיפּישן אויפטייל פון נוסח מאַנגער און נוסח לייוויק, האָבן מיר זיך היפּש אָנגעהערט מכוח אַ מחלוקה און אַ חרם לגבי דער תנ״ך־פּאָעזיע אין ערשטן נוסח, און האָבן גאָרנישט געהערט מכוח אַ מחלוקה און אַ חרם לגבי דער תנ״ך־פּאָעזיע אין לעצטן נוסח, פּונקט ווי מיר האָבן עס נישט געהערט לגבי דער תנ״ך־פּאָעזיע פון אַ סך פּאָעטן, פון אָנהייב השׂכּלה ביז היינט. אַזוי אַז עס איז אָנצונעמען, אַז דער לעצטער נוסח, וואָס טראָגט זיך אויף די פליגלען פון פּאַטאָס, אין גייסט פון דער תנ״כישער געהויבנקייט און מיט דער הילף פון דער תנ״כישער מליצה, שטעלט נישט פיר קיין שום סכנה, וואָס איז מחייב געקריג און חרמות, בשעת דער ערשטער נוסח, וואָס טראָגט זיך אויף די פליגלען פון הומאָר, אין גייסט פון געלעכטער פון מדרש און מיט דער הילף פון ייִדיש־אידיאָמאַטיק וכדומה — ער איז דאָס די גרויסע סכנה, וואָס פאָדערט חרם און נידוי.

דען טיפער באַטראַכט, איז דאָך איפכא מסתברא — העברעיִשע שרייבער האָבן אָנגעשריבן אַ גוזמא לידער, דערציילונגען, דראַמעס אויף תנ״ך־מאָטיוון, און מיר האָבן נישט געהערט פון קיין חרמות. וואָס האָט זיך דער ויצעקו צעלאָזט דווקא איבער מאַנגערן? דען אויב די בעלי־ויצעקו האָבן דערשמעקט אַ סכנה, שטעקט זי גיכער ביי די מחברים וואָס נעמען זייערע אייגענע פּראָבלעמען און פאַרפלאַנצן זיי אין דער צייט פון תנ״ך און נעמען זיי אַרום מיט דער אַטמאָספער פון תנ״ך און דריקן זיי אויס, אויב זיי שרייבן העברעיִש, אין לשון פון תנ״ך, און אויב זיי שרייבן ייִדיש, שרייבן זיי אַ מין אימיטאַציע דערפון, אַזוי אַז די טראַכטענישן און געפילן

פון דעם לעצטן דור נעמען אויף זיך דאָס מלבוש פון אַ פּאַרצייטיקן דור און סימולירן תנ״ך, און פאָדערן פאַר זיך די אויטאָריטעט פון תנ״ך, און דאָס פאַרווישן פון מרחק צווישן דעם נאָענטן אַקטואַלן היינט און דעם ווייטן היסטאָרישן אייערנעכטן, פאַרהעלפט נאָך דערצו. אַנדערש איז עס ביי מאַנגערן — ער נעמט, אין די דערמאָנטע צוויי ביכער — געשעעניש און געשטאַלטן פון תנ״ך און פירט זיי אַריבער אין זיין צייט און נעמט זיי אַרום מיט דער אַטמאָספער פון זיין צייט, אַזוי אַז די טראַכטענישן און געפילן פונעם פּאַרצייטיקן דור, וואָס אָטעמען די לופט פון לעצטן דור, סימולירן נישט קיין תנ״ך און פאָדערן נישט פאַר זיך די אויטאָריטעט פון תנ״ך, און דאָס אָפּהיטן פון דער ווייטקייט צווישן דעם ווייטסטן היסטאָרישן אייערנעכטן און צווישן דעם נאָענטסטן אַקטואַלן היינט פאַרהעלפט נאָך דערצו. אויב מורא האָבן פאַר תנ״ך־אינטערפּרעטאַציע — איז די סכּנה מצד מתתיהו שוהמס אָדער ה. לייוויקס דראַמען אַ סך גרעסער ווי מצד מאַנגערס חומש־לידער, ווייל דאָרט איז די ממשותדיקע סכּנה פאַרשטעלט, און דאָ איז די מכלומרשטע סכּנה אָפן. דער טעות פון די בעלי־ויצעקו, וואָס אַ קליינער טייל פון זייערע טענות האָבן אויך, פאַרשטייט זיך, שטילער און באַזאָנענער, איבערגעחזרט קריטיקער, שטעקט אויך אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך נישט געכאַפּט אויף דעם חילוק צווישן אַ צוגאַנג צום תנ״ך נוסח לייוויק און אַ צוגאַנג צו תנ״ך נוסח מאַנגער. דער ערשטער איז אַ פּרשן און וואָס ער טוט איז אַ דיכטעריש און דערצו ערנצט פּרשנות, דער אַנדערער איז אַ דרשן, אויב נישט קיין בדחן, און וואָס ער טוט איז אַ דיכטעריש און דערצו שטיפעריש דרשנות, אויב נישט בדחנות. אַזוי אַז רייד וועגן אויפהייבן אָדער אַראָפּנידערן פון תנ״ך־מאָטיוו האָבן דאָ קיין האַפט נישט, דען מדרש הייסט זען דאָס פּריִערע אין ליכט, אָדער אין שאָטן, פונעם שפּעטערן, און אַזוי גייט דער גרונטיקער קוק פונעם מדרש פון זיין אָנהייב ביז איצט, סיי ווען איין מדרש לאָזט אברהם אבינו מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, און מיר זעען אים בפירוש מקיים זיין פּסח — באַקט ער דאָך לכּבוד די אורחים־מלאכים מצות; אַן אַנדערער מדרש זעצט אַנידער דוד המלך אין סנהדרין און ער פאַרנעמט זיך דאָרט מיט שפיר ושיליא, כּדי צו פּסקענען, אויב די ניי־געבוירענע קינדער זענען כּשר; אַ דריטער שפּעטער מדרש לאָזט יעקב און עשׂו זיך שפּאַרן וועגן חילוקים צווישן מהר״ם שיף און רמ״א, און אַ גאָר שפּעטער מדרש לאָזט יעקב אבינוס זין זיך אַמפּערן מיט די חרטומי מצרים, אויב דער עולם איז אַ קדמון אָדער אַ חידוש, און באַנוצן דערביי אַלע אַרגומענטן פון דער דאָזיקער מחלוקה אין אונדזער מיטלאַלטערלעכער פילאָזאָפיע. און וואָס די ראשונים האָבן געמעגט טאָן אין תחום פון דער אגדה, און אַפילו פון דער

הלכה, קען מען די אחרונים נישט פאַרווערן צו טאָן אין תּחום פון שיינער ליטעראַטור, וואָס איז דאָך דער תּחום פון דער פיקציע, אַזוי אַז מען מעג מישפּטן אָבער מען טאָר נישט גוזר זיין.

נו, יאָ, אָקעגן אַ חרם לאָזט זיך גאָרנישט אויפטאָן, כאָטש עס פרעגט זיך, ווי קומט עס, אַז די בעלי־חרם האָבן דאָס טריפה־פּסול בכלל גע־לייענט. האָט מען דאָך ביי אונדז אין שטאָט דערציילט, אַז ווען דער ראַדיקאַלער משכּיל, ר׳ יהושע העשל שור, וואָס מען האָט אים געשטעמפּלט ווי דעם גאַליצישן וואָלטער, האָט אַרויסגעגעבן זיין החלוץ, וואָס איז געווען פול בייסיקע און עקסטרעמע תּלמוד־קריטיק, האָט דער געמאָסיקטער משכּיל ר׳ משה לייב האַרמעלין, געקלערט אַרויסגעבן אַ קעגנשריפט החולץ, און זאָל האָבן געבעטן אַ הסכּמה פון בעלזער רב, אָבער יענער זאָל האָבן אים געענטפערט מיט אַ קשיא: ווער האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט לייענען דעם החלוץ, כּדי דו זאָלסט דאַרפן אַרויסגעבן אַ החולץ.

ה

אָבער מעגלעך, אַז עס איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דער עקסטער אָפּלענערישער כּמו־קריטיק, כּדי אויסצובולטן די ליטעראַטור־ און קולטור־קריטיק ווי זי איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען. דאָ זענען קעגן אַזאַ אַבסאָלוטן יאָ־זאָגער, ווי עס איז געווען שלמה ביקל, אויפגעטרעטן אויך אַבסאָלוטע ביין־זאָגער, און, ווי שוין אָנגעוויזן, אַזוינע וואָס האָבן זיך געוואַקלט צווישן ביידע צדדים. דאָס איז בולט מיטן באַניי פון דער פּאָלעמיק מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. דעמאָלט האָט זיך צביון (בן־ציון האָפמאַן) פאַרגלוסט, אין זיינס אַ פעליעטאָן („ייִדישע אינטערעסן״, פאָרווערטס, פון 7טן יוני 1951), צו לויבן מדרש איציק — ער האָט באַמערקט, אַז אַזוי האָבן זיך חדר־קינדער פירגעשטעלט די חומש־געשטאַלטן, און ער אַליין האָט קינד־ווייז געזען נח הצדיק אין דער געשטאַלט פון זיין פעטער זעליג. דאַרויף האָט זיך אָפּגערופן אברהם מענעס מיט אַ שאַרפן ירגזון, ווי עס האָט אים דיקטירט זיין קוק, וואָס שטאַמט סיי פון זיין ריגאָראָזער מענטאַליטעט, סיי פון זיין היסטאָריש צעמענטירטער אידעאָלאָגיע. ער, אַליין אַ תּנ״ך־פאָרשער און קריטיקער (זיין דאָקטאָראַט איז געווען וועגן די ישראל־געזעצן פון פאַר גלות־בבל), און, ווי אַ גרונטיקער תּלמיד־חכם האָט ער זיך פאַרנומען מיטן אויפדעקן די סאָציאַלע וואָרצלען אין דער ייִדישער געשיכטע און ליטעראַטור, האָט, אין אַ באַזונדערן שאַרפן אַרטיקל, מיט אַן עפּעס לענג־

לעכן טיטל: „דער תּנ״ך, די ייִדישע ליטעראַטור און ,דער פּעטער זעליג׳״ (פֿאָרווערטס פֿון 29סטן יולי 1951), געענטפֿערט צביונען. און דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז מענעס האָט שוין פֿריִער געשריבן אַן אַרטיקל וועגן דער ייִדישער קולטור און ייִדישער פּאָעטיק אין אַמעריקע, ווו ער האָט פֿאַר־טשעפּעט מאַנגערס חומש־לידער טענהנדיק, אַז דער פּרווו אויסצוטייטשן סיפּורי־חומש ווי אַ מאָדערניסטישן וועלטלעכן מדרש טויג נישט, ווייל די אבות זענען נישט געווען קיין סתּם־ייִדן, נאָר אידעאַלע געשטאַלטן, אומ־געוויינטלעך גראַנדיאָזע יחידים, און צביונס זכּרון האָט זיך גרייִלעך טועה געווען. דען די פֿאַנטאַזיע פֿון די חדר־קינדער איז געווען אַ סך רייכער, און מען טאָר נישט נעמען אַברהם אָבינו און אים מאַכן פֿאַר אַ קליין מענטשעלע, וואָס זיין פּיצל געשטעל איז אַן אָרעם־צייגעניש פֿאַר יענעם ווייטן דור, בעווייל גרויסע דורות שטעלן אויף גרויסע געשטאַלטן. מענעס האָט אויך געטענהט, אַז דער דיכטער האָט געוויזן נישט די געשטאַלט לויט דער פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק, נאָר לויט זיין אייגענער, מאַנגערישער פֿאַנטאַזיע. מאַקס וויינרייך האָט דעם גרונט־ענין אָפּגעגעבן צוויי אַרטיק־לען: „גייַסטיקע גרויסקייט אין איציק מאַנגערס חומש־לידער״ (פֿאָרווערטס פֿון 22סטן יולי 1951) און „וואָס איז בעסער פֿאַר אונדזערע קינדער: דער חומש אָדער איציק מאַנגערס חומש־לידער״ (דאָרט, פֿון 26סטן אויגוסט 1951). ער האָט דווקא געפֿונען אַ היתּר פֿאַרן קוק פֿונעם דיכטער, סיי ווי אַ ווערקלעכקייט סיי ווי אַ מעגלעכקייט, אין דער פֿאַנטאַזיע פֿון די ייִדישע קינדער, אָבער וואָס שייך זיין אַקטואַלער פּעדאַגאָגישער קשיא, לאָזט ער פּלאַץ פֿאַר אַ וויכּוח. אַגבֿ, ווען אַזאַ וויכּוח וואָלט פֿירגעקומען און איך וואָלט אין אים אָנטייל גענומען, וואָלט איך די עצם־סבֿרה נישט אָנגענומען, ווייל איך האַלט, אַז סיי דער אַלטער חדר סיי די נייע שול זענען מחויב מקיים צו זיין דעם אַלטן, אויסגעפּרווּוטן כּלל: בן חמש למקרא, און דאָס אין לשון פֿון מקור און בפּשיטות, און נישט דאָ איז דער אָרט דאָס לענגער אויסצובריייִען.

צו דער באַנייטער דיסקוסיע איז אויך צוגעשטאַנען א. אַלמי (ה. א. שעפּס) מיט צוויי מאמרים — וואָס דער קריגערישער טאָן איז בולט אין עצם קעפּל פֿון זיין ערשטן מאמר: „חומש־לידער אָדער חילול־לידער״ (פֿרייע אַרבעטער שטימע פֿון 31סטן אויגוסט 1951). אָבער, בעצם, ווערט עס סיי דאָרט, סיי אין אַנדערן אַרטיקל „אַ וואָרט אַריין אַ וואָרט אַרויס״ (דאָרט פֿון 12טן אָקטאָבער 1951) מיטיגירט מכּוח זיין קשיא: מה רעש? דען וואָס שייך צביון — האָט ער זיך דאָך כּלל נישט מתכּוון געווען אַרויס־צורופֿן אַ וויכּוח, נאָר האָט, ווי אַ מסיח לפֿי תּומו, דערציילט וועגן זיין הנאה פֿון מאַנגערס לידער; וואָס שייך מענעס האָט ער זיך געפּילט

באַטראַפֿן סיי פֿון מאַנגערס חומש־לידער סיי פֿון צביונס הנאה פֿון זיי; און וואָס שייך מאַקס ווײַנרייך — האָט ער געהאַלטן, אַז סיי מאַנגער, וואָס האָט זיך מיט זײַנע לידער מתכוון געווען מהנה צו זײַן, סיי צביון און ווײַנרייך, וואָס האָבן פֿון זיי נהנה געווען, און לויט אים, אַלמין, זענען זיי זיך ,בעצם, אַלע טועה: די נײַן־זאָגערס זענען זיך טועה — מען האַלט נאָך, חלילה, נישט דערבײַ צו פֿאַרבײַטן דעם חומש ממש דורך די חומש־לידער, אַזוי אַז מען איז נישט מחויב צו קלינגען טרעוואָגע; די יאָ־זאָגערס זענען זיך טועה — זיי מיינען, אַז די קונסט אין די לידער האָט זיי מהנה געווען, און באמת האָט זיי די קונדסערײַ מהנה געווען. צום עיקר מחלוקת וואָלט ער נישט מבטל געווען אַ סברה, אַז עס זענען טאַקע געווען קינדער, וואָס האָבן זיך אַזוי אויסגעמאָלן די אבות, פּונקט ווי ער וואָלט נישט מבטל געווען אַ סברה, אַז נישט אַלע קינדער האָבן זיך עס אַזוי פֿירגעשטעלט. לויט זײַן מיין, זענען די לידער־ציקלען נישט מער ווי אַן עפּיזאָד אין דער שאַפֿונג פֿונעם דיכטער, און זייער ווערט און וואָג אַנטשיידן נישט וועגן זײַן ווערט און וואָג, און נישט צוליב זיי שטייט ער אויף און נישט מחמת זיי פֿאַלט ער, אַזוי אַז עס פֿרעגט זיך נישט וועגן זײַן אופֿן קוק — און עס איז, למעשׂה, דער קוק פֿון אַן אַרויסרופֿערישן קונדס, וואָס האַלט דאָס היטל פֿאַררוקט אויף אַ זײַט; נאָר עס פֿרעגט זיך, וואָס איז די מדרגה פֿון זײַן קונסט. אָבער באמת פּרוּווט א. אַלמי נישט ענטפֿערן אויף דער קשיא, כאָטש זי איז קלאָר פֿון זײַנע אייגענע ווערטער, און זי בעט זיך אַזוי געדעפֿינירט צו ווערן: אויב עס איז טאַקע קונדסערײַ, האָט זי דער דיכטער דערהויבן צו דער מעלה פֿון קונסט, ווי ער האָט עס געטאָן לגבי עטלעכע שטיפֿערײַען אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין אונדזער אייגענער ליטע־ראַטור. קיין רעכטע תשובה דערויף קריגן מיר נישט פֿון א. אַלמי, און עס האַלט ביי אים נישט בעסער ווי ביי אַנדערע אומרי־לאָוו־קריטיקער, וואָס האָבן פֿאַר צו פֿיל כּעס אויף וואָס־ווער־וועגן פֿאַרגעסן דעם ווי און ווי־אַרום און ווי־אַזוי.

ו

און דאַכט זיך, אַז די גאַנצע אויז האַלבע נײַן־זאָגערס האָט אַם קלאָרסטן אָפּגעענטפֿערט דער יאָ־זאָגער מיטן פֿולן מויל — און דאָס אָבער אַ מאָל שלמה ביקל. ער טוט עס בעיקר אַרויסבולטנדיק אַ שאַרפֿן חסרון ביי די נײַן־זאָגערס, און בעיקר ביי מענעס, ווי עס הייסט זײַן אַרטיקל: „הומאָר־

לאָזע ייִדישקייט" (דער טאָג, אַריין אין זיין בוך שרייבער פון מיין דור, ניו־יאָרק 1955, זז' 140־144), ער הייבט אָן מיט אַ משל וועגן חילוק צווישן קריאת־התורה און הגבהה אום שבת, ווען מען נעמט אַרויס דאָס ספר פון היכל אין בית־מדרש, און צווישן קריאת־התורה אום שמחת־תורה, ווען עס ווערן אויפגערופן נישט בלויז די קרואים, נאָר אַלע מאַנצ־בילן, קינד און קייט, און מען ברענגט דאָס ספר צו בעלי־בתים אין שטוב אַריין — עס איז דאָס זעלבע ספר, נאָר ווערט געלייגט אויף אַ בעל־ביתישן טיש, און די אַטמאָספער איז אַן אַנדערע. און דער נמשל — אָבות, וואָס זענען אַראָפּ פון די חומש־הייכן און געקומען צווישן דעם עולם אין דער נידער פון כּל הקהל, און זיי מישן זיך צוזאַמען, און דער באַצי צו זיי איז ווי דער באַצי פון פאַלקסמענטש אין פאָלקסליד: אַברהמוניו זיידעניו נאַש, וואָס דאָס נאָענטקייט זיינס לאָזט דעם שטיפער שטיפן — ווי דער דיכטער זאָגט — מיטן זיידנס באָרד. דאָ וואָלט איך מיר אָבער דערלויבט לגבי שלמה ביקלען צו באַמערקן בכּתב, וואָס איך האָב אים באַמערקט בעל־פּה: אַז עס געהערט שוין אַן איבערמאָסיקע פאַרציע פון שטיפעריי, כּדי צוצושטעלן צו דער שטיפעריי מיט אַברהם אָבינוס באָרד, אויך אַזעלכע מידות קשות, ווי סקנערעריי, וואָס הייסט זיך אים דינגען וועגן אַ זעקס־ערל, און מען מעג דרייסט זאָגן, אַז די עקסטרעמע קאָנסעקווענציע, וואָס דערלויבט כּביכול אַזוי צו באַטראַכטן די געשטאַלט אין נאָענטן שטעטלשן שטייגער (און אַפילו עס האָט געהאַט אַ האַנט דערביי אַן אידענטיפיקאַציע פון אַברהם אָבינו און אַברהם דעם דיכטערס זיידן) געפינט זיך ווייט איבער די געמאַרקן פון אַ פאַרשטענדלעכער לעגיטימקייט. העכסטנס לאָזט זיך דעם דיכטער פאַרענטפערן דערמיט, אַז עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, אַז דעם פלעק, וואָס דער דיכטער האָט אָנגעקלעפּט אַברהם אָבינון, האָבן מיר בלויז אין איין ליד, בשעת אין אַנדערע לידער ווערט אָפּגעהיט אונדזער אור־אור־זיידנס דערהויבענער, אַפילו מאַיעסטעטישער, שיעור־קומה, און דאָס איינע ליד באַוועגט זיך אין דער סביבה פון גירוש הגר, וואָס דער דיכטער איז ווי אַ שותף צו איר גורל, און ער לאָזט זי דורך און דורך אויסלעבן איר פולן ווייטיק, און דער צער פון אירע רייד און איר כּעס האָבן פאַרכאַפּט דעם דיכטער, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז ער איז, ווי ער זאָגט אַליין, דער משורר פון אַלטע בעטלערס און עלנטע מאַמעס און פאַרשעמטע דינסטן, און ער מעג און מוז לאָזן די פאַרשטוי־סענע מאַמע, די פאַרטריבענע דינסט, זי זאָל זיך אויסוויינען. און עס איז אַ ספק, צי וועט זיך געפינען אַ קריטיקער, וואָס וועט זיך אַריינקלערן אין דעם פונקט און פסקענען, אַז דעם חסד וואָס די פּאָעזיע, און בפרט די דראַמאַטישע, האָט צוגעטיילט קין און קורח און בלעם און אחיתופל, וואָס

האָט זיי געלאָזט רעדן לויט זייער געמיט, קומט נישט הגרן. און אויב זי האָט זיך אַפילו אַ קאָפּ צו פיל צערעדט, און דער דיכטער האָט זיך איר אַ קאָפּ צו פיל נאָכגעשלעפּט, איז נאָך נישט דער הימל ביי דער ערד, און דעם כּל־יכול זענען איובס שפּיציקע ווערטער מער געפעלן ווי די קיילעכ־דיקע רייד פון זיינע פריינד.

אָבער אַזוי ווי מיר האָבן דערמאָנט אַ שמועס שבעל־פּה מיט ביקלען, דערלויבן מיר זיך צוצושטעלן אַ צווייטן שמועס אַזעלכן — עס איז געווען ווי אַ צולאָג צו זיין אַטאַקע אויף דעם, וואָס ער האָט אָנגערופן „הומאָרלאָזע יידישקייט״; דער צולאָג איז בעיקר באַשטאַנען אין דער סברה, אַז דער אויפטייל פון די יאָ־זאָגערס און ניין־זאָגערס לגבי חומש־לידער פּאַרווייזט אויף אַ רעגיאָנאַלער שיידליניע: עס זענען — האָט ער געזאָגט — צוויי וועלטן, און אָנווינקנדיק אויף צוויי טיפּן, אויף אַ. מענעס און אויף זיך: איינס איז אַ מתנגדישער צפונדיקער טיפּ, און עפּעס אַנדערש איז אַ חסי־דישער דרומדיקער טיפּ, און ביעלאָרוסיע איז נישט פּאָקוטיע. וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער האָט געטראָפן אין פּינטל — איז אָבער דער שאַרפּ־סטער ניין־זאָגער ברוך האַגער, וואָס איז נישט בלויז, ווי עס ווייזט אַן זיין נאָמען, אַן איניקל פון דער קאָסיווער גזע, און נישט נאָר אַ זון פון טשודער רבין, נאָר ווי אַ גרויסער שרייבער און קינסטלער בויט ער זיין ווערק ווי אַ קרעאַציע פון חסידות גופא, וואָס גייט נישט אַרויס פון זיך, אַפילו ווען עס דאַכט זיך, אַז דאָס דיאַלאָגישע האָט באַדאַרפט נאָענט זיין צום דיאַלעקטישן — דען אויב די יידיש־ליטעראַטור פאַרמאָגט אַ שרייבער, וואָס איז דאָס חסידות גופא, איז עס ער, און בלויז ער, און די קריטיק האָט זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון פון אַזאַ מעגלעכקייט און אַזאַ נייטיקייט. און ער, ברוך האַגער, האָט אין זיין מאמר וועגן מאַנגערן: „מדרש איציק״ (קיום, העפט 11, נאָוועמבער 1951) דערגרייכט דעם העכסט־שטאַפּל פון רעזערוואַציע און נעגאַציע, און דערהאַלט אים, דאַכט זיך, עד־היום. ער ווענדט אָן צוויי משלים: איין משל מיט אַ גליטש פון אַ הויכן פייער־באַלויכטענעם באַרג אין אַן ענגן און פינצטערן טאָל אַראָפּ; דאָס אַנדערע משל מיט אַ פאַרבייט פון אַ פּאַלאַץ, וואָס זיין סטעליע איז דער הימל און זיינע ווענט זענען דאָס ליכט פון דער זון, אויף אַ נאַקעט הייזל מיט אַ צעלעכערטן שטרויענעם דאַך, ווו עס ווינען קאַליקעס. זענען די משלים גאָר האַרט און הארב, און אַזוי אויך די נמשלים. אָבער באמת געלינגט אים בלויז איין איינציקע דוגמא, אויף וועלכער אויך אַנדערע, ואני עבדכם בתוכם, האָבן אָנגעוויזן — דער ענין פון אַברהם אָבינוס דינגען זיך וועגן אַ זעקסערל מיטן בעל־עגלה, וואָס פירט אַוועק הגרן מיט ישמעאלן. און ער, ברוך האַגער, פרעגט: איז אַזאַ מין אַברהם מסוגל, מען

זאָל אים אַריינוואַרפן אין קאַלכאויוון און ער זאָל זיך קריגן מיט כּביכול וועגן די צדיקים אין סדום? לאָזט זיך דאַרויף עפּעס ענטפערן — בעיקר לגבי דעם ענין קאַלכאויוון, וואָס ווערט נישט געבראַכט אין חומש, ווו עס ווערט געבראַכט דער ענין סדום ועמורה, נאָר ערשט אין מדרש. אַזוי פּירט זיך שויך אין דער פריערער און שפּעטערער מסורה וועגן געשטאַלט פון ספר־הספרים, אַז זי שטעלט פאַר אונדז אַנידער געשטאַלטן, וואָס די מאָמענ־טאַליטעט פון זייער שוואַכקייט, וועלכע קען דערגיין ביז קליינלעכקייט, מינדערט נישט כּהוא־זה די מאָנומענטאַליטעט פון זייער אייבערשטער גבורה, און דווקא דער סובטילער קינסטלער און חריפותדיקער פּסיכאָלאָג, ברוך האַגער, וואָס האָט אונדז געלערנט אַ פּאָר קאַפּיטלעך וועגן גראַנגל צווישן שוואַכקייט און גבורה ביי געשטאַלטן פון אַזאַ גוואַלטיקער באַוועג־גונג, ווי חסידות, וואָלט באַדאַרפט מקפּיד זיין, אַז דער קריטיקער אין אים זאָל נישט פאַרגעסן, וואָס עס האָט אַנטפּלעקט דער דערציילער אין אים.

ז

אויב מיר ווילן דערגיין צו אַ סך־הכּל פון דער פּאָלעמיק, וועלן מיר מוזן קודם־כּל באַמערקן, אַז די קריטיק האָט זיך באַגרענעצט אויף די חומש־לידער, און נעמט נישט אַרום די מגילה־לידער, כאָטש סיי די און יענע באַזירן זיך אויפן תּנ״ך. אלא מאי, די מגילה האָט אַ מסורה פון דורות, וואָס טייטשט אירע באַליבטע און אומבאַליבטע געשטאַלטן אויס אין גייסט פון הומאָר, און דער דיכטער איז דאָ ממשיך. דער חומש ווייטער האָט כּביכול נישט אַזאַ מסורה, וואָס זאָל אויסטייטשן סיי אירע באַליבט־סטע, סיי אירע אומבאַליבטסטע געשטאַלטן אין גייסט פון הומאָר, און דער דיכטער איז דאָ אַ מחדש, און אַ קריטיק, וואָס שמייסט אַ דיכטער פאַר זיין חידוש איז באמת אַ חידוש. מיר האָבן אַריינגעוואָרפן אַ קליין וואָרט: כּביכול, דען די קשיא איז, אויב דאָס איז באמת אַ חידוש. דען אויב יאָ, וואָס וועלן מיר טאָן מיטן מדרש־השמות און מיטן מדרש־הלשון און מדרש־הענין און אַלע איבעריקע מדרשים, וואָס אַנטלויפן נישט פון ליצנות; וואָס וועלן מיר טאָן מיטן שלל פון מליצות, וואָס דיכטער פון סאָרט ר׳ יהודה אלחריזי און ר׳ עמנואל הרומי און ר׳ יוסף צרפתי און אלצהרי וכדומה באַנוצן זיי אין כּלערליי שטיפערישע דריידלעך, און שרעקן נישט צוריק אַריינצושלעפּן אין דעם קאַרעהאָד אויך די תּנ״ך־געשטאַלטן. און

וואָס וועלן מיר טאָן מיט די דערמאָנטע כּמו־טעאַטראַלישע אָנשטעלן פון ישיבה־בחורים און בעלפערס און בעלי־מלאָכות, וואָס האָבן געשעפּט זייער רעפּערטואַר ממש ווי מאַנגער — פון חומש, שמואל, מלכים, מגילת אסתּר, און ווי עס מישן זיך דער כּובד־ראש פון מקרא און דער קלות־ראש פון מדרש. דאָס אַלץ איז אַן ענין פון אַן עלטערער מסורה. אָבער עס קומט נאָך צו אַ ייִנגערע מסורה — געגנוג אַ קוק דערלאַנגען אין דער מאָדער־נער ייִדיש־ליטעראַטור, בפרט אין דער קאָמעדיע, פון יוסף הערץ ביז אַברהם גאָלדפאַדן. און מאַנגער האָט דאָך באַוווּסט געוואָלט גיין און איז אויך געגאַנגען אין גאָלדפאַדנס סליאַדעס. אָבער דאָס האָט שוין צו טאָן מיט זיין אמונה, אַז אַזוי ווי די באַלאַדע האָט, אין דער ליטעראַטור פון די פעלקער, אויסגעצייטיקט אַ דראַמע, וועט אויך זיין פּאָעטיש שפּיַנדל, די באַלאַדע, אויסצייטיקן אַ דראַמע, די דראַמע, ווי ער האָט געחלומט רוב ימיו. אָבער דער דאָזיקער חלום זיינער האָט דערלעבט קוים אַ שפּיַן פון אַ פּיתרון — אַ רמז דאַרויף זענען זיינע דריי האָצמאַכס, און מער ווי אַ רמז איז די גרויסע טעאַטראַלע רעוויע פון די מגילה־לידער, וואָס איז געשטעלט געוואָרן ביי זיין לעבן, און עס איז אויך געווען זיין גרעסטע לעצטע הנאה. ווי לאַנג און אַלט עס איז געווען דער פּלאַן דערפון לאָזט זיך אָפּלערנען פון אַ העקטאָגראַפירט העפטל פון צבי בוימינגער — אַן אינסצעניזאַציע פון די מיגלה־לידער וואָס איז אַרויס דורך דער הנהגה הראשית פון השומר הצעיר אין לעמבעריק, און דאָס נאָך אין פעברואַר 1938.

נאָך מאַנגערס פּטירה האָט זיך דער אינטערעס אין אים און זיין ווערק געשטאַרקט, אָבער עס איז שוין נישט מער קיין ענין פון קריטיק, ווי אַן ענין פון געשיכטע. דעם לעבעדיקן זכּרון דערהאַלטן כּמה וכמה באַזונדערע אויפטוען — די מאַנגער־פּרעמיע וואָס איז אַ גרויסע קולטור־אַטראַקציע; נאָך מער דער מאַנגער־אַרכיוו אין דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. דאָ און דאָ האָט זיך באַזונדערס פאַרדינט גע־מאַכט שלום ראָזענפעלד, און אחרון אחרון, וואָס ווערט אַלץ ראשון ראשון — דער אינטערעס פּאַר מאַנגערס שאַפונג: אַרויסגאָב פון זיינע ווערק אין אָריגינאַל און אין איבערזעץ, און בעיקר די פאָרשונג, וואָס איז, אויפן סמך פון אַרכיוו וואָס נעמט אַרום כּתבי־יד, חיבורים וואָס זענען געווען אין דער פּרעסע, ביכער אין כּלערליי עדיציעס, בריוו, רעפעראַטן, פּירשטעלן, קריטיקן, זכרונות וכדומה, מסוגל צו פאַרהעלפן קודם־כּל מחבר צו זיין אַ פולע ביבליאָגראַפיע, און פון דאַנען אַ שטעג צו אַ פולער ביאָגראַפיע, ווי ערשטע טריט פון אַן אַרומנעמערישן ווערק, וואָס זיין המשך דאַרף צו זיין — אַן אַקאַדעמישע אַרויסגאָב פון אַלע זיינע ווערק, און דערלאַנגענדיק

איצט אַ נייע אויסגאַב פֿון מדרש איציק, דאַנקען מיר האַרציק דעם רעדאַק־טאָר, פּראָפֿ' חנא שמערוק, ד"ר חוה טורניאַנסקי און ד"ר מאיר וואָלף, פֿאַר זייער אחריותדיקער און ערלעכער מי.

(טבת תשמ"ג)

אַ פֿאַרשוין פֿון גרויסן און שווערן קאַליבער

וועגן חיים גראַדע

א

כאָטש עס לאָזט זיך נישט רעדן וועגן אַן אומגעריכטן אַוועקגאַנג פֿון חיים גראַדע, ווייל דער תּמיד מסוכּנער פֿלאַטער פֿון זיין קראַנק האַרץ האָט אַ ליאַדע טאָג, אַ ליאַדע שעה, אַ ליאַדע רגע געקאָנט אָפּשטעלן דעם זייגער, איז די ידיעה וועגן דער פּטירה געווען אַ פּלוצעמדיקע, און ממילא אַן אויפֿשוידערנדיקע.

דאָס האָט זיך געשפּירט אין די ערשטע נעקראָלאָגן, וואָס זענען אינפֿאָרמאַטיוו געווען מאָגער און אָרעם, און אָפּשאַצעריש קורץ אָבער לאַפּידאַר, ווי דער קינה־זאָג גייט: אוי מה היה לנו, וואָס מיינט: ווייַ, וואָס האָבן מיר פֿאַרמאָגט. אָבער פּסקי־דינים ממש, מיט כּללים און פּרטים וועלן ערשט קומען, און דאָס נישט ווי ביז איצט — אין סאַמע המשך זיינעם, נייערט ווי פֿון איצט און וויטער — נאָכן סיום זיינעם. אַזוי אַז דאַכט זיך, וואָס עס לאָזט זיך דערווייל זאָגן, איז אַ קלענערער אָדער גרעסערער פּרווו פֿון אַ דערוויילקן הספּד, וואָס איז גאָר וויט זיך צו וועלן פֿאַרמעסטן אויף אַרומצונעמען דעם קוואַליקן מחבר פֿון כּך־וכך בענד כּתבים און זייערע וועלט־און־וועלטן, ווי זיי האָבן זיך, במשך יאָרן, פֿונאַנ־דערגעוויקלט פֿאַרן אויג פֿונעם לייענער, איז אָבער עפּעס נענטער צו קאָנען אָנווייזן אויפֿן ברייטיקן פֿאַרשוין, ווי ער האָט זיך, מכּוח שמועסן, דורך לאַנגע שעהען, אַריינגעעכאָט אין אויער פֿונעם צוהערער.

איז קודם־כּל אַ באַמערק: ער האָט נישט געהערט און נישט פּרעטענ־דירט צו געהערן צום לייכטן קאַליבער, און מקיים זייענדיק דעם כּלל, וואָס ער האָט, לויט זיין נאַטורעל און זיין מוסר, געמוזט מקיים זיין: וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג, האָט ער נישט געפּרוווט פֿאַר־טושן נישט זיינע גרויסע און נישט זיינע קליינע אַהבות און נישט זיינע גרויסע און נישט זיינע קליינע שׂנאות, און ווער עס האָט זיך רעכט צוגעהערט, נישט פֿאַרלירנדיק קיין וואָרט, האָט נישט געקאָנט פֿאַרהוילן, ווי וויט זיין בעל־פּה איז אַ לעגיטימע, כאָטש רויע באַזע פֿון זיין געמייס־טערטן בכתב. ווייס איך נישט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען איך האָב מיר ביי אים קונה געווען דעם צוטרוי, אַז אַלע אונדזערע באַגעגענישן, סיי אין

ירושלים סיי אין ניו־יאָרק, וואָס האָבן זיך צו מאָל געצויגן ביז ווייט נאָך חצות, זענען געווען אויסגעפּילט מיט זיינע מאָנאָלאָגן, וואָס אָן זיי וואָלט איך ווייניקער פאַרשטאַנען זיינע פּאָעמעס און לידער, זיינע ראָמאַנען און נאָוועלן, ווי איך רעד מיר איין זיי צו פאַרשטיין. אָבער איך ווייס, אַז איך בין ווייט נישט געווען פאַר אים דאָס איינציקע אויער, און, ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן, האַנדלט עס זיך, בעצם, אין אַ שמועס מיט זיך אַליין, ווו עס לאָדט זיך אויס דער יצר, איידער ער קריסטאַליזירט זיך, אויף וויפל ער קריסטאַליזירט זיך, אין דער יצירה. על־כל־פּנים, אין ליכט און שאָטן פון זיינע שמועסן, האָבן זיך מיר געעפנט, און צו מאָל אויפגעפּראַלט, טירלעך און טירן, צו אַ שאַרפער אָדער סטריקטערער פאַרשטענדעניש פון זיינע שאַפונגען — און איך האַלט מיך באַרעכטיקט עס לעת־מצוא פאָדראָבנע פירצוברענגען, און לעת־עתה עטלעכע ווי מיט שבת־שטעך געמאַכטע באַמערקן.

ב

איך האָב געזאָגט: שאַפונגען, און דאָס מיינען, כּידוע, צוויי, זיך מכּלומרשט דערגאַנצנדיקע סאָרטן — פּאָעזיע און פּראָזע — וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרבייטן איינס דאָס אַנדערע, אַזוי אַז וואָס עס האָט נישט אויספּיעט צו זאָגן די פּאָעזיע, האָט געזאָגט די פּראָזע, און אַזאַ פאַרבייט האָט זיך דאָך דערקלערט פונעם שאַפערישן סדר: אַמערשט איז געווען די פּאָעזיע און ערשט שפּעטער איז געקומען די פּראָזע, און נאָך שפּעטער האָט די פּאָעזיע פאַרביטן די פּראָזע, ווי איינער זאָגט: אלכה ואשובה אל אישי הראשון, טייטש: איך וועל גיין און זיך אומקערן צו מיין ערשטן מאַן, און אפשר מיטן צוגאָב פון סוף פּסוק: כּי טוב לי אז מעתה, טייטש: דען עס איז מיר בעסער דער דעמאָלט פונעם איצט. איך זאָג: אפשר, ווייל נאָך דעם באַנייטן קורס פון פּאָעזיע איז געקומען נישט בלויז אַ נייער, נאָר אויך אַ באַנייטער קורס פון פּראָזע. איז דער גאַנג צווישן פּאָעזיע און פּראָזע מצד דעם זעלבן שאַפער נישט קיין חידוש, און מען האָט שוין וועגן דעם פּראָבלעם זיך היפּש אָפּגעשטעלט, אָבער לרוב האַנדלט עס זיך נישט אין גלייכע מדרגות און נישט אין גלייכע פּראָפּאָרציעס, ווי מיר האָבן זיי דאָ, אַזוי אַז די עיקר־קשיא שטעקט נישט אַזוי אין דער פאַרשיידנקייט פון די מעגלעכקייטן, וואָס אין יעדער פון די צוויי זשאַנערס, נאָר אין דעם גרונטפּראָבלעם, וואָס זיי זאָלן און קאָנען לייזן.

און, דאַכט זיך, אַז דאָס גרונטפּראָבלעם איז: דער חלום און דער פּיתרון, מכּוח אַרטיזם גובר צו זיין די שפּאַנונג אָדער גאָר די סתּירה, צווישן פּאַטאָס און עטאָס. פּאַטאָס סיי אין גרונטיקן זינען: דאָס לייד וואָס געבערט געשריי, סיי אין אָנגענומענעם זינען: הויכטאָניקע עלאָקווענ־ציע; עטאָס — סיי אין גרונטיקן זינען, ווי אַ תּורת־המוסר, וואָס איז אַ מהות פון בורא, סיי אין אָנגענומענעם זינען ווי אַ תּורת־המידות, וואָס איז מחייב דעם נברא. ביידע, דער פּאַטאָס און דער עטאָס, און די שפּאַ־נונג צווישן זיי, און דאָס באַדערפעניש זיי, בכּוח דערציילערישער אָדער דיכטערישער פיקציע אויסצובאַלאַנסירן, זענען דאָ סיי אַן אַלטע ירושה, און דערצו היימישע ירושה, בשעת דער באַלאַנס, איז אַ יונגער קנין. כּדי די זאַך צו פאַרקירצן, דערלויב איך מיר צו זאָגן: דער ווידעראַנאַנד גייט פון אַלט־ווילנע, די אילוזיע אָדער דער גלויבן אין באַלאַנס און זיין כּלי, גייט פון יונג־ווילנע. אָבער ווי פאַרקירצט אונדזער איצטיקע דעפיניציע זאָל נישט זיין, איז זי, דאַכט זיך, דער שליסל צו כאַפּן די ספּעציפישקייט און ספּעציעלקייט (בעסער געזאָגט: די באַזונדערע ספּעציעס) פון אונדזער שאַפער.

אוודאי געהערט ער סיי צו יונג־ווילנע סיי צו דער גרופּע יונג־ווילנע, משמע סיי צו דער געזעלשאַפטלעכער, מאָדערנער שיכט יידן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבילדט אין דער עיר ואם בישׂראל, בעיקר צווישן ביידע מלחמות, און סיי צו דער שאַפערישער גרופּע, פון יחידים, ווי זיי האָבן זיך, לויט טבע און טאַלאַנט, אינדיווידואַליזירט אויף וויפל עס האָט דערצו צוגע־לאָזט דער גרויליקער גורל, וואָס האָט דעם רוב פון זיי פאַרלענדט, און בלויז ווייניקע, בדרך־נס און צופאַל, ביים לעבן געלאָזט. אָבער אויף וויפל ער, חיים גראַדע, זאָל נישט געהערן צו יונג־ווילנע, אין ביידע געשטאַלטן, סיי דער ברייטערער כּלל, סיי דער ענגערער גרופּנרעם, סיי אין זייערע רעאַלע סיי אין זייערע פיקטיווע יסודות, וואָס האָבן געהאַט זייערע בשות־פותדיקע יאָען און ניינען — בתוך תוכו געהער ער בעצם צו אַלט־ווילנע, ירושלים־דליטא, און דאָס אין איר בפירוש לומדישן און מתנגדישן נוסח, איידער זי האָט געהאַט צו טאָן מיט אירע שפּעטערע פּראָדוקטן, אָנגע־הויבן פון פּרחי צפון און געענדיקט מיטן טאָג, ווו דאָס שניי־דמעסער, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ ביז צו דעם ווילנער יִיוואָ, האָט געטאָן דעם שאַרפסטן שניט, און פון איין זייט איבער־געלאָזט לשון־קודש ווי אַ שאַפערישן אייערנעכטן און נעכטן, און פון דער אַנדערער זייט געלאָזט בלויז יידיש ווי אַ שאַפערישן היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן.

ג

דאַכט זיך, דעם כּלל זענען געטריי געווען כּמעט אַלע מיטגלידער פון דער גרופּע — איך זאָג: כּמעט, כּדי נישט צו פאַרגעסן, אַז צו דער גרופּע האָט געהערט, אפשר נישט איבעריק אָרגאַניש, אָבער אַ רעפּרעזענטאַטיוו שייכות, אַברהם־יהושע העשל — אַזוי אַז דער חזיון פון צווייִשפּראַכיקייט, וואָס וואָלט געווען צום נאַטירלעכסטן פאַר ירושלים־דליטא, איז ווי פאַרשווונדן, גלייך ער וואָלט נישט געווען. און אויב דאָס האָט מיך געקאָנט פּראַפּירן ביי אַ טייל מיטגלידער פון יונג־ווילנע, האָט עס מיך געמוזט פּראַפּירן ביי די פון אָנהייב אָן, בולטסטע פון זיי, וואָס אָפּשטאַם און ייִחוס אָדער דערציִונג און בילדונג, האָבן זיי פּרעדעסטינירט צו אַ המשך פון אַ שאַפערישער צווייִשפּראַכיקייט — חיים גראַדע עליו השלום און אַברהם סוצקעווער יאַריך ימים — און זיי זענען עס, כּידוע, נישט געווען און נישט געוואָרן. ס'איז אפשר נישט קיין צופאַל, וואָס איך ווייז אָן אויף דעם פּאָרל, וואָס זענען די שאַרפסטע קרעאַטיווע אַנטיפּאָדן פון יונג־ווילנע, אָבער עס איז אַוודאי נישט קיין צופאַל, וואָס זיי זענען נישט בלויז געווען, נאָר געבליבן איינשפּראַכיק — איך וויל מיר נישט דאָס פּראָבלעם לייכטער מאַכן זאָגנדיק: גראַדע — ווייל ער איז נישט געגאַנגען קיין ירושלים, פונקט ווי איך קאָן עס מיר נישט לייכטער מאַכן זאָגנדיק: סוצקעווער — כאָטש ער איז געגאַנגען קיין ירושלים.

דען ס'איז אַ שווער פּראָבלעם ביי ביידע, און נישט בלויז נאָענטע דורות נאָר אויך ווייטערע דורות וועלן זיך באַרען מיט דעם מאַי־קאַ־משמע־לן — איין ווילנער אין תּל־אָביב, וואָס זיין שאַפונג אָטעמט און לעבט אַלע פּאַזעס פון אונדזער אומקום און אַלע פּאַזעס פון אונדזער אויפקום, טוט עס בלויז ייִדיש, גלייך עס וואָלט נישט געווען קיין מענדעלע, קיין י. ל. פּרץ, קיין ח. נ. ביאַליק; און אַן אַנדערער ווילנער אין ניו־יאָרק, וואָס זיין שאַפן נעמט בעיקר אַרום וואָס עס איז געווען און ווי עס איז געווען אין ווילנע און איר אַרום, ווי ער וואָלט כּלל נישט געלעבט און נישט געאָטעמט אין ניו־יאָרק, און כאָטש די ישיבה, אירע בחורים און לערנערס, און די ראָשי־ישיבה, זענען די גרויסע אַרטעריעס פון געשריבענעם און באַשריבענעם, טוט ער עס בלויז ייִדיש, כאָטש עס איז געווען אַ מענדעלע, אַ י. ל. פּרץ און אַ ביאַליק. אפשר בעט זיך דאָ אונטערצושטרייכן: בעיקר ביאַליק, וואָס ער, חיים גראַדע, האָט אין וואָרט און ליד אַנידערגעשטעלט ווי זיין פּאָן, זיין אידעע, זיין אידעאַל, אַזוי ווייט, אַז עס האָט אים געשמייכלט דאָס וואָרטשפּיל: חיים־נחמן גראַדע, און ער האָט עס אַליין גערן איינגעחזרט און איבערגעחזרט.

וועל איך נישט זאָגן, אַז מען טאָר נישט מחולק זיין לגבי דעם פּאַר־גלייך, וואָס מוז הינקען, אויב דאָס וואָרטשפּיל וויל זיין אַ כּלל־סברה, אָבער פאַראַן בפירוש צוויי עלעמענטן ביי ביאַליקן, וואָס גראַדע איז זייער יורש, ממשיך און אויסבויער — זיין פּאָעמע „המתמיד״, אָדער ווי זי האָט געהייסן אין איר ערשטן, געפּובליקירטן נוסח: „מבני העניים״, וואָס פירט צום אַלטן, ארץ־ישׂראלדיקן זאָג: הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה, טייטש: זייט געוואָרנט אין די קינדער פון אָרעמעלייט, בעוויל פון זיי וועט אַרויסקומען תּורה. יאָ, דער משורר־הדלות און משורר־המתמיד זענען דער צד־השווה, וואָס דערלויבן דאָס וואָרטשפּיל: חיים־נחמן גראַדע, בפרט אַז דער נאָכגייער האָט דאָ געגעבן אַ תּיקון און אַ בפירושן דערצו, דעם פירגייער.

ד

כּדי דאָס משער צו זיין, דאַרף מען דערמאָנען, אַז דער וועג, וואָס האָט אַ מאָל געפירט פון ווילנע קיין וואָלאָזשין, האָט שפּעטער געפירט קיין נאָוואַרעדאָק און וואַלקעניק, ווו עס האָט זיך געכאַוועט חיים גראַדע, פאַר־דעסטינירט דערצו נישט אַזוי (און אפשר כּלל נישט) פון זיין אָרעמען טאַטן, וואָס איז אויך געווען אַן עברית־לערער, און וואָס האָט זיין זון פּרי פּאַריתומט, ווי פון זיין אָרעמער מאַמע, דער סאַמע קווינטעסענציע פון דער עלעמענטאַרסטער ייִדישקייט, וואָס דער גייסט און דער וועג פון דער ישיבה האָט אים אויסגעבוירן. די פּרעדעסטינאַציע איז אויך זיין גורל און דער גורל פון זיין שרייבן — און אַן דעם איז ער כּלל נישט פאַרשטאַנדלעך, און ווי אַ שרייבער, בפרט אַ גרויסער שרייבער, כּמעט נישט פאַראַנען. ער איז ווייט נישט געווען דער איינציקער ישיבה־בחור אין זיין שטאָט, און אין איר אַרום, און במילא אויך אין דער גרופּע יונג־ווילנע און איר פיל־פּנימדיקן און רייך־געשטאַלטיקן אַרום, ווי לייזער ראַן האָט זיי, אפשר אַ ביסל פאַרשווענדעריש, גרופּירט אין זיינע פּובליקאַציעס (נוסח ווילנע), אָבער ער איז דער איינציקער, וואָס האָט די ישיבה, ווי ער גופא האָט זי געלעבט, און ווי זי גופא האָט געלעבט, און דאָס אין סאַמע ברען פון דור, אין זיין אַקטואַלער און פּראָבלעמיקער ווערקלעכקייט, ווידער אַ מאָל אויפ־געהויבן צו אַ צענטראַלן קערן, אַרום וועלכן עס האָט זיך, יריעה נאָך יריעה, אַנטפּלעקט דער גאַנצער סוסטראַט פון דור — די היים און די גאַס, די קלויז און די שול, די חברותא און דער קלוב, דער מאַרקאַנטער כאַראַקטער און דער טאָג־טעגלעכער טיפּ, דער המשך פון רבים און דער

חידוש פון יחיד, די געירשנטע מסורה און דער באַני־ערישער ווידער־אַנאַנד — דער פולער קאָמפּלעקס פון אַ דור, ווי ער האָט זיך פונאַנדער־געוויקלט און אָפּגעוויקלט אויף אַ שמאָלער געאָגראַפישער עקסטענסיע — אַ נישט איבעריק גרויסער פּאַס פון ליטע און ביעלאָרוסיע, און אין אַ טיפער היסטאָרישער אינטענסיע — פון אַלץ וואָס האָט זיך צוזאַמענגע־באַלט אין באַגריף און אין טערמין ירושלים־דליטא.

דער צוזאַמענטרעף צווישן געאָגראַפיע און היסטאָריע, וואָס קומט פיר אין גראַדעס ווערק, בילדט אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן ספּעקטרום, סיי מכוח דעם אייבערשטן לירישן טאָן, וואָס באַהערשט די פּאָעזיע, סיי מכוח דעם אייבערשטן עפּישן בילד, וואָס באַהערשט די פּראָזע, ווייזט זיך ווי אַ ייִדישער צוזאַמענטרעף, וואָס איז, ווי שוין אָנגעוווּנקען, אַן אילוזיע, איינע פון אונדזערע פיל אילוזיעס בצִלן של מלכויות, משמע: אין שאָטן פון די הערשנדיקע גוייִשע מאַכט־גורמים. האָט זיך דאָך אויף דעם פּאַס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון די אַזוי־גערופענע קרעסן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו פּוילן, צוגעשפּיצט צו אַ מין עקסטער־אילוזיע, פון דער מעג־לעכקייט, אויב נישט אייביק, טאָ לאורך־ימים, אָנצוהאַלטן אַ קאָמפּאַקטע ייִדישע באַזונדערקייט, אין דער געשטאַלט פון אַן איבערגאַנג, אָדער איבער־גענג פון אַ מסורהדיקער צו אַ וועלטלעכער ייִדישקייט, ווי זי האָט פּולסירט אין יונג־ווילנע און איר אַרום — סיי די וואָס מאַקס ווײַנרייך האָט זיך באַמיט צו גרופּירן אַרום דער בין, וואָס האָט זיך געהאַלטן אינעם דאָ און אין אים געגלייבט; סיי די וואָס מיכאל אַסטור (טשערניכאָוו) האָט גע־פּרוּווט מאָביליזירן אַרום שפּאַרבער און זיין טעריטאָריאַליסטישן פּראָגראַם; סיי די וואָס האָבן געזען ווי אַ מאַגנעט משה קולבאַק און זייער אמונה האָט געמיניעט און געמאַניעט אין ליכט פון פינפשטערנדיקן מלכות און געזען דעם פּיתרון פון זייער חלום אין אַ ויברח איבער דער גרינער גרענעץ. און וואָס עס דאַרף באַזונדערש באַטאָנט ווערן: דער צד־השווה פון זיי אַלע און כּדומה להם איז געווען די גרונט־הנחה, אַז דער יסוד־היסודות, אויף וועלכן די אַלע מיני לעבנס־פאָרמען וועלן זיך פורעמען, איז ייִדיש־לשון. ווי גראַדע האָט זיך געזען אין דעם פּלאָנטער, סיי אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן אין ווילנע, סיי אין זייער ממשדיקן אָדער מכּלומרשטן המשך אין סאָוועט־רוסלאַנד, וווּ ער האָט געוואָגלט ביז ער איז צוריק קיין פּוילן — איז אַן ענין פון זיין ביאָגראַפיע וואָס איז נישט אָנגעשריבן און געהער צו דער ביאָגראַפיע פון אַ דור, וואָס וואַרט נאָך אויף זיינע מחברים; אָבער סיי פון פריִען אָנהייב, סיי פון זיין שפּעטערן המשך איז קלאָר, אַז ער האָט געהאַט אַן idée maitresse און דערויף זענען מעיד די שאַפונגען וואָס ער האָט פאַר דער מלחמה געדרוקט אין

ווילנע און ניו־יאָרק. די קשיא וואָס ער האָט מיט איר געקאָנט טאָן און געטאָן אין די יאָרן פון זיין וואָגל, שטייט פאַר זיך, און ווערט, אַ שטייגער, אין נייעם לעקסיקאָן פון דער ייִדיש־ליטעראַטור נישט דערמאָנט, אָבער עס לאָזט זיך, דאַכט זיך, עפּעס אָפּלערנען פון דעם פאַקט, אַז ער האָט די תקופה נישט איבערגעהיפּערט, און איז אַוועק פון אונדז, דרוקנדיק (אָדער איבערדרוקנדיק) אין המשכים, זיין ראָמאַן (אייגנטלעך שליסל־ראָמאַן) פון אונטער דער ערד, וואָס איז טעמאַטיש אַ מין יוצא־מן־הכלל אין זיין פּראָזע, און וואָס לאָזט זיך נישט פאַרענטפערן אָן אַ השערה פון אַ צוואַנג, די תקופה נישט איבערצוהיפּערן.

ה

על־כּל־פּנים, איז נישט קיין ספק, אַז עס לאָזט זיך דאָ רעדן וועגן אַן אַחרי בראשית — און דער בראשית איז אַ המשך פון „המתמיד״ און ממילא פון „מבני העניים״, פּונקט ווי דער המשך און סיום זענען זיין תיקון. וואָס שייך „המתמיד״ דאַרף מען נאָך געדענקען, אַז ער באַשטייט פון צוויי טיילן, וואָס זענען זיך נישט משלים נאָר סותר — דער ישיבה־בחור וואָס איז אין אָנהייב אַ גיבור, איז צום סוף אַ קרבן, און פאַרשערס האָבן זיך שוין אָפּגעשטעלט דערוועגן (זע דעם ווידעראַנאַנד פון פישל לאַכאָווער און אַברהם פּרנס אין כּנסת). דער סיום פון דער פּאָעמע גייט דאָך: מה צחיחה החלקה ומה מקוללה, אם פרודות כאלה תעבשנה בתוכה, טייטש: ווי פאַרסעכנעט און ווי פאַרשאָלטן איז דאָס שטיק ערד, אויב אַזעלכע זערנעס פאַרפוילן אין איר. אַזוי ווי ס'איז געווען נישט בלויז אַ המשך, נאָר אויך אַן אויפבלי פון דער ישיבה, פרעגט זיך וואָס האָט דער־וועגן דער טיפּישער ישיבה־בחור געקלערט — איז מיר מיט יאָרן צוריק אויסגעקומען צו הערן אַ קלאָרע תשובה — ווען דער עילוי אין רוב תחומים פון חכמת־ישׂראל, ר' שרגא אַבראַמסאָן, האָט באַקומען דעם פּרס־ביאַליק, האָט ער דערציילט, אַז ווען ער האָט, ווי אַ ייִנגל, זיך געגרייט לערנען אין אַ היגער ישיבה, האָט ער געקלערט, ווי ער וועט זיך זען מיט ח. נ. ביאַליקן, און דערציילן, אַז די וועלט פון „המתמיד״ לעבט און שוועבט, און אַז דער סוף פון זיין פּאָעמע איז, ברוך־השם, אַ טעות — די תורה בליט און אירע לומדים בליִען. אָבער אַז ער איז געקומען אַהער איז שוין ביאַליק נישט געווען; דערציילט האָט ער עס אין ביאַליקס שטוב, ווו עס קומט פיר דער פאַרטייל פון פּרס אויף זיין נאָמען. יאָ, ר' שרגא אַבראַמסאָן, וואָס איז פּראָפעסאָר פאַר תּלמוד אין ירושלים, און איז אויך

אַ חכם מופלג אין אַלע תּקופות, פון דער ליטעראַטור פון די גאונים ביז היינטיקן פאָלקלאָר און פאָלקסליד, איז אַ נאָענטער חבר פון חיים גראַדע (ווערט אויך באַשריבן אין זיין בוך, אונטערן נאָמען פישעלע), און זיין עדות, אין בית־ביאַליק, האָט באַשטאַרקט דאָס עדות פון דיכטער, סיי אין זיין פּאָעמע וועגן ביאַליקן (געשריבן אין סאָוועט־רוסלאַנד) סיי אין זיין לעקציע וועגן אים (געהאַלטן אין ירושלים און אין ניו־יאָרק).

און נאָך עפּעס — צווישן די ביאַליק־פאָרשערס האָט מען געפרעגט צוויי קשיות — איינע: פאַר וואָס האָט ער זוכה געווען צו דער גדולה; אַן אַנדערע: ווער איז עס, בעצם, געווען דער מתמיד. אויף דער ערשטער קשיא האָט געענטפערט ר׳ אליעזר־מאיר ליפשיץ: די קרוין פון דער תּורה האָט זיך געוואַלגערט אין שטויב, דאָס יונגוואַרג האָט זיך מער נישט געריסן צו איר, זי האָט נישט געשטראַמט אין די ישיבות, איז געקומען אַ יינגל מיט אַ גאונישן קאָפּ און אַ גאונישן האַרצן, האָט די קרוין אויפגע־הויבן, אָפּגערייניקט און זי געוויזן אין איר פולער פּראַכט; און גאָר מעגלעך אַז ליפשיץ האָט עפּעס דערוועגן געלערנט פון זיך אַליין, און עס לוינט זיך דעריבער אָפּצושטעלן. אויף דער אַנדערער קשיא האָט געענט־פערט צבי וואָיסלאַווסקי, אָנווייַזנדיק דאַרויף, אַז ביאַליקס מתמיד איז נישט דער אָנגענומענער טיפּ פון אַ למדן, וואָס דורי־דורות האָט ער צוגע־שטעלט דעם קאָנטיגענט פון עילויים, דען יענע זענען אַוועק אין די גימנאַ־זיעס און אוניווערסיטעטן. עס איז אַן אַנדערער, נייער טיפּ פון אָרעמערע שטובן, בעיקר אין די פּערשטעט און דערפער, וואָס האָט זיך געיאַוועט ווי אַ יורש פון דער תּורה, און וואָס האָט זיך אַ סך געראַנגלט מיט זיך, כּדי קאָפּ און האַרץ ביי־צוקומען און זיך אונטערגעבן דעם עול פון דער תּורה. און מיר ווייסן עס טאַקע פון וואָיסלאַווסקין גופא, אַז ער האָט דאָס אָפּגעלערנט פון זיך אַליין, ווי ער האָט זיך געמוטשעט ראַנגלען מיט זיך אַליין, כּדי צו פאַרקאָנקורירן די לומדישע און מיוחסדיקע חברים, וואָס תּורה איז ביי זיי געגאַנגען ווי בירושה. יאָ, אַזוי אַרום ווערט נאָך מער פאַרשטענד־לעך, אַז דער „המתמיד" האָט אין ערשטן נוסח זיינעם געהייסן „מבני העניים".

ו

און איצט וועגן תּיקון — ווער עס האָט אַ קוק דערלאַנגט אין ביאַליקס גירסאות פון „המתמיד", סיי די וואָס האָבן זיך געדרוקט, סיי די וואָס האָבן זיך דערהאַלטן אין כּתב־יד (אַרויס דורך שמואל טראַטנער, זיוה

שמיר, רות שענפעלד, מיט אַן אַריינפיר פון דן מירון, תשל״ח) ווייסט, אַז ביאַליק האָט די פּאָעמע פּאַרטראַכט נישט ווי זי ליגט פּאַר אונדז אַרום־נעמענדיק זעקס לערניאָרן, נאָר זעכציק לעבנסיאָרן — פון מתמיד וואָס ווערט דער ראָש־ישיבה — וואָס עס איז נישטאָ ביי ביאַליקן איז דאָ ביי גראַדען — ס׳איז אַ פולער צערקל, פון תלמיד ביז ראָש־ישיבה, און די געשטאַלט פון חזון איש, סיי אין פּראָזע סיי אין פּאָעזיע, איז מעיד כמאה עדים, אַז וואָס דער פירגייער האָט געקלערט צו טאָן האָט דער נאָכגייער געטאָן ממש. און עס איז נישט קיין אוניקום אין דער ליטעראַטור־געשיכטע, אַז וואָס אַ פירגייער האָט געקלערט צו טאָן, האָט אַ נאָכגייער געטאָן — האָט דאָך געטע געחלומט און אַפילו געפּרווּוט מייסטרעווען אַ יוסף־ראָמאַן, איז מיט דורות שפּעטער געקומען טאָמאַס מאַן און באַוווּסט דעם חלום אויפגעהויבן און אין זיין יוסף און זיינע ברידער פותר געווען; און האָט דאָך יל״ג גענומען שרייבן אַ פּאָעמע וועגן די מתי מידבר, אָבער קוים דערגרייכט אַ קליינעם לייסטער שורות, איז געקומען ביאַליק און האָט זיך באַוווּסט סומך געווען אויף די פּאָר שורות, און אויסגעבויט זיין פּאָעמע, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין אונדזער ליטעראַטור און אויך נישט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

ז

יאָ, דאָס שייכות צו ביאַליקן איז אַ באַגרענעצטס, און שפּאַנט נישט טעמאַטיש אַריבער די שוועלן פון „המתמיד״, „שירתי״, „אלמנות״ און עס איז אַ גוזמא צו וועלן די שוועלן אַריבערטרעטן. אָבער ביאַליק איז, אין כלל־זינען, געווען גראַדעס לייכטטורעם — ער איז פּאַר אים געווען די קלאַסיק, צו וועלכער זיין נאַטורעל און סגולה האָט זיך געוואָלט דערהייבן. ווער עס וויל יוסט, קאָן זאָגן, און מע זאָגט עס אויך, אַז ער האָט געזוכט אַזאַ מעלה, מחמת זיין אייגענעם חסרון — ער איז געווען ווייט, און מסתמא געקלערט, אַז ער איז מחויב צו זיין ווייט פון דעם מאָדערנעם און מאָדער־ניסטישן גאַנג אין דער ליטעראַטור און איר ראַפינאַמענט, און איז מחויב צו זען זיין וועג אין ליכט פון אַ פריִען, קלאַסישן אידעאַל. און דאָ ווילט זיך באַמערקן אַז, בעצם, איז דאַרינען באַשטאַנען די גדולה פון ביאַליקן גופא. מיכאל גערשנזאָן האָט אין אַ שמועס מיט ביאַליק, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַן אומגעוויינטלעכן רושם, געפרעגט: ווער, מיינט איר, איז היינט־צו־טאָג דער גרעסטער רוסישער פּאָעט? ביאַליק האָט אַ קאָפּ נאָכ־געקלערט און געענטפערט: היינט־צו־טאָג? נאָך אַלץ פּושקין. מסתמא

וואָלט אַזוי גראַדע געענטפערט ווען מע פרעגט לגבי אונדזער גרעסטן פּאָעט. דער צד־השווה איז, אַז ביידע, סיי ביאַליק סיי גראַדע, האָבן גע־האַלטן, אַז זיי דאַרפן צוריקגיין צו אַ גרויסער קלאַסישער ליניע, און זיי האָבן זיך נישט געשראָקן, וואָס זיי זענען, אין זייער צייט און איר צייט־גייסט, נישט אָפּ־טו־דעטס. די קשיא, צי האָט גראַדע געוווּנען, ווי ביאַליק האָט געוווּנען — איז זייער אַ שווערע קשיא, אָבער וועט זיך ערשט לאָזן, מיט יאָרן שפּעטער, אפשר ווען עס וועט זיך אומקערן דאָס פאַרשטענדעניש, און בעיקר דאָס באַדערפעניש, פון און פאַר אַ גרויסער קלאַסישער ליניע, פאַרענטפערן.

(תשמ״ב)

בכלל און בפרט

ווענן אַברהם סוצקעווער

מאמר א׳: בכלל — צווישן יובל און יובל

א

ימי שנותינו בהם שבעים שנה ואם בגבורות שמונים שנה, טייטש: די טעג פון אונדזערע יאָרן אין זיי — זיבעציק יאָר, און אויב אין שטאַרקייטן — אַכציק יאָר. עס איז, כּידוע, אַ בפירושער פּסוק אין אַ קאַפּיטל תּהילים (צ׳, י׳), וואָס רופט זיך: תּפילה למשה, און איז אַריין אין שחרית־דאַווענען פון שבת און יום־טוב. ביי אַזאַ אויטאָריטעט און אַזאַ פּאָפּולאַריטעט, איז נישט קיין חידוש, אַז די דאַטע פון זיבעציק יאָר, לאָ־כּל־שכּן פון אַכציק יאָר, איז זוכה צו אַ באַזונדער חשיבות אין לעבן פון אַ יחיד, מה־דאָך פון אַ מאַרקאַנטן יחיד, און זי ווערט באַטראַכט און באַהאַנדלט ווי אַ באַזונדערער שעת־כּושר — סיי בתּורת־סיבה, סיי בתּורת אָנשפּאַר — פאַרן אָפּשאַץ און איינשאַץ פון דעם פּאַרשוין, זיין מהות און תּוך, זיין רצון און יכולת, זיינע כּוונות און מעשׂים, זיינע אויפטוען און זיין סך־הכּל. אמת, אין דער תּורה מיינט שנת־היובל נישט זיבעציק, לאָ־כּל־שכּן אַכציק יאָר, נאָר אַ מיט צוואַנציק יאָר ייִנגערע צאָל — קומט דאָך דער שנת־היובל נאָך זיבן שמיטות, משמע עס איז גאָר דאָס פופציקסטע יאָר. אָבער אַזוי האָט זיך שוין איינגעשטעלט דער מינהג, אַז דער באַצייכן יובל איז חל אויף אַ יעדן אָפּשלוס פון אַ צענדליק יאָר נאָך דעם פופציקסטן יאָר, און מסתּמא האָט דער שידוך צווישן וואָרט יובל און צווישן וואָרט פון יובילעום — (צוויי באַזונדערע שרשים) — אויך אַ האַנט דערביי.

ב

ווי ווייט דער כּלל איז אַקטואַל — באַווייזט דער קאָנקרעטער פאַל, צוליב וועלכן מיר האָבן אים איצט דערמאָנט: דער יובל פון אַברהם סוצקעווער, וואָס ווערט איצט, אין כּלערליי אופנים, געפּראַוועט, און איך דערלויב מיר אויסצובולטן אַ ספּעציאַלן אופן — דאָס דערשיינען פון יובל־בוך „ייִחוס פון ליד, לכּבוד אַברהם סוצקעווער״, וואָס איז איצט דערשינען (תּשמ״ד), און פאַרדינט אַ באַזונדערן אויפמערק, נישט בלויז צוליב זיך, נאָר אויך צוליבן עלטערן חבר זיינעם, דעם ספר „יובל־בוך צום פופ־

ציקסטן געבוירן־טאָג פון אַברהם סוצקעווער״, וואָס איז דערשינען מיט צוואַנציק יאָר צוריק (תשכ״ד).

אַוודאי בעט זיך אַ מער פּרעציזירטער און סקרופּולאַטער פּאַרגלייך צווישןביידע יובל־ביכער, און ער וועט מסתּמא, פריִער אָדער שפּעטער, צו שטאַנד קומען, אָבער אויך אַ כּללדיקער, רעזומירנדיקער דורכקוק ווייזט אָן, אַז דער פּאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער האָט געעפנט נישט בלויז אַ מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דעם דיכטער אין ליכט פון זיין שאַפערישן המשך און חידוש, אין דעם צייט־אָפּשניט צווישן יובל און יובל, נאָר האָט אויך באַשטאַרקט די נויטוועדיקייט פון אַ געאַנדערשטער, און אפשר טאַקע אַנדערער, רעטראָספּעקציע לגבי זיין גאַנצן געשאַפענעם יש. בפרט אַז מיר האָבן אין ייִנגערן יובל־בוך לרוב צו טאָן מיט אַ נייערן, ייִנגערן דור, וואָס מיינט אַ נייערע, ייִנגערע ביאָגראַפיע, מענטאַליטעט און פּערספּעקטיוו.

ג

דאַכט זיך, אַז שוין אַ קליינער סטאַטיסטישער פאַרשווינדלעכער דורכקוק באַשטעטיקט עס: דער עלטערער ספר־יובל לכּבוד דעם דעמאָלט ייִנגערן בעל־יובל איז באַשטאַנען פון נייַן־און־צוואַנציק אָנטיילנעמער, פון וועלכע דרייַ־און־צוואַנציק זענען נישט מער מיט אונדז, און זיי האָבן געהערט צום סאַמע פּני פון יידיש־וואָרט. קודם־כּל די ווילנער: מאַקס וויַינרייַך, חיים גראַדע און אלחנן וואָגלער (ראָזשאַנסקי), און מיט זיי ה. לייוויק און אפרים אויערבאַך; מלך ראַוויטש (חנא זכריה בערגנער) און אַברהם משה פוקס; אַהרן לעיעלעס (גלאַנץ) און יעקב גלאַטשטיין; זלמן שזר (רובאַשאָוו) און יעקב זרובבל (וויטקין); אַהרן צייטלין און איציק מאַנגער; רחל קאָרן (העריגנג) און יעקב פרידמאַן; שלמה ביקל און אהרן שטיינבערג; יחיאל האָפּער און אריה שמרי (ריבא); אַברהם רעגעלסאָן, ישעיה ראַבינאָוויטש און ישׂראל עמיאָט (יאַנאָווסקי־גאָלדוואַסער).

פון די אַנדערע, זיי זאָלן אָפּגעשיידט זיין צו לענגערע יאָר — דער ווילנער מיכאל אַסטור (טשערניכאָוו); צוויי היגע: ש. שלום (שלום יוסף שפּירא), דער פאַרהעברעיִשער פון דער פּאָעמע „סיביר״; (דאַנומלט איז אַרויס אַ צווייטער פאַרמעסט מעשׂה בנימין הרושאָווסקי); י. גולה (עזרא פליישער), דער פאַרהעברעיִשער פון דער פּאָעמע „געהיימשטאָט״; און דרייַ וואָס נעמען אָנטייל אין ביידע ספרי־יובל — ישעיהו שפּיגל; אני הקטן,

און אחרון־אחרון חשוב: דער נעסטאָר פון אונדזערע קינסטלערס און דיכ־טערס — מאַרק שאַגאַל.

ד

אַנדערש שטייט עס מיטן ייִנגערן ספר־יובל לכּבוד דעם איצט עלטערן בעל־יובל — מעגלעך, אַז מחמת איך בין דער איינציקער, וואָס פיגורירט אין דער רעדאַקציע פון ביידע יובל־ביכער, אין ערשטן מיט זלמן שזר און משה גראָס־צימערמאַן עליהם השלום, אין אַנדערן מיט ישעיהו אברך, חוה טורניאַנסקי, חנא שמערוק, אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט, זיי זאָלן מאריך ימים זיין, שפּיר איך אפשר דעם חילוק אָם שאַרפסטן. אָבער עס איז טאַקע אָביעקטיוו אַ געזעמל, וואָס איז, אין אַן אַנטשיידנדיקער מאָס, אַנדערש, ווי עס באַשטימט דער אָפּשטאַנד צווישן צוויי ביכער, וועלכע באַגעגענען זיך אין באַשטאַנדיקן פּאַלוס פון זייער בשותּפותדיקער ליבשאַפט — דעם ליד פון דעם איצט זיבעציק־יאָריקן מאַן.

ווי ווייט עס שטייט טאַקע אַנדערש מיטן ייִנגערן ספר יובל, וואָס איז איצט אַרויס פון אונטער דער פּרעס — לאָזט זיך אויך אָפּלערנען פון אַ סטאַטיסטיש־פאַרשווינדלעכן איבערקוק — די צאָל פון די אָנטיילנעמער איז ווי די צאָל פון אונדזערע כ״ב אותיות — צו אונדזער טיפסטן לייד האָט זיך איינער דערוויל געפעלט: משה יונגמאַן זכרונו לברכה („הימען צו פעלדזן״). און ווידער לאָזט זיך אָנהייבן מיט די ווילנער, און צוערשט גייט, וואָס האָט אַ שייכות צו אַלט־ווילנע, כּדי מקיים צו זיין דעם מפּני שׂיבה תּקום והדרת פּני זקן, טייטש: פאַר אַ גרייז־גראָען עלטער זאָלסטו זיך אויפשטעלן און זאָלסט באַשיינען דאָס אַנצליט פון אַ זקן, אַ זקן מיינט אי אַן אַלטן, אי אַ זיידן. עפּנט טאַקע דעם איצטיקן ספר־יובל אַ ייִד אַן עילוי, ר׳ שרגא אַבראַמסאָן מיט אַ מחקר וועגן אַברהם סוצקעווערס זיידן, הרב ר׳ שבתי פיינבערג, דער מחבר פון „אפיקי מגינים״ (באַקאַנט ווי דער רב פון מיכאַלישאָק, ווו עס זענען געבוירן אד״ם הכּהן, דניאל כוואָלסאָן, און די זין פון אַ דאָרטיקן רב — די ברידער וואָלף און אבא גאָרדין). אַ פיר־געשמאַק צו דעם גרונטיקן מחקר („ענף עץ אבות״), וואָס גייט בראש דעם ייִנגערן ספר־יובל האָבן מיר געהאַט בראש פון דעם עלטערן ספר־יובל — האָט ער זיך דאָך אָנגעהויבן מיט אַ מעמואַר פון ר׳ זלמן שזר („דער עלטער־פעטער און זיין פלימעניק״) — ווו עס רעדט זיך סיי וועגן אונדזער פּאָעטס זיידן, הרב ר׳ שבתי פיינבערג, סיי וועגן זיין עלטער־פעטער, דעם

שטויבצער רב, ר' שמואל מרדכי ברודני, מחבר פון „אהל שם". אָבער אויב אין פריִערדיקן מאמר האָבן מיר געהערט, ווער עס איז געווען יענער מיכאַלישקער רב, לערנען מיר דאָ, וואָס ער האָט, בעצם, געטאָן און אויפֿגעטאָן אין זיין „אפיקי מגינים".

ה

און פון אַלט־ווילנע און איר ירושה צו יונג־ווילנע, און קודם־כּל צום באַגרינדער פון דער גרופּע „יונג ווילנע" — שלמה בעלים, וואָס זיין מאמר („לידער פון ים המות") פירט אונדז אויך צוריק צום פריִערן יובל־בוך — צו די זכרונות פון מיכאַל אַסטור, און דעם קווענקל פון דער גרופּע לגבי סוצקעווערן און אַ פאַרגלייך צווישן די ביידע אַרטיקלען איז אויך אַ שיעור פון תּחילה מאי קסבר און לסוף מאי קסבר, משמע, וואָס האָט מען פריִער געקלערט און וואָס קלערט מען לבסוף. נאָך יאָני פּײַן, אַ חבר פון יענער גרופּע („אין די פוסטריט פון פּאָעט"), קומען נאָך צוויי ווילנער, ביידע אַקאַדעמיקער. איינער אַן עלטערער און איינער אַ ייִנגערער, ביידע זענען עולה געווען פאַרן חורבן פון ירושלים־דליטא. דער עלטערער, שמואל ווערסעס, וואָס האָט איינע פון זיינע ערשטע פאַרש־אַרבעטן (וועגן ר' יעקב שמואל ביק) פאַרעפנטלעכט אין די פילאָלאָגישע שריפטן פון ייִוואָ און איז אַ באַקאַנטער מומחה אין אונדזער צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַטור און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער אויסגאַב פון די ייִדישע כתבים, אָנגעהויבן מיט יוסף פּערל און, לעת־עתּה, פאַרענדיקט מיט מיכה יוסף בערדיטשעווסקי. יאָרנלאַנג האָט ער דאָצירט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און האָט זיין שייכות צו זיין היימשטאָט פיקסירט אויך אין זיין פּסעוודאָנים (ש. ווילנאי), און אין אונדזער בוך ווייזט ער די היימשטאָט פון פאַרן חורבן און אין סאַמע חורבן אין ספּעקטרום פון סוצקעווערס ליד („היימשטאָט און געהיימשטאָט"). דער ייִנגערער, שלום לוריא, איז אַ זון פון ר' זעליג־הירש קלמנאָוויטש, דעם גרויסן ערודיט, פון די באַגרינדערס און דער־האַלטערס פון ייִוואָ, דאָצירט אויפן אוניווערסיטעט אין חיפה און האָט צווישן זיינע אַרבעטן וואָגיקע ייִדיש־טעמעס (מענדעלע, שלום־עליכם, יעקב שטיינבערג און דאָ, אין זיין פאַרשונג, „נשמת היער", טייטש: דער אָטעם פון וואַלד, באַהאַנדלט ער דעם פּאָעטס פּייזאַזש־באַנעם („וואַלדיקס"). יאָ, צו די ווילנער לאָזט זיך צוגעזעלן טשעסלאַוו מילאָש, דער נאָבל־פּרייז־געווינער, שוין מחמת זיין השערה וועגן עפּעס אַן אַפיניטעט צו זיין אייגע־

נעם ווילנער ליטוויש־פוילישן קאָמפּלעקס. ס׳איז אָבער בילעכער זיין ליד („גלאָקן אין ווינטערצייט״), אַזוי ווי דאָס וואָרט פון אַדריאַן וואַן דער סטיי („ראַנד־באַמערקונגען פאַר אַברהם״), צו באַטראַכטן ווי אַ פאַרנויג פאַר דער יידיש־מוזע.

און נאָך ווילנע, פאַרבעט זיך דאָך ממילא איר שכנה — קאָוונע, און אירע צוויי באַקאַנטע שלוחים: מרדכי ליטווין, און זיין עסיי („דער דריטער פעריאָד אין סוצקעווערס פּאָעזיע״) און דוד וואַלפּע און זיין עסיי („דורך וואַלדיקס צו דער פידלרויז״).

י

אָבער צוריק צום אַקאַדעמישן צוגאַנג און באַהאַנדל, ווי עס רעפּרע־זענטירן זיי דאָ פאַרשער, וואָס זענען אַקטיוו אין יידיש־קרייז אויפן ירו־שלימער אוניווערסיטעט: קודם־כּל דער איצטיקער אָנפירער — חנא שמערוק, דער מחבר פון אַ שפע פאָרשונגען, פון אָנהייב יידיש־ליטעראַטור עד היום, וואָס באַהאַנדלט דאָ די שוין דערמאָנטע אַפיניטעט אין אַ בולטן אַספּעקט („אַברהם סוצקעווער און פוילישע פּאָעזיע: יוליוש סלאָוואַצקי אין דער פּאָעמע „צו פוילן״); און דערנאָך די תּלמידים, וואָס האָבן זיך דער־וואָרבן העכער יידיש־וויסן און געהערן צום אַקאַדעמישן שטאַב פונעם יידיש־קרייז — חוה טורניאַנסקי, געבוירן און דערצויגן אין מעקסיקע, געלערנט אין ירושלימער אוניווערסיטעט, ווו זי האָט זיך ספּעציאַליזירט אין אַלט־יידיש און באַהאַנדלט אין איר אַרבעט („סוצקעווער און אַלט־יידיש״) זיינע פּרוּוון אין דעם תּחום (בעיקר לגבי ר׳ אליה בחור און זיין „בבא דאנטונא״); יחיאל שיינטוך און אַברהם נאָווערשטערן, ביידע געבוירן און דערצויגן אין אַרגענטינע און אַקאַדעמיש אויסגעבילדט אין ירושלים — דער ערשטער, וואָס איז אַ באַזונדערער מומחה אין דער חורבן־ליטע־ראַטור (יצחק קאַצנעלסאָן, ישעיה שפּיגל) און האָט זיך ספּעציאַליזירט אין דעם גרונטיקן דורכפאָרש פון שאַפערישע געשטאַלטן (בעיקר אַהרן צייט־לין), און האָט אויך, אַ לעת־עתּה נישט אַרויסגעגעבענע פולע מאָנאָגראַפיע וועגן סוצקעווערס חורבן־פּאָעזיע, ברענגט דאָ אַ ספּעציעלן מחקר („די ביאָ־גראַפיע פון ליד: דער צירק״); דער אַנדערער, וואָס האָט זיך ספּעציאַלי־זירט אין כּמה תּחומים, דאַרונטער אין דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור, איז דער מחבר פון דער סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע (תּשל״ו) און פונעם פּראַכט־אַלבום פון רייַכן אַרכיוו, וואָס סוצקעווער האָט איבערגעגעבן אין

רשות פון דער ירושלימער נאַציאָנאַל אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק, און ברענגט פאַר אונדז דאָ אַ מחקר („דער נאַרציס און דער רעגן"). צום אַקאַ־דעמישן צערקל געהערט אויך דוד־הירש ראָסקעס, וואָס דאַצירט אין ניו־יאָרקער שעכטער־סעמינאַר און האָט דאָ זײַנס אַ פאָרשונג („דער ציקל פון אויפקום אין סוצקעווערס אַ געטאָ־ליד"). דער צד־השווה אין די אויסגע־רעכנטע מחברים איז זייער אַקאַדעמישער סטאַטוס אין באַצי — אַ בולטער סימפּטאָם פאַרן יונגן דור, וואָס צייטיקט נישט אויס קיין ליטעראַטור־שאַפערס (אין די פיר גרונט־געביטן: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, עסיי) און מאָנאָפּאָליזירט זיך אין פאָרשערישן תחום, צושטעלנדיק אַ קאַדער פון בלויז וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער צד־השונה פון דעם ירושלימער קאָנ־ווענטיקל, זענען סיי בעל־פה סיי בכתב, מקיים די היימישע צוויי־שפּראַ־כיקייט, אין לעבן און אַ כמעט אונטערגעגאַנגענעם נעכטן, און רעגן אָן אַ האָפונג פון אַן אויפפרישנדיקן מאָרגן, אפשר אויך — אין פּראָדוקטיוון, און נישט בלויז אין רעפּראָדוקטיוון שפּראַך־תחום. מי יתן.

ז

און פון ייִנגערן צום עלטערן רייִסטער — צוויי וואָס טרעטן אויף אין ביידע ספרי־יובל: ישעיהו שפּיגל און זײַן עסיי („דער נס אַברהם סוצקע־ווער"), און מײַן ווייניקייט אין זײַן מאמר („צווישן ממש־פּאָעזיע און כביכול־פּראָזע"), וואָס איז אויך פאַראַן אין העברעיִש־נוסח („מאזנים" תשרי תשמ"ד). די עיקר טעמע האָט אויספירלעך באַהאַנדלט יצחק יאַנאַ־סאָוויטש, אין זײַן מאָנאָגראַפיע „אַברהם סוצקעווער זײַן ליד און זײַן פּראָ־זע" (1981), און דאָ ברענגט ער אַן עסיי וועגן דיכטערס בוך „פון אַלטע און יונגע כתב־ידן".

און מיר ווילן פאַרענדיקן מיט דרייַ — צוויי בעסאַראַבער: אליהו ליפינער, דער היסטאָריקער פון אונדזער אלף־בית, זײַנע גלגולים און אַנט־פּלעקן אין נגלה און נסתר, האָט דאָ אַ חקירה וועגן דער טעמע אין דעם בעל־יובלס שאַפונג („אלף־בית פון צוויי און צוואַנציק פליגל"); בנימין יצחק מיכלי (דוכאָווני), אַ וואָגיקער און פּרעציזער קריטיקער („מעיר סתרים לאדמה רוחנית", טייטש: „פון געהיימשטאָט צו גייסטיקע ערד") און בלויז דער טיטל, מה־דאַך דער אַנאַליז, קאָנפראָנטירט דאָס בוך פון אומקום און דאָס בוך פון אויפקום, און אַחרון, גאָר לסוף — דער בוקאָווינער אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט מיט זײַן שעדעווערל („צען לידער"), סלה.

(תשמ"ד)

מאמר ב׳:

בפרט — צווישן ממש־פּאָעזיע און כביכול־פּראָזע

א

די פילסאָרטיקייט, אָדער ווי עס גייט דער אָנגענומענער טערמין: די פילזשאַנערקייט פון (און אין) דער ליטעראַטור־שאַפונג, אירע פּאַרטיילן און אויפטיילן, אירע באַציִען און פּראָפּאָרציעס, אירע אַקצענטן און פּויזעס, זענען אַן ענין פון אַן אינטענסיוון באַהאַנדל, וואָס איז מחויב און מסוגל צו באַלעבן דעם קריטישן און פאָרשערישן משׂא־ומתּן, וואָס אָן אים לאָזט זיך שווער דערהאַלטן אַן אינטעלעקטואַלע אויפגעוועקטקייט פון אַ נאָרמאַל־וואַקסנדיקן ליטעראַטור־וויסן און אַ נאָרמאַל פּולסירנדיקן ליטעראַטור־געוויסן. דער דאָזיקער משׂא־ומתּן פאַרמאָגט כּלערליי כּלל־ און פּרט־פּראָבלעמען, און מיר דערלויבן זיך אָנצוווייזן אויף איינס פון זיי, ווי מיר האָבן עס פאַרצייכנט אין אונדזער אייבערקעפּל, ווו דער באַצייכן צווישן קאָן מכוון זיין צו אַ כּלל — דער ליטעראַטור־שאַפונג, אָדער צו אַ פּרט — דעם ליטעראַטור־שאַפער. וואָס שייך אַ כּלל־דערשיינונג, לאָזט זיך פרעגן, ווען און פאַר וואָס האָבן מיר אין אַ באַשטימטער תּקופה אָדער באַשטימטן צייטאָפּשניט צו טאָן מיט אַן איבערמאָס און איבערוואָג פון דער פּראָזע, און ווען און פאַר וואָס האָבן מיר אין אַ באַשטימטער תּקופה אָדער באַשטימטן צייטאָפּשניט צו טאָן מיט אַן איבערמאָס און איבערוואָג פון פּאָעזיע אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי עס לאָזט זיך פרעגן, ווען און פאַר וואָס האָבן מיר צו טאָן מיט אַ גלייכמאָס און גלייכוואָג פוןביידע, דער פּראָזע און פּאָעזיע.

אַזוי ווי פאַר אַ סוסטראַט פון משל און נימשל דינט אונדז, כּדרך־הטבע, אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור, דערלויבן מיר זיך צו דערמאָנען אַ וויכּוח דערוועגן, וואָס איז פאָרגעקומען מיט אַ סך יאָרן צוריק ביי אַ יודאַיִסטישן קאָנגרעס (קונגרס למדעי היהדות) אין ירושלים — לעאָ קעניג האָט געהאַלטן אַן עסייִסטיש געבויטן רעפעראַט, וועגן דער איצט דער־

מאָנטער מסיכתּא, און געפּרוּווט אויסברייען, אַז נאָך אַ דור פּראָזאַיִקערס, ווי עס האָבן עס רעפּרעזענטירט די דריי קלאַסיקערס — מענדעלע, שלום־עליכם, י. ל. פּרץ — איז געקומען אַ דור פּאָעטן, און ער רעפּרעזענטירט עס ביז איצט די ייִדיש־ליטעראַטור. קעגן דעם רעפּעראַט, נישט אַזוי אין די הנחות ווי אין די מסקנות, איז אויפגעטראָטן יעקב פּאַט, וואָס האָט, אין אַ כראָניקאַלישׁ געבויטער פּאָלעמיק, אָנגעוויזן אויף אַ פאַרצוויגטער ייִדיש־פּראָזע, און געבראַכט אַ שפע פון דעמאָלט יונגע און ייִנגסטע ראַיות און דוגמאות דערצו.

ב

אַזוי ווי דער וויכּוח איז, ביי אַזעלכע אימפּרעזעס, אַ באַשרענקטער, איז ער נישט אַרויס פון דער רעם פון באַמערקן און רמזים, וואָס האָבן געקענט אָנרעגן אַ גרעסערע, און ממילא אויך טיפערע דעבאַטע, וואָס וואָלט אַריבערגעפירט דעם שווערפּונקט פון כּלל צום פּרט. בעיקר לאָזט זיך דאָס זאָגן וועגן דעם דאָרט און דעמאָלט געפּאַלענעם באַמערק, אַז לגבי מענדעלע און שלום־עליכם לאָזט זיך בפירוש רעדן וועגן פּראָזאַיִקערס און כּמעט בלויז פּראָזאַיִקערס, ווייל דער כּמעט, וואָס מאַכט אויס זייער ווערסיפיקאַציע, באַשטייט ביי איינעם פון סאָרט געגראַמטן יודל, אָדער פאַרייִדישטע זמירות און קאַפּיטלעך תּהילים, וועלכע האַלטן נישט אויס קיין שום פאַרגלייך לגבי די וואַלאָרן פון זיין באַשרייבערישער און דערציילערישער בריהשאַפט, און ביים אַנדערן האַנדלט עס זיך אין אַ בינטל לידלעך, וואָס ווערן ווי דערטרונקען אין ים פון זיינע בענד הומאָריסטישע פּראָזע. וואָס עס בלייבט, בעצם, איז דער דערמאָן, אַז זיי פאַרמאָגן אויך עפּעס פּאָעזיע אין זייער שאַפערישן רייסטער. וואָס שייך י. ל. פּרץ — הינקט שוין די גאַנצע הנחה אונטער, דען דאָ רעכענען זיך צו דער פּאָעזיע נישט בלויז דער היפּשער באַנד לידער, נאָר אויך די נאָך היפּשערע בענד דראַמעס, און דאָ האָבן מיר בפירוש פאַר זיך אַ געראַנגל צווישן פּראָזאַיִקער און פּאָעט ביי דעם זעלבן שאַפער, אַ געראַנגל, וואָס די געשיכטע פון דער ליטעראַטור, און אונדזערע דאַרונטער, קען עס אין כּלערליי אַנטפּלעקונגען, פון זיי אַזעלכע, וואָס דערשווערן צו מאָל דעם באַשייד לגבי דער קשיא: ווער איז דאָ דער עיקר, דער פּאָעט צי דער פּראָזאַיִקער, און צו מאָל לגבי דער קשיא: וואָס איז דאָ דער עיקר: די פּאָעזיע צי די פּראָזע.

ווער עס האָט מיט אַ צוויי דורות צוריק געקוועטשט די שולבאַנק,

געדענקט דעם טאָפּעלן קווענקל — אַזוי, אַ שטייגער, האָט אונדזער דייטש־לערער, מאַקס לאַנדוי, אַליין אַ פּוילישער דיכטער, מיט זיינע תּלמידים (און דער חשובסטער פון זיי איז געווען יוסף ראָט) געקנעלט, אַז די טאָפּעלע קשיא האָט נישט קיין האפט לגבי געטע, כאָטש דער שליסל געפינט זיך גיכער אין זיין פּאָעזיע, ווי אין זיין פּראָזע, און פּאַוסט וועגט איבער די וואַהלפערוואַנדשאַפטן, אָבער אָן זיי און אָן ווילהעלם מײַסטער, האָבן מיר נישט פאַר זיך דעם גאַנצן און איינציקן פאַרשוין. אַ שטאָפּל, מה־דאָך עטלעכע שטאָפּלען שפּעטער, עקבערט שוין דער ספק, און דאָ האָבן גענומען שיטן נעמען: אײַכנדאָרף, קלײַסט, שטאָרם, וואָס האָבן אונדז וויניקער געאינטערעסירט ווי דער נאָמען וואָס איז כּמעט צו לעצט צוגע־קומען: גאָטפריד קעלער, פּשוט ווייל אים האָבן מיר באַזונדערס ליב געהאַט.

און אויב דעם געדאַנקען־גאַנג אַנווענדן אויף אונדזער אייגענעם, היימישן תּחום, ווי איך האָב עס געפּרוּווט, נישט אויף דער שולבאַנק, ווייל דאָרט האָבן מיר וועגן אונדזער ליטעראַטור נישט געלערנט, וואָלט איך אויסגעפירט: די טאָפּעלע קשיא האָט נישט קיין האפט לגבי ח. נ. ביאַליק, כאָטש דער שליסל געפינט זיך גיכער אין זיין פּאָעזיע ווי אין זיין פּראָזע, און מתי מידבר און מגילת האש וועגן איבער אַריה בעל גוף און מאחורי הגדר, בפרט נאָך דעם ווי ספיח, מיט זיין פּאָעטישער נאָטע, פּרוּווט דעם אָפּשטאַנד אויסבאַלאַנסירן, אָבער אָן זיין רעאַליסטישער פּראָזע, וואָס גייט פון מענדעלען און פירט צו ש. בן־ציון, האָבן מיר נישט דעם גאַנצן און איינציקן פאַרשוין. און אַזוינס לאָזט זיך נישט זאָגן לגבי ש. טשערניכאָווסקי, וואָס זיין באַנד פּראָזע איז ווי אַ נעבעכל לגבי זיינע בענד לידער, און ווען איך האָב אין אַ שמועס מיט אים גופא, אים מיט אַ מאַקסימאַלער איידלקייט דערויף אָנגעוווּנקען, האָט ער, אין זיין נאַטירלע־כער נאַיוויטעט, געפרעגט ווי איך דערקלער מיר אַזאַ סתירה פון איינער און דער זעלבער פּעדער. איך האָב געענטפערט, אַז אַזוי אַנטפּלעקט זיך דער פּאָעט פאַר־עקסעלאַנס, וואָס קוים דערלויבט ער זיין פּעדער אַ היתּר פון 'אומגעבונדענע רייד', ווערט זי זיך און צווינגט אים זיך אומצוקערן צו זיך, צו זיין לירע און אירע דרכים. האָט ער אויסגעהערט, אויפגע־הויבן אַ פינגער און שמייכלענדיק אַ זאָג געטאָן: אָ!

אַנדערש האַלט עס מיט ז. שניאור — דאָ קאָנקורירן בענד פּאָעזיע מיט בענד פּראָזע, און דער אַנטשייד, ווער זיצט דאָ, בעצם, אויבנאָן, צי דער פּאָעט צי דער פּראָזאַיִקער, ווערט נאָך דערשווערט מחמת דעם, וואָס די בענד פון זיין פּאָעזיע זענען גרונטיק העברעיִש (חוץ איין יידיש גע־שריבענער באַנד), בשעת זיין גרונטיק פון אים גופא יידיש־געשריבענע

פּראָזע, איז פון אַנדערע (אַהרן צפנת, משה מייזילש) פּאַרהעברעיִשט גע־וואָרן, און ער האָט זייער נוסח באַנוצט ווי אַ סובסטראַט, כּדי עס אַליין צו פּערפּעקציאָנירן, משמע — ווי ער פּלעגט צו זאָגן — לויטן מוסטער פון מענדעלע, עס אַליין ענדגילטיק צו פאַרהעברעיִשן, אַזוי אַז דער צווישן מיינט נישט בלויז צווישן צוויי זשאַנערס, נאָר צווישן צוויי לשונות.

ג

מיר האָבן דאָס פּירויסגעשיקט, כּדי אויסצובולטן אַ באַזונדערן פענאָ־מען, וואָס האָט זיך געיאַוועט אין אַ ייִנגערן דור, און וואָס האָט זיך אויס־געצייטיקט ממש פאַר אונדזערע אויגן. מיר מיינען איינעם פון די לעצטע אויפשפּראָצן אין דער ייִדיש־ליטעראַטור פאַרן חורבן — יונג־ווילנע. די באַוועגונג האָט, כּידוע, אַ רייכע פּלעיאַדע פון שרייבערס, זשורנאַליסטן, קינסטלערס, פאָרשערס, ווי מיר לערנען אָפּ פון לייזער ראַנס רייסטער, וואָס אַפילו מיר וואָלטן זיך צו אים באַצויגן מיט עפּעס רעזערוו, איז ער אַלץ אימפּאָזאַנט. פאַר וואָס ווילנע, צווישןביידע וועלט־מלחמות, האָט עס דערגרייכט — איז אַ קשיא, וועלכע איך האָב שוין געפּרוווט מפרש זיין, און וועל זיך נאָך דערצו אומקערן. אָבער איצט, ווען אונדזער אויגנמערק איז געווענדט צו יונג־ווילנע, בעיקר ווי אַ ליטעראַרישע באַוועגונג, ווייל איך מיך באַשרענקען אויף דעם איצט באַהאַנדלטן פּראָבלעם, דערמאָנענדיק אַז אין איר צענטער איז געשטאַנען אַ פּאָרל, וואָס זענען מלכתּחילה געווען ווי צוויי אַנטיפּאָדן, און זענען עס אַלץ בולטער געוואָרן עפּעס פאַרן חורבן, וואָס זיי האָבן, אין חסד פון גורל, איבערגעלעבט, און בעיקר נאָכן חורבן — חיים גראַדע און אַברהם סוצקעווער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן צו צוויי גרויסע שאַפערישע געשטאַלטן, און וואָס צעגייען זיך, לויט כאַראַקטער און כּיוון, און דער צעגאַנג זייערער איז ניכּר אין זייער שטאַנד און באַשטאַנד צווישן פּאָעזיע און פּראָזע.

אין פלוג האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז דער מאַרקאַנטער קאַנדידאַט צו דער טאָפּל־זשאַנערקייט, איז חיים גראַדע, וואָס האָט אונדז געגעבן גרויסע בענד פּאָעזיע און גרויסע בענד פּראָזע, בשעת אַברהם סוצקעווער האָט אונדז געגעבן ערשט נאָך אַ צוואַנציק בענד פּאָעזיע אַ באַנד פּראָזע (זע אַברהם נאָווערשטערנס: אַברהם סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע, תּשל״ו, זז׳ 17־19). איז עס פאַרשטענדלעך, אַז חיים גראַדעס ווערק האָבן דירעקט אָנגערעגט אונדזער קשיא: צווישן פּאָעזיע און פּראָזע; די תּשובה אויף

איר איז געווען כמעט אַ פעסטע און זיכערע: גיב דעם פּראָזאַיִקער וואָס עס איז דעם פּראָזאַיִקערס און גיב דעם פּאָעט וואָס עס איז דעם פּאָעטס. מיר האָבן געזאָגט: כמעט, ווייל אַ סקרופּולאָטער אַריינקוק און דורכקוק פּאַרראָט, און דאָס נישט גאָר זעלטן, אַז צו מאָל האָבן מיר מיטן רעאַליס־טישן, וואָס ווערט געוויינטלעך באַטראַכט פאַר אַ פּראָזאַיִשן עלעמענט, צו טאָן אין זיין פּאָעזיע, בשעת מיר האָבן מיטן סימבאָליסטישן, וואָס ווערט געוויינטלעך באַטראַכט פאַר אַ פּאָעטישן עלעמענט, צו טאָן אין זיין פּראָזע, און עס איז כדאַי זיך דערויף אָפּצושטעלן. אָבער דאָס איז נישט סותר די עובדה פון צוויי פאַרשיידענע זשאַנערס, משמע פון צוויי סאָרטן ביכער.

נישט אַזוי שטייט עס ביי אַברהם סוצקעווער — אין נאָווערשטערנס דערמאָנטער ביבליאָגראַפיע האָבן מיר חוץ דעם דאָקומענטאַר־כראָניקאַלן בוך וועגן ווילנער געטאָ, וואָס איז אַרויס אין עטלעכע עדיציעס (זע נומערן: 5; 6; 7; 8) בלויז נאָך איין פּראָזעבוך: גרינער אַקוואַריום (נומער 21 ב׳), און דאָס איז אויך אַ פּאָעטיש בוך, און אין די אָפּשאַצן ווערט עס דעפינירט ווי דער זשאַנער וואָס רופט זיך: פּאָעטישע פּראָזע, משמע: ווידער אַ מאָל פּאָעזיע, און עס פרעגט זיך לגבי דער באַזונדערקייט: מאי קא משמע לן?

ד

איידער איך פּרוּוו דערויף צו ענטפערן, בין איך מחויב מודה צו זיין, אַז איך האָב לאַנג דעם מאַי טעמא נישט פאַרשטאַנען צו פרעגן. נישט אַז איך האָב נישט באַמערקט, אַז די זאַכן וואָס זענען אַריין אין בוך גרינער אַקוואַריום (תשל״ה) זענען פריִער געדרוקט געווען (זע אָבער אַ מאָל אין יענער ביבליאָגראַפיע פּרטים, זז׳ 157־160), אָבער, ווייזט אויס, ווייל איך האָב זיי געזען צעוואָרפן און נישט צוזאַמען, האָט זיך פאַר מיינע, ביני לביני פראַגמענטאַריש געמאַכטע קורץ־אַנאַליזעס, ווי אויסבאַהאַלטן דער צד־השווה, וואָס פאַרבינדט די פּראָזע־קאַפּיטלעך, וועלכע זענען טאַקע אַ מיעוט אין די גרויסע פּאָעזיע־קאָמפּלעקסן, און באַשטימען זיי פאַרט ווי באַזונדערע ספּעציעס לויט כאַראַקטער, כוונה און שליחות. ווי ווייט דאָס האָט זיך פאַר מיר ווי אויסבאַהאַלטן, לערן איך אָפּ פון דער עובדה, אַז ווען איך האָב מיך, בתורת רעדאַקטער פון דער ייִדיש־כינוס־סעריע אין מוסד ביאַליק, פאַרנומען מיטן בוך ברכב אש (תשכ״ד), וווּ בנימין הרושאָווס־סקי האָט עילוייִש פאַרהעברעיִשט אַן אָפּקלייב פון אַברהם סוצקעווערס לידער, דערונטער דריי פּראָזעשטיק, וואָס האָבן דווקא מחמת דער מיני־

מאַלקייט געקאָנט וועקן, און אפשר טאַקע געוועקט, אַ באַזונדערן אויפמערק, אָבער אין מיין אויספּירלעכן אַריינפּיר: „בין חפץ לכורח״, טייטש: צווישן וועלן און מוזן, (אַריין שפּעטער אין מיין בוך אבני מפתן, באַנד 2, תשכ״ט, זז׳ 183־193) האָב איך דאָס נישט דערמאָנט. סיי ווייל איך האָב געקלערט, אַז מיטן אַריינשטעלן פון די געציילטע פּראָזע־פּרקים לאָזט זיך יוצא זיין דער חיוב פון audiatur et parva pars טייטש: זאָל אויך דער קלענערער טייל אויסגעהערט ווערן. אַז ראָל און באַטייט פון דעם קלענערן טייל אין דיכטערס שאַפן פּאָדערט אַ פאַרשטענדעניש פון זיין באַטייט און ראָל, איז מיר ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן, ווען איך האָב מיך אַרויסבאַפרייט פון דער לייכטער, צו לייכטער השערה, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ ספּאָראַ־דישן עקספּערימענט, וואָס וואַקלט זיך צווישן קוריאָז און קאַפּריז. ערשט אַז איך האָב מיך אַריינגעלייענט אין דער סעריע און איך בין נישט בלויז אָפּגעקומען פון יענער לייכטער, צו לייכטער השערה, און פאַרשטאַנען אַז דער פּראָזע־עלעמענט, וואָס רופט זיך בפירוש: דערציילונג איז אפשר די שאַרפסטע ראיה פאַר מיין הנחה: צווישן וועלן און מוזן, האָב איך מיך געלאָזט אויפן אַלץ מער זיך אויסברייטנדיקן שטעג פון אַן אויטאָקריטישער רעוויזיע, ווי איך האָב עס תחילת אויסגעדריקט אין אַ בריוולעכן משׂא־ומתּן ברשות־היחיד, און שפּעטער אין אַ בעל־פּה־רעפעראַט ברשות־הרבים, ביים צוטייל פון דער אַריה שמרי־פּרעמיע דעם בעל־מחבר פון גרינער אַקוואַריום.

ה

אָבער קודם דערלויבט מיר צו לוסטרירן די מיינונגען פון אַנדערע, אלה חבריי הטובים ממני, וועגן באַהאַנדלטן בוך, וכדרך־הטבע, וועל איך אָנהייבן מיטן אַקאַדעמיש־געהאַלטענעם, אָריענטאַטיוון אַריינפּיר פון רות וויַיס, וואָס גייט יידיש (אַברהם סוצקעווער, גרינער אַקוואַריום זז׳ ז־לה), ענגליש (זז׳ V־XXXIII), און העברעיִש (זז׳ ז־ל), ווי עס פּירט זיך לגבי דער סעריע ביכער, וואָס גייען אַרויס דורך דער ייִדיש־אָפּטיילונג פון העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים און דעם קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל, און איז באַשטימט אויך פאַר תּלמידים און לייענערס, וואָס ווילן און דאַרפן זיך איינקויפן אַ ידיעה אין ייִדיש, שפּראַך און ליטעראַטור (דערצו דינט אויך דער ענגליש־העברעיִשער גלאָסאַר צום עצם ייִדיש־טעקסט פון בוך, זז׳ 163־170). און אויב לייכט צו סקיצירן

דעם אַ אַריינפיר צו איר אַריינפיר, דאַרף מען אַרויסהייבן איר אָנווייז וועגן אויפבלי־אָנהייב פון דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור, וואָס איז געגאַנגען אויפן דרך פון אַן עקספּערימענטאַלישער אַוואַנטורע פון זוכעניש און געפינסן, פון וועלכע דער צווייטער דור האָט איבערגענומען און אָפּגעשטויסן גרונטיקע יסודות און זיך געקאָנט דערלויבן צו זיין ווייניקער עקלעקטיש און זיך אַלץ מער און מער באַפעסטיקן אין תּחום פון אַ באַשטימטן זשאַנער. ווייל איך נישט לאָזן אומבאַמערקט, אַז די אַריינפירערין ווייסט אַליין, אַז מחמת קיצור, האָט זי געוואָרפן אַ צו כּללדיקע סכעמע וועגן צווייטן דור, און אויך אפשר אַ צו פאַכאָפּנעם איבערגאַנג צום דריטן דור — אויב עס איז נישט — גענעטיש, לאָ־כל־שכּן דיאַלעקטיש — דער פערטער און אַפילו פינפטער דור, אָבער זי איז גערעכט, אָנווייזנדיק אויף אַברהם סוצקעווער ווי אַ דוגמה פאַר אַ ליטעראַרישער עקסטרעמקייט: דיכטער, בלויז דיכטער, וואָס ווערט טאַקע בולט אין פיל באַנוצטן פאַרגלייך מיט זיין שטאָט־ עלטער־ און גרופּע־פריינד חיים גראַדע, וואָס גייט אויפן טאָפּלשליאַך פון אַ דיכטער און אַ ראָמאַניסט.

אין פלוג וואָלט זיך געדאַכט, אַז אויך סוצקעווער געפינט זיך אויף דעם שליאַך, און זיין פּראָזע איז אַ ראַיה־לסתּור צו דיכטערישער, בלויז דיכטערישער, עקסטרעמקייט. הערן מיר אָבער פון רות וויַיס, אַז כאָטש סוצקעווער האָט אין זיינע פּאָעמעס אַ מין פּעדאַנטישע אָפּגעהיטנקייט אין מעטרום, ריטעם און גראַם, פון וועלכער ער איז, פאַרשטייט זיך, פריי אין זיין פּאָעטישער פּראָזע, איז זי נישט געוואָרן קיין פּראָזע כּפשוטו און ער איז נישט געוואָרן קיין פּראָזאַיִקער כּפשוטו. איז אַוודאַי וויכטיק, וואָס זי לאָזט זיך אַריין אין עצם דערקלער פון דער פּאָעטישער פּראָזע, וואָס איז, לגופה, ווי אַ בינטל סתּירות־מניה־וביה, אָבער נאָך וויכטיקער איז דער אָנווייז, ווי איך לערן אים אַרויס פון איר געדאַנקען־גאַנג, אַז דער חילוק צווישן סוצקעווערס ממש־פּאָעזיע, וואָס מאַכט אויס זיין רוב שאַפן, און צווישן זיין כּביכול־פּראָזע, וואָס מאַכט בלויז אויס אַ מיעוט פון זיין שאַפן, באַשטייט דערינען, וואָס די ממש־פּאָעזיע, אַפילו ווען איר ענין איז דער סאַמע תּוהו־ובוהו, איז איר בנין דער רוח מרחפת על פני המים, בשעת זיין כּביכול־פּראָזע איז מוותר אויפן צוויישפּאַלט צווישן דער דיסהאַרמאָניע פון ענין און דער האַרמאָניע פון בנין, און איז דער סאַמע תּוהו־ובוהו גופו.

אויב מיין פירוש האָט, ווי עס דאַכט זיך מיר, אַ האַפט, וואַרפט ער אַ באַזונדער ליכט אויף רות וויַיס׳ זאָג, אַז די פופצן פּרקים פון גרינער אַקוואַריום (1953—1954) און די אַכט פּרקים פון משיחס טאָגבוך (1970—1975) זענען, איינס ביי איינס, אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן, און האָבן צו טאָן מיט דער שחיטה פון גלות־אייראָפּע, וואָס האָט איבערגעהאַקט דעם

לעבנס־פּאָדעם פון דיכטער און אויסגעגראָבן אַ תּהום צווישן זיין עבר און זיין הווה. און אויב אַזוי, פּרוּוו איך ווייטער שפּינען די דאָזיקע סברה און שטעלן אַ האַרבע קשיא. וואָס האָט נישט בלויז צו טאָן מיטן פאַר־שטענדעניש פאַרן אויסדרוק־פאַרבייט צווישן דער באַקליידטער ממש־פּאָעזיע און דער הוילער כּביכול־פּראָזע, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, מיט דער תּמיהה, אַז דער פאַרבייט איז חל אויף אַזאַ קליינעם טייל פון די געשאַפענע ווערק. דאַכט זיך, אַז אַ תּשובה דערצו לאָזט זיך ברענגען פון דער גרעסטער חורבן־פּאָעמע אין אונדזערע דורות, אויב נישט אויך פון אַלע דורות, ווייל זי איז אויסגעבוירן פון דריי חורבנות — דער חורבן פון קאָסמאָס, דער חורבן פון פאָלק, דער חורבן פון יחיד — דאָס איז ביאַליקס מגילת האש, ווו עס פאַלן אויף דריי שטעלן, וואָס ער ברענגט מיט ספּאַצירטע אותיות: א. אין ערשטן קאַפּיטל: אל נקמות, אל נקמות הופיע! וואָס י. י. שוואַרץ פאַריידישט: אל נקמות, אל נקמות, גאָט פון צאָרן און נקמה איז דערשינען!; ב. אין לעצטן קאַפּיטל: יגון היחיד, וואָס הנ״ל פאַריידישט: דער טרויער פון דעם יחיד; ג. אין מיטלסטן, זעקסטן קאַפּיטל: ואירא יראה גדולה מפני. מפני התהו ומפני כף־הקלע יגורתי, וואָס הנ״ל פאַריידישט: און איך האָב פאַר זיך אַליין, פאַר מיין אייגענעם תּוהו־ובוהו מורא געקראָגן. דאַכט זיך, אַז עס וואָלט זיך אפשר געבעטן אַ קאַפּ מער הקפּדה, אַזוי אַז די שטעל וואָלט געהייסן: און איך האָב מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. פאַרן תּוהו און כּף־הקלע האָב איך מיך געשראָקן. און דאָס איז גריילעך אַ תּשובה אויף אונדזער קשיא: עס געהער אַן איבערמענטשלעכער כּוח זיך לענגער אין כּף־הקלע (יידיש אַרויסגערעדט: קאַפּאַקאַל) מיט אַלע זיינע גרויליק מאָוימדיקע אַסאָציאַציעס איינצוקוקן, מה־דאָך איבערצולעבן.

ו

אָבער סוצקעווער, וואָס צווינגט זיך און זיין לייענער אַריין אין קאַפּאַקאַל אָדער אין זיין גאָר נאָענט שכנות, ווייסט מסתּמא פון זיך אַליין, אַז אַזאַ אַריינטריט קאָן ער אין די גרויסע יריעות פון זיינע פּאָעמעס, נישט באַהערשן, און קנייטשט זיך כּבעל־כּורחו איין ביי די ראַנדן פון זיינע פּראָזע־קאַפּיטלעך. דאַרף נישט וווּנדערן אויב אַפילו רות וויס, וואָס ברענגט אַ פּרטימדיקע אינטערפּרעטאַציע פון כּמה־וכמה פּרקים, דערמאָנט אַז סוצקעווערס פּראָזע איז שווערער צו פאַרשטיין ווי זיין פּאָעזיע.

איז טאָקע כּדאַי צו ברענגען אַן אַנדערן אָפּשאַץ, ווי מיר האָבן אים אין לייזער פּאָדריאַטשיקס מאמר וועגן בוך דאַרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן: „מעדיטאַציעס אַרום סוצקעווערס בוך פּראָזע" (ליטעראַרישע בלעטער, בוענאָס־איירעס, העפט 167־169), וואָס געהערט, צו גלייך ווי רות וויַיס' דערמאָנטער אַריינפיר, צו די דורכגעטראַכטסטע אָפּשאַצן פון דעם באַהאַנדלטן ענין, און עס איז מסתמא ווייט נישט קיין צופאַל, אַז זיי באַגעגענען זיך אין דער הנחה, וואָס רות וויַיס ווינקט אויף איר אָן און פּאָדריאַטשיק בולט זי אויס, אַז בעצם, איז סוצקעווער אַ מאמין, וואָס גלייבט אין זיין שטערן, זיין מזל, וואָס האָט אים מיט נסי־נסים, וועלכע סומירן זיך ווי אַ קייט פון דברים־כּפשוטם און זענען פאַרט אַ מדרש־פּליאה, אָפּגעראַטעוועט, כּדי אין אים און דורך אים אָפּצוראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך אָפּראַטעווען נאָך אַ חורבן — מגילת איכה און שבעה דנחמתא, לויטן כּוח און כאַראַקטער פון דור, און זיינע לעבעדיק געבליבענע זאָגערס און זינגערס. און דאָ איז כּדאַי זיך צו האַלטן ביי פּאָדריאַטשיקס פּרווו פונאַנדערצושיידן צווישן דער ממש־פּאָעזיע און דער כּביכול־פּראָזע, ווי עס ווערט פונאַנדערגעשיידט ניגלה און ניסתּר און דער זאָג אַז דער ניסתּרדיקער שיַין באַלייכט דאָס ניגלהדיקע ליכט דערלויבט אפשר אַ צוגאָב, אַז דאָ איז אפשר אויך מרומז די פּראָפּאָרציע צווישן דער פילבענדיקער פּאָעזיע און דער צווייבענדיקער פּראָזע — דען אַזוי זענען מיר דאָך געוווינט צו האָבן אין אונדזערע ספרים, וואָס האָבןביידע פּירושים — דער פּירוש הניגלה, וואָס באַשטייט פון פּשט און דרש, איז לייכטער און לענגער, און גייט מיט אַ גרעסער אות; דער פּירוש הניסתּר, וואָס באַשטייט פון רמז און סוד איז שווערער און קירצער, און גייט מיט אַ קלענער אות, אָבער ביידע זענען עס דער גאַנצער פּרדס. דערווייל זענען די דערציילונגען פון ביידע ביכער, גרינער אַקוואַריום און דאַרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן אַריין אין באַנד וואָס עס האָט פאַרהעבערעיִשט ק. א. ברתּיני (1979) און זע דערוועגן דעם מאמר פון שלום לוריא (אַ געבוירענער ווילנער, זון פון זעליג קלמנאָוויטש, דאָצירט איצט אין חיפהער אוניווערסיטעט): „סיפּורי השיר של אברהם סוצקבר" (מבפנים, האַרבסט תּשמ"ג, זז' 314־318).

ז

און איצט נעם איך מיר רשות אַרויסצוזאָגן מיינע, צום טייל דערוועגטע, צום טייל פּאַראַדאָקסע סברה, אויף וועלכער איך האָב שוין אָנגעוויזן אין מיין וואָרט ביי דער מסיבה, ווו מען האָט סוצקעווערן צוגעטיילט די שמרי־

פּרעמיע: איך האָב מיך לאַנג, גאָר לאַנג, געבאָרעט מיט סוצקעווערס פּראָזע און זיך לאַנג, גאָר לאַנג, געקווענקלט, גלייכער געזאָגט: געמאַטערט, צו דערגיין, פאַר וואָס סטייעט אים נישט זיין פּאָעטישע פּאָעזיע, ווו ער איז מייסטער ווי ווייניק געציילטע אין אונדזער ליטעראַטור, און ער טוט, פון מאָל צו מאָל, אַ שפּרונג אַריין אין דעם סאָרט אַרויסזאָג און אַריינזאָג, און איך האָב מיך לאַנג נישט געקענט אָפּווערן פון אַ כּמעט זיכערער השערה, אַז עס איז אַ מין צוואַנג, וואָס לאָזט זיך נישט בייקומען און אפשר דאַרף מען זאָגן: וואָס לאָזט זיך נישט תּמיד בייקומען, און מחמת דעם, אָדער גאָר צוליב דעם, זענען אין דעם גרויסן סטויג פון זיינע לידער, וואָס זענען אַריין אין אַ מנין בענד, אַריין צוויי פּראָזעביכער ווי צוויי אַנדערע, טאָטאַל אַנדערע סנאָפּעס. וויל איך מודה זיין, אַז כאָטש איך גלייב גרונטיק נישט אין צופאַליקייט, האָב איך מיך אָנגעכאַפּט אין הסבר: קוריאָז, קאַפּריז, עקספּערימענטאַציע, ווי אַ מייסטער פון אַזאַ שפּעדיקער גאַמע קאָן זיך דער־לויבן. באמת האָב איך דאָ פאַר מיר אַליין קאָפּירט אַן אויסגעליענעם וויכּוח אין אַן ענלעכן ענין, וואָס האָט זיך געפירט, מיט יאָרן צוריק, ווען ש״י עגנון האָט געדרוקט זיינע דערציילונגען, וואָס האָבן צומערשט פאַרבליפּט זיינע לייענערס און קריטיקערס, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכּוח, וועלכער האָט זיך, בעצם, ביז היינט נישט פאַרענדיקט.

ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ בינטל נאָוועלעס אָדער כּמו־נאָוועלעס, וואָס רופן זיך ספר המעשים — אַזוי ווי איך בין געווען כּמעט דער ערשטער, וואָס ער האָט זיי מיר געגעבן, אין כּתב־יד, צו לייענען, און בין אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים צוגערעדט זיי צו פּובליקירן, ווי ער דערמאָנט אין זיינע כּתבים, זע אין זיין בוך מעצמי אל עצמי (תש״ל, זז׳ 244־247) — קאָן איך אויף יענעם וויכּוח, בעיקר זיין אָנהייב, מעיד זיין, אַז די ערשטע ממש, וואָס האָט די זאַכן געלייענט, איז געווען זיין אײדעלע פרוי, מרת אסתּר, וואָס האָט רעאַגירט מיט אַ שטוין: אָבער שמואל־יוסף, דו קלערסט דאָך נישט דאָס צו דרוקן; ווייטער זיין אַלטער פריינד, וואָס איז כּמעט געווען זיין אַנטדעקער, דער סופערקלוגער ר׳ אליעזר־מאיר ליפשיץ, וואָס האָט געשריבן די ערשטע טיף־דורכגעטראַכטע מאָנאָגראַפיע וועגן אים, האָט אין די זאַכן געפונען אַזאַ סתּירה צו עגנונען גופא, בפרט צו זיין אייגענעם באַנעם אין דער דערמאָנטער מאָנאָגראַפיע, אַז ער האָט געזאָגט: ווען איך וואָלט נישט געווען קיין לאָמער, וואָלט איך דיך באַדאַרפט אַרויסרופן צו אַ דועל; ווייטער בערל קאַצנעלסאָן, וואָס איז געווען עגנונס האַרצפריינד, האָט געזאָגט וואָס איך האָב ביי אים צוגעגנבעט און יאָרן שפּעטער צוגעפּאַסט צו אונדזער איצטיקן ענין: אַ בן־רגעדיקער, קאַפּריז־נער אָפּווייַד.

אָבער די דאָזיקע תּשובה, וואָס האָט מיך געקענט לאַנג באַרויִקן, קען איצט, לגבי סוצקעווערן, מלכתחילה נישט באַרויִקן, בפרט אַז אין הנידון דומה לראיה — עס זענען צוויי פאַרשיידענע פענאָמענען, און נישט בלויז ווייל ביי עגנון האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּראָזאַיִקער, וואָס דאָס קאָפּ לידלעך זיינע זענען, צו מאָל נאַיִווע, צו מאָל חנעוודיקע באַגאַטעלן, און וואָס האָט, ווי פּלוצעם, אַריינגעשליידערט אַ צעשויבערט בינטל אין זיין קלאַסיש־דיסציפּלינירטער עפּיק, אָבער אַלץ איז פּראָזע, בפירוש פּראָזע. ביי סוצקעווערן ווייטער, האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָעט, בעיקר פּאָעט, בלויז פּאָעט, וואָס לייגט אַרויף אַ פּאָעטישן חותם אויף זיינע געלעגנטלעכע רשימות און רעמיניסצענצן, און חוץ זיינע עפּעס מער פּראָטאָקאָלאַרישע, כראָניקאַלישע געטאָ־זכרונות, לאָזט זיך ביי אים נישט רעדן וועגן פּראָזע ממש, האָט אָבער פּאָרט אַ פּראָפּאָרציאָנאַל ווייניקן, אָבער פאַר זיך היפּשן טייל פון זיין ווערק דיאַמעטראַל אַנדערש געשאַפן און אַנדערש געפּאָרעמט. און די שאלה פאַר וואָס און צו וואָס, האָט נישט געקריגן די רעכטע תּשובה, סיי ווען דער שיקול־הדעת האָט זיך געלאָזט מושפּע זיין פון אַ כּמותדיקן פּראָפּאָרציע־אָפּמעסט צווישן רוב און מיעוט, סיי ווען דער שיקול־הדעת האָט זיך געלאָזט באַוועגן פון מער איכותדיקע, ספּעציפישדיקע מאָמענטן.

דאָ וואָלט זיך געבעטן אַ שפּעטערער פאַרגלייך, ווי ער איז געמאַכט געוואָרן — און דאָס וואָלט געקענט, אַ שטייגער, זיין יעקב גלאַטשטיין, וואָס פון צווישן די בענד פון זיין פּאָעזיע און בענד פון זיינע עסייען, בעיקר ליטעראַטור־קריטיק, בלינצלט אַפיר אַ צווילינג, העכסטנס אַ דריי־לינג, פון זיין נאָוועליסטישער פּראָזע. אָבער כּדי צו מאַכן אַזאַ פאַרגלייך, וואָס וואָלט געוויזן די גרונט־חילוקים, איז נייטיק אַז סוצקעווערס פיל־זשאַנערקייט (און בעיקר מיינט עס טאָפּלזשאַנערקייט), זאָל אין דער קריטיק גלייכרעכטיק באַהאַנדלט ווערן, ווי עס טוט, שוין אין סאַמע טיטל, יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַליין אַ פּילזשאַנעריקער שרייַבער, אין זיין בוך: אברהם סוצקעווער זיין ליד און זיין פּראָזע (1981), און האָט טאַקע באַזונדערע קאַפּיטלען וועגן דער דאָזיקער פּראָזע (ז׳ 111־121). אמת, זיין דעפיניציע פון סוצקעווערס פּראָזע ווייַכט גרונטיק אָפּ פון די אָנגענומענע און פריִער אויסגערעכנטע — ער האַלט זי פאַר פּראָזע ממש, נאָך מער: ער האַלט זי ווי אַן ערשטמאָליקע פּראָזע, אין תּחום פון דער ייִדישער ליטעראַטור. און דאָ איז כּדאַי צו מאַרקירן דעם חילוק צווישן אים און לייזער פּאָדריאַטשיק, וואָס איז אויך נאָענט די פּראָזע צו באַטראַכטן ווי אַ חידוש גמור, און דאָס אַפילו אין תּחום פון דער וועלט־ליטעראַטור. נאָך מער, כאָטש ער, פּאָדריאַ־טשיק, האַלט אַז די דאָזיקע פּראָזע איז נישט דעם דיכטערס עיקר, איז זי אָבער מרמז, אַז זי האָט געקאָנט זיין זיין עיקר און נישט געקאָנט ווערן,

מחמת דעם חורבן. איז עס אַ שאַרפֿע מחלוקת־הפּוסקים, און איך דערלויב מיר דאָ צו באַרירן מיין וואָטום סעפּאַראַטום, וואָס איך אַליין האָב אָפּגעגעלערנט פון זיך אַליין, פון מיין אייגענעם אַריינפּיר צום בוך ברכב אש — כאָטש ער דערמאָנט נישט, ווי עס וואָלט מחויב געווען צו טאָן, די באַהאַנדלטע פּראָזע.

ח

איך האָב מיך דאָרט אָפּגעשטעלט דאַרויף, אַז די אָפּשאַץ־ליטעראַטור וועגן סוצקעווערן האָט שוין דעמאָלט געציילט הונדערטער אַרויסזאָגן און צענדליקער אַרויסזאָגערס, וואָס האָבן מיטן גאַנצן חילוק פון זייערע טאָנען און באַטאָנען, געבילדעט אַ מין אוניסאָנאָ פון דאַנק פאַרן דיכטער און פון אָנערקען פון זיין דיכטונג. און דערצו האָב איך באַמערקט אַז געוויינטלעך געפינען מיר אַזאַ מין אַחדות אין אָפּשאַץ לגבי אַ ליטעראַטור־פונדאַמענט, בעיקר לגבי אַן ערשטן פון אַ דורות־גאַנג און נישט אַן אָפּשאַץ פון אַ ליטעראַטור־דאַך אָדער ליטעראַטור־טורעם לגבי אַ לעצטן פון אַ דור־שטאַנד. איך שטרייך דאָס אונטער, דווקא ווייל ס'איז פאַראַן אַ סותר־דיקער עדות — מיכאל אַסטור (טשערניכאָוו), וואָס איז, אַ שטיק צייט, געווען פאַרן יונגינקן דיכטער אָריענטאַטיוו, לגבי צוויי גרויסע יסודות (ייִדישיזם און טעריטאָריאַליזם און זייער אָרגאַניזאַציאָנאַלער רעאַליזאַציע־פּרווו אין שפּאַרבער), דערציילט אין סוצקעווער יובל־בוך (1963, זז׳ 22־42), אין זיין ביאָגראַפיש גאַר אינטערעסאַנטן מאמר, אַז די גרופּע יונג־ווילנע האָט תּחילת נישט אַריינגענומען סוצקעווערן, און אַפילו ווען זי האָט עפּעס שפּעטער דערצו מספּים געווען, האָט זי נישט אָנגענומען זיין דיכטונג. לייענענדיק דאָס, האָב איך געפּרוווט רעזאָנירן, ווו האָט דאָ געשטעקט דער עוקץ — סוף־סוף איז דאָך די גרופּע באַשטאַנען לרוב פון יונגע אָנהייבערס, און די קשיא וואָס האָט זיי דאָ געקענט באַאומרויִקן, קען גריילעך געווענדט זיין דערפון, צי האָבן זיי פאַרזען, אָדער דווקא דערזען דעם ex ungue leonem משמע: לויטן נאָגל דערקענט מען דעם לייב, און לפי־זה האָבן זיי צומערשט געפּרוווט פּסקענען: ניע זשעליַיעם, און זענען נישט לאַנג שפּעטער דערפון אָפּגעקומען. אָבער אַזוי ווי דער unguis און זיין וווקס בצורת זיינע פּובליקירטע פּראָדוקטן, פון זיין ערשטן ליד (1932) ביז צו זיין ערשטן בוך לידער (1937) לאָזט זיך קאָנטראָלירן, פרעגט זיך צי דער תּחילתדיקער לאַוו האָט געהאַט אַ שייכות צו אַ באַוווסטזיין אָדער אַ געפיל פון אַן אַנדערש־

קייט, אָדער באַזונדערקייט, וואָס האָט זיי געקאָנט אָדער געמוזט שאָקירן. אָבער קומענדיק פּרעציזירן, וואָס עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַנדערש־קייט און באַזונדערקייט, האָב איך עס פאָרמולירט: די סתירה צווישן דעם וועלן פון דיכטער און דעם מוזן פון דער דיכטונג, אין אַ ספּעציפישן, עקסטן אַנטפּלעק, ווי מיר האָבן עס בלויז ביי געציילטע אין אונדזער דור. קלאָרער געזאָגט: ביי סוצקעווערן זעען מיר קלאָר, אַז בשעת דאָס וועלן פון דיכטער ווי אַ רשות־היחיד האָט אים געצויגן אויסצווײַלן די שיינקייט, ווי עס איז בולט ביז און אין וואַלדיקס (1940), האָט אים דאָס מוזן פון דער דיכטונג, ווי אַ רשות־הרבים, געצוווּנגען אָנצונעמען דעם אמת, ווי ער איז בולט אין די פעסטונג (1945), געהיימשטאָט (1948), ביזן מהותדיקן היסטאָריש און פאַרשווינדלעך איבערגעלעבטן איבערבראָך, ווי עס איז בולט אין אין פײַערוואָגן (1952), אין מידבר סיני (1957) און ווייטער אַן אויפטרייסלענדיקע פּאַנאָראַמע, וואָס וויקלט זיך פונאַנדער צווישן פּאָלוס פון אומקום און פּאָלוס פון אויפקום, און ביידע אין אַ גראַנדיאָזקייט פון מבשׂרי אחזה, משמע: פון מיין אייגן פלייש געלעבט, דורכגעלעבט, איבערגעלעבט. לגבי דעם כּביכול טעמאַטישן חילוק און באמת תּוכיקן תּהום, לאָזט זיך פרעגן, צי איז דער דיכטער געווען גרייט דערצו, פּרעדעסטינירט דערצו, און די קשיא האָב איך שוין געפרעגט בשעת דער מסיבה לכּבוד סוצקעווערן מטעם ירושלימער אוניווערסיטעט (אַריין אין מיין בוך אבני מפתן, באַנד 1, זז׳ 170־178 און אין יידיש־נוסח היימישע כּתבים תּשל״ג, ערשטער טייל, זז׳ 145־150), און זי פּרעציזירט מיט דריי דוגמאות — ביאַליק, טשערניכאָווסקי, יצחק קאַצנעלסאָן, וואָס זייער אָנהייב האָט נישט געוווּסט, נישט געקענט וויסן, ווי זייער המשך וועט אויסזען, און דאָס איז פּי כּמה־וכמה חל אויף סוצקעווערן.

אַוודאי לאָזט זיך פרעגן: ווי וואָלט זיין שאַפונג אויסגעזען, ווען נישט דער גורל וואָס האָט אים געפירט, ווי עס הייסט ביי פּרץ מיראַנסקי: פון דער ווילִיע ביזן הר־מוריה. עס לאָזט זיך אַזוי פרעגן, כאָטש עס וויזט זיך אויס ווי אַ טעאָרעטישע, אויב נישט בטלע קשיא, און עס לאָזט זיך אויף איר ענטפערן, אַז אַזאַ המשך וואָלט דאָס געוואָלטע דערפירט צו נײַע, אַלץ נײַע חידושים, פינעזיעס, סיורפּריזן, ווי זיי האָבן אַ שטייגער דערפירט, אין דער דעמאָלטיקער יידיש־דיכטונג ביי יעקב גלאַטשטיין צו זיינע יידישטייטשן (1937), וואָס וואָלטן מסתּמא געהאַט אַ המשך, ווען דער חורבן וואָלט נישט גורם געווען זיין אָפּווענד דערפון און אַ צווּוענד, וואָס איז בעצם, אַ צוריקווענד, וואָס האָט דערפירט צו שטראַלנדיקע יידן (1946) און דעם טאַטנס שאָטן (1953). דאָס שייכות פון דעם בײַט און אומבײַט האָט, פאַרשטייט זיך, צו טאָן מיט גלאַטשטיינס רעוויזיע לגבי דעם איינזי־

כּיסישן נייִן־זאָג צו דער נעאָראָמאַנטיק פון אירע פּירגייערס, און איר יאָ־זאָג צום אַמעריקאַנישן אורבאַניזם, אַ רעוויזיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ליד אַ גוטע נאַכט וועלט (1938), ווו עס פאָדערט זיך אַן אומקער צו דער סוגיא גמרא, צו עברי־טייטש, און וואָס איז געווען אַן אומקער אין דער שטימונג, און כּמעט בלויז אַ ווערבאַלער אומקער, און ווייט נישט קיין ממשותדיקע תשובה הלכה־למעשׂה, און האָט אַרויסגערופן אַ וויכּוח וואָס האָט זיך לאַנג נישט איינגעשטילט. יאָ, געווען אַ המשך אין זײַן ליד אָנהייב, ווו ער האָט גערופן זיך און גאָט צוריקקומען צו ערדאַרבעט, צו מעל־קרבנות, צום פעלד, צו דער שטאַל, צום קליינעם געבענטשטן לענדל, צום שטילן און גוטן פאָלק. אויך דאָס איז געווען בחינת אני במאַנהעטן ולבי בסוף מזרח.

און דאָ בעט זיך אַ פאַרגלייך צווישן גלאַטשטיינס פיגגירטן און אידישן אומקער און צווישן סוצקעווערס פאַקטישן און שטורמישן אומקער, און אין ליכט פון דעם אַנטשיידנדיקן חילוק, דאַרף מען אויך זען דעם גרונטיקן, אַפילו אָפּגרונטיקן חילוק, צווישן זייער צוווענד, אָפּווענד און צוריקווענד אין זייער פּאָעטיק, איר גאַנג און מיטלען. דער אינעווייניקסטער צוואַנג און דראַנג צו רעוואָלוציאָנירן שפּראַך און אויסדרוק וואָס האָט זיך ביי גלאַטשטיין אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פון חורבן, אים געפירט קיין לובלין־של־מטה ווי אַ שטיק ירושלים־של־מעלה, האָט ביי סוצקעווערן, אין לעבן ווי אין ליד, דורכגעשטורעמט דעם גאַנצן אַקטואַלסטן און היסטאָרישסטן גורל פון פאָלק אין זיינע קאַטאַקליזמען, און דער סאַמע קאָך און בראָך פון יענער רעוואָלוציאָניזאַציע איז געקומען נאָך די גרויסע אומקום־ און אויפקום־פּאָעמעס, און לעת־עתה אַן אויסדרוק געפונען אין זייַנע צוויי ביכער, וועלכע זענען איינציק דערמיט, וואָס די פּראָזע זיינע איז, אין מהות און מיטלען, פּאָעטישער פון זיין פּאָעזיע. און איך זאָג בפירוש: לעת־עתה, ווייל כאָטש עס ווייזן זיך אויס גערעכט די קריטיקערס, וואָס זענען מסביר, אַז דער משותּפותדיקער ענין, די טיפע איבערלעבענישן פון חורבן, פאָדערן דעם באַזונדערן בנין, מכּוח אַ פאַנטאַסטישן, פאַנטאַסמאַגאָרישן אויסבוי — וועט אפשר גערעכטער זיין אַן אָפּשאַצער, וואָס וועט האַלטן, אַז די צוויי ביכער רעגן אָן צו רעווידירן די פּאָעזיע־ביכער, כּדי צו געפינען אין זייערע באַהאַלטענע רמזים און אָפענע אָנווייזן אַן אָנזאָג פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן גאַנג נישט בלויז פון די צוויי בענד, וואָס זענען שוין דאָ, נייערט אויך פאַר די בענד וואָס וועלן נאָך זיין, און אין דעם רעוואָלוציאָנערן ספּעקטרום ווידער אַ מאָל קרעיִרן דעם גאַנצן פּאָעטישן באַגריף. אויב אָנווענדן אַן אַלטן פאַרהייליקטן משל לגבי אַ יונגן וועלטלעכן נימשל, וואָלט איך דערמאָנט, אַז אין ספר תהילים ענדיקט זיך

קאַפּיטל ע״ב מיט די ווערטער: כלו תפילות דוד בן ישי, טייטש: עס האָבן זיך געענדיקט די תּפילות פון דוד בן ישי, און דאָס ספר האַלט כּידוע ק״ן קאַפּיטלען.

(אדר תשמ״ג)

III

אַ דאָרף ווערט געבוירן

וועגן יוסף ערליך

א

אמר הכותב: יוסף ערליך, האָט דאָס בוך, וואָס ליגט פאַר אונדז, אין יידיש־אָריגינאַל, מיט פיל יאָרן צוריק (תשי״ב) אַרויסגעלאָזט אין מיין העברעיִש־נוסח, צו וועלכן איך האָב געשריבן אַ הקדמה, וואָס איך האָב זי איבערגעדרוקט אין מיין בוך „אבני מפתן״ (באַנד 1, תשכ״ב, זז׳ 190־191). ברענגענדיק איצט די הקדמה אין יידיש־נוסח, שטרייך איך אונטער די דערמאָנטע ווערטער: מיט פיל יאָרן צוריק, ווייל דערווייל האָט דער מחבר אַרויסגעגעבן אַ לייסטער ביכער, איןביידע לשונות, און האָט זיך איינגע־קויפט אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן פּראָזאַיִקער, וואָס האַלט אין סאָמע מיט פון זיין שרייבן, און דערוועגן זע מיין הקדמה צו זיין מאָנאָגראַפיע וועגן זיין געבוירן־שטעטל, וואָלבראָם (תשכ״ג) איבערגעדרוקט אין מיין בוך „היימישע כתבים״ (תשל״ג באַנד 1, זז׳ 238־241) און מיין הקדמה צו זיין בוך „שבת״, וואָס איז אַרויס פיר־שפּראַכיק (יידיש, העברעיִש, פראַנצויזיש, דייַטשיש) און איבערגעדרוקט אין מיין בוך „היימישע כתבים״, כנ״ל, זז׳ 241־242 און די דאָזיקע הקדמה איז אין מיין בוך „אבני מפתן״ תשל״ב, באַנד 3, זז׳ 230־231.

ב

יוסף ערליך — האָב איך געשריבן אין דער הקדמה צו „טוב הארץ״ איז געקומען, אַ ייִנגל אַ חלוץ, אין אונדזער לאַנד אַריין און האָט געאָטעמט מיט זיין אויפבוי און זיינע מאַטעריעלע און פּסיכישע ווידעראַנאַנדן און האָט געפּרוווט דעם פּראָצעס אויך שרייבעריש צו באַוועלטיקן, און דערצו האָט אים פאַרהאַלפן די סגולה וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יידיש־

ליטעראַטור — די סגולה פון גרונטיק־עלעמענטאַרן קוק, וואָס ווייסט נישט פון קיין איבעריקער מחיצה, בעיקר אַ למדנישער מחיצה — צווישן דעם זעענדיקן און דעם געזעענעם. די דאָזיקע סגולה וואָרצלט אין זיין מענטאַליטעט און כאַראַקטער און די לערערס אויף דעם שרייבערישן וועג זיינעם זענען איטשע מאיר וויַיסנבערג און אַברהם משה פוקס, וואָס די קריטיק קווענקלט זיך צו דעפינירן דעם דרך און סאָרט פון זייער שרייבן, ווייל רעאַליזם ווייזט זיך אויס ווי אַ נישט באַגנוגנדיקע דעפיניציע, בשעת נאַטוראַליזם ווייזט זיך אויס אַ פגימהדיקע דעפיניציע. לעצטנס האָט יחיאל האָפּער געפּרווּוט גובר זיין די שוועריקייטן, אָנרופנדיק דעם דרך פון א.מ. פוקס: סורנאַטוראַליזם.

אָט די סגולה איז ביי אונדזער דערציילער געוואָרן ווי אַ געצייג פון אָבסערוואַציע און באַשרייב, וואָס האָט אויפגעכאַפּט און אַריינגעכאַפּט שטיקער לעבן ביי אונדז אין לאַנד. וואָס שייך אונדזער בוך איצט איז דער הויפּטפּאַרשוין בעצם דאָס באַשריבענע דאָרף, דאָס גאַנצע דאָרף, בשעת דאָס געזעמל פון די האַנדלענדיקע פּאַרשוינען, די באַזונדערע מענטשלעכע טיפּן, אַ יעדער לויט זיין גרונט און כאַראַקטער, ווערט דערלאַנגט אין יענעם ליכט פון געשעעניש און אַקציע, ווו די פּאַרשידנקייט זייערע ווערט, אין אַ שפּיל פון צוצי און אָפּשטויס, פאַרשלונגען אין געוועב פונעם דאָרף, אין גאַנג פון זיין מי און רו און אין צוזאַמענמיש פון זיין נאַטור און לאַנדשאַפט. און דער עיקר פון דער דערציילונג שטעקט אינעם באַגעגעניש צווישן צוויי נפשות — פון איין זייט דאָס נפש פונעם מענטשן, אַ שפּליטער־אַנהייב פון כלערליי מיני גלותן: אַ יעדער שפּליטער לויטן סאָרט מעטאַל זיינעם. פון דער אַנדערער זייט דאָס נפש פון דער נאַטור־לאַנדשאַפט וואָס דער אַנטבלויז פון אירע פאַרבאַהאַלטענע כוחות פאַדערט, אַ צוזאַמענגוס און צוזאַמענשמעלץ פון די אַלע שפּליטערס ווי אַ צוזאַמענגעראַלטער בלאָק פון אַ בכּוונדיקן אויפטו. אויב מיר וועלן זיך עפּעס פאַרטיפן, וועלן מיר זאָגן אַז די ליידנשאַפט איז זיי ווי מחייב, זיך צו דערמאָנען יענע אונטערשטע שיכט פון דעם גרונט־אַלטן געדעכעניש, ווען עס איז פירגעקומען דאָס באַגעגעניש צווישן זיי און דער קדמון־ערד אין די היסטאָרישע מרחקים פון זייער פאָלק.

דער דערציילער, וואָס ווייזט נישט אָן מיטן פינגער, ווייזט אויך נישט אָן אויף יענער שיכט, אָבער אירע רמזים בלינצלען, ווי פון זיך אַליין, אַפילו, בשעת די באַוווּסטע און בכּיוונדיקע אויפגאַב פון דער דערציילונג ווייזט באַשיינפּערלעך דעם ווּקס פונעם דאָרף אין סאַמע צוזאַמענטרעף און צוזאַמענשטויס פון די פאַרשיידענע און משונהדיקע עלעמענטן, ווי נאָענטקייט און ווייטקייט מישן זיך פונאַנדער און מיט אַנאַנדער.

אָט האָבן מיר פֿאַר זיך אַ געבוירענעם אין ליטע, וואָס דאָס געשטאַלט פֿון דער שטוב פֿון זיין טאַטע־מאַמע ליגט אים אין בלוט פּונקט ווי דער מישמאַש פֿון זיינע פּרנסות אין אַמעריקע ליגט אים אין זכּרון. און אָט האָבן מיר אַ געבוירענעם אין פּוילן וואָס טראָגט אין זיך דעם שטייגער פֿון יראָים ושלמים און וויל אים ווייטער שפּינען. אָט האָבן מיר צוויי עולים פֿון דייטשלאַנד, וואָס זענען ווי אַן ענקלאַווע אין דעם זיך שאַפֿנדיקן ציבור, און זיי דערהאַלטן אַ באַזונדערקייט אין תּחום פֿון רשות און אַ בשותּפֿות־דיקייט אין תּחום פֿון חוב, אָבער ביי די קינדער זייערע, פּונקט ווי ביי די קינדער פֿון די אַנדערע עולים, פֿאַרטושן זיך די אַנדערשקייטן און וואָס מער זיי לאָזן זיך באַהערשן פֿון דער נאַטור פֿון דאָרף און זיין לאַנדשאַפֿט, אַלץ מער ברעכן זיי איין דעם אָפּשטאַנד צווישן די שבֿטים. דער דערציי־לער האָט באַזונדערס אויסגעבולט די געשטאַלט און שטעל פֿון אַ פֿאַרשויך, אַ יונגער־מאַן, וואָס איז ווי אַ מין אידעאַל פֿון אחדות נאַטור און פּסיכע פֿון לאַנדשאַפֿט און מענטש. און ער לאָזט אים נאָכיאָגן אַ בהמה, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון ענגקייט אין ווייטקייט, באַגעגענען אַן אַנדערן מענטש, אַ מיידל, און זיי ווערן אַן אַרבעטנדיק פֿאָר־פֿאָלק. אַ סימבאָל פֿאַר אַן אַבסאָ־לוטן באַהעפֿט צווישן אַ האָרעפּאַשניק און זיין ערד־טיף אונטן און זיין הימל־ברייט אויבן — צוויי יסודות וואָס האָבן קיין פֿאַרבייַט נישט.

כּללו של דבר אַן אַלטער שרייב־נוסח, וואָס איז נייַ און באַנייַט — אַ קליינע מגילה ווו דער שרייבער האָט אַריינגעשפּאַרט אַ גאַנצע עפּאָפּייע.

(תש"ב ־ תשמ"ג)

איידי דזוטר

וועגן יאָסל חריף

א

איידי דזוטר מירכּס — איז אַ באַקאַנט אַראַמיש ווערטל, וואָס געפינט זיך אין דער גמרא (בבא בתרא, י״ד, ע״ב) און איז געוואָרן אַ פּאָפּולאַרער, אָפט געניצטער, עולמשער זאָג. ווערטלעך מיינט עס: בעוויל עס איז פּיצל, גייט עס לאיבוד. אין דער דערמאָנטער גמרא גייט אָן אַ ווידעראַנאַנד וועגן האַלטן און דערהאַלטן די כּתבי־הקודש, און אָפּהיטן זיי, וואָס עס קאָן צומאָל נישט גיין לויטן סדר־הדורות, ווי אַ שטייגער הושע, וואָס איז געווען איינער פון די פיר נביאים — ער, ישעיהו, עמוס און מיכה — וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט זייערע נבואות געזאָגט, האָט מען אָבער הושע געשטעלט בראש תּרי־עשׂר, און דער טעם דערצו שטעקט אין דערמאָנטן ווערטל; דהיינו, ווייל ער איז אַ קליין ספר, האָט מען מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט פאַרלוירן גיין, האָט מען עס געשטעלט בראש פון דעם טוץ קלענערע ספרי־נביאים.

איידער איך גיי איבער פונעם וויטן, אַכפּערדיקן משל צום נאָענטן, באַשיידענעם נמשל — יאָסל חריף און דאָס בוך זיינס ירושלים, נאָענט און וויט, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז — וויל איך פּיראויסשיקן, אַז איך האָב דעם משל און נמשל שוין באַנוצט, און דאָס אין שבת־שמועס מיט אים גופא, בשעת ער האָט מיר דערציילט, אַז ער גרייט זיך, מיט נישט ווייניק קווענקלעניש, אַרויסצוגעבן זיין בוך אויף ראַנדן פון טעג — מיניאַטורן. דאָס איינציקע, וואָס איז אַרויס ביי זיין לעבן (י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אביב, תּשכּ״ט). אָנווענדנדיק דעם דערמאָנטן משל, האָב איך אויסגעבּולט דעם מוסר־השׂכּל זיינעם לגבי דעם נמשל: איידי דזוטר, ווייל דער סאָרט שרייבן זיינער איז דער ווינציקסטער און קירצסטער — די מיניאַטור — און לאָקערט ממילא די סכּנה פון מירכּס, פון פאַרלוירן גיין, בפרט אַז די מיניאַטורן זענען צעוואָרפן אין דער פּרעסע, צייטונגען און געזעמלען, וואָס ס׳רוב לייענערס, וועלכע האָבן נישט קיין באַזונדערע אַרכיוואַלע נטיות, היטן זיי נישט אָפּ און אַזוי אַרום גייט פאַרלוירן אַ באַזונדערער צווייג פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך זיין חיות און זיין חן, און בלויז אַן אָפּקלייב פון דעם מאַטעריאַל און אַן אַרויסגאַב אין טאָוולען פאַרזיכערט אים זיין

פאַרדינטן זכּרון. נאָך מער, די עוולה פון פאַרגעסנקייט איז חל נישט בלויז אויף דעם חיבור, דער מיניאַטור און אירע שכנים — דער סקיצע און דעם פעליעטאָן — נאָר אויך אויפן מחבר, ווייל בלויז אַזוי איז מעגלעך אַז אַ מחבר זאָל זיין אַ גאָר אָפטער אורח, ווי ער, יאָסל חריף, איז עס געווען, אין דער היגער ייִדישער פרעסע, און ער זאָל נישט האָבן קיין ערך, ווי עס איז אים כּשר געקומען, אין ערשטן באַנד (אָסטרי, שפּעטער חריף יאָסל) אָדער אין דריטן באַנד (חריף, פריִער אָסטרי יאָסל) אין „לעקסיקאָן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור", און אויך דאָ קומט אויס, לויטן זאָג, איידי דזוטר מירכּס. יאָ, פאַראַן אויך לעקסיקאָנען (זע, אַ שטייגער, ג. קרעסל), וואָס ברענגען געוויינטלעך נישט אַ מחבר, וואָס האָט נישט אַרויס־געגעבן אַ בוך.

ב

דאָס איז געווען מיין אַרגומענטאַציע, אַז יאָסל חריף זאָל גובר זיין זיין נאַטירלעכע ענווות און אויסקלייבן און צוזאַמענקלייבן זיינע זאַכן, וואָס דאַרפן אויך גובר זיין זייער קינסטלערישע ענווות, וועלכע ליגט אין סאַמע כאַראַקטער פון דער מיניאַטור־פּראָזע, ווי דניאל לייבל האָט זי אָנגערופן: דאָס ליטעראַטור־מיזיניקל, וואָס שעמט זיך צו שטיין במקום גדולים. און ער, יאָסל חריף, האָט גובר געווען דיביידע מיני ענווות, און זיין בוך איז אַרויס. דאָס בוך איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן און די וואַרע פאַר אים האָט, ברשות הרבים, געמאַכט ר׳ יוסף יואל ריבלין. האָט ער, יאָסל, זיך געפילט געשמייכלט, האָט אָבער אַ זאָג געטאָן: דאָס האָט ער געטאָן מחמת אונדזער בשותפותדיקער ליבשאַפט — אהבת ציון וירושלים. איז עס מסתמא אמת, ווייל ירושלים שעמערירט אין בוך אין אַ זיך היפּש און רייך בייַטנדיקן קאַליידאָסקאָפּישן אָפּשפּיגל, ווי ער האָט עס יאָרנלאַנג, ווי איר געטרייער תּושב, דורכגעלעבט און אָנגערעגט זיין לייענער עס מיטצולעבן, און ר׳ יוסף יואל ריבלין, וואָס האָט אָנגעפירט אַ קאַטעדרע פון אַראַבישער שפּראַך און ליטעראַטור אין העברעיִשן אוניווערסיטעט און האָט פאַר־העברעיִשט דעם קאָראַן און טויזנט־און־איין־נאַכט, איז געווען אַן איש־ירושלים בה״א הידיעה, ממש אַ שטיק ירושלים, וואָס זיין זיידע און זיינע קרובים האָבן זי אויסגעבויט סיי מבפנים לחומה, סיי מחוץ לחומה, האָט אויך געשריבן ביכער און מאמרים וועגן איר (די געשיכטע פון מאה שערים, וכדומה), ער איז אָבער אויך געווען אַ בקי אין ירושלימער ייִדיש, ווי עס

האָט זיך, מיט דורות צוריק, אַזוי צו זאָגן אינטערדיאַלעקטיזירט. און ער איז אויך געווען אַ מומחה אין איר און געקלערט אַרויסצוגעבן אַ מאָנאָ־גראַפיע דערוועגן. ער האָט זיך טאַקע דעלעקטירט מיט יאָסל חריפס ירושלימער מיניאַטורן און געהאַלטן, אַז ער איז ממשיך, ביודעים ובלא יודעים, דעם אַראָמאַט פון טיפּישן ירושלימער יידיש, און ער האָט קעגן דער טענה אַז דאָס איז זיין סוביעקטיווו געפיל, געטענהט, אַז עס איז פּאַרט אַן אָביעקטיווע סברה.

ג

לאָזט זיך נישט לייקענען, אַז אַ צענטראַל־טעמע באַשטימט אויך אַ צענטראַל־נוסח, וואָס איז משפּיע אויף שפּראַך און סטיל. אָבער דאָס יידיש פון אונדזער מיניאַטוריסט לאָזט זיך נישט אָפּשיידן פון זיין ביאָגראַפיע, איר גאַנג און אַנטוויקל. געבוירן און קינדווייז געכאָוועט אין קליינע קאָנגרעס־פּוילישע דאָרפישע ישובים — סלאָמניק, פּיאָטרקאָוויץ — האָט ער געהאַט אַ פיינעם חוש פאַר נאַטור און לאַנדשאַפט, סביבה און שטייגער. יינגלווייז ווייטער אָנגעשפּאַרט אין שטעטלשע ישובים, ווי דזשאַלאָשיץ (באַקאַנט מיט איר רבישן הויף), וואָלבראָם (זע די דערציילונגען, בעיקר שבת, פון יוסף ערליך) דאָמבראָווע, און בעיקר סאָסנאָוויץ, ווו עס האָבן זיך ביי אים אויסגעצייטיקט די צוויי עלעמענטן, וואָס האָבן באַשטימט זיין וועג און אַנטשייד. עפּעס מער ווי אַ בר־מצווה־יינגל איז ער צוגעשטאַנען צו די „פּועלי־ציון" און זייער יידיש־אָריענטאַציע, וואָס האָט זיך געשטאַרקט דורך דער אויטאָריטאַטיווער השפּעה פונעם דאָרטיקן עילוי, שניאור־זלמן מערקין, באַקאַנט מיטן נאָמען מאַקס עריק. אָבער דעם רעכטן רבין האָט ער, סיי ווי אַ תלמיד, סיי ווי אַ חסיד, געפונען אין פּאַרשוין און כאַראַקטער פון דניאל לייבל, דעם באַראַטער און דערציער פון דער קליינער גרופּע יידישע שרייבערס, וועלכע זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל לאַנג איידער גרעסערע גרופּעס זייערע זענען געקומען אין מדינת ישראל, און געשאַפן דאָ אַ וואָגיקן יידישן ליטעראַטור־צענטער, ווו יאָסל חריף (וואָס איז עולה געווען אין 1934), האָט פאַרנומען זיין באַשיידענעם אָבער קלאָרן פּונקט, וואָס פינקלט אַרום זיך ווי אַ צניעותדיקער סנאָפּ ליכט.

ד

אַ האָרעפּאַשניק כּל ימיו, האָט ער געפירט אַ נישט לייכט, אָבער ערלעך לעבן — ער איז געווען נישט בלויז אַ טאַטע, נאָר אויך אַ מאַמע פֿאַר זיינע קינדער, וועלכע ער האָט, נאָכן יונגן טויט פֿון זיין יונגער פרוי, אַליין אויפגעכאָוועט („איך בין צו פרי געוואָרן אַ יתום נאָך מיין אייגענעם טאַטן, איך זאָל נישט וויסן און פילן, וואָס עס הייסט זיין יתומים נאָך אַן אייגענער מאַמען"), האָט ער פֿאַרמאָגט אַ קוואַל פֿון ליבשאַפט און מסירות פֿאַר פֿאָלק און לאַנד, און האָט אויסגענוצט דאָס שפּאָר ביסל צייט, ווי צווישן מנחה און מעריב, פֿאַר באַגעגענישן מיט שרייבערס און פריינד, עולים און סתם ייִדן, ישובים און פּייזאַזשן, און זיינע אָבסערוואַציעס און איינדרוקן פֿאַרטרויט דער פּען זיינער, וואָס איז ביי איר גאַנצער צענטראַ־טעמאַטישקייט (ווי מיר לערנען אָפּ פֿון די אָפּטיילן אין בוך: ירושלים, קיבוץ, וכדומה), פֿאַרט געווען פּאָלי־טעמאַטיש (ווי מיר לערנען אָפּ פֿון זיינע מעמואַרן, בעיקר פֿון דער אַלטער היים, זיינע פֿאַרטרעטן פֿון פֿאַר־שווינען וכדומה).

יאָ, ווער עס האָט אים געזען אין אַ שעה פֿון נחת, ווי עס איז געווען די פייער פֿון זיין פינף־און־זיבעציקסטן יובל אין קיבוץ צרעה, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט די לעצטע יאָרן (און נאָך טאָג־טעגלעך געאַרבעט פינף שעה), און געזען דעם עולם, וואָס איז געקומען פֿון ווייט און נאָענט, און געהערט די וואַרעמע רייד פֿון זיינע אָפּשאַצערס (רן כּוהן פֿון קיבוץ, פּראָפ. סאָל ליפּצין, שלמה שווייצער און מיין ווייניקייט), און געשפּירט דעם דרך־ארץ צו אים, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן די חברים פֿון קיבוץ (בראשם ובתוכם זיין זון משה, גערופן מוסאַ חריף, אַן אָנפירער פֿון דער קיבוצישער באַוועג־גונג, איצט מערך־דעפּוטאַט אין דער כּנסת — דער ייִנגערער זון עמוס איז אַן אַרכעאָלאָג און איז היינט לייַטער פֿונעם מוזעום אין טבריה), און באַמערקט דעם שמייכל פֿון אייביק פרישן און אויפגעוועקטן זקן, האָט געפילט, ווי עס זעט ממש אויס די ברכה פֿון הזורעים בדימעה ברינה יקצורו.

(תשמ"ב)

צווישן געפּענקעניש און געעפֿנטן טויער

וועגן קלמן סעגאַל

א

ווער און וואָס איז, בעצם, געווען קלמן סעגאַל, איז אַן ענין פֿאַר אַן אויספֿירלעכער מאָנאָגראַפֿיע, און וועט מסתּמא, פֿריִער אָדער שפּעטער, געפֿינען איר ריכטיקן מחבר, וואָס וועט אַנאַליזירן און סומירן דעם וועג און די אויפֿטוען פֿון אַ שרייבער, וואָס זיין רעטעניש — און אפשר איז גלייכער צו זאָגן: זיינע רעטענישן — וואַרט אויף זיין באַשייד. אויב אָנווייזן אויף צוויי פֿון די רעטענישן, וועלכע האָבן דעם אָפּשאַצער זיינעם געקענט, און אַפֿילו געמוזט, אינטערעסירן, איז עס זיין פֿיר־שיכטיקער ביאָגראַפֿישער וועג און זיין צוויי־שפּראַכיקער ליטעראַרישער גאַנג.

ווילט זיך, לשם אינפֿאָרמאַטיווער אָריענטאַציע, זוכן אַן אָנשפּאַר אין אַן ערך, ווי עס האָט אים געבראַכט לייב וואַסערמאַן אין נייעם לעקסיקאָן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, כאָטש עס איז ווייט נישט די שטאַרקסטע אחיזה. ערשטנס, איז די דאַטע פֿונעם לעקסיקאָן־באַנד (1965) אַ צו פֿריִע, און קאָן ממילא נישט אַרומנעמען די ווייטערע פֿופֿצן יאָר פֿון זיין לעבן און שאַפֿן, דערפֿון כמעט אַ טוץ יאָרן אין מדינת ישׂראל, בעיקר אין ירושלים. צווייטנס, ווערן דאָרט אַפֿילו אויסגערעכנט זיינע, ביז דעמאָלט, ייִדיש געשריבענע און אַרויסגעגעבענע ווערק, אָבער וועגן זיינע, ביז דעמאָלט, פּויליש געשריבענע און אַרויסגעגעבענע ווערק, וואָס זענען דער רוב פֿון זיין שרייבן, הערן מיר בלויז די צאָל צען און וויפֿל דאָס זאָל נישט פּאַסן פֿאַר אַ לעקסיקאָן, וואָס אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער ייִדישער פּראָדוקציע פֿונעם בעל־הערך, איז עס אַן אינפֿאָרמאַטיוו מאַנקאָ. דריטנס, די ביבליאָגראַפֿיע וועגן אונדזער שרייבער פֿאַרמאָגט דאָרט כמעט אַ מנין פּאָזיציעס — אַכט פֿון זיי זענען געווען אין דער ייִדיש־פּרעסע אין פֿאָלקס־פּוילן און בלויז צוויי חוץ איר: איינע אין ניו־יאָרק און איינע אין מאָנט־רעאָל. און מסתּמא איז די דעמאָלטיקע אינטערעס־פּאָזיציע נישט געווען קיין צופֿאַליקע, און ס'איז איבעריק צו זאָגן אַז זי האָט זיך שפּעטער, און דאָס ביז גאָר, געביטן.

אָבער אויב זיך, בלית ברירה, פּאַרט אָנהאַלטן ביים דערמאָנטן לעקסי־קאָן, דערוועקן די געגעבענע דאַטן עטלעכע קשיות, וואָס פאָדערן תּשובות, וואָס מיר ווילן דאָ בקיצור פאַרענטפערן, און צומערשט וועגן אָפּשטאַם.

ב

קלמן סעגאַל איז געבוירן געוואָרן אין סאַנאָק, יידיש סאָניק (אַרויסגע־רעדט סוניק) אַ מיטלערע מערב־דרומדיקע שטאָט אין מזרח־גאַליציע, מיט אַ דרייַיקער באַפעלקערונג — דעם, במשך אַ סך דורות, הערשנדיקן מיעוט, די פּאָליאַקן; דעם באַהערשטן רוב, די אוקראַינער און די יידן, ווי זייער גורל איז געווען, צווישן ביידע. זיי, די יידן, האָבן דאָ, זינט הונדערטער יאָרן, געהאַט אַ קהילה, וואָס אירע כראָניקערס האָבן זיך באַמיט און נישט מצליח געווען צוזאַמענצושטעלן די רעכטע קייט פון אירע רבנים חוץ אין די לעצטע דורות — בעיקר ר׳ מאיר שפּירא, דער באַגרינדער פון דער לובלינער ישיבה, פּונקט ווי זיי האָבן בלויז דערשנאַפּט אַ רמז וועגן גדולי חסידות — ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער, וואָס איז אין יענער סביבה, אין שטעטעלע היסקיוו (הוסאַקאָוו) געבוירן געוואָרן און זאָל האָבן געוועז אין סאָניק — און זיי האָבן אויך נישט אויסגעפונען קיין פּראָמי־נענטן משׂכּיל. אָבער דווקא אין דער מאָדערנער צייט לאָזן זיך דערמאַנען דאָרט געבוירענע און מער אָדער ווייניקער טעטיקע שרייבערס, און אויב גיין לויטן שפּראַך־אויפטייל, זענען דאָ געווען סיי יידיש־אויפטוערס, סיי העברעיִש־אויפטוערס. יידיש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — ד״ר אַברהם (אַדאַלבערט) שענבאַך, וואָס האָט דאָ, במשך עטלעכע יאָר, אַרויס־געגעבן דעם „פאָלקספריינד״, ווו עס האָבן געשריבן די דעמאָלט יונגע: מלך ראַוויטש, א. מ. פוקס, א. צ. גרינבערג. אין סאָניק איז אויך געבוירן און זיך געכאָוועט נתן (נאַטאַן) מאַרק, וואָס איז אַוועק קיין בוקאָווינע און רומעניע און איז זייט יאָרן אין מדינת ישׂראל. נאָך דער מלחמה איז באַקאַנט שלמה נאָבל, דער יידיש־פאָרשער, פון די וויסנשאַפטלעכע זיילן פון ייוואָ, אָבער אַ ציוניסט כּל ימיו, ווי ס׳איז באַקאַנט דער פאָרשער פון יידישן פאָלקלאָר, בעיקר פון פאָלקסליד, שמואל זייַנוול פּיפּע און די באַשיידענע פאָלקלאָר־זאַמלערס בערל ראַבאַך און שמעון תודר — און די באַזע פון אַלע איז דער יידיש־אוצר פון זייער אייגענער שטאָט. העברעיִש — בעיקר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַן אַקטיווע גרופּע — בנציון בנשלום (כּץ), אַ בקי אין קלאַסיק וואָס האָט פאַרהעברעיִשט

אַלט־גריכישע און אַלט־רוימישע דעסגלייכן אַלט־פּערסישע ליטעראַטור, געווען אוניווערסיטעט־לעקטאָר אין קראָקע און ווילנע, עולה געווען קיין ירושלים, דאָ אָנגעפירט מיטן קולטור־אָפּטייל פאַר „החלוץ" און יוגנט ביי דער יידישער אַגענץ, צום סוף געווען פאַרדינטער רעקטאָר פון דעם אוניווערסיטעט אין תל־אביב; און דעסגלייכן — עזריאל אוכמני (שוואַרץ) און רבקה גורפיין, וואָס זענען (אַזוי ווי ש. ז. פּיפּע און זיינע ברידער) געווען חברים אין „השומר הצעיר", האָבן זיך אָבער קאָנצענטרירט אויפן העברעיִשן פראָנט און אַפילו באַגרינדט אַ בונד פון עברית־געטרייע און זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל, אויפגעבויט דעם קיבוץ עין־שמר און באַרייכערט די העברעיִשע ליטעראַטור מיט לידער, דערציילונגען, עסייען. כדי צו קאָמפּלעטירן דעם דאָזיקן העברעיִש־רייסטער, דאַרף מען נאָך דערמאָנען די סאָניקער שלום קרעמער און אליעזר שרביט (שווערט), וואָס האָבן זיךביידע באַזעצט אין ירושלים — דער ערשטער אַ העברעיִשער קריטיקער, דער צווייטער אַ העברעיִשער דיכטער.

וואָס שייך צייט, איז קלמן סעגאַל געבוירן געוואָרן אין 1917, משמע אַ יאָר איידער ס'איז זיך צעפאַלן די האַבסבורגער מאָנאַרכיע און סאָניק, צוגלייך מיטן איבעריקן מזרח־גאַליציע, האָבן, מכוח איר רוב באַפעלקערונג — רותענער — טענדירט צו אַן אייגענער רעפּובליק און זענען אַריין אין אַ מלחמה מיט די פּאָליאַקן, וואָס האָבן נאָך אַ קאַרגע צוויי יאָר די יונגע רעפּובליק צעקלאַפּט און דעם גאַנצן שטח אַנעקסירט, מיט דער הסכמה פון די גרויסמאַכטן, און געשאַלטעוועט ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען סאָוויעט־רוסלאַנד האָט מיטן פּאַקט מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ, באַזעצט מזרח־גאַליציע, כדי נאָך קאַרגע צוויי יאָר, עס, מיטן אַריינמאַרש פון היטלערס חיילות אָנצווווערן. אָט דאָס איז די פּאָליטישע רעם פון יענער צייט און יענעם אָרט, אין וועלכן אונדזער שרייבער איז אויסגעוואַקסן. אָבער מען דאַרף געדענקען אַז כאָטש ער האָט ווי אַן אייניאָריק קינד גאָר קורץ געאָטעמט אין דער האַבסבורגער אַטמאָספער, האָט ער געירשנט די פירשיכטיקע קולטור־ירושה, וואָס האָט ביי אים געהאַט אַ פיר־שפּראַכיקן אויסדרוק — צו דעם טאַטנס און זיידנס גרונטיקן און רייך־אידיאָמאַטישן יידיש איז צוגעקומען, מחמת זייערע פּרנסות — דער טאַטע אַ דאָרפסגייער, דער זיידע אַ דאָרפסשענקער — דאָס פּויערישע אוקראַיִניש (דער אַזוי גערופענער לעמקער דיאַלעקט); די ערשנדיקע אָרגאַנען האָבן געשטאַרקט די שפּראַך פון דער ווייטער צענטראַלמאַכט אין ווין, און איר קולטור־יסוד, דייטשיש, און די שפּראַך פון דער נאָענטער רעגיאָנאַל־מאַכט, אין לעמבעריק, און איר קולטור־יסוד, פּויליש. אַזוי דערקלערט זיך דער דערהאַלט פון דער פירפאַכיקער שפּראַך־השפּעה אויך אויפן דור וואָס איז אויסגע־

וואַקסן אין דער פּוילישער אויבערהערשאַפֿט, און לגבי קלמן סעגאַל, (ביי וועמען עס איז שפּעטער צוגעקומען אויך רוסיש), האָבן מיר, וואָס שייך זיין שאַפֿערישקייט, צו טאָן מיט אַן אויפֿטייל אויף צוויי שפּראַך־פֿאַרלעך — דייטשיש און אוקראַיִניש ווי מער פּאַסיווע גורמים, פּויליש און ייִדיש ווי מער אַקטיווע גורמים, און ער איז טאַקע געוואָרן אַ צוויי־שפּראַכיקער, ייִדישער און פּוילישער שרייבער. אַוודאי לאָזט זיך פֿרעגן, בעיקר אויפֿן פֿאָן פֿון אַן אַנדערער צוויי־שפּראַכיקייט, ווי מיר האָבן דאָ באַגעגנט, העברעיִש און ייִדיש, אויפֿן אויספֿעל פֿון העברעיִש. כּדאי אַגבֿ צו דער־מאָנען אַז די אויסגערעכנטע יונגע שרייבערס אָדער שרייבער־קאַנדידאַטן אין סאָניק שעפּן נישט אויס איר גאַנצע טיפּאָלאָגיע, בעיקר נישט דעם ראַדיקאַלן עלעמענט, וואָס האָט זיך אידענטיפֿיצירט מיטן קאָמוניזם. געוויס אַ קליינע אילוסטראַציע: צוויי ברידער אין איין משפּחה כּץ — איין ברו־דער וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן בנשלום און איז געווען אַן איבערגע־געבענער ציוניסט, ווי מיר האָבן דערמאָנט, און דער אַנדערער ברודער, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן סוכּי, און איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענער קאָמוניסט און געווען דער פֿאַרטרעטער פֿון דער פֿאָלקס־פּוילישער רעגי־רונג אין דער אונ״אַ.

ג

דוכט זיך אַז צום אויסגערעכנטן רייסטער פֿון סאָניקער קינדער איז כּדאי צו באַשטימען דעם עלטער־גראַד פֿון קלמן סעגאַל. ער איז געווען ייִנגער פֿון שמעון תּודר מיט פֿערצן יאָר (1903), פֿון שלמה נאָבל מיט אַ גאַנצן טוץ יאָרן (1905), פֿון פֿיפֿע, בנציון כּץ און אוכמני מיט אַ מנין יאָרן (1907), פֿון רבֿקה גורפֿיין מיט ניין יאָר (1908), פֿון שלום קרעמער מיט פֿינף יאָר (1912); משמע אַז ער איז אין דעם רייסטער סיי דער ייִנגסטער, סיי דער שפּעטסטער. אָבער כאָטש (און אפֿשר גאָר ווייל) זיין לעבנס־מאַרשרוט נעמט אַרום כּלערליי שטחים און גורלות און ער איז יאָרן געווען אַ נע־ונד, סיי נענטער — דאָס נישט וויטע קראָקע, סיי ווייטער אין רוסלאַנד — גלות קאַלימאַ און ווידער אַ מאָל אין דער היימשטאָט, וואָס אירע ייִדן זענען, ווי אין אַלע קהילות, אויסגעהרגעט געוואָרן, און ווידער געוואָגלט אין פּוילן און גענומען שרייבן, שעפּט זיין פֿאַרשיידנ־אַרטיקע טעמאַטיק פֿון אַ שלל איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס. זיין נאַראַטיווע שפּע האָט אויסגעציייטיקט צענדליקער ביכער, ווייניקער —

יידיש, מער — פויליש, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע לייענערשאַפט פון פשוטן ביז צום אינטעליגענטערן עולם (אַ סימן די פאַרשיידענע פאַרלאַגן און האָט צו מאָל בפירוש און אָפן, לרוב בסתר און פאַרבאַהאַלטן, איין שורש יניקה — זיין אויטאָביאָגראַפישע גרונטבאַזע, זיין שטאָט און איר סביבה. ווען איך וואָלט באַדאַרפט באַנוצן אַ פאַרגלייך, וואָלט איך אָנגעוויזן אויף יוסף (משה) ראָט, וואָס איז אין דייטשיש, געווען אַ רייך־טעמאַטיקער שרייבער, אָבער זיינע ביאָגראַפן און פאַרשערס האָבן געפונען, אַז תּמיד באַשרייבט ער גרונטיק זיין אייגענע יידישע געבוירן־שטאָט בראָד. דער חילוק באַשטייט דאַרינען, וואָס ראָט האָט געלייקנט אַז זי איז זיין געבוירן־שטאָט, און זי פאַרביטן מיט אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, וואָס סעגאַלן וואָלט נישט איינגעפאַלן צו טאָן. און דער פאַרהאָפטער מאָנאָגראַפיסט זיינער וועט זיך דערויף מוזן אָפּשטעלן. ער וועט אויך ברייטער אויספירן וואָס עס לאָזט זיך שוין איצט קאָנסטאַטירן, אַז סעגאַל האָט לאַנג אויסגעטראָגן זיין עצם שרייבער־טאַלאַנט. האָט ער זיך דאָך שפּעט דעם לייענער באַוויזן, און דאָס אין דער שארית הפליטה־פּרעסע, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי זיינע אַכט־און־צוואַנציק יאָר (1945) און ערשט זיבן יאָר שפּעטער איז אַרויס זיין ערשט ביכל לידער (1952) און אַ יאָר שפּעטער זיין צווייט ביכל „לידער צו דער נייער היים" (1953) און נאָך שפּעטער האָט גענומען פלייצן זיין פּראָזע, וואָס איז זיין עיקר.

ד

וואָס עס לאָזט זיך נישט אָן אַ דעטאַלירטער פאָרשונג טאָן, איז דער ענין צוויי־שפּראַכיקייט — קלאָרער געזאָגט: זיין יידיש־פּוילישע צוויי־שפּראַכיקייט — וואָס קאָנקורירט זיך אין דער פּראָזע זיינער. נישט אַז דאָס איז אין דער גאַליצישער ליטעראַטור אַ חידוש. נאָך מיט אַ דור צוריק איז זי געגאַנגען אויף דער ליניע פון דער נאַטירלעכסטער און היימישסטער טאָפּלקייט: אַ קלאַסישער משל איז סיי דער העברעישער סיי דער יידישער געניאַלער ווירטואָז אורי צבי גרינבערג. געגנג פּרי האָט זיך דאָרט אויס־געפיקט אָן אַנדערע שפּראַך־טאָפּלקייט: יידיש און פּויליש. און מען קאָן אַפילו ברענגען אַ קוריאָזע דוגמה: דער אין פּאָדאָליע געבוירענער און אין גאַליציע איבערגעוואַנדערטער מלך כמעלניצקי האָט אַמערשט גענומען שרייבן פּויליש און שפּעטער אַריבער צו יידיש און ווי ווייט זיין לירישע השפּעה האָט געגרייכט לאָזט זיך אָפּלערנען דערפון וואָס חנא זכריה

בערגנער האָט זיך אַ נאָמען געגעבן מלך ראַוויטש — מלך אויפֿן נאָמען פֿון דערמאָנטן דיכטער, ראַוויטש אויפֿן נאָמען פֿון אַ פֿאַרשוין אין למד שאַפּיראָס אַ נאָוועלע. אָבער כמעלניצקיס צוויי־שפּראַכיקייט האָט זיך אויפֿ־געטיילט: ייִדיש — זיין אייגענע פּאָעזיע, פּויליש — זיינע איבערזעצן פֿון אַנדערע ייִדיש־דיכטערס. שפּעטער, אַז ער איז אַוועק קיין ווין און דערנאָך קיין אַמעריקע, האָט זיך פּויליש אויסגעוועפּט און ער איז, ווי אַ דיכטער, געוועזן כּולו ייִדיש. וויניקער קוריאָז איז שמואל יעקב אימבער, וואָס האָט זיך תּחילת געוואַקלט צווישן ייִדישע און פּוילישע דיכטערס, אָבער שפּעטער זיך אויפֿגעטיילט: דער דיכטער און קריטיקער — ייִדיש, דער פּאָלעמיקער — פּויליש (אַפֿילו זיין פּויליש בוך וועגן דער פּאָעזיע פֿון אָסקאַר ווײַלד, וואָס האָט אים איינגעטראָגן דעם דאָקטאָר־טיטל, איז אַ פּאָלעמיק מיט דער אָנגענומענער קריטיק, לא כּל שכּן זיינע פּוילישע ביכער קעגן שׂנאת־ישׂראל און שׂונאי־ישׂראל). יאָ, געווען אויך אַ פּלימער פֿון אַן אַנדערן מין שידוך — ייִדיש און דייטשיש. אָבער, אויב מיר האָבן געזען שלמה דעמביצערס ייִדיש־פּאָעזיע און דייטשיש־פּראָזע, זענען די פּאָר דייטשישע לידער פֿון משה לייב האַלפּערן אַ מין מיטאָס, פּונקט ווי די פּאָר אוקראַיִנישע לידער פֿון דוד קעניגסבערג זענען, ווייזט אויס, אַ באָבע־מעשׂה.

דער עיקר שפּראַכלעכער שידוך, וואָס האָט געלאָקערט ,איז געווען פּויליש, וואָס ייִדיש האָט פֿאַרקאָנקורירט. אַזוי, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, מאָוריצי שימעל, וועלכן ס'האָט פֿאַרקאָנקורירט דער ייִדישער משה שימעל און די פּוילישע דעבאָראַ פֿאָגעל, וועלכע עס האָט פֿאַרקאָנקורירט די ייִדישע דבורה פֿאָגעל.

ה

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און אונדזער אומקום דאָרט און אונדזער אויפֿקום דאָ, האָט זיך פֿאַרן ייִדישן שרייבער, פֿאַר יציאת־פּוילן — פֿאַרן שרייבער ייִד מה־דאָך פֿאַרן ייִדיש־שרייבער — געשטעלט די דילעמע: מיטגיין מיט דער שארית־הפּליטה אָדער בלייבן. דער רוב איז, כּידוע, מיטגעגאַנגען. אַ מיעוט איז געבליבן און צווישן דעם מיעוט איז בולט אַזאַ צוויי־שפּראַכיקער שרייבער ווי קלמן סעגאַל. דער וואָרצל־פֿאַר־בונד מיט ייִדיש וואָלט אים באַדאַרפֿט לאָזן פֿרי אויף דער כוואַליע פֿון רוב שארית־הפּליטה, אָבער דער נישט מינדער שטאַרקער צווייג־פֿאַרבונד מיט פּויליש האָט אים צוריקגעהאַלטן, בפֿרט אַז ער האָט זיך אָפּגעגעבן,

ווי אַנדערע ייִדיש־שרייבערס דאָרט, אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, האָבן עס געטאָן, דער אילוזיע פון אַ נייער היים, ווי ס׳הייסט דאָס ביכל לידער זיינס. דער גלויבן אין דער נייער היים, וואָס ראַנגלט זיך צו האַלטן, כאָטש „מע ווייסט, ס׳איז די היים אַ צעשטערטע / און ס׳וואַרט אפשר ווידער די שׂנאה / און ס׳וואַרט דאָרט דער טרויער אויף ערטער / ווו ס׳אייגענע בלוט איז געראָנען". אָבער ער האָט נישט געטאָן וואָס עס האָבן געטאָן אַנדערע, און נישט פאַרביטן זיין נאָמען און געבליבן אי קלמן אי סג״ל (סגן לוויה) און געזען זיך ווי דער פאַרבליבענער, אָדער ווי ער זאָגט: „דער נאָכט־לאָמפּ פון אַלקער איז לאַנג שוין פאַרלאָשן / דער פייַנט האָט די היימען מיט טאַנקן צעדראָשן / אַפילו די קברים אויף פעלדער צעגראָבן / דער ווינט האָט די אַשן צעזייט און צעטראָגן / פון ייִדן פון טרעפּטשע, פון סראַגעווער ייִדן / בין איך דער איינציקער איבערגעבליבן".

ו

אַז די אַלטע היים, די עלטסטע היים, איז די נייע היים, די נייסטע היים — האָט ער, ווי אַנדערע, קלאָר דערזען ערשט מיט יאָרן, ווען דער סוקצעסיווער גירוש־פּוילן האָט דערגרייכט זיין ענדסטאַציע. ווען איך האָב זיך מיט אים, צומערשטן, באַגעגנט אין ירושלים, האָט ער געדענקט דעם גרוס, וועלכן איך האָב אים איבערגעגעבן דורך לייב אַליצקי, אַז פאַר אַ ייִדן איז בלויז דאָ איין אַלט־נייע היים — ירושלים. וועגן וועלכער ער האָט געשריבן אין איינעם פון זיינע לעצטע ווידויים, און אפשר טאָקע לעצטן ווידוי: „און שפּעטער נאָך שרעקלעך לאַנגע יאָרצענדליקער בין איך געקו־מען קיין ירושלים — מיט האַרצקלאַפּעניש בין איך אַהער געפאָרן... שיין ביסטו ירושלים, און געבענטשט זאָלן זיין דיינע טעכטער און זין. שיין איז דאָס לאַנד וואָס האָט דיך פאַר אַ הויפּטשטאָט" („פאָלק און ציון", אייר־סיון תש״ם).

דער וועג פון דעם טיף־טרויעריקן שרייבער קיין ירושלים און אין ירושלים איז אַ פּרשה פאַר זיך, וואָס געהערט אויך צו דער פּרשה פון טרויער און נחמה, וואָס דער גורל האָט באַשטימט אונדזער דור. און צו קלמן סעגאַלס כאַראַקטעריסטיק און זיין גאַנג אויף דעם וועג, זאָל מיר דערלויבט זיין צו פאַרייִדישן אַ ליד, וואָס עס האָט אים געהייליקט שמואל הופערט, וועלכער האָט מיט אים מיטגעאַרבעט אין „קול ישׂראל". דאָס ליד הייסט „כארכיבר" (ווי אַן אַרכיוואַר, לויטן נאָמען פון סעגאַלס באַקאַנטן

ראָמאַן „דער סוף פון אַרכיוואַר" וואָס איז אַרויס אין העברעיִש). אין דעם ליד („ידיעות אחרונות" ט"ו סיון תש"ם) הייסט עס:

ווי אַן אַרכיוואַר וואָס פאַרצייכנט
מיט ווייטיקדיקן האַרצן
נעמען פון מענטשן און ערטער
דאַטעס פון געבוירן און חתונות, אָפשייד און טויט
פאַרביַיט פון פּאָנעמער, רעגירונגען און מלחמות
געפּענקענישן, באַפרייַונג, אומקער קיין פּוילן
דעם שטיפמוטערשן, און אַ באַקענטעניש
אַ שפּעטס צו אַ פאַרלאָזטער פריַינדין
ירושלים

האָר פאַרגראָטע, צווישן געפּענקעניש
און געעפנטן טויער,

אויגן רויִקע
וואָס פאַרבאַהאַלטן שרעק
גרוילקייט און לעבנס־ווילן —
אַ פייַערפונק, וואָס מען דאַרף אָפּהיטן
פאַרן ווינט, וואָס ווייעט און פאַרלעשט.

ווי אַן אַרכיוואַר וואָס האַקט אויס פון זיין זכרון
ווערטער ווי מצבות
ביסטו, קלמן סעגאַל.
איך געדענק נאָך דייַנע אויפגעיאָזשעטע ברעמען
און דייַן פעסטן, ווייטוענדיקן האַנטדרוק
וואָס האָט פאַרהאַלטן דאָס בלוט
אין אָדער פון מייַן דלאָניע
אין דייַן דלאָניע.

(תשמ"א)

קינדער זינגזאַנג

מיט בינה שטיינבערגס שול־לידער־געזעמל

א

מרת בינה (בינע) שטיינבערג, וואָס האָט אַ טיפֿערן אינטערעס, סיי להלכה סיי למעשה, אין ייִדיש, איר ליטעראַטור, זשורנאַליסטיק, דערציִונג, האָט פֿאַר אונדז געבראַכט אַ בוך, וואָס אַנטהאַלט אַ לייסטער לידער, וועלכע תּלמידים האָבן געזונגען אין שול. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ כּללדיקע דעפֿיניציע. אָבער זי איז צו אויבנאויפֿיק, מחמת זי ווייזט נישט אָן אויף די ספּעציפֿישע, און אַפֿילו זעלטענע מאָמענטן, פֿון דעם געזעמל, בשעת עס איז אַ חוב די דאָזיקע באַזונדערקייטן אַרויסצוהייבן. לאמור, אַזוי־צו־זאָגן: דאָס בוך ברענגט אַ לייסטער ייִדיש־לידער, וואָס עס האָבן געזונגען ייִדיש־תּלמידים אין אַ ייִדיש־שול, מיט אַ דור, צוויי דורות, צוריק, קנאַפּ פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין אַ כּרך גדול, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסע ייִדישע קהילה, אין פּוילן.

ב

דער נייטיקער פּירוש צו דער דאָזיקער לענגערער, אָבער קלאָרער דעפֿיניציע דאַרף זיך אָנהייבן מיט זיין לעצטן וואָרט: פּוילן, אין דער אָנגעגעבענער אָרטלעכער און צייטלעכער רעם — משמע, נאָכן צעפֿאַל פֿון ראָמאַנאָווישן רוסלאַנד, האַבסבורגישן עסטרייך און האָהענצאָלערישן דייטשלאַנד, ווען די צוריק אויפֿגעשטאַנענע פּוילישע רעפּובליק, האָט זיך באַפֿעסטיקט, קודם־כּל אויף די שטחים, וואָס האָבן פֿריִער באַלאַנגט צו די דאָזיקע דריַי מלוכות, און ווו דער רוב גרונט־באַפֿעלקערונג זענען געווען פּאָליאַקן, און האָט זיך שפּעטער אויסגעברייטערט אין די אַזוי־גערופֿענע קרעסן, ווו דער רוב גרונטיקע באַפֿעלקערונג זענען געווען אוקראַיִנער (רוטענער), ביעלאָרוסן, ליטווינער, טיילן פֿון פֿעלקער, וואָס דער רוב באַפֿעלקערונגען זייערע האָבן פֿאַרמאָגט זייערע אייגענע רעפּובליקעס. און

אַט אויף ביידע מיני שטחים, וואָס האָבן, לרצונם אָדער לכּורחם, געהערט צו דער פּוילישער רעפּובליק, האָבן, זייט דורי־דורות, געלעבט און געבליבן לעבן מיליאָנען ייִדן (חוץ דעם שטח פון דער פריִערדיקער דייטשישער אַנעקסיע, פּויזן און זיין אַרום, ווו דער רוב דאָרט פריִער ווױנענדיקע ייִדן איז אַוועק אין ווײמאַרער דייטשלאַנד), און ראַנגלענדיק זיך, אין דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער ווערקלעכקייט פון דער נייער, אָדער באַנײַטער מדינה, האָבן זיי אָנגעפירט אַ מלחמה פאַר זייער אייגענעם רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן, מאַטעריאַלן, קולטוראַלן קיום; אַ מלחמה, וואָס איז געווען סיי המשך סיי חידוש, און איז, מיט אירע וועגן, אומוועגן און אָפּוועגן, געווען געווענדט סיי כּלפּי חוץ — דעם רעזשים, זיינע שיטות, אינטערעסן, כּוונות, סיי כּלפּי פּנים — די אייגענע באַוועגונגען, פּאַרטייען, ריכטונגען, וואָס, מיטן גאַנצן באַוווּסטזיין פון זייער היסטאָרישער און פּאַקטישער שייכות צום ייִדישן פאָלק, זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און נישט בלויז אין די דיפערענציאַלן, נאָר אויך אין אינטעגראַל, און דאָס ווייניקער אין היסטאָרישן רעטראָספּעקטיוו פון די ווייטע נעכטיקע טעג, אָבער זיכער אין היסטאָרישן פּערספּעקטיוו פון נאָענטן מאָרגנדיקן טאָג; און אַ מינימאַלער דורכקוק פון די חילוקים צווישן ציוניסטן, אגודיסטן, בונדיסטן, פאָלקיסטן, וואָס האָבן זיך נישט בלויז געמינערט און געמילדערט, נאָר געמערט און פאַרשאַרפט, ווייזט אונדז, ווי אַרום און ווי־ווייט, עס האָבן זיך אויפגעשטאַפּלט מיני האַרבע, אומאיבערבריקלעכע מחלוקתן.

ג

און אויב זיך באַשרענקען בלויז אויפן תּחום פון חינוך, איז ער דאָך געשטאַנען אין סאַמע ברען פון אַ מחלוקה, דער שפּראַכן־קאַמף, העברעיִש און ייִדיש, און אויף וויפל עס האָט עקזיסטירט אַן אייגענער חינוך אין דער פאָרעם פון אַן אייגענער שול, אין אירע גרונט־טיפּן — פאָלק־שול, מיטל־שול, סעמינאַר — איז ער געגאַנגען אויפן וועג פון אַ צומייסט פּאָלעמישן, פּיַנטלעכן, עקסטרעמען אויפטייל און פונאַנדערטייל פון די שפּראַכן, און איך האָב שוין ביי אַ מסיבה פון ייִדיש־טוערס אין הויז פון נשׂיא המדינה אין ירושלים דערציילט וועגן אַ באַגעגעניש מיטן פּוילישן ביל־דונגס־מיניסטער, גראַבסקי, ביי וועלכער איך בין אויך געווען, און דער מיניסטער, אַ שונא־ישׂראל דורך־און־דורך, האָט געפּרוּווט אויסשפּילן דעם שפּראַכן־קאַמף לטובת עצמו, און כאָטש זיין מי איז געווען אומזיסט, ווייל

קיינער פון אונדז איז אויף זיין פּראָוואָקאַציע נישט איינגעגאַנגען, לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז דער שפּראַכן־קאַמף, וואָס האָט געפירט צו אַן עקסטרעמען אויפטייל פון דער אייגענער שול, האָט אויך פאַרהאַלפן צו דער איבערהאַנט פון דער פּוילישער שפּראַך, נישט בלויז לגבי רוב ייִדישע קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער כּלל־פּוילישער שול, דער פּאָוושעכנע, און האָבן אַראָפּגעגנידערט די צאָל פון די שילער אין דער אייגענער שול, נאָר האָבן אויך בעקיפין פאַרהאָלפן דעם היפש מכּלומרשטן אַנטידאָטום, ווי עס האָט, אַ שטייגער, רעפּרעזענטירט די פּוילישע ייִדן־גימנאַזיע אין לעמבעריק און נישט ווייניקער די צוויי־שפּראַכיקע, העברעיִש־פּוילישע, אַזוי־גערופענע ביפורקאַציע־גימנאַזיע, נוסח הרב מרדכי זאב ברוידא אין לאָדזש.

און נאָך עפּעס, וואָס איז געווען אַ גאָר־וואָגיקער גורם — דער אויס־שפּרייט און פאַרנעם פון די אייגענע שולן, סיי העברעיִש סיי ייִדיש, איז געווען געדיכטער און קאָמפּאַקטער אין די קרעסן, און שיטערער און לויזער, און צומאָל בטל ומבוטל, אין איבעריקן, גרונטיקן פּוילן. דער דאָזיקער גורם האָט געהאַט, חוץ די אייגענע סיבות, נאָך אַ כּלל־סיבה און דאָס איז אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן כּמעט אויף דער גאַנצער ליניע פון די שטחים, וואָס האָבן פריִער געהערט צום צאַרישן רוסלאַנד: אויף דעם שטח, וואָס האָט זיך געצויגן פון צפון ביזן דרום, איז פירגעקומען אַ קולטורישער, בעיקר שפּראַכלעכער, אויסבײַט און פאַרבײַט: שוין נישט רוסיש, אָבער נאָך נישט לאַטוויש; שוין נישט רוסיש, אָבער נאָך נישט ליטוויש; שוין נישט רוסיש, אָבער נאָך נישט פּויליש; שוין נישט רוסיש, אָבער נאָך נישט רומעניש, און דער מצב פון שוין־נישט־און־נאָך־נישט איז חל געווען אויך באַזונדערס לגבי די דאָרטיקע ייִדן, און אין דעם שפּראַכלעכן אינטעררעגנום האָבן זיך געשטאַרקט אונדזערע אייגענע שפּראַכן, ייִדיש און העברעיִש, און אַ יעדע האָט, לויט איר כּוח און השפּעה, געמאַכט שבת פאַר זיך, און אויך מחמת דעם האָבן אונדזערע אייגענע שולן אין יענע שטחים פּראָספּערירט אין די צו פּוילן באַלאַנגנדיקע ישובים — ווילנע און אַרום, טיילן פון ביעלאָרוסיע, פּאָלעסיע, וואָלין וכדומה.

טיפער אַריינגעקוקט, האָבן מיר פאַר זיך די עקסטע פּעדעם פון אַ טראַגישן, צומאָל טראַגי־קאָמישן פּלאָנטער — דער ענין חינוך, בעיקר אין דער פאָרעם פון זיין הויפּט־אָרגאַן, דער שול, האָט געהערט צו די גרונט־פאָדערונגען פון ייִדן־מיעוט, סיי לויטן עלטערן נוסח פון דער העלסינג־פאָרסער קאָנפערענציע, סיי לויט שפּעטערע, גענוג צעאָמפּערטע נוסחאות, און דער צד השווה האָט געשטעקט אין דער פאָדערונג פון אַ קולטור־פאַרשווינדלעכער אויטאָנאָמיע, וואָס האָט זיך, און אויך דאָס קורץ, געהאַלטן

אין לאַטוויע, ליטע און אין דער פּאַרסאָוויעטישער אוקראַיִנע, און האָט זיך ניט דורכגעזעצט אין פּוילן, נישט מכּוח יצחק גרינבוימס חלום פון אַ געאייניקטן מיעוטים־פראָנט און נישט מכּוח לעאָן רײַכ׳ס אילוזיע פון אַ הסכּם מיט דער מאַכט („אוגאָדאַ״), און מיטן אויספּעל פון אַן אויטאָנאָמיע האָבן זיך איינגעשרומפּן די מעגלעכקייטן פון אַן אייגענעם חינוך, און אויף וויפל אַזאַ חינוך איז אַנטשטאַנען און האָט זיך אַנטוויקלט אין דעם שווערן מצב זײַנעם, האָבן אים נאָך דערשווערט די אינעווייניקסטע קעגנזאַצן, און בעיקר דער שפּראַכן־אויפטײל, לויט די פּאַרטייען און אירע קעגנערישע פּראָגראַמען און אָרגאַניזאַציעס — העברעיִש־נוסח פון „תּרבות״, ייִדיש־נוסח פון „ציש״אָ״. אמת, אויף דער מאַפּע פון די אייגענע שולן זענען געווען פּונקטן, ווו עס האָט זיך געפּאָדערט אַ גרעסערע אָדער קלענערע פּשרה — אַזוי, אַ שטייגער, אין דער וועלטלעכער, גרונטיק ייִדישיסטישער שול, וואָס האָט אָבער נישט פאַרלייקנט העברעיִש, און די כּוונה איז נישט צום רוב שולן, ווו עס האָט משפּיע געווען דער „בונד״, נאָר צום מיעוט שולן, ווו עס האָבן משפּיע געווען ביידע פלאַנקען פון „פּועלי ציון״, אָדער אין דער רעליגיעזער, גרונטיק לשון־קודישער אָבער פּאַקטיש ייִדישער, מיידל־שול „בית יעקב״, ווו עס האָט משפּיע געווען די אגודת־ישׂראל. אָבער בדרך כּלל זענען די אייגענע שולן געווען שפּראַכלעך געשפּאָלטן, און אַז ס׳וועט אַרויס אַ כּלל־געשיכטע פון אונדזער אייגן שול־וועזן אין פּוילן, וועט מען זען, ווי ווייט דער תּהום האָט געגרייכט. לעת־עתּה לאָזט זיך דאָס מערקן אַפילו אין די יזכּור־ביכער פון ביידע סאָרטן לערערס — זע, אַ שטייגער, דאָס בוך פון ח. ש. קאַזשאַדאַן: לערער יזכּור־בוך פון די אומגעקומענע לערער פון ציש״אָ־שולן אין פּוילן (1945) און דאָס בוך אודים, רעדאַקטירט פון אלחנן אינדעלמאַן, בעיקר דעם צווייטן באַנד, ווו פאַראַן פּאָזיציעס וועגן די לערערס (1960).

ד

אָבער דאַכט זיך, אַז כּדי אַרויסצוהייבן די גרונטיקע אונטערשיידן צווישן די טיפּן פון די אייגענע שולן, איידער עס איז נאָך אָנגעשריבן געוואָרן זייער כּלל־געשיכטע, איז כּדאַי זיך צו באַגרענעצן אויף אַ בולטן משל — אויף אַ טייל, פּונעם לערן־פּראָגראַם, אויפן ענין זינגען, ווי עס פּרוּווט עס טאָן אין דעם איצטיקן בוך בינה שטיינבערג, ענטפערנדיק אויף דער קשיא: וואָס האָט מען אין דער ייִדישער שול געזונגען —

און דער ענטפער באַשטייט אין די עצם לידער, זייער טעקסט, זייערע מעלאָדיעס, זייערע נוסחאות, און לויטן צוזאַמענשטעל, לערנען מיר דעם פּירוש, וואָס האָט די שול, לויט איר מהות, אידעאָלאָגיע, פּראָגראַם, געוואָלט איינפלאַנצן אין דער מענטאַליטעט, און אין דעם געמיט פון קינד, מיטן כּוח פון ייִדיש־ליד, זיין תּוכן און מיטאָס. דער קראַנץ לידער, וואָס מיר האָבן דאָ, שפּיגלט אָפּ אַ ייִדיש־שול, וואָס די זאַמלערין קען פון דער שול, ווו זי גופא האָט זיך דערצויגן, און אַ פּרטימדיקער אַנאַליז פון די לידער וואָלט אונדז פאַרהאַלפן צו אַ פול פאַרשטענדעניש. אָבער, דאַכט זיך, אַז אַ דורכקוק, וואָס באַנוגנט זיך מיטן אָנווייז פון די טיפּאָלאָגישע דוגמות, איז אויך מסוגל צו געבן אַ ברייטערן, כאָטש כּללדיקן, אַריינקוק אין דער מאַטעריע.

אין דעם טיפּאָלאָגישן פּרווו, וואָס מיר נעמען זיך איצט אונטער, ווייזט זיך אונדז בייטיק אונטערצושטרייכן, אַז לרוב, כּמעט אַנטשיידנדיק, האָבן מיר צו טאָן נישט מיט לידער פון קינדער, נאָר מיט לידער פאַר קינדער, פּונקט ווי מיר האָבן לרוב, און כאָטש אפשר נישט אַנטשיידנדיק, צו טאָן נישט מיט פאָלק־לידער, נאָר מיט קונסט־לידער, וועלכע זענען, מסוגל צו ווערן, אָדער טאַקע געוואָרן, פאָלק־לידער. ווי אַ בולט משל לאָזט זיך ברענגען דאָס ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שלאָף מיין קינד, מיין טרייסט מיין שיינער", און האָט אַ מחבר — שלום עליכם, איז אָבער באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַנאָנים פאָלק־ליד. אַ סימן האָבן מיר, אַז אין ערשטן געזעמל פון ייִדישן פאָלק־ליד, וואָס גינזבורג־מאַרעק האָבן געזאַמלט און אַרויסגעגעבן (1900), איז עס אַריין אַנאָנים (ז' 73, נומ. 82), ווי עס האָבן זיי אַריינגעשיקט פינעף אינפאָרמאַנטן פון פאַרשיידענע גובערניעס (ווילנע, קאָוונע, וויטעבסק, מינסק, פּאָלטאַווע) וואָס האָבן, ווי די רעדאַק־טערס, נישט דערשנאַפּט, אַז עס האָט אַ לעבעדיקן באַרימטן טאַטן. אַוודאי האָט מען זיך געכאַפּט דערויף — זע י. ל. כּהן: שטודיעס וועגן ייִדישער פאָלקסשאַפונג (1952 ז' 152), וואָס האַלט, אַז דאָס ליד איז, מחמת אַ פאַר־זען, אַריין אין געזעמל, ווייל די רעדאַקטערס האָבן נישט אַזוי מקפּיד געווען, און האָבן געוואָלט האָבן אַ וואָס גרעסער געזעמל, וואָס האָט באַ־צוועקט אַן אַפּאָלאָגעטישע כּוונה. דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז איך וואָלט דעם טעות אַנדערש אויסגעטייטשט: די רעדאַקטערס, האָבן אַ פּנים נישט געוווסט, אַז דאָס ליד האָט אַ מחבר, פּונקט ווי די פינעף אינפאָר־מאַנטן האָבן עס נישט געוווסט, אָדער נישט געדענקט, אָבער אַלע האָבן אין דעם ליד טועם געווען זיין היימישן, פאָלקישן טאָן און כאַראַקטער, פּונקט ווי עס האָבן און זענען עס טועם פיר דורות, וואָס זינגען עס ביז היינט, און עס איז אפשר נישט קיין צופאַל, אַז ווען אַ פּירלינג (יהויכין

סטוטשעווסקי, יצחק עדעל, שמשון מעלצער און איך), האָבן אַרויסגעגעבן דאָס בוך „זמר עם" (1945), ווו עס זענען אַריין אַכציק פאַרהעברעיִשטע ייִדיש־פאָלק־לידער, איז אויך אַריין דאָס דאָזיקע ליד פון שלום עליכם, אין מיין איבערזעץ (ז' 34). אַז דאָס איז נישט קיין פאָלק־ליד, ווייזט שוין די קאָנסטרוקציע, וואָס איז אפשר נאָך בולטער נאָך מיין העברעיִשן נוסח — דער גראַם גייט: א־ב־א־ב, און נישט, ווי עס פאָדערט זיך אין פאָלק־ליד: א־ב־ג־ב.

ה

ווי ווייט מען קען זיך טועה זיין, באַווייזט, דוכט זיך, אַן אַנדער ליד, וואָס איז פאַראַן אין איצטיקן בוך, און וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אַז דער רבי אלימלך", און האָט אַ טאַטן — משה נאַדיר (יצחק רייז). אַזוי־ווי דער העברעיִשער דיכטער יעקב כהן האָט אָנגענומען, אַז עס איז אַן אַנאָנים פאָלק־ליד, האָט ער עס פאַרהעברעיִשט, און פובליקירט, אַ זאַך וואָס ער וואָלט לויט זיין צוגאַנג, מסתמא נישט געטאָן, ווען ער וואָלט געוווסט, אַז דאָס ליד האָט אַ מחבר, דערצו אַ מיליטאַנטן ייִדישיסט. דאָס ליד האָט אַ המשך און וואַריאַנטן, וואָס מען זינגט, געוויינטלעך, וויניקער אָדער גאָרנישט, אָבער דאָס ליד האָט זיך איינגעקויפט אַ פאָלקישע באַליבט־קייט, סיי מכּוח דעם צוגעטראַכטן איינפאַל, וואָס האָט דעם גראַם פון אַ פּאָפּולאַר פאָלק־ליד („אָבינו מלך — דאָס האַרץ איז מיר פריילעך") אָנגעג־האָנגען אַ באַקאַנטן און באַליבטן רבין („און אַז דער רבי אלימלך — איז געוואָרן פריילעך") — אין נאַדירס שטעטל, נאַראַיעוו, האָט מען טאַקע געזאָגט: דער נועם אלימלך, אָבער געהייסן האָט ער: דער רבי רב מיילעך — און די פריילעכקייט גראַדירט (פריילעך, נאָך מער פריילעך, גאָר פריי־לעך) און לויט דער גראַדאַציע ווערן אויך אויפגעשרויפט די שפּיל־כּלים אין אַ ראַפינירטקייט, וואָס איז טיפּיש פאַרן נאַדירשן ליצנות (פידלדיקע פידלען, פּײַקלדיקע פּײַקלעך וכו'). כּללו של דבר, גרונטיק ווייט פון פאָלק־ליד איז עס דער פּזמון פאַרט געוואָרן, און וואָס שייך דעם לענגערן נוסח ווערט עס, אַנאָנים געבראַכט אין גרעזעמל: צוויי הונדערט לידער (אַרבעטער רינג, שיקאַגאָ, 1929, זז' 94־96) — דאָרט שיקט דער רבי אלימלך נאָך דעם קאָמוניסט באַנטש און נאָכן אַרבעטער־רינג־כאָר און נאָך זיין דיריגענט־כאָר פּאָול העלד — אַזאַ צוגאָב, וואָלט טאַקע געהאַט אַ היינישן איבערדריי, ווי עס פּאַסט זיך פאַר נאַדירן, וואָלט אָבער אַוועקגעהרגעט די עצם־מעג־

לעכקייט דאָס ליד צו מאַכן אַ קוואַזי־פֿאָלק־ליד, לא כּל שכּן אַ שול־ און קינדער־ליד.

ו

אָבער בדרך כּלל ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס בוך פֿון שול־לידער, ווי עס רעפּרעזענטירט זיך דאָ אונדזער געזעמל, טענדירט זיך צו קאָנצענטרירן אַרום פֿאָלקיש אָטעמדיקן קונסט־ליד פֿון סעקולאַרע דיכטער אין די לעצטע דורות — ווי, אַ שטייגער, פֿון מאָריס ראָזנפֿעלד און שמעון פֿרוג, יהואש און אַברהם רייזען, ביז לייב ניידוס און אַהרן ציטלין, משה בראָדערזאָן און איציק מאַנגער וכיוצא בהם. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז עס פֿעלן דאָ נישט העברעיִשע דיכטער, וואָס האָבן אויך געשריבן ייִדיש, און אַן איבערהיפּער איבער זיי וואָלט געווען אַ מסופּקדיקע חכמה — דען גיי היפּער איבער אַזאַ שעדעווער, ווי ח. נ. ביאַליק׳ס „אונטער די גרינינקע ביימעלעך״ מיט זיינע פּאָענטן — די בלויז אין ייִדיש פֿאַראַנענע חנוודיקע דימינוטיוון, אָדער גיי היפּער איבער דאָס ליד פֿון יעקב פֿיכמאַן: „מיר אָבער זענען נאָך קינדערלעך געווען״, און לייד נישט קיין היזק. נאָך עפּעס: די קאָנטשאַפּט מיט די קאַרפּנקעפּ פֿון דער מאָדערנער ייִדיש־דיכטונג דורכן מעדיום פֿון געזונגענעם ליד, איז אויך אַ קאָנטשאַפּט מיט די ייִדישע מוזיקער, וואָס זענען אַליין פֿון די לידער נתפּעל געוואָרן, און זיי משדך געווען מיט מעלאָדיעס, וואָס זענען לרוב אַ זיווג מן השמים, אויב נישט אַ צווילינג, גלייך איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט.

אַוודאי נישט תּמיד לאָזט זיך דאָס זאָגן וועגן די אַנאָנימע לידער, בפֿרט די וואָס האָבן אַ פּעדאַגאָגיש־פּראַגמאַטישן כאַראַקטער, ווי עס זענען די הימנען, און דערפֿון זענען, דוכט זיך, אויך נישט פֿריי די עפּעס צובכּיוונדיקע לידער פֿון באַקאַנטע דיכטער (בראָדערזאָן, לייב מלאך), כאָטש זיי זענען פֿאַרט איידעלער און לעגיטימער.

איך האָב ווייט נישט אויסגעשעפּט די טיפּאָלאָגיע פֿון אונדזער געזעמל, אָנווייזנדיק בעיקר אויף עטלעכע גרונטשטריכן, און האָפֿנדיק זיך אומצו־קערן צו דער כּלל־טעמע און אירע פּרטים אין אַ בוך, וואָס איך פֿאַרגרייט: קינדער־גראַמען ,און ווו איך ברענג אַלע לידער אין אַלע שפּראַכן, און בעיקר אין ייִדיש, וואָס איך האָב געהערט אין מיין סביבה ביז בר־מצווה און זייערע מקורות, און פֿאַראַלעלן, ווייל איך פֿאַרענדיקן פֿאַרצייכנענדיק, אַז דאָס געזעמל פֿון מרת שטיינבערג איז אַן אָפּשפּיגל פֿון ייִדיש־לידער, ווי עס זענען געזונגען געוואָרן, אין אַ טיפּ פֿון אַ ייִדיש־שול אין פּוילן,

צווישןביידע וועלט־מלחמות, און איז סיי אַן איבערבלייב פון דעם וואָס האָט געלעבט נעכטן, און סיי אַן אָנרעג צו דעם, וואָס דער חוב פון זכּרון דאַרף אים פאַרזאָרגן אַ היינט און אַ מאָרגן.

(תמוז תשמ״ג)

דאָס וואָרט אין יאָמערטאָל

וועגן ישׂראל קאַפּלאַנס „דאָס פאָלקסמויל אין נאַצי־קלעם"

א

ווען ישׂראל קאַפּלאַן, וואָס איז היינט אַ באַקאַנטער אָריגינאַלער שרייבער, וועמענס יידישע און העברעיִשע נאָוועלן און דערציילונגען זענען אַריין אין עטלעכע בענד, האָט זיך הי צומערשט באַוויזן, האָבן מסתּמא רוב לייענערס געצווינקערט מיט די אויגן, ווי איך וואָלט מסתּמא אויך געטאָן, ווען איך האָב אים געלייענט אין „די גאָלדענע קייט", מען זאָל נישט געווען וויסן, אַז נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געדרוקט דערציילונגען. אָבער נאָך זיינע יאָרן אין געטאָ און קאַצעט, האָט ער ווידער געהאַט אָן אָנהייב דאָרט פאַר זיין אָנהייב הי. און איך בין מיך בעיקר מתכוון לגבי דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין דער פּרעסע און אין פּובליקאַציעס פון דער שארית־הפּליטה, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין די לאַגערן פון אַמעריקאַניש אָקופּירטן דייטשלאַנד, איידער זיי זענען פון דאָרט — און אונדזער שרייבער בתוכם — אַוועק, בעיקר קיין ארץ־ישׂראל.

ב

זיינע אַרבעטן, וואָס זענען דאָרט, אין דייטשלאַנד, צווישן די יאָרן 1946—1949, דערשינען, און האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ענינים פון די גרוילִיקע אומקום־יאָרן, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרנומען, סיי ווי אַ רעדאַקטאָר — „פון לעצטן חורבן", צייטשריפט פאַר געשיכטע פון יידישן לעבן בעתן נאַצי־רעזשים (1946—1948) — סיי ווי אַ מחבר. באַזונדערס איז בולט געווען זיין ביכל: „דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם" — ריידעַנישן אין געטאָ און קאַצעט, אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד (מינכען, 1949). און ווען אָט דער חשובער חיבור האָט אונדז דערגרייכט הי, און מיר האָבן דורכגעלייענט,

האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַן ערנצטער פּרווו אויפצוכאַפּן אַן עניין, וואָס האָט אַ באַזונדערן שפּראַכלעכן און פאָלקלאָרישן ווערט, איז אָבער פון טיף יידישן היסטאָרישן באַטייט: וואָס און ווי־אַרום האָט דאָס יידישע מויל גערעדט און געזאָגט, בפירוש און ברמז, אָפן און פאַרשטעלט, אין דעם סאַמע גיהנום פון לייד און פאַרלענד, וואָס דער מאָדערנער שחיק־עצמות און זיינע העלפער און העלפערס־העלפער האָבן אויף אונדז געבראַכט.

ג

ער, ישׂראל קאַפּלאַן, וואָס האָט אַליין מיטגעליטן און מיטגעוויטיקט, האָט פאַרצייכנט, וואָס ער האָט מיטגעהערט און מיטגערעדט, און דאָס בעיקר צווישן די געפּייניקטע ערב־דערמאָרדעטע יידן אין דער ליטעשער ליטע (קאָוונע), און אין דער שכנישער לאַטוויע. און אַזוי ווי די עמלקים האָבן אַהין געבראַכט אויך יידן פון אַנדערע לענדער (יידן פון רייך און פון ווילנער געגנט), כּדי אויך זייער אַרבעטסקראַפט אויסצוזויגן ביזן לעצטן טראָפּן, איידער זיי האָבן זיי אומגעבראַכט, האָט זיך ממילא דער טראַגישער וואָרט־אוצר אויסגעברייט. אין דעם לעצטן מלחמה־יאָר ווערט דער מחבר, מיט אַ טראַנספּאָרט פון רעשטלעך נאָך־לעבעדיקע יידן, געבראַכט קיין דאַכאַו, און אין די דאָרטיקע לאַגערן פּייניקט ער זיך צוזאַמען מיט נאָך און נאָך יידן, צונויפגעשלעפּטע כּמעט פון גאַנץ אייראָפּע, און בעיקר פון די עדות אין פּוילן און אונגאַרן. און נאָך דעם באַפרייט ווערן פון די קאַצעטן האָט ער זיך באַגעגנט, אין די לאַגערן פון דער שארית־הפּליטה, מיט נאָך אָפּגעראַטעוועטע, און האָט אָפּגעראַטעוועט, וואָס זיי האָבן נאָך באַנוי געדענקט. אַזוי אַז דאָס געזעמל האָט אַרומגענומען נישט בלויז אַ פּיל־שיכטיקן, נאָר אויך אַ פּיל־דיאַלעקטישן מאַטעריאַל.

אַוודאי זענען, מיט דער צייט, בעיקר זייט די פאָרשונג פון דער אַזאַ שווידערלעכער תּקופה, האָט זיך פאַרגרעסערט, צוגעקומען ענלעכע ספּעציאַל־אַרבעטן, און דער ווערטערבוך איז רייכער געוואָרן, אָבער דאָס האָט נישט פאַרמינערט דעם ווערט און וואָג פונעם אויפטו פון אַ יחיד, וואָס אַנדערע האָבן זיך באַנוצט מיט זיין מי. בפרט אַז ער גופא האָט זיין אינדעקס איבערגעווידירט, און נאָך־דעם וואָס ער האָט אים משלים געווען, צוגעגרייט אַ נייע עדיציע, וואָס ליגט איצט פאַר אונדז. און אַזוי ווי דער ערשטער אויסגאַב, וואָס איז שוין לאַנג געוואָרן אַ יקר־המציאות, וועט דער

איצטיקער, פֿאַרברייטערטער אויסגאַב קאָנען דינען דעם איצטיקן פֿאַר־ברייטערטן לייענער־ציבור, וואָס אַלע צדדים פֿון דער אומקום־תּקופֿה געהערן צו איין היסטאָרישן און אַקטואַלן אינטערעס און באַוווסטזיין.

ד

וואָס עס לאָזט זיך היסטאָריש, שפּראַכלעך, פֿאָלקלאָריש אָפּלערנען פֿון דעם געבראַכטן לעקסיקאָן — בעיקר מצד דער שייכות פֿון די ווערטער, זאָגן, באַנוצן מיט טיפֿערע וואָרצלען און צווייגן פֿון אונדזער גרונטיקן ייִדישן און מענטשלעכן מהות און מסורה — איז אַן אוצר פֿון אַסאָציאַטי־ווער פֿאַרקייטלטקייט, וואָס עס באַגעגענען זיך דורות, געשעענישן, צופֿאַלן, און פֿאָדערט אַ באמת לייטישע פֿאָרשערישע האָרעוואַניע. און מיר האָפֿן זיך אין איר איינצושפּאַנען, כּדי צו באַשיידן אַ בינטל פֿון די געבראַכטע דוגמות. איך וויל האָפֿן, אַז עס וועט אויך אָנשפּאָרנען אַנדערע באַהאַוונטע מומחים, בעיקר אין די שפּראַכן וואָס זענען מיר פֿרעמד (אונגעריש, ליט־וויש, לעטיש), אַזוי אַז דער ענין וועט גרונטיק אויסגעפֿאָרשט ווערן, ווי עס פֿאַרדינט דאָס לעצטע וואָרט פֿון אונדזערע קדושים. אָבער אויף וויפֿל דאָס זאָל נישט געלינגען, וועט עס זיין אַ זייטיקע הילף, בשעת דער עיקר תּוך איז דאָס וואָס ר׳ ישׂראל קאַפּלאַן האָט אונדז מזכּה געווען מיט זיין לעקסי־קאָן, וואָס איז מקיים: תּהום אל תּהום קורא.

(ניסן תּשמ״א)

הרוגי מלכות

מאמר א׳: **יחזקאל הנביא׳ס קשיא**

א

די גרויסע קשיא, וואָס עס האָט געפרעגט יחזקאל, דער נביא־הגולה: התחיינה העצמות האלה; טייטש: וועלן די דאָזיקע ביינער לעבן — האָבן דאָס געפרעגט אַ סך ייִדן, נאָכן גרעסטן פורעניות, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק, מיט דער שחיטה, וואָס האָט אָפּגעמעקט דאָס בית־ישׂראל פונעם אַנצליט פון יבשת אייראָפּע. אַן ענלעך גרויסע קשיא האָט געפרעגט יצחק טאַבענקין, אַנווענדנדיק דעם משל פון אַ מענטשנס גוף, וואָס אויב עס איז אָפּגעברענט געוואָרן נישט בלויז ס׳רוב פלייש זיינס, נאָר אויך ס׳רוב הויט זיינע, איז אַ ספק, צי ער קאָן נאָך האָבן אַ באַשטאַנד. אמת, די תשובה, וואָס עס האָבן געגעבן די אַלע פרעגערס, און אויך טאַבענקין צווישן זיי, איז געווען ווי די תשובה פונעם נביא. אָבער פונקט ווי עס האָט זיך געפאָדערט פונעם איבעריקן פאָלק אַן איבערמענטשלעכער כּוח צו טראָגן דעם חורבן, אַזוי האָט זיך פון אים געפאָדערט אַן איבערמענטש־לעכער כּוח זיין לעבן ווייטער צו פירן; און עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס פאָלק איז דערשיטערט געוואָרן, פון עק ביז עק, און דער דער־שיטער איז טאַקע די שטאַרקסטע ראיה פאַר זיין קראַפט און וויטאַליטעט.

לאָמיר זיך נאָר אומקערן צו יענע טעג: גלות־אייראָפּע איז געווען פאַרברענט צו אַש; גלות־רוסלאַנד, וואָס דער גורל פון איר גרויסן טייל איז אויך געווען אַזוי, האָט געשטעקט אין די דיבעס, וואָס האָבן זי אָפּגע־שניטן פון היסטאָרישן און אַקטועלן קרייז פון ייִדישן פאָלק; גלות־אַמע־ריקע האָט זיך אַליין געפרעסן, פאַר וואָס זי האָט נישט צו דער צייט פאַר־שטאַנען די סימנים פון אומקום, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גורל פון פאָלק און פון זיין געשיכטע הויערט אויפן ווינציקן ייִשוב אין אונדזער לאַנד, וואָס פירט אַ מלחמה פון פאָרנט און פון הינטן קעגן דער אָפּנאַרערײַ פון פאַררעטערישן אַלביאָן און קעגן דער שׂנאה פון ישמעאל, און ווי אַ מאַמע, וואָס נעמט צונויף די קינדער אין איר שויס, אַזוי האָט דער ייִשוב איינגעזאַמלט, אַקעגן די מיילער פון בריטישן כּלי־זין, אונדזער שארית־הפליטה, און דער ייִשוב, וואָס אין זיין האַרצן האָט געקלאַפּט דאָס

האַרץ פון גאַנצן פאָלק אונדזערן, האָט געצאַפּלט, מחמת דערוואַרט און מחמת שרעק, צי וועט די פעלקער־משפחה האָבן דעם כוח פון פאַרשטענ־דעניש פאַר דער נויטווענדיקייט פון אונדזער אויפקום, און צי וועט זי אויפברענגען, סיי לשמה און סיי נישט־לשמה, דעם כוח פון הסכמה דערצו. און אַז דאָס האָט צוגעטראָפן, איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס דאָס פאָלק האָט אויפגעציטערט, פון עק ביז עק. און טאַקע דער אויפציטער איז די שטאַרקסטע ראיה פאַר זיין קראַפט און זיין וויטאַליטעט.

אויב מען קאָן זיך וווּנדערן, איז עס דעריבער, וואָס דאָס פאָלק אונדזערס האָט אויסגעהאַלטן די טאָפּעלע סתירה פון זיין גורל, אַז עס האָט אויסגעהאַלטן דעם טאָפּלטן דערשיטער, און די נשמה איז אים נישט אויס־געגאַנגען, סיי מחמת זיין קלאָג, סיי מחמת זיין טרייסט. אָבער דאָס איז אַ שאלה, וואָס האָט אַ גאָר־אַלטע תשובה: ווי אַזוי האָט דאָס פאָלק, אין אַלע דורות זיינע, מקיים געווען די צוויי נאָענטע שבתים — זיין אַליין־שטראָף און טרויער אום שבת־חזון, און זיין אויפוועק אום שבת־נחמו, און ווי אַזוי עס האָט די צוויי שבתים אונטערגעשפּאַרט מיטן כוח פון די זיבן הפטרות: שבעה בנחמתא; גלייך דאָס פאָלק וואָלט זיך, במשך דורות, געגרייט צו דער ענגער שכנות פון דעם טאָפּעלעם, שרעקלעכן און שטאַרקן איבערלעבעניש, וואָס האָט געטראָפן אונדזער דור.

און דער טאָפּעלער שוידער האָט פאַרשאַרפט, אין גאַנצן פאָלק, און צומייסט אין זיין האַרצן, זיין לאַנד, אַ געשפּאַנטע פילעוודיקייט לגבי דעם גורל פון די פאָלק־טיילן, וואָס זענען צעוואָרפן אין גלות, סיי גלות־אֱדום, סיי גלות־ישמעאל, סיי זיינע קייטן זענען, ווי עס איז לרוב, פון אייזן, סיי זיינע קייטן, ווי עס איז צו מאָל, זענען פון גאָלד, און אַ יעדע צרה פון פיין און רדיפה, וואָס קומט אויף אַ ישוב, איז אַ צרה פון גאַנצן פאָלק, און אַ דאגה פון גאַנצן פאָלק זי אָפּצוווענדן.

און אַם גרעסטן איז די דאגה פון זיין האַרצן, זיין לאַנד, וואָס פאַרבייט דעם קרעכץ אין אַ הילך — אויסצורייסן די וואָרצלען פון אַ יעדער צרה, אַז די גערודפטע און געדריקטע זאָלן זיך איבעררעטעווען אין זייער אַלט־יונג פאָטערלאַנד אַריין. דער וווּקס פון דער פילעוודיקייט איז גורם, אַז דער גורל פון גלות־רוסלאַנד דערוועקט דאָס האַרץ פון פאָלק, און עס איז קיין תמיהה נישט, אויב דער מאָרד פון די בעסטע יידישע שרייבער האָט אויפ־גערודערט דאָס פאָלק, כמעט פון עק ביז עק. דאָס וואָרט כמעט, וואָס מיר האָבן אַריינגעפלאָכטן, איז מרמז אויף דער אָדער יענער גרופּע, וואָס זייער בלינד נאָכשלעפּן זיך נאָך דעם אַכזריותדיקן רעזשים און זיין שליט, האָט עס אַזוי וויט געבראַכט, אַז ביז וואַנען זיין יורש האָט נישט פריי געלאָזט די צונג, האָבן זיי אַלע אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער, און ווייל זיי האָבן

דערווייל כּמעט אַלע תּשובֿה געטאָן, אַ טייל אויפֿן נוסח פֿון פּסוק וועגן יענער, וואָס האָט געגעסן און אָפּגעווישט איר מויל און געזאָגט: איך האָב קיין עוולה נישט געטאָן, און אַ טייל דרך חרטה ממש. זאָל זיך די מידת־הרחמים דערבאַרעמען אויף זייער מענטשלעכער אומגעלומפּערטקייט און זייער ייִדישער טעמפּקייט, וואָס האָבן זיי יאָרנלאַנג באַהערשט, און האָבן — ווי חיים גורי האָט געזאָגט — אויך אַריינגעקלאַפּט אַ טשוואָק אין אָרון פֿון די דערמאָרדעטע.

יאָ, דאָס גאַנצע פּאָלק איז געווען אויפֿגערודערט פֿון די מעשׂי־רציחה, און בעיקר קאָן דערויף מעיד זיין ווער עס האָט, ווי איך, געזאַמלט בלאַט צו בלאַט די ווערטער פֿון ווייטיק און פֿון כּעס, ווערטער פֿון הספּד און זכּרון, וואָס זענען געשריבן און גערעדט געוואָרן. און עס איז אַן ענין אויף נאָכצוקלערן: לעולם איז דאָ, פֿון כּלל־קוק, אין דעם פֿאַרגוואַלדיקטן משפּט־כּבֿיכול נישט געווען קיין שום חידוש — די שווערד פֿון אַכזריותדיקער דיקטאַטור האָט שוין אַזוינס און אַזעלכעס פֿאַרצוקט, ווען די רעוואָלוציע האָט דערפֿולט די אויפֿגאָבן פֿון קראָנאָס, וואָס פֿרעסט זיינע אייגענע קינדער. און אויך פֿונעם באַזונדערן ייִדישן קוק איז דאָ נישט געווען קיין חידוש — מען האָט שוין פֿריִער געקעפּט ייִדישע שרייבער און ייִדישע עסקנים, כאָטש זיי זענען געווען געטריי אַלע זיגזאַגן פֿון גענעראַל־ליניעס, און אויב עס איז געווען עפּעס אַ שינוי, איז עס בלויז דאָס, וואָס קודם האָט זיך דער פֿאַלשער בית־הדין באַנוצט מיט אַן איַנסטיטוציע, וואָס הייסט הוי, און שפּעטער האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן אַנדער אינסטיטוציע, וואָס הייסט פּוי, און דער צד השווה צווישן איין אַפּאַראַט און דעם אַנדערן אַפּאַראַט, אַז דער גזר־דין איז שוין געווען באַשטימט פֿון פֿריִער, און די עצם פּראָצעדור איז נישט מער ווי אַ טראַגישע קאָמעדיע.

ב

פֿון דעסט־וועגן איז געווען אַ טיפֿע סיבה דערביי, וואָס דאָס פֿאָלק איז דאָ באַזונדערס אויפֿגעשוידערט געוואָרן, ווייל עס האָט געזען און גאָר ערנצט געזען אַ שרעקלעכן צייכן אין דער קאָלעקטיווער רציחה פֿון די ייִדישע שרייבערס, וואָס הינטער איר האָט געלאָקערט אַ נאָך גרעסערע רציחה פֿון די ייִדישע דאָקטוירים, וואָס איז אָבער נישט פֿירגעקומען, מחמת דער מיתה משונה פֿון דעם אַרצי־רשע, וואָס האָט אפֿשר פֿאַרמיטן אַ צווייטע ייִדן־שחיטה אין גלות־אייראָפּע. אמת, דער אָפּשרעק־צייכן איז נישט געווען

קיין חידוש גמור — די ליקווידאַציע פון דער איינגעקוועטשטער און איינ־געשרומפּענער ייִדישער קולטור, אין דער פאָרעם פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור, האָט שוין געהאַט עטלעכע פּריִערדיקע סטאַציעס, אָבער אַנדערש זענען געווען די מיטל־סטאַציעס — דאָס פאַרמאַכן פון צייטונג־און־שולאַנשטאַלטן, און אַנדערש די סוף־סטאַציע. דען זי, די סוף־סטאַציע, האָט אויפגעדעקט די סטאַציעס פאַר איר — צוערשט, די ליקווי־דאַציע פון דת־ישׂראל, וואָס אין איר שטעקן די וואָרצלען פון דער אומה און אירע קניינים; די וויטערע סטאַציע — די ליקווידאַציע פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטעראַטור, דעם אוצר פון געדאַנק און ליד פון דער אומה, דעם קוואַל פון עבר און דער הבטחה פון עתיד, און ביידע ליקווידאַציעס זענען געגאַנגען מיט דער הילף פון בני אַברהם יצחק און יעקב, וואָס זענען געווען געטריי דעם רעזשים, זיינע געגנג און דריידלעך, קלאַמערנדיק זיך, ווי אַ הנחה און מסקנה, צום פּוסטן גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַן אָפּגעשלאָסן סאָוועטיש־ייִדיש פאָלק, וואָס האָט נישט קיין רעכטן פאַרבונד מיטן איבעריקן פאָלק, און האָט נישט קיין שייכות צום חלום פון אַלע דורות, דעם אומקער קיין ציון, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, דאָ אַרונטער אונטער אַן אַבסאָלוטן חרם. אונדזערע ברידער, סיי אין רוסלאַנד סיי מחוץ איר, וואָס האָבן דערצו פאַרהאָלפן, האָבן געהאַט פאַר־בלענדטע אויגן און אַ פאַרדומפּן האַרץ, און מחמת דעם האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, אָדער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זייער מאַקאַברישע הילף מיינט אַן אַרויסרייס פון די וואָרצלען פון אַ יעדער קולטור, וואָס רעדט זיך איַין צו זיין, אַפילו גאָר מינימאַל, אַ קול־טור פון ייִדן. אַנדערש געזאָגט: זיי האָבן נישט פּירויסגעזען, אַז אַריינ־לאָזנדיק זיך אין דער דאָזיקער אַוואַנטורע, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ פאַסטקע פאַר זיך אַליין, וואָס האָט פאַרמינערט זייער אייגענעם כוח און אים קאַסטרירט, און די דאָזיקע זינד זייערע האָט דערלייכטערט דעם פאַר־ברעך פון די פיינד פון זייער אייגנקייט, ווי זי האָט זיך דערהאַלטן אין דער ייִדישער שפּראַך, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען גליקלעך צו זיין אָפּגעריסן פון אירע וואָרצלען אין דת־ישׂראל און אין לשון עברי. און אויף וויפל אַזעלכע לייכט־גלויביקע און פאַכאָפּנע אילוזיאָניסטן פּרוּוון זי, די ייִדישע שפּראַך, צו דערהאַלטן אָן זיי, ווערט זי לסוף ווי יענער בוים, וואָס ווערט אויסגעריסן פון שורש און בלייבט הענגען אין דער לופטן — תחילת העלפן נאָך דער ייִדישער שפּראַך, די זאַפטן און אינגעווייד פונעם בוים, אָבער שפּעטער פאַרטריקענען זיי אַלץ מער און מער, ביז זיי פאַרשווינדן.

ג

אָבער אַזוי לאַנג ווי דאָס ייִדיש־לשון לעבט און פּערמענטירט, איז עס מסוגל אויפצופלאַקערן, בעיקר ווען זי קערט זיך אום צו אירע באַהעפטן, צו די וואָרצלס־וואָרצלען פון דער ייִדישער געשיכטע און דער ייִדישער קולטור. דוכט זיך אַז דער חשש פאַר אַזאַ אויפפלאַקער, וואָס איז געווען פּירוויסצוזען, לויט דער גרויסער התלהבות, וואָס האָט אַרומגענומען די ייִדן אין גלות, מיטן אויפקום פון מדינת ישׂראל, האָט געשטערט די, וואָס ווילן אונטערגראָבן אונדזער אייגנקייט, און אַן עדות פון דער וויסטער כּוונה פון די אונטערגראָבערס, איז טאַקע יענער שפלער משפט און יענע שפלע רציחה.

אָבער באמת האָבן זיי זייער שפל־כּוונה נישט אויסגעפירט — איבער די הפקר־צעוואָרפענע ביינער פון די הרוגי מלכות, ווייעט דער גייסט פון אויפלעבונג פון זייערע ברידער אין יענעם גלות, וואָס קערט זיך אום צו זיינע וואָרצלען, און דער צוריקוועגנד גייט אויף דער ליביע פונעם אָפּוועגנד און זיינע סטאַציעס.

די ערשטע סטאַציע — יענע טענץ אַרום די איבערבלייבענישן פון דת־ישׂראל, דער מאָסקווער שול; די אַנדערע סטאַציע — דאָס לערנען פון לשון עברי, וואָס האָט אַרומגענומען ווייטע און נאָענטע, און די פאָדערונג צו מעגן עולה זיין; אַ נאָך ווייטערע סטאַציע — דער אומקער פון די שריי־בערס, וואָס שרייבן ייִדיש, צו די קנינים פון זייער פאָלק, זיין לאַנד און די וואָס האָבן זיך אומגעקערט, האָבן אַזוי ווי אומגעקערט אַהער זייערע לערערס און זייערע פריינד, זיי זאָלן זיין פאַרבונדן אין בונד פון לעבן, אַ לעבן ביז אויף אימער און אייביק.

(ניסן תשל״ב)

מאמר ב׳: **נאָך צוואַנציק יאָר**

אַ וואָרט ביי אַן אזכּרה אין ירושלים

א

אויב מיר זאָלן אָנווענדן דעם כּלל פון מעשׂי־אבות סימן לבנים, נישט בלויז אין דער ענגערער צייט־רעם פון אַ טאַטן און אַ זון ממש, ווי מיר האָבן עס אין זאָג פון אונדזערע חכמים: מה שאירע ליעקב אירע ליוסף,

טייטש: וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יעקבן האָט פּאַסירט מיט יוספן, נאָר אין אַ ברייטערער, אַפילו ברייטסטער צייט־רעם, פון די ווייטע, גאָר ווייטע טאַטעס, ווי עס זענען געווען די אַמאָליקע יוצאי־מצרים און זייערע נאָענטע, גאָר נאָענטע, קינדס־קינדער, די היינטיקע יוצאי־מצרים, וועלן מיר זיך נישט קאָנען אָפּוּוערן פון שטוינען, ווי ווייט עס גרייכן די פּאַראַלעלן, גלייך ווי די אַרכטיפּיק פון דער דעמאָלטיקער ווייטער מיטישער היסטאָריע וואָלט אַרויפגעלייגט איר סטעמפּל אויף צו געשטאַלטן די נאָענטסטע, אַקטועלע פּרשה פון אונדזער איצטיקן לעבן. דען פונקט ווי דעמאָלט, אַזוי אויך היינט טומלט זיך, אויפן וועג צווישן הויז־פון־קנעכטשאַפט און לאַנד־פון־פאַר־לאַנג, דער פיינטלעכער דרייַלינג: פּרעה, וואָס האָט זיך גענומען אונדז פאַרלענדן און האָט מיטן שווערד נאָכגעיאָגט ביזן סאַמע ברעג מידבר; עמלק, וואָס האָט, אין מיטן גאַנג אונדזערן, גענומען פאַרשפּאַרן דעם וועג; בלעם, וואָס האָט, ביים סוף גאַנג אונדזערן, פאַרשטאַנען, אַז פאַרלענד און פאַרשפאַר טויגן נישט, געפּרוווט אונדז צעטומלען, און כאָטש די כּוונה פון אַלע דרייַ איז געווען די זעלבע, איז די פּרשה זכור חל אויפן מיטלסטן, דעם פאַרשפּאַרער.

מיר, דער דור וואָס האָט איבערגעלעבט סיי דעם פאַרלענד, סיי דעם פאַרשפּאַר, סיי דעם צעטומל, ווייסן, אַז די דרייַ וועגן זענען, אַ יעדער לויט איר שיטה און אירע מיטלען, באַשטימט געווען, אונדזער קיום און זיין באַזונדערקייט, אָפּצומעקן פון דער לעבעדיקער און געשיכטלעכער מאַפּע; אָבער צו מאָל האָבן זיך די דרכים באַגעגנט, און עס האָט זיך צעפייערט אַ מין סימולטאַנער שדים־שפּיל פון דעם פאַרשפּאַרער און פאַר־טומלער, בפרט אין דער צייט, ווען אַ טייל פון אחינו בני ישראל, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט פון דרויסן זענען אויך געווען, אידעיִש און פּסיכאָלאָגיש, פאַרטומלט פון אינעווייניק, און האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען אויף די אמתע כּוונות פון יענעם פּאַרל און זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער אילוזיע, אַז דאָס פּאַרל וועט ברענגען אַ ישועה בכלל, און ייִדן בפרט. דען דאָס פּאַרל איז נאָכגעגאַנגען אַ ביז־גאָר קאָנסעקווענטע שיטה — אָנגעהויבן האָט זי מיט אויסקאָרנעיען די גרונטיקסטע וואָרצלען אונדזערע, די ייִדישע אמונה, אין וועלכער עס זענען פאַרוועבט די רעליגיעזע, היס־טאָרישע און נאַציאָנאַלע עלעמענטן; האָט ממשיך געווען מיטן אויסראָטן פון דער אייבערשטער וואָרצל־שיכט, אָסרנדיק אונדזער היסטאָרישע, עלט־סטע און ייִנגסטע שפּראַך, העברעיִש, וואָס מען האָט זי געלאָזט אַ קורצן פּלימער טאָן („הבימה״), כּדי באַלד אויף איר גוזר צו זיין אַ שטומעניש; און האָט פאַרענדיקט מיט אויסרייסן פון דער שפּעטערער וואָרצל־שיכט, ייִדיש, וואָס מען האָט זי געלאָזט אַ לענגערע צייט עטעמען, אָבער סוקצע־

סיוו איינגעשמעלערט, און צום סוף, פּונקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, פּשוט אָפּגעוואָרגן אירע גרויסע זינגערס און זאָגערס.

ג

ווער עס האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געזען די אַכזריותדיקע לאָגיק פון און אין דעם דרײַיאיקן פּראָצעס, וואָס איז באַשטימט געווען צו אַטאָמיזירן אַ מיעוט, וואָס עס איז ניחא געווען אים צו האַלטן פאַר אַ קאָסטע, וועלכע דאַרף און זאָל אונטערגיין, און מען האָט זי בעל־כּורחו באַטראַכט ווי אַן עטנישן קיבוץ, וואָס דערגרייכט קוים־קוים דעם שטאַפּל פון אַ פאָלק, אָבער נישט די מדרגה פון אַ נאַציע, בפרט נאָך ווי אַ טייל פון אַ לעבעדיקער, היסטאָריש־באַוווסטער נאַציע — ווער עס האָט דאָס נישט רעכטצייטיק פאַרשטאַנען, איז געווען אָדער אַ בלינדער, אָדער אַ פאַרבלענדטער, און איז ממילא געווען אַ קנאַפּער מבין אויף יענעם פּאָרל. זי, די שאַרפע נאָז, האָט דערשמעקט, אַז אַפילו ווען מען שטעלט אָפּ די קולטור פון אונדזער פאָלק בלויז אויף איר שפּעטערער שיכט, און אַפילו ווען מען פאַרקוועטשט זי אין דער שטײַג פון גזירה־רעזשים, און אַפילו ווען ייִדיש־לשון איז געצוווּנגען צו זאָגן און זינגען לויט דער דרויסנדיקער גזירה, נאָך מער ווען אַפילו די זאָגערס און זינגערס האַלטן פון דער גזירה, און מיינען אַז זי איז גאָר אַ ווילדע מציאה, פירט זיך אָבער ייִדיש־לשון לויט איר טבע און זאָגט וואָס זי וויל זאָגן פאַרבאַהאַלטן, סיי איר ווילן איז באַוווסט און סיי ער איז נישט באַוווסט אירע באַנוצערס, די דערציילערס און דיכטערס, אין דער שטײַג. יאָ, יענע שאַרפע נאָז, האָט דערשנאַפּט אַ סך מער פון זיי אַליין, אַז אונטער דער אויפגעצוווּנגענער שאָל פאַרבאַהאַלט זיך אַ קערן, אַזוי אַז אין דער לעצטער, דערלויבטער, אויבערשטער און פאַרשמעלערטער וואָרצל־שיכט האָט זיך ערגעץ־וואַרום אַרייַנפאַרגנבעט אַ קלאָר אָבער דומפּ בת־קול פון די צוויי גרונטיקע וואָרצל־שיכטן. ווי אַ ראיה האָט געדינט די טאָפּעלע, גראַנדיעזע אויפגעטרייסלטקייט — מחמת אונדזער אומקום אין גלות־אייראָפּע און מחמת אונדזער אויפקום אין אונדזער היימלאַנד; און דער טאָפּעלער פענאָמען האָט אין דער רעם פון אַכזריותדיקן סיסטעם, בפרט נאָך אונטערן אָנפיר פון דעם „פאָטער פון די פעלקער” נישט געקאָנט בלייבן אומבאַשטראָפט; און ווי איין פאָרציע פון דער שטראָף איז געווען דער געמיינער משפּט, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויסשיסן פון די פיר־און־צוואַנציק ייִדישע שרייבערס, און ווער

ווייסט וואָס פאַר אַ שרעקלעכע פּאַרציע עס וואָלט צוגעגרייט געוואָרן פאַרן גורל פון אונדזערע פאַרשפּאַרטע ברידער, ווען יענער אַרכיליסט זאָל זיך נישט געווען אָפּטראָגן.

אַוודאי איז דער משפּט אַן עדות, ווי ווילד עס האָט זיך צעבושעוועט דער כּעס אויפן טעות־חשבון, וואָס האָט געהאָט די קוואַליציע פון עמלק און בלעם, פּונקט ווי דער אופן פון משפּט איז אַ סימן פון זיין תּהומיקן שפלות. אָבער באמת האָט זיך דער פולער חשבון־טעות אַנטפּלעקט ערשט נאָך דער הורטאָוונער רציחה — אַלע דריַי וואָרצל־שיכטן זענען צוריק אויפגעקומען און כאָטש טעראָר און רדיפות, און כאָטש דער הילף פון אַ משרת׳ל, אַ מין קורח׳ל לתיאבון און להכעיס, ווערן די דריַי וואָרצל־שיכטן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער — דער גרויסער צווייג קערט זיך, אָפּן און פעסט, אום צו זיין נאָך גרעסערן בוים.

ד

כּדי צו פאַרשטיין די דאָזיקע וווּנדערלעכע דיאַלעקטיק, מוזן מיר אָבער־אַמאָל אָנקומען צו אַ וויַיטן משל, וואָס זאָל באַלייכטן דעם נאָענטן נמשל: שוין געווען אין אונדזער געשיכטע ציַיטן, וואָס מען האָט, מחמת גזירות פון דרויסן אָדער מחמת צעטומל פון אינעווייניק, פאַרלויזערט דאָס אָפּענע שייכות צו דער גרונטיקער וואָרצל־שיכט — סיי ווען מען האָט שוין כּמעט נישט פאַרשטאַנען דעם מקור פון דער סידרה אין חומש, און זיך באַנוצט מיט תּרגום־לשון; סיי ווען מען האָט נישט געלאָזט לייענען דעם מקור, דעם חומש, און געלייענט בלויז די הפטורה, וואָס האָט געוויינטלעך פאַרמאָגט אַ רמז אויף דער סידרה, אָבער דאָס פאָלק האָט נישט פאַרגעסן די ראָל, וואָס תּרגום־לשון און די הפטורה האָבן געשפּילט, און ווי אַ זכר און דאַנק דערפאַר האָט מען זיי דערהאַלטן עד עצם היום הזה — כאָטש מען לייענט שוין לאַנג פראַנק און פריַי די סידרה, לייענט מען אַלץ די הפטורה, וואָס איז געוואָרן אַ שטיק מיוחס, אַ כּבוד פאַר בני־מצווה און חתנים; מען איז עובר די סידרה, און כאָטש מען פאַרשטייט דעם מקור מער ווי דעם תּרגום, איז מען אַלץ עובר די סידרה, שניים מקרא און אחד תּרגום, וואָס איז אויך געוואָרן אַ שטיק מיוחס — אין דעם לשון גייט עד־היום די גמרא, קדיש, כּל נדרי, די כּתובה, און דער ספר־הזוהר, ווייל אלה ואלה דברי אלוקים חיים.

(ח׳ אלול תשל״ב)

וועגן אַ שטעטל אין מאָלדעווע

מיטן בוך פון ר׳ חיים זיידמאַן

א

אַוודאי זענען פאַראַן אַ סך טעמים, וואָס זענען מחייב צו זאָגן אַ גוט וואָרט אויף דער שוועל פון אַ נײַ בוך, ווי עס ליגט פאַר אונדז איצטער. ערשטנס, צוליבן מחבר ר׳ חיים זײַדמאַן, אַ פאַרדינטער שרייבער און רעדאַקטער, וואָס געהער צו די עלטסטע יידיש־שרייבערס, יוצאי גלות־רומעניע און וואָס וווינט הי, אין אונדזער לאַנד, און איז תּמיד יונג און תּמיד פריש און פאַרבונדן מיט זיין קולטור־לעבן. צווייטנס, צוליבן חיבור — אַ מעמואַר־מאָנאָגראַפיע וועגן דער היים פון זיין געבוירן, אַ ייִשוב, זיין לעבן און וועבן, איינע פון די פיל יידישע קהילות, וואָס זענען געווען און כמעט נישטאָ מער, און וואָס נאָך דעם וואָס עמלק האָט זיי אָפּגעמעקט פונעם אַנצליט פון איראָפּע, זענען מיר מחויב צו זאָרגן, זיי זאָלן, חלילה, נישט אָפּגעמעקט ווערן פון זכּרון פון אונדזער פאָלק. דריטנס, צוליבן סוזשעט — ווער עס קוקט דורך די גרויסע, כאָטש ווייט נישט־פולע, שורה פון דער זכּרון־ און זכרונות־ליטעראַטור וועגן די געוועזענע קהילות אונ־דזערע, וועט לייכט געפינען, אַז וואָס שייך רומעניע, האָט מאָלדעווע ווייט נישט קיין רעפּרעזענטאַציע, ווי עס קומט איר. אַזוי אַז אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער קהילה האַרלוי, ווי מיר האָבן זי איצט פאַר אונדז, איז אַ חידוש. פערטנס, צוליבן כאַראַקטער — דער לעבעדיקער זכּרון פון מחבר, דער כּוח פון זיין פען, זיינע מעמוארן צו פּלאַסטיזירן, דאָס חשיבות פון זיין איבער־לעבעניש־ און אָבסערוואַציע־צענטער — די שול ווו זיין טאַטע איז געווען חזן (און וועגן חשיבות פון אַזאַ צענטער, זע דאָס בוך פון דן מירון „דער אימאַזש פון שטעטל״, תשמ״א, און מיין אַריינפיר דערצו). און נישט אומ־זיסט האָט דאָס דאָזיקע בוך פון חיים זײַדמאַן, נאָך זייענדיק אין כּתב־יד, געקריגן פּרעמיעס פון צוויי וואָגיקע פאָנדן: דעם „ד״ר שמואל־און־רבקה־הורוויץ־פאָנד״ וואָס האָט זיך פאַרדינט געמאַכט אַרום דער יידישער ליטע־ראַטור, בעיקר פון הינטער דעם אייזערנעם קאָרדאָן; און דעם יעקב־גראָפּער־פאָנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּיאָנער און שם־דבר פון יידיש־ליטעראַטור אין רומעניע.

ב

דאָס רעכט וואָס איך נעם מיר, די דאָזיקע אַריינפיר־ווערטער צו שרייבן, נעמט זיך דערפון, וואָס איך גופא האָב געפּרוווט ממלא זיין דעם חוב פון זכרון לגבי מיין געבוירן־שטאָט — אַן עדות מיין בוך „ממחוז הילדות" סיי אין דער פריערדיקער עדיציע (תרצ"ח), סיי אין דער איצטי־קער (תשמ"א) צו וועלכער עס זענען צוגעקומען נאָך צוויי בענד, און וואָס ווילן אויך אָנשפּאָרנען מיינע חברים שרייבערס, דעם חוב לגבי זייערע קהילות מקיים צו זיין. און דאָס איז אויך די כוונה פון מיינע אַריינפירן צו כמה וכמה ספרים פון דעם סאָרט און כיוון, ווי אויך פון בינטל מאָנאָ־גראַפיעס וועגן פערצן יידישע קהילות אין מיין בוך „ארחות ושבילים" (תשל"ח, באַנד 2, זז' 217־325). און איך ווי איעדער איינער בין באַזונדער פאַראינטערעסירט זיך צו דערוויסן וועגן גורל, גאַנג און שטייגער פון אַ קהילה וואָס געאָגראַפיש נאָענטע האָבן פון לאַנג געוווסט, אָבער די געאָ־גראַפיש ווייטע האָבן זיך ערשט איצט דערוווסט וועגן איר.

ג

און אַזוי שטייט עס טאַקע מיט האַרלוי — און אויב אָנווענדן מיינעם אַ מינהג דאָס צו אילוסטרירן, וועל איך דערמאָנען, וואָס איך האָב וועגן דער קהילה געקאָנט אַרויסלייענען פון מיין ערשטער אינפאָרמאַציע־כלי, מיט וועלכער עס האָט זיך באַנוצט מיין זיידע עליו־השלום, און וואָס האָט מיך, נאָך ווי אַ קינד, געשפּײַזט. איך מיין ר' אַברהם מנחם מענדל מאָהר'ס ספר „שבילי עולם" וועגן אייראָפּע, ווו עס איז אויך פאַראַן אַ קאַפּיטל: ארצות הדאנויא, הן מדינות וואלאחיי ומאלדאויא, און ווו מאָלדעווע האָט אַנדערטהאַלב מיליאָן איינוווינערס, דערפון זיבעציק טויזנט יידן, און ווו עס זענען קורץ באַשריבן די שטעט, ווי די עיר־הבירה, יאַסי — דער־מאָנט אירע רבנים ר' אהרן משה טוביש און זיין זון ר' שמעלקע — און אַנדערע שטעט, בעיקר גאַלאַץ און אַרום, דערונטער באָטאָשאַן מיט אירע פינף טויזנט איינוווינערס — פון זיי טויזנט יידן — מיט איר גרויסן מיסחר פון ווײַן, בהמות, וואָל, האָניק און וואַקס, און נאָך איר: האַרלעוו ביי דער גרענעץ פון בוקאָווינע, מיט צוויי טויזנט איינוווינערס און איר גרויסן מיסחר מיט פערד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז היינט זוכט מען די כּלל־אינפֿאָרמאַציע אין אַ ייִנגערן און פֿאַרלאָזלעכערן האַנטבוך, ווי עס איז דער גרויסער באַנד: פּנקס הקהי־לות, ענציקלאָפּעדיע פֿון קהילות רומעניע (יד ושם תשל״ו) ערך: האַרלאַו, ייִדיש: האַרלוי (זז׳ 112־114) געשריבן פֿון הויפּט־רעדאַקטער ד״ר טעאָדאָר (תּיאודור) לביא, און ווו מיר האָבן אַ קאָנדענסירטן צוזאַמענשטעל פֿון די היסטאָרישע און אַקטועלע פֿאַקטן, פֿון קהילה־אָנהייב (1751). מיר דערווּיסן זיך אויך וועגן אירע רבנים (ר׳ חיים יצחק אייזיקסאָן, ר׳ מנחם נחום בוכנער, דרײַ דורות ראַבינאָוויטש), און דאָרט דער רומעניש־ייִדישער שרייבער האָריאַ קאַרפּ, (דער „וויינער״, ווי עס רופֿט אים אָן שלמה ביקל). אָבער זײַדמאַנס בוך גיט דעם דורכגעלעבטן קאָנטערפֿיי פֿון דער קהילה, אַזוי אַז דאָס איז די רעכטע לעבעדיקע מצבה, מיט איר אָנהייב — דער פּה נטמן, און איר סוף — תּהיה נשמתה צרורה בצרור החיים, און דער באַהעפֿט: בצרור החיים איז תּרתּי משמע, טאָפּלבאַטייטיק, להבדיל בין החיים והחיים.

(סיון תשל״א)

אַ שטיק קולטור־יבשה

וועגן מאיר ברוידאס זכרונות

א

עס איז אַ קיימא־לן, אַז אַן אַקטיאָר, בפרט אַ ייִדישער אַקטיאָר, האָט וואָס צו דערציילן וועגן זיין לעבן, וואָס איז אַ מין טאָפּל־לעבן — באַשטייט עס דאָך פון אַ פּאַראַלעל פון צוויי מאַרשרוטן, דער איינער מאַרשרוט, דער ביִאָגראַפישער, אַ שטענדיקער נע־ונד, צו מאָל פון עק וועלט ביז עק וועלט; דער אַנדערער מאַרשרוט, דער באַרופלעכער, סיי מלשון באַרוף סיי מלשון באַרופונג, אַ נישט מינדערער נע־ונד צווישן דראַמאַטישע קרעאַציעס; און ביידע נע־ונדן וויקלען זיך אָפּ אין אַ שלל פון זיך בייַטנדיקע אַרומען.

דער ביִאָגראַפישער נע־ונד צווישן שטעט און לענדער, דער קינסט־לערישער נע־ונד צווישן טרופּן און רעפּערטואַרן, און די געשפּאַנטקייט צווישן די דאָזיקע ביידע עלעמענטן, צייכנט אויס דעם סאָרט זכרונות, וואָס פאַרנעמען אַ היפשן פּלאַץ אין אונדזער מעמואַריסטישער ליטעראַטור — אַפילו אַן אויבנאויפיקער ביבליאָגראַפישער דורכקוק פון דעם סאָרט באַווייזט, אַז אַקטיאָרן האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס צו דערציילן די טאָפּל־שטעקיקע ביִאָגראַפיע זייערע, און זיי גייען נאָך זייער אינטערעס, אַ ראיה אַז עס טוען עס נישט בלויז די וואָס קאָנען פירן אַ פען, און נישט ווייניק אַקטיאָרן זענען נישט־דערגאַנגענע ליטעראַטן, נאָר אויך די וואָס קאָנען עס נישט, און זיי דערציילן און אַנדערע שרייבן. מעגלעך, אַז דער אינטערעס שפּייזט זיך פון באַזונדערן גורל פון דער מימישער קונסט, וואָס לעבט ממש בלויז אין דער מינוט פון שפּיל, און דער שפּילער וויל די דאָזיקע מינוטן, און זייער אַטמאָספער אין דעם גאַנצן אַרום דערהאַלטן. און מיר באַקומען צו זען אַ בייַטש פּערל, ווי אַ יעדע פון זיי הייבט זיך יום־טובדיק אַפיר פון אַ וואָכעדיקן זאַמד. אַזוי־אַרום איז עס, בעצם, אַ פּרווו גובר צו זיין די טראַגעדיע, וואָס פרידריך שילער דערמאָנט זי אין פּראָלאָג צו „וואַלענשטיין" אַזוי צו זאָגן:

„דעם שפּילער פלעכט די נאָכוועלט נישט קיין קרענץ, פאַרגענגלעך איז דעם שפּילערס קונסט". און עס איז אַ טרויעריקער זאָג, וואָס די טעכנאָלאָגיע אין איר אויפשטייג (פאָנאָגראַף, קינאָ, ראַדיאָ, טעלעוויזיע)

האָט אים נישט בטל געמאַכט, דען לעת־עתּה איז נישט פאַראַן אַ כּלי, וואָס זאָל קאָנען פאַרטרעטן דעם קאָנטאַקט צווישן לעבעדיקן שפּילער און לעבע־דיקן צושויער. און דערמאָנענדיק דעם צושויער, דאַרף מען באַמערקן, אַז אויך דאָס פּובליקום האָט אַ באַזונדערן אינטערעס אין דער דאָזיקער מעמואַריסטיק. און וואָס שייך דעם ייִדישן פּובליקום האָבן מיר אַ כאַראַק־טעריסטישע ראיה דערצו — די ייִדישע פּרעסע, בעיקר אין אַמעריקע, האָט דעם אינטערעס אויפגעכאַפּט און איז אים אָפּט נאָכגעקומען, אַ סימן — די זכרונות פון פּראָמינענטע שפּילערס, וואָס זייערע זכרונות האָבן זיך דאָרט געדרוקט אין פּיל המשכים, ממש ווי עס דרוקן זיך ראָמאַנען, און מאָסן לייענערס, בעיקר די וואָס האָבן די שפּילערס געקענט פון און אין זייערע ראָלן, האָבן די מעמואַרן ממש געשלונגען.

אַזוי, בערך, האָב איך רעזאָנירט, בשעת איך האָב אין כּתב־יד גע־לייענט דאָס בינטל זכרונות פון מאיר ברודא, „קוליסן און הינטערקוליסן״, און געפונען, אַז זיי דאַרפן דערגרייכן דעם לייענער־עולם, און דאָס מחמת אַ דרײַפאַכיקן חשיבות.

ב

ערשטנס — דער מחבר, וואָס האָט איבערגעשפּרייזט די שוועל פון גבורות, און האָט נישט אָנגעוווירן פון זיין ווּיגאָר און טעמפּעראַמענט, פאַרמאָגט אַ קאָלירקע, צו מאָל קאָלעידאָסקאָפּישע ביאָגראַפיע. שוין דאָס בשותּפותדיקע צווישן אים און דעם כּלל געניטע און רירקע שפּילערס, סיי דער ביאָגראַפישער סיי דער קינסטלערישער נע־ונד איז אַן אַנדערער — דער קינדווייז נאָך אומבאַוווסטער און ייִנגלווייז שוין באַוווסטער אַנט־שייד פאַר די טעאַטער־ברעטער, טרייבט אים אַרויס פון געבוירן־שטעטל, צום ערשט קיין פּאָלטאַווע און שפּעטער קיין אָדעס, און דאָ הייבט ער אָן מיט וואָס ער האָט לעת־עתּה געענדיקט, רעציטאַציע, און בעיקר מיט דעם וואָס האָט אויסגעפילט זיין לעבן, טעאַטער־שפּיל, אָבער זיין ווייטערדיקער מאַרשרוט איז אַן אַנדערער — דער יונגער חבר פון דער גרופּע „אָם אין אני לי מי לי״ (אין דעם דאָזיקן זאָג פון הלל הבבלי האָט מענדעלע איבער־געזעצט דעם באַגריף און טערמין פון פּינסקערס אויטאָעמאַנציפּאַציע, און ער איז געוואָרן אַ דעוויז פון די פּועלי־ציון און אַ מאָטאָ פון זייער פּרעסע), וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין די ציוניסטישע קרייזן אין אָדעס, און וואָס האָט נישט געוואָלט דינען פּאָניען, לאָזט זיך נישט, ווי אַדעפּטן פון שווי־

שפּילערײַ האָבן עס געטאָן קײן אַמעריקע, נאָר קײן ארץ־ישׂראל, און דאָ הײבט ער, בעצם, אָן זײַנע ערשטע אויפטריטן, בעיקר אין ייִדיש און אפשר זענען די צװײ יאָר דאָ, זײַן טרוימאַ, פון װעלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט, אַפילו װען ער האָט געװאָלט אָדער געמוזט, אַרויסבאַפרײַען, און אויב אַזוי זענען זײ מסתּמא די געהײמע באַגלײט־מוזיק פון זײַן לעבן. דער צוזאַמענפאַל פון שטורמישן גורל און פון ברויזנדיקן כאַראַקטער, ברענגט דערצו אַז דאָס בשותּפותדיקע צװישן אים און די איבעריקע תּל־אביבער פּליטים, װאָס זענען, מיטן אויסברוך פון דער ערשטער מלחמה, אַװעק קײן מצרים, באַקומט אַן אַנדערע נאָטע — ער װערט, װי אַ רוסישער רעציטאַ־טאָר און אַקטיאָר, אַ בן־בית אין דער רוסישער אַמבאַסאַדע אין קאַהיר, און שפּעטער װי אַ בולגאַרישער אַקטיאָר און רעזשיסער אין בולגאַריע, און װער װײסט, װיפל אַזעלכע נע־ונדן ער װאָלט נאָך געהאַט, װען ער זאָל נישט געװען, אַ יאָר נאָך דער באָלשעװיסטישער רעװאָלוציע, זיך אומקערן קײן רוסלאַנד, און אָנהײבן זײַן לאַנגיאָריקע ייִדישע אַקטיאָרישע, רעזשי־סאָרישע און אַדמיניסטראַטיװע, טעאַטער־קאַריערע, װאָס האָט אָבער נישט פאַרקלענערט זײַן אינטערעס נע־ונד צו זײַן אין דער אײראָפּעיִשער און אַזיאַטישער, רוסישער אימפּעריע, װאָס האָט זיך שפּעטער אַ קאָפּ אויסגע־שפּרײט איבער די נײַע סאָװיעטיזירטע לענדער — ליטע און מזרח־גאַליציע (יאָ, טעטיק אין אַן אוקראַיִניש טעאַטער) און אַפילו אַ קלײנעם בולגאַרישן רעצידיװ, (צװישן בולגאַרן אין בעסאַראַביע), און פאַרענדיקט מיט אַ שפּעטן באַזוך אין מדינת־ישׂראל, װאָס האָט געפירט צו זײַן אומקער אַהין, װוּ ער האָט, בעצם, אָנגעהויבן.

ג

צװײטנס — דער מחבר רעפּרעזענטירט אַ באַזונדערע מדרגה אין אַנט־װיקל פון ייִדישן טעאַטער־שפּיל, און דאָס איז אויך קאָנטיק אין זײַנע זכרונות. דען, בדרך כּלל, לאָזן זיך די זכרונות פון אַקטיאָרן, בערך אַזױ אײַנטײלן: זכרונות פון הויכװערטיקע שפּילערס אין אַ מינדערװערטיקן רעפּערטואַר, זכרונות פון מינדערװערטיקע שפּילער אין אַ הויכװערטיקן רעפּערטואַר, זכרונות פון אַ װערטיקן שפּילער אין אַ װערטיקן רעפּערטואַר.

דער ערשטער טיפּ — זענען שפּילערס, װאָס זײער טאַלאַנט איז איבערגעװאַקסן די פּרימיטיװע מדרגה פון ייִדישן טעאַטער און דראַמע: די מעלאָדראַמע װאָס איז מיט דער צײַט מגולגל געװאָרן אין צװײ מסוכּנע

גלגולים — קיטש און שונד — און די דיסקרעפּאַנציע צווישן דער הויך פון שפּיל און דער נידער פון זיין סובסטראַט, און וואָס וואָלט באַדאַרפט, צו טרייבן, און האָט אויך געטריבן, צו אַ העכערן ניוואָ פון דער דראַמע, האָט אָבער אויך געפירט צום היפּוך — די הויך פון שפּיל האָט פאַרשטעלט אָדער פאַרמאַסקירט דעם נידער פון סובסטראַט.

דער צווייטער טיפּ — זענען שפּילערס וואָס האָבן בשותּפות מיט דער שאַפערישער דראַמאַטישער ליטעראַטור אין דער פאַרענטפערלעכער קריטיק, אויסגעגליכן דעם ווידעראַנאַנד צווישן הויכן שפּיל און נידעריקן סובסטראַט, געבויט דעם רעפּערטואַר אויף דער קינסטלערישער דראַמע, דער אָריגינאַלער און איבערגעזעצטער, און אַזוי אַרום געשאַפן די קולמינאַציע־פּונקטן פון יידישן קינסטלערישן טעאַטער. דער דריטער טיפּ — זענען שפּילערס, וואָס האָבן געשטרעבט און האָבן דערגרייכט אַ נאָרמאַלן אויסגלייך, און אַפילו אַ האַרמאָניע, צווישן שפּיל און סובסטראַט, און זיי, בעצם, האָבן דאָס, אין צוזאַמענשפּיל פון פאַרמעסט און דערגרייך, בעיקר, דערצויגן דעם עולם צו אַ קינסטלעריש באַדערפעניש אין אַ קינסטלערישן טעם, זיי האָבן עס געשאַפן די נאָרמע, פון וועלכער מען דאַרף אַרויף אָבער מען טאָר נישט אַראָפּ. פאַר אונדזער מחבר, וואָס איז ממש אַן עקזעמפּלאַרישע ראיה פאַרן באַשטאַנד און דער באַשטאַנדיקייט פון אָט דעם טיפּ, איז דער ענין פון אויסגלייך צווישן דער ווערטיקייט פון שפּיל און ווערטיקייט פון סובסטראַט, ווי אַן עיקר־פּראָבלעם, און דער אָפּשאַץ פון טאַלענט, אין זיין קינסטלעריש־באַפרידיקנדיקער נאָרמע און דער אָפּשאַץ פון רעפּערטואַר אין זיין קינסטלעריש באַפרידיקנדיקער נאָרמע, זענען דאָ אַ שטענדיקע פאָדערונג, לגבי זיך אַליין און לגבי זיין מיליע, און ער האָט זי אויך, ענערגיש און ערלעך, להלכה ולמעשה, מקיים געוועזן. און דאָס האָט נישט געהערט צו די לייכטע זאַכן — דאָ האָט זיך דאָך געהאַנדלט אין דער שווערסטער אויפגאַב — טעאַטער נישט ווי אַ לאַקעטקע פאַר אַ פּער — ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים ערשטן טיפּ, אָדער פאַר אַן עליטע, ווי מיר האָבן עס צו טאָן ביים צווייטן טיפּ, דאָ האַנדלט זיך אין טעאַטער, ווי דאָס טעגלעכע ברויט פון דעם גרויסן עולם. וואָס פאַר אַ מוטשעניגע דאָס איז — קאָן מען נאָכלייענען אין כמה וכמה קאַפּיטלען פון אונדזער בוך.

ד

דריטנס — דער ענין פֿאַרשאַרפֿט זיך נאָך מחמת די באַזונדערע אומשטאַנדן פֿון רעזשים, די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־דיקטאַטור אין אירע זיך בײַטנדיקע גענעראַל־ליניעס, וואָס אַ טעאַטער האָט זיי נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט, אויסווײַכן, און אונדזער מחבר האָט זיך, צום ערשט מיט מער און שפּעטער מיט ווייניקער התלהבות, אין די ליניעס באַוויגן, אַ סימן — ער אַקטיוויזירט נישט איין מאָל, ווי אַ לעגיטים קאַמף־מיטל, דעם חשד און די באַשולדיקונג אין לאָיאַליטעט־חשד לגבי דעם הערשנדיקן סיסטעם און זײַנע פּרינציפּן.

ווער עס וועט נאָכגיין די סטאַציעס פֿון דער דאָזיקער אַקטיוויזאַציע, וועט לייכט באַמערקן, אַז פֿאַראַן אַ שטאַרקער חילוק צווישן פֿריִער און שפּעטער — דען פֿריִער, ווען די אמונה אין דער רעוואָלוציע און איר גאַנג ברענט נאָך היפּש, גייט דער ענין לאָיאַליטעט־פֿאָדערונג אויף דער ליניע פֿון כּלל־סאָוויעטישער קולטור־פּאָליטיק און איר סטראַטעגיע, אָבער שפּעטער, ווען די דאָזיקע אמונה האָט זיך אַלץ מער אויסגעלאָשן, גייט דער ענין לאָיאַליטעט־פֿאָדערונג אויף דער ליניע פֿון ספּעציאַל־ייִדישער נאַציאָנאַל־פּאָליטיק אין איר טאַקטיק.

אמת, דער געראַנגל וועגן עצם קיום, סטאַטוס און ניוואָ פֿון אַ ייִדיש טעאַטער, ווי אַ בולטער קולטור־אינסטרומענט פֿון אַן עקסטעריטאָריאַלן מיעוט אין אַ מדינה, וואָס איז געבויט אויף טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע רעפּובליקעס, איז פֿון אָנהייב אָן געווען אַ שווערער, סײַ אין דער צײַט פֿון דער יעווסעקציע און סײַ נאָך איר ליקווידאַציע, לא־כּל־שכּן נאָך שפּעטער, ווען די בהדרגהדיקע ליקווידאַציע פֿון דעם וואָס מען האָט גערופֿן סאָוועטישייִדישע קולטור, האָט אונטערגעבראַכט די ייִדישע שולן, קאַטעדרעס, צייטונגען, און האָט נאָכן ברוטאַלן אַקט פֿון אויסהרגענען דאָס שײַנדל פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט, איבערגעלאָזט אַ זכר־לחורבן, אָדער זכר־לטיט, אין אַ פֿאָרעם פֿון אַ סערווילן זשורנאַל, און אין דעם גערעאַנגל זעען מיר אונדזער מחבר, אין ליכט פֿון זײַנע זכרונות, ווי אַ שטענדיק אַקטיוון קעמפֿער, איז אַ גוואַלדיקער חילוק צווישן פֿריִער און שפּעטער, נישט אין דער דיאַלעקטיק פֿון דעם אַנטוויקל־גאַנג וואָס זיין אָנהייב, דער פֿריִערער אומברענג פֿון דער העברעיִש־קולטור, האָט שוין ממילא איינגעשלאָסן אין זיך דעם שפּעטערן אומברענג פֿון דער ייִדיש־קולטור, פּונקט ווי דער גרונטיקער אויסראָט פֿון וואָרצלען ברענגט צום סוקצעסיוון אויסראָט פֿון איבעריקן געוויקס, נאָר אין דעם פֿאַרשטאַנדעניש לגבי דער שוידערלעכער דיאַלעקטיק. עס איז נישט מער סטראַטעגיע, וואָס ווערט

אַנגעווענדט אין די פריִערע צייטן, ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לעניניִשער קאָנסטיטוציע וואָס אָסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כּדי צו פאַרהיטן פאַר־רעוואָלוציאָנערע רעצעדיוון.

עס איז בלויז טאַקטיק, וואָס ווערט אַנגעווענדט אין שפּעטערע צייטן, ווען מען פאַררופט זיך אויף דער לעניניִשער קאָנסטיטוציע, וואָס אָסרט נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע, כּדי צו מיטיגירן אַ נאָך־רעוואָלוציאָנערע נאָרמע. עס איז, בעצם, אַ מין צוריקגאַנג צום יידישן שתּדלנות, ווי מיר האָבן זי געהאַט דורות־לאַנג, פון אַ ר׳ יאָסל איש ראָסהיים ביז אַ ר׳ משה מאָנטעפיאָרע. ווי אַזוי דאָס שתּדלנות זעט אויס — דערציילן די בלעטער פון די זכרונות וואָס ליגן איצט פאַר אונדז. עס איז מער צו שטוינען ווי דער מחבר איז נישט מיד געוואָרן, און געהאַלטן אין איין פאָרן און קלאַפּן אין כּלערליי טירן און אַנטישאַמברירן אין כּלערליי אַמטן, און נישט צורו געלאָזט, ביז מען האָט אים אויסגעהערט, און ווי ביטער עס איז אים אָנגעקומען עפּעס צו פועלן, און דאָס ווייסנדיק, אַז די פּעולה וועט נישט בטל מאַכן דעם כּלל־גזר, נאָר העכסטנס אָפּרופן אַ פּרט־גזירה.

ווי ווייט אויך דאָס האָט אַ חשיבות, לערנען מיר אָפּ דערפון, אַז מען האָט פּאָרט פּרט־גזירות אָפּגערופן, און דאָס יידישע וואָרט איז נישט פאַר־שטומט געוואָרן, און צו מאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ קלייניקייט איז געוואָרן אַ גרויסיקייט.

אָט האַלטן מיר שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון יידישן טעאַטער, ווען דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט איז געצוווּנגען זיך בעל־כּורחו צו באַ־נוגענען מיט אַ מינימום — געזאַנג פון פאָלקליד און רעציטאַציע פון ליטעראַטור־טעקסט. אויך דאָס צו פועלן איז אָנגעקומען מיט גרינער גאַל, און די ממונים, וואָס האָבן עס צוגעוואָרפן ווי אַ ביין, האָבן ווייט נישט געוווּסט, אַז די דאָזיקע קאָנצערטן, וווּ נחמה ליפשיץ האָט געזונגען און מאיר ברוידאָ האָט רעציטירט, וועלן זיין איינער פון די וואָגיקע אויפ־טאַקטן פון יידיש־נאַציאָנאַלן ווידער־אויפוועק פון מאַסן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַ ווידער־אויפוועק, וואָס האָט דעם געקרעמפּעוועטן קאָנאַר צוריקגעפירט צו זיין בוים און זיינע וואָרצלען, אַזוי אַז דער גאַנג פון יחידים, ווי עס איז געווען דאָס קאָנצערט־פּאָרל, איז אַ רמז אויפן גאַנג פון אַ רבים, ווי עס באַווייזט די עליה־כוואַליע אין אונדזער לאַנד אַריין.

ה

דער מחבר דערציילט אונדז וועגן אַ סך ענינים, וואָס זענען קאַפּיטלען, אָדער, לפּחות, דעטאַלן אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ממילא דערציילט ער אונדז וועגן אַ סך פּאַרשוינען, זייער כאַראַקטער, ווערט און ראָל אין די טרופּעס, ווו ער גופא האָט אָנטייל גענומען, און מיר לייענען עס מיט אינטערעס, שוין מחמת דעם, וואָס, בדרך כלל, האָבן מיר וועגן דעם אַלעמען נישט פאַרמאָגט קיין איבעריק גרויסע אינפאָרמאַציע, ווייל אויב עס האָבן אונדז נאָך דערגרייכט ידיעות וועגן די שפּיצן פון טעאַטער, און מיר האָבן צו מאָל אַפילו געהאַט שעת־כּושר זיי צו זען, ביי זייערע גאַסטראָלן מחוץ לרוסלאַנד, זענען די ידיעות וועגן גוטן נאָרמאַלן טעאַטער געווען זעלטענע, אַזוי אַז מיר האָבן בערך געוווּסט ווי זעט אויס דער ייִדישער טעאַטראַלער שבת און יום־טוב און נישט געוווּסט ווי זעט אויס דער ייִדישער טעאַטראַלער ערב־שבת (דראַמאַטישע שולן, סטודיעס) און וואָכנגאַנג (טרופּעס). אַוודאי געדענקען מיר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ בוך פון אַ מעמואַריסט, מיט זיינע נאַטירלעכע אינטימיטעטן און סוביעקטיוויטעטן, און נישט אַ פאָרשונג פון אַ היסטאָרישן סדר, אַזוי אַז דער מחבר, ווי ווייט ער זאָל זיך נישט געווען משתדל זיין אָביעקטיוו צו זיין, לאָזט נאָך, אין אַפּזאַץ פון געשעענישן און בעיקר פון פאַרשוינען, איבער אַ פּלאַץ פאַרן באַקאַנטן לאַטיינישן כּלל: זאָל אויך דער אַנדערער צד אויסגעהערט ווערן, אָבער דער היסטאָריקער וועט אים דאַנקען פאַר זיין באַמי זיין לעבן און אַרום צו דערציילן, פּונקט ווי עס דאַנקט אים דער לייענער, וואָס וועט זיך פרייען צו דערקענען אָדער דערמאָנען אַ שטיק ייִדישע קולטור־יבשה.

און צום סוף אַ באַמערק: דער מחבר דערציילט, אין ערשטן קאַפּיטל פון בוך, וועגן זיין אָפּשטאַם, און רעדט, אַ קאָפּ איראָניש, וועגן זיינס אַ זיידן, וואָס האָט שבת גערעדט לשון־קודש, און האָט זיך, אויף דער עלטער, געלאָזט, מיט פערד און וואָגן, קיין ארץ־ישראל און איז קוים דערפאָרן אין מיין געבוירן־שטאָט, בראָד. דוכט זיך מיר, אַז דאָס אייניקל האָט געמעגט מוותּר זיין אויף דער איראָניע. עס איז דאָך פאָרט מעגלעך, אַז אין זכות פון דעם און אַנדערע זיידעס, זענען מיר געפאָרן און דערפאָרן אַהער, און וואָס שייך דעם מחבר, איז פאָרט מעגלעך, אַז יענער זיידע האָט עס גורם געווען, וואָס דאָס שייכות פון אייניקל צו אונדז איז באַשיינפערלעך ראשית כּאחרית.

(סיון תשל״ג)

צווישן ווינטן, ווערבע און שטיינער

וועגן מנוחה ראָם

א

ווי אַ ייִד, וואָס ווערט, פֿון מאָל צו מאָל, פֿאַרבעטן צו זײַן אַ בעל־קורא, און ער איז פֿריִער לייטיש מעביר די סדרה, שנים מקרא ואחד תּרגום, ער זאָל זיך נישט טועה זײַן אין טראָפּ, אַזוי האָב איך פֿאַרגרייט אויף אַ טאָפּל־געהאַלטענעם שיעור וועגן דער דערציילערין מנוחה ראָם (רבקה וואַלדמאַן), — סײַ צום שיעור בעל־פּה, פֿאַר אַן עולם צוהערערס אין היכל־שלמה אין ירושלים, סײַ צום שיעור בכתב, פֿאַרן עולם לייענערס. ווי יענער ייִד, האָב איך מיך נישט סומך געווען אויף דעם, וואָס מען איז, יאָרן־לאַנג, וואָך־וואָך, מעביר די סדרה, און מען קען זי כּמעט אויסנווייניק, נאָר איך האָב זיך, להבדיל בין קודש לחול, נוהג געווען, ווי יעדע פּרשה איז, בעצם מחייב — זי צו זען ווי אַ כּולו חידוש. און כּדי אַריבער פֿון משל צום נימשל, דורכגעלייענט פֿון ס׳נײַ די פֿיר ביכער: ווײַטער פֿון טראַקט (פּאַריז 1961), ווינטן (בוענאָס־איירעס 1964), אַרום דער ווערבע (תּל־אביב 1970), שטיינער (כּנ״ל 1981), דערצו נאָך די פּובליקירטע פֿראַגמענטן פֿון ראָמאַן בער יאַדלער, וואָס דאַרף בקרוב אַרויס; אויך דורכגעלייענט פֿון ס׳נײַ, וואָס די קריטיק האָט וועגן איר איבער גאָר דער וועלט געשריבן, און כּדי צו פֿאַרשטיין איר אָפּשטאַם און גענעזע, דורכגעשטודירט דעם גרויסן באַנד וועגן דער קהילה ווו זי — פֿון דער היים: רבקה מירסקי — איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן — פּינקס זשעטל (תּל־אביב 1957) און אַלץ, ברוך־השם, וויד דאַשקע דאָ דאַשקע, כּדי בודק צו זײַן, ווי ווײַט איך האָב מיך נישט טועה געווען, ווען איך האָב, דורכלייענענדיק איר צומערשט פּובליקירטע זאַך אין פּראָזע, וואָס איז פֿאַר מיר געווען די ערשטע קאָנטשאַפּט מיט איר שרײַבן — משמע איר דערציילונג ווײַטער פֿון טראַקט, וועגן וועלכער איך האָב אין אַ בריוו געשריבן, אַזוי צו זאָגן: „אַנומלט האָב איך באַקומען אַ נאָוועלע פֿון מנוחה ראָם — זי קען אויסגעצייכנט שרײַבן. עס איז אַ נאָוועלע מיט הענט און מיט פֿיס. זי איז בעסער ווי עס האָבן זי אָפּגעשאַצט אירע לויבערס. פּראָזע־שרײַבערינס זענען נאָך אַלץ אַ נאָווינע — אַפֿילו נאָך פֿראַדל שטאָק און דבורה באַראָן״. די דאַטע פֿון מײַן בריוו־

ציטאַט איז י״א שבט תשכ״ב, משמע אַז ער איז געשריבן מיט מער ווי איין און צוואַנציק יאָר צוריק, און עס בעטן זיך עטלעכע ביאורים.

ב

יאָ, איידער איך האָב עפּעס געלייענט פון מנוחה ראַם, האָב איך גע־לייענט וועגן איר. עס איז געווען אַ לענגערע נאָטיץ פון שלמה ביקל, וועגן אַ פּרעמיע וואָס אַ ליבהאָבער האָט געגרינדעט אין פּאַריז אויפן נאָמען פון יוסף אָפּאַטאָשו, און וואָס זיין ערשטע זשורי (1955) איז באַשטאַנען פון אַברהם זאַק אין בוענאָס־איירעס, מאַנעס שפּערבער אין פּאַריז און שלמה ביקל אין ניו־יאָרק, און האָט די פּרעמיע צוגעטיילט צו מנוחה ראַם פאַר איר דערציילונג ווינטן און משה יונגמאַן, פאַר זיין לידער־ציקל ווייַסע טויערן. ער, שלמה ביקל, וואָס ברענגט אויך בקיצור דעם תּוכן פון דער דערציילונג, באַמערקט, אַז זי האָט נישט קיין פאַבולע און נישט קיין דער־ציילערישן פאָדעם, וואָס זאָל פאַרבינדן די באַשריבענע געשטאַלטן פון אָנהייב ביז עק, און נישט קיין צענטראַל־געשטאַלט, וואָס זאָל אַרום זיך קאָנצענטרירן די איבעריקע; און די צוויי נפשות, וואָס וואָלטן געטויגט דערצו, אויב זייער קוים־קוים נישט־עפּיזאָדאַלע באַגעגעניש, וואָלט געוואָרן אַ ממשדיקער ראָמאַן, קומען נישט און קענען נישט קומען דערצו. אָבער וואָס מיר האָבן דאָ יאָ — איז אַ געזעמל שיין און וואַרעם פּאָרטרעטירטע מענטשן, וואָס לעבן אין אַ מין מענטאַליטעט, וועגן וועלכער עס לאָזט זיך פרעגן: וואָס קען זיין שרייַיִקער פון שטילקייט און וואָס קען זיין ברויזיקער פון שטומקייט. אויב סומירן ביקלס חשבון, וואָס איז בעצם דער ערשטער אָפּרוף אין אַ גרעסערן רשות־הרבים, איז ער אַ געגנוג פּאַראַדאָקסאַלער: אַ זשמעניע חסרונות און אַ לויט מעלות, אָבער דער לויט וועגט איבער די זשמעניע. אַ סימן האָסטו: דער פּסק־דין פון דער זשורי. אָבער די עצם קריטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוטע זעקס יאָר שפּעטער — ווען עס איז אַרויס דאָס דערמאָנטע העפטל פון דער מיניאַטור־ביבליאָטעק, און עס איז נישט געווען דאָס קאַפּיטל, וואָס עס איז געווען פאַר דער זשורי: ווינטן, נאָר דאָס קאַפּיטל ווייַטער פון טראַקט, וואָס איז שפּעטער אַריין אין בוך וואָס הייסט טאַקע ווינטן.

יאָ, מיטן העפטל ווייַטער פון טראַקט הייבט זיך, בעצם, אָן דער קריטי־שער אויפמערק אויף אונדזער פּראָזאַיִקערין און ערשט לוסטרירנדיק די אָפּרופן, קען מען מפרש זיין וואָס איך האָב שוין אויפן סמך פון העפטל

געהאַלטן, אַז עס האָט הענט און פיס און איז בעסער פון דעם, וואָס עס האָבן געזאָגט די לויבערס. וואָס שייך די לויבערס, וואָלט איך באַדאַרפט אָנהייבן מיט באָרווין פּרענקל, און נישט בלויז ווייל ער איז דער ערשטער (אונדזער שטימע 3-4 אַפּריל 1961), נאָר אויך ווייל ער האָט שפּעטער באַגלייט יעדעס בוך פון דער מחברין.

אָבער איך וויל אַרויסהייבן יהושע ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז געווען אַ מין בית־שמאַי אין אונדזער קריטיק, און ס׳איז אים לייכטער געווען אויסצו־רייסן דרײַ ציין פון מויל, איידער זאָגן אַ שבח. אָבער אויב איך בין נישט תּמיד נתפּעל געוואָרן פון זיין ניין — און אין צוויי בולטע פאַלן, ווי אַהרן צייטלין און יחיאל האָפער, וואָס ער האָט פון זיי געמאַכט אַש און פּאָרעך, האָב איך שאַרף פּאָלעמיזירט — האָב איך אָבער געהאַלטן פון זיין בפירושן יאָ, בפרט לגבי יונגע און נײַע טאַלאַנטן. ער האָט עס אין זיין רובריק „אין פינטל אַריין" (אויסטראַליער ייִדישע פּאָסט, 28סטן יולי 1961): „עס איז אַ גוט ביכל, מיט שפּאָרע סימנים פון טאַלאַנט, וואָס גיט האָפענונגען אויף אַנטוויקלונג". ער שטרייכט אונטער דעם כּוח צו צייכענען טיפּן דורך אַ קליינעם דיאַלאָג און סומירט: „אויב מנוחה ראָם וועט זיך אַנטוויקלען לויט די ליניעס פון דערמאָנטן ביכעלע אירן, וועט זי אויסוואַקסן צו אַ פּאָזיציע אין דער ליטעראַטור פון אונדזערע גאָר ייִנגערע, די אַריינגע־קומענע אין די פופציקער יאָרן". פאַרשטייט זיך, אַז פאַר מיר, וואָס האָט פאַר זיך געזען אַ נאָוועלע, וואָס האָט הענט און פיס, זענען ראַפּאָפּאָרטס תּנאים: אויב... לויט.. וועט זי... געווען איבעריק, און היינט וואָלט איך צוגעגעבן: ווען עס איז אַרויס ווײַטער פון טראַקט, איז שוין געווען ווינטן און ווי געזאָגט, לפּחות דרײַ שופטים האָבן עס שוין געהאָט געלייענט און די דערציילערין איז געשטאַנען אין איר פיר און פערציקסטן לעבנסיאָר, אַזוי אַז די דעפיניציע: פון אונדזערע גאָר ייִנגערע, איז נישט געווען פון די געראָטנסטע.

ג

די קשיא וואָס האָט יהושע ראַפּאָפּאָרט געדאַרפט אָנקומען צו די תּנאים, לאָזט זיך פאַרענטפערן אין ליכט, אָדער אין שאָטן, פון די אַנדערע לויבערס. איך זאָג אַזוי, ווייל דאָס ליכט פון די פּאָזיטיווע אָפּשאַצן, באַגלייט דער שאָטן פון רעזערוואַציעס, און די פּראָפּאָרציע צווישן זיי איז כּמעט ווי אין ערשטן זשורי־אָפּשאַץ פון ביקלען. אָט זענען דוגמאות וועגן ווײַטער

פון טראַקט: **אויב באַרווין פרענקל** (אונדזער שטימע, 3־4 יוני 1961) רעדט וועגן שוואַכקייטן וועלכע דערקלערן זיך מיטן יונגן עלטער פון מחבר, הייבט אָבער אַרויס די שפּאַרעוודיקע מליצה־פרייַע שפּראַך, דאָס יכולת פון מאָלן די נאַטור און באַשרייבן דעם שטייגער פון אַ סיבירער קאָלכאָז, וואָס באַ־שטייט פון פּשוטע מענטשן, וועלכע בייגן זיך פּאַטאַליסטיש אונטערן עול פון זייער האַמעטנעם גורל, קומט אויך **יוסף אַקרוטני** (אונדזער וועג, 23סטן סעפּטעמבער 1961) און לויבט דעם כּוח פון דורכדרינגלעכער אָבסערוואַציע און דעם חוש צו אַ פּסיכאָלאָגיש געמעל ביים אויפבוי פון פאַרשיידענע דעטאַלן, האַלט אָבער, אַז עפּעס איז דאָ, אין גרונט, פאַרטושט — דאָס איז די וועדקלעכקייט פון סאָוועטישן רעזשים, וואָס שאַפט אַ שטייגער ווו ס׳איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט פון אַ קינדהייט. די טענה וועט זיך נאָך שפּעטער איבערחזרן לגבי אַנדערע ביכער, אָבער דאַכט זיך, אַז דאָ פאַרהעלפט דער מאמר פון **מלך ראַוויטש** אין זיין רובריק מיטן אונטערקעפּל „רעצענזיעס בצימצום״ (קענעדער אָדלער, 20 נאָוועמבער 1961) — ער זעט אין דעם אַכציק־זייטיקן העפטל אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע פון אסתּר (סטערע), וואָס איז אפשר דער פּראָטאָטיפּ פון דער שרייבערין, וועלכע איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין יענעם פאַטאַליסטישן דאָרף אַריין, אָבער איז ווייט פון צו זיין מעמואַריסטיק, און איז גיכער אַ סיפּור וועגן אַ ליידנדיקן, הונגעריקן און אַרבעטנדיקן דאָרף, וואָס האַלט, פיזיש און מאָראַליש, אויס די אַלטעגלעכע יסורים, אַ סיפּור אָן אַן אינדיווידואַלן גיבור (אַ קאַנדידאַטקע דערצו וואָלט אפשר געווען די טראַגיש אומגעקומענע נאַדזשקע), און זיינע וואַלאָרן באַ־שטייען בעיקר אין קינסטלערישן, בצימצומדיקן, מוזיקאַלן צוגאַנג און אויס־פיר. וואָס שייך ליטעראַרישער השפּעה, גייט זי לויט ראַוויטש פון בערגעל־סאָן און קיפּניס, לויט אַנדערע פון קולבאַק, אָבער מיר הערן נישט וואָס, ווי און ווו זענען אירע סימנים.

ד

איך האָב מיך בכּיוון אָפּגעשטעלט אויף די ערשטע אָפּרופן, כּדי צו דערקלערן, פון וואַנען איז געגאַנגען מיין רעזערוואַציע לגבי זייערע אָפענע אָדער באַהאַלטענע רעזערוואַציעס — עס איז דער חילוק אין באַנעם און דעפיניציע פון דער נאָוועלע ווי אַ זשאַנער, בעיקר אין פאַרגלייך מיטן ראָ־מאַן. אַז מען קוקט זיך איין אין די געבראַכטע אָפּשאַצן, וואָס האָבן אויך אַ המשך אין די קריטיקן פון שפּעטערע ביכער, זעט מען אַז זיי, די קריטי־

קערס, האָבן פֿאַר זיך אַ מין סכעמע פֿון דער נאָוועלע, ווי עס פֿאָדערט זיך בעצם אַ קאָנדענסירטער ראָמאַן, און איך האָב מיך שוין אויף דעם פּראָבלעם אָפּגעשטעלט, סיי להלכה, סיי למעשׂה — אין מיינס אַן אַרטיקל: „צווישן ראָמאַן און נאָוועלע" (אַריין אין מיין בוך: „אורחות ושבילים", באַנד 2, 1978, זז' 210־211), ווו איך שטעל מיך אָפּ אויף די חילוקי־דעות צווישן יעקב פֿיכמאַן, וואָס האַלט ,אַז דער קינסטלערישער ווערט צווישן די ביידע זשאַנערס איז אַ פֿאַרשיידענער, און די נאָוועלע איז בילעכער, און אַברהם קריב, וואָס האַלט, אַז דער אופֿן באַהאַנדל, אין דער ברייט און דער טיף, פֿון מענטש און זיין גורל איז אַ פֿאַרשיידענער און דער ראָמאַן איז בילעכער, און צבֿי וואָיסלאַווסקי ווייטער, וואָס באַלייכט פֿילאָסאָפֿיש און סאָציאָלאָגיש די פֿאַרשיידנקייט, ווייזט אָן אויף פֿאַרשיידענע וואַקספּראָצעסן, וואָס צײַטיקן אויס פֿאַרשיידענע געוויקסן. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן מיט דרײַ טעאָרעטישע קאָנסטרוקציעס, ווען איך האָב געפּרוּווט די מחיצה צווישן ראָמאַן און נאָוועלע צו זען נישט אין דער שאַפֿונג, וואָס איז די פּרי, נײַערט אין שאַפֿער, וואָס איז דער שורש.

איך האָב מיך דערמאָנט מיינע ערשטע יוגנטלעכע באַגעגענישן מיט דער וועלט פֿון פּראָזע, און נישט געוווּסט, וואָס בעצם, קען מען טאָן מיט באָלעסלאַוו פּרוס, וואָס האָט געגעבן ראָמאַנען ווי פּרעה, ליאַלקעס, פּלאַצוווקע און נאָוועלעס ווי „דאָס וועסטל", „מיכאַלקאַ", „אַנטעק"; און מיט הענריק שענקעוויטש, וואָס האָט געגעבן ראָמאַנען ווי די טרילאָגיע, און קוואָ וואַדיס און משפּחה פּאָלאַניעצקי, און נאָוועלעס ווי „יאַנקאָ מוזיקאַנט", „באַרטעק דער זיגער", „דער לאַמטערניק"; אָדער עליזע אָזשעשקאָ, וואָס האָט געגעבן אַ ראָמאַן ווי מאיר עזאָפּאָוויטש און אַ נאָוועלע ווי „די באָבע" — און ווען איך האָב דאָס אַלץ געלייענט, האָב איך געהאַט אַ געפֿיל פֿון אַן אַחדות אין שורש, דעם שורש פֿון באַזונדערן שאַפֿער. און דאָס געפֿיל האָט מיך שפּעטער באַגלייט אויך ביי פּראָזאַיִקערס פֿון אַנדערע ליטעראַטורן, און אונדזערע דאַרונטער. און וואָס האָט מיר געהאָלפֿן די אָדער יענע טעאָריע, וואָס האָט מיר געהייסן פֿונאַנדערטיילן און זוכן פֿאַרשיידענע מקורים פֿאַר די ביידע זשאַנערן ביי דעם זעלבן מײַסטער, ווען איך האָב עס באיין־אופֿן נישט געקענט טאָן, אַפֿילו ווען איך האָב געלייענט דעם מייסטער פֿון די ראָמאַניסטן, אָנאָרע באַלזאַק, וואָס האָט געגעבן פֿון איין זייט פּער גוריאָ און פֿון דער אַנדערער זייט גאָבסעק. און איך דערמאָן זיי בכּוונה, ווייל אַברהם קריב זעט נאָר דעם ראָמאַניסט ווי איינעם וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן גיבור אין מיטן וועג און לאָזט אים איבער אין מיטן וועג, און דאָ האָבן מיר דאָך אַ בפֿירושע דוגמא, און דווקא ביי באַלזאַק, וואָס ווערט אַנידערגעשטעלט ווי אַ שם־דבר פֿאַר אַזאַ שלמות־

דיקן באַהאַנדל — און ביי אים קריגט דאָך די געשטאַלט פון אַלטן וואָכער־ניק גאָבסעק אין ראָמאַן אַ שטיפּמאַמעשן, בלויז עפּיזאָדאַלן באַהאַנדל, בשעת אין דער נאָוועלע איז ער אַ פולער כל־ולך. דאָס גלייכן ווען איך לייען ביי לעוו טאָלסטאָי סיי אַנאַ קאַרענינאַ סיי „דער טויט פון איוואַן איליטש״, אָדער ביי פ. דאָסטאָיעווסקי סיי זינד און שטראָף, סיי „דער שפּילער״, אָדער ביי טאָמאַס מאַן סיי די בודנבראָקס סיי „דער טויט אין ווענעדיג״, אָדער ביי יעקב וואַסערמאַן סיי די יידן אין צירנדאָרף סיי „דער גאָלדשפּיגל״, און ביי אונדז, ביי י. ח. ברענער, סיי שכול וכשלון, סיי „המוצא״, אָדער ביי ש״י עגנון סיי אַ פּשוטע מעשׂה, סיי „עובדיה בעל מום״, אָדער ביי אשר באַראַש סיי אַ פרעמדע ליבע, סיי „ליבנדיקע שטעט״, אָדער ביי חיים הזז סיי בישוב של יער סיי „שלולית גנוזה״, אָדער ביי אַהרן ראובני סיי האניות האחרונות, סיי „ליד הקיר״ (אַגב, ווען איך האָב דאָס געשריבן, האָב איך געוווּסט אַז די נאָוועלע האָט פאַרהעברעיִשט י. ח. ברענער, האָב אָבער נישט געוווּסט וואָס לייב פּילאָווסקי האָט אויסגעפונען, אַז אויך דער ראָמאַן און אַנדערע ראָמאַנען זענען גרונטיק געשריבן יידיש און אַנדערע, בעיקר דב קמחי, אָדער ראובני אַליין, האָבן עס פאַרהעברעיִשט).

ה

דאַכט זיך אַז מיין קוקווינקל אויפן שאַפערישן פּאָרל — ראָמאַן און נאָוועלע, איז קליפּ און קלאָר, פונדעסן בין איך פון אים אָפּגעקומען, און בעיקר האָט עס גורם געווען אַ שרייבער, וואָס האָט טאַקע אָפּערירט מיט ביידע — יוסף אָפּאַטאָשו, דען כאָטש עס וואָלט זיך, אויך לגבי אים, דאָס פון מיר געבראַכטע געלאָזט איבערחזרן: פון איין זייט פּוילישע וועלדער, פון דער אַנדערער זייט „ביי דער גרענעץ״ וכדומה, צווינגט אָבער אַ לייטיש אַריינלייענען זיך אין זיינע נאָוועלן, סקיצן, קורץ־מעשׂיות, מבחין צו זיין אַ מין צוויי־סאָרטיקייט: איין סאָרט, וואָס האָט זיך גרונטיק נישט אונטער־געשיידט פון זיין ווייטן, היסטאָרישן און זיין נאָענטן, אַקטועלן ראָמאַן, עס איז דאָ אַ קירצערע און דאָרטן אַ לענגערע ליניע. דער אַנדערער סאָרט ווייטער, טראָגט אַ בפירושן עקסיסטענציאַליסטישן כאַראַקטער, אַזוי אַז עס פרעגט זיך, צי דער שרייבער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דעם תּהומיקן חילוק, ווי עס האָט זיך אָפּגעגעבן דער בעיקר עלנטערער לייענער זיינער.

אַזוי האָט מיר אַ מאָל מלך ראַוויטש דערציילט, אַז ער פלעגט זיין

מאַמען, מרת הינדע בערגנער, צושיקן אַפּאַטאָשוס קורץ־דערציילונגען, האָט זי אים געשריבן, אַז זי לייענט וואָס ער שיקט איר, אָבער ווייסט נישט, צי ער, אַפּאַטאָשו, אָדער זי, די לייענערין, איז אין דער מיטן אַנטשלאָפֿן געוואָרן. איך האָב אים דערויף געענטפֿערט, אַז עס איז אַ טיפּישע רעאַקציע פֿון אַ לייענער, וואָס כאַפּט זיך נישט אויפֿן חילוק צווישן דעם עלטערן, מאָדערנעם, און ייִנגערן, מאָדערניסטישן צוגאַנג צו וועלט, מענטש, געשעעניש. אַגב, ווען איך האָב פֿאַרהעברעיִשט הונדערט און איינס נאָוועלעס פֿון אַפּאַטאָשו און זיי אַרויסגעגעבן (1955), האָב איך געלאָזט אים אַליין מאַכן דעם אָפּקלייב, און ער האָט, בעצם, אַריינגענומען, בעיקר אָדער כּמעט דעם ערשטן סאָרט, און ווי איבערגעהיפּערט דעם אַנדערן סאָרט פֿון זיין נאָוועלע, און איך קען נישט אַנטשיידן, וויפֿל עס האָט דאַרינען געשטעקט באַוווּסטזיין, פּלאַן, פּראָגראַם, כאָטש בשעתן מאַכן דעם אָפּקלייב, האָט ער פֿאַקטיש געשטעקט אין עצם שרייבפּראָצעס פֿון זיין אַנדערן סאָרט.

ו

נאָך דעם זייטיקן, אָבער בכּיוונדיקן דיגרעסיע־שפּאַציר, קער איך מיך אום צו אונדזער דערציילערין און איר ווינטן, ווי אַ בוך, און די אָפּרופֿן דערויף. ווי עס האָט שוין דערלויבט די ברייטערע, כאָטש אַלץ שפּאָרעוודיקע קאַנווע — מיר האָבן, ווי שוין אָנגעוווּנקען, ווידער באַרווין פּרענקל (אונדזער שטימע, 18 יאַנואַר 1965) וואָס דווקא ער, ווי אַ פֿריינד, קווענקלט זיך צווישן אַ חשש צו זיין צו ווייניק אָביעקטיוו און אַ חשש דעם חסרון אויסצוגלייכן דורך אַ גוזמהדיקן אָנווייז אויף חסרונות, אָבער למעשה באַמערקט זיך דאָ, אַז די מחברין האָט אויפֿן שער־בלעטל נישט באַשטימט צי דאָס בוך איז אַ דערציילונג, אַ נאָוועלע, אַ ראָמאַן, אַ מעמואַר, אָבער, בעצם, איז עס אַ צווייטראַנגיקע קשיא און למעשה נעמט עס אַרום עטלעכע זשאַנערן — דערונטער זכרונות, וואָס מיידן אויס דעם באַנוץ מיט דעם ערשטן פּאַרשוין, כאָטש עס איז בולט דער אויטאָביאָגראַפֿישער מאָמענט, וואָס באַשטאַרקט נאָך די נישט־פֿאַרענטפֿערטע קשיא, ווער איז עס דאָ, אייגנטלעך, דער העלד, אַ קשיא וואָס מען האָט זי שוין פֿריִער און מען וועט זיך נאָך שפּעטער פֿרעגן. דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז אַזעלכע און ענלעכע קשיות האָבן אַ האַפּט, אויב מען גייט נאָך דעם אַלטן שולחן־ערוך, און מען נעמט נישט אָן, אַז די נאָוועלע איז אַ חידוש, און דאָס גייט אויף דער ליניע פֿון אַן עקסיסטענציאַליסטישן באַנעם, וואָס דער אַלטער שולחן־ערוך איז אים נישט מחייב.

אַזוי אַרום איז איבעריק יצחק טורקאָוו זאָג (פּאָלקסבלאַט, מײַ 1965), אַז אין ווינטן איז אָבער אַ מאָל בולט דער אויספּעל אויסצובויען גרעסערס, ברייטערס, פּונקט ווי עס איז בולט דער מעכאַנישער צובונד צו דער הויפּט־העלדין, אסתּר — צוויי טענות וואָס וואָלטן געווען באַרעכטיקט לויטן אַלטן שולחן־ערוך, וואָס איז אין רוב ליטעראַטור אונדזערער אַלץ נײַ, און נעמט אָן ווי אַ קיימא־לן סיי דעם אויסברייט פון דערציילערישן היקף, סיי די צענטראַלקייט פון אַ פּאַרשוין. אָבער אונדזער דערציילערין שניידט זיך אויף אַן אַנדערן דרך — זי באַשרייבט טאַקע דאָס קאַזאַכסטאַנער דאָרף, וווהין זי איז, מיט איר טעכטערל, אין אַ בהמה־וואַגאָן פּאַרשיקט געוואָרן, ווייל זי איז דאָס ווייב פון אַ בונדישן טוער, וועלכן די ענקאַוועדע האָט אַרעסטירט און וועלכן זי האָפט נאָך צו זען, אַ ווונטש וואָס איז נישט מקוים געוואָרן, ווייל, ווי עס שטעלט זיך אַרויס פון אַ שפּעטערער נאָוועלע — האָט ער נישט געהאַט קיין כּוח צו לויפן און האַלטן שריט מיט דער ענקאַוועדע און זיי האָבן אים דערשאָסן (מיר ווייסן ענלעכס וועגן זעליג אַקסעלראָד; זע אויך די זכרונות פון זיין אַלמנה, פּערל ווײַסענבערג), אָבער דאָס ווערט גאָר קורץ דערמאָנט, און ערשט די קריטיקערס האָבן עס צע־לייגט אויף טעלערלעך, בשעת די דערציילערין האָט זיך געהיט צו מאַכן פון אסתּר און איר טעכטערל און פון דער שכנה אירער, דער צווייטער עגונה, חנה מיט אירע דרײַ קינדער, דאָס וואָס די קריטיק, בעיקר ישׂראל עמיאָט, האָבן פון איר געפאָדערט. איך זאָג בעיקר, ווייל עמיאָט איז אַ מיטליידער — תּחילת אַ דיכטער פון שלומי אמוני, האָט ער זיך שפּעטער ענטוזיאַסמירט פאַר בירא־בידזשאַן, און זיך דאָרט באַזעצט, כּדי נאָך שפּע־טער אויסצושטיין אַ פּראָצעס מיט ווילדע בילבולים, וואָס האָבן אים צוגע־שאַנצט זיבן יאָר יסורים און פּיין פון לאַגער צו לאַגער, ביז ער ווערט באַפרייט און אין זכות פון דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן דערשלאָגט זיך קיין אַמעריקע. און ער האָט צו אונדזער דערציילערין באַזונדערע קשיות (צוקונפט, נאָוועמבער 1965).

ז

ערשטנס, כראָנאָלאָגיש: אסתּרס מאַן, מנחם, ווערט דאָך אַרעסטירט אין זיין שטעטל, זי, אסתּר, ווערט אַוועקגעפירט האַרט נאָכן אָפּמאַך צווישן סטאַלין און היטלער, ווען מערב־ביעלאָרוסיע, וווּ זייער שטעטל געפינט זיך, גייט איבער צו סאָוועט־רוסלאַנד, משמע 1939, בשעת אין ווינטן ווערט שוין דערציילט וועגן דער אַזוי גערופענער פּאַטערלענדישער מלחמה, אַזוי

אַז עס האָבן זיך פאַרשלונגען צוויי יאָר און עס האָט זיך פּאַרווישט דאָס וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַ מין עיקר, דער יידישער מאָמענט, וואָס ווערט סיי אויסגעבולט מיטן פּרווו פון חנהן אָנצוצינדן אירע צוויי פאַרשטעקטע בענטשליכט־לייכטערס און ווערט איר צוריקצי, מחמת דער איקאָנע, און דאָס געשעט דאָך, בעצם, מיט אסתּר — דאָס אונטערטונקען זיך, כּמעט ביז דערטרונקען ווערן, אין דער אַטמאָספער און מענטאַליטעט פונעם דאָרף, און דאָס האָט עמיאָט פאַרזען. וואָס ער האָט יאָ דערזען איז, וואָס די האַנדלונג וואַקסט נישט, נאָר לויפט ווי אַ פילם־לענטע, פונקט ווי ער האָט געכאַפּט דאָס באַזונדערע יכולת פון דער שרייבערין צו מאָלן פּייסאַזשן. דאָס האָבן אויך אַנדערע אונטערגעשטראָכן, אַפילו געהאַלטן אַז דער כּוח פון צו מאָלן די נאַטור גייט פון כּוח זי איבערצולעבן, און דאָס איבערלעבעניש האָט זי פון איר היים, פון איר כּישופדיקן פּייסאַזש.

אַגב, דער באַקאַנטער געלערנטער ר׳ אַברהם־יעקב בראַווער, וואָס האָט אין פּינקס זשעטל געשריבן דעם היסטאָריש־געאָגראַפישן ערך פון שטעטל און זיין סביבה, האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט אויף זיין נאָמען, וואָס קלינגט פּויליש: דזשענטשאָל, וואָס מיינט פּיקהאָלץ (לויט אַ לעגענדע זאָלן די ערשטע אָנקומערס האָבן דאָ צומערשט געזען דעם דאָזיקן פויגל) אָבער איז מסתּמא אַ דרוש אויף אַ גאָר אַלטן, שוין פאַרגעסענעם נאָמען (לויט מיין דערוועגטער השערה, איז עס אפשר אַ קאָרופּציע פון אַ גרונטיקן יאַדזשווינ־קישן וואָרט, אַ שפּראַך וואָס אירע רעליקטן שטייגן נישט איבער די צאָל פינגער פון אַ האַנט), אָבער דער עיקר האָט ער אונטערגעשטראָכן די שיינ־קייט פון דער דאָרטיקער נאַטור, און איר השפּעה אויף אַדאַם מיצקעוויטש און איר אָפּשפּיגל אין זיין פּאָעזיע. איז דאָך דער גרויסער פּוילישער דיכ־טער געבוירן אין דערפל זאַאָשיע, לעבן נאָוואָגרודעק, יידיש: נאַוואַרעדאָק, נישט ווייט פון זשעטל, ווו עס איז געווען אַ נאָוואַרעדאָק־גאַס.

און דאָ בעט זיך צו דערמאָנען וואָס איציק מאַנגער האָט געזאָגט וועגן יידיש־ליטווישע (מיינט אויך ביעלאָרוסישע) שרייבערס, ווי די רעפּרעזענ־טאַטיווסטע נאַטור־דיכטערס אין אונדזער ליטעראַטור — ער רעכנט אויס דעם קאָפּוליער מענדעלע; דעם קאַרעלישער דוד איינהאָרן, דעם איהומע־נער ה. לייוויק, דעם סמאָרגאָנער משה קולבאַק, דעם ווילנער חיים גראַדע, און וואָלט נאָך באַדאַרפט צורעכענען דעם פּעטראַשאַנער ישׂראל־יעקב שוואַרץ און דעם ווילנער, גרונטיק סמאָרגאָנער, אַברהם סוצקעווער. אַוודאי איז אויך אָן אויסגעברייטערטער באַנעם פון מאַנגערס טעזע בלויז אַן אָנהאַלט אויף צו טיפּיזירן אַ דערשיינונג, און נישט קיין אָנווונק זי צו גענעראַליזירן, לאו־כּל־שכּן רעגיאָנאַל מאָנאָפּאָליזירן, דען וואָס וועלן מיר טאָן מיט אַזאַ מייסטער פון וואָלינער פּייסאַזש, ווי עס איז העברעיִש געווען

דער ראַדיער ח. נ. ביאַליק („ספיח"), און אויף פּאַלעסיער פּייסאַזש, ווי עס איז העברעיִש געווען דער בערעזנער יעקב לערנער און ווי עס איז אין יִדיש געווען דער אַוורוטשער ניסן ברוסילאָוו, לאָ־כּל־שכּן מיט אַזאַ מאַדים ווי עס איז דער וואָסקאָוויטשער עלי שעכטמאַן.

ח

אויב צוריקקערנדיק זיך צו מנוחה ראַם, קער איך מיך פּאַרט אום צו מאַנגערס טעזע, איז עס מחמת דעם, וואָס איר כּוח און יכולת צו וועבן און פאַרוועבן דעם עלעמענט פון נאַטור און פּייסאַזש האָבן זיך צומערשט, און דאָס גאָר בולט, אַנטפּלעקט אין אירע סיבירער דערציילונגען, וואָס באַ־האַנדלען אַ שפּעטער ביאָגראַפיש קאַפּיטל. אַוודאי לאָזט זיך דאָס דער־קלערן דורך דעם סדר פון איר שרייבן, ווי עס באַווייזט דער סדר פון אירע ביכער און זייער טעמאַטיק — אַמערשט גייט די ביאָגראַפישע, פרעמדע, סיבירער, וואָהין די קאַטאַסטראָפע פאַריאָגט די מאַמע מיטן קינד; און ערשט נאָך דעם קומט כּביכול צוריק דער אָנהייב, דער היימישער ביעלאָ־רוסישער אָנהייב, וואָס דער חורבן פון זשעטל, פון אַלע מיני זשעטלס האָט צו אים געמאַכט אַ סוף, אַזוי אַז עס איז אַ רעכטער ספק, צי לאָזט זיך דער אָנהייב אויפלעבן, אַזוי ווי ער איז געווען, אומגעדענקט און אומדער־מאָנט ווי ער איז געוואָרן. אַוודאי איז עס אַ כּלל־קשיא וועגן צוזאַמענ־שטויס פון די גאָר ברייטע גרענעצן פון דער רעקאַפּיטולאַציע, וואָס שפּייזט זיך בעיקר פון די פריסטע, קינדערשע יאָרן און פון די אויך גענוג ברייטע גרענעצן פון דער נאָסטאַלגיע, וואָס רעסטאַווירט דאָס געוועזענע. די קשיא, וואָס פאַר אַ ראָל און באַטייט שטעקן דאָ אין דער באַגעגעניש מיט אַ נייַעם פּייסאַזש, וואָס האָט אויסגעציייטיקט אַ זיגזאַג־און־זאַג, נאָך איידער דער אייגע־נער, נאָענטער פּייסאַזש איז געקומען, אָדער לייטיש געקומען, צום וואָרט. מען קען עס, אַ שטייגער, קאַלענדאַריש נאָכגייענדיק, אָבסערווירן ביי שאול טשערניכאָווסקי, זלמן שניאור, יעקב כּהן, אין זייער אָפּמאָלן פון דייטשישן אָדער שווייצאַרישן פּייסאַזש, מיט וועלכן זיי האָבן זיך, ווי יונגע־לייט, באַגעגנט, און זיך, ווער מער ווער ווייניקער, באַדאַרפט צו באָרען מיט אַ טוריסטישן מאָמענט. אָבער מעגלעך אַז אַ מין אַבסאָלוטע ראַיה פאַר דער סיטואַציע, ווי מיר האָבן זי ביי אונדזער דערציילערין, איז אַברהם סוצקע־ווער, וואָס זיין ביאָגראַפישן גורל, וואָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט אַ פּורענות — אַ יִדישע באַגלייט־דערשיינונג פון דער ערשטער וועלט־

מלחמה, האָט אים, אַ פֿון עפּעס מער ווי אַ יאָר אַלט, געבראַכט, אויף עטלעכע יאָר קיין סיביר, ווי מיר ווייסן פֿון זיין פּאָעמע סיביר, וואָס ער האָט פֿאַרענדיקט אַ גוטע צוויי יאָר פֿאַרן פֿאַרענדיקן זיין וואַלדיקס, אַזוי אַז מיר האָבן אַ פּאָעטישע עובדא, ווי דער באַשרייב פֿון אַ ווייטן פּייסאַזש איז אַ מין אויפּטאַקט פֿון דעם באַשרייב פֿון אַ נאָענטן פּייסאַזש. אָבער מיר זענען מחויב צו געדענקען, אַז ביידע ווערק זענען געשריבן, ווען ווילנע איז געווען וואָס און ווי זי איז געווען און איידער זי איז געוואָרן וואָס אַלע ווילנעס זענען געוואָרן — אַ זכר לחורבן.

ט

דער דערמאָן פֿון אַברהם סוצקעווער און יונג־ווילנע איז דאָ און איצט נישט קיין צופֿאַליקער — זשעטל איז נישט ווייט פֿון ווילנע און אַהין פּירט טאַקע דער וועג פֿון דער זשעטלער טאָכטער, אַהין אין לערער־סעמינאַר, ווו עס שטאַרקן זיך אונטער דער השפּעה פֿון די לערערס, בעיקר פֿון משה קולבאַק, אירע אידעאָלאָגישע, פּראַגמאַטישע, ליטעראַריש־קינסטלערישע נטיות.

וואָס זי האָט געבראַכט פֿון זשעטל לאָזט זיך אָפּלערנען פֿון איר דריט בוך, אַרום דער ווערבע און פֿון פּינקס זשעטל, וואָס איז אי געווען אַ שטעטל, ווי אַ סך ענלעכע שטעטלעך, אי געווען אַ באַזונדער שטעטל, מיט זיין געשיכטע און זיין פּרצוף, וואָס עס איז אַ חוב עס צו קענען און געדענקען. איך בין מסתּמא נישט דער איינציקער, וואָס האָב ערשט איצט געמערקט, אַז ר׳ יעקב קראַנץ, באַקאַנט מיטן נאָמען דער דובנער מגיד, ווייל ער האָט דאָרטן אַ לענגערע צייט געזאָגט מגידות, איז אָבער געבוירן געוואָרן אין זשעטל, ווו זיין טאַטע איז געווען רב, און ער, ר׳ יעקב, האָט אָנגעהויבן זיין מגידות, און פֿון דאַנעט איז ער געגאַנגען קיין מעזריטש און שפּעטער קיין וולאָדעווע און צו לעצט קיין זאַמישטש, ווו ער האָט אָנגעפֿירט אַ ישיבה און ווו ער איז ניפֿטר געוואָרן. איך האָב געוווּסט, אַז אין זשעטל האָט זיך געכאָוועט ר׳ ישׂראל־מאיר הכּהן, דער חפֿץ־חיים, וואָס איז געגאַנגען קיין ראַדין און איך האָב געקענט ר׳ זלמן סאָראָצקין, וואָס איז געווען רב אין זשעטל און שפּעטער אין לוצק און ניפֿטר געוואָרן אין ירושלים. וואָס איך האָב נישט געוווּסט, אַז דער ערשטער דאָקומענט וועגן אַ זשעטלער רב, איז וועגן ר׳ חיים כּהן ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז שפּעטער געווען דער לעמבעריקער רב און באַרימט געוואָרן דורך זיין מוטיקן אָנטייל

אין וויכוח מיט יאַקאָב פראַנק און זיין כת, וואָס דער קאַטוילישער קלויס־טער האָט אויף די ייִדן אויפגעצווונגען; און וואָס איך האָב ווייטער נישט געוווסט, אַז איך דער נאָענטער צייט זענען מער ווי הונדערט זשעטלער געזעסן אויף כסאות־רבנות אין דער וועלט. אָבער באַזונדערס האָבן מיך אינטערעסירט די צוויי זייטלעך זכרונות פון רבקה וואַלדמאַן (זז׳ 293-294) — זי באַשרייבט אַ געסל און אַ שוסטער, וואָס גרייט זיך צו זיין אַ בעל־תפילה, און בעיקר אַ פּרוש, ר׳ אַברהם, וואָס איז מקדים־שלום דעם מינדסטן קינד און העלפט איעדן אַנפילן אַן עמער וואַסער פון דער קרעניצע, וכדומה. און עס לוינט זיך צו זען, ווי אַרום דאָס כראָניקאַליש־מעמואַריס־טישע שפּיגלט זיך אָפּ אין איר דערציילעריש־קינסטלערישן אין איר בוך, און עס לאָזט זיך דערזיף אַ סך פּרינציפּיעלס און טעכנישס אָפּלערנען לגבי די באַציִען צווישן דעם אויטענטישן און געשטאַלטישן, אויך דאָרט ווו מיר האָבן נישט אַזאַ דאָקומענטאַלע פאַרגלייך־באַזע. אַ זאַך פאַר זיך זענען אירע באַמערקן, ווי אַרום דעם גלויבן פון ר׳ אַברהם פּרוש און פון אַ צווייטן, וואָס איז געגאַנגען אין בית־מדרש, און אַ דריטן, וואָס האָט געטאַנצט אין חסידאַרניע, און האָבן פאַרירשנט דעם גלויבן וואָס האָט זשעטלערע סופרים (מיינט מסתמא שרייבערס) פאַרבונדן מיט דער רעוואָלוציע, און בייגע־שטאַנען ביים בוי פון דער העברעיִשער שול, דער ייִדישער שול, דער ביבליאָטעק. און דער סיום פון דער רשימה וואָס הייסט: „מיין היים״, קלינגט אַזוי: „אַזוי זע איך דיר, מיין קליין שטעטעלע זשעטל. אַזוי ביסטו געבליבן לעבן אין מיר״.

י

אַזוי ווי זי האָט שאַפעריש געוויזן, וואָס זי האָט מעמואַריש געזען, האָבן מיר אין אַרום דער ווערבע, וואָס נח גריס (וועלכער האָט אויך גע־שריבן איר ערך אין נייַעם לעקסיקאָן פון דער ייִדיש־ליטעראַטור), רופט אַן אַ טריפּטיק, מחמת זיין דרייַ־שיכטיקער טעמאַטישקייט, וואָס גייט, כאָטש נישט לויטן ביאָגראַפישן סדר, פון דער איבערלעבערישער דרייַשיכטיקייט — די אַלטע, סיי נאָענטע סיי ווייטע היים — דאָס שטעטל; די ווייטע פרעמד, קאַזאַכסטאַן, וואָס האָט נישט געקאָנט, אַפילו ווען זי וואָלט גע־וואָלט, ווערן אַ היים; און אין דער מיט די נאָענטע פרעמד, וואָס רעדט זיך איין צו זיין אַ היים, פּאַריז. וואָס שייך קאַזאַכסטאַן, ווייזט זי זיך דאָ אויס, אויב נישט בכוונה טאָ בדיעבד, ווי אַן אָפּוועך קעגן יוסף אָקרוטניס

דערמאָנטן אָפּשאָך, ווי איינער זאָגט: אויך אין פּרעסאָווקע איז געווען אַ קינדהייט, לפּחות אַ קינד, דאָס מיידעלע, וואָס האָט געפאָדערט איר עלע־מענט, די קינדער־מעשׂה, און האָט זי אויך געקריגן ווי זי האָט זיך געוועבט אין פאָלקלאָר אין פאַנטאַזיע פון אַ פאַרהאַרעוועטער גויע. וואָס שייך דעם פּרווו פון מיידעלע, לפּחות איין מעשׂה, וועגן אַ בלום און איר כּישוף, צו פאַרטראָגן אַהער אין אונדזער לאַנד, ווי זי פּרוווט זיך אַליין אַהער פאַר־טראָגן, שטעלט עס זיך אַפילו אַרויס ווי אַן אילוזיע, אָבער אילוזיעס ווילן אויך, בפרט אין דער ליטעראַטור, לעבן. איז כּדאַי אַ קוק דערלאַנגען, וואָס האָט יוסף אָקרוטני געהאַט צו זאָגן וועגן דעם איצטיקן בוך: דער צענטער פון זיין אויפמערק איז, פאַרשטייט זיך, (די אידישע צײַטונג, 16 אַפּריל 1971) דער ערשטער טייל, ווייל ווו די אָפּגעראַטעוועטע יידיש־שרייבערס זאָלן זיך נישט געפינען, לעבט אין זיי און באַלעבט זיך אין זיי די אַלטע היים, פון וועלכער זיי זענען, בעצם, קיין מאָל נישט אַוועק. אַ ראַיה די ייִנגסטע פון זיי — משה יונגמאַן און רבקה באַסמאַן, מענדל מאַן און יאָסל בירשטיין און צבי אײַזנמאַן.

איז דאָס אמת, אָבער נישט דער גאַנצער אמת. דען מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט בלויז מיט אַ צוויי־טעמאַטישקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער איצטיקער יידיש־ליטעראַטור, וואָס לעבט סיי פאַרן חורבן, מה־דאָך נאָכן חורבן, און ער, יוסף אָקרוטני גופא, האָט דאָך ביכער וועגן דער אַלטער און נייער היים, נאָר מיט אַ דרײַ־טעמאַטישקייט — די אַלטע, די נײַע און די אַלט־נײַע היים. אַוודאי לאָזט זיך ברענגען אַן עקסטרעם פאַר־קערטע ראַיה פון חיים גראַדע, וואָס זיין פּראָזע ווייסט בלויז וועגן דער אַלטער היים, בשעת זיין פּאָעזיע ווייסט אויך וועגן נעוואַדאַ, יאָסעמיטי וכדומה, פון דער מכּלומרשטער נײַעם היים, וואָס עס וואָלט נישט געווען מעגלעך, ווען ער וואָלט געזעסן דאָ, ביי אונדז, מיט אונדז. אָבער עס איז פאַרט דער יוצא־מן־הכּלל, וואָס באַשטאַרקט דעם כּלל. אָט דעם כּלל וועט אויך אונדזער דערציילערין מקיים זיין, ווען זי וועט אָפּשטרײַפן דעם צו מאָל סעריאַלן קאָנטאַקט מיט דער אַלט־נײַער היים פון פאָלק, און באַשרייבן אַ דרײַ־טעמאַטישקייט וואָס איר עיקר באַשטייט נישט אין בלויז געטראַכטן ווי אין טיף געלעבטן אמת, אַז אי דער ראשית אי דער תּכלית פון ירו־שלים־דליטא איז טאַקע בלויז ירושלים ממש. אַזוי אַז דער טאָטאַלער ביאָ־גראַפישער פאַרשוין, ווי די איבערגעלעבטע און דורכגעלעבטע באַזע פון דערציילערישן ווערק, וואָלט בעצם געפאָדערט אַ דורכדראַנג און אַן אויס־שעפּ פון אַ פיר־טעמאַטישקייט, און דעם וווקס וואָס מערקט זיך באַשיימ־פּערלעך אין די לעצטע צוויי ביכער, אַזאַ פילשיכטיקייט צו באַמייסטערן, לאָזט אונדז מיט בטחון אָפּוואַרטן די קרוין פון דער לאַמענאַציע. אַרום דער

ווערבע און שטײנער זענען פאַר זיך שוין אַ ראַיה און אַ גאַראַנטיע פאַרן המשך.

דער דאָזיקער בטחון קוקט טאַקע אַפּיר פון די אָפּשאַצן וואָס זענען שוין געפּובליקירט — באָרוין פּרענקל, ל. מאַקאָווסקי, אליהו שולמאַן, שמעון קאַנץ, מאיר יעלין און צוגעזעלנדיק זיך צו דעם, לעת־עתה האַלבן מנין, וועט מיר אויסקומען מיך באַזונדערס דורכצושמועסן, און איך וועל איצט אָנהייבן מיטן ערשטן און לעצטן פון די ח״י סיפּורים.

יא

ביידע סיפּורים קומען פיר לאַנג לאַנג — דעם סיפּור נאָך וועלכן עס הייסט דאָס גאַנצע בוך, קען איך פון מיין שטאָט — אַ ווייטער גילגול פון ר׳ חנינא בן דוסאס ווייב, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי קאָכט און באַקט לכּבוד שבת; עס איז געווען אַ יוסטע בעל־הביתטע ביי אונדז אין שטאָט, מרת רובינשטיין, וואָס פאַרשטעלנדיק דעם דלות און די בושה, האָט זי אַנידערגעלייגט שטאָט צוויי חלות — צווי שטיינער און זיי צוגע־דעקט ביים שיין פון די שבת־ליכט, אָבער דאָ איז נישט געווען דער טאָפּע־לער נס, וואָס איז געשען אין זשעטל, דער וואָך־וועכנטלעכער נס, וואָס אַן אַנדערע בעל־הביתטע האָט איר, אַנאָנים, געשיקט חלות, און דער איינ־מאָליקער נס, וואָס זי האָט דאָס פאַרגעסן. האָט די אָרעמע ייִדענע געלייגט צוויי שטיינער אונטערן טישטעכל, און אַוועק דאַווענען, און אַז יענע בעל־הביתטע האָט זיך דערמאָנט און גיך געשיקט דאָס ייִנגל, און ער האָט אַנטדעקט די צוויי שטיינער, האָט ער זיי אַוועקגעשויבן, און שטאָט זיי געלייגט די חלות. דאַכט זיך אַז קיין טיפּישערע מעשה מיטן טאָפּעלען נס־אויסטייטש קאָן מען פאַר אַ טיפּיש ליטוויש שטעטל, נישט ווייט פון ווילנע און נאָענט פון נאָוואַרעדאָק, נישט ברענגען, בעיקר אַז מיר באַגע־גענען זיך עין־בעין מיט אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אויסבאַ־האַלטענעם ייִנגל, וואָס איז געווען דער שליח־מיצווה און זאָל האָבן שפּע־טער פון חורבן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

דער לעצטער סיפּור האָט ווידער אַ מאָל צו טאָן מיט אַ מאַמע און אַ טאָכטער, וואָס האָט נישט קיין טאַטן, און האַלט פאַר דער חופּה, און די מאַמע וויל איר לכּבוד דעם קויפן אַ טונקל קלייד, דערמאָנט זיך אָבער, אַז זי גופא, וואָס האָט, מחמת אַ ראַדיקאַלן באַצי צו דינים ומנהגים, ערשט אויף דער צעווייטיקטער קלאָג פון איר שוויגער געשטעלט אַ חופּה, צו

וועלכער די שנור איז אַלאַרמירט געוואָרן ווי זי שטייט און גייט, און געגאַנגען איז זי אין אַ שוואַרץ קלייד, און די שוויגער, אין געבלימטן שבתדיקן קליידל, האָט דערזעענדיק דאָס, דערשראָקן פאַרבראָכן די הענט: אין אַ שוואַרץ קלייד צו דער חופּה; און איצט, נאָך יאָרן, ווען זי איז אויך שוואַרץ געקליידט, קומט איר יענע ווייטע שעה אויפן זכּרון און זי קלייבט אויס אַ העלן שטאָף, און באַשרייבנדיק די חתונה, פון איר טאָכטער, וואָס איז אַ שיין מיידל, און דער כּלהס מאַמע איז „געווען אַנדערש ווי תּמיד. אָפּט זיך פאַרטראַכט און אויסגעזען האָט זי ווי זי וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט. אויך אַ קלייד האָט זי געטראָגן אין גאַנצן נישט אין איר כאַראַקטער. עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיק־העלע קלייד".

אַפילו עס זאָל זיין, ווי עס ווייזט אויס צו זיין, אַ רעמיניסצענציע פון אַ מעשׂה־שהיה, וואַקסט עס אויס צו אַ סימבאָל, און אויב באַנוצן אַ מאַנגערישן פּאָעטישן טערמין, וואָלט איך געזאָגט: זיך דערשלאָגן פון שוואַרץ צו ליכטיק־העל.

און דאָ דערלויב איך זיך אונדזער אַריַינפיר־פּרווו אָפּצוהאַקטן און וואַרטן אויף אַ שעת־כּושר פון המשך יבוא.

(תשמ"ג)

IV

יידיש, שפּראַך און ליטעראַטור — בקיצור

פּתח המחבר: פֿאַראַן אַ בפּירושער פּסוק אין דער מגילה, וואָס זיין פּשט איז אַנדערש פֿון זיין דרש. דען לויטן פּשט מיינט דאָך דער זאָג: להראות העמים והשׂרים את יפיה, טייטש: אויף צו ווייזן די פֿעלקער און די האַרן איר שיינקייט, אַ באַגרענעצטן ענין אויף אחשורוש׳ס הויף (אסתר א׳ י״א), אָבער לויטן דרש ווערט די מליצה אָנגעווענדט לגבי אַנדערע ענינים, ווו עס האַנדלט וועגן דער כּוונה אָדער דעם חוב צו פּרעזענטירן פֿאַר אַנדערע פֿעלקער די שיינקייט פֿון אונדזער תּורה, חכמה, ליטעראַטור, קונסט וכדומה, און איינס פֿון די דרכים עס צו ווייזן איז דער איבערזעצערישער פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן מיט תּרגום השבעים און ציט זיך עד־היום. מיר האָבן דעם דאָזיקן תּרגום דער־מאָנט נישט בלויז ווייל ער איז אונדזער ערשטער און עלטסטער, נאָר אויך ווייל ער טראָגט דעם חותם פֿון דער טאָפּל־כּוונה, וואָס באַגלייט דעם דורותדיקן פּראָצעס — נישט ווייניקער ווי ער וויל זיין אַ שפּיגל פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, איז ער אַ וועג־ווייזער פֿאַר יענע טיילן פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס האָבן זיך פֿון דער אייגענער שפּראַך דערווייטערט און זוכן, בכּוח דעם תּרגום, אַ בריק צום אייגענעם טייך.

אָט דער געדאַנק, וואָס באַגלייט מיך, ווען איך שטויס זיך אָן אין אַזעלכע פּרוּוון, צו ווייזן אונדזער שיינקייט, סיי אַנדערע פֿעלקער סיי טיילן פֿון אונדזער אייגן פֿאָלק, האָט זיך מיר אַנומלט אויפֿגעפֿרישט, ווען איך האָב מיך דערוווּסט אַז זאב שעפּס, אַ געניטער איבערזעצער פֿון העברעיִשער און יידישער פּאָעזיע אויף פּויליש, האָט אויסגעפּאַרטיקט אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פֿון דער מאָדערנער יידיש־פּאָעזיע, וואָס נעמט אַרום אַ ריזיקן שאַפֿונגס־אָפּקלייב פֿון פּאָעטן און פּאָעטעסינס, איינגעטיילט, לויט תּקופֿות, לענדער, שטראָמען און ריכטונגען, אין פֿופֿצן הויפּט־גרופּעס, אָנגעהויבן מיט מיכל גאָרדאָן און יצחק לייבוש פּרץ און פֿאַרענדיקט מיט משה יונגמאַן און רבקה באַסמאַן — אַן אוצר ממש. ווי איך האָב אָנגענומען, אַז די אַנטאָלאָגיע איז מכוּון צו אַ טאָפּעלער אַדרעס, סיי דרויסן סיי אינעווייניק, ווי עס זענען בעצם אַלע ענלעכע פּרוּוון, אָנגעהויבן מיטן ענגלישן נוסח פֿון דער יידיש־פּאָעזיע, וואָס עס האָט בשעתו אַרויסגעגעבן ש״י אימבער, וואָס האָט באַטרעטן אַ באַזונדערן דרך (דף כּנגד דף — לינקס דער טראַנסליטערירטער אָריגינאַלער יידיש־טעקסט, רעכטס אַ פּאָעטיש־געהאַלטענער ענגלישער פּראָזע־איבערזעץ), בשעת אַנדערע, און זאב שעפּס בתוכם, זוכן אַ רעכטן, ווי מעגלעך פֿול־ווערטיקן איבערזעצערישן דיכטערישן עקוויוואַלענט.

ברענג איך אַ כּלל־אַריינפּיר און בין מיך משתדל יוצא צו זיין לגבי דעם טאָפּע־לעם אַדרעס פון לייענער, כּדי מקיים צו זיין: להראות את יפיה, טייטש: צו ווייזן איר שיינקייט, סיי אַנדערע, סיי זיך אַליין.

מאמר א׳: **אַ פאָלק צווישן שפּראַכן**

א

צו די גרויסע, וווּנדערלעכע קולטור־דערשיינונגען פון יידישן פאָלק, געהערט אויך זיין שפּראַכן־פּראָבלעם, וואָס מיינט אויך זיין ליטעראַטורן־פּראָבלעם. מיר האָבן נישט געזאָגט: שפּראַך, נאָר: שפּראַכן; מיר האָבן נישט געזאָגט: ליטעראַטור, נאָר ליטעראַטורן, כּדי אויסצובולטן, אַז מיר זענען געוווינט ביים באַהאַנדלען פון דער דאָזיקער דערשיינונג ביי רוב אייראָפּעיִשע פעלקער, ווו מיר רעדן, בדרך כּלל, וועגן איין שפּראַך און איין ליטעראַטור, און דער יוצא מן הכּלל, אָדער די יוצאים מן הכּלל באַ־שטעטיקן דעם כּלל. אַוודאי לאָזט זיך דאָס אויך זאָגן לגבי אונדזער פאָלק אין זיין ערשטער היסטאָרישער תּקופה, ווען עס איז געזעסן אין זיין אייגן לאַנד, סיי אין דער ביבלישער צייט, ביזן חורבן פון ערשטן בית־המקדש אין ירושלים, דורכן בבלישן מלך נבוכדנאצר, סיי אין דער נאָך־ביבלישער צייט, ביזן חורבן פון צווייטן בית־המקדש אין ירושלים, דורכן רוימישן קיניג טיטוס. אָבער שוין די ערשטע, גראַנדיאָזע קולטור־שאַפונג, ווי עס איז דער תּנ״ך, פאַרמאָגט, אין די לעצטע ספרים זיינע (עזרא, נחמיה, דניאל), עטלעכע קאַפּיטלעך אויף אַרמיש, וואָס איז כּידוע, דעמאָלט געווען אַ מין אינטערנאַציאָנאַלע, בעיקר דיפּלאָמאַטישע שפּראַך.

מעגלעך, אַז דאָס לאָזט זיך באַטראַכטן ווי אַן אויפטאַקט פון דער צוויי־שפּראַכיקייט, וואָס באַגלייט דאָס יידישע פאָלק אין זיין לעבן און ליטע־ראַטור. אמת, די העברעיִשע שפּראַך האָט, אויף דעם לאַנגן און שווערן וועג פון פאָלק, זיין וואָגל און וואַנדער איבער כּלערליי קאָנטינענטן און לענדער, קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין די צענטראַלסטע, קאָלעק־טיווסטע שפּראַך זיינע — דער טיפער צובונד צו איר האָט זיך אויסגע־דריקט אין אַ סך אופנים — אין איר האָט דאָס פאָלק געדאַוונט, געלייענט, געשריבן די ליטעראַטור זיינע, אַזוי אַז די שפּראַך האָט, אין גלות, דער־לעבט עטלעכע רענעסאַנסן — סיי אין מיטלעלטער, סיי אין דער נייַצייַט.

אמת, זי האָט, ערגעץ אין צענטן יאָרהונדערט, אויפגעהערט צו זיין די רייד־שפּראַך, בעיקר אין טאָג־טעגלעכן זינען, אָבער מען האָט אין איר געיוורידירט, געמאָראַליזירט, געפילאָזאָפירט, און בעיקר געפּאַנטאַזירט; און גענוג אַ קוק דערלאַנגען אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטע־ראַטור, כדי צו זען, אַז דאָס איז אַ גרויסער, לעבעדיקער, פילפאַרביקער ממש. ווי ווייט דאָס איז געגאַנגען, קאָן מען אָפּלערנען פונעם העראָיִשן פּרוּוו, וואָס גייט שוין אָן איבער ניינציק יאָר, די דאָזיקע שפּראַך, אויך בעל־פּה, אויפצולעבן, און ווער עס האָט זיך, בלויז אַ קאָפּ, מיט דער מאַטע־ריע אינטערעסירט, ווייסט, אַז דער געוואַלדיקער עקספּערימענט איז בשלי־מות געלונגען, און דאָס לאָזט זיך בעיקר דערקלערן מיטן פאַקט, אַז דאָס יכולת צו ווערן צוריק אַ בשלימותדיקע שפּראַך, פאַר אַלע אויסדרוקן פון לעבן, און זיינע אַלע פונקציעס, איז געווען גאָר לאַטענט, דורך אַלע, און בעיקר די לעצטע דורות, ווו די העברעיִשע ליטעראַטור און פּרעסע האָט זיך אַזוי רייך אַנטוויקלט, אַז עס האָט באַדאַרפט בלויז אַ לייטישן שטופּ פון אַ פעסטן קולטור־באַשלוס און אַ שטאַרקן נאַציאָנאַלן ווילן, כדי דאָס יכולת זאָל פולקום מאַניפעסט ווערן.

ב

אָבער צוריק צו דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און זיין פילשפּראַכי־קייט — וואָס איז אַ צווייִקע און צו מאָל אַ דרייִקע, אַ זאַך, וואָס מיר באַגעגענען נאָך בשעת דאָס פאָלק זיצט אין זיין לאַנד, אין דער צייט פון בית שני — דער פעסטער פאָדעם פון דער העברעיִשער שפּראַך און ליטע־ראַטור ציט זיך ווייטער, די העברעיִשע שפּראַך איז בעיקר די שפּראַך פון פאָלק, אָבער עס שטאַרקט זיך אויך די השפּעה פון דער פרעמדער שפּראַך, וואָס האָט זיך, מיט די נצחונות פון אַלכסנדר מוקדון, אויסגעשפּרייט אין גרויסן קולטור־קרייז פון ים־התיכון — גרעקיש; און אויב זיך באַנוגענען מיט צוויי סימנים פון דער העלעניסטישער השפּעה, איז גענוג צו דער־מאָנען, אַז כאָטש דאָס קולטור־גרונטווערק האָט זיך, אין יענער תקופה, גענומען שאַפן און קריסטאַליזירן, די מישנה, אין איר קלאַסישן, נאָך־ביבלישן העברעיִש, און דאָס בוך, מיט זיינע זעקס סדרים, איז, ביז איצט, דער קאָדעקס פון יידישן רעליגיעזן לעבן. האָט מען, פאַר די יידן אין מצרים, איבערגעזעצט דעם תנ״ך אויף גרעקיש („סעפּטואַגינטאַ״), און עס האָט זיך געשאַפן אַ יידיש־גרעקישע ליטעראַטור — דיכטונג (יחזקאל

המצרי), פילאָזאָפיע (פילאָן), היסטאָריע (פלאַוויוס), און דאָס איז אַ שטריך, וואָס חזרט זיך איבער, ביי שפּעטערדיקע באַגעגענישן מיט אַנדערע וואָגיקע כלל־קולטורן און זייערע צענטראַל־שפּראַכן.

מיר האָבן שוין דערמאָנט לשון ארמי און זיין באַשיידן פּלעצל אין תנ"ך, און מיר דאַרפן דערמאָנען זיין ברייטערן פאַרנעם — די מישנה איז טאַקע געשריבן העברעיִש, אָבער די גמרא, וואָס איז דער פאַרצווייגטער, לעבעדיקער און אויטאָריטאַטיווער פּירוש צו איר, איז, אין אַנטשיידנדיקער מאָס, אַרמיש, וואָס איז אויך געוואָרן אַ מין הייליקע שפּראַך ביי ייִדן, און האָט, ווי העברעיִש, דערלעבט, באַשיידענע, אָבער פאָר זיך אינטערעסאַנטע רענעסאַנסן — חוץ די אַראַמישע תפילות, וואָס געהערן צום גרונט־באַשטאַנד פון אונדזער ליטורגיע עד־היום, זענען, דורות שפּעטער, צוגעקומען נייע אַרמישע רעליגיעזע געזאַנגען, און דאָס אַפילו אין זעכצנטן יאָרהונדערט, שוין אָפּגעשמועסט פון דעם גרונט־ספר אין ייִדישער מיסטיק, דעם זוהר הקדוש, וואָס שטאַמט פון דרייצנטן יאָרהונדערט — און דאָס אַלץ לעבט אין מויל פון ייִדן ביז היינט. און כדאי, פאַרשטייט זיך, נישט צו פאַרגעסן, אַז אַרמית איז אויך געווען אַ שמועס־שפּראַך ביי ייִדן, און נאָך אין אונדזער דור זענען געווען דאָרפישע ייִדישע ייִשובים, ווו מען האָט עס גערעדט, און עס האָט זיך אויך דערהאַלטן, אין דער דאָזיקער שפּראַך, אַן עפּישע פּאָעזיע, וואָס אירע העלדן און אַקציעס גייען פון תנ"ך.

ג

דער ענין אַרמית, וואָס מיר האָבן איצט בקיצור באַלויכטן, האָט אַ טאָפּעלן שפּראַכלעכן אַספּעקט — איינעם, וואָס פירט פון אַ כלל־שפּראַך, דעם אַנדערן, וואָס פירט צו אַ היימישער פאָלקס־שפּראַך. און מיר באַגעגענען זיך טאַקע, אויפן שליאַך פון דער ייִדישער געשיכטע, מיט ביידע אַספּעקטן. וואָס שייך דעם ערשטן אַספּעקט, קאָן אונדז, ווי אַ גרויסע דוגמה, דינען די אַראַבישע שפּראַך, וואָס איז געווען אַ חשובע כלי פון ייִדישער קולטור און ליטעראַטור — דער זעלבער ר' סעדיה גאון אין מצרים, וואָס האָט געשריבן פּאָעזיע אין העברעיִש, האָט געשריבן זיין פילאָזאָפיש בוך וועגן יסודות פון ייִדישקייט אין אַראַביש. נאָך מער, אַראַביש איז געווען די שפּראַך פון ייִדישע קאַפּאַציטעטן אויך אין אייראָפּע, און נישט בלויז אין אַראַבישן נאָר אויך אין קריסטלעכן שפּאַניע — דער זעלבער רמב"ם, וואָס האָט זיין גרויס תלמודיש ווערק „יד חזקה" געשריבן אין אַ קלאַסישן

העברעיִש, האָט זיין פילאָזאָפיש ווערק „מורה נבוכים״ געשריבן אַראַביש; און נאָך פריִער, האָט דער זעלבער ר׳ יהודה הלוי זיין פּאָעזיע, וואָס האָט נישט אירס גלייכן אין דער ליטעראַטור אונדזערער, געשריבן העברעיִש, אָבער זיין פילאָזאָפיש ווערק „כּוזרי״ האָט ער געשריבן אַראַביש. אַזוי־ווי די דאָזיקע און אַנדערע אַראַביש־געשריבענע ווערק זענען פאַרשטאַנען געוואָרן בלויז פון יִדן אין אַראַבישן שפּראַך־קרייז, וואָס איז, מחמת זיין קולטורישער השפּעה, געווען גענוג ווייט און ברייט, אָבער נישט פאַרשטאַנען געווען אין אַנדערע יִדן־יִשובים, בעיקר אין מיטלעלטערלעכן אייראָפּע, בפרט אין צוויי וואָגיקע יִשובים זיינע, גלות צרפת און גלות אַשכּנז, זענען נאָך אין שפּאַניע, און שפּעטער אין דער פּראָוואַנס, אויפגעשטאַנען איבער־זעצערס, וואָס האָבן די ווערק איבערגעזעצט אין העברעיִש, און אַזוי זיי צוטריטלעך געמאַכט פאַר לערנערס און געבילדעטע, און אַפילו פּאָלקס־מענטשן, אין כּלערליי יִדן־צענטערס. דער פאַקט דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, ווייל ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער קולטור־געשיכטע — די העברעיִשע שפּראַך ווי דער קיט פון כּלערליי שפּראַכלעך־פאַרשיידענע יִדן־גרופּן, און דאָס איז אַ שטריך, וואָס ציט זיך ממש ביז היינט.

ד

און נאָך־דעם מיר האָבן, דורך רמז, לוסטרירט דעם איינעם שפּראַך־אַספּעקט ביי יִדן — דעם פאַרבונד מיט צענטראַלע קולטור־שפּראַכן, גרעקיש, אַרמיש, אַראַביש, אין וועלכע מיר האָבן געשאַפן, אין אַ ברייטע־רער אָדער שמאָלערער מאָס, אייגענע ווערק פאַר אייגענע קולטור־באַדער־פענישן, בעיקר לשם פאַרמעסט מיט דער פרעמדער רעליגיע, ווענדן מיר זיך צום אַנדערן שפּראַך־אַספּעקט — דעם פאַרבונד מיט די שפּראַכן פון די שכנים, אייגנטלעך: בעלי־בתּים, ווו יִדן האָבן, לאַנג געוווינט, וואָס האָט געבראַכט צו דער פאַראייגענונג פון די דאָזיקע שפּראַכן אין אַ גאַר אינטערעסאַנטן פּראָצעס, און האָט אויסגעצייטיקט אַזעלכע יִדן־שפּראַכן, וואָס זייער צאָל איז נישט קליין, און דערגרייכט, לפּחות צום צווייטן צענד־ליגג. אויב זיך באַנוגענען בלויז מיטן שטח פון אייראָפּע, האָבן מיר צו טאָן מיט אַזעלכע יִדיש־שפּראַכן, וועלכע יִדן האָבן פון די שכנים איבער־גענומען און פאַרהיימישט, אין אַלע דריי גרונטיקע שפּראַך־משפּחות — צוויי פון דער ראָמאַנישער משפּחה: פּראָוואַנסאַליש־יִדיש און שפּאַניש־יִדיש (לאַדינאָ); איינס פון דער מערב־סלאַווישער שפּראַך־משפּחה (אַלט־

טשעכיש־ייִדיש, גערופן לשון כּנען); איינס פון דער גערמאַנישער שפּראַך־משפּחה (ייִדיש־דייטשיש).

דער גורל פון די מיני ייִדיש איז געווען אַ פאַרשיידענער — פּראָוואַנסאַליש־ייִדיש, וואָס האָט פאַרמאָגט תּפילות און לידער, און איז ווי פאַראייביקט אין די ווערטער־איבערזעצן אין דעם אויטאָריטאַטיווסטן און פּאָפּולערסטן קאָמענטאַר צו תּנ״ך און צו גמרא, אין פּירוש רש״י, איז פאַרגעסן געוואָרן און בלויז עטלעכע ווערטער און אַ דקדוק־פאָרעם האָבן זיך דערהאַלטן, איבערגייענדיק אין אַ דייטשישן־ייִדיש; וועגן לשון כּנען ווייסן מיר צו ווייניק, מיר זאָלן קאָנען קלאָר משפּטן, ווי ווייט זי איז געווען אַ שמועס־ און שרייב־שפּראַך, און ווייזט אויס, אַז חוץ אירע איבערבלייבענישן אין די גלאָסאַרן („אור זרוע״, „ערוגת הבושם״), און אַ צוויי דריי לעבעדיק געבליבענע ווערטער, איז פון איר קיין געדעכעניש נישטאָ. ווייטער לאַדינאָ האָט זיך דורות־לאַנג געהאַלטן, פאַרמאָגט אויך אַ היפּשע פאָלקס־ליטעראַטור און אַ רייכן פאָלקלאָר, אָבער האָט זיך אָפּגעשוואַכט, כאָטש זי פּולסירט נאָך אין די ספרדיש־ייִדישע יישובים. גאָר אַנדערש איז דער גורל און גאַנג פון אַשכּנזיש־ייִדיש, און לאָזט זיך, אין וואָג און ווערט, בלויז פאַרגלייכן מיט דער ראָל פון אַרמית. ווער עס וויל זיך דערגרונטעווען צום סוד פון דער דאָזיקער שפּראַך, מוז אָנקומען צו דער פאַרצווייגטער פאָרש־ליטעראַטור דערוועגן, וואָס איר קרוינונג איז דאָס פיר־בענדיקע, ייִדיש געשריבענע, בוך פון מאַקס ווײַנרײַך „געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך״ (ניו־יאָרק, 1973), אָבער אויב ער וויל זיך באַנוגענען מיט אַ גאָר קורצן דורכקוק, דערלויבן מיר זיך עס צו מאַכן בקיצור, שטיצנדיק זיך אויף די איצט אַלגעמיין אָנגענומענע וויסנשאַפטלעכע הנחות, און פאַרווייזנדיק אויף אונדזער באַזונדערן קוקווינקל.

מאמר ב׳: **אַ שפּראַך ביי דעם פאָלק**

א

וואָס שייך די איצט, אַלגעמיין אָנגענומענע, וויסנשאַפטלעכע הנחות, איז דאָס אַשכּנזישע (דייטשישע) ייִדיש, אויסגעוואַקסן פון ענלעכע באַדינגען, פון וועלכע אַלע מיני ייִדיש זענען אויסגעוואַקסן: דעם קאָנטאַקט מיט

דער שפּראַך פון זייערע נישט־יידישע שכנים, אייגנטלעך: בעלי־בתּים, איז, מחמת פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע טעמים, געווען אַ נויט־ווענדיקייט, פּונקט ווי די איבערפאָרמירונג פון דער דאָזיקער פרעמדער שפּראַך אויף אַן אייגענער שפּראַך, איז געווען אַ נויטווענדיקייט. זענען דאָך די איבערנעמערס און איבערפאָרמערס געווען אַנדערש פון דער הערשנדיקער, שכנישער סביבה זייערער — אַנדערש לויט דער היסטאָריע, דעם גלויבן, דער רעליגיע, דער ראַסע, דער מסורה, די מנהגים, בקיצור: אַ פאָלק פאַר זיך, וואָס זיינע טיילן זענען טאַקע צעשפּרייט אין אַ סך לענדער, אָבער זיין זכרון און זיין האָפונג, זעט זיין עתיד ווי זיין ווייטן עבר, ווי עס הייסט אין דער קדושה: אחרית כּראשית.

ב

די אַנדערשקייט האָט געפירט צו אַ, ווייזט אויס, גאָר גיכער פאַר־היימישונג פון דער אויסגעליִענער שפּראַך, אַזוי אַז, אפשר נאָך אַ נישט איבעריק לאַנגער צייט־שפּאַן, איז זי געוואָרן אַ שפּראַך פון יידן און פאַר יידן, בפרט אַז זי האָט זיך, נאָכן שטח וואָס זי האָט, ווי עס איז אָנגענומען, צום ערשט אויסגעוואַקסן, אין לותר (לאָטאַרינגיע), זיך אויסגעשפּרייט אין אַנדערע שטחים, איבער גאַנץ אַשכּנז, און זייענדיק אפשר צומערשט אַ שמועס־שפּראַך — איז זי, אין אַ געוויסן טעמפּאָ, אויך געוואָרן אַ שריפט־שפּראַך — על כּל פּנים טראָגט דער ערשטער דערהאַלטענער געשריבענער דאָקומענט, אַ געוויס פּריִע דאַטע (1272), און האָט שוין דעם בפירושן חותם פון יידיש־לשון: עס איז בסך־הכּל אַ דריי־גראַמיקער זאָג, וואָס זיינע צוויי ווערטער גייען סיי פון דייטשישן סיי פון העברעיִשן קאָמ־פּאָנענט. בדרך־כּלל ווייל איך לגבי אַלט־יידיש שבעל־פּה באַמערקן, אַז אַזוי־ווי עס האָט, געוויס פרי, געוואָלט ווערן, און איז אויך געוואָרן כּלל־אַשכּנזיש, האָט עס זיך געמוזט היטן פאַר ספּעציאַליסטישער השפּעה מצד דעם שלל דיאַלעקטן, וואָס האָבן עגהערשט אין די פאַרשיידענע דייטשישע פּראָווינצן, און האָט זיך געמוזט באַזירן אויף אוניטאַרערע יסודות. אַזוי אַז עס וועט אפשר נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז יידיש האָט זיך נישט געקאָנט פאָרמירן אָן דעם באַוווסטן, און נאָך מער אומבאַוווסטן באַמי, צו זיין, צוליב אירע באַדערפענישן און צוועקן, תּחילת אַ מין דייטשישער אייבער־דיאַלעקט, און נאָך־דעם ווי דער דאָזיקער אייבער־דיאַלעקט האָט משמש געווען יידן און זייערע צרכים, האָט די דאָזיקע שפּראַך, כּדרך הטבע,

זיך נישט באַנוגנט, נישט געקאָנט באַנוגענען, מיטן דייטשישן קאָמפּאָנענט, און ממילא אַריינפּאַרוועבט דעם העברעיִש־עלעמענט, וואָס אַ טייל פון אים האָט געלעבט אין זייער פריִערער שמועס־שפּראַך, און איז נאָך אַ ירושה פון דער צייט, ווען העברעיִש איז געווען די לעבעדיקע שמועס־שפּראַך. און לגבי אַלט־ייִדיש־שבכּתב, וויל איך ווייטער באַמערקן, אַז צוגלייך, ווי אַנדערע מיני ייִדיש, האָט זי נישט איבערגענומען דעם פרעמדן אַלפאַבעט, נאָר זיך געהאַלטן אין אייגענעם אלף־בית, וואָס האָט פאַרבעטן די אייגענע פרימאַרערע עלעמענטן. אמת, דער ערשטער גרעסערער ליטעראַרישער דאָקומענט אין אַלט־ייִדיש (געפונען אין דער גניזה אין קאַהיר, דאַטירט 1382), אָפּערירט מיט אַ בלויז דייטשישן וואָקאַבולאַר, אָבער די העברעיִשע אותיות, דער אויסלייג פון די ייִדישע נעמען, און בעיקר דער אינהאַלט, געשעפּט פון מדרש, זענען געווען באַשטימט בלויז פאַרן ייִדישן לייענער, אַזוי אַז דער ווייט, נישט שטרענג באַהאַנדלטער באַנוץ מיט דער ניבעלונגען־שורה, האָט זי נישט בלויז פלאַטער, נאָר ווי לייכטער געמאַכט, און צו מאָל איז באמת לייכטער צו לייענען און פאַרשטיין אַ ייִדיש־דייטשישן איידער אַ דייטשיש־דייטשישן טעקסט, כאָטש זיי זענען ביידע פון דער זעלבער צייט. וואָס ווייטער האָבן זיך, סיי אין דער שמועס־שפּראַך, סיי אין דער שריפט־שפּראַך, געשטאַרקט די עלעמענטן פון דער אַלטער און עלטסטער ירושה, און מיטן איבערגאַנג פון די ייִדן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, און מיטן באַגרינדן פון זייערע קהילות, האָט זיך אויך געפעסטיקט די אויטאָנאָמישקייט פון זייער מיטגעבראַכטער, פאַרהיימישטער שפּראַך — זי האָט זיך באַרייכערט מיט אַ דריטן קאָמפּאָנענט: סלאַוויש — סיי פּויליש, סיי אוקראַיִניש, און האָט אַלע קאָמפּאָנענטן קלוג און קונציק פאַרשמאָלצן (מאַקס ווײַנרײַך באַצייכנט טאַקע ייִדיש ווי אַ שמעלץ־שפּראַך), סינטעטיזירט ווייטע און נאָענטע עלעמענטן, אַזוי אַז זי איז געוואָרן איינע פון די רייכסטע, פּראָגרעסיווסטע, עלאַסטישסטע שפּראַכן, אַ שפּרודלדיקער אוצר פון שמועס, זאָג, וואָרט, ווערטל.

ג

דער אָפּריס פון דייטשיש, האָט ייִדיש אומאָפּהענגיק געמאַכט פון די כּלל־דייטשישע שפּראַך־פּראָצעסן, און האָט איר אַנטוויקל געלאָזט באַזירן אויף זיך אַליין, אַזוי אַרום האָט ייִדיש אי געטראָגן דעם כאַראַקטער פון זיינע באַנוצערס, אי דעם כאַראַקטער געפעסטיקט, סיי אין זייער קאָנצענ־

טראַציע אין מזרח־אייראָפּע, סיי אין זייער אויסשפּרייט ביז אין די לעצטע דורות — אין די אַמעריקעס און אַנדערע לענדער, אַזוי־ווייט, אַז יידיש איז אויך, אין דער דאָזיקער איבער־קאָנטינענטאַלקייט, אין זיינע גרונט־ליניעס, איינהייטלעך אין שמועס און אין דער אַלץ רייכער וועררנדיקער ליטעראַטור.

מאמר ג׳: אַ שפּראַך און איר ליטעראַטור

א

וואָס שייך דער יידיש־ליטעראַטור, סיי אין איר פריִערן פּעריאָד, דעם מערב־יידישן, סיי אין איר שפּעטערן, רייכערן פּעריאָד, דעם מזרח־יידישן, דאַרף מען איבערחזרן, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט, אַז אירע ערשטע דאָקומענטן זענען פּאָעטישע שאַפונגען. מיר האָבן שוין עפּעס דערפון דער־מאָנט, און מיר ווילן איצט בלויז דערמאָנען דעם המשך, וואָס האָט זיינע אינהאַלטן געמומען פון אינעווייניק סיי פון אויסנווייניק. פון אינעווייניק — פון תנ״ך און מדרש, אַזוי די עפּישע העלדן־פּאָעמעס (שמואל־בוך, מלכים־בוך, דניאל־בוך, וכדומה), און אַנדערע סאָרטן פון דיכטערישער פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע — לעגענדעס, מדרשים, היסטאָרישע און כראָניקאַלישע טעמעס, מוסר־ביכלעך, פּורים־שפּילן, וכדומה. פון אויסנווייניק — פּאָעטי־זירטע ריצאַר־מאָטיוון, אויסגעליִענע משלים, עפּיסטאָלאַרישע באַפּוצן (געגראַמטע אַריינפירן, וכיוצא בזה).

ב

דאָס אַלץ האָט שוין אין מערב־יידיש אויסגעמאַכט אַ לייטישן יש, איז זיך אָבער ערשט רעכט צעוואַקסן אין מזרח־יידיש. און דאָ דאַרף באַמערקט ווערן אַ זאַך, וואָס מען קען זי לייכט פאַרזען און זי האָט דווקא אַ באַזונ־דערע ווערדע אין אונדזער איצטיקן באַהאַנדל.

די גרויסע רייפקייט און פילפאַרביקייט פון יידיש האָט זיך בעיקר

אַנטפּלעקט אין איר שמועס־שפּראַך, וועלכע האָט אָבער שפּעטלעך גענומען דאָמינירן אין דער ליטעראַטור־שפּראַך. לשם אָריענטאַציע איז כּדאַי צו געדענקען, אַז די ייִדיש־ליטעראַטור־שפּראַך איז אַ דרײַאיקע. ערשטנס, די ייִדיש־דײַטש־שפּראַך, וואָס שטיצט זיך בעיקר אויף דער איבערזעץ־שיטה פאַר סאַקראַלע טעקסטן, באַזונדערס פאַרן חומש, וואָס קינדער האָבן גע־לערנט — עס איז די קאָנסערוואַטיווסטע שפּראַך, און באַשטייט כּמעט בלויז פון דײַטשישן קאָמפּאָנענט, און היט זיך פאַר יעדן מינדסטן שינוי, ווייל יעדער שינוי טראָגט אין זיך די סכּנה פון אָפּנייג פון דער מסורה. צווייטנס, די ליטעראַטור־שפּראַך, וואָס האָט זיך פעסטגעזעצט נאָך אין דײַטשלאַנד און איז אַריבער קיין פּוילן, און האָט אָפּגעהיט עלטערע פאָר־מעס און אויסדרוקן, וועלכע זענען נישט אָנגעגאַנגען אין דער שמועס־שפּראַך. דריטנס, טאַקע די שמועס־שפּראַך גופא, וואָס איז ערשט, מיט וויניקע דורות צוריק, געוואָרן די ליטעראַטור־שפּראַך, אַזוי אַרום געקריגן דעם כּישוף און חן פון דער אמתער, לעבעדיקער ייִדישער שפּראַך. עפּעס דערפון האָט זיך שוין געמערקט אין מערב־ייִדיש — אין משפּחה־בריוו פון ווייבער, וועלכע זענען, כּידוע, געווען די עיקר־קאָנסומענטן פון דער עלטערער ייִדיש־ליטעראַטור, אָבער מיטן איבערגאַנג פון ייִדיש קיין מזרח־אייראָפּע, האָט זיך אַלץ מער און מער דורכגעזעצט און מאַניפעסטירט דער דורכברוך פון שמועס־ייִדיש אין דער ליטעראַטור־שפּראַך אַריין, און עס געהער צו די פּיקאַנטע קאַפּיטלען פון דער דיאַלעקטיק, אַז אַן אַנטשיידנ־דיקע ראָל האָבן דערביי געשפּילט די משׂכּילים, וואָס האָבן נעגירט ייִדיש און געוואָלט איר פאַרשווונד און אונטערגאַנג. נאָך־מער, די ראָל איז גאָר צוגעפאַלן די משׂכּילים אין דײַטשלאַנד, און זייער דרך האָבן ממשיך געווען די משׂכּילים אין גאַליציע, פּוילן, ליטע און אוקראַיִנע, און דאָס רעטעניש דערקלערט זיך אַזוי — די דײַטשישע משׂכּילים אייכל, וואָלפזאָן, וואָס האָבן, אין זייערע קאָמעדיעס, געוואָלט פאַרלאַכן זייערע קעגנער און גלאָריפי־צירט זייערע אָנהענגער, אין ייִדישן לעבן, האָבן די ערשטע, די נעגאַטיווע געשטאַלטן, געלאָזט רעדן אַן אידיאָמאַטיש באַפּעסטיקטן ייִדיש און די לעצטע, די פּאָזיטיווע געשטאַלטן, געלאָזט רעדן אַ ביכלדיקן הויכדײַטשיש, און להיפוך זייער אייגענער כּוונה, זענען די ערשטע אַרויס אויטענטיש און פול לעבן, און די לעצטע — ליטעראַטוריש, כּמעט סאַמע פּאַפּיר. תּחילת, און כּמעט מיט דעם זעלבן עפעקט, איז עס אויך אָנגעגאַנגען אין דער משׂכּילישער ייִדיש־קאָמעדיע און איר המשך אין מזרח־אייראָפּע (עטינגער), ביז זי איז אַריבער צו בלויז־ייִדיש, און עס האָבן זיך, אין איר, געפונען מיטלען, שפּראַכלעך צו כאַראַקטעריזירן די קעגנזעצלעכע טיפּן.

אָבער אויב רעדן וועגן דער משׂכּילישער ייִדיש־ליטעראַטור אין מזרח־

איראָפּע, דאַרף מען אין באַטראַכט נעמען, אַז דאָ האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פון רעוויזיע לגבי דעם עצם באַצי צו ייִדיש (יעקב שמואל ביק, וואָס האָט אויך געפאָדערט אַ רעוויזיע לגבי דעם עצם באַצי צו חסידות, וואָס די השׂכּלה האָט זיך צו איר באַצויגן מיט ביטול און פיינטשאַפט, פּונקט ווי זי האָט זיך באַצויגן צו ייִדיש), און די, וואָס האָבן זיך צו אַזאַ שטעל נישט געוואָלט און נישט געקאָנט דערשלאָגן, האָבן אָבער געשריבן ייִדיש, דערצו אַ גאָר אויטענטישן ייִדיש, און געשאַפן ווערק פון היוכער ליטעראַרישער און קינסטלערישער קוואַליטעט, און דאָס באַוועגט אונדז, וואָס האָבן שוין די געהעריקע היסטאָרישע פּערספּעקטיוו אויפצוראָלן די קשיא וועגן חילוק צווישן דעם וואָס יענע שרייבער האָבן געוואָלט — משמע, צוליב אַ קורצן, צייטווייליקן טעם זיך באַנוצן מיט ייִדיש, פון וועלכן זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן און עס אויסראָטן, און צווישן דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן — משמע, וואָס זיי האָבן געשריבן ווערק פון אַ ניוואָ און באַטייט, וואָס פאַרזיכערט זיי אַ שטענדיקן ווערט, און וואָס מאַכט זיי פּאַר בוי־שטיינער פון דער נייער ייִדיש־ליטעראַטור. יאָ, אויפן וועג צווישן דער נעגאַטיווער כּוונה און דעם פּאָזיטיוון אויפטו, האָט זיך, צומערשט סוקצעסיוו און שפּעטער רעוואָלוציאָנער, געביטן דער באַוווסטזיניקער אָפּשאַץ פון ייִדיש — וואָס עס איז פריִער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זשאַרגאָן („קאָודערוועלש"), ווי אַ פאַרדאָרבן דייטשיש, און העכסטנס ווי אַ דיאַלעקט, וואָס טויג פאַרן וווּלגאַרן, קאָמישן, ליצנישן, האָט איצט געגאָלטן ווי אַ שפּראַך, וואָס פּאַסט פאַר אַלע מענטשלעכע מידות, און ממילא אויך פאַרן טראַגישן, דערהויבענעם, לירישן, פאַר אַלץ, וואָס ליטעראַטור קאָן, וויל און זאָל אויסדריקן, און מיט דעם איבערבראָך איז געקומען אַ נייע תּקופה אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, און עס האָט זיך צעמיניעט אַ רעגנבויגן, ווי מיר האָבן אים אין דער איראָפּעיִשער ליטעראַטור — אָדער ווי מען רופט זי איבערגעטריבן אָן: די וועלט־ליטעראַטור — ראַציאָנאַליזם און גלויבן; טראַגיק און קאָמיק; עפּיק און ליריק; ערופּציע און רעפלעקסיע, און אַלע איבעריקע קעגן־פּאָרלעך.

ו

און דאָ דאַרף בפירוש באַמערקט ווערן, אַז אויב מיר רעדן וועגן אַ סוקצעסיוון, און אַפילו רעוואָלוציאָנערן בייַט, האָבן מיר נישט געמיינט דאָס פאָלק, נאָר אַ טייל דערפון, די משׂכּילים, וואָס האָבן זיך אין אַזאַ בייַט

געגנויטיקט, און ער האָט אַ שייכות מיט זייער כּלל־רעוויזיע פון זייער אייגענער אידעאָלאָגיע. דען וואָס שייך דעם פּאָלק, אין שטעט און שטעטלעך, האָט עס זיך אין אַזאַ אויטאָ־רעוואָלוציע נישט גענויטיקט, שוין אָפּגעשמועסט פון די גרויסע פּאָלק־טיילן, וואָס זענען געבליבן געטריי די באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך געראַנגלט וועגן דער השפּעה אין און איבערן פּאָלק — סיי דאָס מתנגדות, סיי דאָס חסידות, האָט דער גרויסער עולם נישט מיטגעמאַכט נוסח־השׂכּלה אין זיינע עקסטע אַסימילאַטאָרישע קאָנסעקווענצן, וואָס האָבן אַרומגענומען אַ מיעוט פון דער אינטעליגענציע, און דערהאַלטן זיין דרך אין אמונה, שטייגער, מנהגים, שפּראַך וכדומה. האָט טאַקע יידיש געהאַט אַ גרויסן בעל־הבית — די פּאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זי ליב געהאַט און דאָס שאַפעריש ליב געהאַט. לײדער האָט די משׂכּילישע און אַסימילאַטאָרישע אידעאָלאָגיע און פּראָגראַמאַטישע קעגנערשאַפט צו יידיש גורם געווען, אַז מען האָט זיך צו שפּעט גענומען אויספאָרשן די יידיש־אוצרות — דאָס פּאָלקסליד, דאָס גלייכוואָרט, דאָס ווערטל, אָבער אויך דאָס, וואָס מען האָט, צו מאָל אין דער לעצטער שעה, אוספּיעט צוזאַמענצוקלייבן, איז אַ רייך־שיכטיקער אוצר, און אַ פרישער קאָדער געלערנטע, מיט נייערע פאָרש־מעטאָדעס, וועלן אויך קאָמפּלעטירן אַ סך פונעם פאַרלוירענעם און פאַרגעסענעם, וואָס נישט וויניק דערפון איז פאַרבאָרגן אין געפונענעם און פאַרגעדענקטן, און עס זענען דאָ עטלעכע בולטע סימנים דערצו.

און נאָך עפּעס: מיר האָבן שוין, דרך אַגב, דערמאָנט, אַז די השׂכּלה איז נישט געווען נישט די איינציקע און אויך נישט די גרעסטע פאַרטיי אין דער יידישער גאַס; דען סיי די מתנגדים, סיי די חסידים זענען געווען אי מער, אי שטאַרקער. האָט דאָך חסידות באַהערשט אַ דריטל פון יידישן מזרח־אייראָפּע — זי האָט אירע טעאָרעטישע ספרים געשריבן לשון קודש, אָבער אַנטוויקלענדיק אַ רייכע לעגענדאַרע בעל־פּה־ליטעראַטור, האָט זי אַ גרויסן טייל פון איר געבראַכט אין אַ בכתב־ליטעראַטור, און אין אַ קאָנקורענציע צווישן איר און דער השׂכּלה, וואָס האָט זי פּאַראַדירט, האָט יידיש נישט אָנגעוווירן. אויף דער ליניע האָט זיך אויך באַוויזגן די אַנדערע פּאַרטיי, די מתנגדישע, און ווער עס קוקט זיך טיפער איין אין די וואָרצלען פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור, זעט באַשיינפּערלעך, ווי עס ראַנגלט זיך אין איר די דאָזיקע דרייאיקע ירושה.

מאמר ד׳: **און די קרוין — פּאָעזיע**

א

וואָס שייך דער מאָדערנער ייִדיש־ליטעראַטור, איז כאָטש איר פּראָזע, בעיקר פון די דריי קלאַסיקער (מענדעלע, י. ל. פּרץ, שלום עליכם), ווערט באַטראַכט ווי איר באַזע, איז פּאַרט די פּאָעזיע איר קרוין, און נישט קיין חידוש, וואָס לעבן די זיך באַניי־ענדיקע פּרוּוון צו איבערזעצן פון דער דאָזיקער און דער איבעריקער ווערטיקער ייִדיש־פּראָזע אין אַנדערע, בעיקר אייראָפּעיִשע שפּראַכן, זענען צוגעקומען אינטענסיווע פּרוּוון צו טאָן אויך, אָדער: בעיקר, לגבי דער פּאָעזיע, בפרט אַז עס איז געווען אַ טאָפּל־באַדערפעניש דערצו — פאַר ייִדיש, וואָס האָט, ווי אַ יעדע ליטעראַטור, דעם דראַנג באַקענט צו ווערן ביי אַנדערע פעלקער; פאַר די אַנדערע שפּראַכן, באַקאַנט צו ווערן מיט דער דאָזיקער רייכער און אָריגינעלער ליטעראַטור. מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס איז לייכט צוגעגאַנגען — די ייִדיש־ליטעראַטור האָט געקנאָספּט און געבליט אין איר מעטראָפּאָליע, אין מזרח־אייראָפּע, אָבער דער אינטערעס פאַר איר מצד אירע סלאַווישע שכנים, איז געווען אַ קנאַפּער און אַ שפּעטלעכער, אַפילו אַ פאַרשפּעטיק־טער. דער משל פון חלונים שקופים אַטומים, פענצטער וואָס זענען פון אינעווייניק אַרויס דורכזיכטיק אָבער פון דרויסן אַריין מאַט און טעמפּ, איז ווי אַ צוגעפּאַסטער — מיר האָבן געזען וואָס אין דרויסן טוט זיך, אָבער דער דרויסן האָט נישט געזען וואָס ביי אונדז טוט זיך. קאָנקרעט געזאָגט: ביי אונדז זענען געווען אַ סך לייענערס פון דער ליטעראַטור, וואָס די שכנים האָבן פּראָדוצירט. זייט דער השׂכּלה, האָבן מיר, אין אַ פּראָגרע־סירנדיקער מאָס, אין זייער שפּראַך געשריבן, אָבער זיי האָבן קיין ייִדיש, שוין אָפּגעשמועסט פון העברעיִש, נישט געקאָנט לייענען און ממילא נישט געווען קיין איבערזעצערס פון אונדזער ליטעראַטור, און דער יוצא מן הכּלל איז געווען אָדער אילוזאָריש (קלעמענס יונאָשאַ וואָס האָט, מיט דער אַנט־שיידנדיקער הילף פון אַ ייִדן, דאַווידאָוויטש, פאַרפּוילישט מענדעלען) אָדער קוריאָז. אַוודאי זענען געווען היפּש סיבּות דערצו, אַ סך פון זיי ליגן אויף דער האַנט, אָבער דאָס איז נישט משנה גופא דעובדא: דער ייִדיש־שרייבער אין פּוילן האָט געקענט די פּוילישע ליטעראַטור, איז פון איר (לעבן דער דייטשישער און רוסישער ליטעראַטור) מושפּע געוואָרן, אָבער דער פּויל־שער שרייבער האָט נישט געקענט די ייִדישע ליטעראַטור, זי נישט געקענט

און נישט געוואָלט קענען לייענען, און עס איז אים נישט איינגעפאַלן פון איר מושפּע צו ווערן. נישט ווייניק האָט דאָ געווערקט דער דורותדיקער ביטול און זלזול לגבי דער באַשטייענדיקער יִדישער קולטור, שפּראַך, ליטעראַטור, און דער אַסימילאַטאָרישער יִיד, וואָס האָט זיך געשעמט מיט זיין טאַטנס אָדער זיידנס ירושה, האָט מסתמא אויך געהאַט אַ שטיקל האַנט דערביי.

מיטן אויפקום פון דער נייער יִדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און אירע, צומייסט וועלטלעכע, באַוועגונגען און פּאַרטייען, האָט זיך דאָס געננו־מען איבעראַנדערשן. קודם־כל האָט זיך געשטאַרקט דאָס באַדערפעניש זיך צו דערנענטערן צו דער מאָדערנער, סיי העברעישער סיי יִדישער ליטע־ראַטור, אין יענע קרייזן, וואָס זענען געוואָרן שפּראַכלעך אָפּגעפרעמדט, און זענען צוגעשטאַנען צו דער דאַזיקער יונגער באַוועגונג, און פאַר זיי בעיקר זענען נייטיק געווען איבערצוזעצן אין די שפּראַכן, וואָס זיי האָבן געקאָנט — דערפאַר טאַקע געפינען מיר אין דער יִדיש־נאַציאָנאַלער פּרעסע, וואָס איז אַרויס אין אַנדערע שפּראַכן, נאָך מיט צוויי־דריי דורות צוריק, אַ סך פּרווון פון איבערזעצן, דערונטער בעיקר פון דער יִדיש־פּאָעזיע — געננוג דורכצובלעטערן די נאַציאָנאַל־יִדישע אָרגאַנען, וואָס זענען אַרויס פּויליש, רוסיש, דייטשיש, ענגליש, פראַנצויזיש, כּדי דאָס צו באַשטעטיקן. און מיר האָבן נישט צופאַליק אַמערשט דערמאַנט פּויליש — ווייל אין פּוילן, בעיקר קאָנגרעס־פּוילן און גאַליציע, האָט זיך דאָס שכנות צווישן ביידע פעלקער, פּאָלאַקן און יִידן, לענגער און באַשטענדיקער געצויגן, ווי אין אַן אַנדערן אייראָפּעיִשן יִישוב — לפּחות, געקייטלטע זיבן הונדערט יאָר, און דאָ האָט זיך דאָך מזרח־יִדיש קאָנסטיטויִרט, און דאָ וואָלט, בעצם, דער אינטערעס באַדאַרפט זיין אַ פריִער און אינטענסיווער, אַ זאַך וואָס מיר קאָנען נישט באַיאָען. אַוודאי וואָלט אַ סקרופּולאַטע ביבליאָגראַפיע פון די יִדישע שאַפונגען, וואָס זענען פּאַרפּויליִשט געוואָרן, אַנגעוויזן, אַז עס איז אַ סך מער, ווי עס לאָזט זיך אויבנאויפיק אָננעמען, אָבער עס וועט אַלץ בלייבן אַ גרויס מאַנקאָ. אַוודאי קומט די איבערזעצערס אַ יישר־כּוח — איך גופא, וואָס בין אויסגעוואַקסן אין אַ יִדישער שטאָט, אין אַ יִדישער היים, האָב זיך פון אַ סך יִדיש־שאַפונגען, אויך אין דער פּאָעזיע אירער, ערשט דער־ווּסט פון פּויליש־איבערזעצן, און אין מיין זכּרון האָט זיך וואַרעם דער־האַלטן אַ דאַנק פאַר די, וואָס האָבן זיך געמיט דערוועגן — און איך וויל מיך נישט אָפּהאַלטן, לפּחות, צוויי פון זיי צו דערמאַנען — מלך כמיעל־ניצקי (וואָס, כאָטש, אין צאַרישן מזרח־פּאָדאָליע געבוירן, איז ער געוואָרן אַ פּוילישער און יִדישער דיכטער), און בעיקר שמואל הירשהאָרן. נאָך דער ערשטער מלחמה האָבן זיך די פּרווון פאַרמערט און פאַרגרעסערט, אָבער

אַלץ איז גאַנצע מאָדערנע ייִדיש־פּאָעזיע אין פּוילישן נוסח, אַרומצונעמען.
דאָס געשעט, בעצם, ערשט איצט, גענוג שפּעט, אָבער פּאָרט.
(תש״ס)

סיים המחבר: מיר האָבן שוין אין דער פּתיחה אונדזערער דערמאָנט, ווער עס האָט זיך גענומען צו דעם אויפטו און דאָס דורכגעפירט — זאב שעפס, און מרמז געווען אַז ער איז נישט קיין האָמאָ נאָוווּס, און ווילן עפּעס דערוועגן מפרט זיין — אַ בקי איןביידע שפּראַכן אונדזערע פלייסט ער זיך, מכּוח זיין ווירטואָזן יכולת, זייער פּאָעזיע איבערפלאַנצן אין פּויליש, אַ שפּראַך אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן און אין איר אַריינגעוואַקסן, און האָט געוויזן צוויי בולטע דוגמאות פון זיין בריהשאַפט — צוויי ביכער, איינס איבערגעזעצט פון ייִדיש, אַן אָפּקלייב שאַפונגען פון איציק מאַנגער; איינס פון העברעיִש, אַ סאָנעטן־אָפּקלייב פון לאה גאָלדבערג. אַ פּרשה פאַר זיך איז אַ דריט בוך זיינס — אַ פון אים פאַרפּוילישטער לידער־אָפּקלייב פון היינריך היינע. און דאָס אַלץ איז, בעצם, אַן אויפטאַקט צו צוויי גרעסערע ווערק — אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון דער העברעיִש־פּאָעזיע און די דערמאָנטע גרויסע אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדיש־פּאָעזיע.

אַוודאי פרעגט זיך, פאַר וועמען באַשטימט דער אין תל־אביב ווינענדיקער איבערזעצער זיינע פּוילישע אויפטוען. די תשובה איז: פאַרן לייענער, פאַר דעם וואָס געפינט זיך אין אַנדערע לענדער, וואָס זייער רעד־ און לייען־שפּראַך איז פּויליש, נישט צולעצט קומען אויך אין באַטראַכט ייִדן, וואָס געפינען זיך דאָ, ביי אונדז אין לאַנד, און אין אַנדערע לענדער, וואָס, שטאַמענדיק פון פּוילן, האָבן זיי אַ פאַרבונד און באַצי צו איר שפּראַך — דער צד השווה איז דער אינטערעס, וואָס איז פאַראַן, קאָן זיין פאַראַן, דאַרף זיין פאַראַן, פאַר ייִדיש־פּאָעזיע אין פּוילישן לבוש, און קיינער ווייסט נישט, ווּהין עס קאָן דערפירן אַ גלגול פון אַ ניגון.

צווישן אייגנס און פרעמדס

אמר המחבר: דאָ בישט לאַנג איז פירגעקומען דער צווייטער צוזאַמענקום פון וועלטראַט פון יידיש־קאָמיטעט, מיטן אָנטייל פון דעלעגאַטן פון כּלערליי לענדער, און דער פינאַל איז געווען אַ באַגעגעניש אין הויז פון דעם נשׂיא־המדינה, יצחק נבון — צווישן אָנהייב, דער אַריינפּיר און אָנפּיר פון פּיר־זיצער יצחק קאָרן און סוף, דער רעדע פון נשׂיא, האָבן רעפערירט אַרטור לערמער און מיין וויניקייט. ברענג איך דאָ מיין רעפעראַט כּלשונו, מיט אַ צולאָג פון אַ פּאָר קורצינקע צווישן־באַמערקן, וואָס בעטן זיך מיט דער פּובליקאַציע אין רשות הרבים.

א

קומענדיק זיך באַדאַנקען פאַרן כּבוד און פאַרן חסד, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן, צו זאָגן מיינס אַ וואָרט פאַרן יידיש־וועלטראַט, אין הויז פון אונדזער נשׂיא־המדינה, געפין איך מיך אין אַ שטיקל מצודה, שוין מחמת דעם וואָס איך באַדאַנק מיך צום דריטן מאָל. אמת, בריך תּליתאה, טייטש: געבענטשט זענען דריַי, איז אַן אויפטאַקט צו אַ היפּש בינטל גע־הויבענע דריַילינגס: אַברהם יצחק יעקב; תּורה נביאים כּתובים; כּהן לוי ישׂראל; פּסח שבועות סוכּות, וכדומה; און דאָ קום איך מיט מיין בידנעם און פּיסנעם דריַיער, מיין דריט וואָרט פאַר אייך: צומערשט ביים היגן יידיש־קאָנגרעס, דערנאָך ביים ערשטן און איצט ביים אַנדערן היגן צוזאַמענקום פון יידיש־וועלטראַט.

איז עס, ווי געזאָגט, נישט בלויז אַ כּבוד, נאָר טאַקע אויך אַ חסד. דען לויט מיין באַנעם און באַצי, וואָלט אונדזער מהלך און זיינע סטאַציעס אַנדערש געווען, און עס וואָלט נאָך לאַנג נישט פירגעקומען דער היגער יידיש־קאָנגרעס, ווייל, לויט מיין סברה, האָט ער באַדאַרפט צו זיין גאָר צולעצט, ווי די קרוין פון דער לאַמינאַציע, נאָך דעם ווי מיר, אָדער אונדזערע יורשים, וועלן האָבן, קודם כּל הי', מכוח אַן אומדערמידלעכן אָנשטרענג, דערצויגן אַ יונגן קאַדער, וואָס וועט פון אונדזער היסטאָרישער און אַקטועלער ווערקלעכקייט, זיך, להלכה ולמעשה, דערפאַרען מיט אונ־דזערע עיקר־קשיות, און נישט אין אָנהייב, ווי עס איז געשען, וואָס מיר האָבן אַפּילו געשאַפן אַ כּלי, אָבער זי נעמט אַרום כּמעט בלויז אַן עלטערן און אַלטן דור, לרוב אַ דור פון געוועזענע, ווי מיר זענען עס, וואָס דער רוב מאַרשרוט אונדזערער איז נישט פאַר אונדז נאָר הינטער אונדז.

ב

ווי ווייט דער חסד גרייכט, לאָזט זיך אָפּלערנען דערפֿון, אַז ער ווערט מיר צוגעטיילט, כאָטש איך בין געווען און געבליבן אַ מיעוט, צומאָל בלויז אַ יחיד, און בין פֿון מיין צוגאַנג, און דעם פֿון אים געפֿאָדערטן דרך, נישט אָפּגעקומען, און האַלט, ווי אונדזער גוטער פֿריינד ר׳ יצחק קאָרן האָט געשריבן, מיין אָפּאָזיציע אויף אַ קליין פֿייערל, אָדער ווי אונדזערע נאָך ליבערע פֿריינד, די חז״ל, זאָגן: כשם שמצוה לומר דבר הנשמע, כך מצוה שלא לומר דבר שאינו נשמע, טייטש: ווי עס איז אַ מצוה צו זאָגן אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך הערן, בעסער געזאָגט: וואָס מען איז גרייט צו הערן, אַזוי איז אַ מצוה נישט זאָגן אַ זאַך וואָס לאָזט זיך נישט הערן, און איך בין מודה ומתוודה, אַז וואָס איך קלער און זאָג אין אונדזער ענין, איז מען נישט גרייט צו הערן, קלאָרער געזאָגט: איז מען נאָך נישט גרייט צו הערן.

אָבער אויב חז״ל האָבן געאַסרט אַזאַ זאָג, האָבן זיי נישט געאַסרט אַ רמז דערוועגן. בפרט אַז עס איז אַ רמז, וואָס איך האָב שוין עטלעכע מאָל מפרש געווען, און דאָס איז שייך צום איצטיקן שטאַנד פֿון אונדזער פֿאָלק, וואָס דער אַנטשיידנדיקסטער רוב זיינער אין דער וועלט, ווערט שפּראַכלעך אַלץ מער אָפּגעפֿרעמדט זיך אַליין, פּשוטער געזאָגט: אין די גלותן (און רוב פֿאָלק געפֿינט זיך דאָך דאָרט), האַלט עס דערביי, אַז מען רעדט נישט מער, לייענט נישט מער, פֿאַרשטייט נישט מער אונדזערע אייגענע שפּראַכן, און וואָס מער עס בייט זיך דער דור — רעדט מען, לייענט מען, פֿאַרשטייט מען בלויז ענגליש, אָדער בלויז רוסיש, און נאָך צוויי־דריי גרויסע לשונות. עס איז אַ ראַפּיד פּראָגרעסירנדיקער פּראָצעס, וואָס האָט זיך זיינע סיבות, און די סיבת־כּל־הסיבות איז די דעקאָלעקטיוויזאַציע פֿון אונדזער לעבן, וואָס לאָזט זיך איבעראַנדערשן בלויז דורך זיין רעקאָלעקטיוויזאַציע, וואָס דער דערהאַלט און אויפֿלעב פֿון זיינע אייגענע היימישע שפּראַכן געהער צו אירע גרונטיקסטע עלעמענטן. אָבער פֿון אַזאַ רעקאָלעקטיוויזאַציע, ווי זי איז היינט ממשדיק מעגלעך אין דער קאָנצענטראַציע פֿון רוב ייִדן אין זייער מדינה, וויל דער דאָזיקער רוב ייִדן אויף דער וועלט, לעת־עתּה, נישט הערן.

איך בין נישט אַזוי ווייט בלינד, ווי עס ווילן מיר איינרעדן עטלעכע ווילע ייִדן, וואָס פּאָלעמיזירן מיט מיר, ווער מיט אַרגומענטן און ווער מיט שפּילקעס, איך זאָל נישט זען, אַז עס זענען פֿאַראַן פּרוּוון צו געפֿינען אַן אחיזה, ערגעץ, אין דער פֿאַראַנענער אָדער צוגעטראַכטער מיט, צווישן דער דעקאָלעקטיוויזאַציע, פֿאַר וועלכער עס כאַפּט אָן אַ שרעק, און דער רע־

קאָלעקטיוויזאַציע, צו וועלכער מען האָט נישט קיין שׂכל אָדער קיין מוט, אָבער ווען איך האָב זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די, וואָס גלייבן אין אַזאַ אחיזה, בעיקר אויפן שפּראַכן־פראָנט, און זיי געפרעגט: פאַר וואָס שפּילן זיי נאָך ייִדישיסטן און העברעיִסטן, שטאָט צו שאַפן, פּאַקטיש און אינ־סטיטוציאָנעל, אַ בשותּפותדיקן קאַמף־פראָנט קעגן דער אייבערהערשאַפט, וואָס ווערט אַלץ מער אַן אַליינהערשאַפט, פון די פרעמדע, בעיקר אימפּע־ריאַלע שפּראַכן, האָט זיך פון די תּשובות אַרויסגעשטעלט, אַז, בעצם, לעבן זיי ווי פאַרן מבול, נישט אין ניו־יאָרק אָדער בוענאָס־איַירעס, ווו זיי זענען דאָ, נאָר אין וואַרשע אָדער ווילנע, ווו זיי זענען אַמאָל געווען, און פירן ווייטער, כאָטש נישט אַזוי טומלדיק (נו יאָ, מען ווערט דאָך עלטער), זייערע מחלוקתן.

ג

דען ווי עס האָט אויסגעזען אויפן שפּראַכן־פראָנט אין וואַרשע און אין ווילנע ווייס איך. צום טייל קאָן איך מעיד זיין: בעיניי ראיתי, און צום טייל קאָן איך מעיד זיין: באזניי שמעתּי. און דערלויבט מיר דערמאָנען אַ באַגעגעניש, וואָס איך בין אפשר איר לעצטער לעבעדיקער עדות — דער פּוילישער קולטור־מיניסטער, סטאַניסלאַוו גראַבסקי זכותו יגון ואנחה, האָט יוסט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט טעלעכע, דעמאָלט ייִנגע, עסקנים, און האָט זיך אויך באַגעגנט מיט זיי, אין שטוב פון מיין פריינד, דעם סיים־דעפּוטאַט אַברהם זילבערשיין, וואָס האָט אויך מיך פאַרבעטן דערצו, מסתּמא קלערנדיק, אַז אויך איך דאַרף זיין דערביי, כאָטש — און אפשר: ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר זייער גלות־פּאָליטיק, פאַר יעדער גלות־פּאָליטיק. דער גוייִשער מיניסטער, וואָס איז, כּידוע, געווען, אַ ווייסטער שׂונא־ישׂראל, האָט כּביכול געזוכט אינפאָרמאַציע וועגן דער מחלוקה צווישן העברעיִשן און ייִדישן שול־וועזן, אָבער באמת, וואָס ער האָט נישט פאַרהוילן, האָט זיך אים געהאַנדלט צו באַשטאַרקן זיין פּראָ־גראַם, וואָס איז נישט פּרינציפּיעל און נישט פּאַקטיש, געווען פאַראינטע־רעסירט, אַז ייִדן זאָלן ווערן פּאָליאַקן, האָט אָבער געוואָלט וויסן, וועלכע פון די צוויי שפּראַכן אונדזערע דערציט גיכער און מערער צום עקספּאָרט און לויט דעם וועט ער זיך אָריענטירן אין זיין מיניסטעריאַל־דערציִערי־שער מאַכערייקע. פאַרשטייט זיך, אַז די עסקנים, וואָס זענען געווען ייִדן מיטן פולן מויל, האָבן פאַרשטאַנען, אַז וועגן גורל און וועג פון ייִדישן חינוך טאָרן נישט אַנטשיידן גויִם, און שׂונאי־ישׂראל דערצו, ווי עס זענען

גרייט געווען צו טאָן חסידים שוטים פון געקרוינטע און אומגעקרוינטע און זייערע משרתים — אָנגעהויבן פון די, מיט דורות צוריק, פאַרנאַרטע אין אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם פון יאָזעף קייזער אין דער ווינער בורג, און געענדיקט מיט די, אין אונדזער דור, פאַרבלענדטע אין מאַרקסיסטישן אַבסאָלוטיזם פון יוסיף דיקטאַטאָר אין מאָסקווער קרעמל. האָבן די אָנטייל־נעמער אין יענער באַגעגעניש אויסגעבטלט דעם פוילישן מיניסטערס חלומות, און איך, זעענדיק דעם מיניסטערס טרייפן פרצוף, האָב געקלערט וועגן ביאַליקס זאָג: זאָל אַ קרענק דער שונא וויסן, וואָס אין האַרצן בראָט און ברענט.

און עס האָט, דאָרט, אין האַרצן, אי געבראָטן אי געברענט, מחמת דעם ווילדן פייער פון דער מחלוקה — פון דאָנעט די „תרבות״־שולן, ווו ייִדיש איז ווי געלעגן אין חרם, גלייך עס וואָלט אַזאַ שפּראַך נישט געווען און פון דאָנעט די ציש״אָ־שולן, ווו עברית איז ווי געלעגן אין חרם, גלייך עס וואָלט אַזאַ שפּראַך נישט געווען; און הינטער די צוויי אינסטיטוציעס זענען געשטאַנען מיליטאַנטע קעגן־מחנות: דאָרט בעיקר די ציוניסטן, וואָס האָבן אַפילו אַרויסגעגעבן אַ שטאַרקע ייִדיש־פּרעסע, און דאָ בעיקר די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך געהיט פאַרן לעבעדיקן עברית, ווי דער טייוול פאַר ווייַרעך. און אויב איך האָב שוין דערמאָנט דעם טייוול, וועל איך אויך דערמאָנען, אַז, בעצם, האָט ער אין אָט דער מחלוקה אויסגעפּירט: דען באמת האָט דאָך סיי „תרבות״, סיי ציש״אָ, ווו זיי זענען געווען, אַלץ מער און מער אָפּגעטראָטן דעם פּלאַץ פאַר דער מלוכהשער פּוילישער פאָווּשעכנע, און דאָרט ווו זיי זענען נישט געווען, על אחת כמה וכמה.

עס ווייזט אויס, אַז דער זעלבער טייוול איז אַריבער פון וואַרשע און ווילנע קיין ניו־יאָרק און האָט זיך דאָרט צעפּאַנקעוועט; אַ סימן דער ייִדי־שער קולטור־קאָנגרעס דעכעט אַלץ שווערער און שווערער און די הסתד־רות עברית איז כמעט אַ בר־מינן. די קשיא ווייטער, צי איז דער אויסגע־קליגלטער פּאַטענט פון פּלוראַליזם טאַקע אַ מין ווייַרעך פאַר דעם דאָזיקן טייוול — בלייבט אַ קשיא.

ד

אָבער איך קער מיך אום צו אַן אַנדערער קשיא, וואָס איך האָב גע־פרעגט אויף מיין לאַנגן וועג פון בוענאָס־אײַרעס ביז קאַנאַדע און פון סאַן־פראַנציסקאָ ביז ניו־יאָרק: אפשר איז פאָרט מעגלעך, ווי עס איז נייטיק, צו שאַפן אַ בשותפותדיקן פראָנט פון אונדזערע אייגענע שפּראַכן, קעגן דער

אייבערהערשאַפט, פון פרעמדע שפּראַכן, האָב איך ווי אַ קאָלעקטיווע תּשובה, געקריגן צו זען אַן אויסגעשטרעקטע, געעפנטע האַנט־פלאַך מיט אַ ווייז־פינגער, וואָס מיינט כּידוע: אַזוי־ווי דאָ וועלן האָר וואַקסן.

אויב דעפינירן, וואָס מיר ווילן דאָ ביי אונדז, אין ירושלים און תּל־אביב, מחדש זיין, איז אויך ווייזן אַן אויסגעשטרעקטע, געעפנטע האַנט־פלאַך און אַ ווייז־פינגער, אָבער אויסרופן: דאָ, טאַקע דאָ, וועלן האָר וואַקסן. דען הי, אין ירושלים און תּל־אביב, שטייט אונדז ביי, מער ווי ערגעץ אויף דער וועלט, די דערקענטעניש, וואָס עס שטיצט זי דער היסטאָרישער זכּרון און נסיון, אַז אונדזער פאָלק איז נישט מוותּר אויף זיינע גרויסע ווערטן, וואָס ער האָט געשאַפן, היט זיי אָפּ, אַזוי אַז זיי גייען נישט לבד, און עס איז אַ קיימא לן, אַז אונדזערע אייגענע, היימישע שפּראַכן, בעיקר די וויטאַלסטע און שאַפערישסטע פון זיי, געהערן אין דעם רייסטער אַריין.

און כאָטש עס לאָזט זיך זאָגן, ווי עס האָט אויסגעזען די האַרמאָניע צווישן אונדזערע אייגענע היימישע לשונות, און אַפילו פּרעציזירן דעם פונקציאָנאַלן אויפטייל צווישן זיי, במשך לאַנגע דורות פריִער; פּונקט ווי עס לאָזט זיך זאָגן, ווי עס האָט אויסגעזען די דיסהאַרמאָניע זייערע אין די לעצטע צוויי־דריי דורות, בעיקר זייטן שפּראַכן־קאַמף, איז עס אַ שפּילעריי אין נביאות, צו וועלן דעפינירן, ווי דאָס וועט אויסזען אין די קומענדיקע דורות, בפרט אַז די נבואות קומען פון פאַרמאַציעס און יחידים, וואָס זענען געווען אַנגאַזשירט ווי אַ צד אין דער צעקריגטער משפּחה, און די געשיכטע איז זיך נישט מתחייב זיי, אַפילו בערך, מכּל־שכּן אַקוראַט, צו פאָלגן.

וואָס שייך אונדזער קאָמיטעט, וואָס איך האָב געהאַט דעם זכות צו זיין פון זיינע באַגרינדערס, האָב איך, געטריי דעם כּלל: קשוט עצמך תּחילה, טייטש: צומערשט פוץ דיך אַליין אויס, געהאַלטן, אַז זיין אויפטו־באַזע איז קודם־כּל הי, ביי אונדז אין לאַנד, און געקלערט, אַז אונדזער ענערגיע קאָן און דאַרף זיך, ווי געזאָגט, תּחילת קאָנצענטרירן אין אויפשטעלן אַ קאַדער, בעיקר אַ יונגן רוד, וואָס זאָל זיין היימיש אין ביידע שפּראַכן אונדזערע, און געקלערט וועגן יונגן דור, דאַרונטער, אין ערשטער ריי, שרייבער, זשורנאַליסטן, לערער, פאָרשער, סטודענטן, וואָס זאָלן ווערן אַ צוויי־שפּראַכיקער קריסטאַליזאַציע־קערן, און ערשט שפּעטער, נאָכן אויסצייטיקן פון אַזאַ אויפטו, לאָזן זיי קלערן און באַשטימען, וואָס טוט מען ווייטער. אָבער, ווי איר ווייסט, איז דער וועג פונעם קאָמיטעט און זיין סדר געווען אַן אַנדערער, אַ דיאַמעטראַל אַנדערער, און להלכה האָב איך, בעצם, ווי אַן איבערגעשטימטער, זיך באַדאַרפט גאָר אָפּרוקן, אָבער למעשה בין איך געבליבן נאָענט, מחמת די ווייניקער גערעדטע און מער געטוענע מעשׂים

(בעיקר די אויך טראַנספּאָרטאַבעלע: זשורנאַלן, ביולעטינען, ביכער־סדרות און געפּלאַנטע אַנטאָלאָגיעס), און האָב אויך, כּמיעוט כּוחי, צוגעלייגט אַ האַנט דערצו.

ה

אַוודאי, נישט איך וויל נישט איך קאָן פאַרהוילן, אַז אויך ביים איצ־טיקן וועג און גאַנג, זענען פאַראַן ליכטיקע און פרײדיקע פּונקטן, און דער ליכטיקסטער און פרײדיקסטער פון זיי איז, וואָס אונדזערע צוזאַמענטרעפן קומען פיר הי, בעיקר אין ירושלים, האָפנדיק, אַז די ליבע געסט וואָס קומען פון כּל־ערליי גלותן, וועלן זייער היגע מאָמענטאַלע ישיבת־ארעי פאַרבייטן אויף אַ דויערנדיקער ישיבת־קבע. וועט איר מיר דערלויבן צו פאַרענדיקן מיט אַ מעשׂה שהיה — נאָך דער פּטירה פון ר׳ משה קאָברינער האָט זיינס אַ געהויבענער חסיד געזוכט אַ רבין און האָט זיך געלאָזט איבער כּלערליי וואַזשנע הייף, און אַלץ געזוכט, ביז ער איז געקומען אין צאַנזער הויף. ווי נאָר ער האָט אָנגערירט די קליאַמקע, האָט ער דערפילט, אַז דאָ איז עס. און ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר, האָט אים דער דברי חיים אַ זאָג געטאָן: ס׳טיט אינץ וואַי דוס האַרץ, אַז מיר דערמאַנען זעך, פאַר־ווס איר זענט גיקימען, אָבער אויב די [־דו] ביסט גיקימען, טיט מיר הנאה ווס די [־דו] ביסט גיקימען צי [־צו] מיר.

דער נמשל ליגט אויף דער האַנט, און צום נמשל געהערט אויכעט (און אפשר: בעיקר) דער גיכער איבערגאַנג פון הערצן צו דוצן: פון איר צו דו, עס איז דער איבערגאַנג פון פריינד צו — ברידער.

(חוה״מ סוכות תשמ״א)

אַ שטיק דין וחשבון

אַ וואָרט ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים

א

מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק, האָבן צוויי יונגע לייט, אַברהם יערי (וואַלד) און איך, באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּראַזניק לכּבוד ש״י עגנון, מיט אַ שטיקל חידוש דערביי — טאַקע לויטן לוח, אָבער נישט אַקוראַט לויט דער מעטריקע. זענען מיר געקומען פאַר אים, אַזוי צו זאָגן: היות עס ווערט באַלד דרייסיק יאָר, זייט איר האָט עולה געווען און געקומען אין אונדזער לאַנד אַריין, ווילן מיר לכבודו של מר פּראַווען אַ מין קערמישל ברשות־הרבים, זענען מיר געקומען פרעגן צי איז עס אייך ניחא. עגנון, וואָס האָט נישט פיינט געהאַט וואָס אַנדערע האָבן ליב, און פלעגט ווען זיך זאָגן, אַז דער חילוק צווישן אַלע אַנדערע און אים באַשטייט דאַרינען, וואָס אַלע אַנדערע האָבן ליב כּבוד, אָבער ער האָט ליב אַ סך כּבוד, האָט איצט אַ קאָפּ פאַרזשמורעט די אויגן און אַזוי געזאָגט: די כּלה וויל, נאָר זי שעמט זיך, און קוים שעמט זי זיך נישט, דאַרף זי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי שעמט זיך.

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען מיט אַ סך אַ סך יאָרן צוריק, און זינט דעמאָלט, און בעיקר נאָך דעם עס איז לגבי מיר מקוים געוואָרן יובל היא שנת החמישים, האָב איך מיך צוגעוווינט, אַז מען מאַכט מיר, צומערשט יעדעס צענטע יאָר און, שפּעטער יעדעס פינפטע יאָר, אַ פּראַזניק, און נישט בלויז איך בין ווייט נישט ווי יענע כּלה אין עגנונישן זאָג, דען נישט איך שעם מיך און נישט איך מאַך דעם אָנשטעל אַז איך שעם מיך, נאָר עס איז ביי מיר מקוים געוואָרן דער שעקספּירישער זאָג, אַז די בושה האָט אָנגעוווירן אַ יעדע בושה און פאַראַדירט אויפן סאַמע מיטן שטערן, און בין כּביכול ווי דער קייזער פראַים יאָסל, וואָס קומענדיק אין אַ גאַליציש שטעטל, האָט ער דעם צעשראָקענעם ראש־הקהל אַ זאָג געטאָן: נאַ, יודע, זאָג שאָן דיינען שפּרוך, און האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, און אויסגעהערט דעם ברוך שחלק מכבודו.

ב

נאָך מער, איך בייג אָן דעם קאָפּ מיט אַ געמיש פון הנאה און תרעומת. די הנאה דאַרף איך נישט מפרש זיין: אַ קליינִיקייט, אויסהערןביים לעבן שבחים, וואָס געהערן, בעצם, צום הספד; די תרעומת קאָן איך נישט מפרש זיין, אויב איך וויל נישט איבערחזרן, וואָס די הלצה הענגט אָן יענעם, וואָס איז געווען אין הינערפלעט און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מת, און ווען ער האָט זיך, אין סאַמע מיט הספד איבער אים, אויפגעכאַפּט, האָט ער אַ פרעג געטאָן: נו, און קיין ענוו בין איך נישט געווען? ניין, ווי פאַרנאַרט איך זאָל נישט זיין אין מיר אַליין, בין איך פאָרט ווייט פון יענעם הינערפלעטניק. מיין תרעומת האָט פאָרט אַן אַנדערן גרונט: מילא, דאָס וואָס איך זע מיך אַליין בחינת שורך טבוח לעיניך, טייטש: דיין אָקס איז געקוילעט פאַר דיינע אויגן, און מען צעפּאַלמעסט אים אויף שטיקער און שטיק־שטיקער, געהער צו דער עצם מלאָכה פון אָפּשאַץ — קריטיק גייט נישט אָן אַנאַליז, און אַנאַליזירן מיינט צעשיידן, צעגלידערן, צעשניידן, פונאַנדערלייגן; אָבער דאָס וואָס די שטיקער און שטיק־שטיקער ווערן אויפגעהאָנגען אויף באַזונדערע האָקנס וואָס שטעקן אין די ווענט אָדער סופיטן פון באַזונדערע יאַטקעס, דאָס מאַכט מיך, סוביעקטיוו, נישט איבער־גליקלעך, און איז אפשר, אָביעקטיוו, אַ שטיקל עוולה.

און גאָר בולט פיל איך דאָס בשעת די ירידים פון מיינע יובלען — אָט זיץ איך ביי איין אימפּרעזע און זע ווי איין בינטל פלייש און ביינער ווערט אַנידערגעשטעלט ווי דער עיקר און אויסגעלויבט ביזן זיבעטן הימל, און אָט זיץ איך ביי אַן אַנדערער אימפּרעזע און זע ווי אַן אַנדער בינטל פלייש ווערט אַנידערגעשטעלט ווי דער עיקר און אויסגעלויבט ביזן זיבעטן הימל. און אַזעלכע מיני לויבענישן קאָנען זיך, כּדרך הטבע, נישט אַרויס־באַפרייען פון אַ גוזמא־לרובא, אָבער אַזוי ווי דער צד השווה איז דער אויפטייל פון מיר אין באַזונדערע עלעמענטן, און דער באַזונדערער עלע־מענט, ווערט נישט באַהאַנדלט ווי אַ טייל, נאָר ווי אַ גאַנצס, לויטן אינטע־רעס, באַנעם און טענדענציע פונעם אויפטיילער, שטעלט זיך אַרויס, אַז די אַלע מיני גוזמא־לרובא זענען, בעצם, אַ גוזמא־למיעוטא.

ג

אָבער אַזוי ווי הרגל נעשׂה טבע שני, די געוווינשאַפט ווערט אַ צווייטע נאַטור, האָב איך מיך שוין צוגעוווינט נישט צו האָבן קיין תּרעומת אויף דעם דאָזיקן תּרעומת מיינעם, און דאַכט זיך, אַז איך האָב עס שוין לאַנג, לאַנג פֿיראויסגעזען. כּדי דאָס מפֿרש צו זיין, וועט איר מיר דערלויבן צו דערמאָנען אַ שמועס מיט יוסף אָפּאַטאָשו, מיט וועלכן איך האָב זיך באַ־פֿריינדט, ווען מיר ביידע זענען געווען אין אַן עלטער, אין וועלכן מען שליסט שוין נישט אַזוי לייכט נייע פֿריינדשאַפֿטן, בפֿרט אַז עס איז נאָך געווען אַ סענק דערביי. דען עס איז געווען איינע פֿון יענע פֿריינדשאַפֿטן מיינע, וואָס זענען געקומען אין אַ סאַמע מיט פֿון אַ שפּאַנונג צווישן אונדז, איינע פֿון יענע שפּאַנונגען, וואָס האָבן געהאַט היפּשע סימנים פֿון אַ האַרבן ברוגז. ומעשׂה שהיה כּך היה — איידער אַברהם שלאָנסקי האָט פֿאַר־העברעיִשט איציק מאַנגערס „נאָענטע געשטאַלטן", האָט ער מיך געפֿרעגט וועגן מיין דעה, האָב איך אים געזאָגט, אַז ער, מאַנגער, פֿאַרבליפּט, אין דעם בוך, מיט זיין אינטויִציע, אויפֿצוכאַפּן כאַראַקטער און ראָל פֿון די באַשריבענע שרייבערס, אָבער וואָס שייך די צוויי־שפּראַכיקע צווישן זיי אָריענטירט ער זיך נישט, מחמת ער קען נישט קיין לשון־קודש, און איז זיך סומך אויף זלמן רייזענס לעקסיקאָן, וואָס זיין עובֿדא איז געווען אויס־צובולטן זייער ייִדיש־אויפֿטו, אָבער זיין, צו מאָל אָפּענע און צו מאָל באַ־האַלטענע כּוונה האָט מינימיזירט זייער העברעיִש־אויפֿטו, אַזוי אַז עס וואָלט זיך דאָ געפֿאָדערט אַן אָביעקטיווער אויפֿקלער. שלאָנסקי האָט מיר נישט געגעבן קיין רו, ביז איך האָב די אויפֿגאַב דערפֿילט, אָבער נאָך דעם ווי דאָס בוך איז אַרויס (1941), און דערגרייכט, אין לאָנדאָן, מאַנגערן, און מען האָט אים מיין נאָכוואָרט איבערגעזעצט, איז ער כּהרף־עין, געוואָרן אַש להבה און געלאָזט אַוועקבוכן, אין דער „מצודה", מיך פּיקירן. אָבער דאָס האָט נישט געשטערט, נאָר אַפֿילו געשטאַרקט די פֿריינדשאַפֿט אונדזערע, און דאָס מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין בעסערער קיט ווי מידת־האמת. נאָך יאָרן האָט שלאָנסקי געהערט פֿון מיר, אַז איך וויל פֿאַרהעברעיִשן אָפּאַטאָשוס „אַ טאָג אין רעגנסבורג", אָבער איך קווענקל מיך מחמת דעם, וואָס צוויי איבערזעצן, ליגן אַפּנים אין כּתבֿ־יד (ישׂראל היילפּערן, חיים אָרלאָן), האָט ער געטענהט, אַז אַזוי ווי ער אַליין רעכנט זיך נישט דערמיט — און ער האָט זיך טאָקע נישט גערעכנט, האָט ער דאָך אַרויסגעגעבן זיין נוסח פֿון פּושקינס „יעווגעני אָנעגין", צוגלייך מיטן נוסח פּ ווזאַברהם לעווינסאָן — און האָט אַרויסגעגעבן זיין נוסח פֿון אָפּאַ־טאָשוס „פֿונדקא רטיבתא", כאָטש עס איז שוין דערשינען פֿריִער דער

נוסח פון אַברהם סאַלאַדאַר. איך האָב מיך גענומען צו דער נאָוועלע און טאָג־טעגלעך, אַכט אין דער פרי, איז געקומען צו מיר שלאָנסקי זיך נאָכ־פרעגן, ווי האַלט עס אין דער מלאָכה. און ווידעראַמאָל האָט ער געפרעגט וועגן מיין דעה, און אַזוי־ווי איך האָב נישט געקאָנט פאַרהוילן, אַז וואָס שייך קינסטלערישע פערפעקציע, איז די נאָוועלע אַ שעדעווער, אָבער וואָס שייך היסטאָרישע וואָר, הינקט זי אונטער, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך קען נישט שפּילן דעם טויבן מאיר, און איך האָב אויך איצט געשריבן אַ נאָכוואָרט, און אַז דאָס בוך איז אַרויס (1943), האָב איך פון עטלעכע אָפּרופן פאַרשטאַנען, אַז מיין נאָכוואָרט איז יאָ דערגאַנגען און נישט דער־גאַנגען. ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז געווען אַ פאַרלעגעריש דריידל. „ספרית פּועלים" האָט אין אַ טייל עקזעמפּלאַרן, דאָס נאָכוואָרט יאָ געבראַכט, און אין אַ טייל עקזעמפּלאַרן האָט זי עס נישט געבראַכט.

אין די אָפּרופן זענען געווען נישט בלויז קאָמישע, נאָר אויך אַבסור־דאַלע פּרטים. וואָס שייך די מחברים, וויל איך איצט נישט פּורש בשמם זיין, אַז ראובן האָט מיך געלערנט מאַרעס, ווי עס דאַרף אויסצוזען מיין קוק אויף יידיש; שמעון האָט געטענהט, אַז איך זאָג, דאָס יידיש איז אַ טומאה. יוסף אָפּאַטאָשו ווייטער, וואָס האָט נישט געוווּסט, וואָס ווילן בעצם, די צוויי מוכיחים, האָט געזאָגט, אַז ער גלייבט נישט, אַז איך זאָל האָבן אַזוינס געזאָגט. באמת איז, נעבעך, שמעון אַריינגעפאַלן — אין דער נאָוועלע ווערט דערמאָנט אַ גויִיש בית־יראה, וואָס רופט זיך דייטשיש, לויטן לאַטיי־נישן, דאָם אָדער טום, און דאַצו האָב איך אַ ראַנד־באַמערק, אַז יידיש הייסט עס טומאה, אָבער ביי מיין קריטיקער, וואָס זיין באַריסאָוועד לשון־קודש האָט זיך אים, נעבעך, אויסגעוועפּט, האָט זיך אָנגעבוישט אַזאַ מין סאַלאַמאַכע. איך ווייס נישט, ווען און וויאַזוי מיין נאָכוואָרט איז דערגאַנ־גען צו אָפּאַטאָשון, צי אַריינגעבונדן אין בוך צי אָפּגעזונדערט פון אים — זיין אלמנה, מרת אַדעלאַ, וואָס האָט עס ערשט שפּעטער געלייענט — בעצם קען עס היינט יעדער לייענען אין מיין בוך „אבני מפתן" (1961) — האָט מיר דערציילט, אַז אָפּאַטאָשו האָט עס פאַר איר קיין מאָל נישט דער־מאָנט, און ערשט נאָך זיין פּטירה, האָט זי עס געפונען, פאַרשטופּט צווישן זיינע פּאַפּירן.

איך שטעל מיך פיר, אַז מיין נאָכוואָרט האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט פאַרדייען — האָב איך דאָך נישט פאַרהוילן, אַז די באַשריבענע סיטואַציע אין „אַ טאָג אין רעגנסבורג" איז נישט בלויז אַן אויסגעטראַכטע, נאָר אַ צוגעטראַכטע, דען ווי קען דאָס געמאָלט זיין, וואָס אַלע נפשות, ערגעץ אין 16טן יאָרהונדערט, מאַכן דעם בפירושן רושם, אַז זיי קענען

שוין אַקוראַט די באַשלוסן פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, און אַז דער קעגנער פון די קאָמעדיאַנטן אין זייער שפּראַך איז דער בלומרשט רעגנסבורגער רב, אַ ספרדי, וואָס רופט זיך רדב״ז, וואָס איז טאַקע אַ באַקאַנטער נאָמען, אָבער זיין פּוס האָט נישט באַרירט אייראָפּע בכלל, און אַשכנז בפרט.

ד

און איצט צום עצם שמועס צווישן אָפּאַטאָשו און מיר אין תל־אביב, ער האָט זיך געצויגן אַ גאַנץ גייענדיקן טאָג — עס איז געווען יום־כּיפּור און ער האָט געוואָלט יוסט זען הונדערט בתּי־מדרשים, בתּי־תּפילה, קלויזן. אין אַזאַ לאַנגן שמועס האָט זיך דורכגעשנירלט אַ שפּע טעמעס, און עס וואָלט געווען אַ יושר, איך זאָל אים רעקאָנסטרויִרן — על כּל פּנים אַ באָמען האָב איך שוין פון לאַנג: אַ טאָג אין אָפּאַטאָשו, אָבער כאָטש דעם ענין נאָכוואָרט האָבן מיר נישט דערמאָנט, איז זיין שפּיץ, ווי אַן אָל פון זאַק אַרויס, דען פלוצים ווי פון דער העלער הויט אַרויס, האָט ער אַ פרעג געטאָן: פון טשערנאָוויץ האַלט איר דאָך נישט, וויאַזוי זשע, קלערט איר, אויפן העברעיִשן אוניווערסיטעט לערנען ייִדיש, ליטעראַטור און שפּראַך. האָב איך געענטפערט: ערשטנס, טוט מיר די טובה, וואָס עס האָט מיר געטאָן, מיט עטלעכע יאָר צוריק, מאַקס ווײַנרײַך, אין אונדזער אייציקן שמועס־בעל־פּה אין תּל־אביב — אַז מיר האָבן גערעדט וועגן ייִדיש, אַפילו וועגן ייִדישיזם, אָבער אויסגעמיטן ענין טשערנאָוויץ, ווייל ווי איך האָב אונטערגעשטראָכן, אַז מיר וועלן זיך דאָך נישט דעררעדן, שוין מחמת דעם וואָס מיר וואָלטן זיך באַדאַרפט אַמפּערן דערוועגן, וואָס האָט די קאָנפערענץ געוואָלט זיין און געווען ווי אַ כראָניקאַל־היסטאָריש געשעעניש, און וואָס איז זי בעיקר ווי אַ פּאַראָל געוואָרן, און ער וואָלט געזאָגט: אַן אידעאָלאָגיש פערמענט, און איך וואָלט געזאָגט, אַ פּראַגמאַטישע אַוואַנטורע, האָבן מיר געשמועסט וועגן ייִדיש ווי אַ תּוך־זאַך, און איך האָב ווייניק אַזעלכע שמועסן געהאַט אין מיין שמועס־רייכן לעבן. צווייטנס, וועגן מיין ייִדיש־לערנען אין ירושלימער אוניווערסיטעט — איך וועל אין לערן־קלאַס אויפהענגען אַ גרויסע מאַפּע פון אונדזער פאָלק, זיין געשיכטע פון אָנהייב ביז היינט, אַ מאַפּע פון אונדזער קולטור פון אָנהייב ביז היינט, אַ מאַפּע פון אונדזערע שפּראַכן פון אָנהייב ביז היינט, כּדי צו פאַרשטיין די פּראָ־פּאָרציע צווישן זיי, און ייִדיש באַהאַנדלען לויט איר פּראָפּאָרציע אויף דער דאָזיקער מאַפּע, אפשר עפּעס מער, ווי עס פאָדערט די באַזונדערע פּעדאַגאָ־

גישע כוונה, אָבער, חלילה, נישט ווייניקער. נאָך־מער, איך האָב נישט פאַרהוילן פאַר אים, ווי איך האָב נישט פאַרהוילן פאַר קיינעם, אַז איך בין, בעצם, נישט געווען צו פאַכאָפּנע איבערצונעמען די ייִדיש־קאַטעדרע, איך האָב געוואָלט עפּעס וואָס איז אי ווייניקער אי מער, און איך פּראָפּאַגיר עד־היום ווי אַ גרונט־באַדערפעניש: איינשטעלן אַ דאָך־קאַטעדרע פון אונדזער טאָפּל־דריי־סאָרטיקער כּלל־ליטעראַטור, ווי איך האָב זי דעפינירט אין מיין בוך „על ספרותנו — מסת מבוא”, טייטש: וועגן אונדזער ליטעראַטור — אַריינפיר־עסיי (1950) און וואָס איז פאַר יעדן תּלמיד, וואָס לערנט אונדזער ליטעראַטור אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען, מחויב צו זיין ווי אַ פּרוזדור צום טרקלין. און פאַר דער ייִדיש־קאַטעדרע האָב איך פירגעלייגט מאַקס וויינרייך, וואָס האָט זיך, נאָך אַ לייטישן קווענקל, אָפּגעזאָגט, פּונקט ווי עס האָבן זיך אָפּגעזאָגט שמואל ניגער און אַהרון צייטלין, און איך האַלט, עד־היום, נישט, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע חכמה אין זייער לעבן. אָבער אַזוי ווי איך האָב זי לסוף איבערגענומען, האָב איך געהאַנדלט לויטן עיקר כּלל מיינעם: זאָגן נישט וואָס יענער וויל הערן, נאָר וואָס איך בין מחויב אים צו זאָגן. איך האָב קלאָר געוווּסט אַז אין כּלל־קוק אויף אונדזער קולטור, ליטעראַטור, שפּראַך, זענען צווישן אַנדערע און מיר פאַראַן נישט בלויז דיפערענציע און אָפּשטאַנד, נאָר עפּעס טיפערס — וואָס ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט פאַר אַ מליצה, וואָלט איך עס באַצייכנט: תּהום, וועלן מיר מאַכן אַ פּשרה און זאָגן: גרונט־חילוקים.

ה

אַקוראַט מיט פינף יאָר צוריק בין איך דאָ, אין דעמזעלבן זאַל, פאַר דעמזעלבן טיש, געשטאַנען און געפּרווּט אויסברייטן, וואָס איך האָב נישט איינמאָל, בעל־פּה און בכתב, אויסגעברייטעט, אין וואָס, בעצם, באַשטייען די דאָזיקע גרונט־חילוקים, און כּדי זיך נישט איבערצוחזרן, וויל איך איצט בלויז אָנצייכענען עטלעכע בולטע שטריכן, וואָס באַשטייען פון סאַמע לאַוון. ערשטנס, — דער לאַוו לגבי אַ גלויבן אין אַ מעגלעכקייט פון אַן אַנדער ייִדיש פאָלק און אַן אַנדער ייִדיש לאַנד, אַ ניי־ערס און אַ ייִנגערס, ווי עס האָט זיך אויסגעשפּינט ביי טעריטאָריאַליסטן, סיי ווי אַ פּלאַן להלכה — אוגאַנדאַ, אַנגאָלאַ, סורינאַם, קומבערלאַנד; סיי ווי אַ פּרווו למעשׂה — פון קרים ביז ביראָבידזשאַן, און אפשר איז נישט קיין צופאַל, וואָס מיינע צוויי ערשטע פּובליציסטישע העפטלעך האָבן געהייסן „בריוו פון אַ חלוץ אין ארץ־ישׂראל צו טאַטע מאַמע” (1926), און „דער אמת וועגן ביראָבידזשאַן”

(1935, 1937), צווייטנס, וואָס איז געבונדן אין ערשטנס, — דער לאָוו לגבי דער מעגלעכקייט פון אַ שטענדיק דויערנדיקן ייִדישן לעבן, ווי אַ פאַר־זיכדיקער אויטאָנאָמער קאָלעקטיוו אין גלות, ווי עס האָבן אָנגענומען בונ־דיסטן, פאָלקיסטן און אויך די זיך־אַליין־סותרדיקע ציוניסטן — אַלע מיני איסטן, וואָס ווען זייערע פּראָגראַמעס וואָלטן אויסגעפירט געוואָרן, וואָלטן מיר זיך צעפאַלן אויף עטלעכע פעלקער, בשעת דער קיום פון איינציקן פאָלק ווערט געוואָרפן פון קאַטאַסטראָפע צו קאַטאַסטראָפע — אין די לעצטע צוויי דורות פון קעשינעוו ביז פּראָסקוראָוו, און פון לעמבעריק ביז פשיטיק און פון דאָרט קיין אָשווענטשים (פאַרגעסט נישט אַז געבירטיקס ליד „עס ברענט" איז נישט געשריבן געוואָרן בימי מאַידאַנעק נאָר בימי פשיטיק) און וואָס עס לאָזט איבער דער פאַרלענד פון דרויסנדיקן שׂונא, נעמט אַלץ מער און מער אויפפרעסן דער פאַרלענד פון אינעווייניקסטן שׂונא — דער איינשרומפּ פון ייִדישע יישובים אין גלות, דער פאַרשווונד פון אונדזערע קאָלעקטיווע ווערטן, אַזוי אַז דער גורל אונדזערער באַוועגט זיך צווישן הייסן מבול פון אויסגעהרגעטן ייִדישן פאָלק, אויף דער זייט אוקינוס און דעם קאַלטן מבול פון דעם זיך־אַליין־פאַרלענדיקן ייִדישן פאָלק אויף יענער זייט אוקינוס, און בלויז אַ ראַדיקאַלער אומקער, ווי עס פּרווּווט אים די רעאַריענטאַציע און רעסטיטוציע, וואָס איר ערנצטער פּרווּוו איז דער אויפבוי פון אונדזער אייגענער מדינה אין אונדזער אייגן לאַנד, איז מסוגל אונדזער פאָלק פון דעם טאָפּעלן חורבן, וואָס לאָזט זיך, אין גלות, נישט פאַרמיידן, צו ראַטעווען. האָב איך שוין איבערגעחזרט, אַז ביי אַזאַ איינשטעל, ווי מיין קאָפּ און האַרץ איז גוזר אויף מיר, קען איך העכסטנס דיסקוטירן, און דאָס אויך בעל־כּורחי, מיט ציוניסטן, וואָס מאַכן פון זיך אַליין דאָס געגנאַר, אָננעמענדיק צוויי פולע עקזיסטענצן פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק, און האַלט פאַר איבעריק מיט אַלע אַנדערע צו דיסקו־טירן, און דיסקוטיר שוין טאָקע לאַנג נישט מיט זיי.

ו

איך ווייס, אַז מען קאָן איינווענדן און זאָגן, אַז דאָס אַלץ האָט, בעצם, נישט קיין שייכות צום ענין ייִדיש־קאַטעדרע אין ירושלים, ווייל די קשיא, צי איך טויג דערצו צי נישט, האָט נישט צו טאָן מיט מיין אידעאָלאָגיע, נאָר מיט מיין יכולת די דאָזיקע אַקאַדעמישע אויפגאַב וויסנשאַפטלעך צו באַהערשן און מלמדיש זי אויסצופירן. איז עס אַ גערעכטער איינווענד, און אַזוי האָט אויך געהאַנדלט דער קאָרפּוס, וואָס האָט וועגן מיין נאָמינאַציע

אַנטשידן און איצט, ווי איך האָלט שוין מער ווי אַ טוץ יאָרן נאָך דעם איך האָב מיין יִדיש־שטענדער אין אוניווערסיטעט פאַרלאָזט, אָבער האָב ווייט נישט פאַרלאָזט מיין מי פאַר יִדיש, לאָזט זיך בודק זיין, צי האָבן מיינע נאָמינירער זיך יאָ אָדער נישט טועה געווען. אָבער בשעת מען האָט די קאַטעדרע באַגרינדעט, האָבן זיך וועגן איר דרך און איר מדריך אינטעַ־רעסירט יחידים און גרופּעס, וואָס האָבן אַ באַזונדערן אינטערעס אין יִדיש, און, אויף וויפל זיי האָבן וועגן מיר געוווסט, האָבן זיי אין מיר נישט געזען דעם אידעאַלסטן קאַנדידאַט דערצו, און די ערשטע נעגאַטיווע אָפּרופן פון אַלכּסנדר מוקדוני, יעקב גלאַטשטיין און אַנדערע, האָבן דאַרויף מעיד געווען. ווי געזאָגט האָב איך מיך נישט געריסן צו דער כּהונה, און צווישן מיינע טעמים, איז אויך געווען דער חשש, אַז די עסקנים פון פאַר־זיך־מיר־סימפּאַטישן נאַציאָנאַלן יִדישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וואָס האָט די קאַטעדרע געזאָלט פינאַנצירן, וועלן פּרווון מיר זאָגן דעות. צו מיין מזל האָבן זיי געזאָלט פינאַנצירן, און ממשדיק נישט פינאַנצירט, אַזוי אַז אַזאַ פּרוּוו, וואָס וואָלט נאָך זיך אויטאָמאַטיש געפירט צו מיין תּיכּפדיקער דעמיסיע, איז אַפילו ברמז נישט געמאַכט געוואָרן. האָט טאַקע געהערט אַ גוט שטיק פאַנטאַזיע דערצו, ווי עס האָט זי דעמאָנסטרירט חיים גרינבערג, וואָס וועלנדיק שטאַרקן אונדזער יונגע מדינה, האָט געבראַכט צוויי פּלאַנען — איין פּלאַן פאַרן נאַציאָנאַלן יִדישן אַרבעטער־פאַרבאַנד צו גרינדן אַ יִדיש־קאַטעדרע אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, און אַן אַנדערן פּלאַן פאַרן מוסד ביאַליק, אַרויסצוגעבן פאַרן העברעיִשן לייענער אַ סעריע פון אָפּגעקליבענע ביכער פון דער יִדיש־ליטעראַטור, און דער שפּיץ פון דער פאַנטאַזיע איז געווען זיין פּאַראַדאָקסאַלע הנחה, אַז איך, מיט מיין קוק און באַנעם, וואָס ער האָט געקאָנט און געוווּסט, וועל עס אַרויסוויזן דאָס יכולת, צו זיין, וואָס איך בין געוואָרן — דער אָנפירער פון דער קאַטעדרע און דער רעדאַקטער פון דער סעריע.

ז

אָבער וואָס איך האָב דאָ און דאָרט געטאָן, געהער, בעצם, צו די וויטערדיקע פּרקים פון מיין בוך: מיינע ראָמאַנען מיט מאַמע־לשון, וואָס דעם ערשטן פּרק זיינעם האָב איך איצט געפּובליקירט אין „די גאָלדענע קייט” (באַנד 107). צו דעם המשך געהערן אויך די ראָמאַנען מיט שרייבערס, פאַרשערס, עסקנים, פונקציאָנאַרן, און דאָס מיינט אַ היפּשן, פאַר־צווייגטן משׂא־ומתּן, בעל־פּה, און נאָך מער בכתב, פּונקט ווי עס געהערן

דערצו מיינע, נישט איבעריק לאַנגע אָבער אויך נישט קורצע באַגעגענישן מיט גלות־ייִשובים און זייערע צענטערס, צומערשט איןביידע אַמעריקעס און שפּעטער אין אייראָפּע, וואָס האָבן באַשטאַרקט, כּמעט ביז ייִאוש, מײַן דעזאילוזיע, אָבער אויך באַשטאַרקט מײַן אמונה, אַז אַ פֿאָלק טאָר זיך נישט מאַכן ייִנגער ווי עס איז און טאָר זיך נישט מאַכן אָרעמער ווי עס איז, וכל הכּתוב לחיים — בירושלים.

און עפּעס וועגן דער דעזאילוזיע, און דאָס אין ליכט אָדער אין שאָטן פֿון איר אָנהייב. עס איז געווען מיט אַ צוויי און פֿופֿציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך אַרומגעדרייט ווי אַ כּביכול פֿרייער שריפֿטשטעלער, און אב. כּהן, דער אַלמעכטיקער רעדאַקטער פֿון „פֿאָרווערטס״, וואָס איז געקומען אַהער, נאָך די געשעענישן, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער טאָר זיך מער נישט באַנוגענען מיטן סאָרט קאָרעספּאָנדענטן פֿון דאַנעט, וואָס האָבן זיך דאָרט געדרוקט, און האָט געזוכט אַן אַנדערן סאָרט, און מען האָט אים — ס׳איז מסתּמא געווען בערל קאַצנעלסאָן — מיך רעקאָמענדירט, און איך האָב עס נישט אָנגענומען, פֿון אַ פּשוטן טעם, אַז כאָטש איך בין גופֿא אַ שטענדיקער (הייַנט אפֿשר עלטסטער) לייענער פֿון „פֿאָרווערטס״, קאָן איך מיר נישט פֿירשטעלן, ווי אייגנטלעך זעט אויס דער טיפּישער, גרונטיקער לייענער פֿון דעם בלאַט, און אָן־דעם קאָן איך אין דער צייטונג נישט שרייבן. ווער עס ווייסט, ווי באַרימטע שרייבערס האָבן זיך געסטאַרעט צו זיין זיינע מיטאַרבעטערס, וועט פֿאַרשטיין דעם כּעס פֿון דעם צייטונגס־פּאַטענטאַט און זיין פֿאַראיבל אויף אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט זיך פֿון אַזאַ מין גדולה אָפּגעזאָגט. האָבן מיר זיך — ער און יעקב פֿיכמאַן, איך און יצחק שפּיגלמאַן (וועלכער האָט די פּראָפּאָזיציע אָנגענומען און די אויפֿגאָב אויסגעצייכנט אויסגעפֿירט), געטראָפֿן פֿאַרן האָטעל פּאַלאַס, וווּ ער, אב. כּהן, האָט אָפּגעוואַרט זיינס אַ יוגנט־פֿריינד — עס איז געווען דער אַלטער סאָלאָמיאַק, וועלכער איז געווען מיט אים אין „עם עולם״ און איז אויפֿן וועג אַריבער צו די בילויצעס, און שטאָט קיין אַמעריקע געקומען אין לאַנד אַריין, און ווי אַ געוועזענער שמש פֿון דער צאַרישער אַמבאַסאַדע, געווען דאָ אויף צרות. זיי האָבן זיך צעקושט און אב. כּהן האָט אים פֿירגעלייגט צו שרייבן אין זיין בלאַט, האָט דער אַלטער סאָלאָמיאַק מיט ציטערדיקע פֿינגער אַרויסגענומען אַ פּליק פּאַפּירן. פֿרעגט אים אב. כּהן: וואָס איז דאָס, ענטפֿערט ער: אַראַבישע לעגענדעס, זאָגט אב. כּהן: וואָס טויג מיר לעגענדעס, גיב מיר אַ פּאַגראָם. און דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר: און אייך, יונגער בחור מיטן אַלטן פּנים, געפֿעלט נישט ביי מיר צו שרייבן, דער „דבר״ איז ביי אייך בילעכער, זאָגט־זשע מיר, וויפֿל עקזעמפּלאַרן דרוקט איר דאָס? האָב איך געענטפֿערט: געלויבט צו

גאָט, בלויז זיבעצן ביז אַכצן הונדערט, צעלאַכט ער זיך: וואָס־זשע איז דער געלויבט־צו־גאָט? ענטפער איך: די מאַשין, ביי וועלכער מען מוז אומווענדן דאָס בלאַט, אַמערשט אויף איין זייט, דערנאָך אויף דער אַנדע־רער זייט, קען במשך אַ מעת־לעת, מער נישט דרוקן, און ביז מאיר קאַסטאָף וועט האַלטן וואָרט און אונדז שיקן אַ בעסערע מאַשין, מוזן מיר זיך באַשרענקען. האָט אב. כהן זיך נאָך מער צעלאַכט און איך, האָבנדיק דרך־ארץ פאַר אַ פיל עלטערן פון מיר, האָב געשוויגן, אָבער יעקב פיכמאַן האָט זיך אָנגערופן: מיסטער כהן, איר דרוקט דעם „פאָרווערטס" יעדן טאָג מער אָדער ווייניקער? אב. כהן האָט אים שאַרף אָנגעקוקט: זאָלן מיר זאָגן ווייניקער. האָט יעקב פיכמאַן געזאָגט: אויב ווייניקער, הייסט דאָך אַראָפּ, און אַראָפּ האָט נישט קיין שיעור. האָט אים אב. כהן סאַרקאַסטיש אַ זאָג דערלאַנגט: ערשטנס, ווי האָט מען עס געזאָגט ביי אונדז אין ווילנע: נים טלוסטי סכודניע, כודי זדעכניע, טייטש: ביז וואַנען דער פעטער וועט מאָגערער ווערן, וועט דער מאָגערער פגרן. יעקב פיכמאַן, וואָס איז געווען אַן איסטניס, האָט רויק געענטפערט: אַ בוים, ווי הויך ער זאָל נישט זיין, אויב ער הערט אויף צו וואַקסן, האָט זיך זיין הויך אָפּגעשטעלט, און צומאָל גייט ער נאָך צוריק, אַ ביימעלע, ווי ווייניק עס זאָל וואַקסן, אַן עפּעס פון אַ מילימעטער, וואַקסט עס, און מען קען נישט וויסן, ווי הויך זיין וווקס קען גרייכן. האָט אב. כהן פאַרענדיקט: איר ווייסט אפנים נישט אַז איך וועל, שפּאַלט נאָך שפּאַלט, איבערגיין אויף ענגליש, ביז עס וועט זיין כולו ענגליש. פיכמאַן האָט סקעפּטיש באַמערקט, אַז עס איז אַ קנאַפּע נחמה, בפרט אַז ער פאַרשטייט נישט, פאַר וואָס זאָל דער פאַרגוייִשטער לייענער נישט לייענען דעם גוייִשן „טיימס", ווו ער האָט נישט בלויז צווישן די לייענערס, נאָר אויך צווישן די מיטאַרבעטער, זיינסגלייכן.

ח

דערמיט האָט זיך דער שמועס אָפּגעהאַקט, און איך האָב מיך דערמאָנט אין אים מיט דריי און דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען איך בין געווען, דאָס ערשטע און אפשר דאָס לעצטע מאָל, אין ניו־יאָרק, און האָב זוכה געווען צו אַ זעלטענער פריינדשאַפט, אויפן שוועל פון מיינע זיבעציק יאָר, מיט מאָריס סעמועל, איבערן שוועל פון אַכציק יאָר. ער האָט דעמאָלט איבער־געגעבן צום דרוק זיין האַרציק בוך In Praise of Yiddish, וואָס איז אַרויס אַ יאָר שפּעטער (1971), און אַרום אַ ריי דאָרט באַהאַנדלטע פּרטים האָבן זיך טאַקע געדרייט אונדזערע, כמעט טאָג־טעגלעכע שמועסן אין בערג־

שטיינס מילכיקער רעסטויראַציע. איין מאָל, אין אַ קאַלטן שנייאיקן פאַר־נאַכט, טרעפן מיר די רעסטויראַציע פאַרשלאָסן, און אויף די פענצטער אַ מודעה, אַז מען האָט זי פאַרקויפט. האָט מיך געוווּנדערט, וואָס מ׳האָט אים וואָס איז דאָ, במשך אַ דור, געוועזן אַ שטאַמגאַסט, נישט מרמז געווען, אַז ער זאָל זיך נישט אומזיסט מטריח זיין, האָט ער מיר געזאָגט: ביי אונדז, אַז מען עפנט — מאַכט מען עס בתּקע שופר גדול, אָבער אַז מען פאַר־מאַכט — מאַכט מען עס אַפילו נישט בקול דממה דקה, נאָר פּתח שין שאַ — איר קומט און זעט דאָס צעטל, און גייט אַהיים. האָב איך אים דערציילט אַ הלצה וואָס איך האָב אַקאָרשט געהערט: יעדן אין דער פרי קוקט דער רעדאַקטער פונעם „פאָרווערטס״, דורכן שפּאַקטיוו צום ביולדינג פון „דער טאָג״, כּדי צו זען, צי ער האָט זיך שוין פאַרמאַכט, און דער רעדאַקטער פון „טאָג״ קוקט דורכן שפּאַקטיוו צום ביולדינג פון „פאָרווערטס״, כּדי צו זען צי ער האָט זיך שוין פאַרמאַכט. האָט ער, סעמועל, געזאָגט: עס איז אַ דיאַבאָלישער אָבער רעאַליסטישער זאָג, דען מסתּמא וועלן זיך ביידע פאַרמאַכן. פרעג איך: און ווער, לדעתכם, פריִער? האָט ער געענטפערט: איר וועט דאָך מיינען, אַז דער יִינגערער, דער גרונטיק מער ציוניסטישער וועט איבערלעבן דעם עלטערן, גרונטיק מער בונדיסטישן, וועט עס מסתּמא זיין פאַרקערט, וואָס עלטערער דער לייענער איז, איז ער געבונדענערער צו זיין יִדיש בלאַט. די צרה איז, וואָס די עלטער האָט אַ סוף. ער האָט ממשיך געווען אין אַן אויטאָקריטישן טאָן: בעצם, וואָס האָט ער גופו רוב ימיו געטאָן, פאַרענגלישט די יִדיש־ליטעראַטור, און מען האָט אים גע־לויבט, וואָס ער האָט פאַראינטערעסירט אַזוי פיל מענטשן פאַר מענדעלע, שלום עליכם, י.ל. פּרץ וכו׳ וכו׳. אָבער מיט דער עצם מלאכה האָט ער פאַראיבריקט יִדיש. האָב איך אים געטרייסט, אַז מסתּמא האָבן זיך היפּש לייענערס זיינע, צוגעוווּנדט צום אָריגינאַל אין זיין שפּראַך, און אַ ראיה האָב איך אים געבראַכט פון מיר גופא. — האָב איך דאָך די דאָזיקע מחברים צומערשט געלייענט פויליש, און ערשט שפּעטער דעם מקור, יִדיש. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און איך האָב דעם מאַך פאַרשטאַנען, ווען איך האָב ביים געזעגענען זיך מיט די יִדיש־פירערס געזאָגט: דער ווייטסטער וועג וואָס יִיוואָ האָט געמאַכט און קאָן מאַכן, איז נישט פון ירושלים קיין ניו־יאָרק, און נישט פון ניו־יאָרק קיין ירושלים, דער ווייטסטער וועג איז פון ברוקלין קיין מאַנהעטן. דען דאָס איז יענער ים, ווו מען וואַרפט קודם־כּל אַוועק טלית און תּפילין.

ט

וועלן אין מײנע ראָמאַנען זײַן אָט די אַלע פּרקים און לעת־עתּה וועל איך זיך אומקערן צו יענעם לאַנגן יום־כּיפּור־שמועס מיט אָפּאַטאָשו, וואָס נאָך אים איז געקומען מײַן ווײַטערער באַמי צו טאָן, וואָס ער גופא, ווי אַ צוויי־שפּראַכיקער שרײַבער, האָט געקאָנט טאָן (בכּוח און נישט בעין), — איך האָב איבערגעזעצט אַ בוך נאָוועלן זײַנע „מאה סיפּור וסיפּור", טײַטש: הונדערט און איין דערציילונגען (1955), ווי עס איז געווען זײַן ווונטש. אָבער אַן אַנדערן ווונטש זײַנעם בין איך נישט נאָכגעקומען — איך זאָל נאָך „אַ טאָג אין רעגנסבורג" איבערזעצן זײַן „אליהו בחור", ווײַל ביידע זענען איין בוך, האָב איך אים געענטפערט: אויב שוין שרײַבן פון אַ ר' אליהו, געפעלט מיר גיכער ר' אליהו מזרחי — ער האָט געלעבט אין סאַמע ברען פון דער באַגעגעניש פון גולי ספרד און זייערע ברידער אין רומעליע און אַנאַטאָליע, און ווי די פאַרשיידנקייט פון מנהגים, האָט זיי דערווייטערט, האָט ער אַרײַנגעלייגט קאָפּ און האַרץ, זיי צו דערמאָנען, וואָס זענען די בשותּפותדיקע יסודות, וואָס מאַכן זיי צו איין פאָלק. איך האָב צוגעגעבן: בעצם, טוט איר דאָס אויך, אָבער נישט אין די צוויי נאָוועלן, איר טוט עס אין אײַערע היסטאָרישע נאָוועלן און סיפּורים פון די פּוילישע וועלדער ביז ר' עקיבא און בר־כּוכבא, און פאַרענדיקט: וגם ברוך תּהיה.

(תרל"ו)

דרייַ פּונקטן

אַרום משה וואַלדמאַן

א

ווען מען האָט מיך, בשעתו, פאַרבעטן צום אָוונט לכבוד משה וואַלד־מאַן, וואָס איז פּירגעקומען אין היכל־שלמה, אין ירושלים, בין איך געווען מרוצה, וואָס דער פאַרבעט־צעטל האָט פירגעזען דריי וואָגיקע פּונקטן — ערשטנס, זיין ווערן אַ בן־שבעים; צווייטנס, דאָס דערשיינען פון זיין בוך פּאָעזיע „פון אַלע וויַיטן״; דריטנס, דער אַקטואַלער מעמד פון גלות צרפת. אַוודאי איז לגבי אַ שרייבער חשוב זיין בוך, מה־דאָך אַז עס נעמט אַרום זיין כמעט גאַנצן שאַפערישן יש. און דאָס וואָרט: כמעט, איז טאַקע אַ מעט, ווייל פאַר דעם איצטיקן בוך האָט ער אַרויסגעגעבן, און דאָס מיט אַ דור צוריק, בלויז איין קליין ביכעלע. אָבער פּונקט ווי איך בין איצט געווען אַ שטיק מחותּן צום גרויסן בוך, אַזוי בין איך דעמאָלט געווען אַ שטיקל מחותּן צום קליינעם ביכעלע, און הא בהא תליא.

דאָס קליינע ביכעלע האָט מיך דערגרייכט קורץ נאָך זיין דערשיינען, האַרט ביי דער שוועל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און ווי איך האָב עס נאָר געקריגן, האָב איך זיך געפעדערט און פאַרהעברעיִשט צוויי לידער, און זיי פּובליקירט אין מיין רובריק אין „דבר״, אָבער נישט האָבנדיק קיין שום ידיעה וועגן מחבר, האָב איך נישט געקאָנט דעם לייענער דערלאַנגען קיין שום אינפאָרמאַציע. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז איך האָב זיך נישט באַמיט עפּעס צו דערשנאַפּן פון ביכעלע גופא — אַזוי האָב איך מיר אויסגעבויט אַ שטיקל השערה לויט אַ בולטן פּרט: דער דרך פון דיכטער זיך צו באַנוצן מיטן שרייב־אופן, וואָס מען האָט מכבד געווען מיטן אויפ־געבוישטן טערמין: נאַטוראַליזירטער אויסלייג, און עס געוויינטלעך אָנגע־רופן: יעווסעקישער אויסלייג, וואָס האָט גענומען ווערן אַ מין אונטערגאַנג ביי שרייבערס אין ביכער און בלעטער, פון עטלעכע ריכטונגען, וואָס דער צד השווה איז געווען זיך אָפּזאָגן פון באַהאַנדלען דעם לשון־קודש־קאָמפּאָ־נענט אין ייִדיש, נישט ווי עס האָבן געטאָן אַלע דורות, און אונדזער דור בכלל, נאָר אויך אים צו פאָנעטיזירן, אָדער שאַרפער געזאָגט: אויך אים גלייכצושאַלטן, ווי איינער זאָגט: נישטאָ קיין מיוחסים.

ב

אַוודאי האָבן מיר נישט געקאָנט נישט שטוינען, אַז אליעזר שטיינבאַרג, דער טיף פאַרוואָרצלטער אין אונדזערע גרונטיקסטע מקורות, אַליין אויך אַ העברעישער שרייבער, האָט זיך געלאָזט אויף אַזאַ אַוואַנטורע, און געהייסן נאַטוראַליזירן דעם אויסלייג פון זיינע משלים; און זיינע חסידים האָבן אים נאָכגעגעבן, אַפּנים אָננעמענדיק עפּעס אַן אימאַגינירטן יִדיש־לייענער, וואָס וועט נישט פאַרשטיין קיין שייטל עברי, און נעבעך מוזן אָנקומען צו דער נאַטוראַליזאַציע, און דאָך פאַרשטיין דעם ים למדנות, וואָס איז אין די משלים אַריינפאַרוועבט. ווי איר ווייסט, זענען זיינע לאַנדסלייט, סיי ווען זיי האָבן, מיט יאָרן שפּעטער, אַרויסגעגעבן אַ נייעם אויפלאַג פון ערשטן באַנד משלים, און בפרט ווען זיי האָבן פון כתב־יד אַרויסגעגעבן דעם צווייטן באַנד משלים, פון דעם אומזין אָפּגעקומען. און דניאל לייבל, וואָס האָט זיך דערמיט פאַרנומען, האָט געזאָגט: מיר האָבן, פּונקטאָ אָרטאָ־גראַפיע, פאַרטיידיקט שטיינבאַרג׳ס אייביק־היסטאָרישע פאַרוואָרצלטקייט קעגן זיינס אַ ציילעך אומהיסטאָרישן קאַפּריז.

וויל איך נישט זאָגן, אַז דער דאָזיקער לאַפּידאַרער זאָג, דערקלערט אינגאַנצן אליעזר שטיינבאַרגס אָפּוועג, — עפּעס האָט דאָ געמוזט זיין פון אַ מיטשטימונג מיט דעם רייסן זיך איבער דעם גרינעם פּאַס, פון וואַנעט עס האָט געווינקט אַ ישועה, אויב נישט: די ישועה. עפּעס האָט דאָ גע־מוזט זיין פון דעם אַנטי־למדנישן, נאַטירלעכן אָדער געמאַכטן, נוסח פון בעסאַראַביע און אירע שכנות, מאָלדעווע און וואַלאַכיע, און זיין אָפּשפּיגל אין לאַטיין־אַמעריקע, ווו ער, שטיינבאַרג, האָט געקלערט און געפּרוווט — אין בראַזיל — זיך צו באַזעצן, און איז אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער; און, סוף־סוף, עפּעס האָט דאָ געמוזט זיין פון די פּרוּוון פון היפּער־נאַטוראַלי־זאַציע, פון אויסלייג מיט לאַטיינישע אותיות — פון שרייבערס און פאַר־לעגערס אין בוקאָווינע און רעגאַט.

אָבער נאָך אַלעמען איז עס אַ גרויס רעטעניש, לגבי אַזאַ שרייבער פון פאָרמאַט און סטאַזש, ווי שטיינבאַרג, אָבער אַ סך קלענער רעטעניש לגבי יינגערע שרייבער, בפרט, אָנהייבער, ווי עס איז דעמאָלט געווען משה וואַלדמאַן, וואָס זענען דעם חידוש נאָכגעגאַנגען.

ג

האָב איך אַפּילו אָנגענומען, אַז דער חידוש פון יונגן דיכטער איז אַן אָפּזאָג נישט בלויז פון אַ לעבעדיקער מסורה, נאָר אויך פון אַ לעבעדיקער ירושה, און אַפּילו חושד געווען, אַז עס איז אַן אָפּזאָג פון אַן אַקטואַלן שייכות, און ממילא אָנגענומען, אַז מיר שטייען אויף אַנטקעגנגעזעצטע, אידעאָלאָגישע און פּראַגראַמאַטישע פּאָלוסן. אָבער אַזוי ווי דאָס ביכל לידער גופא איז געווען אַ ליריש־קיומישער דאָקומענט פון אַ יונגן ייִדישן מענטשן אין זיין צייט און זיין אָרט, אין גלות פּוילן, האָב איך געהאַלטן ווי אַ חוב זיין ווידערקול צו לאָזן דאָ, ביי אונדז, הערן. נישט וויסנדיק קיין אַדרעס האָב איך אַן אָפּדרוק פון די איבערגעזעצטע לידער געשיקט אויפן אַדרעס פון מיין יוגנטפריינד, וועמענס נאָמען עס ווערט אין ביכעלע דערמאָנט, דער דיכטער בער שנאַפּער, אָבער קיין תשובה איז, מחמת אויסברוך פון דער מלחמה, נישט געקומען. ערשט נאָך יאָרן האָב איך געהערט וועגן גורל פון משה וואַלדמאַן, און זיך דערוווּסט, אַז ווען איך האָב געבראַכט זיינע לידער, איז ער געשטאַנען אין זיבנצוואַנציקסטן לעבנס־יאָר, און אויך איך בין דעמאָלט נאָך יונג געווען, כאָטש מיט אַ ניין יאָר עלטער. אויך האָב איך מיך דערוווּסט, אַז מיין השערה וועגן די היפּוכדיקע פּאָלוסן איז נישט געווען אַקוראַט — ער איז גראָד געווען אַ לינקער פּועלי־ציון, אַזוי אַז ווען עס וואָלט זיך דעמאָלט צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט, וואָלטן מיר מסתמא געווען קאָנטראַווערסאַל אָבער נישט קאָנטראַר.

האָט ער דאָך — האָב איך געקלערט — געקאָנט זיך, נישט בלויז אידעיִש נאָר אויך פּאַקטיש, אָנשליסן צו יענער גרופּע ייִנגע און טאַלענטירטע שרייבער, וואָס האָבן זיך פון פּוילן אַ לאָז געטאָן אין אונדזער לאַנד אַריין און דאָ אויסגעצייטיקט אַ ייִדיש־שאַפעריש קאַדער, ווי עס האָט זיי, וואַרעם און לעבעדיק, באַשריבן יעקב צבי שאַרגעל, אין זיין בוך „פון אַנהייב אָן" און אַריין צווישן דיכטער־געשטאַלטן ווי דניאל לייבל און יעקב שטאַל, יוסף פּאַפּיערניקאָוו און אריה שמרי, אַברהם לעוו און ריקודה פּאָטאַש; מנחם סטעמפּל און מאָטל וועקסלער; ישׂראל חיים בילעצקי און שלמה שנהוד; ל. פּאָפּיק און מאַניק־לעדערמאַן, אליעזר ווורצל און אַברהם אַקנער, שוין אָפּגעשמועסט פון מחבר און זיין ברודער,ביידע שאַרגעלס; און גלייבט מיר, ווען משה וואַלדמאַן וואָלט, שטאָט דעמאָלט צו גיין קיין פּאַריז און צוריקקומען קיין פּוילן, אַוועק קיין תל־אביב, פּתח־תקוה, אָדער עין־שמר, וואָלט ער זיך, ווי עס באַווייזט דאָס מהות און דער כיוון פון זיין פּאָעטישן וועג, וואָס האָט שוין זיינע וואָרצל־רמזים אין זיין ערשטן ביכל, זיך איינגעפּליישט אין דער היגער פמליא, וואָס איז געווען, און נאָך־מער

געוואָרן, דיאַמעטראַל אַנדערש פון די אין פוילן פאַרבליבענע ייִדישע דיכטער. אויף דער קשיא, אין וואָס איז, בעיקר, באַשטאַנען די אַנדערש־קייט, לאָזט זיך ענטפערן: די אין פוילן פאַרבליבענע ייִדיש־דיכטער, און זיי זענען געווען דער רוב, האָבן דערציילט דעם אמת וועגן דאָרט, און ער האָט זיך געבאָרעט מיט דעם שאָטן פון דעפּרימירנדיקן פּעסימיזם, בשעת די אַהערגעקומענע דיכטער האָבן דערציילט דעם אמת וועגן הי, און מ׳האָט זיך כּמעט תּיכּף צוגעשלאָגן צו אַן אויפלויכט פון אַן ענטוזיאַסטישן אָפּטימיזם.

ד

אַוודאי וועט נאָך אַמאָל דעם ליטעראַטור־כראָניקער, אָדער היסטאָרי־קער אויסקומען צו באַהאַנדלען בפרטיות די צוויי קעגן־שטרעמונגען, סיי אויפן פּאָן פון בשותּפותדיקע סעפּאַראַטע עלעמענטן סיי זייער זיכערן צוזאַמענשטויס און מעגלעכן באַגעגעניש, און עס וועט זיך אַרויסשטעלן, ווי ווייט אידעאָלאָגיע, בפרט פּאָליטישע, קאָן דיקטירן ליטעראַטור, בפרט פּאָעטישע, און ווי ווייט ליטעראַטור, בפרט פּאָעטישע מעג זיך לאָזן דיק־טירן פון גורמים אויסער זיך אַליין. אָבער אויך דעמאָלט, און אפשר ערשט דעמאָלט, וועט בולט ווערן דער חילוק צווישן דעם רוב ייִדיש־דיכטער דאָרט און דעם מיעוט ייִדיש־דיכטער דאָ, בעיקר צווישן דעם געדריקטן, פּינצטערן טאָן דאָרט, און געהויבענעם, ליכטיקן טאָן דאָ, אַ סתּירה, וואָס לאָזט זיך ווייניקער דערקלערן דורך דער מינאָרער סוביעק־טיוויטעט פון דיכטער און מער דורך דער מאַזשאָרער אָביעקטיוויטעט פון פּריש איבערגעלעבטן, און נייעם פּאָן פון פּייזאַזש, און עס איז מיר שוין אויסגעקומען אָנצוווייזן דערויף, אַז סיי אין גרעסערן תּחום פון דער היגער ליטעראַטור, העברעיִש, סיי אין איר קלענערן תּחום, ייִדיש, האָבן מיר צו טאָן מיט עליה־כוואַליעס פון פוילן, וואָס האָבן אַהער געבראַכט שרייבערס, וואָס זייער עבר, די איבערלעבענישן אין גלות, זענען ווי פאַרטושט און אַפילו פאַרגעסן געוואָרן, און זענען אַבסאָרבירט געוואָרן, קלאָרער געזאָגט: פאַרשיכּורט געוואָרן פון דעם נייעם און פרישן.

ה

אַוודאי וועט דער ליטעראַטור־כראָניקער אָדער ליטעראַטור־היסטאָרי־קער פון דער יידיש־פּאָעזיע, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, פּרווון פאַר־גלייכן דריי ענלעכע דערשיינונגען, וואָס עס פאַרבינדט זיי דאָס גלויבנדיק־אָפּטימיסטישע — דאָס אורבאַניסטישע אין אַמעריקע; דאָס אויפבויערישע אין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָס אַלט־ניי־היימישע אין ארץ־ישׂראל; און דער היסטאָריקער־ממש וועט פונאַנדערשיידן צווישן נאַציאָנאַלער אילוזיע אָדער איינרעדעניש אין נאַציאָנאַלן ממש, אָבער שוין איצט לאָזט זיך ציִען אַ ליניע, בעיקר לגבי דעם איבערלעבערישן, און ממילא טעמאַטישן באַצי צום גורל פון פאָלק אין גלות־אייראָפּע, וואָס די קלאָג אויפן שוידערלעכן סוף האָט ווידער פאַראייניקט די פּאָעטן און זייער פּאָעזיע פון אַלע דריי קאָנטינענטן, און אויסגעבולט, וווהין עס פירט ממש דער יידישער גאַנג, יידישער המשך, יידישער קיום. פאַרשטייט זיך, אַז נאָכגייענדיק די ברוויזנ־דיקע און אויפברויזנדיקע סטאַציעס פון דער פּאָעזיע, ווי אַ בת־קול פון אונדזער קיום און זיינע דערשיטערונגען, האָבן מיך באַזונדערס אינטערע־סירט די וואָס איך האָב זיך באַמיט פירצושטעלן דעם היגן לייענער, און איך האָב, אַ שטייגער, געזען, אַז עטלעכע פון די, וואָס אויך זייערע לידער האָב איך פאַרהעברעיִשט און געדרוקט אין „דבר" — נחום באָמזע, ישׂראל עמיאָט, משה קנאַפּהייס, דרוקן זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָב איך הנאה געהאַט אַז זיי לעבן, אָבער נישט געווען איבערגליקלעך פון זייער שטע־לונג, און נישט געפינענדיק דאָרט משה וואַלדמאַן, האָב איך אָנגענומען, אַז ער איז, חלילה, נישטאָ, ווי עס האָט זיך, צו אונדזער לייד, אַרויסגעשטעלט לגבי אַנדערע, וואָס איך האָב דעמאָלט פאַרן היגן העברעיִש־לייענער פיר־געשטעלט, אָנגעהויבן מיט ש"י אימבער, משה שימל, דבורה פאָגל, יחיאל לערער, און געענדיקט מיט מישאַ טראַיאַנאָוו, וואָס זענען אומגעקומען. אָבער די זאַך מיט משה וואַלדמאַן איז געווען אַנדערש — מען האָט פון אים און וועגן אים אין דער סאָוועט־יידישער פּרעסע קיין פּיפּס נישט געהערט, און אַז ער איז בכלל דאָ, האָט זיך ערשט געלאָזט פאַרנעמען נאָך דער אַזוי־גערופענער רעפּאַטריאַציע, און איך גופא האָב מיך דערוועגן דערוווסט, ערשט נאָך־דעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דעם באַנייטן יידיש־צענטער אין לאָדזש, און געקומען קיין פּאַריז. און דער מתוך צווישן אונדז איז געווען משה באַסאָק, ווען ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרטיק־שטעלן זיין באַקאַנטע אַנטאָלאָגיע, און איצט איז געקומען דער פּנים־אל־פּנים סיי דאָ, סיי דאָרט, לאורך ימים אָמן.

ו

דוכט זיך, אַז דאָ איז דאָס אָרט אויפצוקלערן, פאַר וואָס האַלט איך, אַז ווען מיר וואָלטן אויפן שוועל פון דער צווייטער מלחמה געווען וויסן איינער פונעם אַנדערן, לא כל שכּן זיך זען און פונאַנדערשמועסן, וואָלטן מיר נישט געווען קאָנטראַר, נאָר בלויז קאָנטראַווערסאַל. דווקא אין יענער צייט בין איך געשטאַנען אין אַ מחלוקה מיט די היגע לינקע פּועלי־ציון, און דאָס דווקא פּונקטאַ ייִדיש. אין דריטן באַנד פון מיין בוך „ארחות ושבילים" (וועגן און שטעגן), וואָס פאַרנעמט זיך מיט ייִדיש־ליטעראַטור (תשל"ט), געפינט זיך אַ מאמר (זז' 247־255) וואָס איז צוערשט געווען אין „דבר" (ז' אדר ב' תּרצ"ה) — אַ פּאָלעמיק מיטן געדאַנק און פּלאַן צו גרינדן אין גלות אַ ליגע צו פאַרטיידיקן ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, אויף אַן אופן, וואָס פירט און מוז פירן צו אַ קאָנצענטראַציע פון עלעמענטן און יחידים, וואָס זענען דעקלאַרירטע שונאי־ציון. און עס איז נישט געווען מיין איינציקע פּאָלעמיק קעגן די היגע לינקע פּועלי־ציון און זייער אומ־באַרעכנטער, פאַכאַפּנער סטראַטעגיע, דען מיט אַ יאָר פריִער האָב איך, אין דעם זעלבן בלאַט („דבר", י"ג סיון תּרצ"ד) אָפּגעדרוקט אַ פּאָלעמיק קעגן יענער גרופּע און איר פירער, מיין פריינד, משה ערעם, וואָס האָבן זיך משתדל געווען אויפצושטעלן אַ באַראַכאָוו־הויז אין תּל־אביב — און האָבן אַרויסגעלאָזט אַ טאָפּל־נוסחדיקן אויפרוף: הי' האָט זיך גערעדט וועגן אַ פּראָלעטאַרישן אויפטו; אין גלות ווייטער האָט זיך גערעדט וועגן אַ ייִדיש־אויפטו, און ס'איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווי אַן ערנצטע פּאַרמאַציע דערלויבט זיך אַזאַ קינדישן פונאַנדערטייל. די פּאָלעמיק שבכתב האָט גע־שפּייזט אַ פּאָלעמיק־שבעל־פּה, וואָס האָט זיך געצויגן יאָרן, ביז דעם אויפלייז פון די לינקע פּועלי־ציון, און אַפילו נאָך דעם, אָבער דאָס געהער שוין גיכער אין מעמואַריסטישן רייסטער.

ז

און אויב זיך דערלויבן עפּעס ברענגען פון דעם רייסטער, וויל איך דערמאָנען מיין מנהג זיך דורכצווווערטלען מיט די היגע לינקע פּועלי־ציון, וואָס האָבן געגלייבט און געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן אויך גלייבן, אַז אויב דער היגער ייִשוב, די מדינה־בדרך, האָט זיך אַנטוויקלט, נישט ווי דער פּירוש פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ וואָלט עס געוואָלט האָבן, און הי' געשאַפן אַ העברעיִשע ווערקלעכקייט אין שפּראַך, פּרעסע,

ליטעראַטור, דערציִונג, איז עס נישט מחמת דער איבערגעגעבנקייט צו דעם דאָזיקן רעליגיעזן, נאַציאָנאַלן און פּאָלקישן ווערט, פֿאַר וועלכן דער יישוב, און זיינע עליה־כוואַליעס, האָט מאָביליזירט כּוח און מוח, אין איינקלאַנג מיטן נאַטירלעכסטן, היסטאָרישן און אַקטואַלן שידוך — דער טאָפּל־אויפֿלעב, פֿון עלטסטן יידן־לאַנד, וואָס זאָל ווערן וואָס עס איז באמת געוואָרן — דאָס ייִנגסטע יידן־לאַנד, און פֿון דער עלטסטער יידן־שפּראַך, וואָס זאָל ווערן, וואָס זי איז באמת געוואָרן — די ייִנגסטע יידן־שפּראַך. ניין, אַזוי צופֿאַליק איז דאָס נישט צוגעגאַנגען, און דאָס איינרעדעניש, אַז עס האָט געקאָנט אַנדערש צוגיין, איז טאַקע אַן איינרעדעניש, פּונקט ווי עס איז די סברה, וואָס האָט זיך אַמאָל געלאָזט, און לאָזט זיך צו מאָל נאָך איצט הערן, אַז די רדיפֿות וואָס די יידיש־אָריענטירטע גרופּעס האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָבן דאָס פֿאַרזיכערט דעם נצחון פֿון העברעיִש. זענען טאַקע אַזעלכע רדיפֿות געווען, אין דער פֿאָרעם פֿון ספּאָראַדישע טעראָריסטישע איבערפֿאַלן מצד אַ טומלדיקער מיליטאַנטער כּנופֿיא, אָבער אין תּוך גענומען האָבן בלויז צוויי הייפֿעלעך דאָ געזען אַ מין ממש — דאָס הייפֿעלע טעראָריזירנדיקע רודפֿים און דאָס הייפֿעלע טעראָריזירטע נרדפֿים, און אַ דיאַבאָלישער איראָניקער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּווערן פֿון אַ זלידנעם הינטערגעדאַנק וועגן אַ מין געהיימער קאָאַליציע צווישן ביידע קליינע מחנות, די רודפֿים און נרדפֿים, בשעת דער רוב באַוווּסטער יישוב, וואָס האָט זיך געוועהרט קעגן טעראָר, בפֿרט אין פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן, האָט מקיים געווען: ואלהים יבקש את נרדף.

ח

יאָ, ווען משה וואַלדמאַן וכמותו, וואָלט געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט און געדאַרפֿט טאָן, — קומען אַהער מיט אַ דור צוריק, און מיר וואָלטן נאָך דעמאָלט דיסקוטירט דערוועגן, וואָלטן מיר אפשר שוין דעמאָלט פֿאַרשטאַנען, ווי מיר פֿאַרשטייען זיך איצט, און מיר וואָלטן געווען נישט בלויז אומקאָנטראַר, נאָר אַפֿילו אויך אומקאָנטראַווערס, בעיקר אין ליכט פֿון אַ שפּראַכלעכן מאָדוס־וויוועגדי, וועלכער האָט זיך איינגעשטעלט, און וואָס וויל זיך נישט און קאָן זיך נישט דערלויבן צו פֿאַרגעסן די ראָל־פּראָפּאָרציע פֿון אונדזערע שפּראַכן אין דער כּלל־מאַפּע פֿון אונדזער געשיכטע, קולטור, ליטעראַטור. על כּל פּנים בין איך מיך, שוין לאַנג, נוהג צו האָבן פֿאַר די אויגן אָט די כּלל־מאַפּע, און לויט איר צו האַנדלען, באַהאַנדלען

און פֿאַרהאַנדלען, על־פּי דעם עיקר הגדול: זאָג וואָס דו ביסט מחויב צו זאָגן, און נישט ווי מען וויל פֿון דיר הערן, און אויב מחמת מיין מחויב־דיקן האַנדלען, באַהאַנדלען און פֿאַרהאַנדלען, קומט מיר אויס צו זיין מחולק מיט יחידים און אינסטיטוציעס וואָס האַנדלען, באַהאַנדלען און פֿאַרהאַנד־לען נישט אַזוי, קאָן איך נישט מיר און נישט זיי גאָרנישט העלפֿן.

ט

און אַ וואָרט וועגן גלות־צרפת און נישט בלויז מחמת דער פּרט־אַקוטקייט, — משה וואַלדמאַנס וואַקל צווישן זיינע צוויי היימען: די רי דע־לאַ־פידעליטע אין פּאַריז און רחוב אשתורי הפרחי אין תל־אביב, נאָר מחמת דער כּלל־אַקוטקייט — דער דערמאָנטער צוזאַמענקום אין היכל שלמה, איז פֿירגעקומען אין שאָטן פֿונעם ווילדן פּאָגראָם אין פּאַריז. אָבער אויך די כּלל־אַקוטקייט איז פּללדיקער, און איך וויל אויך זי אילוסטרירן אויפֿן ראַנד פֿון בוך „פֿון אַלע וויטן", לויט דעם אָרט, וואָס עס פֿאַרנעמט דאָרט — ה. לייוויק. איך בין זיך מתכּוון נישט בלויז צום וויכטיקן פּרט, ווי דאָס אין פּאַריז געזעצטע און געדרוקטע בוך איז אַרויס אין ה. לייוויק־פֿאַרלאַג ביים יידישן ליטעראַטן־און־זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין תל־אביב, און נישט בלויז צום נאָך וויכטיקערן פּרט, — דער ראָל פֿון לייוויק אין דער פּאָעזיע און קריטיק פֿון וואַלדמאַן (חוץ דער באַזונדערער רובריק אין בוך גופא, די פֿראַנצויזישע לייוויק־אַנטאָלאָגיע), איך בין זיך בעיקר מתכּוון דערצו, וואָס האָט לייוויק געהאַט צו זאָגן און געזאָגט וועגן גלות און גאולה, און כּדי נישט מאריך צו זיין, וויל איך דערמאָנען צוויי באַגעגענישן מיט לייוויקן גופא. איין באַגעגעניש איז געווען אין תל־אביב — ער, לייוויק, האָט אָן אָוונט פֿריער געזען שפּילן חיים הזז'ס דראַמע „קץ הימים", ווו עס ווערט פֿאַרבערנט דער גלות, און איז געווען כּולו פּראָטעסט און צער. האָב איך געפּרוווט בעל־פּה (וואָס איך האָב שפּעטער געפּרוווט בכתב), אויסרעדן, אַז אַזוי האַנדלט אַ פיגור פֿון דער דראַמע, און שווער צו זאָגן, אַז זי איז אַן אויסגעטראַכטע, פּונקט ווי איך האָב געפּרוווט, יאָרן פֿריִער, אויסרעדן ש. ז. שרגאַי און אַנדערע, וואָס האָבן מקטרג געווען אויף הזז'ס נאָוועלע „הדרשה" און איר בעל־דרשער יודקאַ, אויך אַ פיגור, וואָס עס איז שווער צו זאָגן, אַז זי, און איר תּוכחה, איז אַן אויסגעטראַכטע. נאָך מער, וואָס שייך דעם גלות־פֿאַרברענער האָט אים אפשר הזז פֿון לייוויקס „מהר"ם פֿון ראָטנבורג", ווו דעם מהר"מס טאָכטער גענענט דאָס ברענענדיקע ליכט

צום שטענדער, כּדי צו פֿאַרברענען דאָס גאַנצע בית־מדרש און אַוועק פֿון גלות. און וואָס שייך דער טענה, ווי לייוויק האָט מיין באַמערק רעפּליקירט, אַז דאָס איז, אין זיין דראַמע, נישט מער ווי אַ פֿאַרבײַיאיקער עפּיזאָד, האָב איך מיר דערלויבט דעם אַקעגנבאַמערק, אַז עס איז שווער אָפּצוּווענדן דעם דיאַלעקטישן אַרגומענט: אַ דיכטער טראָגט פֿאָרט דאָס אחריות דער־פֿאַר, אויב אַ זערנע אין זיינס אַ וויזיע צעוואַקסט זיך ווי אַ בוים אין אַ וויזיע פֿון אַן אַנדערן. אָבער אויב האָבן טענות צו „מהר״ם פֿון ראָטנבורג״, ווי ה. לייוויק האָט אים פֿאַרטראַכט, זענען פֿאַראַן האַרבערע — לאָזט ער דאָך אַהאַסווער אין דניאל, אַריבערוואַנדערן אין מיטלעלטער אַריין, נאָך דעם ווי זיי האָבן געזען טרעבלינקע, אַזוי אַז זיי קענען דעם אייער־נעכטן אויפֿדעקן ווי אַזוי וועט זיין איבערמאָרגן, און דער ווידעראַנאַנד צווישן זיי באַשטייט דערינען, אַז דער אַלטער אַהאַסווער מיינט, אַז מען טאָר נישט דערציילן און דניאל מיינט, אַז מען מוז דערציילן, ווי עס וועט אויסזען דער סוף, און פֿירן פֿירט אויס דער אַלטער אַהאַסווער, ווייל ער פֿאַרשטאָפּט דעם יונגן דניאל דאָס מויל. דערמיט ווערט, בעצם, דער ווידעראַנאַנד אָפּגעהאַקט — לייוויק אַנטשיידט אים, ווי ער האָט עס געטאָן אין אַנדערע גרויסע ווידעראַנאַנדן, ווו עס קומט פֿאָר אַן ענלעך קעגן־פֿאָרל (אין „גולם״ וכדומה), און עס איז סובסטראַט פֿאַר אַ גרונטיקן כּביכול היסטאָריאָזאָפֿישן און באמת אַקטואַלן און אַפֿילו אַקטואַלסטן וויכּוח. אָבער במה דברים אמורים: אַז דער אַלטער אַהאַסווער נעמט זיך נישט דאָס רעכט גוזר צו זיין אַז דער יונגער דניאל זאָל איינגעמען שטומעניש, און בעיקר, זאָגט ער וואָס ער וויל, דאַרף און מוז זאָגן, קומענדיק פֿון טרעבלינקע קיין ראָטנבורג, וואָס איז אַן אימבאַגרייף פֿון אַ ייִדישער גלות־קהילה נישט בלויז פֿון נעכטן, נאָר אויך פֿון היינט און מאָרגן.

(תרמ״א)

דרײַ קריזן

אַ וואָרט ביים פּאַרטייל פון פרס ראש הממשלה

ידידי הפותח, ר׳ יצחק קאָרן, יושב ראש המועצה העולמית למען יִדיש, שהיא יורשת הועד למען יִדיש בישראל, שהייתי במיסדיו וראשוני חבריו, כשמניינם לא היה בו עדיין כדי חצי מניין; מכובדי ר׳ מתתיהו שמולעוויטש, שלוחו של כבוד ראש הממשלה, שעל שמו נקרא הפרס, אשר מאז חנופתו נמשכת מסורתו, בחינת גולדה קיבלה מלוי ויצחק קיבל מגולדה ומנחם קיבל מיצחק; חביבי ר׳ משה יונגמאַן, הדובר משמו של מושב הדיינים המומחים, שנהגו בי לפנים משורת־הדין, צמד עמיתיי שדרשו בשתים עשׂייותי, עשׂייה ולשונה עשׂייה ולשונה, כביכול הייתי בחינת תאומים, שיפה להם עתירה, ר׳ יצחק יאַנאַסאָוויטש ומרת נורית גוברין — זו בזוית זו וזה בזוית זו; גבירותי ורבותי;

כמו שהגדרתי, כפי ששמעתם, את דינם של שופטיי בחינת נוהג מפנים לשורת־הדין, חייבני, לאחר אמירת חן חן לכולכם, להסביר על־שום מה ראיתי להגדירו כך, וברשותכם אכלכל את דבר־ההסבר בלשון, שעל שום עשׂייתי בה ולה זכיתי עתה במה שזכיתי.

ב

וועל איך, ברשותכם, אָנהייבן, מיט וואָס איך האָב שוין, עטלעכע מאָל, אָנגעהויבן פֿלעררליי אימפּרעזעס, דהיינו, אַז איך בין מיך נוהג ווי ר׳ יוסי, וואָס פלעגט, ווי די גמרא ברענגט, אַזוי צו זאָגן: כאָטש איך בין נישט קיין כהן, קוים רופֿט מען מיך צום דוכן, גיי איך אַרויף. און איך מעג מיר דערלויבן דאָס איבערצוחזרן, נישט ווייל איך האַלט, אַז איך בין אַ ר׳ יוסי, נאָר ווייל איך ווייס, אַז איך בין אַ כהן. אלא מאי, פֿאַראַן אַן אַנדערע גירסא, און זי איז, ווייזט אויס, די ריכטיקע — שטאָט דעם וואָרט כהן, דאַרף גאָר צו זיין דאָס וואָרט: כדאי, משמע: כאָטש איך בין נישט כדאי, קוים רופֿט מען מיך צום דוכן, גיי איך אַרויף. און אויב איר וועט פרעגן, ווי האָט דאָס אַ ייִד אַ העזה, אַזוי צו האַנדלען, וועל איך אייך מגלה זיין, וואָס איך האָב שוין לאַנג, אין מיין אַנעקדאָטן־בוך, מגלה געווען, אַז איך האַלט דעם ענין פֿרעמיע נישט כפשוטו — ווי אַ באַלוין פֿאַר דעם,

וואָס דער פֿרעמירטער האָט, ברוך־השם, שוין געטאָן, נאָר כּדרושו — ווי אַן אַדרויף צו דעם, וואָס ער וועט, אם־ירצה־השם, נאָך טאָן.

ג

אָבער אויב אַזוי, לאָזן זיך דאָך די אַדרויפֿן מערן כּמים שאין להם סוף, איז כּדי דאָס צו פֿאַרמיידן, איז אַ חוב צו מאַרקירן אַ גרענעץ, וואָס זאָל נישט דערלאָזן די סכּנה פֿון כּל יתיר כּנטיל דמיא, טייטש: וואָס צופֿיל איז איבעריק; און דוכט זיך, אַז איך בין שוין די גרענעץ אַריבער, דען, רבותי, די צאָל פּרעמיעס, וואָס כּלערליי דיינים מומחים האָבן מיר צוגעשאַנצט, איז היפּש און געגוג, דען וואָס קאָן שוין, פֿאַר אַ העברעיִשן שרייבער זיין מער און העכער, ווי זוכה צו זיין צו אַ פּרס אויפֿן נאָמען פֿון חיים נחמן ביאַליק, און וואָס קאָן שוין, פֿאַר אַ יִדיש־שרייבער, זיין מער און העכער, ווי זוכה צו זיין צו אַ פּרס אויפֿן נאָמען פֿון יצחק לייבוש פּרץ, און נאָך די צוויי זכיות האָב איך באַדאַרפֿט צו זאָגן: סטאָפּ יובילייִשן. און נאָך עפּעס: אויב די כּוונה, ווי איך האַלט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אַדרויף, צו דעם וואָס איך וועל ערשט מקיים זיין, פֿרעגט זיך: עד מתי, זעגען אַכציק יאָר, וועלכע דער אייבערשטער האָט מיך, בחסדו, געלאָזט דערלעבן, דער אידעאַלסטער טערמין, צו קריגן אַדרויפֿן, און זיך מתחייב זיין דעם חוב צוריקצוצאָלן?

ד

פֿאַרשאַרפֿט זיך טאָקע די קשיא, פֿאַר וואָס בין איך פֿאַרט אין אַזאַ עסק איינגעגאַנגען, — איז עס אַ רעכטע קשיא, אויף וועלכער איך האָב, קודם כּל, צוויי תּירוצים. ערשטנס, זאָגט דאָך די גמרא: אין מסרבין לגדול, משמע: מען זאָגט נישט אָפּ אַ גדול, ווי מיר האָבן עס לגבי דעם ענין אַברהם אָבינו און די מלאכים, און רש״י שפּיצט עס נאָך צו, זאָגנדיק: מכּאן שמסרבין לקטן ואין מסרבין לגדול. צווייטנס, דער איצטיקער פּסק־דין פֿאַרמאָגט פֿאָרט אַ שטיקל חידוש — געגוג אַ קוק דערלאַנגען אין רייסטער פֿון די פֿרעמירטע, אלה חבריי הטובים ממני, וואָס האָבן דעם דאָזיקן פּרס געקריגן, כּדי צו זען, אַז זיי זענען שאַפֿעריש איינשפּראַכיק, בעיקר יִדיש־שרייבערס, און איך בין צווישפּראַכיק — שוין בלויז סטאַטיסטיש, לויט דער צאָל ביכער, רובי — בלשון האבות, ומיעוטי בשׂפת־

האמהות, טייטש: צומייסט אין טאַטע־לשון און צום טייל אין מאַמע־לשון, און די פּראָפּאָרציע איז, דאַכט זיך, נישט קיין צופאַליקע — זי שפּיגלט כּביכול אָפּ די פּראָפּאָרציע פון אונדזערע שפּראַכן אויף דער פולדיקער קולטור־מאַפּע, אַזוי אַז מיטן איצטיקן באַשלוס האָט מען מתקן געווען אַ שטיקל חסרון, נישט מחמת מיר גופא, ווי מחמת דער עובדא, אַז דער שרייבער, וואָס האָט געשאַפן איןביידע שפּראַכן, איז די באַזע פון אונדזער ליטעראַטור און איר סאַמע פּני — אויבּ אויסרעכענען בלויז די בעלי־תּריסי, מי לנו גדול, ווי מענדעלע און יהודה לייב גאָרדאָן, יצחק לייבוש פּרץ און שלום עליכם; דוד פרישמאַן און מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, חיים נחמן ביאַליק און זלמן שניאור; יהושע חנא ראַווניצקי און יהודה שטיינבערג; שׂמחה בן־ציון און אליעזר שטיינבאַרג, יוסף חיים ברענער און הלל צייטלין, יעקב פיכמאַן און אליעזר שטיינמאַן, י. י. שוואַרץ און אַברהם רעגעלסאָן, יעקב שטיינבערג און יצחק קאַצנעלסאָן, ש״י עגנון און א. צ. גרינבערג, אַ לאַנגע קייט פון צענדליקער און צענדליקער שרייבערס און קינסטלערס, וואָס אָן זיי וואָלטן אונדזערע אייגענע ליטעראַטורן נישט געוואָרן ווי זיי זענען געוואָרן און נישט געווען וואָס זיי זענען. אמת, די מאַשן פון דער קייט זענען, בעיקר אין די לעצטע צוויי דורות, געוואָרן לויזער און שיטערער, און מיר ווייסן די סיבות דערפון — דערונטער אויך די טאָפּעלע אָפּגעפּרעמדקייט, מחמת דעם תּוהו ובוהו פון די צע־קריגטע אָריענטאַציעס און אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן אויך אַרויסגעבוירן די אומגעלומפּערטקייטן פון שפּראַכן־קאַמף, אָבער עס איז אַ ספק, אויב מיר מעגן פאַרגעסן, אַז נאָך נעכטן האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אַ צווייִשפּראַכיקן שרייבער פון אַזאַ פאַרמעסט, ווי עס איז געווען אַהרן צייטלין, און אַז נאָך הייַנט האָבן מיר צו טאָן מיט שלמה שנהוד אין תּל־אביב און גבריאל פּרייל אין ניו־יאָרק, און די קשיא, צי האָט די שאַפע־רישע צווייִשפּראַכיקייט אַ מאָרגן, פאַרקלענערט נישט די עובדא, אַז זי האָט געהאַט אַ נעכטן און האָט נאָך אַ הייַנט, און פון דער עובדא האָבן אַפּנים אויך די דיינים מומחים זיך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אויסדרייען און איך זאָג זיי דערפאַר, נישט בלויז אין מיין נאָמען, אַ יישר־כּוח.

ה

אַז מיט ייִדיש שטייט עס איצט בפירוש נישט גוט, איז אַ קיימא־לן, וואָס קאָסט אונדז געזונט און לעבן, אָבער איך וויל אַרויסהייבן דאָס וואָס ווייזט זיך ווי דער טרויעריקסטער פּונקט — מיר האָבן הייַנט־צו־טאָג

נישט קיין יונגן ייִדיש־שרייבער אין איינעם פון די פיר שעפערישע תּחומים: פּאָעזיע, פּראָזע, דראַמע, עסיי — און דער גאָר זעלטענער און נישט איבעריק רעפּרעזענטאַטיווער יוצא־מן־הכּלל באַשטעטיקט דעם אומע־טיקן כּלל. אַוודאי האָבן יאָרצייטן זייער חשיבות — טויזנט יאָר אַשכּנזיש ייִדיש אויף דער וועלט, עטלעכע הונדערט יאָר עפּיסטאָלאַר־ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, הונדערט יאָר פּרעסע־ייִדיש אין ירושלים, אָבער יקרא־דשכבא טאָר נישט און וויל נישט אָוועקשטופּן דעם יקרא־דחיי, אַפילו עס האַלט מיט אים שמאָל — טאָר מען טאַקע נישט פאַרהוילן, אַז וואָס שייך דעם יונגן דור, איז אַנטקעגן דעם נעגאַטיוון דיאַגנאָז אין עיקר־שאַפערישן תּחום, לאָזט זיך פאַרצייכענען אַ פּאָזיטיווער פּראָגנאָז אין זייטיקן פאָרשע־רישן, אַקאַדעמיש־וויסנשאַפטלעכן תּחום און, איך בין זיך מתכוון נישט צום פּאָפּולאַרן, ליידער צו פּאָפּולאַרן, שפּילערישן טראַנסלייִשן־סיסטעם, נייערט בלויז צום ערנצטן ייִדיש־סיסטעם, ווו סיי דער פאָרשער, סיי דאָס גע־פאָרשטע טראָגן דעם קלאָרן און בפירושן חותם פון גרונטיקן, מקורותדיקן, אויטענטישן ייִדיש. צי דער אָביעקט און סוביעקט פון דער דאָזיקער פאָר־שונג איז באַשטימט צו זיין בלויז אַ זכר פון נעכטן, אָדער זענען אויך אַן אָנזאָג אויף מאָרגן, אַזוי אַז נאָך די פאָרשערס וועלן קומען שאַפערס, איז אַ קאָמפּליצירטע קשיא, וואָס אַ יעדער פּרווו פון אַ תּשובה אויף איר וואַקלט זיך צווישן אַ פרומען ווונטש און אַ נאָך פרומערער נבואה, אָדער ווי עס הייסט: כּבר היו דברים מעולם. על כּל פּנים וויל איך נישט לאָזן אומדערמאָנט, אַז דאָס הייפּעלע פון אַקאַדעמישע ייִדיש־פאָרשערס זענען בפירוש צווייִשפּראַכיק, זיי פּובליקירן זייערע פאָרשונגען, סיי עברית און סיי ייִדיש, און אפשר איז זיי אויך באַשטימט אַ באַזונדערע ראָל אין דעם קאָמפּלעקס.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, זענען מיר מחויב צו האָבן תּמיד פאַר די אויגן די גרויסע קריזע, וואָס איז בלויז אַ טייל פון אַ גרעסערער קריזע, וועלכע איז אויך בלויז אַ טייל פון דער גרעסטער קריזע, וואָס אונדזער פאָלק לעבט איצט דורך.

ד׳

וואָס שייך דער גרויסער קריזע, באַשטייט זי אין פאַקט, אַז דער רוב ייִדן אויף דער וועלט רעדן אַלץ ווייניקער און ווייניקער זייערע אייגענע שפּראַכן; חוץ ארץ־ישׂראל, ווו עס שפּאַנען אַ יעדן פרימאָרגן אַ מיליאָן און אַ פערטל תּלמידים אין זייערע אייגענע שולן אין זייער אייגענער

שפראַך, איז נישט פֿאַראַן קיין יִשוב אויף דער וועלט, ווו די אייגענע שפראַך זאָל זיך נישט געפֿינען אין שטענדיקן צוריקגאַנג, אויב נישט פֿאַר־שווינד, און אויף וויפֿל מיר זאָלן נישט פּיינט האָבן די וואָס האַלטן דעם סטאָפּער, האַלט דער סטאָפּער אונדז, און איןביידע גרויסע בלאָקן, אין מזרח און אין מערב, ווו עס געפֿינט זיך דער רוב ייִדן אויף דער וועלט, שטאַרקט זיך אַלץ מער און מער די אויבערהערשאַפֿט, וואָס ווערט אַלץ מער און מער אידענטיש מיט דער אַליינהערשאַפֿט, פֿון דער פֿרעמדער שפראַך — דאָ פֿון ענגליש און דאָ פֿון רוסיש, און אויך אַנדערע קלענערע, כאָטש פֿאַר זיך גרויסע יִשובים, האַלטן גאָר נישט ווייט דערפֿון. פֿאַרמי־נערט דאָס נישט דעם אָנשטרענג, שכּמותו כּהעראָיִזם פֿון די אַלץ שמעלער־ווערנדיקע גרופּן, זיך דעם פּראָצעס אַנטקעגנצושטעלן, אַפֿילו זיי כאַפּן זיך אָן אין קאַלטע רפֿואות, און פּראָוון צופֿיל שישו בני מיעי, אָבער דער שפּיל־רוים פֿאַר דעם אַלעמען ווערט אַלץ באַשרענקטער, אַזוי אַז אַלע דריי סכּנות, וואָס לאָקערן מיטן פֿאַרשווינד פֿון דער אייגענער שפּראַך — די רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און פֿאָלקישע — גראָבן אונטער אונדזער עצם באַשטאַנד, און ווער עס זעט עס נישט, קאָן זיך נישט באַרימען מיט אַ לייטישן טביעת־עין.

אָבער ווי געזאָגט, איז די גרויסע קריזע בלויז אַ טייל פֿון אַ נאָך גרעסערער קריזע — דער אַלץ שטייגנדיקער צעפֿאַל פֿון אונדזערע קאָלעק־טיווע ווערטן, וואָס בלויז היפּער־אָפּטימיסטן, סיי לויטן כאַראַקטער סיי לויטן פֿאַך, פּרוּוון זי אָפּלייקענען אָדער מינימיזירן, אָבער יעדער, ווען אַ קינדישע מענטאַליטעט אָדער אַן אויסגעקלייגלטער חשבון, פֿאַרנעפּלט נישט זיין שׂכל הישר, זעט דעם אָפּגרונט און דעם שטענדיקן אַראָפּגליטש אין זיינע אַלץ שיפּער ווערנדיקע טיפֿן. און וואָס עס שווידערט באַזונדערס אויף, איז, אַז לגבי סוף־חשבון זענען ביידע בלאָקן אַלץ איינס, מיטן גאַנצן גרויסן, אפֿשר תּהומיקן, חילוק צווישן זייערע היפּוכדיקע רעזשימען. אַ בולטער משל: דאָ און דאָרט האָבן מיר גרעסערע און קלענערע אינדזלען אָדער אינדזעלעך, וואָס באָרען זיך מיט דער דעקאָלעקטיוויזאַציע, אָדער פּשוטער געזאָגט: ראַנגלען זיך פֿאַר זייער ממשדיקער ייִדישקייט און איר מאַקסימאַלער מעגלעכקייט אין גלות. טאָר מען נישט פֿאַרזען אַז אין מזרח־בלאָק געשעט עס אין אַן אַטמאָספֿער פֿון אומרעכטלעכן צוואַנג, בשעת אין מערב־בלאָק גייט עס צו אין דער אַטמאָספֿער פֿון רעכטלעכער פֿרייקייט, און די קשיא ווי האָט זיך דער כּלל פֿון טו וואָס דו קענסט מסדר געווען דאָ לגבי דעם כּלל פֿון טו וואָס דו מעגסט, און דאָ לגבי דעם כּלל פֿון טו וואָס דו ווילסט, איז די קשיא פֿון מאָראַלישן אחריות פֿון די טוערס, דאָ און דאָ, לגבי דער אייגנקייט, און ערשט אַ שפּעטער דור וועט קענען

משפטן, ווען עס קומט דער בעסערער און שענערער אַטעסטאַט; אָבער שוין איצט לאָזט זיך זאָגן, אַז מיר האָבן דאָ און דאָ צו טאָן מיט ענלעכע אָביעקטיווע גורמים, וואָס פאַרמירן און דעפאָרמירן אַן עקסטעריטאָריאַל פאָלק, נאָך דעם ווי עס איז, צי לכּורחו צי לרצונו, אַוועק פון זיין כּמו־טעריטאָריע אָדער פסעוודאָ־טעריטאָריע, וואָס אָן אים וואָלט ער זיך נישט געקאָנט האַלטן ווי ער האָט זיך געהאַלטן דורות־לאַנג, און וואָס די כּלערליי יִדיש־אינדזלעלעך פּרווון עס ממשיך זיין, און אַפילו מחדש זיין און אָבער מחמת זיי זענען פאַרקוקט און ממילא פאַרליבט אין זיך אַליין, פאַלן זיי אַריין אין אַ שווערן, אָפּטישן טעות, וואָס ווייזט די פּראָפּאָרציעס נישט ווי זיי זענען, נאָר ווי זייער ווונטש וואָלט זיי געוואָלט האָבן, און דוגמות דערצו זענען דאָ היפּש און גענוג, ממש כּמים לים מכסים.

ז

אָבער אויך די גרעסערע ריזע איז געקניפּט און געבונדן מיט דער גרעסטער קריזע פון אונדזער דור, ווען דער גורל פון אונדזער פאָלק איז געשליידערט געוואָרן צווישן זיין שווידערלעכסטן אומקום דאָרט, ווו עס איז אַכזריותדיק פאַרטיליקט געוואָרן אונדזער טויזנטיאָריק לעבן אין אייראָפּע און צווישן דעם גראַנדיאָזן אויפקום דאָ, מיטן אויפלעב פון אונדזער אייגענער מדינה אין אַלט־ניי־לאַנד און וואָס איז באַשטימט און מסוגל איבערצואַנדערשן אונדזער היסטאָרישן און אַקטואַלן מעמד אין דער וועלט, האָט אָבער בלויז אַ טייל פאָלק ממש רעוואָלוציאָניזירט — עס זענען די צוויי גרויסע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַהער: די כוואַליע פון דער אַשכּנזישער שארית־הפליטה פון גלות אֱדום און די כוואַליע פון די ספרדישע קהילות אין גלות ישמעאל, און זיי, מיט נאָך אַ פּאָר קלענערע כוואַליעלעך, גרופּן און יחידים, בילדן היינט אונדזער מדינה. אָבער דער רוב יִדן אין דער וועלט האָבן טאַקע האָלד די מדינה, אַ סך פון זיי שטיצן זי, העלפן איר, באַזוכן זי, אָבער וואָס שייך זיצן אין איר אַ ישיבת־קבע, בלייבן אין איר, לעבן אין איר — איז ניטע. בדרך כּלל זענען זיי דאָרט — שטענדיקע סיטיזענס, און דאָ — צייטווייליקע טוריסטן, און אַזוי קלערן זיי זיך נוהג זיין לאורך ימים, און זיי קריגן אַפילו פון צייט צו צייט אַ צולאָג פון דאַנעט. מילא, וואָס לאָזט זיך טאָן — אויב נישט עולים אַהער, איז יורדים אַהין. אַפילו צניעותדיקן פּאַס פון אונדזערע יִדיש־באַמיִען לאָזט זיך עפּעס, וואָס איז מסתמא נישט אומכאַראַקטעריסטיש, פאַרצייכע־

נען, ווען מיר האָבן נאָך געהייסן: דער קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור אין ישׂראל, האָבן מיר פאַררופן אַ קאָנגרעס קיין ירושלים, און אַפילו אַזאַ ייִד ווי איך, וואָס איז פונעם ענין נישט נתפעל געוואָרן, איז מודה, אַז עס איז געווען אַ גרויסע ייִדיש־דעפּילאַדע. איצט אַז מיר הייסן: אַ וועלט־ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, האָבן מיר וואַיאַזשירט קיין קאַנאַדע און להבא — איז גאָט אַ פאַטער, מאָנטרעאָל איז נישט דער איינציקער כּרך גדול אין גלות. וועל איך נישט פאַרהוילן, אַז וואָס איך זאָג דאָ, האָט צו טאָן מיט מיינס אַן אָרגאַנישן חסרון, אפשר אַפילו אַ קרענק — איך האָב אַן אַלערגיע, אַפילו אַ שווערע אַלערגיע, צו אונדזערע אַלוועלט־לעכקייטן. מעגלעך, אַז עס נעמט זיך דערפון, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט אָנגעהערט צו קיין פּאַרטיי, וואָס וואָלט מיך אויטאָמאַטיש איינגעשלייערט אין אַן אַלוועלטלעך רעמל, און באמת האָב איך בלויז אָנגעהערט צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס איר אויפגאַב איז, אַ סך להלכה און נישט ווייניק אויך למעשׂה, אונדז פון דער אַלוועלטלעכקייט צו באַפרייען, וואָס איז באמת מעגלעך געוואָרן מיטן אויפשטאַנד, באַשטאַנד און ביישטאַנד פון אונדזער אייגענער מדינה.

ח

וואָס שייך דער גראַנדיעזער מעגלעכקייט, האָבן מיר פריִער געקלערט, אַז אונדזערע ברידער טיילן זיך אין צוויי לאַגערן — איינער אין מערב־בלאָק, וואָס קאָן קומען אַהער און וויל נישט, און איינער אין מזרח־בלאָק, וואָס וויל קומען אַהער און קאָן נישט, אָבער שווער צו זאָגן, אַז נאָך אונדזערע לעצטע נסיונות, קאָנען מיר ווייטער אַזאַ אויפטייל אָנהאַלטן, און דאָס פאַרשטאַרקט נאָך דעם חוב צו האַלטן אויג און האַרץ אויף אַלע דריַי קרייזן אונדזערע, און זוכן דעם רעכטן וועג, ווי זיי גובר צו זיין. אויב אָנהייבן מיט דער ערשטער קרייז, ווי מיר האָבן זי געפּרוּווט כאַראַקטעריזירן, און וואָס די רעם פון דער איצטיקער אימפּרעזע איז מחייב — אונדזער שפּראַכן־פראָנט, מעג מען האָבן כּלערליי רעזערוואַציעס, ווי איך האָב זיי לגבי כּל מיני הלכות, ווי זיי האָבן זיך אין אונדזערע דעבאַטעס דאָ און דאָרט אויסגעפיקט, איין רעזערוואַציע איז בתּחילת האיסור — לגבי די מעשׂים, וואָס ווי באַשיידן זיי זאָלן נישט זיין, און באמת זענען זיי שוין לאַנג נישט אַזוי באַשיידן, און זענען אַ היפּשער ממש, זענען זיי דער עיקר, אויך לויטן כּלל, וואָס וואָלטן לויט נוסח און טעם געדאַרפט זיין אַ בפירושע

מ־ישנה, איז אָבער אַ שורה פון ביאַליקס אַ שיר: אֵין בודקים בשעת הסכּנה, און ווי עס הייסט אין י. י. שוואַרצ׳ס ייִדיש־נוסח: „צוהילף קומט דעם פאָלק, צוהילף קומט דעם פאָלק! / מיט וואָס? צו וואָס פרעגן — מיט וואָס נאָר מיר קענען! / מיט וועמען? — נישט קלייבט — ווער עס וויל מיט אונדז בלייבן! / דעם יעניקן, וועמען דער אומגליק טוט ברענען / נעמט צו אין דער מחנה — ניט טוט אים פאַרטרייבן! / ס׳איז ליב יעדע גאָב, טייער — יעדע מתּנה! / מען קלייבט ניט אין צייט פון סכּנה!"

און נאָך דעם, ווי מיר האָבן געלאָזט הערן ביאַליקס וואָרט אין פּאָעזיע, ווילן מיר צושטעלן זיין וואָרט אין פּראָזע און פאַרענדיקן מיט וואָס ער פאַרענדיקט זיין קלאַסישן מאמר: הלכה ואגדה, „אנו כופפים את צווארנו, איה עול הברזל, מדוע לא תבוא היד החזקה והזרוע הנטויה". טייטש: מיר בייגן דעם האַלדז, ווו איז דער אייזערנער יאָך, פאַר וואָס זאָל נישט קומען די שטאַרקע האַנט און דער געשטרעקטער אָרעם?

(תשמ"ב)

7

אויטאָביאָגראַפישע פּרקים

מאמר א׳: אַ ייִנגליש בינטל

א

מסתמא האָט מען אויך מיר, ביים וויגל, צוגעזונגען: תּורה וועסטו לערנען, ספרים וועסטו שרייבן, אַ גוט פרום ייִדעלע וועסטו מערטשעם בלייבן. בעצם, ווייס איך נישט ווער עס האָט עס געקאָנט זינגען — מיין מאַמע, עליה השלום, איז געשטאָרבן אין דער קימפּעט; מיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען ביי די זעלנער (אויך שפּעטער, אַז ער פלעגט אַ קאַפּ אונטערוויגן מייגס אַ שטיפברודער, איז זיין גאַנצער ניגון באַשטאַנען פון קוים דרייַ ווערטער: אַ, אַ, קאָלאַטשי — מיטן אַקצענט אויפן לעצטן טראַף); די זייגערין, וועלכער מען האָט מיך אין דער בהלה איבערגעגעבן, האָט אַפילו געקענט זינגען, שיין זינגען, אָבער זי האָט איר הויכן אַלט מטריח געווען ביי די הוליאַנקעס וואָס זי האָט געפּראַוועט מיט דער קאַפּע־ליע פון די רויטע כּלי־זמרס, אַז זי האָט נישט קיין צייט געהאַט צו מיר און מען האָט מיך געמוזט וואָס גיכער אַרויסנעמען און איבערגעבן אונ־דזערס אַ קרובה, וואָס האָט אָקערשט געבוירן אַ מיידעלע, און זי, אַ כּשרע נשמה, האָט אַוודאי אָנגעהאַלטן דעם מינהג פון צוּוויגן און צוזינגען, אָבער, כּדרך־הטבע, איז איר נענטער געווען דער צופּאַס צום נוסח: אונטער שׂרהלעס וויגעלע, ווי דער צופּאַס צום נוסח: אונטער יעקעלעס וויגעלע, אַזוי אַז דער עיקר־ניגון האָט געגאָלטן מיין מילכשוועסטער, אָבער מסתמא איז עפּעס פון דעם האַרציקן זינג־זאַנג אויך מיר צוגעפאַלן, אַזוי אַז עס האָט מיך פאַרט מחייב געווען, ווי אַלע ייִדישע קינדער, און האָט מיר צוגעשאַנצט דעם זכות און דעם חוב צו לערנען און צו שרייבן, און עס קומט מיר פיר, אַז איך האָב דעם מאַרשרוט ערלעך אויסגעפירט.

ב

צי דאָס וואָס איך האָב געלערנט, גייט אַקוראַט און סטריקט אַריין אין דורי־דורותדיקן באַגריף און טערמין: תּורה, און צי דאָס וואָס איך האָב געשריבן, גייט אַקוראַט און סטריקט אַריין אין דורי־דורותדיקן באַגריף און טערמין: ספרים, איז אַן אײדעלע קשיא, וואָס איך קען נישט און טאָר נישט אויף איר אומגעקווענקלט, לײַכט און פּראָסט ענטפערן. יאָ, אַזוי ווי עס איז מיר, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, באַשערט געווען צו נישטערן אין דער גענעזע און די גלגולים פון יענעם וויגליד, וואָס האָט אַ היפּשן אויס־שפּרייט אויף דער ייִדיש־מאַפּע, איז מיר שווער צו ענטפערן, צי אַפילו דאָס ליד גופא מעג זיך אַזאַ תּשובה דערלויבן. אמת, דער אָנהייב מיט זיין גראַמפּאָרל: וויגעלע־ציגעלע, איז גאָר אַלט און האָט געקריגן אַ שטאַרקן באַטײַט־שינוי. (דאָס ציגעלע איז גרונטיק אַ דימינוטיוו פון אַ דאַכציגל, און ערשט שפּעטער איז עס געוואָרן יענע גילדענע אָדער קלאָר־ווייסע בהמה־דקה); אויך דאָס אַנדערע גראַמפּאָרל מיט זיין פּירות־צווילינג (ראָזשינקעס און מאַנדלען) איז נישט איבעריק יונג, אָבער דאָס פּירלעצטע פּאָרל ווייזט זיך אויס צו זיין די קרוין פון דער לאַמענאַציע, ווו אַלע קינ־דער ווערן בעצם פּאַרבעטן צו זיין רבנים, מער ווי עס קאָנטראַסטירט אַ ממשדיקן מצב, דריקט עס אויס אַ נאָסטאַלגישן ווונטש. על־כּל־פּנים האָבן מסתּמא מיינע פּאַקטישע און צוגעטראַכטע פּאַרוויגערינס געוווסט ווי די זאַך שטייט, און ווי זי האָט זיך באמת פונאַנדערגעוויקלט — אַריינגעקומען אין אַ משפּחה, וואָס איז פון טאַטנס צד באַשטאַנען פון מגידים און שוחטים, וואָס האָבן זיך משדך געווען מיט שענקערס און סוחרים, און זענען גע־בליבן געטריי זייער חסידישן, בעיקר בעלזער, גאַנג, ווי אַ גרויסער טייל פון דער משפּחה איז עס געווען, און אַ קלענערער טייל איז עס נאָך עד־היום, האָט אָבער גובר געווען דער באַשיידענער מתנגדישער קעגנטאָן פון מאַמעס צד, און נאָך מער דעם טאַטנס הויכער קעגנטאָן, וואָס האָט דער ערשטער אין אונדזער ענגערער משפּחה אויסגעטאָן דאָס שטריימל, אין זיין נטיה צום געמאָסיקטן משׂכּילישן שניט, און נאָך מער זיין אָנשלוס, נאָך אין די בחורשע יאָרן, צו די לעצטע חובבי־ציון און די ערשטע הערצל־ענטוזיאַסטן, און נישט ווייניק האָבן גורם געווען זיינע אַכט יאָר נסיעות, ווי אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, פון איין עק ביזן אַנדערן עק מערב־אייראָפּע, און דאָס אַלץ, און די אַטמאָספער אַרום, האָבן געפירט דערצו, אַז דאָס וויגליד איז יאָ און נישט מקוים געוואָרן, אַלץ געווענדט דערינען, וואָס מיינט תּורה און וואָס מיינט ספרים. ווער ס׳האָט געהאַט אָדער וועט האָבן געדולד דורכצולייענען מיינע, לעת־עתּה, דרײַ אויטאָביאָגראַפישע ביכער

(ממחוז הילדות, ממעגל הנעורים, עיר ואם בעיני בניה) קאַן, סטאַציע נאָך סטאַציע, נאָכגיין דעם דאָזיקן וועג און זיינע אויך (און צו מאָל בעיקר) סתירהדיקע שטעגן, און זען באַשיינפּערלעך ווי עס האָט באמת אויסגעזען. על־כּל־פּנים איך גופא, ווי נאָר איך דערמאָן זיך דערינען, ווערט מיר נישט איבעריק פריילעך אויפן האַרצן, אָבער גענוג פּיטאַרעסק פאַר די אויגן.

ג

כּללו־של־דבר, נישט אַזוי לייכט סומאַריש אַ זאָג צו טאָן: יאָ, כּמעט כּל־ימיו געלערנט תּורה, בפרט אַז חז״ל ברייען: מ׳האָט דיר געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן חכמה ביי די גויִים — גלייב; מ׳האָט דיר געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן תּורה ביי די גויִים — גלייב נישט. עפּעס לייכטער איז סומאַריש אַ זאָג צו טאָן: יאָ, כּמעט כּל־ימיו געשריבן ספרים, כאָטש חז״ל ברייען: ווער עס האַלט ביי זיך מער ווי די כּ״ד ספרים, ברענגט אַ מהומה אין זיין אייגענער שטוב אַריין. און אויב איך ענטפער פאַרט צוויי יאָען, איז עס נישט אַזוי מחמת דעם, וואָס אַן עלטערער דור וואָלט מיר געזאָגט לגנאי: פע, האָסט דאָך געלאָזט די תּורה אַראָפּדעגראַדירן צו אַ חכמה און די ספרים צו ביכער; און אַ יינגערער דור וואָלט מיר געזאָגט לשבח: בראַוואָ, האָסט דאָך געלאָזט די חכמה אַרויפאַוואַנסירן צו אַ תּורה און די ביכער צו ספרים; נאָר מחמת דעם, וואָס תּורה און חכמה האָבן זיך לייטיש געראַנגלט ביי דער עצם חתימה פון די כּ״ד ספרים גופא, און דער מהלך צווישן גנזו און ביקשו לגנוז לאָזט אונדז עד־היום אַ סך קלערן און איבערקלערן.

איך זאָג עד־היום, און מיין עס נישט בלויז אין ברייטערן, נאָר אויך אין ענגערן זינען. רעדנדיק וועגן דעם מהלך צווישן גנזו און ביקשו לגנוז טאָר מען נישט לאָזן אומדערמאָנט, אַז וואָס אַ ווייטער דור האָט גונז געווען, איז נישט מחייב אַ נאָענטן דור, און ווער ווייסט דאָס נישט, ווי מיר אַלע, וואָס די צוויי באַוואָרענישן פונעם וויגליד — סיי פון אויבן (אם ירצה השם), סיי פון אונטן (אַ כּשר פרום יִידעלע) — האָבן ביי אונדז יאָ אָדער נישט צוגעטראָפן, פרייען זיך מיט אַיעדן געפינס וואָס איז נישט אַריין אין די כּ״ד ספרים, און ווי מיר פּילעווען עס, ווי אַן אויג אין קאָפּ, און מעגלעך אַז מיטן גאַנצן חילוק בין גדול לקטן און מיטן גאַנצן חילוק בין כּלל לפרט, באַרעט זיך יעדער דור, יעדער יחיד, מיטן מהלך צווישן ביקשו לגנוז און גנזו, בעוויל אַיעדער יחיד, האָט זיך, להבדיל בין קודש

לחול, זיינע כ״ד ספרים, און וואָס ער האָט אַ מאָל, אין די יונגע יאָרן אין דער מדרגה פון כשאָדם נער, משמע: ער איז אַ ייִנגל, גונז געווען, און האַלט עס אין דער גניזה אין זיינע מיטעלע יאָרן, אין דער מדרגה פון הגדיל, משמע: איז אויפגעוואַקסן, איז עס נישט מחויב אַזוי צו האַלטן אין זיינע גרייַזע יאָרן, אין דער מדרגה פון הזקין, משמע: ער איז אַלט געוואָרן.

ד

און פּרווונדיק איצט, אויף דער שוועל פון ואם בגבורות שמונים שנה מקיים צו זיין דאָס וואָס איך האָב אויסגעברייַעט, הלכה־למעשׂה, ווייל איך פּירויסשיקן אַז עס האַנדלט זיך אין אַ קליינער אייגענער גניזה, וואָס איז אַ מין שׂריד־ופליט פון כתבים, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויפּט אין מיינע לערניאָרן און עס איז אויך נגזר געוואָרן צו גיין לבד אין מיינע וואַנדער־יאָרן. איך בין מודה, אַז דער סענטימענט מיינער האָט געוואָלט דערהאַלטן, אויב נישט אַלץ איז אַ סך פון מיינע כתבים, אָבער אַזוי ווי מער ווי צוויי הענט, וואָס קענען נישט מער דזשוויגען ווי צוויי נישט איבעריקע גרויסע רענצלעך, האָט מען נישט, האָב איך די בכורה אָפּגעגעבן בריוו פון יחידים וואָס איך בין געווען מיט זיי באַפּרייגדט, און דאָקומענטן פון מוסדים וואָס איך בין געווען מחויב אָפּצוהיטן, זענען מיינע איבעריקע כתבים, וואָס איך האָב נישט פּובליקירט, אַלץ מער איינגעשרומפּן. דערונטער געפינט זיך אַ ייִנגליש בינטל פון ייִדיש־לידער, וואָס איך האָב אַ טייל דערפון אָפּגע־דרוקט און דער רוב איז געבליבן בכתב. פאַר וואָס דאָס איז געשען אַזוי, איז אַ קשיא אויף אַ מעשׂה.

און אויב עס מאַכן בקיצור, איז מעשׂה שהיה כך היה: איך בין גע־בוירן און זיך דערצויגן אין אַ קאַנט, ווו אונדזער־איינער, וואָס האָט געהאַלטן אַז לשם מיסיע אָדער מחמת פּאַסיע דאַרף ער זיך נעמען צו דער פּען, האָט זיך געמוזט אַנטשיידן, אין וואָס פאַר אַ לשון זאָל ער עס מאַכן, ווייל דער אַרום — פּאָלק, לאַנד, מדינה — האָט אים פּירגעלייגט אַ האַלב מנין לשונות, וואָס איינס, דאָס גרונטיקסטע, ווייל עס האָבן עס גערעדט דער רוב תּושבים אַרום (רוטעניש) איז נישט געקומען אין באַטראַכט, אָבער פון די איבעריקע פיר לשונות איז געווען אַ פּאָרל, וואָס פאַר אונדז, קאַנדי־דאַטן, אויב נישט אויף פּרומע, כשרע, טאָ אויף סתּם ייִדעלעך, איז עס געווען בחינת אַ געבענטשטע גזירה (לשון־קודש און מאַמע־לשון) און אַ פּאָרל, וואָס איז פאַר אונדז געווען אַ פאַרשאָלטענע ברירה (דייטשיש און

פויליש), און ווער עס וועט דורכקוקן די ביבליאָגראַפיע פון מיינע גע־פובליקירטע חיבורים, וואָס ידידי ר׳ ג. קרעסל האָט דאַנומלט אַרויסגע־געבן, וועט זען ווי אַרום דאָס היימישע פּאָרל האָט זיך געמוזט באַמיִען כּדי צו ווערן דער בעל־הבית איבער מיין פּען, און דאָס פרעמדערע פּאָרל זאָל ווערן מיין משרת.

ה

אָבער די האַרנטע פון מיין פּען, וועלכע איך האָב אָם געטרייסטן משמש געווען, לשון עברי, האָב איך אָנגעהויבן שפּעטער באַדינען, ווי די איבע־ריקע לשונות. נאָך מער, נישט בלויז ווי אַ שרייבער, נאָר אַפילו ווי אַ לייענער, האָב איך מיך דאָ פאַרשפּעטיקט — ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען די לעבעדיקע העברעיִשע ליטעראַטור, בין איך שוין געווען אַ זעכצן־יאָריקער בחור, וואָס האָט הינטער זיך געהאַט אַ ים לעקטור אין די איבעריקע פיר לשונות און זייערע ליטעראַטורן. אָבער שוין מיט אַן אַנדערטהאַלבן יאָרן שפּעטער האָב איך פאַרגרייט מיינס אַ בינטל העברעיִשע לידער און בין געווען פּאַכאַפּנע, צו פּאַכאַפּנע, עס אַרויסצוגעבן, דען ביז דאָס צוויי און דרייסיק־זייטיקע העפטל, וואָס האָט געהאַט אַ גענוג באַנאַלן נאָמען, צלילים (קלאַנגען) איז אַרויסגעקומען (פּשעמישל, תּרפ״א), האָט זיך מיין קאַנטשאַפּט מיט דער לעבעדיקער העברעיִשער ליטעראַטור און, בעיקר איר פּאָעזיע, היפּש אויסגעברייט, אַז איך האָב געמוזט שטוינען, ווי האָב איך געהאַט די העזה, מיט מיין אָרעמער אָריענטאַציע אין איר, ווי זי איז געווען פריִער, זיך מיט מיינע אומצייטיקע ערשטלינגען אַרויסצודערוועגן אין רשות־הרבים. נאָך מער, ווי האָב איך עס מיר דערלויבט צו פאַרגרייטן אַ צווייט בינטל מיט נאָך אַ באַנאַלערן נאָמען, גלים (כוואַליעס) און דער־מיט מטריח געווען יעקב כּהן. ניין, עס האָט מיך אויך נישט באַרויִקט ד״ר הענריק לילין, וואָס האָט אין דער פּוילישער ציוניסטישער כווילאַ, וווּ איך האָב דעמאָלט געדרוקט איבערזעצן פון העברעיִשע נאָוועלן, גע־בראַכט אַ גאַר סימפּאַטישע רעצענזיע וועגן צלילים, און ס׳האָט מיך נישט באַרויִקט יעקב כּהן, וואָס האָט איבערגעלייענט די גלים און מיך, מיט זיין פּערלדיקן כּתב, אויפגעמונטערט, און אָנגעוויזן אויף לידער, וואָס איך מעג זיי מפרסם זיין און אַפילו מיר געראָטן וואָס און ווי עס איז כּדאַי מתקן צו זיין. איך האָב די צלילים אַרויסגערוקט פונעם מאַרק (זאָג: פון צוויי ביכער־געוועלבן וווּ מען האָט זיי געקאָנט קריגן), די גלים האָב איך ערגעץ גע־

לאָזט פֿאַרפֿאַלן ווערן, און ערשט נאָך צען יאָר האָב איך מיך אַליין גובֿר געווען און פֿירגעלייגט געציילטע אַנדערע לידער מיינע, אין לשון עבֿרי, און כאָטש זיי זענען געדרוקט געוואָרן (דבֿר, העולם), בין איך דאַרינען געווען גאָר שפּאַרעוודיק.

ו

ווייס איך נישט צי דאָס איז געווען אַ צרה, נאָר קוים יאָ, זאָגן דאָך אונדזערע חכמים: אין צרה באה לבדה, משמע: קיין שום צרה קומט נישט אַליין, נאָר זי שלעפּט נאָך זיך נאָך אירע חבֿרטעס. און באמת איז עס אַזוי געווען — ווען איך האָב געשריבן דאָס בינטל צלילים, האָב איך געשריבן בינטלעך ייִדישע לידער, און אויך פּוילישע לידער, און כ'האָב אויך פֿאַר־פּוילישט אַן אַנטאָלאָגיע סיי פֿון דער העברעיִשער סיי פֿון דער ייִדישער ליריק. כאָטש איך האָב געוווסט, אַז סיי אין ייִדיש סיי אין פּויליש שווים איך גיכער ווי אַ פֿיש אין טײַכל, האָט דער אומחן וואָס איך האָב געוואָרפֿן אויף די צלילים מיך צוריקגעהאַלטן — עס איז געווען אַ מין טראַומאַ, וואָס איז געוואָרן אַ פֿאַראַליזירנדיקער פֿאַקטאָר. ס'האָט נישט געהאָלפֿן וואָס דער לעמבעריקער פֿאַרלעגער ישׂראל מינצער האָט זיך געאינטערעסירט מיט דער פּוילישער אַנטאָלאָגיע, און די וואַרשעווער זעצערס, קאָמעט און שוכמאַן (וואָס האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן די חסידישע מעשׂיות פֿון בער האָראָוויץ) זענען געווען גרייט אַרויסצוגעבן מיינע לידער, — מיין פּאָביע פֿאַר ביכלעך האָט געטאָן אירס, און באמת, צווישן מיין ערשטער און צווייטער ליטעראַטור־עדיציע, משמע צווישן צלילים און ממחוז הילדות זענען אַריבער זיבעצן יאָר. דערווייל זענען מיינע צוויי רענצלעך גאָר איינגעשרומפּן געוואָרן — פֿון מיין פּוילישער אַנטאָלאָגיע זענען געבליבן צוויי־דרײַ דפּים און איך האָב זיי ערשט מיט אַכצן יאָר שפּעטער געלאָזט אין לאָדזש אָפּדרוקן; פֿון מיינע פּוילישע לידער איז געבליבן אַן איינציקער דף און איך האָב אים געלאָזט, מיט מער ווי פֿופֿציק יאָר שפּעטער הי אָפּדרוקן; פֿון מיינע ייִדישע לידער האָב איך עטלעכע געלאָזט אַ סך פֿריִער אָפּדרוקן (טאָגבלאַט, פֿאָלק און לאַנד, סיי אין וואַרשע סיי אין לעמבעריק; ייִדיש־בײַלאַג פֿון העתיד, דער נײַער מאָרגן), און אַ בינטל איז ביי מיר געבליבן און דאָס לאָז איך איצט גיין ברשות־הרבים, און נישט מכּוחן באַקאַנטן אויסרייד, אַז איך בין שוין אַזוי ווייט פֿון זיי, אַז זיי קערן זיך כמעט מיט מיר נישט אָן, דען באמת איז עס אַ כיטרער צוגעטראַכטער אויסרייד, איך

געדענק און לעב נאָך איצט איבער זייער ערשטן צאַפּל, ווי ער איז געווען; אַזוי אַז דווקא די ממשדיקע ווייטקייט פון איצטיקן קריטישן זכּרון צעגייט אין אַ מין פיגגירטער נאָענטקייט פון אַמאָליקן ספּאָנטאַנעם שאַפערישן איבערלעבעניש.

נו, נעם איך מיך אַרויסגעבן אַ מין עזבון מיינעם ביים לעבן, און ווי אַ מחבר פון אַ בינטל לידער, וואָס דאָס עלצטע פון זיי איז אַלט צוויי און זעכציק יאָר, און דאָס יינגסטע פון זיי האָלט שוין אויך ביי זעקס און פופציק יאָר און וואָס ווייסט, אַז דאָס מזל פון זיינע פרי־געשריבענע און שפּעט־צוזאַמענגעזאַמלטע שאַפונגען איז געווענדט אין חסד פון זיין לייע־נער. און דער, איז ער גוט געשטימט, פסקעט ער לטובה: דאָס געזעמל האָט אַפילו אַ חסרון — עס איז אַ פּאַרשפּעטיקטס, אָבער דערפאַר האָט עס אַ מעלה — עס איז אַ קליינס. איז ער אָבער שלעכט געשטימט, פּסקעט ער לרעה: דאָס געזעמל האָט אַפילו אַ מעלה — עס איז אַ קליינס, אָבער דער־פאַר האָט עס אַ חסרון — עס איז אַ פּאַרשפּעטיקטס.

קליין? אַוודאי. אָבער דער מחבר דערלאַנגט אַ קליין געזעמל, צוליב אַ פּשוטן טעם — דאָס האָט ער און דאָס גיט ער. ס׳איז ווי אונדזערע מאַמעס וואָלטן געזאָגט: זיין גאַנץ ביסל אַרעמקייט. דען פּאָעזיע, סיי העברעיִשע סיי יידישע, איז אים געווען אַ פאַרבייַיִקע יוגנט־פריינדין, בשעת פּראָזע, צו ערשט העברעיִש און שפּעטער אויך יידיש, איז אים געוואָרן אַ שטענדיקע לעבנס־באַגלייטערין.

פּאַרשפּעטיקט? אַוודאי. אָבער דער מחבר רעדט זיך איַין, אַז די שפּעטקייט פון דערשיינען ווערט אַ ביסל געמילדערט, און אַפילו אויסגע־גליכן, דורך דער פריקייט פון דער דערשיינונג, דען עס איז דאָך פּאַרט מעגלעך, אַז אַ יוגנט־פריינדין זאָל מיך פּאַסיק רעפּרעזענטירן. פּאַסיק, דאָס הייסט כּמעט ווערטלעך: יוגנטלעך און פריינדלעך. און דעם מחבר קומט אויך פיר, אַז דאָס איז אַ שטיקל דאָקומענט פון אַ צייט, אַ דור. למשל: לויט דער טעמאַטיק, אידעאָלאָגיע, פאַקטור.

ז

דאָס עלצטע ליד וואָס האָט זיך מיר דערהאַלטן הייסט: „אויף מיין חברס קבר״, צום זכּרון פון יעקב שאָטלענדער. עס איז אַ הספּד אויף אַ יונגן מענטשן, אַן אויסנעמלעך זעלטענעם פּאַרשוין, וואָס האָט געהאַט אַן

אומגעווײנטלעכע השפּעה אויף אונדז אַלע, די ייִנגלעך וואָס האָבן זיך, פֿאַר דער ערשטער מלחמה, געשאַרט אַרום דעם געהײמען ציוניסטישן גימנאַזיאַסטן־קרײַז „פּרחי ציון״ און נאָך דער ערשטער מלחמה אַרום השומר־הצעיר, ווי זײַן קרישטאָלענער כאַראַקטער, זײַן רײנער גלויבן, זײַן פֿאַנאַטישע איבערגעגעבנקייט האָט אונדז ממש רעוואָלוציאָנירט, און נישט ווייניק דערפֿון וואָס מיר זענען געוואָרן, האָבן מיר אים צו פֿאַרדאַנקען. ווײַל ער, אויסגעוואַקסן אין אַ האַלב־אַסימילאַטאָרישער שטוב, יונג פֿאַריתומט, איז מיט זײַן מאַמען, דער אַלמנה, אַוועק קיין ווין, כּדי זיך דאָרטן, צווישן פּליטים ווי ער, צו דערוויסן וואָס מיינט ייִדישקייט, און וואָס מיינט זײַן אַ ייִד, — ער האָט זיך געבראָכן די צונג צו רעדן, זינגען און לייענען ייִדיש, העברעיִש, און זיך און אַנדערע דערציִען דערצו. ווען איך פֿלעג אים זען, בראש פֿון זײַן קבוצה „לילית״, מיט זײַן צעוואַקלטער טשופּרינע און זײַן דאַרן, עלאַסטישן, בײגעוודיקן געשטעל און גאַנג, און דער צעװיכערטער פֿעלערינע שפּאַנען און זינגען: שׂאו ציונה נס ודגל, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די ווערטער זענען אַ ממש, און אַז ער, מער ווי מיר אַלע, טויג טאַקע דערצו. אָבער אין דעם מאַרש קיין ציון האָט זיך געשטעלט אַ טראַגיש, אויב נישט דאָס טראַגישסטע, קאַפּיטל גלות. נאָכן צעפֿאַל פֿון בית־האַבסבורג, זענען די ייִדן אין אונדזערע קאַנטן, מזרח־גאַליציע, געווען ממש צווישן האַמער און קאָוואַדלע — אין רוב שטעט האָט געהאַט די שליטה די יונגע מערב־אוקראַיִנישע (פֿרעדקאָרדאָנאַיאַ) רעפּובליק, חוץ לעמבעריק, ווו עס האָט געהערשט די פּוילישע אַרמיי, וואָס אירע זעלנערס האָבן זי אײַנגענומען, און אָנגעהויבן זייער מלכות מיטן באַקאַנטן שוידערלעכן פּאָגראָם. קאַרגע צוויי יאָר האָט זיך די אוקראַיִנישע רעפּובליק געהאַלטן, און מיר האָבן, אין אַ געמיש פֿון רצון און אונס, מיטגעהאַלטן. די בעסטע ייִנגלעך אונדזערע זענען מיט דעם געשלאָגענעם חייל פֿון אוקראַיִנע מיטגעגאַנגען, און בעצם זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון פּוילישע פּאָגראָמשטשיקעס צו אוקראַיִנישע פּאָגראָמשטשיקעס און אַז זיי זענען בנסי־נסים צוריקגעקומען, זענען זיי וואָס גיכער אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. אָבער יעקב שאָטלענדער איז צווישן זיי נישט געווען. ווײַטיק און קרענק האָבן אים, אין ווינעצע, אָפּגעטײלט, און מיר האָבן געקאָנט בלויז אָפּריכטן אַ הספּד (תּרע״ט), ווי איך ברענג דאָ זײַן אָפּגעראַטעוועטן פֿראַגמענט:

וווּיַט אויף סטעפּעס האָסטו דײַן קבר געפֿונען
אין פֿרעמדער ערד, אין פֿרעמדן זאַמד,
ווו פֿאַרזאַפּט רוען כוואַליעס בלוט,
פֿאַרגאָסן בײַ חבלי־משיח...

פאַרוואָגלט אין דײַן גוף אין אַ פרעמד לאַנד,
און צעאַקערט פון טויט
האָט דיך דער שוואַרצער מלאך געבראָכן,
אַ קרבן אויף אַ פרעמדן מזבח;
און ליגסט דאָרט, פאַרהערט אין די שעפּטן,
וואָס טראָגן זיך אַפיר פון טונקעלע קברים,
שעפּטן פון מחנות קדושים.
און ברענגט דיר דער ווינט אַ קרעכץ
פון נעמיראָווער ערד
און האַלט דיר אַפיר די קינה פון ת״ח;
דערמאָנט זיך, אַז אַלץ איז געווען אומזיסט,
דאָס ראַנגלען זיך פאַר אַ פרעמד לאַנד — —

ח

מער פון אַ פראַגמענט, כמעט אין גאַנצן, האָט זיך אָפּגעראַטעוועט אַן אַנדער ליד, אָן אַ נאָמען, אַ מין סיפּור־המעשה, אָדער אַן אַגדתא:

דער רבי שטאַרבט;
אַ דרעשטש, אַ מורא
לויפט דורך אַלע,
וואָס זיי גלייבן,
און דאָס לײַב עס ווערט פאַרגליווערט
פונעם ווייטיק, פונעם צער,
און עס הערט זיך אַ יללה,
טויזנט קרעכצן, ווילדע שרײַען,
רײַסן זיך פון האַרצן,
און עס בריִען אויס די זיפצן,
פול מיט ייִאוש,
אָן אַ גרענעץ,
אָן אַ ברעג.
ס׳שטאַרבט דער צדיק,
און די זון
באַלײַכט אים
די זילבער־ווײַסע באָרד;

און ער גאַרטלט אָן, פול כוח,
זייַנע שוואַכע, מאַטע לענדן,
און ער נעמט זייַן קראַפט צוזאַמען,
און ער ווינקט צום אַלטן גבאי.
יענער גייט אין טעמנע ווינקל,
נעמט אַפיר דעם קרומען שופר
און דערלאַנגט אים באַלד דעם רבין.
דען געקומען — זאָגט דער קדוש —
איז די צייַט פון ליכט און גאולה,
און עס דאַרף שוין גאָט פון גלות
איצט באַפרייַען זייַנע קנעכט.
און דאָס פאָלק עס דאַרף שוין גיין
דורך די כוואַליעס פון דעם ירדן
און עס דאַרף די זון באַגריסן
אין דעם ברייטן, פרייַען לאַנד,
נאָר דער זון־באַשטראַלטער משה
שטייט דאָרט אויף אַ הויכן גיפּל,
זעט דאָס לאַנד מיט זייַנע פעלדער,
זייַנע פעלדזנבערג און טעלער —
ער מוז שטאַרבן.

ס׳רעדט דער רבי.
טויזנט בליקן
פינקלען בליקנדיק און גלאַנצן,
בליצן אין די שוואַרצע אויגן,
ס׳ברענט איעדער קוק:
צו דערגיין די כוונה,
אין דער סודותקייט פאַרגראָבן
פון דעם טיפן ווערטער־תהום...
„געקומען איז די צייַט פון גאולה"
אָט דער זיסער כישוף־חלום
פלאָנטערט זיך אין דער מחשבה,
נעמט אַרום אין בלאַנקע פאַרבן,
צויבערגליקן פון אַ טרוים.
ווען עס האָבן פייַערצונגען
הונגעריק געברענט, געבישטערט

אונדזער אַלטן בית־המיקדש,
און מען האָט אין אײַזנקייטן
אונדזער פרײַע האַנט פאַרקאָוועט,
און די כּלים פון דעם היכל,
ווײַט פאַרשלעפּט קיין גלות־בבל,
האָט דער גרויסער נביא־קלאָגער,
אָפּגעראַטעוועט אַ שופר,
איינעם פון די שופר־הערנער,
וואָס בײַ זייער שרײַ־געשמעטער
זענען ציטערנדיק געפאַלן
חרובדיק יריחוס ווענט.
און דער שופר גייט דורך דורות
און באַגלייט דעם ייִד־וואַנדראָווניק
אויף די וועגן, אַלע שטעגן,
זאַפּט אין זיך אַרײַן דעם ווייטיק,
אַלע זיפצן, אַלע קרעכצן,
אַלע טרער־געווייקטע תּפילות,
און די גבורה, די עינויים
אויסצושטיין מיט אײַזן־כּוח
און דאָס בלוט־געברענטע בענקען,
פון די הערצער, שמאַרץ־געיאָטערט,
דאָס פאַרלאַנגען בראַנד־געבראָטן,
נאָך אַ גאולה, נאָך געזאַנג...
אַלעס, אַלעס ליגט פאַרקאָוועט
אין דעם קרומען, אַלטן שופר.
נאָר עס ליגט דאָרט שוער־פאַרשאָלטן,
און עס האַרט אויף דעם דערלייזער,
ער זאָל קומען און באַפרײַען
פון די קללה־אײַזן־קייטן
דעם פאַרפּערלט רײַכן אוצר
פון דעם שטאַרקן־שוואַכן פאָלק...
לאַנג געוואַלגערט זיך, געוואַנדערט,
צווישן ענגע ווענט פון חושך,
צווישן געסלעך בלוט־געטובלט,
צווישן שׂריפות, שווערד־הריגות,
צווישן מחנות רוצחים־שוחטים,

איז דער שופר אָנגעקומען,
אַ ירושה פון די זיידעס,
צו דעם אַלטן רבינס הענט.
ליכטיק ווערט אין ענגן חדר
דען די זוניק־שיינע שכינה
האָט זיך פּראַכטיק אויפגעשלאָגן
איר מיט גלאַנץ געוועבטן מישכּן,
אין דעם רבינס שלאָפגעצעלט.
ס׳נעמט דער רבי צו די ליפּן,
ציטערדיק דעם קרומען שופר,
וויל פאַרשיקן, קלאַנג־געהעטשלט
אין דעם האָרן זיין אַלטע ברוסט.
פאַר זיין גסיסה וויל ער שענקען
זיין שוין האַלב־געשטאָרבן לעבן,
אַז דער לעצטער שריי פון אחד
זאָל זיך ליכטיק העל צעקלינגען,
גלייך די כוואַליעס פון דער בשׂורה,
וואָס צערייסט די גלות־קייטן
און דערציילט די קנעכט פון גלות,
אַז געקומען איז די צייט...
ס׳הערט זיך שטיל קול־דממה־דקה,
קרעכץ־געפלאָכטן, זיפץ־געפלאָנטערט,
שפּעטער אָבער, גלייך צען דונער,
רייסן שטאַרק זיך גיבור־קלאַנגען,
שמעטערן די אַלטע מויערן,
און פון אַלע טונקלע לעכער
קריכן בערדיק־אַלטע ייִדן,
שיינע, קליינע חדר־ייִנגלעך
זקנים גראָע, יונגע מאַמעס,
מיט די קינדער ביי די בריסטן
אַלעס טראָגט זיך טלית־תּפילין,
די פּרוכות פון בית־מדרש,
און די פאַרמעט־ספרי־תּורות,
אַלעס איז צום וועג געגרייט...

פינצטער ווערט אין אַלע וועלטן,
שוואַרץ־פאַרצויגן רוט דער הימל,

נאָר אַ קליינער, דראָבנער שטערן,
זייט אַ קאַרגן קראַנץ פון שטראַלן,
אויף דער ערד און אירע היילן,
לייַכטן דאַרף ער פערציק טאָג...
עס באַווייַזן זיך צוויי בריקן,
אייַזן־האַרט שטייט פעסט די אײנע,
און די צווייטע זייַד־געוואָרפן,
פון פאַפיר, אויף שטויב־געיעגן,
ס׳שטיי׳ן די עכּו״ם און די ייִדן,
אָנגעגרייט צום פרווו, צום גרויסן, —
דער נסיון הייבט זיך אָן...
פון דער ווייַטן גלאַנצט דער חרמון,
מיט זייַן שניי־געקרוינטן גיפל,
ס׳שימערט בלאָלעך־קלאָר דער ירדן,
פאַלט מיט שירים, קלאַנג־פאַרשלייערט,
אין דעם זאַלץ־געווייקטן ים...
דורך דער ווייַטער, ברייטער מידבר
גייען שורותווייַז די שבטים,
וואַשן אָפּ די קנעכט־נשמה,
אין די געלע מידבר־זאַמדן,
פון דעם טונקלעם גלות־שטויב.

פלוצעם שאַרן זיך צוזאַמען
שוואַרצע וואָלקנס אויפן הימל
ס׳ווערט פאַרשטומט דאָס קול פון לעבן,
און די זיבן הימלען רייַסן
דורך דעם שׂטנס פרייד־געלעכטער.
ס׳שטייט דאָס פאָלק אויף האַלבע וועגן,
שיקט אַרום די וואַנדערבליקן
אויף דעם שטיק פרשת־דרכים,
פאַר די אויגן אויסגעשפּרייט.
דען געפאַלן איז דער שופר
פון דעם רבינס הענט גאָר דאַרע,
נישט געסטאַרטשעט האָט אים כּוח,
דעם שווין לעצטן פונק נשימה,
און דעם לעצטן ניצוץ לעבן

מקריב זײַן די שופר־קלאַנגען,
אַז מרוצה זאָל דער קרבן
פונעם רבינס ברוסט דער דאַרער
זײַן פאַר שדיס כסא־כבוד...
און אַנטלאָפן איז די שכינה,
און דער רבי איז געשטאָרבן
און דאָס פאָלק עס שטייט אויף וועגן,
ווייסט נישט ווו צו גיין...
אויף דער ערד ליגט איצט דער שופר
בעטלט נאָך אַ ביסל רחמים:
קומט און שענקט דעם פאָלק ישׂראל,
נישט די אַלטע, דאַרע הערצער,
נאָר אַ יונגע, פרישע ברוסט...

(סטאַרע־בראָד, סיון תר״פּ)

עס געהער נישט קיין סך מי זיך פונאַנדערצוקלייבן, ווי אַרום עס האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט די אַגדתא — קודם־כל שפּאַנט מסתמא די השפּעה פון דוד פרישמאַנס פּאָעמע וועגן משיח, וואָס מען האָט געשמאַק געדעקלאַמירט; דערנאָך לאָזט זיך לייכט אָנגעמען, אַז דער ענין פון שופר, וואָס נישט אליהו הנביא, נאָר אַן אַלטער רבי, בלאָזט אים און דערבלאָזט נישט, גייט אויף, מעשׂה גילגול, פון דאָרט, און האָט זיך אפשר, אַפילו באַוווסט, אי בייגעשטעלט אי אַנטקעגנגעשטעלט דעם גאָלדענעם האָרן פון יענעם חם אין וויספּיאַנסקיס וויזיע, וועסעלע (די חתונה), בפרט אַז סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקיס בוך לעגענדאַ מלאָדעי פּאָלסקי (די לעגענדע פון יונג־פּוילן) האָט געהערט צום כמעט אָבליגאַטאָרישן לעקטור־באַגאַזש אין השומר־הצעיר; אַ קאָפּ קלאָר און מער פאַרנעפּלט האָט זיך געשאַפן אַ מין אַסאָציאַציע צווישן זייער גאולה־פּיאַסקאָ און אונדזער גאולה־פּיאַסקאָ. פאַר וואָס און ווי אַרום איך האָב מיר אויסאימאַגינירט אַ רבין, פאַר וועלכן איך האָב נישט געהאַט קיין פּירבילד; דען די רביים אין אונדזערע קאַנטן זענען געווען די מסופּקדיקסטע קאַנדידאַטן דערצו, — אָבער דער חסידות־קולט, וואָס האָט געוויייט אין ליטעראַטור און געדאַנק, האָט זײַנס געטאָן. אַוודאי האָט דאָ נישט געקאָנט האָבן אַ האַנט נישט דער אײנער גרונט־טיפּ פון אַ רבין אין צפון פון אונדזערע קאַנטן — דער בעלזער רב, וואָס איז אַ געווען אַ פּליט

אין מונקאַטש, און האָט געהאַט אויסצושטיין נגישות פון דאָרטיקן רבין און געקלערט צוריקצוקומען; און נישט דער אַנדערער גרונט־טיפּ פון אַ רבין אין דרום פון אונדזערע קאַנטן — דער טשאָרטקעווער רבי איז געווען אַ פּליט אין ווין, און חוץ אויף אַ יאָרצייט נישט געקענט צוריקקומען. אַוודאי איז געווען אַ חילוק צווישן די ביידע גרונט־טיפּן און זייערע חסידים — ביים ערשטן זענען ציונים אין אַלע זייערע סאָרטן געווען בפּירוש אַ לאָוו גמור, ביים צווייטן האָבן לפּחות די פרומערע זוכה געווען ברמז צו אַ פּיצל חן. נו, און דער פריִערער, משמע דער ערשטער טשאָרטקעווער, האָט דאָך געזאָלט זיין משיח און זיך באַוויזן אין יאָר פון דרײַ זעקסן (תּרס״ו) בווין תתקטר, האָט מען אים ערב־גאולה־יאָר אַוועקגענומען. און איך דערמאָן דאָס, ווייל גאָר מעגלעך אַז זיין געשטאַלט האָט מיר אַ פּלימער געטאָן צו באַ־שײַנען מיין אימאַגינירטן רבין.

אַזוינס און ענלעכס וואָלט איך געקאָנט דערמאָנען לגבי דעם ליטעראַ־רישן אייבערבוי פון דעם פּען־פּראָדוקט, אָבער סוף־סוף וואָלט עס נישט געווען מער ווי אַן אַנאַליז פון אַנהייבערישע נאָטן פּאָר עפּעס, וואָס האָט געוואָלט זיין מער ווי אַ סקאָרבאָווער ניגון. און אויב עס איז אין אַ גאָר־גאָר מינימאַלער מאָס געוואָרן, איז עס מכּוח דעם אידעיִשן אונטערגרונט, וואָס האָט מיר דעם אייבערבוי, דעם פּאָעמע־פּרווו, דיקטירט. און כּדי דאָס קלאָר צו מאַכן, וואָלט איך געדאַרפט, אויפן גרונט פון אַן אויטאָביאָגראַ־פישער רעקאַפּיטולאַציע, דערציילן, ווי האָט זיך דעמאָלט גענומען אויספּיקן מיין געדאַנקען־וועלט, וואָס האָט באַשטימט מיין גאַנג אין לעבן. דאָס וואָלט זיך גענייטיקט אין אַ לאַנגן טראַקטאַט, וואָס זיינע עיקר־קאַפּיטלעך זענען צעוואָרפן אין מיינע ביכער, אָבער פאַרן פאַרשטענדעניש פון דער גע־בראַכטער אַגדתא, איז גענוג אַ באַמערק, אַז זי איז אויסגעוואַקסן פון אַ היסטאָרישער און אַקטואַלער סיטואַציע, וווּ דער גורל פון אונדזער פאָלק האָט געהאָנגען אויף משקולת, און דאָס אַ סך שאַרפער און גרויזיקער, ווי עס איז געווען אין די לעצטע צוויי־דריי דורות, וואָס האָבן האָלט געהאַט צו זינגען אַ לידל און יוצא זיין מיטן זינגען. עס איז דער גאָלדפּאַדענישער קופּלעט: „קום, קום ישׂראליקל, אַהיים אין דיין אייגן לאַנד [נוסח אחר: אין דיין פאָטערלאַנד], צו גיין / קום ישׂראליק ,רעד קיין סך / ווער אַ פאָלק מיט פעלקער גלאַך [גלייך] / קום ישׂראליק טאַטע, קום אַהיים". היינט, ווען מיר ווייסן אַז מיט דער כוואַליע פון פּאָגראָמען, וואָס האָט זיך דעמאָלט אויסגעגאָסן אַרום אונדז, האָט זיך בעצם אָנגעהויבן אונדזער חורבן, וואָס האָט אַ דריטל פאָלק פאַרטיליקט, פאַרשטייען מיר אויך די דרײַ ווערטער פונעם פּרימיטיוון לידל: „רעד קיין סך", און פאַרשטייען דעם חטא פון רעדן און בלויז רעדן אַ סך, כּדי צו פאַררעדן דעם גזר און אויסדרייען זיך

אומצוקערן אַהיים, בעיקר אין דער קורצער צייט, איידער דער פּאָגראָם אין יפו איז געוואָרן אַ מין המשך פונעם פּאָגראָם אין לעמבעריק און אין פּראָס־קוראָוו, ווען די טויערן פון אונדזער לאַנד זענען געווען פריי און אָפן, אָבער דאָס פאָלק, בנערינו ובזקנינו, איז נישט געקומען.

דאַכט זיך, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך מיר בעיקר, מכוח דער השפּעה פון אַברהם קאָרקיס, שלמה שילער, אַברהם שוואַדראָן (שרון) — אויסגעקלאָרט יענער ציוניזם וואָס האָט אין ציון, ווי אַ ראַפּיד ממשות, דאָס ראַפּידסטע ממשות, געזען דעם איינציקן, אַקטואַלסטן, תיכּפדיקן וועג, און דאָס האָט מיך געטריבן צו אַ ריס מיט כּמעט אַלע ציוניסטן, וואָס האָבן געזען דעם המשך און סוף פון זייער לעבן, ווו זיי זענען געווען, און האָבנדיק אַ סך צייט, האָבן זיי עובר געווען אויפן לאַוו: רעד קיין סך.

איך דערמאָן בלויז די ציוניסטן און נישט די אַציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, — מיט זיי (וואָס זענען, אַגב, אין אונדזערע קאַנטן געווען און געוואָרן אַלץ מער אַ מיעוט) האָב איך נישט קיין וויכּוח, דען יעדער וויכּוח וואָלט דאָך געווען אַ ברכה לבטלה.

ט

אָבער צוריק צו די צוויי יוגנטלעכע, אַפילו קינדערשע, לידער מײַנע, כּדי צו באַמערקן, אַז דער המשך זייערער איז געווען אין אַ דראַמע, וואָס האָט געהייסן: חבלי משיח, און וואָס איך האָב זי נישט אָפּגעהיט. אָבער איך האָב שוין דערציילט וועגן איר אין מיין מאמר וועגן מאיר בינענשטאָק, צו וועמען איך האָב זי ווי צו אַ פּוסק־ראשון און פּוסק־אחרון געבראַכט (זע אין מיין בוך אבני זכרון תשי״ד, זז׳ 98־110). „דער צוג — שרייב איך — וואָס האָט מיך געפירט קיין לעמבעריק, איז געווען אָנגעפּראָפּט מיט פּאַסאַזשירן, ס׳רוב פון זיי שמוגלערס, און עס איז מיר געבליבן בלויז אַ שטייוווינקל. און וואַקלענדיק זיך האָב איך זיך אַריינגעקלערט אין יענער דראַמע, צי זי איז ראוי צי נישט ראוי. איך זאָל מטריח זיין אַזאַ וואָגיקן דיין. ראשית, די אידעע — דער אַטאַק אויף אַ גייסטיקן באַנעם פון יידן־פּראָבלעם און אַ גאולה, וואָס זאָל קומען מצד אַן עליטע פון פאָלק, און צוליב איר, אין נוסח פון אַחד־העם וכדומה; שנית, צי די האַנדלונג, וואָס איז געווען אַ לבוש פון דער דראַמאַטישער אַקציע — אַ יידישע קהילה וואָס עס האָט זיך אויף איר אויסגעגאָסן אַ פּורעניות פון פייער און שווערד, קהל אַנטלויפט אין דער אַלטער שול, ווייל זיי האָבן

בקבלה, אַז אויב מען וועט נאָר עפענען אַ ספר־תורה און אויסשפּרייטן אַ טלית, איז ווער עס וועט שטיין אונטער דער דאָזיקער חופה, וועט פאַר־שריבן ווערן צום לעבן; האָט זיך אַנידערגעשטעלט דער רב און גערופן אונטער דער חופּה אַלע למדנים פון שטאָט און זיי האָבן זיך צוזאַמענגע־קוועטשט און געשטאַנען, בשעת דער איבעריקער ציבור האָט אָנגענומען די גזירה, ווייסנדיק אַז דער זכות פון בני־תורה איז בילכער; אָבער נישט אַזוי חברה בעלי־מלאכות, און די טרעגערס בראש, וואָס האָבן דערצו נישט מסכּים געווען און האָבן געשריגן: מיר זענען אויך ייִדן. זיי האָבן זיך גענומען שטופּן און האָבן אויפס כּוח אָנגעכאַפּט די שפּיצן פון טלית, און עס האָט זיך צעזאָטן אַ מחלוקת. לסוף איז דער טלית צעריסן געוואָרן און די פּאַגראַמשטשיקעס זענען אַרייַן אין שול און האָבן אַלעמען אויסגע־קוילעט. שלישית, די פּאַרעם פון דער דראַמע און אירע מיטלען — די ריט־מישע שורות האָבן ווייניקער געטראָגן סימנים פון אַ היימישער, אינעווייניקסטער השפּעה, און מער פון אַ פרעמדן, דרויסנדיקן רושם. ערשט שפּעטער האָב איך מיך געכאַפּט, אַז מיין אומצייטיקער פּרווו איז אַן אומבאַוווסטע אימיטאַציע פון דראַמאַטישע געבייַען אין אונדזער ליטעראַטור, אָנגעהויבן פון די גאָלדענע קייט, ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק, פון י. ל. פּרץ און געענדיקט מיט אַ חתונקע פון משה בראָדערזאָן. אָבער ווייזט אויס, אַז די אַטמאָספער וואָס האָט אַרומגעשוועבט, און איר בלאָז האָט מיך דער־גרייכט אין פאַרשיידענע, פאַרמיטלערישע רייען, האָבן מיר געבראַכט דעם ריטעם פון יענע וויזיאָנערישע שאַפונגען, דען אויב נישט, וואָלטן מיר שפּעטער נישט געקאָנט דערקלערן דעם כּלל־גייַסט און די אויספיר־פּרטים פון מיין דראַמע. אַזוי שפּעטער, אָבער ווען איך בין געשטאַנען אין וואַגאָן־ווינקל, און געקלערט וועגן מיין כּתב־יד, האָב איך געוווּסט בפירוש, אַז די השפּעה וואָס האָט אויף מיר געהאַט די מאָדערנע פּוילישע פּאָעזיע אין גייסט פון עקספּרעסיאָניזם, האָט זיך דאָ באַהעפט צו ייִדישע פּראָבלעמען, ווי זיי האָבן אויפגערודערט די חברה יונגוואַרג אין ווּעלכער און מיט ווּעל־כער איך בין אויסגעוואַקסן.

אין מיין איצט־דערמאָנטן מאמר באַשרייב איך דאָס באַגעגעניש מיטן ד״ר מאיר בינענשטאָק, וואָס דער זיווג פון זיין טאָפּלהאַרביקער געשטאַלט און זיין גראַנדיאָזן גייסטיקן האַביטוס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומפאַר־געסלעכן רושם. זיין זאָג: „גוט, לאָז דאָ איבער דעם מאַנוסקריפּט, איך וועל לייענען און דיר שרייבן״; דאָס קאַרטל זיינס וואָס איך האָב צוויי טאָג שפּעטער באַקומען ביי מיר אין דאָרף און ווו ער האָט מיר מודיע געווען, אַז ער האָט מיט אינטערעס געלייענט מיינע געזאַנגען, געזען אַז כאָטש זיי פאַרווייזן אויף אַ פּאָעטיש געפיל, זענען זיי נאָך נישט אין גאַנצן דרוקרייַף.

איך האָב עס איבערגעלייענט און נישט געקאָנט אַנטשיידן צי מיינט ער אַזוי בפירוש, אָדער עס איז אַ מין זיס הײַטל פאַר אַ ביטערער פּיל. בעיקר האָבן מיך צעמישט די צוויי ווערטער: „אײַערע געזאַנגען", און ס'איז ביי מיר אויסגעקומען, אַז מסתּמא האָט אַן אַנדערער בחור אים גע־געבן אַ בינטל לידער, און ער האָט געענטפערט אים, וועגן מיין דראַמע און מיר, וועגן זיינע לידער, און האָב בעצם נישט געוווּסט, צי לויט זיין אָפּשאַץ, קומט מיר אַ בעסערער אַטעסטאַט פון דעם וואָס איז באַשטימט פאַרן בעל־הלידער. איך האָב געפונען אַן אויסרייד, זיך נאָך אַ מאָל מיט אים צו זען: וואָס וועל איך אים מטריח זיין מיט אָפּשיקן מיר מיין כּתב־יד, ער זאָל עס דאַרפן אַריינלייגן אין אַ גרויסן קאָנווערט, שרייבן דעם אַדרעס און אַליין גיין, אָדער שיקן זיין ייִנגל, אויף דער פּאָסט, הלמאַי וועל איך עס אַליין אָפּנעמען. אין מיין דערמאָנטן מאמר באַשרייב איך אויך דאָס צווייטע באַגעגעניש, און זיין אינטערעסאַנטן שמועס; און וועל דאָ בלויז דערמאָנען וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מיין כּתב־יד: „מיין ליבער יונגער־מאַן, איך האָב געלייענט וואָס איר האָט געשריבן — די אידעע איז אַן אידעע, די שפּראַך — אַ שפּראַך, דער ריטעם — אַ ריטעם, כאָטש שווער צו זען וואָס איר זעט דערינען, אַ דראַמע, דען וואָס קאָן איך טאָן, אַז די רשעים וואָס האָבן באַשטימט די רעגלען פון אַ דראַמע, האָבן זיך פאַר־עקשנט און אויף איר גוזר געווען אַז זי איז מחויב צו האָבן אויך פּערסאָ־נאַזש און האַנדלונג". עס איז נאָך געווען אַ המשך וועגן דער פּילשפּראַכי־קייט פון ייִדן־שרייבערס, וואָס שרייבן פאַר ייִדן, און איך האָב אויך דעם המשך געבראַכט. כ'וויל אָבער דאָ בלויז איבערחזרן דעם סוף־פּסוק זיינעם: „הערט וואָס עס זאָגט איך איינער, וואָס האָט מער נסיון פון איך — די דאָזיקע כּלומרשטע ווירטואָזקייט פון טאַנצן אויף זיבעציק התונות און זינגען אין זיבעציק לשונות, איז נישט קיין עשירות, עס איז אַ דלות, עס איז אַן אומגליק".

אַזוי ווי אויך אין דער דראַמע איז פאַר מיר געווען דער עיקר ווייני־קער אין ליטעראַרישן אייבערבוי און מער אין אידעיִשן אונטערבוי, בין איך נישט געווען אומגליקלעך פון בינענשטאָקס תשובה, און אין האַרצן גע־האָפט, אַז דער אויסגלייך, דער צוזאַמענקלאַנג, די האַרמאָניע צווישן אונ־טערבוי און אייבערבוי וועט פריִער אָדער שפּעטער קומען. אַזוי ווי איך האָב אָבער דעם מאַנוסקריפּט נישט אָפּגעהיט, האָב איך נישט געקאָנט בודק זיין, צי מעג איך און זאָל איך מיך דערצו אומקערן.

י

באמת האָב איך מיך אומגעקערט, אָבער בעיקר אין אידעיִשן אייבער־בוי — און דאָס געהער מער צו מיין טאָן ווי צו מיין שרייבן. און וואָס שייך שרייבן — האָב איך מיך דערוועגט צו טאָן, פון וואָס איך האָב מיך פריִער צוריקגעהאַלטן — זוכן אַ בלאַט וואָס ווער מיך פּובליקירן, קודם־כּל ווי אַ מתרגם אין ייִדיש, ווי עס האָט לגבי מיר ווי אַ מתרגם פון פּויליש געטאָן די כווילאַ. דער פּשוטסטער אַדרעס איז געווען דאָס בלאַט, וואָס איך האָב נאָך געלייענט ווי אַ קינד, ווייל דער טאַטע מיינער איז געווען זיין שטענדיקער אַבאָנענט — דאָס לעמבעריקער טאָגבלאַט. עס איז געווען אַ ליד לויט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, מעגלעך צום צענטן יאָרצייט אירן. די סימפּאַטיע פֿאַר איר וואָס איז געווען שטאַרק, ווי עס באַווייזן אויך די איבערזעצן — אַברהם רייזען אין ייִדיש, זשאַבאָטינסקי אין העברעיִש, איוואַן פראַנקאָ אין אוקראַיִניש, — האָט אפשר געליטן נישט אַזוי מחמת איר ליד, „ניע דאַמי זשעמי" (מיר וועלן נישט געבן די ערד) איז געוואָרן אַ הימנע, אַפילו די הימנע, נאָר מחמת אירע זינגערס — די פּוילישע, פּויזנישע זעלנער, וואָס האָבן איינגענומען די שטעט אַרום אונדז און ווילד געפּייניקט ייִדן, אָבער איר וואַרעמער זכרון האָט גובר געווען. דערצו האָט נאָך פאַרהאָלפן, וואָס איך האָב מתחילה דאָס ליד באַטראַכט ווי אַ פרעמדן משל צו אַן אייגענעם נימשל.

וואָס קען העלפן מיר און געבן
פרעמדע ערד און פרעמדע ימען,
ווען עס איז מיר מייַן גאַנץ לעבן
צוגעוואַקסן דאָרט צוזאַמען
ווו מייַן אַלטע שוועל!

וואָס קען שיינקייט פרעמדע שענקען,
ווען עס זיפצט אַ קרעכץ אין האַרצן
ווו עס גליט אַן אייביק בענקען,
צו דעם אַלטן דאַך דעם שוואַרצן
ביי דעם ווייַטן וועג!

קענסט דורך לענדער, ימען שווימען,
וועסט די היים נישט אָפּפאַרבענקען,
דאָס פאַרטראַכטן נישט באַקומען
וואָס עס פלעג די היים דיר שענקען,
דר'אַלטער בינענשטאָק!

ס׳זעען דײַנע מאַטע בליקן
שײַנקייט פון אַ פרעמדן הימל,
די נשמה־אויגן קוקן
לאַנקעס אָן און וואַלד־געטומל,
זילבער־פעלדער־טוי!

גייסט דורך מאַרמל־רײַכע גאַסן,
אַ פאַרבענקטער נאָך די טײַכן,
נאָך די וואַסער, וועלכע רײַסן,
אין אַ שטראָם אַ פאַרבן־רײַכן
דורך דעם פעלדער־וועג!

ווען דו הערסט אויף פרעמדע צווײַגן
פון דער היים אַ פויגל קלינגען,
צווישן ווענטלעך פיר, וואָס שווײַגן,
הייבסט אַ חלום אָן צו זינגען
וואָס און ווי ס׳איז דאָרט!

אַזוי איז געווען מיין ייִדיש־סטאַרט, נישט דער געשריבענער, נאָר דער געדרוקטער. אַז איך האָב אין אים געזען אָן אָפענעם פרעמדן משל צו אַ היימישן באַהאַלטענעם נימשל, באַווייזט דאָס קומענדיקע ליד, וואָס איך האָב געשיקט, שוין חוץ לגאַליציע, קיין וואַרשע אין פאָלק און לאַנד, ווו עס איז כמעט תיכּף געווען פּובליקירט (8טער אַפּריל 1922) און הייסט „כּותל מערבי״, וועלכן איך האָב מיט מײַנע אויגן נאָך נישט געהאַט געזען, נאָר זיך אויסגעמאָלן, למשל אַזוי צו זאָגן:

שפּינוועבס אויף דער אַלטער מויער,
אַלטע קרעכצן, אַלט געוויין —
און אַ הויפן גראָען טרויער
וואַלגערט זיך אויף יעדן שטיין.

אײַנגעהילט אין גרײַזע יאָרן
שלאָפט אַ טויטע שטומע וואַנט,
אַלעס איז שוין אָפּגעפאָרן,
סײַ דער לויב און סײַ די שאַנד.

קומט אַ מאָל די גסיסה שטערן
אַ צעבראָכן אַלטער ייִד,
לאָזט אַראָפּ די מויער טרערן,
אַלט און קאַלט און שווער און מיד.

דאָך דערציילן יונגע ספרים:
קומען וועלן יונגע הענט,
קומען וועלן יונגע אָרעם
אויסצובויען נאָך דרײַ ווענט.

יא

בעטן זיך דאָ פּיר באַמערקן. ערשטנס, האָב איך נישט געוווּסט ווער דער רעדאַקטער איז געווען. געשיקט האָב איך עס אויפן נאָמען יוסף לוי, וואָס איז געווען געצייכנט ווי פֿאַרענפֿערטלעך פֿאַרן וואָכנבלאַט. נאָך דרײַ יאָר, ווען איך האָב געוווינט אין וואַרשע, האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט נאָך אים, און זיך דערוווּסט, אַז ער וווינט גאָר אין לאָדזש, און זיין חתימה איז בלויז פֿאַרמעל. ערשט נאָך יאָרן האָט מיר יצחק לופּבאַן, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטער פֿון הפּועל הצעיר, ווו איך האָב מיטגעאַרבעט, געזאָגט, אַז ער איז עס געווען, וואָס האָט דאָס ליד אָפּגעדרוקט. צווייטנס, דאָס ליד גופא איז נאָך יאָרן אַריבער אין אַ גרעסערן רשות — מרדכי יפה האָט עס, צוזאַמען מיט נאָך דרײַ לידער מיינע, אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע (ארץ־ישׂראל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, 1961, זז' 270־272). דריטנס, ווען דער כותל־מערבי איז, אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, צוריק אַריבער אין אונדזער רשות, האָט עס אברהם ליס געלאָזט לייענען אין דער ייִדישער ראַדיאָ־שעה, און ווען איך בין געווען אין בוענאָס־אײַרעס, און קעהאָס קליגער האָט געוואָלט יוסט מזכּה זיין מיט מיינס אַ ליד די לייענערס פֿון דאָרטיקן קינדער־ביילאַג, האָט ער עס געלאָזט אָפּדרוקן, און אַזוי ווי דעמאָלט האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה וועגן אַ שׂרפֿה אין אל־אַקצה־מעטשעט, איידער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס האָט געטאָן אַ סכיזאָפֿרענער גוי, האָט מען פֿונעם איבערדרוקן מיין ליד געהאַט אַ שטיקל עגמת־נפש. פֿערטנס, איך קען מיך בפירוש דערמאָנען, אַז שרייבנדיק דאָס ליד, האָב איך זיין סוף־שורה נישט באַטראַכט פּשוטו־כּמשמעו — פֿאַרקאַטשען די אַרבל און זיך קודם־כּל נעמען צו די דרײַ ווענט, און מסתּמא

האָבן עס לופבאַן, אַברהם ליס, קעהאָס קליגער אויך אַזוי פאַרשטאַנען — דער ערשטער האָט, בשעתן כּותל־סיכסוך, מיט זיבן יאָר שפּעטער, גע־שריבן, אַז נישט אַלץ קענען מיר אויספירן און פאַראַן אויפטוען, וואָס מיר דאַרפן איבערלאָזן פאַר משיחן, ער זאָל נישט בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט. און דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן גלייך, אַפילו ווען איך האָב געדענקט, אַז די עצם מעגלעכקייט פון אַ שיבת־ציון־רעאַליזאַציע, אין רעם פון דער יידישער אמונה, האָט זיך געגומען פון אַ גאולה־ליטער, וואָס זיין ערשטער שטאַפּל איז געווען חידוש־הקרבנות, וואָס קאָן, אָבער מוז נישט זיין אויפן הר־הבית און וואָס דער המשך פון דער רעליגיעזער חיבת־ציון האָט זיך ווי אָפּגעווענדט פון איר (דער ספּאַראַדישער אומקער, בעיקר מצד הרב קוק איז אַן ענין פאַר זיך) און דער סעקולאַרער ציוניזם האָט זיך צו איר נישט צוגעווענדט. ווי אַזוי עס האָט זיך מיר מאַניפעסטירט דער כּותל, נישט אין מיין אימאַגינאַציע איידער איך האָב אים געזען, נאָר ממש ווי איך האָב אים, מיט דריי יאָר שפּעטער געזען, לאָזט זיך אַרויסדרינגען פון מיין סאָנעט „ירושלים", געשריבן אין זכרון־יעקב (געדרוקט אין דעם וואַרשעווער העתיד, וועלכן איך האָב פריער דערמאָנט, אין דעם יידיש־ביילאַגע, אָב תּרפ"ו):

אַ קלויסטער־איין, אַ קלויסטער־אויס,
שפּאַנסטו אַ גאַנצע שטאָט אַרום,
און גאַסן לויפן שמאָל און קרום,
און פרעגסט ביי זיך: דאָס איז עס בלויז?
אַ לעבן גלייך, וואָס פול פון פיין,
שלעפּט אויסגעהוילטע בעטלערטריט,
אַ פרענק־בוכאַר־תּימנער ייִד,
צום כּותל צו: אָט, קלאָג און וויין!
דו ביסט נאָך יונג און וויינסט מיט אים,
און אָן כּוונה, סתּם אַזוי,
כאַפּט זיך אַרויס דיר: א־ל־הים.
דו ווערסט צוויי הענט צו תּפילה גרייט
און דאַוונסט: טאַטעניו, אוי —— אוי ——
פון הונדערט קלויסטערגלעק באַגלייט.

אַוודאי האָב איך געוווסט ווי דער כּותל האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַחד־העם (ארץ כּי תחרב וכו', עם כּי יחרב וכו'), פון י. ח. ברענער, פון אַנדערע, אָבער איך האָב אים געפּרוווט זען ווי עס האָט געזען אַ

פריִערדיקער דור — מיין עלטער־זיידע, ר׳ יאָשי, וואָס האָט אין ירושלים אָפּגעלעבט זיינע לעצטע טעג און האָט יעדע נאַכט אין דעם עלנטן און שמאָלן געסל, וואָס איז געבליבן פון אונדזער גאַנצער פּראַכט, אָפּגעריכט חצות, און האָט אויפגעהויבן זיינע אַלטע מידע אויגן צום הימל: עד מתי, — בשעת איך האָב אָנגעשפּיצט די אויערן און נישט געהערט ווי און וואָס עס זינגט דער מועזין פון מלכות־ישמעאל, נאָר ווי עס קלינגען די גלעקער פון מלכות־אדום, און זיי האָבן מיך ווי צוריקגעבראַכט קיין קראָקע, ווו איך בין געווען מיט צוויי יאָר צוריק, און מחבר געווען אַ ליד, וואָס איך ברענג עס ערשט איצט לרשות־הרבים:

רוט נאָך אַ נעפּליק־פאַרשטומטער פרימאָרגן
איבער די צאַקיקע טורעמס פון שלעסער,
ס׳איז זיי אַ פּנים אי גרינגער אי בעסער,
ליגן אין שאָטן פון דורות פאַרבאָרגן.

גילדענע צלמים אויף קאַרקעס פון דעכער,
גראָע מאַנאַכן אין שוואַרצע כאַלאַטן,
שאָטנס פוןברייטע און ווילדע מאַגנאַטן,
גלעקער צעקלונגענע העכער, אַלץ העכער.

גלוסט זיך סתם אָפּשטעלן, גלאָט פון דער ווייַטנס,
קוקן אויף קלויסטער־צעדאַוונטע טויבן —
פּלוצעם שפּראָצט אויס אויף געמאָלענע שויבן
שטיל דעם רמ״א ז״לס אַן אויג פון פאַר צייַטנס.

יאָ, דעם סאָנעט וועגן ירושלים האָב איך געשריבן אין זכרון־יעקב, ווו איך בין כמעט טאָג־טעגלעך געקומען פון בנימינה — דאָ און דאָרט זענען געווען טיילן פון קיבוץ עליה א׳ (גאַליציע) וואָס האָט זיך תחילת דאָ באַזעצט, כדי שפּעטער צו וואַנדרעווען קיין הרצליה, פּתח־תקוה, בני־ברק, האָט זיך אָבער דאָ מיט זיין באַזונדערן כישוף פון נאַטור און פּייסאַזש אונדז איינגעקריצט ווי דאָס טיפסטע איבערלעבעניש פון דעם אומקער אַהיים. זע דערוועגן מיין מאמר: „שלושה ביקורים ומה שביניהם״ — דברים במסיבה, קיבוץ עין־שמר, טייטש: דריי באַזוכן און וואָס איז געווען דער־צווישן — ווערטער ביי אַ מסיבה אין קיבוץ עין־שמר, כ׳ טבת תשכ״ג (אַריין אין מיין בוך בלשון מדבר בעדו, תשל״ב, זז׳ 74־90). איז עס נישט קיין חידוש, אַז איך האָב דאָרט, אין שומרון, געשריבן דריי יִדיש־לידער,

און זיי זענען די לעצטע וואָס איך האָב בכלל געשריבן, און ברענגענדיק זיי דאָ, דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז זיי גיבן אפשר איבער די שטי־מונג, אָבער זענען בלויז אַ בלאַסער אָפּהילך פון דעם אויפּברויז. דאָס ערשטע איז געדרוקט אין שכנות מיטן ירושלימער סאָנעט און הייסט „מינחה״:

ס׳טראָגט פון ים זיך בייזער שוים,
אהלי־קדר רו׳ן האַלב־שטום,
און מינחה־פלאַם שפּאַצירט אַרום,
אויף אַלטע בערג און אָטעמט קוים.

אַ פּוסטע וועלט פון סאַמע שטיין:
קיין וועג, קיין שטעג, נאָר בלינדער שליאַך,
דו זוכסט אומזיסט אַ בוים, אַ דאַך,
און בלייבסט פאַרשפּאַרט מיט זיך אַליין.

אַוועק איז ווידער גאָטס אַ טאָג,
פאַרוואַלגערט זיך אין טויבער ווײַט,
און הערסט נאָך אַלץ שאַקאַלן־קלאָג.

דו שטרעקסט די הענט און קוקסט צום ים:
ער ברענגט דאָך מאָרגן יונגע־לײַט
מיט נײַעם שטורעם, נײַעם פלאַם.

ווען נישט די לעצטע צוויי שורות וואָלט געפעלט דער היסטאָריש־אַקטואַלער עלעמענט וואָס גרייט זיך צו זיין דער המשך פון זיינס־גלייכן וואָס דער ים האָט ערשט נעכטן אַהער געבראַכט, און מען דאַרף נישט מער ווי פאַרבייטן דאָס וואָרט: יונגע־לײַט אויפן וואָרט: חלוצים, כדי צו פאַר־שטיין ווי טיף עס גרייכט די סתירה צווישן דער היינטיקער, לאַ־כל־שכן מאָרגנדיקער דינאַמיק פון דעם יידיש־מענטשלעכן שטורעם און פלאַם, און דער היינטיקער, לאַ־כל־שכן נעכטיקער דורותדיקער סטאַטיק און דער נאַטור און פייסאַזש אַרום. געניג דערמאָנען דעם גרונטאויפטו אין וועלכן מיר האָבן זיך דעמאָלט איינגעשפּאַנט, — דאָס אויסטריקענען די כברה־זומפּן, וואָס האָט געמאַכט די ברייטע באַגנע־שטחים פאַר אַ פּרוכפּערדיקער יבשה, כדי צו כאַפּן אין וואָס עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט. די סתירה דער־צו קוקט אַפיר פון אַ ליד וואָס רופט זיך „דער ניגון״ (געדרוקט אין

וואַרשעווער פּאָלק און לאַנד, י״ג חשון תרפ״ז) און ווו דער פּיסאַזש איז ווי אַן איינגעפּרוירענער נעכטן, וואָס וואָלט זיך געגרייט צו זיין אַ פּאַסיוועד היינט און אַ פּאַסיווער מאָרגן, מיר זאָלן נישט געדענקען די צוויי סוף־שורות פון פריִערדיקן ליד:

קײַקלט פון בערג זיך אַ ניגון אַ שטילער,
ווערט אויף צעשמייכלטע טאָלן אַנטשוויגן,
נעמט זיך די פוסטקייט צום דרימל פאַרוויגן,
מיט אַ פאַרפּלאָנטערט האַלב־שטומען געטרילער.

יונגע אַראַבישע פּאַסטעכער גיסן
ליריש געיאָמער אין כּוס פון פאַרנאַכטן,
לאָזט זיך אַ שעמעוודיק־בלאָלעך פאַרטראַכטן
שטיל בײַ דער נאַכטיקער מלכּה צופוסן.

ס׳האָבן צו אַללאַ חזניש־פאַרצויגן
דאַוונענדיק מינחה אין הויכע מעטשעטן
פרום מועזינען פאַרריסן די אויגן:

מיזרח און מערב און צפון און דרום
האָבן אַ נאַכטיקע מלכּה פאַרבעטן
וואַרטנדיק אָפּ זי מיט אָפענע אָרעם.

יב

אַוודאי האָט נאָר דער פאַרנאַכט געלאָזט אויפכאַפּן אַזאַ ניגון — נישט דער טאָג, וואָס האָט געהערט דעם פּיאַש, דעם ריסקאַל, דעם טראַקטאָר, און אַפילו נישט די נאַכט ווו די שמירה האָט זיך געביטן האָט דאָ געקענט אַקאָמפּאַנירן. די זעלטנקייט פון אַזאַ איבערגעבן זיך דעם פאַרבײַפליִענדיקן פאַרנאַכט שטרײַכט אונטער שוין דער נאָמען פון אַ ליד, וואָס איז דער פינאַל פון מײַנע שומרון־לידער, פון מײַנע הי יִדיש־געשריבענע לידער בכלל. דער נאָמען איז: „אַ מאָל״ און איך קען נישט אַנטשיידן צי און ווו איך האָב עס געפּובליקירט, אָבער מרדכי יפה האָט עס געבראַכט:

אַ מאָל אין די זיבנפאַך העלע פֿאַרנאַכטן
פֿאַלט טראָפּנווײַז רחמים פֿון אַלע פֿיר ווינטן
און קול דממה דקה אַצישן די צווײַגן,
נעמט טריפֿן גלײַך שוואַלבן מיט קוואַלן־געמערמל.

און פֿראָסט וויל זיך זײַן צישן נאַקעטע פֿעלדזן,
און גלעקער־באַהאָנגענע שאָף פֿאַר זיך טרײַבן,
און סתם אין דער וועלט אַרײַן שלײַדערן ניגונים,
אַז בערג זאָלן ענטפֿערן לאַכנדיק: מילא.

און אויגן צעשפּרייטן זיך איבער מרחקים,
דערוואַרטנדיק שטיל אליהו הנביא,
דעם אַלטן און האַרציקן ייִד פֿון פֿאַר צײַטנס,
ווי ס'האָבן אים אונדזערע זיידעס געמאָלן.

די קשיא, פֿון וואַנעט האָט זיך דאָ גענומען אליהו הנביא איז לייכט צו פֿאַרענטפֿערן — מיר זענען אין שומרון, און דאַרפֿן בלויז אויפֿהייבן דעם קאָפּ צו זען די אויף־און־אָפּשטײַג־קייט פֿון די כּרמל־בערג, כּדי מיר זאָלן זיך דערמאָנען אַז דאָ איז אַרומגעגאַנגען אליהו הנביא, דאָ האָט ער געהערט דעם קול דממה דקה, ווי די אויטענטישסטע ראַיה פֿאַר כּביכולס התגלות, און מסתּמא האָב איך מיטן זכר זיינעם דאָ און איצט זיך געפֿרעגט, וואָס איז מיר עפּעס, אין מיין צוגעטראַכטער אַגדתא איינגעפֿאַלן אים לאָזן ראַטעווען אַ שופֿר פֿון די שופֿרס אין היכל און אים לאָזן פֿאַרירשענען אַ שטאַרבנדיקן רבין, בשעת ער האָט זיין שטענדיקן שופֿר, וואָס איז געקומען פֿון דעם אַיִל, דעם ווידער, וואָס זיינע הערנער האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט און ער איז געוועזן דער קרבן שטאָט יצחקן; פּונקט ווי פֿון זיין פֿעל איז געמאַכט אליהוס האַריקער מאַנטל.

יג

און דאָ קערן מיר צוריק צום אָנהייב — צום צווייטן ליד וואָס יצחק לופּבאַן האָט אָפּגעדרוקט (אין וואַרשעווער פֿאָלק און לאַנד, 30 יוני 1922) און האָט געהייסן „מײַן זון" און ממילא בין איך דאַרט אויסגעשטאַנען סיי אַן עלטער־פֿאַרשיב, סיי אַ דורות־פֿאַרמיש, אַ ביאָגראַפֿישן פֿאַרפּלאָנטער, וואָס איך נעם זיך נישט אונטער צו דערקלערן:

פאַרהוסט האָט מײַן טאַטע אין דחקות די יאָרן,
געהאַנדלט מיט בראָנפן און קליט,
אַ ברויטל געקײַט פונעם גױיִשן קאָרן,
געקײַט עס אין לייד און אין פרייד.

מײַן אײנציקער זון איז אין גאַנצן אַנטלאָפן,
פון גױיִשן לײַוונט גענײט,
און איך האָב אַ קוישל מיט קינדיש פאַרטראַכטן
פון אונדזערס אַ לולב געדרייט.

מײַן אײנציקער זון איז אין גאַנצן אַנטלאָפן,
געכאַפּט אַ שטיק פעלד מיט אַ ציג,
און האָט אויף זײַן וועג זיך צוזאַמענגעטראָפן
מיט עפּעס אַ האַמער, אַ פלוג.

איך האָב אַ פאַרדולטער פון גרעזער און בוימער,
מײַן אײגענעם זון נישט דערקענט:
זײַן זיידע אין טלית, זײַן טאַטע אַ טרוימער,
און ער מיט פאַרפּויערטע הענט...

אויך דאָס ליד איז אַריין אין מרדכי יפהס אַנטאָלאָגיע, און ער האָט מיך אין אַ גראַם אַנטגאַליציזירט, אַ פּנים כּדי מיך צו באַפרייען פון אַ דרום־ייִדישן גראַם, וואָס כאָטש ער איז געווען שכיח אין מויל פון רוב ייִדן, האַלט מען אים ווי אַ דיאַלעקט, און מיך מזכה געווען מיט אַ צפון־ייִדישן גראַם, וואָס ער איז געווען שכיח אין מויל פון אַ מיעוט ייִדן, און מען האַלט אים ווי די נאָרמע. בין איך איצט באַשטאַנען אויף מײַנעם, כאָטש איך בין נישט צו אַלערגיש אין דעם פּונקט — האָבן מיר דאָך דאָס אויך אין דער לעבעדיקער העברעיִשער הברה — אַשכּנזיש, וואָס רוב ייִדן האָבן באַנוצט איז פּסול; ספרדיש, ווייטער, וואָס אַ מיעוט ייִדן האָבן באַנוצט, איז כּשר. נו, אַזוי איז עס, און יאַקאָש לעבן מיר.

יד

אין פלוג איז דאָס ליד אַ מין שבח צו דעם וואָס רופט זיך לאַבאָרי־זאַציע, אַגראַריזאַציע, אָבער ביאָגראַפיש שטויסט עס האַרט אָן צייט און אָרט, ווען און ווו מיר האָבן געשאַפן הכשרה־גרופן, וועלכע זענען עולה

געווען, און איינע פון זיי, ווו איך מיט מיינע חברים זענען געווען, און האָט געהייסן: ברית אל ב׳, האָט געאַרבעט אין אַ דאָרף אין די קאַרפּאַטן, און פון דאָרט בין איך אַריבער אין מרכּז־החלוץ פאַר קליינפּוילן, וואָס איך בין געווען מער ווי צוויי יאָר זיין אָנפירער, און די גרופּן וואָס האָבן תּחילת געציילט הונדערטער, זענען געוואָרן אַ באַוועגונג פון טויזנטער, ווי מען קאָן נאָכלייענען אין בוך פון לוי־אריה שׂריד (לייבל גאָלדבערג): החלוץ ותנועת הנוער בפולין (תּשל״ט). וואָס איך האָב געטראַכט און געפילט, איז אַן ענין פון אַ סטאַטעטשנעם פּראָזאַיִשן פּראָטאָקאָל, אָבער עס איז אויך געווען אַ מין צעשויבערטער קוואַזיפּאָעטישער דין־וחשבון, וואָס עטלעכע פּרקים זיינע האָבן זיך דערהאַלטן מיט אַן אייבערקעפּל: אַ ריטמיש געלעכטער, און אָט זענען פראַגמענטן פון דער מגילה וואָס איז האַלב־אויטאָ־פּאַנעגיריש און האַלב־אויטאָאיראָניש:

— שאַ שטיל! דער קליינפּוילישער חלוצישער קייזער זינגט דער חברותא אַ ריטמיש געלעכטער פון דעם וואָס געחלומט אַ קיילעכדיק יאָר אונדז, ווען טויזנט נײַן הונדערט און צוויי טוץ מיט יאָרן זענען פאַרגאַנגען, זייט מ׳האָט אַ פּאַסטעך פון באַרגיקן גליל, מיט זיין פּנים, און שיטער־בלאָנד בערדל, געצלמט — —

— — מיר האָבן געלאָזט זיך, פיר ייִנגלעך קונדסים, אין שטעטלעך פאַרוואָרפן אין תּפוצות־גאַליציע, אין נאָמען פון כּנסת־ישׂראל צו בעטלען ח״י צ״ל אויף מאָדערנע מעמדות, און ייִדן מיט פּאות און בערד צו דערציילן, אַז פון די צעשפּליטערטע שטיינער אין גליל וועט מאַכן אַ וועג זיך דער בעטלער וואָס רײַט אויף אַן אייזל, און פון די געטאָקטע מליצות וועט שמעלצן צוזאַמען אַ שנור זיך פון פרישן מקיים זיין ערלה און פּאה און שמיטה און יובל, אין רעגן־פאַרוואַשענע בײַדלעך, וואָס מאַכן אַ פלאַמיק און קיילעכדיק רינגל: קאָמונע.

מיר קומען אין שטעטלעך צו ייִדן, וואָס שרומפּן זיך איין אין אייגע־נעם שיפלות, און רייסן זיי אויס מיט פּסוקים און מדרש, פון קלייטן און קרעטשמעס און שענקלעך און הילצערנע בודקעס, ביי רויט־ווייסע שראַנקען פון ווייטע ראָגאַטקעס; מיר טוען זיי אויס די פאַר־שמאָלצענע שובקעס און וואַרפן אַראָפּ אַרבע־כּנפות פון זייער צעיאַ־טערטער פרומקייט און לאָזן זיי גיין, האַנט ביי האַנט, מיט דער חברה אויף כּבישים, און לאָזן זיי שפרינגען קדושה פאַר ייִנגלעך, וואָס האָבן געגאָסן דעם שטראָז פון טבריה ביז טבחה — —

מיר שטייען פאַר זיי און דערציילן, אַז מאָרגן, מאָרגן וועט רוים זיך צעשיטן נאָך זיבן מגיפות און אויף זיינע פגרים וועט שפּאַנען אַ ייִד מיט אַ בלאַנדלעכער באָרד און וועט זאַמלען דאָס אַש פון די צלמים, עס ברענגען צו קבר־ישׂראל, ביים כּותל־מערבי, און ווערן אַליין אַ געשוווירענער חבר אין טאַנצנדיק־בראַנדיקן ראָד פון קאָמונעס, וואָס יאָגט אין זיין ברויזנדיק־הייסער געשפּאַנטקייט פון הענט אויסגעשטרעקטע צום הימל: אבינו מלכנו גלה כּבודך.

—— געזאָגט האָט אַ בת־קול פון אַלטן בית־עלמין: געשטאָרבן איז לאַנג שוין די אַלטע כּנסת־ישׂראל מיט אירע צעבראָכענע ביינער, וואָס פלעגן זיך ווינטער־צו שאַרן צו וואַרעמע אויוונס אין ווינקלען פון פינצטער־פאַריתומטע קלויזן, געשטאָרבן איז לאַנג שוין דער ייִד מיט דער פלאַקסענער באָרד, וואָס, פאַרקויפנדיק באַבקעלעך הייסע אין מאַרק, האָט געוווסט, אַז אַ רויטע מטבע פון זיינע פאַרשמאַלצענע הענט מוז טאָג־טעגלעך פאַרשלינגען אַ זשאַווריקע פושקע פון מתן־בסתר, און שפּעטער זאָל ער, קעגן חצות, זיך פאַרבייגיין אַ קלויז און זאָל הערן דעם קלאַנג פון זיין רויטער מטבע, וואָס עפּעס אַ מתמיד מיט ליכטיקע אויגן האָט שטיל זי געמאַכט צו אַ האַרציקן ניגון, וואָס שווימט איבער גאַסן און געסלעך, דערציילנדיק קראַנקע און נאַכטיקע שאָטנס, דעם גרויסן געזאַנג פון אַן אַלטער הלכה ——

געשטאָרבן פאַר הונגער איז אונדזער גרויסהאַרציקער מגיד, וואָס האָט, אין אַ בראַנדיקער ליבשאַפט, געטוליעט די ליפּן צום אַלטן פּרוכת; געשטאָרבן איז אונדזער גרויסהאַרציקער מגיד און ליגט אויפן לעצטן בית־עלמין און אָן אַ מצבה. פאַרפאַלן איז ערגעץ דאָס קענדל ביים ברונעם, און ייִדן, וואָס קערן זיך אום פון לוויות, בלייבן מיט אָפענע מיילער און גייען אַהיים מיט צוויי טמאַ־פאַרציטערטע הענט און זיי שטעלן זיך אָפּ מיט האַלב־נאַרישע אויגן און פרעגן דעם טאַטן אין הימל: צי האָט מען באמת דעם לעצטן באַגראָבן? געשטאָרבן איז לאַנג שוין די אַלטע כּנסת־ישׂראל און קיינער פאַרשטייט נישט צו שטיין אין געראַנגל פון זיבעציק אומות און שרייען, ווי הונדערט צעבלוטיקטע לייבן: יתגדל ויתקדש. און קיינער פאַרשטייט נישט צו מאַכן אַ שטיק שׂימחת־תּורה אין האַרצן, און אונדז, דער וויַיס־חברה, אַ שריי טאָן: אַ וואָרע, אַ וואָרע, דער יונגער כּנסת־ישׂראל, וואָס האָט זיך דערהויבן, אַ לייב פון זיין

לויער, און טראָגט איבער וועלטן דאָס ייִדישע מלכות, און ווייזט שבעים אומות, מיט ייִדישער חוצפה, אַ קרוין, וואָס פאַרבלענדט אין איר גינגאָלדן פשטות אַ וועלט פון מלכים, אַ וועלט פון ערלים, אַ וועלט פון פאַרנאַרישטן הפקר, וואָס זעט נישט, אַז גאָט וויל דער־הייבן פון שטויב זיין געקליבענע, איינציקע אומה און וויל לאָזן לייכטן זיין שכינה אין דריטן בית־מיקדש — —

— — ביי נאַכט האָט געחלומט נישט איינער, אַז הענט פון גרויס־האַרציקע ייִדן פאַרוואַרפן זיך ברייט איבער גאַסן מיט קויטיקע בודקעס, ווו טענדלערס פאַרקויפן דאָס מזל פון כנסת־ישראל, און פאַקן אין פאַרמעט פון תורות נאָרוועגישע הערינג פאַר עלנטע סעודות. פליִען די הענט פון גרויסאַרציקע ייִדן און הייבן אין חלל מיט בלאָכענע שטערן צען גילדענע גלעקער. און גאַנצע מנינים פון ייִדן דערשראָקענע לויפן אַרויס פון געוועלבן און שרייען גוואַלד אויף די פייער־ניגונים, וואָס גרעסערע ייִדן צעשיטן, מיט הייסן פזרנות, און לאַכן, ווי גאָט פונעם חומש כביכול, בשעת זיין צאָרניקע האַנט האָט געהויבן דעם סיני אויף קעפ ששים־רבוא, און שטיל, מיט איראָניע געזאָגט זיי: חברותא, טויט אָדער ברויט — —

און איין מאָל האָט עמעץ זיך ווייטער צוזאַמענגעשטויסן מיט שווערע קאָלאָסן פון ליימענע גולמס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פראָג, צו פאַר־שפאַרן דעם וועג פון אַ ייִדישן ייִנגל, וואָס האָט אָנגעשפיגן אין טאַטנס צעטשאָכרעטער באָרד און געלאָזט זיך קיין מינכען און האַקט דאָרט אין שטיין אַ פאַרהאָרבעטן ייִד און אַן אַלטע מכשפה, וואָס וואַרפט אים ציגיינערשע קאָרטן און זאָגט אים: נעם לייג דיך, מיט הענט און מיט פיס, אונטער הויפנס צעבראָכענע פלעשלעך אויף בוידעמס, און שרייב אַ צוואָה, ווייל דו ביסט דער קברן און דו ביסט דאָס קבר — —

און נאָך איז פאַראַן: אויף בערג שפרינגען פיס פון אַ פאַסטעך, אַ ייִדישן שייגעץ, און פייפן אַרויס אויף דער וועלט, אַז נאָך מאָרגן וועט וואַרטן אַ נביא ביים שוועל פון די קלויזן, אויף גרינע בחורים און וועט זיי אַ טרייסל דערלאַנגען ביים קאָלנער און זאָגן: אַ פאָלק, וואָס זיין דוד המלך געלעבט האָט פון אָדם הראשונס געשאָנקענע יאָרן, דאַרף האָבן צום לעבן פיל זכות און פיל רחמים אין הימל. דעריבער קערט אום זיך, קערט אום זיך אין קלויזן און דאַווענטס און

דאַוונטס און דאַוונטס, ביז שטאַרבן ביי איך וועט אין מויל אייער לשון — —

— — אין יענע פאַרשוואַרצטע און פינצטערע נעכט, ווען פון דער חלוצישער קיך פלעג פאַרטראָגן אַריין זיך, אַצישן דער דומפּער צוזאַמענגעפּרעסטער חברותא, צעלייגט אויף די טישן, אַ מיידלשער קול פון היסטעריע — האָט עמעץ דערמאָנט אַ געלייענטן ראָמאַן איבער מיידלעך פאַרבענקטע ביים ברעג פון אַ זילבער־פאַרגאָסענעם ים, און אַ צווייטער האָט שטיל זיך פאַרביסן די ליפּן, און אונטער זיין מאַנטל, וואָס האָט אים פאַרדעקט די פאַרפרוירענע ביינער, האָט שטום אים געציטערט פאַר טויטשרעק דאָס האַרץ און ער האָט זיך געחזרט דריַיפאַכיק שטיל: לישועתך קויתי. און עפּעס אַ דריטער האָט אפשר פאַרשטאַנען, אַז אויב מ'האָט פאַרצוימט די מיידלש־צעפּאַטלטע האָר אין די קיכן, זיי זאָלן דאָרט גרייטן פאַר שוואַרצע שבתים די וואַסערדיקע יושקעס, וואָס עס פלעג דער חברותא צו שענקען דער ברייטער סימפּאַטישער יידישער עולם — טאָ מוזן די שׂרהס און רבקהס און רחלס און אסתּרס אין נעכט פון לבנה־צע־שריגענער וויַיסקייט, דערציילן, אַז פון דער צעשוימטער פאַרקלערט־קייט איז שטאָלץ אויסגעוואַקסן אַ דאַמבּ, וואָס שיקט, אין די שוואַרצע פאַרבלאָנקעטע נעכט, אַ צעפלאַקערטן לאָמפּ: עד שקמתי אם בישׂראל — — און דעמאָלט פאַרשטייט ער, דער דריטער, אַז נאָך נישט געשטאָרבן איז רות, וועלכע לייגט זיך, מיט ריינע געדאַנקען, אין שיַיער ביי נאַכט לעבן בועז, און ווייסט נישט, אַז שפּעטער וועט קומען אַ בוים מיט אַן אייביקן וואָרצל, צו וועלכן, נאָך טויזנטער יאָרן, וועט שפּרינגען, ביים שיַין פון באַגיַיטע לבנהס, אַן אייביקע אומה מיט קלאָרן געזאַנג: חי וקיים.

און ס'קלערט זיך דער דריטער: נישט אַנדערש נאָר טונקל־צעפלאַמ־טע מאַמישע אויגן, פאַרשטאַרט ביי דער קיך, נעמען בלאַנקען אין ערבי־שבתות אַרום די צעבראָכענע בעטלעך אין קאַלטן בית־חלוץ, באַווייַנען די נאַקעטע טישן און מאַכן ביי נאַכט, אַרום צוועלף אַ זייגער, אַ גרויסן הדלקת־הנרות פון וואַקסענע ליכט, אויסגעקנויטן פון האַרציקן, בלוטיק־היסטערישן שריַי: סוב דמה לך דודי לצבי — און אַ הירש מיט צעשניטענע ריפּן צאַפּלט ביים ברעג פון אַ גרינ־לעכן וואַלד און אַ בלאָלעך טייכל — —

— — אַ מאָל דאַכט זיך פאַרט: אַט לעבן דאָך ברייטע געזונטע און

בערדיקע ייִדן אין פּוילישן קראָקע, ווו ס׳לויפן אַרום נאָך פאַר־פלאָמטע בחורים מיט תּנועות פון אַלטע ותיקין און לויבן דעם זעלבן רבונו־של־עולם, וואָס האָט זיי פאַר זעקס הונדערט יאָרן געבראַכט אויפן קוזשמער — —

ס׳לעבט נאָך און רעדט נאָך אַזוי זאַפטיק צו דיר די מצבה פון אַלטן רמ״א ז״ל, און ס׳נעמט זיך דער שטערן דיר קנייטשן און נעפּליק נעמט צאַפּלען פאַר דיינע צוויי גלעזערנע אויגן אַ ציק־צאַק־פאַר־דרייטע הלכה און טורעמט זיך, גלייך תּפילות פון ריצאַרשע ווייבער אין טונקל פון גאָטישע קלויסטערס — — —

ס׳קנייטשט זיך דער שטערן, און גאָלדענע זון פאַרזיסט די מצבה פון גרויסן רמ״א ז״ל, און ער שטייט פאַר דיר אַזאַ גאָר יונג־פאַר־שטאָרבענער גאון און שמייכלט און זאָגט דיר אַ פּסוק, אַ צווייטן, פאַרוויַזט אויף אַ רמז, און פּלוצעם פאַרשטייסטו דעם סוד פון די קרומע פאַרפלאָנטערטע טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף דיך, מיט וואַקליקע טריט, אויף אַ טורעם — — —

דו שטייסט אויף אַ טורעם און הערסט ווי די גלעקער פון קראָקע־ווער קלויסטערס דערציילן דעם לויב פון מלכים, וואָס שלאָפן אַ בראָנדזענעם, זיכערן שלאָף אין די קעלערס פון וואַוועל, און זעסט, ווי ס׳הייבט זיך אַ פלאַמיקער רויך פון אַ קראָקעווער רב, וואָס דריַי גראָבע גלחים מיט גאָלדענע צלמים און שמאַלציקע הענט האָבן רויִק (אין נאָמען פון אונדזערס אַ ייִדישן בחור, וואָס האָט זיך צעשטרעקט מיט אַ נאַקעטן, בלוטיקן גוף איבער קראָקעווער גאַסן) געהייסן פאַר־ברענען אין סאַמע מיט מאַרק, אַז גאָט, יענער טאַטע אין הימל, זאָל האָבן אַ ריח־ניחוח און קענען במנוחה פאַרנעמען פרימאָרגן־געבעטן: אוי טאַטע, אָב הרחמים — —

און בלאָס ווערן אַלע פאַרפלאָמטע און פרומע בחורים, און שטום די מצבה פון גרויסן רמ״א ז״ל, דען קמיטאַ, אַ פּוילישער גוי, ביים אַריינגאַנג צום קאַלטן, אַלטפרענקישן קלויסטער מיט גאָלדענע בלעכן און שטיינערנע כּרובים לאַכט גלייך דיר אין פּנים, ווי איינער וואָס זאָגט דיר: פאַרשפּאַר דיך, צעבראָכענער ייִד, אויף דיין קוזשמער, פאַרנעם דיך מיט נשך און ריבית און שיק דיינע זין אויף דער גראָדזקע אין טעג, ווען פּראָצעסיעס מיט פאָנען פון צעכן צעשיטן זיך ברייט אויפן מאַרק, אַז אַיעדער פאַרשיכּורטער קראָקעווער שוס־טער זאָל קענען אויסצופן די שוואַרצע, געקרייזלטע פּאות פון ייִדישע

קינדער און ברענגען אַהיים זיי, אַ מאָדנע מתּנה, דעם ווייב און די שקצים — —

אַוועק זשע, אַוועק זשע פון קראָקע, אַוועק צו סניטינער גנבים, צו דזשאָרקע דעם שווערצער, באַוואַקסן ווי געלע קדושים אויף וואַנטיקע בילדער ביי אַלטע מוזשיקעס אין פּאָניעשע דערפער. אַוועק זשע, אַוועק זשע, כאַטש די רומענישע זעלנערס קוקן מיט זיבן שאַרף־בראַנדיקע אויגן אויף מחנות חלוצים, וואָס לאָכן פון גרענעץ און לויפן פון ביקסן און שפּאַנען קיין גאַלאַץ און שפּרינגען אַריין אין די שיפן און קומען צום ברעג פונעם לאַנד, און שרייען: לא אמות כי אחיה...

כאָטש ס׳טרעפט זיך נישט איין מאָל, אַז דזשאָרקע דער שווערצער פאַרלאָזט די חלוצים אין סאַמע געדיכטעניש פון פּעכיקן וואַלד, און זיי נעמען על־כּורחם דאָ קריכן, גלייך מאַלפּעס, וואָס האָבן צעבראָכן די הענט מיט די פיס אויף סומאַטראַ. זיי קריכן אין דומפּער פינצטערקייט ביז זיי דערגרייכן אַ יִשוב און קלאַפּן אין פענצטער פון דאָרפישע יידן, וואָס זייערע זיידעס געדענקען ישׂראלן, ווען ער האָט געוואַנדערט פון קאָסעוו קיין קיטעוו, פאַרטונקען די הענט אינעם קוואַל פון הכּנות, פון דאָרט צו שעפּן מדרגות פון שם־טוב — —

זיי קלאַפּן אין פענצטער און זאָגן: רבותים, אַ צווייטער בעל־שם־טוב וועט קומען... און אין מיטן דער בשׂורה נעמט קלאָגן דער קלאָרער טשערעמאָש אויף יענעם פאַראָרעמטן חלוץ פון כעלם, וואָס איז דאָרטן, פון גויִישע הענט און יידיש מלשינות דערטראָנקען געוואָרן — —

נישט צייט איז צו קלאָגן, נישט צייט איז צו וויינען, דען מאָרגן מוז די חברותא שוין זיין אין טשערנאָוטי, און אין צווי וואָכן אַרום, דאַרפן זיי פלאַנצן טאַבאַק נישט ווייט פון אילת־השחר — —

טו

איך האָב די דאָזיקע צעוויכערטע און מסתּמא אויך צעיאָכמערטע פאַנטאַסמאַגאָריע קיין מאָל נישט געשיקט צו אַ רעדאַקטער אָדער כּמו־רעדאַקטער, ער זאָל זי בודק זיין, צי ער קאָן באַשליסן זי צו ברענגען אין זיין

זשורנאַל אָדער בלעטל; איך האָב זי קיין מאָל נישט פֿירגעלייגט אַ פֿריינד אָדער באַקאַנטן, ער זאָל זי לייענען. די פֿראַגמענטן וואָס איך האָב דאָ געבראַכט, האָב איך ערשט איצט אויסדאָביוועט פֿונעם אַרכיוואַלן שטויב און קאָן נישט לאָזן אומבאַמערקט, אַז אַפֿילו אָן אויבנאויפֿיקע בדיקה פֿאַראַט דעם צייטגייסט, זיין נוסח און זיינע מיטלען — עס איז גענוג אַ פֿלאַכער רעטוש פֿון דער עקספּרעסיע, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין און אַרום דער „כאַליאַסטרע״, נאָכן פֿונאַנדערגאַנג פֿון איר פּאָפּולאַרסטן דריַילינג, — ווען ראַוויטש איז געבליבן ביים ברייטן וועלטפֿאַלק, מאַרקיש איז אָט־אָט געהאַט אַוועק צום גרויסן רעוואָלוציע־לאַנד, און דער אונדז נאָענטסטער, א. צ. גרינבערג, איז צווישן היינט און מאָרגן מיט אונדז מיטגעגאַנגען אין שמאָלן און קליינעם ערדפּאַס צו וועלכן מיר האָבן זיך געריסן, אויסצובויען אים צו דעם וואָס ער איז באַשטימט צו זיין — אונדזער עלטסטע און ייִנגסטע היים. עס לאָזט זיך זאָגן אַז דער פֿונאַנדערגאַנג איז דער פּאַן — אָדער ווי דער טערמין וואָס גייט פֿון פֿראַנצייזיש דורך רוסיש, האָט ביי אונדז, דורך דייטש געקלונגען: דער הינטערגרונט. דער הינטערגרונט פֿון די געבראַכטע פֿראַגמענטן איז דער ווידעראַנאַנד פֿון דער חברותא, וואָס האָט זיך געשפּאַרט וועגן גאַנג פֿון פֿאָלק און יחיד, און יענע אָנסופֿיקע דיסקוסיעס, רויִקער צווישן זיך אין אונדזערע היימישע לאָקאַלן, שטורמיִשער צווישן אָפּאָנענטן אין קאַפֿע רעפּובליק, בעיקר אין סאַסאָוועורס רעסטויראַציע, וואָס איז כמעט תמיד געווען אָפֿן און מען האָט דאָרט געגומען אויף באָרג, ביז עס האָט זיך געיאַוועט דער לעצטער, וואָס האָט געקענט באַצאָלן פֿאַר אַלע. איך וואָלט געקאָנט רעקאָנסטרויִרן וועֹר און וואָס האָבן דאָ אויסגעברייִעט, און עס איז אַריינגעשלייערט אין די פֿראַגמענטן, און אַזוי ווי עס זענען אויך שרייבערס דערונטער, און ערב־שרייבערס, און לרוב שוין פֿאַרגעסענע, פֿאָדערן זיך באַזונדערע זכרון־בלעטער, און אפֿשר וועל איך נאָך דעם חוב נאָכקומען.

טז

דערווייל קאָן איך מיך געזעגענען מיט דעם פֿליק פֿאַרגעלטע פּאַפּירן און, מחמת זייער שייכות צו דעם דערמאָנטן דריַילינג, בעטן אַ זייטיק ווינקעלע פֿאַר זיי, ווו עס ליגן איצט זייערע אַרכיוון, אין ירושלים. די פֿראַגמענטן וואָס איך האָב געבראַכט זענען טאַקע אַ מין עפּילאָג פֿון מיין ייִנגליש בינטל, אָבער בעיקר פֿונעם ציבורדיקן כּלל־אַספּעקט, וואָס כאָטש ער איז אַפֿילו דאָרט און דעמאָלט געווען דער עיקר, טאָר ער, דאַכט זיך,

נישט אויסשליסן דעם יחידישן געפּיל־אַספּעקט — סיי איראָניש סיי נאַיִוו — ווו עס באַגעגנט זיך דאָס אידילישע, ווי איך האָב עס געאָטעמט דער הויפּט צווישן מיין טאַטנס דאָרף און מיין מאַמעס שטאָט; דאָס אורבאַניסטישע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, אָדער זיך איינגערעדט איבערצולעבן אין דער גרויסשטאָט און איך זאָג: איינגערעדט, ווייל אַ סך האָט דאָ בייגעטראָגן די לעקטור, בעיקר פון דער מאָדערניסטישער פּאָעזיע. ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרמישט די השפעה פונעם דאָרף און פון שטאָט, איז אילוסטרירט אין עטלעכע לידער (בלויז דאָס ערשטע איז געווען געדרוקט אין לעמבעריקער פּאָלק און לאַנד, 1924). דאָס ליד האָט אַ קעפּל: דריי שטערנדלעך, און קלינגט:

כ׳בין אַ קינד אין זעקסטן יאָר
וואָס טראָגט נאָך לאָקיק־לאַנגע האָר,
און האָט אַקעגן גאָטס שטיק וועלט
אַ שמייכל־פּרצוף אויסגעשטעלט.

מיין אויג איז נאָך אַ שפּיגלפלאַך,
וואָס קוקט אַרויף צום גינגאָלד־דאַך,
פון טאַטנס פּאַלאַץ פון קרישטאָל,
און חוזקט אָפּ פון גרינעם טאָל.

מיין אויער איז נאָך אַ פרישער קוואַל
און ערשטער מאָרגנדיקער שאַל,
מיט טיר־און־טויער אויפגעפּראַלט
אַקעגן אַ ל״ג־בעומר־וואַלד.

מיין האַרץ איז נאָך אַ בעכער גרויס
אין שמשס האַנט, בעת די קלויז,
הערט זיך אין קידוש איין טויט־שטיל,
און ווייסט פאַר גליק נישט וואָס זי וויל.

דאָס אַנדערע ליד, ווייטער, הייסט ווי זיינע אַנהייבווערטער:

אין מיזרח־קאַנט אַ רויטע גליִענדיקע רויז.
פרימאָרגן־שטילקייט און דער מאַרק אַ סאַרקאָפאַג,
און פיס וואָס לויפן איילנדיק אין גאָטס אַ הויז —
אַיעדער גרינגער בחור מיט אַ תפילין־זאַק.

דען תּפילות זענען אַלטע טורמען באַרג־אַרויף,
און הענט וואָס רײַסן בלינד זיך אין דער הויך,
און שטיינער־ברעכנדיקער באָכן־לויף,
און כמאַרע־פּאַטשנדיקער שוואַרצער קוימענרויך.

דען תּפילות זענען גאָטישע היכלות־טרעפּ,
מיט זאַמד זיך רייצנדיקער מידבר־ווינט,
און וואָסערפאַל־פּאַרבלאָנקעניש אין דאַרן סטעפּ,
אַ שעפּט אין קראַנקע אויערלאַפּן: זײַ געזונט.

אויך דאָס ווײַטערע ליד הייסט ווי זײַנע אָנהייבווערטער:

אויפגעריסן הימלאויגן. ס׳גראָט.
כאַפּט מאַראַנצן־גאָלד, פּאַרדעקט דעם סאָד,
עפּנט מאָרגן־ריח פלעשער ווײַן —
קומסט מיט שטילע טריט אין סאָד אַרײַן.
קומסט בשתיקה, אויגן זונען צוויי,
אָרעם — אַלאַבאַסטער, טבת־שניי.
פלאַטערט פרישער ווינט אויף האַלדז און העמד,
און אַנטלויפט באַלד, צניעותדיק פאַרשעמט.
שמייכלט זון אויף דײַנע לאַנגע צעפּ,
גיסטו ליבלעך אונטער בלומענטעפּ.
ווערן מײַנע ליפּן וויכער פלוש,
רײַסט פון זיי זיך אָפּ פרימאָרגן־קוש.
זאָג איך: ערשטלינג מײַנער, שווים און פליס.
לאָזט ער בהכנעה זיך צו דײַנע פיס.

אויב אין די מער דאָרפישע לידער וואַרפן זיך דורך בית־מדרש־מאָמענטן — דער צענטער פון דער קליינער קהילה אונדזערער איז געווען דאָס בית־מדרש דבראָד־ישן — איז עס קל־וחומר אין די מער שטעטישע לידער, ווו עס זענען געווען מער ווי אַכציק מקדשי־מעט — און אַזוי האָבן מיר עס אין אַ הומאָריסטישן מאָטיוו:

געהאַט האָט זײַן אייגנס דער פעטער, ר׳ סענדער,
אַ שטיבל, אַ גריבל, אַ לאָך פון אַ מײַזל,
דערפאַר האָט פאַרמאָגט ער אַ דעמבענעם שטענדער,
נישט ווײַט פונעם עמוד אין סטרעליסקער קלײַזל.

אַ שטענדער אַ גלית, וואָס שטייט מיט כּוונה,
אַ פּעסטער, אַ בייזער, און וויל זיך באַרימען:
ס׳האָט מײַן בעל־הבית מיך, אַ שטיקל מתּנה,
פון אַלטן זכרונו־לברכה באַקומען.

און שטעלט זיך ר׳ סענדער אַוועק פאַר זײַן שטענדער,
מע הערט שוין דעם חזן צו גלײַך מיטן קאַטער,
די ווײַבער צעשושקען זיך דאָרט בײַם געלענדער:
ר׳ סענדערס אַ דאַווענען, האַרציקער פאָטער!

שוין איין מאָל אַ דאַווענען, איין מאָל אַ תּפילה,
אַ פלאַקערדיק פײַער, אַ בראַנד אין די ביינער,
אַקעגן זײַן סטרעליסקער ברען איז אַפילו
דער פלאַם פון גיהנום אַ הונט אַ געמיינער.

אַ שטענדער אַ גיבור, מיט אויגן פאַרברעמטע,
פאַרשטאָפּט מיט סידורים, פאַרפּאַקט מיט מחזורים,
די איבריקע שטענדערלעך שטײ׳ן דאָ פאַרשעמטע,
פאַרבלייכט און פאַרציטערט און וואַרפן זיך כּורעים.

מעגסט פאָרן דורך ימען און יאָגן דורך לענדער
און זוכן און שנאַפּן און גריבלען און שמעקן,
אַזאַ מין סאָרט שטענדער, ווי ס׳האָט אים ר׳ סענדער,
פאַרמאָגט דאָך די וועלט נישט אין אַלע פיר עקן.

ווי ווייט דאָס כּללדיק הומאָריסטישע ווערט אָבער פאַררוקט פונעם יחידיש־טראַגישן, לאָזט זיך אָפּלערנען פון אַ ליד וואָס הייסט: „מאָרגן״, און עס קומט פיר אין הייליקסטן טאָג:

ברענען ליכט פון וואַקס אין שעהען פון יום־כּיפּור,
שאָקלען זיך עטרות אויף די בלאַסע קיטלען,
דאַווענען דאָ אַלע אַלץ די זעלבע תּפילות,
הער איך אויס זיי, נישט פאַרגעסנדיק מײַן תּפילה.

טראָגן האַסטיק רויטע פאָנען פלאַטערדיקע,
הענט פאַרהאָרעוועטע פון טויזנטער פראָלעטן,
אויסגעטון פון תּענוג און צו תּענוג שטרעבנדיקע,
צווישן רויטע פאָנען שטיי איך און פאַרגעס מײַן ליד נישט.

מאָרגן ליג איך מיט די פיס אַן אויסגעשטרעקטער,
וועט מען ווידער פּראַוועַן האַרציקן יום־כּיפּור,
הערן וועל איך זייער דאַווענען פון קבר,
דען געדאַוונט וועט עס זײַן אויף מײַנס אַ נוסח.

מאָרגן ליג איך מיט די פיס אַן אויסגעשטרעקטער,
וועלן ווידער שפּאַנען טויזנטער פּראַלעטן,
וועלן אַלע איבערחזרן דאָס ליד מײַנס,
אויף רשות־הרבים ערלעך אויסגעביטן.

איך מוז מודה זיין, אַז איבערלייענענדיק די שורות, רײַב איך מיר די אויגן, נישט אַזוי מחמת דער אויפגעבלאָזנקייט פונעם איך, אַז סיי די תּפילות פון יום־כּיפּור, סיי די הימנען פון דעמאָנסטראַציעס, וועלן פאַר־בייגן זייער מסורה און זייער חידוש, און אָננעמען מיין נוסח, און נישט אַזוי מחמת דער גאווה מיינער, אַז מיין סיי דעמלט סיי שפּעטער, אַנאַר־כיסטישער גלויבן, וועט פאַר מיין פּטירה זיך אַזוי אויסצייטיקן, אַז ער וועט ווערן אַ כּלל־אמונה, ווי אין דער פעסטקייט, אָדער עקשנות, אַז איך וועל בלייבן אַן איינצל־שפּאַנער, וואָס האָט יונגערהייט געזען ווי אַ סימן־מובהק פאַר זיך דעם נאָמען פון מאַקס שטירנערס בוך: דער איינציקער און זיין אייגנטום, און אויף דער עלטער דעם נאָמען פון משה־אַהרן וויזנס בוך: דער איינציקער און זיין געוויסן.

יאָ, אין דעם ליד איז שוין אַריין דאָס אורבאַנישע — אין אַלט־בראָד און בראָד האָבן נישט געשפּאַנט קיין טויזנטער פּראַלעטן. אָבער אין לעמ־בעריק, נישט קיין גוואַלדיקער כּרך, איז אויסגעוואַקסן אַ ליד וואָס הייסט טאַקע: „גרויסשטאָט", און עס איז מסתּמא אַ געמיש פון דעם וואָס איך האָב האַלב געזען און האַלב געלייענט:

געלע, ברוינע טראַמוויי־וואַגנס
שלעפּן זיך אויף גרויסשטאָט־פּלאַסטער,
לויפן קעפּ און פיס און מענטל
דורך דעם טויטן אַלאַבאַסטער.

הויכע רויכיק־שוואַרצע קוימענס
פײַפן אויף מיט קעסל־ציטער
און פאַרהלישען הונגער־הימנען:
ברויט מיט פּוטער, ברויט אָן פּוטער.

בלאַנקען אום אויף גאַס־גערודער
מאַטע, שלעפעריקע בילמען,
טראָגט אַ קאָפּ אַ גרויסן טאָוול:
קינאָ! הונדערט מײַלן־פילמען!

האַקן־בראָקן, האַקן־בראָקן,
שינעס, רעדער, דראָטן, סלופּעס,
קאָכן, זידן, אומצופרידן,
טויזנט־רעדערדיקע טרופּעס.

שלעפּן צענטער־שווערע טאַטשקעס
מענטשן, בלינדע מאַריאָנעטן,
בענקען פון די שוויס־וואַרשטאַטן
צו די טישן, צו די בעטן.

יאָגט און הוסט אַ קראַנקע גרויסשטאָט,
כריפּעט הייזעריק און טרוקן;
וועט אַ מאָל אים דאַרפס־געזונטקייט
שטעלן באַנקעס אויפן רוקן?

מיר דאַכט זיך, אַז נאָך מער אָנגעלײַענס פון דער לעקטור, בעיקר דער דעמאָלטיקער פּוילישער פּאָעזיע, איז אַריין אין ליד וואָס הייסט „שטרײַק“, וואָס בעיני ראיתי (געשריבן 23 אָקטאָבער 1923):

מיט פרימאָרגן־גאָלד האָבן שינעס לאַנגע, גלאַנצנדיקע,
ציִענדיק זיך איבער שטאָט פון עק ביז עק,
פליאהדיק געקוקט, געוואַרט אויף טראַמוויי־רעדער.
גייט אַוועק אַ שעה און צוויי און דרײַ און — שאַ.
נאָר זון שפּאַצירט אויף שטאָל פון לאַנגע שינעס
און שינעס, סתּם נאַראָנים פּוסטע, וואַרטן.

בײַ טויערן ברוינע, שוואַרצע, אײַזן־אײַנגעשמידטע,
שטייען חברה האַלב־וואָכעדיק, האַלב־יום־טובדיק:
זעט איר — טענהן זיי אין אויסגעגלאַנצטע שיך —
אויב מיר ווילן,
קען אויך מאָנטיק זונטיק ווערן.

אויף פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך הכנעהדיק
אָנגעטאָן די בלאָע אָנגעשטויבטע אַרבעטס־הויזן:
ווייס איך, גלוסט זיך יונגע־לײַט קאַטאָוועס טרײַבן
מיט וואָס שטאַרקער איז פֿון זיי...

ברייטע, שוואַרצע שלייפֿן בײַ די דאַרע העלדזער,
ברילן גראָבע, לאַכנדיקע קעגן גאָטס אַ וועלט,
טראָגן יונגע־לײַט, אין אויסגענוצטע מענטל,
שטויסן אָן זיך עלנבויגנס,
אָט אַזוי גוט־ברודעריש:
זעסטו, דאַכט זיך גאָר אַ קלייניקייט,
פּראַלן בריות חוזקדיק:
ווער מיר, וואָס מיר גראָבער מאַסנשווייס?
און דאָ שווײַגט און פּוילט אַ גאַנצע וועלט,
ווײַל פֿאַרעקשנט זענען שווערע הענט...

זעצט אַ נאַכט זיך איבער גרויסשטאָט,
טונקל, טאַפּ די גראָבע ווענט.
אַ פֿאַרזעעניש, אַן אומגעלומפּערטס,
וויל דורך גאַסן טראָגן פֿײַער,
צינדן גאָר אין טויבע לאָמפּן,
קומט אַ יום־טובדיקע בריה,
כאַפּט אים אָן בײַם קאַרק,
און גאָרנישט:
ליגט זיך אויף דער ברייט פֿון טויטער גאַס
לאָמפּן־צינדערס שטרײַקן־ברעכער־פּגר.

יז

אין פֿלוג לאָזט זיך זאָגן: פֿאַר אונדזער־איינעם, וואָס איז שוין, מער ווי מיט איין פֿוס געווען אויפֿן וועג צום ברעג יפֿו אָדער חיפֿה, איז דעמאָלט דער אַרום, וואָס איז דורות־לאַנג געווען אַ פֿרעמד — געוואָרן די פֿרעמד, און ער האָט זיך דאָך געדאַרפֿט פֿרעגן: מה לי הכא, אם הכל התם: וואָס האָב איך דאָ, אויב אַלץ איז דאָרט. אָבער עס איז געווען אַ

פלאָנטער דערביי — דען אַזוי לאַנג, און אַפילו נאָך דעם ווי דער אַנדע־רער פּוס האָט נאָך נישט אין גאַנצן נאָכגעשפּאַנט דעם ערשטן, האָבן זיך אַלץ נישט אָפּגעריסן די פאַרבינד־פעדעם מיט די לעצטע דורות, וואָס האָבן געגלייבט, אַז דער גלות קאָן ווערן אויס גלות — פאַר־אייערנעכטן האָט זיך געלאָזט נאַיִוו אויסרופן: די עמאַנציפּאַציע איז ערב; אייערנעכטן האָט זיך געלאָזט פּאַטעטיש אויסבריַיען: דער ליבעראַליזם איז ערב; נעכטן האָט זיך געלאָזט סטאַטעטשנע דערקלערן: די דעמאָקראַטיע איז ערב; היינט לאָזט זיך פּאַראַדאָקסאַל דעקלאַמירן: די רעוואָלוציע איז ערב, די פּאַרטייען, אַלע פּאַרטייען, (און די וואָס האָבן גערופן קיין ציון, זענען געווען נישט בלויז בתוכם נאָר כּמעט בראשם) האָבן צוגעפּאַסט באַזונדערע פּראָגראַמעס, און כּופרים, וואָס האָבן דערינען געזען אילוזאָרישע איינרע־דעניש, זענען, ווי תּמיד, געווען הייפעלעך, און די דעמאָלטיקע שפּאַנונג צווישן זייער נאָך־דאָ און שוין־דאָרט, האָט זיי געלאָזט צאַפּלען אין אָ ווילדער ציטער־וויזיע, ווו דער פּחד פאַרן חורבן, וואָס האָט זיך גענומען פון זייער באַנעם פון גלות, ווי אַ גאַנג צווישן קאַטאַסטראָפע און קאַטאַס־טראָפע (מיט צווישנסטאַציעס, ווו מען האָט געלאָזט אויפבויען די וואַנדערנ־דיקע צענטערן), האָט זיך זיי אויסגעקרימט, אַז עס האָט געקאָנט אויפ־קומען אַזאַ שרייבפּראָדוקט, וואָס האָט זיך מסתּמא געהאַלטן ווי אַן אימי־טאַציע פון ברכי נפשי, און איז, בעצם, זיין קאַריקאַטור, און האָט זיך גערופן: „תּפילה צום שטורעם":

גאָט, דו פון באַרג־קלאָרע קוואַלן פאַרבלענדטער,
פון גלעזערנע וואַסערן באַשיַינטער,
צעטאַנצטער אין ריקוד פון ווינטן,
אין גראָען פאַרפלייצטן גאָס־רעגן,
נשמה פון דולע אָרקאַנען,
און פון משוגענע בערעס,
וואָס גלאַנצסט אין די וואַסערפאַל־אָרעמס,
און וואַלגערסט די כוואַליעס פון ים,
און וועבסט רעגן־בויגן־געשפּינסטן —

גאָט, דו צעוויינטער אין תּהילים־געמערמל,
דו האַרצקלאַנג פון יאַמבן, טראָכייען,
דו שיכּור פון וויַין־קאַנצאָנעטן,
אין דניעפּרישע דומקעס פאַרקלערטער,
טאַטע פון לידער און לעבן,

אַ רגע, אַ רגע אַ קוק טו
אויף אונדזער פאַרדאַרטן שלום־בית,
און שיק אונדז, די דרייַפאַך פאַרדאַרטע,
דייַנס אַ בן־יחיד, דעם דונער,
אַז אונדזערע מיד־מאַטע אויגן
פאַרברענט זאָלן ווערן פון לעבן,
געשוואָלן פון פרייד־אַפּעטיט.
מיר זאָלן אויסשפּייַען דעם שׂונא,
וואָס גריזשעט דייַן לעבעדיק מלכות
און האָט זיך אַ ווייכן געלעגער
פון געגנעץ און פוילקייט,
אין אונדזערע הערצער געמאַכט.

גאָט, רייַס אונדז אויס פון די קישקעס,
דעם צלם פון געלע פּאַפּירן,
און פון אַפּאָפּלעקטישע ביכער
און גיב אונדז, צעשויבערטער טאַטע,
דעם טוי אויף פרימאָרגן־נאַרציסן,
די רויז פונעם זוניקן טאָל...

און כאָטש כ׳האָב פאַרגעסן דייַן וועג
און בין אַ צעפּוילטער געגאַנגען
אויף שפּינוועבס־פאַרפּלאָנטערטע שטעגן —
טאָ נעם מיך נאָך אויף פאַר דייַן קנעכט.

כ׳ווייס אַז דייַן ליבשאַפט
זי גליט נישט, זי בליט נישט
פון בלייכן שפּיטאָלן־געוועקס ;
זי גליט אין דייַן איב׳ריקער שטאַרקייט

זי בליט אין דייַן איב׳ריקן כוח,
בשעת דו קלויבסט פולע פאָלעס
מיט ווינטן און שטורמען,
אונדזער שטוב צו פאַרגיסן,
מיט מבול פון חורבן...

און וועט פונעם מבול אַפּירגיין
אַ שטיקעלע תּבה
טאָ זענען דאָס דײַנע
די לעצטע פּאָר קנעכט.

אַוודאי ברענג איך איצט דאָס ליד אין רשות־הרבים אונטערן מכלו־מרשטן אויסרייד פון מה שהיה היה, און בין, דאַכט זיך, מחויב צו דער־קלערן, פאַר וואָס האָב איך באַנוצט דאָס וואָרט מכּלומרשט: זעכציק יאָר אין לעבן פון אַ יחיד זענען אַ היפּשער שפּאַן צייט, וואָס וואַרפט אַ סנאָפּ אויפקלער אויף זיי — חטאות־נעורים, צו וועלכע איך וואָלט געקאָנט אַריינ־רעכענען די דאָ געבראַכטע תּוכחה, אָבער דער אמת איז, אַז שוין דעמאָלט, מיט זעכציק יאָר צוריק, בין איך נישט ווייט געווען, דעם עצם צוגאַנג, טאָן פון דעם ליד צו באַטראַכטן ווי אַ מדרש־פּליאה. צווישן מיין ייִנגליש בינטל געפינען זיך עטלעכע היפּער־איכישע לידער פון יענעם סאָרט, וואָס איז אַ מין רעצידיווער אונטערגאַנג אין דער ליריק — עס איז אַן אויס־געבורט פון אַ מין אַני־ואַפסי־עוד, וואָס שפּייזט זיך פון אַן אויפגעפּוישטן נאַרקיסיזם, וואָס באַשטאַרקט זיך דערמיט, וואָס שטאָט צו זען אין אים דעם מקור פון זיין אויפגעפּוישטקייט, שרייבט מען אים צו אַ כּביכול אָביעק־טיווע סיבה, זיין אויסערגעוויינטלעכע באַזונדערקייט, הויכווערטיקע איינ־צלקייט, יחידישע אויסגעווײלטקייט. ביים ראַנד פון יענע לידער שטייט פאַרשריבן ווען איך האָב זיי געשריבן — און בעיקר ווו איך האָב זיי גע־שריבן, ווי אַ שטייגער: טערניפּאָל, קיפּיטשיניץ, טשאָרטקיוו וכדומה. אָבער די צעפּאָרנקייט פון די שורות און די אותיות דערמאָנט מיך, אַז געשריבן האָב איך זיי אין באַנוואַגאָן, בשעת דער נסיעה אין די שטעט און שטעט־לעך, אָדער פון זיי. און עס איז אַ גרויסע נפקא־מינה — דאָרט, אין די שטעט און שטעטלעך, האָב איך נישט עוסק געווען אין אַ תּורה־שבכּתב, ווי עס זענען לידער, נאָר אין אַ תּורה־שבעל־פּה, ווי עס זענען רעדעס און שמועסן אין לאָקאַלן און דרשות אין קלויזן פאַר אַן עלטערן עולם. דאָרט האָב איך בעיקר אָרגאַניזירט און באַלערנט ייִנגערע און דער צד־השווה, אַז איך האָב די און די אַקטיוויזירט אַרום איין־און־איינציקן צענ־טער, ציון, ווי דעם איינציקן אַקטואַלן און אַקוטן וועג פאַרן כּלל און פאַרן פּרט, און אין דעם אַלעמען איז נישט געווען קיין שפּור פון די דאָזיקע און ענלעכע לידער מיינע, נאָר דער היפּוך מהופך. דאַכט זיך אַז דאָס לייכטסטע וואָלט היינט געווען, זיך אָפּצושאָקלען מיטן באַצייכן: סכיזאָ־פרעניע. אָבער באמת איז עס געווען סיי פּשוטער סיי קאָמפּליצירטער. באמת האָט דאָס געהאַט צו טאָן מיט אַן אַנדערן מין רעצידיוון אונטער־

גאַנג אין דער ליריק, און נישט בלויז אין איר — אַ רעגרעסיע צו אַן עלטערן באַנעם, אַ פּרייערע שטימונג, אַ געוווינטערן אויסדרוק, ווי מיר האָבן עס אין כּלערליי שטחים, בעיקר אין שאַפערישן תּחום, סיי פון העכערן, סיי פון מיטעלערן, מה־דאָך פון מינדערן שטאַפּל.

יח

דאָ איז געווען אַ רעגרעסיע מיט אַ האַלב טוץ יאָר צוריק — ווען ס'האָט נאָך געפלאַטערט די התפּעלות פאַר ניטשעס זאַראַטוסטראַ, פאַר איבסענס בראַנד (אַלץ אָדער גאָרנישט) וכדומה, און די געפרווירנקייט פון אַן עליטאַרער גאווה איז צעגאַנגען אין דער וואַרעמקייט פון אַן עמך־עניוות. אָבער די איבערבלייבענישן האָבן נאָך שפּעטער געטליעט און געפירט צו דעם נאַנסענס פון אַנדערש שרייבן אין צוג, צווישן שטאָט און שטעטל, און אַנדערש רעדן אין זיי, און אין די הכשרה־פּונקטן אַרום זיי. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך דערין אַריינגעקלערט, אין אַ ברייטערן האָרי־זאָנט און אויף אַ טיפערער באַזע, האָט מיר די דערקענטעניש פון דעם רעגרעסיע־פענאָמען געגעבן אַ וועלט צו זען. אָבער שוין אין יענע יונגע יאָרן, ווען מיין קוקפעלד איז געווען שמאָלער און פלאַכער, האָב איך שוין ווי אָנגעטאַפּט דעם באַשייד פון דער צווייסטראַזיקייט, און אויך גענומען ברענגען משלים פון דער ליטעראַטור, וואָס איך האָב זי איבער־ און דורכ־געלייענט — אַז מי לנו גדול ווי ביאַליק, וואָס זיין „דאָס לעצטע וואָרט" האָט נאָך אין מיר געפלימערט און איז נאָך געווען דער האָר פון מיין פּען, שוין נאָך דעם ווי „יהי חלקי עמכם" איז מיר געוואָרן נאָענטער און איז שוין געווען דער האָר פון מיין האַרצן. נאָך מער טשערניכאָווסקי, ביי וועמען איך האָב מיר נישט געקענט קיין עצה טאָן מיט דער סתירה צווישן זיינע תּוכחות און זיינע אידיליעס, און געפרעגט אַ קשיא, וואָס איך האָב זי, מיט יאָרן שפּעטער, אויסגעבויט און אויף איר באַזירט מיין אָפּשאַץ וועגן אים — אין די תּוכחות זיינע רעדט ער וועגן פאָלק ווי אַ פּעקל פּגימות, מומים, און אין די אידיליעס זיינע רעדט זיך וועגן קאָנקרעטע יידן און יעדער איינער איז אַ הדר. איז ממה־נפשך, אָדער די דאָזיקע יידן זענען אויסגעטראַכט, און דערצו זענען זיי צו קאָנקרעט און באַגלויביקט אַנידערגעשטעלט, אָדער איז דאָס דאָזיקע פאָלק אויסגעטראַכט, און דערצו איז עס אַבסטראַקט און גענעראַליזירט אַנידערגעשטעלט; און ווער איז דאָ דער אמת, און ווו איז דאָ דער אמת, צי אין די יידן, ווי עס האָט זיי

רעקאָנסטרויִרט זיין זכרון און זיין איבערלעבעניש, צי אין פאָלק, וואָס עקסיסטירט כּביכול אויסער די דאָזיקע קאָנקרעטע ייִדן, ווי עס האָט עס קאָנסטרויִרט זיין פּראָגראַם, זיין אידעאָלאָגיע?

יט

דער ענין פונעם ייִנגלישן בינטל איז אַ קאַפּיטל אין מיין ראָמאַן מיט מאַמע־לשון — וואָס איז געווען פאַר אים, וואָס איז געווען נאָך אים, געהער צו די ווייטערע קאַפּיטלען פון בוך. וואָס איך האָב לעת־עתּה נאָך צו באַמערקן איז, אַז ביזן אויפקום פון די גאָלדענע קייט, האָב איך אַ סך געדרוקט פון ייִדיש, וועגן ייִדיש, אָבער גאָר ווייניק אין ייִדיש. נישט איך האָב מיך אין דער מאַטעריע געווענדט צו אַנדערע, נישט אַנדערע האָבן זיך געווענדט צו מיר. דערפאַר וויל איך טאַקע דערציילן וועגן אַ יוצא־מן־הכּלל, וואָס האָט אַ שייכות מיט מיין ייִנגלישן בינטל — ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, 1939, האָב איך געקריגן אַ פאַרבעט פון דיכטער דוד קעניגסבערג אין לעמבעריק, אַז היות ווי ער גייט רעדאַקטירן אַ יובל־נומער פון קראָקעווער די פּאָסט, פאַרבעט ער מיך, דאַרט מיט מיינס אַ ליד, אָדער לידער, אָנטייל צו נעמען. אַזוי ווי ער איז מיר געווען נאָענט צום האַרצן — ער האָט ביי אונדז אין שטאָט געלערנט אין דער דייטשישער גימנאַזיע, און דאָ אָנגעהויבן שרייבן זיינע לידער, לרוב סאָנעטן, געווען אַ ליבהאָבער פון דער פּוילישער און אוקראַיִנישער פּאָעזיע, (לפי השמועה האָט ער אין ביידע לשונות, ווי אויך דייטשיש, געשריבן לידער) האָב איך פאַר אים געהאַט, פון קינדוויַיז אויף, אַ וואַרעמע ליבשאַפט. שפּעטער מיט אים געהאַט לאַנגע שמועסן אין לעמבעריק (האָב אויך אַ מאָל באַשריבן אַזאַ שמועס, ווען ער האָט אויסנווייניק געלייענט גאַנצע זייטן פון ווערפלס אײַינאַנדער, כּדי מיר קלאָר צו מאַכן אין וואָס עס באַשטייט דער עקספּרעסיאָניזם און פאַר וואָס ער האָט פון אים נישט געהאַלטן, כאָטש טיף פאַרשטאַנען); ווען ער האָט זיך אומגעקערט זיין אַ פּויער אין דאָרף און ער האָט געוואָלט עולה זיין, האָב איך מיך אומזיסט באַמיט אים דאָס צו דערמעגלעכן און האָב נישט מצליח געווען, ווי איך האָב מיך באַמיט און נישט מצליח געווען לגבי א. ל. שוסהיים. אַוודאי האָט מיר געשמייכלט וואָס קעניגסבערג האָט מיך געדענקט, אַז איך האָב געשריבן און איך האָב אים געשיקט צוויי פון מיין ייִנגליש בינטל, געשריבן 1923, און אַזוי ווי יענער יובל־נומער איז נישט אַרויס, האָט ער זיי אָפּגעדרוקט אין לעמבעריקער נײַער מאָרגן (23 יוני

1939). אַזוי ווי איך האָב געשאַצט קעניגסבערגס הסכּמה, פֿאַרענדיק איך מיט דעם פּאָרל לידער מיין איצטיק קאַפּיטל:

מאַטע טעג

פליסן מאַטע טעג ביים ברעג פון לעבן,
אויף ווייטע וועגן טרייסלען זיך פאַרשלאָפענע פורמאַנעס,
פאַר נאַכט פאַרשלעפּט זיך אַ פאַרבלאָנקעטער בחור,
צו אַ גרויסער, ליכטיקער קרעטשמע,
טרינקט מיט אַפּעטיט אַ שווערן טאָפּ הייסע קאַווע,
שטרעקט זיך אויס אויף אַ ברייטער דעמבענער באַנק,
און ליגט פאַרשטיינערט לאַנגע שעהען,
ביז דורך שמאָלע שפּאַרעס שטעקט אַריין רויזיקע פינגער
דער מאָרגן,
אַ הויכער געזאַנג פון אַ קרעטשמער:
הדור נאה זיו העולם...

אפשר וועט זיך מאַכן אַ שטילער פרימאָרגן,
וועלן געשוואָלענע פיס ממילא קריכן
איבער זוניקער מידקייט,
אָפּטרעטן, אויף קאַטאָוועס,
ביי אַ קאָוואַל מיט שטאָלענע פלייצעס,
און צוהעלפן מאַכן אַ גרויסע פּאָדקאָווע
פאַר אַ הויכן גוי מיט געלע קודלעס,
פאַר אַ נידעריק יידל, וואָס פירט אין שטעטל
פרישע פוטער.

אפשר וועט זיך טרעפן אַ פאַריתומטער שטעג,
וואָס פירט צו אַ האַלב־צעפוילטן צלם,
וועלן זיך פאַרזשמורעטע אויגן חידושן:
זע נאָר, זע, ווי אַ גוי האָט אויסגעהאַקט,
אין פראָסטן בוים,
אַזאַ יידישלעכן יונגערמאַנטשיק...

שפּעטער וועט דער צעוואַקלטער קאָפּ
אַ טראַכט דערלאַנגען:

אַ פּנים אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה,
ווי אויפכאַפּן זיך אויף אַ פּויעריש וועגעלע,
אַרייַנקייַקלען זיך אין שטעטל,
פּראַווען דאָרט אַן אויסגעבליכטן שבת,
און צווישן מינחה־מעריב שטיל אייַנזאַפּן
דעם גרייַז־גראָען דיינס אַלטע דרשה,
איבער אַ נאָך עלטערן פּסוק:
צדיק השם בכל דרכיו...

יתרוס טעכטער

יתרוס טעכטער, אויסגעלייגט בייַ די טשערעדעס,
וואַרטן אָפּ מיט דאָרשטיקע שעפּסן
די יונגע אַראָפּוואַלגערס פון ברונעמשטיינער —
אַזוי לויערט מייַן פאַרנאַכטיקער אומעט
אויף דייַנע שטילע טריט.

אַ שאָד וואָס כ׳האָב נישט מיטגעבראַכט
דעם זיידנס חומשל,
וואָלט איך דיר געלייענט אַ האַרציקע פּרשה,
אַ שטייגער:

ויצא — און ער איז אַרויסגעגאַנגען,
יעקב — איינער וואָס האָט געהייסן יעקב,
מבאר — פונעם ברונעם,
שבע — וואָס הייסט שבע.
[תשמ״ב]

מאמר ב׳: **היימישע מעשׂיות**

צו דער כראָניק פון אַ משפּחה

אונדזער עלטער־זיידעס וועג קיין ירושלים

א

ווען אונדזער עלטער־זיידע ר׳ יוסף שפּירא, אָדער ווי די שטאָט האָט אים גערופן: ר׳ יאָשע שוחט, האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט סוף ימיו וווינען אין ירושלים, איז ער שוין געווען אַ זקן, וואָס האָט געהאַלטן העט נאָך די אַכציקער, און דערוויל איז נאָך אַריין אַ שווערער עיכּוב. אַ קורצע צייט איידער ער האָט זיך געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין, איז ער, אין אַ פּרייטיק, געגאַנגען אין מרחץ אַריין — און שטאָט זיך אָפּצוגיסן מיט אַ קיבל לעבלעך אָדער וואַרעם וואַסער, האָט ער זיך, בטעות, אָפּגעגאָסן מיט אַ קיבל הייס, זידנדיק וואַסער, און האָט זיך, סכּנת־נפשות, אָפּגעבריט, אַזוי אַז מען האָט אים נישט געקאָנט לייגן אויף אַ בעט, נאָר געמוזט האַלטן אין ליילעכער, וואָס מען האָט צעהאָנגען אין דער לופטן. דער רופא זיינער, דאָקטער שאַרנשטיין, וואָס איז געווען אַ האַלב־פרומער משׂכּיל און אַ מחבר פון דייטשישע ביכער, האָט צומערשט נישט געגלייבט, אַז דער זקן וועט אויפקומען. נאָך־מער, די קהילה־לייט, וואָס זענען אויך געווען משׂכּילים, און וואָס זענען געקומען אים מבקר חולה זיין, האָבן זיך געוויצלט, און דעם קראַנקן פירגעהאַלטן, וואָס שטאָט צו דאַנקען אונדזער קייזער פאַר זיינע חסדים, וויל ער גאָר פאַרלאָזן קיר״הס לאַנד, און האָבן אַפילו גע־פּרוווט מרמז זיין, אַז די מעשׂה מיטן זידנדיקן קיבל וואָס האָט אים אָפּגע־קרילט, איז אַ ראיה, אַז כּביכול האַלט אויך נישט פון דעם פּלאַן. האָט זיי אונדזער עלטער־זיידע ר׳ יאָשע געענטפערט: עס איז פּונקט קאַפּויער, ווער עס קומט קיין ארץ־ישׂראל, איז ווי אַ תּינוק שנולד, אַן ערשט־געבוירן זויג־קינד, און ביי מיר זעט מען עס דאָך באַשיינפּערלעך — די אַלטע הויט מיינע, וואָס עס האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט טומאת־ארצות־הגויים, וועט זיך אָפּשיילן, און עס וועט קומען אַ נייע הויט וואָס וועט זיין מסוגל צו סאַמע קדושה.

ב

וכדבריו כּן היה, ווי ער האָט געזאָגט, אַזוי איז געווען. אָבער אַזוי ווי ער איז פאַרט געווען אַלט און אָפּגעשוואַכט, האָט די משפּחה געדאגהט, ווי וועט ער מאַכן אַזאַ ווייטן וועג, און איז געווען צופרידן, וואָס ר׳ פּיניע צימעלס, וואָס איז יעדעס יאָר געווען אין ארץ־ישׂראל, וועט אים באַגלייטן, און וועט שפּעטער קענען דערציילן וואָס און ווער און ווען.

צו דער באַן, וואָס האָט זיי אַוועקגעפירט, זענען געקומען אַלע זיינע זין און טעכטער און איידעמס און שנירס און אייניקלעך, און ס׳רוב בעלזער חסידים, און אַלע שוחטים און מסייעים און רואים, און סתם בעלי־בתּים, און אַז דער עלטער־זיידע האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום עלטער־זיידן מיינעם, ר׳ בער הכּהן, וואָס איך הייס נאָך אים: מחותּן לעב, לאָמיר זיך בייטן מיט די קאַפּעליטשן. האָט אים דער עלטער־זיידע געפּאָלגט, אָבער געוואָלט פאַרשטיין דעם טעם. האָט אים דער עלטער־זיידע ר׳ יאָשע אויפגעקלערט: איר פאַרשטייט, ביים כּותל מערבי מעג מען נאָר בעטן אויף צרות הכּלל און נישט אויף צרות הפּרט, איז אַז איך וועל אויפהייבן די הענט צום הימל, וועל איך מיט די אַרבל אָנרירן אייער קאַפּעליטש, וועט מען שוין אויבן פאַרשטיין, וואָס איך מיין. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די זין און טעכטער און אַזוי געזאָגט: אַז עס וועט קומען די שעה און מען וועט מיך אָפּרופן פון דער וועלט, זאָלט איר תּיכּף קומען צו פאָרן און זיך זעצן שבעה ביי מיין שלומען. די כּוונה איז געווען צום מיזיניק זיינעם, דעם פעטער ר׳ שלום, וואָס האָט געירשנט פונעם טאַטן דעם חלף. די זין און טעכטער זענען געווען צעטומלט פון די דאָזיקע רייד, און נישט געפרעגט, היתּכן ווי ווילן זיי דאָס קענען וויסן, אָבער מחשש פון אל תּפתּח פּה לשׂטן, האָבן זיי גענומען זאָגן: טאַטע, וואָס רעדסטו, דו וועסט, אם־ירצה־השם, מיט אונדז אַלע משיחן דערלעבן. אָבער דער עלטער־זיידע האָט זיי איבערגעשלאָגן די רייד און מיט קפּידה אַ זאָג געטאָן: אַזוי זאָג איך אייך, און אַזוי וועט זיין.

ג

ווי אַזוי די נסיעה איז פאַרלאָפן האָט טאַקע ר׳ פּיניע צימעלס דערציילט, און נישט איין מאָל נאָר אַ סך מאָל, בעיקר בשעת דער הילולא נאָך דעם בעלזער רב, דעם רבי ר׳ שלום רוקח, וואָס מען פלעגט פּראַווען ביי אונדזער פעטער ר׳ שלום שוחט, וואָס האָט געהייסן נאָך אים. און אויך איך

האָב עס געהערט פון ר׳ פּיניעס מויל, בשעת דער גרויסער סעודה, וואָס מען האָט געפּראַוועט לכבודו, ווען ער האָט פאַרענדיקט אַ יובל נסיעות קיין ארץ־ישראל, ער האָט זיך דערנאָך באַזעצט אין ירושלים און איז נפטר געוואָרן, און דאַנומלט זענען געוואָרן זעכציק יאָר נאָך זיין פּטירה, האָט זיך זיין היגע פאַרצווייגטע משפּחה פאַרזאַמלט ביי זיין קבר אויפן הר־הזיתים.

קודם כּל — האָט ר׳ פּיניע צימעלס דערציילט — האָט דער וועג גע־פירט קיין לעמבעריק און פון דאַנעט קיין זשאָלקיוו, ווו דער זיידע אײַערער האָט זיך געזעגנט מיט זיין טאַטע־מאַמע אויפן גוטן אָרט, און זיין לעבעדי־קער משפּחה אין שטאָט, פון דאַנעט איז ער אַריבערגעפאָרן אין נאָענטן בעלז, ווו ער האָט יינגלווייז פאַרבראַכט אין הויף פון רבי ר׳ שלום, דעם ערשטן בעלזער צדיק, גאַנצע דרייצן יאָר, כּמספּר אהבה, און האָט זיך געזעגנט מיט אַלע פריינד, סיי אויפן גוטן אָרט סיי אין דער גרויסער קלויז, און איז צוריק געקומען קיין לעמבעריק, אָפּגעטרעטן אין וויניק און אין טשיטשיק, ווו ער איז געווען שוחט, נאָך דעם ווי די מתנגדים האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זשאָלקיוו און זיין טאַטנס חלף איבערגעגעבן דעם יינגערן שטיף־ברודער ר׳ זלמן שוחט. פון לעמבעריק איז דער וועג גע־גאַנגען קיין קראָקע, ווו ער האָט אָפּגעטרעטן לכבוד דעם זכר פון דעם בעל „מגלה עמוקות״, וואָס רוב שפּיראָס זענען זיך מתייחס צו אים.

יאָ, איך דערמאָן מיך אַז מיר זענען געגאַנגען דאָ עפּעס טועם זיין — האָט ווייטער ר׳ פּיניע דערציילט — און כאָטש די גאַספּאָדע איז געווען למהדרין מכּל המהדרין, האָט מיך דער זיידע אײַערער געלאָזט באַשטעלן בלויז פיש, און בעוונותינו זענען די פיש נישט געווען אַזוי איי־איי־איי, אָבער דער זיידע אײַערער האָט פון זיי משונה הנאה געהאַט, און אַפילו געזאָגט: טעם גן עדן. האָב איך אים געפרעגט: ר׳ יאָשע, דאָס איז אײַער גן־עדן? האָט ער געענטפערט: אַז מען פאַרלאָזט מצרים, איז מען דאָך אין דער מידבר און אין דער מידבר ווייטער עסט מען מן, און אַז מען עסט מן, פילט מען אין אים אַ וואָס פאַר אַ טעם מען וויל נאָר טועם זיין.

ד

אין ווין ווייטער — האָט ר׳ פּיניע דערציילט — זענען מיר געגאַנגען זען דעם רב, ר׳ שלמה זלמן שפּיצער, דעם חתם סופרס איידעם — דאָ האָט זיך דער זיידע אָפּגעשטעלט אויף אַ יעדער טרעפּ און עפּעס צו זיך

געמורמלט. אַזוי ווי עס זענען געווען אַ סך טרעפֿ, האָט עס היפּש געדויערט, האָב איך אים געזאָגט: נו, יאָ, איר זענט מסתמא מיד. זאָגט ער: לאָוו דווקא, נאָר אויף יעדער טרעפֿ בין איך מחדש אַ חידוש, און באמת, אַז מיר זענען אַרויפֿגעקומען צו ר׳ זלמן שפּיצער האָט דער זיידע אײַ־ערער אָפּירגעבראַכט דעם גאַנצן פּאַק חידושים. האָב איך געפֿרעגט ר׳ זלמן: רבי, איר חידושט אייך נישט, אַז אַזאַ אַלטער ייִד, קיין עין־הרע, האָט דאָס אַלץ אויף די טרעפּ צוזאַמענגעשטעלט. האָט ר׳ זלמן געענטפֿערט: הבא לטהר מסייעין בידו. און האָט אַ קרעכץ געטאָן: איר זאָלט וויסן, וויפֿל עוברי עבירה עס גייען טאָג־טעגלעך אויף די טרעפּ, וואָלט איר פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך מחיה געווען מיט דעם ייִדנס חידושים. און באמת, אַז מיר זענען אַראָפּ מיט די טרעפּ האָט זיך דער זיידע אײַערער ווידער אָפּגעשטעלט און האָט ווי איינגעאָטעמט דעם ריח טהרה און געזאָגט: גערעכט, גערעכט, אַ מחיה, אַ מחיה.

ה

און אַזוי האָט ר׳ פּיניע דערציילט, ווי אַרום זיי זענען, מיט דער באַן, געפֿאָרן ביז טריעסט, און דאָ זיך אויפֿגעזעצט אויף אַ שיף, וואָס האָט זיי געבראַכט קיין ארץ־ישׂראל. וואָס עס איז געשען פֿון איצטער אָן — האָט די משפּחה געוווסט פֿון עלטער־זיידעס בריוו. ער האָט געשריבן יעדן חודש אַ בריוו, און אַזוי ווי ער האָט נאָך געלעבט דרייצן חדשים, זענען עס געווען דרייצן בריוו, וואָס דער פֿעטער ר׳ שלום האָט זיי אָפּגעהיט ווי אַן אבן טוב, און די גאַנצע משפּחה האָט אים מקנא געווען, און בעיקר דער שוואָגער זיינער, דער פֿעטער ר׳ יעקעלע, וואָס איין בריוו איז בפֿירוש געווען געווענדט צו אים, אָבער אַזוי ווי אויך ער איז אַדרעסירט געווען צום פֿעטער ר׳ שלום, האָט ער אויך אים ביי זיך פֿאַרהאַלטן. עס האָבן נישט געהאָלפֿן דעם פֿעטער ר׳ יעקלעס טענות: עס איז דאָך אַ שאלה וועגן דין מקוה ומי־בארות, וואָס דער שווער האָט מיך געפֿרעגט: נו ,פֿאַר וואָס קומט דער בריוו ד י ר?

יאָ, איין בריוו האָט עס טאַקע געהייסן: לחתני היקר וכו׳ מהור״ר ר׳ יעקב נ״י המתגורר אצל הפלומפּ וכו׳, דער פֿעטער ר׳ שלום האָט אים אָפּגעפּטרט: אַדרעס איז אַדרעס.

ו

די בריוו האָבן דערציילט, ווי דער עלטער־זיידע איז צומערשט געריטן קיין צפת — ר׳ פיניע, וואָס איז אַוועק וועגן די אתרוגים, האָט אים פאַר־זאָרגט אַ שיירה, מיט וועלכער דער עלטער־זיידע האָט זיך געלאָזט, אויף אַן אייזל, אין וועג אַריין. עס איז געווען אַ שווערער וועג — סיי מחמת דער עלטער־זיידע איז געווען אַ הויכער און דער אייזל אַ נידעריקער און די פאַנטאָפל האָבן זיך אָפּגעריבן אויף די שטיינער, סיי מחמת די שמאָלע שטעגן, ווו מען האָט געמוזט גיין צופוס, און די פיס זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן. פאַר וואָס דער עלטער־זיידע האָט זיך פריִער געלאָזט קיין צפת, זענען געווען אַ סך טעמים. וואָס שייך די פאַרהוילענע טעמים, איז כבוד השם הסתר דבר; וואָס שייך ווייטער די אָפענע טעמים, זענען זיי געווען צוויי וואָס זענען געווען געבונדן איינס מיטן אַנדערן — ערשטנס, האָט ער געהאַלטן, אַז ווער עס קומט קיין ירושלים טאָר זי שוין מער נישט פאַרלאָזן; און צווייטנס האָט ער זיך געוואָלט זען מיט אונדזער עלטער־מחותּן ר׳ יעקב האַרנשטיין, אָדער ווי מען האָט אים ביי אונדז אין שטאָט גערופן: ר׳ יעקל סופר, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער באַזעצט אין צפת. ער איז געווען אַ סופר סת״ם, דאָס איז אָבער נישט געווען זיין פּרנסה, ווייל ער איז געווען אַ גביר עצום, און ער פלעגט אויך שרייבן ספרי־תורה, און האָט פאַר אַ יעדן ספר פאַרלאַנגט, אַז דער גבאי, וואָס וויל דערצו זוכה זיין, זאָל אויסשטאַטן אַן אָרעמע כּלה. און די גבאים האָבן זיך וועגן די ספרים געריסן, און אַזוי ווי ר׳ יעקל איז געווען אַ סופר אַן אומן מושלם, האָבן די ספרים באַשיינט אַ סך בראָדער בתּי־מדרשים און קלויזן.

— יאָ, פון איין בריוו איז עפּעס קאָלעמוטנע געוואָרן אויפן האַרצן — דער עלטער־זיידע האָט מודיע געווען, אַז אַזוי ווי די אַשכּנזים זענען פאַר־טאָן אין גרויסע מחלוקתן, און עס זענען אים געפעלן די דרכים און מנהגים פון אחינו הספרדים, האָט ער זיך גענומען אויף זייער שטייגער און פירט זיך לויט זייער שניט און סטראַי. אוודאי האָט מען אין דער משפּחה נישט אַרויסגעזאָגט, וואָס מען האָט געקלערט, און מחמת דעם זיידנס פּערלדיקן כּתב און חיתּוך־הדיבור פון בריוו, האָבן זיי אַפילו נישט געוואַגט צו קלערן: ווער ווייסט, צי דער שינוי, וואָס איז געקומען אַזוי ראַפּטעם, איז נישט מחמת זקנה, ווען די געדאַנקען זענען שוין נישט אַזוי קלאָר. ערשט ווען עס איז דערגאַנגען אין ביידע פלאַנקן פון די בעלזער חסידים ביי אונדז אין שטאָט, אין בית־מדרש פון די יאָלעסעס און אין מאַטשעווער קלייזל, און מען האָט דאָ געהאַט תּרעומות און אַפילו געלאָזט

פאַלן אַ וואָרט וועגן יענעם כהן גדול, וואָס איז נאָך אַכציק יאָר געוואָרן אַ צידוקי, האָט דער פעטער ר׳ שלום, אין אַ בריוו, עפּעס לייכט אָנגע־וונקען, האָט אים אָבער דער עלטער־זיידע קליפּ און קלאָר געענטפערט, אַז וואָס עס האָט געטויגט פאַרן אור החיים — טויג אויך פאַר אַ פּראָסטן ייִדן ווי ער. איצט האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דער בעל־שם־טוב איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דער כוונה זיך צו זען מיטן אור החיים, ולא איכשר דרא.

ז

און ווי עס איז געוועזן די פּטירה פון אונדזער עלטער־זיידן, האָבן מיר אויך געהערט פון ר׳ פּיניע צימעלס, וואָס איז דערביי, אין אַ מוצאי שבת, געוועזן און האָט אים פאַרמאַכט די אויגן. דער עלטער־זיידע איז געוועזן ביי די קלאָרסטע גדאַנקען און אַז ר׳ פּיניע האָט אים געפרעגט, אַז קוים, חלילה, האַלט ער טאַקע ווי ער, דער זיידע, מיינט, ווי אַרום זאָל ער דער משפחה צו וויסן געבן, דען ער האָט זיך געקווענקלט — צי שיקן אַ דעפּעשע (אַ טערקישע דעפּעשע גייט מיט אָקסן־פּאָסט) צי אַ קוריער, האָט דער עלטער־זיידע געענטפערט: מען דאַרף נישט, זיי וויסן שוין.

און, באמת, באותו לילה האָט ער זיך, אונדזער עלטער־זיידע, באַוויזן אַלע זיינע זין און טעכטער אין חלום, און געזאָגט: קינד מיינס, איך בין אַוועק פון דער וועלט, הייב זיך אויף און פאָר צו שלומען. וכך הווה — זיי האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן, איש ממקומו ואשה ממקומה, און פון כלערליי קאַנטן זיך געלאָזט קיין בראָד. אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט נאָך דער בשות־פּותדיקער מיטן־סטאַציע, קראַסנע, אין צוג, האָבן זיי צוזאַמען געטאָן וואָס אַ יעדער האָט באַזונדערס געטאָן, דהיינו זיך נישט געזעצט נאָר געשטאַנען, און האָבן זיך נישט געזאָגט קיין שלום עליכם. אַז זיי זענען געקומען צום פעטער ר׳ שלום האָבן זיי אים שוין געטראָפן זיצן שבעה, און האָבן זיך אויך געזעצט. דעם פעטער שלומס ערשטע ווייב, די מומע איידעלע, האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפן די שאַל און אַוועק צום קרייז־רב, ר׳ איציקל חיות, דעם בעל „שיח יצחק״, פרעגן, צי עס איז רעכט, וואָס מען האָט געטאָן, און ער אַ בעל שכל הישר (ווי דער טאַטע זיינער ר׳ צבי הירש חיות דער זשאָלקיווער און קאַלישער רב), האָט זיך תחילת געקווענקלט, אפשר איז עס פאָרט אַן אויסגעדאַכטעניש, אָבער באַרעכנדיק, אַז אַזוי האָט דער עלטער־זיידע די קינדער זיינע אָנגעזאָגט, איידער ער איז אַוועקגע־

פאַרן און, אַז אַלע האָט זיך געחלומט, אין כּלערליי מקומות, אין דער זעלבער שעה ממש, האָט ער געפּסקנט: יאָ.

דער עלטער־זיידע אונדזערער איז געוואָרן אַ מין קולטישע פיגור אין מיין טאַטנס משפחה און ער לעבט ווי אַ מין מיטאָס אין איר עד היום. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען קיין אָפּצווייג אין דער משפּחה, וואָס האָט נישט אַ נאָמען געגעבן נאָך אים, חוץ מיין טאַטן, וואָס ער האָט זיך מצער געווען, אַז ער קאָן דאָס נישט טון, כאָטש ער האָט זוכה געווען צו פיר זין. מאי טעמא — דער פאָטער זיינער האָט געהייסן ר' יוסף משה. אמת, ער האָט אַזוי געהייסן נאָך זיין עלטער־זיידן, ר' יוסף משה שפּיראָ, דעם זאַלאָזיצער מגיד, דעם בעל „ברית אברם" אויף חומש און „באר מים" אויף דער הגדה, אָבער באמת האָט דער זאַלאָזיצער מגיד געהייסן בלויז ר' משה, און ווען ער איז שווער קראַנק געוואָרן, האָט אים דער רבי זיינער, ר' יחיאל מיכל, דער זלאָטשיווער מגיד, געהייסן צוגעבן דעם נאָמען יוסף, און ער האָט עס געטאָן, כאָטש זיין אייגענער זון, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן זיינע כּתבים, האָט געהייסן ר' יוסף אלקנה.

ח

איך האָב דערציילט בלויז עטלעכע פּרקים וועגן אונדזער עלטער־זיידן, אָבער אין מיין בוך „ממחוז הילדות" (תּרצ"ח), דערצייל איך אַ סך מער, און מען קען עס דאָרט לייענען. אָבער סיי פריִער סיי שפּעטער פלעג איך די מעשׂים דערציילן מיינע גוטע פריינד און איך האָב געזען, אַז זיי מאַכן אַ רושם, נישט בלויז ווי אַ סיפּור־מעשׂה, נאָר כּמעט הלכה למעשׂה. אַזוי, אַ שטייגער, האָט ש"י עגנון געהערט די מעשׂה מיטן קיבל זידנדיקן וואַסער און דעם ענין פון דער אַלטער און נייער הויט, האָט ער, ווי זיין שטייגער איז געווען, אויסגערופן: דאָנער־וועטער! ער האָט דעמלט גע־האַלטן האַרט נאָכן אַרויסגעבן זיינע ערשטע פיר בענד געזאַמלטע כּתבים, מיט „הכנסת כּלה" נאָ־שפּיץ, האָט ער זיך מצער געווען, וואָס ער האָט פריִער נישט געהערט די מעשׂה, וואָלט ער אַזוי פאַרענדיקט ר' יודל בטלנס לעצטע טעג אין גלות, און נישט ווי ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט אים געלאָזט מיט אַ פאַטשיילע פאַרשטעלן די אויגן, ער זאָל מער נישט זען דעם גלות אַרום. און ס'וואָלט — האָט ער שטיפעריש באַמערקט — נישט געווען קיין פּלאַגיאַט, ווייל איין בראָדער האָט זיך עפּעס ביי אַן אַנדערן בראָדער אויסגעליִען. און אַוודאי געהער עס צו די שפּיצלעך פון דעם שר־

המקרים, אַז איך האָב, שפּעטער, אין מיין אַרבעט וועגן עגנון „מעשׂה מטפּחת" (אין מיין בוך וועגן אים, זז' 65־73) באַוויזן אַז די פּאַטשיילע האָט זיך איר וואָרצלדיקע דיאַלעקטיק אין זיינע דערציילונגען.

ענלעך אַז איך האָב דערציילט אַברהם שרון (שוואַדראָן), ווי דער עלטער־זיידע האָט זיך גענומען אויפן דרך פון אחינו הספרדים, האָט ער אויסגערופן: בראַוואָ, בראַווּיסימאָ. וואָס דער אויסרוף האָט באַטייט, האָב איך, עין בעין, געזען ביי זיין לוויה. פאַרן טהרה־שטיבל האָבן זיך פאַר־זאַמלט זיינע קרובים און פריינד און האָבן זיך נישט ווייניק געוווּנדערט, וואָס עס איז געקומען די חברה קדישא פון די ספרדים און די מכובדים פון דער ספרדישער קהילה, מיט ר' משה דוד גאון בראשם, און זיי האָבן אים, לויט זייערע מנהגים, זיין רעכטס געטאָן. דער איינציקער סימן פון אַשכּנז וואָס איז געבליבן, איז געווען דער קדיש, וואָס מנחם געלערטער האָט, אין אַן אַקצענטויִרטער אַשכּנזישער הברה און ניגון, געזאָגט. פאַר אַ פאָר גאָר נאָענטע צום נפטר איז די זאַך נישט געווען קיין נאָווינע, און זיי האָבן געוווּסט, אַז ער האָט געקויפט פאַר זיך אַ קרקע אין דער ספרדי־שער חברה־קדישא, און וועלכע ער האָט זיך איינגעשריבן. זיי האָבן אַפילו געוווּסט זיינע טעמים: אַ פּראָטעסט קעגן דער שבטישער און לאַנדמאַנ־שאַפטלעכער סעפּאַראַציע (זע זיין פּאַמפלעט „התאחדויות של פירוד"), און אַ ביישטאַנד צו אַ שוואַכערן צד — די אַרגומענטאַציע איז געווען אַז אַזוי ווי די אַשכּנזים זענען שטאַרקער, האָבן זיי אויך אַ גרעסערע שיסל, און אַזוי ווי די ספרדים ווייטער זענען שוואַכער, האָבן זיי אַ קלענערע שיסל, און לויט דער פּראָפּאָרציע שלעפּן די און די פון די שיסלען. איך ווייטער האָב געוווּסט, אַז וואָס איך האָב אים דערציילט וועגן מיין עלטער־זיידן האָט אים געגעבן אַ היפּשן שטויס דערצו. יאָ, בשעת דער לוויה האָט איינער אַ פרעג געטאָן: ווי האָט ער נישט מורא געהאַט פאַר זיין פעטער עליו השלום? געמיינט האָט ער זיין פאָטערס ברודער, דעם בערזשאַנער גאון, ר' שלום מרדכי שוואַדראָן, וואָס מען האָט באַטראַכט פאַר אַ פּוסק אין זיין דור. האָט דער אַנדערער געענטפערט: אַדרבה, ער איז טאַקע אַריינגעראָטן אין זיין פעטער — אַז יענער האָט געפונען, דאָס דעם ראַד־זינערס תּכלת איז טאַקע דער תּכלת, האָט ער אים, אַן איינציקער רב אין גאַליציע, געטראָגן; און אַז עס איז אַ מאָל געווען אַ הכרח לא יגונה, האָט ער געגעבן חופּה־וקדושין נאָך ליכט־בענטשן. יאָ, זיי האָבןביידע געשטעלט אויף זיך. דערלויב איך מיר צוצוגעבן: עפּעס האָט ער אויך געשטעלט אויף מיין עלטער־זיידן, און דאָס האָט, מסתּמא, געמיינט זיין אויסרוף: בראַוואָ, בראַווּיסימאָ.

און צום לעצט וויל איך דערמאָנען, אַז ווען איך האָב אַהרן צייטלין,

צומערשט בעל־פּה און שפּעטער בכתב, דערציילט עטלעכע אויסטערלישע מעשׂים שהיו, אַריינגערעכנט די פּרטים וועגן מיין עלטער־זיידנס אַנזאָג און דער חלום פון אַלע זיינע קינדער און דעם ענין פון שבעה ביי זיין מעזיניק אין שטוב, איז זיין פּאַראַ־פּסיכאָלאָגישער אינטערעס דערצו צוגעזאָטן געוואָרן, און ער האָט מיין ברִיוו דערוועגן געבראַכט מיט זיינע באַמערקן אין זיין בוך „פּאַראַפּסיכולוגיה מורחבת", (כרך ב', תשל"ג, זז' 249-244), און האָט אים אויך געלאָזט אָפּדרוקן אין ניו־יאָרקער „הדואר", און דאָס איז די לעצטע זאַך, וואָס ער האָט געשיקט אין דרוק, ביי זיין לעבן.

(תשמ"ב)

מאמר ג׳: ריח תורה

ווי אַרום דער עלטער־פּעטער ר' יעקלע איז געוואָרן אונדזער שטוב־רבי אין דאָרף — איז אַ מעשׂה בתוך מעשׂה. ווען מיר האָבן געוווינט אין שטאָט — איז די קשיא פון אַ מלמד נישט געווען קיין קשיא. אין בראָד איז נישט געווען קיין גאַס אָן אַ חדר מיט אַ מלמד און אַ בעלפער; אין סטאַרע־בראָד, ווי אונדזער דאָרף האָט געהייסן, איז געווען אָן איינציקער חדר אין בית מדרש — דריַי דורות האָט דאָרט געקיניגט ר' יאָסל מלמד, וואָס האָט אויפגעכאָוועט די זיידעס, די טאַטעס און די אייניקלעך, און האָט יעדן איינעם געדוצט. ער האָט דערלעבט אַ הויכע עלטער, הונדערט און פופצן יאָר, און מע האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט צוגעצויגן צו די הונדערט און צוואַנציק, ער זאָל זיך נישט געווען צוציִען אַ גוט־אויג — אויפן ברית פון אַן אוראייניקל פון זיינס אַ תלמיד האָט ער נאָך היפּש אָפּגעזונגען אַ יום ליבשה נהפכו מצולים און די הרחמנס, און זיך געלאָזט ווילגיין מיט לעקעכער און בראַנפנס, און שטאָט אַהיים צו גיין, האָט ער זיך אין קילן פּירהויז פון בעל־הבית אַנידערגעלייגט אויפן מאַנגל און איז איינגעדרימלט געוואָרן אויף אייביק. מיר האָבן נאָך דעמאָלט געוווינט אין שטאָט, אין אַ חצר, ווו אונדזער קרייז־רב, ר' אברהם מנחם מענדל הלוי שטיינבערג, דער בעל־„מחזה אַברהם" האָט געוווינט, און ער האָט דאָס טאָקע דעם זקן מספּיד געווען, און דערמאָנט דעם פּסוק: הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל, און אָנגעוויזן אויפן חשיבות פון דער ה"א הידיעה, דהיינו אַז הסנה מאַכט הונדערט און צוואַנציק, וויפל דער ערשטער רבי אונדזערער, משה רבנו, האָט

געלעבט, און האָט אויסגעברייעט, אַז דער לימוד זיינער איז טאַקע ווי יענער דאָרן אין דער מידבר וואָס ברענט און ברענט שוין עטלעכע דורות און זיין פלאַם וועט זיך נישט אָפּשטעלן.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ יאָסל מלמד, וואָס איז אויך געווען דער שטענ־דיקער חזן און אָפּגעטרעטן דאָס ברעטל בלויז די באַרימטע חזנים, וואָס מען פלעגט פאַרבעטן אין בית־מדרש, אָנגעהויבן פון גרויסן קאַשטאַן און פאַרענדיקט מיט ר׳ זיידל ראָוונער, איז אונדזער דאָרפס־חדר געבליבן פאַר־יתומט, און דאָס פאַריתומטקייט האָט זיך געצויגן אויך נאָך דעם ווען מען האָט געקריגן אַ ממלא־מקום, אַמערשט איינעם וואָס איז נישט געווען איבערגעשפּיצט און דער צונאָמען זיינער: דער לאָשעק, האָט אים אָוועק־גערויבט דעם מינדסטן שאָטן פון אויטאָריטעט ביי די קינדער, און שפּעטער איינעם, וואָס איז שוין געווען צו איבערגעשפּיצט, אָבער ער האָט זיך פאַר־טיילט דעם טאָג זיינעם — אַ העלפט טאָג איז ער געווען אַ מלמד און אַ העלפט טאָג איז ער געווען אַ פערדשאַצער, און דער סדר פון די צוויי העלפטן איז געווען זייער דינאַמיש, און מאַנטיק, ווען ס׳איז געשטאַנען דער וואָכן־יאַריד, איז געווען כולו קודש פאַר די פערד, און די קינדער האָבן זיך געטומלט אין פעלד. אין יענער צייט זענען מיר אַריבער פון שטאָט אין דאָרף אַריין — און דער טאַטע אונדזערער האָט געקלערט, ווער וועט דאָס לערנען די פיר זין זיינע, בפרט די צוויי עלטערע. און דאָ האָט אים צוגעשפּילט אַז ר׳ יעקלע האָט נישט געהאַט קיין פּרנסה. נאָך דער חתונה איז ער ווי דער שווער זיינער, אונדזער עלטער־זיידע ר׳ יוסף שפּיראָ, און דער שוואָגער זיינער, אונדזער פעטער ר׳ שלום שפּיראָ, געווען אַ שוחט, אָבער ער איז געווען צו פיל מזג־טוב, די האַנט זאָל זיך אים לייגן צו קוילען גסות, האָט ער אַ צייט געקוילעט בלויז דקות, און אויך דערביי האָט ער נישט געקאָנט גובר זיין זיין נאַטור, און איז אַ מאָל ניכשל געוואָרן און דער אייגענער שוואָגער זיינער, דער פעטער ר׳ שלום, האָט אים, צו ר׳ יעקלעס גרויס צופרידנקייט, געפּסלט די שחיטה. איצט האָט אים עפּעס אַרויסגעהאָלפן זיין גרויס למדנות — ער איז געוואָרן אַ מדריך פון יונגע־לייט, וואָס האָבן געוואָלט אויפפרישן דאָס בקיאות זייערס, כדי צו קריגן סמיכה, וואָס איז געווען אַ מעלה פאַר אַ גוטן שידוך; און פון סטודענטן, וואָס האָבן פאַרענדיקט די בראָדער דייטשישע גימנאַזיע און זיך געגרייט לערנען אין די אויפגעקלערטע ראַבינער־סעמינאַרן אין ווין און ברעסלוי. אויך דאָס שמאָלע פּרנסה־קוועלכל האָט זיך אים אויסגעלאָזט און דערצו האָט אים אויך דאָס געזונט נישט צוגעשפּילט, און די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן אַ סך שפּאַצירן אין דער ריינער לופט און טרינקען אַ סך מילך. פלעג ער איעדן אָוונט קומען צו אונדז אין דאָרף אַריין, כדי מקיים

צו זיין ונשמרתּם מאד לנפשותיכם, און די באָבע מיינע, מרת ראָניע, און די שנור אירע, מיין שטיפמאַמע, מרת ליבע, וואָס האָבן זיך נישט איבעריק האַלט געהאַט, האָבן געגומען קאָנקורירן, ווער וועט דעם פעטער ר׳ יעקלע בעסער באַדינען. מיר אַלע האָבן אים ליב געהאַט אַהבת־נפש, און ווי ער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל און עס האָבן אַ שוועב געטאָן זיינע גוטע אויגן און זיין איידעלער שמייכל, האָט ווי אין אַיעדן ווינקל אַ פליץ געטאָן די סאַמע וואַרעמקייט.

איין מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: הערש, איך זע אַז דיינע גרויסע קינדער גייען אַרום אָן תּורה, און דאָס עסט דיך אויף, אַלץ איינס קום איך צו אייך יעדן פאַרנאַכט, וועל איך מיט זיי לערנען. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך פאַר מיר און פאַר מיין ייִנגערן ברודער, יצחק־ניסן עליו השלום, אָנגע־הויבן יענע זיסע זומערדיקע פאַרנאַכטן, וואָס קיין זיסערע פון זיי האָבן מיר, אין אונדזערע לימודים, מער נישט טועם געווען. צו מאָל זענען מיר געזעסן לעבן דער שטוב, דער באַטעמטער ריח פון די פעלדער האָט זיך אַרום אונדז געטראָגן און אַ לינד ווינטל האָט אים צוגעשפּילט; צו מאָל האָבן מיר זיך געשלענדערט צווישןביידע שורות אַלטע ליפּעס און דער פעטער אונדזערער — ווי אַ שטילער אָבער שטענדיק ריזלדיקער קוואַל — די אויערן אונדזערע ווי אויפגעפּראַלט און דאָס מויל זיינס — פּערל ביי פּערל. און אַ גרויסע מעלה האָט ער פאַרמאָגט — ער האָט תּמיד געדענקט, אַז מיר זענען קליינוואַרג און האָט אין זינען געהאַט אונדזער יונגע ידיעה און השגה און האָט גערעדט צו אונדז, ווי עס פּאַסט פאַר קליינוואַרג. ווען ער האָט אונדז, אַ שטייגער, דערציילט וועגן טויט פון ישעיהו הנביא, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ליפּע וואָס אַ בליץ האָט זי געהאַט געלעכערט, און האָט באַשריבן, ווי דער נביא איז אַנטלאָפן און דער מלך האָט אים נאָכגעיאָגט, ווי דער נביא איז אַריין אין אַ לאָך פון אַ בוים, וואָס האָט זיך אַליין פאַרמאַכט, און ווי דער מלך האָט דעם בוים דורכגעזעגט און דעם נביא דערהרגעט. און שפּעטער, ווען מיר זענען יענע ליפּע פאַרביי־געגאַנגען, האָט אויף אונדז געלאָקערט אַ פינצטערע אימה. און מער ווי ער האָט פאַר אונדז אויפגעלעבט די וועלט פון תּנ״ך, האָט ער פאַר אונדז אויפ־געלעבט די וועלט פון אַגדת חז״ל: — האָט ער גערעדט וועגן אַ קוואַל, האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן ריטשקעלע וואָס בולקעט אין נאָענטן ריוו; האָט ער גערעדט וועגן אַ פעלדז, האָט ער אָנגעוויזן אויפן שטיין וואָס איז געלעגן אין נאָענטן גרוב; האָט ער גערעדט וועגן אַ פעלד, האָט ער זיך אָנידערגעשטעלט און אויסגעשפּרייט די הענט איבער דעם גרינעם פלויז, ווו מיר זענען געשטאַנען; האָט ער גערעדט וועגן אַ באַרג, האָט ער פאַר־זשמורעט די אויגן אַקעגן די שאָטנס פון די היגלען וואָס האָבן געבלויט

ביים האָריזאָנט. און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען לגבי איעדן ענין און איעדער זאַך, וואָס זיינס גלייכן איז געווען בנימצא אין אונדזער אומקרייז, אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז אָט די אַלע ליבע און וווּנדערלעכע געשעענישן האָבן פּאַסירט אויף דעם קליינעם ערדפּאַס, וואָס שפּרייט זיך אויס הינטער אונדזער שטוב און וואָס גרענעצט, פון איין זייט, מיט דער מויער פון דער אַלטער קרעטשמע, און פון דער אַנדערער זייט, מיט די באַנרעלסן, און די מיט זיינע — זענען די אַלטע ליפּעס פון ביידע זייטן שטראָז, וואָס פירט קיין פּידקאַמין.

און אַזוי האָט זיך אונדזער פעטער ר׳ יעקלע איינגעקויפט ביי אונדז, דערקלערנדיק פּסוקים און געשעענישן דורך מעשים שהיו, דאַרונטער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט אים אַליין און מיט זיינע אייגענע, און אַזוי ווי ער פלעגט דאָס דערציילן גאָר ברייטלעך און באַטייטלעך, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער פּסוק אָדער די מימרה זענען פאַר אים בלויז אַ גאָלדענער טשוואָק, אויף וועלכן ער האָט אויפגעהאָנגען דאָס זיידוואַרג פון זיין דערציילערישן יצר־טוב. אַזוי אַ שטייגער, האָט ער אונדז טאַקע פאַר־דראָבנע דערציילט, ווי ער איז פּטור געוואָרן פון זיין ערשטער אומנות, פון דער שחיטה. ווען איך — האָט ער דערציילט — בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער שעכטיאַטקע, האָט מיר אין דער נאָז אַריין געטאָן אַ זעץ דער ריח פון פאַרגאָסענעם בלוט, האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויס חלשות, האָב איך אַוועקגעשליידערט דעם חלף און בין אַנטלאָפן. האָט זיך מיין ווייב, איַער עלטער־מומע, מרת ברכה זאָל לעבן, אַנידערגעשטעלט און מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אונדזערע קינדער, זאָלן לעבן, ווי איינער זאָגט: און פון וואַנעט וועלן זיך די דאָזיקע ווערעמלעך זשיווען? האָב איך נישט געהאַט קיין ברירה, און אַ זאָג געטאָן: אויב קוילען עופות — איז ניחא. איין גאָט ווייסט, אַז ווען איך בין געשטאַנען אין דער קליינער שעכטיאַטקע און דער ריח פון בלוט האָט מיר פאַרטאַמלט דאָס האַרץ און פאַרטויבט די חושים, האָב איך ביי מיר אין האַרצן אָפּגעמאַכט, אַז עס איז גלייכער איך זאָל מיר אויפנייען צוויי טאָרבעס און אָנהענגען אין ביידע זייטן פון מיין קאַפּאָטע און גיין איבער די הייזער, אַבי איך זאָל מיך נישט דאַרפן פאַר־נעמען מיט אַן אומנות, וואָס איז איבער מיין האַרץ און מיין כוח. האָט זיך דער אייבערשטער אויף מיר מרחם געווען און מיין פלונית איז איינ־געפאַלן מיר אַזוי צו זאָגן: יעקל, יעקל, איך זע דאָך, ווי שווער עס קומט דיר אָן דאָס קוילען אין דער שעכטיאַטקע, קוילע אין דער היים. האָב איך געזאָגט: און וואָס וועט זיין מכוחן אַקציז, משמע דעם אָפּצאָל וואָס מען גיט קהל? האָט זי געזאָגט: ווער מיר קהל און וואָס מיר קהל, אַ כאַפּטע גלוחים, וואָס נעמען די גרייצערס פון אַקציז, און האַלטן מיט זיי אויס די

פרייַשול, ווו מען לערנט חומש מיטן הוילן קאָפּ. איך זאָל זאָגן, אַז איך בין געווען גרייט אָפּצונאַרן די קהל־לייט און פאַרטשעפּען מיטן עראַר (מלכות), וואָלט איך געזאָגט אַ זאַך, וואָס איז נישט ווייט פון ליגן; זאָל איך ווייטער זאָגן אַז איך בין געווען גרייט אָנצוהייבן מיט מיין ווייב, זאָל לעבן, וואָלט איך געזאָגט אַ זאַך, וואָס איז נישט נאָענט צום אמת; איך בין געווען צווישן פייער און וואַסער, און האָב מקיים געווען דעם פּסוק: כּל אשר תּאמר אליך שׂרה שמע בקולה (אַלץ וואָס שׂרה וועט דיר זאָגן זאָלסטו פאָלגן איר שטים). האָט זי מיר צוגעטיילט אַ ווינקל אויפן בוידעם און די געגדזלערקעס האָבן אַהין געבראַכט די עופות און איך האָב זייער רעכטס געטאָן. אָבער וואָס עס האָט מיר אָפּגעטאָן פריִער דער ריח פון די גרויסע בלוטן, האָט מיר איצט אָפּגעטאָן דער ריח פון די קליינע בלוטן; די פּינצטערניש און די שרעק האָבן פאַרטאָפּלט מיין עקל, דאָס האַרץ האָט מיר געהאַלטן אין איין פלאַטערן, און כ׳האָב זיך געשראָקן, טאָמער, חלילה, וועט מיין האַנט נאָכטאָן דעם האַרצן. און באמת האָט זיך געטראָפן, אַז אַ גאַנער האָט זיך מיר, איינס־צוויי, אַרויסגעריסן פון דער האַנט, און ער איז מיט אַ האַלב־איבערגעשניטענעם האַלדז אַרויסגעשפּרונגען דורכן קוקער, האָט צעשפּרייט די פליגל און געפאַלן אויף דער גאַס און דאָס בלוט זיינס האָט זיך געשנירלט אויפן טריטעוואַר און דאָס גאָגערן זיינס איז זיך פאַרגאַנגען אין קולי־קולות, און אַ גרויס געזעמל מענטשן איז זיך צוזאַמענגעלאָפן און דער סוד פון דער שחיטה אויפן בוידעם האָט זיך אַנטפּלעקט בפרהסיא און די קהל־לייט, וואָס האָבן געזאָגט ווי אַ טוּק סאַמאָוואַרן, האָבן מיר אָפּגעזאָגט מיין אומנות, און מיין אייגענער שוואָגער, אַייַער פעטער ר׳ שלום, האָט געפּסלט מיין שחיטה. דאָס גאַנצע הויזגעזינד מיינס האָט געוויינט, און איך האָב געלאַכט און געזאָגט צו זיי: מאת השם היתה זאת, דען ווען דאָס אומנות זאָל זיך מיר געווען ווייטער פאַרציִען, וואָלט איך אויסגעשפּיגן די לונגען.

און צוליב וואָס האָט אונדז דער פעטער ר׳ יעקלע דערציילט די גאַנצע מעשׂה — כּדי אונדז צו דערקלערן דאָס וואָס די חכמים האָבן געזאָגט, אַז אַ מאָל טוט כּביכול זיין שליחות דורך אַ קאַץ, דען דאָ האָט מען דאָך באַשיינפּערלעך געזען ווי כּביכול האָט זיין שליחות געטאָן דורך אַ גאַנער.

און אַ מאָל האָט ער דערציילט אַ גאַר סמוטנע מעשׂה: — זיין ברודער, יחיאל־מיכל, איז אַ מאָל געקומען צו מיין זיידן אין דאָרף אַריין און האָט דאָ פאַרווײַלט עטלעכע טעג, און די זיידע־באָבע האָבן זיך מיט אים זייער געפריידט און ער האָט זיך מיט זיי געפרייט, ווייל ער איז געווען זייער אַ

פרייליכער און זיי זענען געווען זייער גאַסטפרײַנדלעך. אָבער זיי האָבן זיך געווונדערט, וואָס לייגנדיק תּפֿילין, טוט ער אָן דעם של־ראָש עפּעס קרומ־לעך און אַז מען האָט אים דערויף מעיר געווען, האָט ער אָפּגעענטפערט: זיי פּסקענען אַזוי, און איך פּסקע אַנדערש. איין מאָל האָט ער אָנגעטאָן די תּפֿילין, איז אַרויס פֿאַר דער קרעטשמע, זיך אַרומגעדרייט אַהער און אַהין און איז אומבאַמערקט אַראָפּ אין דער ברונע און האָט זיך דערטראָנקען. און צוליב וואָס האָט ער אונדז די מעשׂה דערציילט, כּדי צו דערקלערן וואָס די חכמים האָבן געזאָגט: אֵין אָדם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם נִכְנְסָה בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת. און ער האָט אַזוי דערקלערט: דער רוח שטות, וואָס כאַפּט זיך אַריין צום מענטשן הייבט אָן מיט אַ קלייניקייט — אָט האָט ער אים צוגערעדט, עפּעס צו פֿאַררוקן דעם של־ראָש, ווייל אַזוי איז זיך דער שׂטן נוהג, ער רעדט צו בלויז צו אַ קליינער עבֿירה, און דער מענטש באַשטותט זיך און פֿאָלגט אים, און נאָך דעם וואָס ער האָט אים געפֿאָלגט, ווערט די נשמה זיינע ווי אַן אָנגעבלאָזענער באַלעם, וואָס קוים האָסטו אַריינגע־שטעקט אין אים אַ שפּיץ נאָדל, גייט ער אין גאַנצן איי̤ן.

און אויב די מעשׂה מיט זיין ברודער האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַ גרויסע אימה, האָט די מעשׂה מיט זיין מאַמען, שׂרהלע די באָבע, אָנגע־וואָרפן נאָך אַ גרעסערע אימה, און דערציילט האָט ער זי, כּדי אונדז מבֿאר צו זיין דעם ענין קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צוֹעֲקִים (די שטים פֿון דיין ברודערס בלוט שרייט) און דעם וְאֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק (און אַ שטיין פֿון דער וואַנט שרייט). אַ מאָל — האָט ער דערציילט — אין אַ פֿינצטערער רעגנ̤נאַכט, האָבן צוויי פּריצים אָנגעקלאַפּט אין אונדזער פֿענצטער און האָבן, אויף אַ מין דייטש־מעריש, ווי עס רעדן געווייטלעך די וואָס זענען אין דער שפּראַך נישט בקי, אַ זאָג געטאָן: מאַדאַם שׂרה, עפֿנט אונדז, עס האַנדלט זיך אין פּיקוח־נפֿש אין דער און דער גאַס. האָט זי זיי תּיכּף געעפֿנט, און כאָטש זיי זענען איר נישט איבעריק געפֿעלן, און איז מסופּק געווען צי זיי זענען בראָדער, האָט זי זיי נישט אָפּגעזאָגט, ווייל מיין מאַמע זכרונה לברכה, האָט זיך אַזוי געפֿירט, אַז זי האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. ווע̇סטו פֿרעגן: טאָמער גזלנים — וואָס קענען זיי שוין גזלענען ביי אַן אָרעמער זקנה; וועסטו פֿרעגן: טאָמער שדים — פֿאַרמאָגט זי אַ קמיע, וואָס גייט שוין עטלעכע דורות פֿון מאַמע צו טאָכטער, און איך טאָר נישט דערציילן, ווער עס האָט זי אָנגע־שריבן. איז זי אַרויס, האָט מען זי אַריינגעזעצט אין אַ געדעקטער קאָטש און זיי זענען זייער לאַנג געפֿאָרן. האָט זי געזאָגט: אויב די שטוב איי̤ערע איז אַפֿילו אין עקסטן עק פֿון שטאָט, וואָלטן מיר שוין באַדאַרפֿט דאָרט אָנקומען. האָבן זיי געזאָגט: מיר האָבן אייך אָפּגענאַרט, מיר וווינען אויסער דער שטאָט. זענען זיי ווידער לאַנג געפֿאָרן, האָט זי געזאָגט: אויב די שטוב

איי̆ערע איז אין עקסטן עק פון דער פערשטאָט, וואָלטן מיר שוין באַדאַרפט דאָרט אָנקומען. האָבן זיי געזאָגט: אויב איר וועט נישט שווייגן, באַצאָלט איר מיטן האַלדז; און האָבן איר פּנים פאַרוויקלט מיט אַ צוויל. איז ווידער אַוועק אַ שטיק צייט, און זי האָט שוין גאָרנישט געזאָגט. האָט די האַנט צוגעדריקט צום האַרצן, ווו זי האָט געהאַלטן די קמיע, און האָט געשעפּטשעט: באר באר, ראָשי־תּיבות פון בידך אפקיר רוחי (אין דיין האַנט געטרוי איך מיין זעל), און האָט גענומען איינדרימלען. נאָך דרימלט זי און די פּריצים האָבן זי אויפגעוועקט, אַראָפּגענומען פון קאָטש, זי געפירט דורך אַ סך טרעפּ, און דערנאָך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען דעם צוויל פונעם פּנים, און זי האָט זיך דערזען אין אַ פּראַכטיקער סאַליע, די ווענט באַהאַנגען מיט צלמים און איקאָנעס, אין מיטן אַ גרויס בעט, ווו עס איז געלעגן אַ פרוי, שיין ווי אַ מלאך, און האָט זיך געקאָרטשעט פון קימפּעט־ווייען, און אַרום איר עטלעכע פּריצים, אין פּריצישע קליידער, מיט מאַש־קאַרעס אויף די פּנימער. איינער פון זיי האָט אַ שריי געטאָן: קוק דיך נישט אום, נאָר טו באַהענדן דיין מלאָכה. האָט זי געזאָגט: איך וועל טאָן מיין מלאָכה, ווייל אַזוי האָט מען אויף מיר גוזר געווען אין הימל, און נישט ווייל איר האָט אַזוי גוזר געווען אויף מיר. האָט געשעפּטשעט די השבעות, וואָס זי איז געווען בקי אין זיי, און האָט אַלץ געטאָן בזריזות גדול. אַז זי האָט אירס געענדיקט און די קימפּעטאָרין האָט אַ ביסל איינגעשטילט אירע געשרייען, האָט דער בייזער פּריץ אַ זאָג געטאָן צו דער קימפּעטאָרין: און איצט האָסטו אַ מעת־לעת צייט צו באַשליסן, צי דער ממזר וועט בלייבן לעבן און דו וועסט פון מיין האַנט שטאַרבן, אָדער דער ממזר וועט שטאַרבן פון מיין האַנט, און דו בלייבסט לעבן און גייסט ווערן אַ נאָנע. און ווידער האָבן זיך באַוויזן די, וואָס האָבן גערעדט דייטשעריש, ווי עס קלינגט אין מויל פון יענע וואָס זענען נישט בקי אין דער שפּראַך, האָבן מיין מאַמעס פּנים איינגעוויקלט אין אַ צוויל, און פירנדיק זי צום קאָטש, האָבן זיי איר איינגעשאַרפט: איר האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. האָט זי געהאַט גרויס צער, וויסנדיק, אַז אין אַ מעת־לעת אַרום וועט מען דאָ הרגענען אַ נפש, און זי קאָן גאָרנישט העלפן, האָט זי זיך געקליגט, און אויפן וועג האָט זי זיך אַ קאָפּ צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אין דער פינצטער, אַרויפגעלייגט איר פאַרבלוטיקטע האַנט. די קאָטש איז געפאָרן און געפאָרן, ביז די צוויי פּריצים האָבן זי אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט די מאַמע מיינע און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל גיין גלייך, און אַז זי וועט דערהערן דעם רוף: האָקוס־פּאָקוס, מעג זי אַראָפּנעמען דעם צוויל, אָבער קוים טוט זי עס אַ מינוט פריִער, האָט זי פאַרשפּילט דאָס לעבן. האָט זי געטאָן ווי זיי האָבן איר אָנגעזאָגט און האָט זיך דערזען לעבן איר

שטוב, איז אָבער נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר איז געגאַנגען צום מאַנדאַטאַר און האָט אים אַלץ דערציילט, און ער האָט תּיכּף געשטעלט אויף די פיס די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויף אַלע שטראָזן און אויפגעזוכט אַלע פּאַלאַצן און שלעסער אין דער סביבה, און ווי זיי האָבן דערזען דעם בלוטיקן סימן אויף דער וואַנט, זענען זיי אַריין, און האָבן געטראָפן אַלץ ווי די מאַמע האָט זיי באַשריבן, און האָבן אָפּגעראַטעוועטביידע נפשות, די מאַמע מיטן קינד, און עס האָבן זיך פאַרצויגן לאַנגע פּראָצעסן, וואָס האָבן לסוף אָנגעשפּאַרט ביים קייסער.

(תשמ״ב)

מאמר ד: נוסח אַשכּנז

דער פעטער ר׳ יעקלע האָט טאַקע ליב געהאַט צו דערציילן, און עס איז אַ פּנים געווען זיין טבע, אָבער ער האָט געהאַט אַ גרויסן שטער, און נישט איין מאָל פלעגט ער זאָגן: איך וואָלט אייך דערציילט אַ שיינע מעשׂה, אָבער מחמת כּיבוד־אָב וועל איך זי נישט דערציילן. אַזוי פלעגט ער זאָגן, ווען ער האָט זיך מתכּוון געווען צו דערציילן מעשׂיות וועגן חסידים און צדיקים, און האָט, וויזט אויס, געפילט אַ געמיש פון דרך־ארץ און אימה פאַר זיין טאַטן, ר׳ יודעלע בערגער, פון די עלטסטע מתנגדים אין שטאָט. ווי פאַרשיידן זענען געווען דער טאַטע און דער זון — ער, דער, אַלטיטש־קער, האָט זיך געקליידט עפּעס קירצער און האָט געטראָגן אַ האַלב־צילינ־דער, און האָט זיך פאַרנומען מיט חשבונות לשמה; דער זון, ווייטער, האָט אין דער וואָכן געטראָגן אַ קיילעכדיקן סאַמעטענעם קאַפּעליוש, און שבת און יום־טוב, אויף התונות און בריתן, אַ שטריימל פון פרומסטן שניט. דער טאַטע, אַ שארית פון דער גדולה פון דער פריַישטאָט, ווען עס האָבן, אין פּראַקטיקן גאָרטן פון די גרויסע מסחרים, געבליט די בלומען פון דער השׂכּלה און די ליבשאַפט צו לשון־התּנ״ך און חכמת־הדקדוק, האָט געהאַט גרויס תּרעומת אויף דעם זון זיינעם, וואָס האָט זיך שוין געכאַוועט אין דער צייט פון דער שטאָט־ירידה, ווען עס האָט אין דעם אָרעמען גערטנדל פון דעם קליינעם מיסחר, געבליט דאָס געמיש פון גלויבן אין צדיקים, וועלכע טרייבן אַרויס דיבוקים און אין פּרנסות וואָס הענגען אין דער לופטן. שפּעטער־צו, ווען דער זון האָט זיך אַלץ מער און מער פאַרפרומט אויף זיין שטייגער, וואָס איז געוואָרן אַ דרך־הרבים, האָט זיך דער טאַטע אַלץ מער און מער פאַרמאַכט אין זיין שטייגער, וואָס איז געוואָרן אַ דרך־המעטים. ער האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויז מיטן זון, אָבער ער האָט זיך מיט

אים נישט אָנגעקערט; זיין שטוב איז געווען אָפּגעצוימט פון די איבעריקע שטיבער מיט אַ גרויסן און שווערן אַלמער, און בלויז אַ שפּאַרע איז גע־בליבן אויף צו עפענען די טיר, און געמעגט אַריינגיין האָבן בלויז זיינע צוויי אייניקלעך, אַ זון פון דעם זון זיינעם און אַ זון פון דער טאָכטער זיינער, און ביידע האָבן געהייסן שלמה־קהת. דער זון פון דער טאָכטער איז געווען אַ גוטמוטיקער גבר, וואָס האָט זיך געציילט צווישן די שטאָט־משוגעים, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַ קאַפּעליע, וואָס האָבן געשפּילט אויף האַרקעמלען און דער עיקר קאָנצערטן זייערע האָבן זיי געגעבן חנוכּה און פּורים. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס ר׳ יודעלע האָט אים דערלויבט, ער זאָל אים משמש זיין, פּונקט ווי ער איז געווען דער איינצי־קער, וואָס פּלעגט אַרויסרופן אַ שמייכל אויפן אַלטנס איינגעשרומפּן און צאַרניק פּנים, און ער פּלעגט צו זאָגן: דאָס איז דער מיושבסטער פון מיינע קינדער און קינדסקינדער, ווייל דאָס משוגעת זיינס היט אים אָפּ פון זייער משוגעת, פון חסידות. דער זון פון דעם זון זיינעם איז געווען אַ תּם־ותּמים און האָט געמעגט אַריין צו אים, און דאָס טאָג־טעגלעך, אויף צו לערנען אַ שיעור, און ער פּלעגט צו זאָגן: אמת, דער טאַטע דיינער קאָן מער לערנען פון מיר, אָבער ביי אַ זיידן לערנט זיך בעסער.

אַן איין־און־איינציק מאָל בין איך געווען ביי ר׳ יודעלע אין שטוב. — פריייטיק, ווען מיר פּלעגן גיין פון מרחץ, פלעגן מיר אָפּטרעטן ביים פעטער ר׳ יעקלע און דער מומע ברכה, וואָס דאָס הויז זייערס איז געווען נאָענט צו דער גרויסער באָד; האָט זיך אַ מאָל דעם טאַטן מיינעם פאַרגלוסט אַריינצוגיין מיט מיר צו ר׳ יודעלען. אין מיט שטוב איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש און אויף אים זענען געווען אָנגעלייגט בויגנס פּאַפּיר, פאַר־שריבן ציפערן על גבי ציפערן; פון איין זייט טיש איז געשטאַנען ר׳ יודעלע, ווי אַ מין גרייז־גראָער צוואַרג, און פון דער אַנדערער זייט ר׳ חיים שוואַרץ, דער בעל־קורא פון דער גרויסער שול, ווי אַ כּמעט גרייז־גראָער ריז, און ביידע האָבן געלייענט מיט אַ סאָרט ניגון, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, די סדרה, האָבן געהאַלטן די חומשים אין האַנט, מיט די אָפּענע בלעטער אַראָפּ און מיט די טאָוולען אַרויף, ממש ווי צוויי קינדער, וואָס פאַרמעסטן זיך ווער פון זיי וועט בעסער זאָגן אויף אויסנווייניק. די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן געלייענט, האָט דער אַלטער אונדז געזען און נישט געזען. — אַז מיר האָבן אים געזאָגט שלום־עליכם, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אויף אַ ווייל פאַרמאַכט איין אויג און פונעם פּנים זיינעם האָט מען געקענט אַרויסלייענען, אַז ער וואַקלט זיך צווישן יאָ און ניין לגבי אונדזער באַזוך. אויך נאָך דעם ווי זיי האָבן געענדיקט דאָס לייענען האָט ער דעם טאַטן מיינעם געענטפערט מיט תּנועות און

ערשט, אַז מיר האָבן זיך געזעגנט און זיך דורכגעשטופּט דורך דער שפּאַרע פון אַלמער, האָבן מיר געהערט זיינס אַ הומהום, און ווען איך האָב אויס־געדרייט דעם קאָפּ, האָב איך אים געזען אָנגעבויגן, ווי אַ קינד־אַ־זקן, וואָס האָט מיר צוגעוואָרפן אַ קשיא פון זעקס ווערטער: ניַין און ניַינציק טראַל אַשכּנז, וואָס?

איך האָב פאַרשטאַנען יעדער וואָרט באַזונדער און די ווערטער אין זייער באַהעפט: ניַין און ניַינציק מיינט אַ היפּשע מאָס, טראַל ווייטער איז אַ מאָס פון אָקעוויט. קומט אויס אַז ניַין און ניַינציק טראַל, מיינט אַ היפּשע מאָס חריפות, אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט אַשכּנז, וואָס מיינט אָדער אַ מלוכה, אָדער אַ נוסח דאַווענען? אָבער אַזוי ווי דער טאָן פון דעם זאָג איז געווען אויפן דרך פון אַ קשיא, וואָס שליסט אין זיך איַין די תּשובה, און דאָס אַ פּסקנישער יאָ, האָב איך געוואַרט ביז מיר זענען אַרויס אין גאַס, און דער טאַטע האָט מיר אויפגעקלערט, אַז די צוויי זקנים זענען די לעצטע וועכטער, וואָס היטן אָפּ די מויער פון נוסח אַשכּנז, וואָס איז מקפּיד אַקוראַט אַרויסצורעדן די תּנועות און טעמים, וואָס זענען קאַליע געוואָרן דורך דער השפּעה פון די חסידים, וואָס דאָס אַרט זיי נישט איבעריק. דער טאַטע מיינער האָט מיר אויך געבראַכט משלים דערצו — אָט אַ שטייגער, זענען מיר, ביים לייענען, נישט מבחין צווישן אַ קמץ־גדול מיט אַ שווא־נע נאָך אים און צווישן אַ קמץ־קטן מיט אַ שווא־נח נאָך אים, און מיר רעדן ביידע אַלץ איינס אַרויס, אָבער די ביידע זענען מקפּיד דערויף. האָב איך געפרעגט: דער חבר זיינער, ר׳ חיים, איז דאָך דער בעל־קורא אין דער גרויסער שול, וווּ עס גילט בלויז נוסח אַשכּנז, און ער קען דאָך דאָרט מקפּיד זיין, פאַר וואָס איז ער דאָרט ווי אַלע, נאָר אין רשות־היחיד, גייט ער נאָך זיין נוסח. האָט דער טאַטע מיר געענטפערט: זיי זענען אַ סאָרט אַנוסים, און אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין.

און כאָטש דאָס באַגעגעניש מיטן אַלטן אין זיין שטוב האָט מיר גורם געווען אַ שטיקל שוידער, האָט זיך מיר אַלע מאָל פאַרגלוסט אים נאָך אַ מאָל צו זען, און איך האָב שוין עטלעכע מאָל געהאַלטן די מעשענע קליאַמקע פון זיין טיר; האָבן מיך תּמיד די זייניקע צוריקגעשלעפּט און געזאָגט: חס־ושלום, אַיעדע רוגזה שאַדט אים, ווייל זי שטערט אים אין זיינע חשבונות. איך האָב געוווּסט פון זיין זון, דעם פעטער ר׳ יעקלע, וואָס באַטייטן די חשבונות, ווייל איין מאָל ווען מיר האָבן געשפּאַצירט צווישן די ליפּעס, האָט ער דערציילט, אַז דער טאַטע זיינער פאַרנעמט זיך

מיט חישוב־הקץ, און האַלט אין איין רעכענען ווען משיח וועט קומען, און איז מחולק מיט אַלע מחשבי־הקץ פאַר אים, איינגערעכנט דעם לעצטן, דעם הרב המלבים עליו השלום. אָבער דער פעטער איז תיכף אַריבער צו אַן אַנדער ענין. פאַר וואָס ער איז אַריבער, האָבן מיר זיך דערוווסט פון אַן אַנדער שמועס; ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן ימות־המשיח, האָט דער פעטער ר׳ יעקלע געזאָגט: וואָס חז״ל האָבן געזאָגט תיפח רוחם של מחשבי קצין — לאָזט זיך אַ קאָפּ ליצניש פאַרטייטשן: אָדער זיי האָבן געהאַט תרעומת דערויף, וואָס עס רעדט זיך וועגן קצין, אין לשון רבים, און נישט וועגן קץ, אין לשון יחיד, און דערפאַר האָבן זיי געשאָלטן, אָדער זיי האָבן געקלערט: ממה־נפשך, אויב מען קען באַרעכענען דעם קץ און באַשטימען זיין צייט, צו וואָס זאָגסטו: אחכה לו בכל יום שיבוא, טייטש — איך וועל אויף אים וואַרטן אַיעדן טאָג, ער זאָל קומען; און אויב דו זאָגסט יעדן טאָג, און דו מוזסט עס דאָך זאָגן, ווייל עס געהערט צו די י״ג עיקרים, צו וואָס טויג דיר אַ חישוב־הקץ?

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב מיך אַליין פאַרנומען מיט חישוב־הקץ, האָב איך מיך מצער געווען וואָס איך קאָן מיך נישט באַראָטן מיט ר׳ יודעלע, ווייל ער איז שוין אַוועק אויפן עולם־האמת. און ווי־אַרום איז ער אַוועק — אין טאָג, ווען אַ קאָמפּאַניע קאָזאַקן זענען צום ערשט אַריין צו אונדז אין שטאָט אַריין, האָבן זיי אויפגעוועקט דעם אַלטן ר׳ יודעלע פון שלאָף; האָט ער זיך צעשריגן מיט גרויס רוגזה: וואָס, דאָס חסידישע געזינדל וואַרפט שוין ווידער שטיינער, זיי קענען נישט רויק שלאָפן, ווייל עס איז נאָך דאָ אַ טריף אַשכּנז אין שטאָט? נאָך מיטיק, ווען די קאָמפּאַניע קאָזאַקן האָט זיך אומגעקערט אין וואַלד און דער רוב יידן אין שטאָט האָבן זיך אַרויסגעגנבעט, כּדי צו אַנטלויפן צו מערב־צו, האָט זיך אויך דעם פעטער ר׳ יעקלעס משפּחה געלאָזט אין וועג אַריין, און ווען זיי האָבן מיטגענומען דעם אַלטן, איז ער צום ערשטן נישט איינגעגאַנגען דערויף, און אויפן גאַנצן וועג, שלעפּנדיק קוים־קוים די מידע פיס, האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן: צוויי און אַכציק יאָר האָב איך אָפּגעהיט אַשכּנז און בין נישט אַנטלאָפן פאַר דער בעלזער און סטרעליסקער האַלאַטע, און איצט אַנטלויף איך. אין מיטן וועג האָט ער זיך, פאַר צו פיל מידקייט, אַנידערגעזעצט, האָט מען אים אויפגעהויבן, — ער איז געווען לייכט ווי אַ פּיצל קינד — און געלאָזט אַפּרוען אויף אַ קליין שאָטנדיק בערגל, איז ער זיצנדיק אַנטשלאָפן געוואָרן און מער נישט אויפגעקומען. איז די משפּחה געשטאַנען, אומעטיק און אַבלדיק, און נישט געוווסט וואָס זאָלן זיי טאָן מיטן בר־מינן, האָבן זיי אים אויפגעהויבן און גענומען טראָגן צו אַ נאָענטן יישוב, כּדי אים זיין רעכטס צו טאָן, אָבער קוים זענען זיי

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָבן זיי דערזען אַ גרופּע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן פאַרשפּאַרט דעם וועג און נישט דורכגעלאָזט. האָבן זיי קיין ברירה נישט געהאַט, נאָר זיך אומצוקערן. אָבער אַזוי ווי מען טאָר נישט קיין מת צוריקפירן מיטן זעלבן וועג, האָבן זיי אויפן אָרט זיין רעכטס געטאָן און דאָרט מקבר געווען, אַזוי אַז דער קבר זיינער, מיט אַ דערווייליקן ציון, איז געבליבן אַליין אין סאַמע מיט פעלד.

איך ווייס נישט וואָס מען האָט דעמאָלט אָנגעשריבן אויף זיין ציון, אָבער עס וואָלטן זיך געפּאַסט די זעקס ווערטער: ביין און ביינציק טראַל אַשכּנז, וואָס?

מאמר ה׳: טאַטע און זון

לאַנג, לאַנג, נאָך דעם ווי ר׳ יודעלע איז שוין מער נישט געווען, און מען האָט זיין געביין אַריבערגעפירט אויפן בראָדער בית־עולם, און דער פעטער ר׳ יעקלע, וואָס איז אַוועק קיין ווין און שפּעטער קיין אַמעריקע — פלעגט זיך מיר נאָך שטעלן פאַר די אויגן די סתירה צווישן האַרטן טאַטן, וואָס זיין קפּדנות האָט אים דערפירט צו אַ פאַרעקשנטער אָפּגעשלאָסנקייט, און געמאַכט פאַרן מוראדיקן קוריאָז פון דער משפּחה, און צווישן ווייכן זון, וואָס זיין מילדקייט האָט אים געבראַכט צו אַ וותרנישער אויפגע־שלאָסנקייט, און געמאַכט פאַרן נחת־רוח פון דער משפּחה, און וועלנדיק באַשיידן דאָס רעטעניש, האָב איך מיין טאַטן געמוזט שטעלן עטלעכע קשיות: האָט דאָך דער ר׳ יודעלע געוווּסט, וואָס פון זיין זון קאָן און מוז ווערן, אויב ער האָט גענומען אַ טאָכטער פון פאַרברענטסטן בעלזער חסיד אין שטאָט, דעם עלטער־זיידן ר׳ יוסף שפּיראָ, וואָס מען האָט אים גערופן ר׳ יאָשע שוחט, ווי־אַרום איז ער אייַנגעגאַנגען אין אַזאַ שידוך? האָט מיר דער טאַטע געענטפערט: ווי דו ווייסט, איז דער פעטער ר׳ יעקלע נישט געווען קיין חסיד ממש, צו קיין רבין איז ער נישט געפאָרן, אַז אַ רבי איז געקומען צו אונדז אין שטאָט אַריין, איז ער נישט געגאַנגען געבן און נעמען שלום, שוין אָפּגעשמועסט פון לאָזן שרייבן אַ קוויטל. אמת, ער איז נישט נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן זיינעם — דען ר׳ יודעלע האָט נישט געוואָלט זיין מיט אַ רבין אין איין שטאָט; פריִער, ווען אַ רבי פלעגט בלויז קומען אויף אַ שבת און העכסטנס צוויי שבתים, און פלעגט נישט וווינען אין שטאָט גופא, מחמת צוויי טעמים — ערשטנס, האָבן זיי זיך נוהג געווען ווי די פריִערדיקע צדיקים, וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי שפּירן

אין די נאָזלעכער דעם סוואָנד פון דער שׂרפה, וואָס מען האָט דן־געווען דעם תּולדות יעקב־יוסף; צווייטנס, זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן באַגעגענען מיט די אַפּיקורסישע משׂכּילים און עובר זיין אויפן פּאַרזאָג, אַז מען טאָר זיך נישט אַריינקוקן אין פּנים פון אַן אָדם־רשע. שפּעטער, אַז אַ רבי איז שוין איַינגעשטאַנען אין סאַמע שטאָט, פלעגט ר׳ יודעלע אַרויסגיין אין מאַרק אַריין, און צוזאַמענרופן ניַין טרעגערס, האָט יעדן איינעם געגעבן אַ ריַיניש כּסף, און זיי געדונגען, זיי זאָלן מיט אים אַוועק אין אַ דאָרף, ווו ער וועט קענען, אין אַ ריינער לופט, דאַווענען מיט מנין. נאָך שפּעטער, אַז רביים האָבן גענומען זיך באַזעצן אויף שטענדיק, אַזוי ווי דער רבי ר׳ דודעליע, דעם ריזשינערס איניקל, וואָס האָט זיך געקויפט אַ מויער אין דער שפּיטאָל־גאַס, אָדער דער רבי ר׳ ישׂראלכן ראַטינער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין דער שול־גאַס, האָט שוין ר׳ יודעלע געזען, אַז די קלאָג איז פּאַרטיק און זיך אַלץ מער און מער אָפּגעשלאָסן. אַוודאי האָט ער געהאַט אַ פּאַרדראָס אויפן זון, וואָס איז אַריבער אויף נוסח ספרד, אָבער מסתּמא האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דעם פּעטער ר׳ יעקלעס פּשרה צווישן טאַטן און שווער; און וואָס שייך דעם פאַרבייט פון דער הלבשה, האָט ער דאָך געמוזט וויסן, אַז אויב דאָס שטריימל איז נישט מסיני, איז עס דער האַלב־צילינדער אַוודאי נישט.

און וואָס שייך — האָט דער טאַטע מיינער ממשיך געווען — ר׳ יודע־לעס הסכּמה צום שידוך, איז ערשטנס, מעגלעך אַז עס איז נישט געווענדט געווען אין אים, נאָר אין זיין זוגתו, שׂרהלע די באָבע, וואָס האָט אָפּגע־נומען כּמעט אַלע קינדער אין שטאָט, און האָט נישט איבעריק געהאַלטן פון איר מאַנס מתנגדות, און האָט, ווי ס׳רוב ווייבער, געגלייבט אין די רביים, און גאָר מעגלעך, אַז איר איז דער שידוך מיטן זיידע ר׳ יאָשע געפעלן און זי האָט אים צו שטאַנד געבראַכט; און ר׳ יודעלע האָט טאַקע נישט געזאָגט באָם, אָבער אויך נישט געזאָגט לאָ־באָם, און האָט זיך גע־טראַכט: מען קען, ווייזט אויס, די וועלט נישט איבערמאַכן, און די וועלט וויל דווקא זאַבאַבאָנעס.

באמת איז דאָס וואָרט זאַבאַבאָנעס געווען אַ לשון־רגיל אין ר׳ יודעלעס מויל — ווען דעם פּעטער ר׳ יעקלע איז געבוירן געוואָרן דער ייִנגערער זון זיינער, האָט ער זיך געקווענקלט אים אַ נאָמען צו געבן נאָך זיין ברו־דער, יחיאל־מיכל, וואָס האָט זיך דערטראָנקען; בעיקר האָט עס די קימ־פּעטאָרין, די מומע ברכה, נישט געוואָלט: ווייס איך, אַ מאַבד־עצמו־לדעת. אָבער ר׳ יודעלע האָט אָפּגעפּסקעט: זאַבאַבאָנעס, און געטענהט, אַז זינט דעם רב הקדוש ר׳ יחיאל־מיכל פון נעמערעוו, וואָס חמיל, ימח שמו, האָט אים דערהרגעט, איז אין דער משפּחה נישט געווען קיין דור אָן זיין הייליקן

נאָמען, און אויב דער יִנגערער זון זיינער האָט אים אַליין אויסגעלאָשן, איז אַ חיוב אים ווידער אָנצוצינדן, אַז דאָס ליכט פון זיין הייליקן נאָמען, זאָל לייכטן צווישן די לעבעדיקע.

און איך וויל פאַרענדיקן מיט ר׳ יודעלעס צוויי אייניקלעך — ר׳ שלמה קהת און ר׳ יחיאל־מיכל, מיט וועלכע איך האָב מיך, מיט עטלעכע יאָר צוריק, באַגעגנט אין פּיטסבורג, ווו עס פּולסירט אַ שטאַרקער אָדער פון אונדזער משפחה. ר׳ שלמה־קהת האָט דעמאָלט געפייערט זיין נײַנציק־יאָריקן געבוירן־טאָג און מען האָט אים באותו יום מיט גרויס הצלחה אָפּערירט די אויגן, און מיר האָבן געהאַט אַ פריילעכן שמועס דערוועגן, און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, דערמאָנט דעם זיידן זיינעם, ר׳ יודעלע, און דעם שיעור וואָס ער האָט אים געגעבן. דו ווייסט דאָך — האָט מיר ר׳ שלמה־קהת געזאָגט — אַז דער זיידע עליו־השלום איז געווען אַ מחמיר, האָט ער מיך געלערנט נדרים, מיטן ר״ן, וואָס איך האָב שווער תופס געווען. האָב איך געפרעגט: זיידעניו, פאַר וואָס לערנסטו מיט מיר אַזאַ שווערע גמרא? האָט ער מיר געענטפערט: צוליב דרײַ טעמים: ערשטנס, האָף איך, אַז דו וועסט זיין אַ בריה, און נישט ווערן קיין שוחט, ווייל היינטיקע צייטן קאָמאַנדעווען די רביים ווער און ווו זאָל זיין אַ רב, אַ דיין, אַ שוחט, און פאַרטיילן דאָס זייערע חסידים־שוטים, וואָס חנפענען אונטער זיי מיט זייערע גבאים. נו, אַז דו וועסט האָבן מזל און נישט ווערן קיין שוחט, וועסטו זיך אָבער צוזאַמענקומען מיט די קרובים דײַנע, סאַמע שוחטים, און זיי וועלן זיך מפלפל זיין אין הלכות־שחיטה, וועסטו אויך אַריינוואַרפן אַ וואָרט און זיי וועלן מוזן האָבן דרך־ארץ פאַר דיר. צווייטנס, זע איך דאָך, אַז דו ביסט נישט אַזאַ בריה, ווי דו וואָלסט באַדאַרפט צו זיין, כּדי זיך אַנטקעגנשטעלן אַ פאַך, וואָס דער רוב משפחה האַלט זיך אין אים, און וועסט נעבעך יאָ ווערן אַ שוחט, און ממילא וועסטו זיך צוזאַמענ־קומען מיט דעם בינטל שוחטים אין דער משפחה, און זיי וועלן זיך מפלפל זיין, זאָלסטו נישט בלייבן קיין שטומע לעלע, און זיך אָנרופן ווי איינער זאָגט: אויב פלפול — לאָזט מיך. דריטנס, נדרים מיט ר״ן איז טאַקע אַ הויכער באַרג, אָבער אַז דו וועסט אים האָבן הינטער זיך, וועלן דיר שוין אַלע איבעריקע בערג לייכט אָנקומען.

האָב איך אויסגעהערט וואָס דער אַלטער ר׳ שלמה־קהת האָט מיר דערציילט און באַמערקט: אַ חידוש וואָס דער זיידע דײַנער האָט נישט פאַרענדיקט: אַלע איבעריקע בערג — ווי אַן אמתער בערגער. האָט מיר ר׳ שלמה־קהת געענטפערט: דאָ האָסטו אַ טעות, דער משפחה־נאָמען בער־גער האָט גאָרנישט צו טאָן מיט בערג, נאָר עס מיינט וואָס מען רופט דײַטשיש בירגער, משמע אַ שטעטישער ייִד און בעיקר אַ שטעטישער

גביר, אַ בורזשוא. און ער איז גרייַלעך גערעכט: פּונקט ווי דאָס דייטשישע פּירטל איז ייִדיש אַ פּערטל, און דער דייטשישער טירקע איז ייִדיש אַ טערק, אַזוי איז דער דייטשישער בירגער ייִדיש בערגער, און מיר האָבן דאָך צווישן ר׳ נחמנס מעשׂות די מעשׂה פֿון בערגער און עני. אלא־מאַי, נישט ווייניק פֿון די וואָס הייסן בערגער האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן הררי, — און מלך ראַוויטשס ברודער, משה בערגנער, האָט זיך אַ נאָמען געגעבן הרוני — מילא. איז עס אַ טעות.

אָבער צוריק צו ר׳ יודעלעס אייניקל, ר׳ יעקלעס ייִנגערער זון, יחיאל־מיכל זאָל לעבן, וואָס מען האָט אים אין בראָד גערופֿן מעכעלע און אין פּיטסבורג רופֿט מען אים מעקס. אויב דער עלטערער ברודער זייַנער, ר׳ שלמה־קהת, איז געוואָרן אין אַמעריקע אַ שוחט, איז שוין מעכעלע געקומען אַהין אַ בעל־מלאָכה, אַ זעצער, און געוואָרן אַ דרוקער — אין פּיטסבורג, אויף אַ היפּשן פּלאַץ, שטייט זייַן גרויסע דרוקערייַ, ווו עס אַרבעטן דרייַ דורות בערגערס, אַלע דרוקערס. ווי־אַרום עס האָט זיך גענומען אַ דרוקער אין אַ משפּחה פֿון שוחטים, שענקערס און סוחרים — איז אַ מעשׂה פֿאַר־זיך. דער בראָדער רבֿ, ר׳ אַברהם מנחם־מענדל הלוי שטיינבערג, האָט געוואָלט דרוקן זייַנע שאלות־ותשובֿות „מחזה אברהם״, און כּדי ער זאָל האָבן די הגהות ביי דער האַנט, האָט ער באַשלאָסן זיי צו דרוקן אין דער בראָדער דרוקערייַ פֿון דער פֿירמע פּיטש עט ווייַנשטאָק. האָבן זיי באַדאַרפֿט אַ זעצער, וואָס קען זיך אויס אויף קליינע אותיות, האָט דער פֿעטער ר׳ יעקלע מסכּים געווען, אַז דער זון זייַנער, מעכעלע, זאָל זיך נעמען צו דעם פֿאַך און געזאָגט: נישט אומזיסט הייסט עס מלאכת־הקודש, און דער זיידע, ר׳ יודעלע, האָט אים באַשטאַרקט דערינען, זאָגנדיק: מלאָכה־מלוכה. אַזוי איז מעכעלע געוואָרן אַ זעצער, און האָט אויסגעזעצט דעם רבֿס ספֿר, וואָס איז אָבער ערשט אַרויס מיט יאָרן שפּעטער (תּרפּ״ז), און מיט דער ערשטער מלחמה איז ער מיט דער משפּחה אַוועק קיין ווין, און דאָרט איז ער געווען אַ זעצער אין דער ייִדישער צייטונג, צוזאַמען מיט ישׂראל לאָנדאָן, וואָס האָט באַגרינדט אַ גרעסערן פֿאַרלאַג „דער קוואַל״, צום ערשט אין ווין און שפּעטער אין אַמעריקע און, אויך א. ב. צעראַטע, וואָס האָט אויך באַגרינדט אַ קלענערן פֿאַרלאַג, און איז הי געווען דער אָנפֿירער פֿון אונדזער דרוקמוזיי אין צפֿת און איבער־געלאָזט אַ גאַלעריע אויף זייַן נאָמען אין בת־ים. די צווי יונגע־לייט זענען געקומען פֿון פּוילן, וואָס איז דעמאָלט געווען אין רשות פֿון ווילהעלמישן דייטשלאַנד, און זענען געווען פֿרייַ פֿון מיליטער, בשעת מעכעלע האָט

געמוזט גיין דינען. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך נאָך געטליקעט אין דרוקערייען אין אייראָפּע, דערווייל האָט דער עלטערער ברודער זיינער, ר׳ שלמה־קהת, אַראָפּגעבראַכט טאַטע־מאַמע, דעם פעטער ר׳ יעקלע מיט דער מומע מרת ברכה, קיין אַמעריקע, און פאַרנדיק אַהין האָבן זיי געפּראַוועט מעכעלעס חתונה — ער מיט דער כּלה זיינער, זיין און אונדזער גע־שוועסטערקינד מרת ריוועלע, זענען געקומען קיין ראָטערדאַם און אַרויף אויף דער שיף, ווו טאַטע־מאַמע זענען געפאָרן, און דאָרט האָט זיי דער טאַטע, אונדזער פעטער ר׳ יעקלע, געגעבן חופּה־וקדושין. מיט יאָרן שפּע־טער, איז אויך מעכעלע געקומען קיין אַמעריקע — אָבער ווי־אַרום אונדזער משפּחה האָט פאַר זיך אַנטדעקט אַמעריקע, איז אַ זייער לאַנגע און פאַר־פּלאָנטערטע מעשׂה, וואָס איז געבונדן מיטן ענין שידוכים אין דער משפּחה גופא — אַ טוץ שוועסטערקינדער וואָס האָבן צווישן זיך חתונה געהאַט — און מיר האָפן, אין המשך פון אונדזער פּראָטאָקאָל, זי אויפצופּלאָנטערן.
(תשמ״ב)

VI

בעלי חיים

פרק א: צווישן מאַרדער און טכויר

א

דער אינטערעסאַנטער רעפעראַט פון מרת עריקאַ טימס וועגן דער יידישער משלים־ליטעראַטור פון 16טן יאָרהונדערט, וואָס האָט מסתמא געוועקט דעם נייגיר פון די הערערס אין דער ייִדיש־סעקציע פון ירושלי־מער יודאַיסטישן קאָנגרעס, וועט אַוודאי אַרויסרופן אַ וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיע פון מומחים, בעיקר לגבי די חידושים וואָס די פאָרשערין האָט דאָרט פירגעלייגט. עס האַנדלט זיך דאָ בעיקר וועגן צוויי ייִדישע משלים־געזעמלען, דאָס „קוהבוך" פון ר׳ אַברהם בן־מתתיהו, און „משלי שועלים" פון ר׳ יעקב קאָפּעלמאַן — צוויי ספרים, וואָס מען האָט, אין דער פאָרשונג, געהאַלטן פאַר פאַרלוירן; אַ סברה וואָס ווערט אין דאָזיקן רעפעראַט אָפּגע־פרעגט, און דאָס אויף גרונט פון געפינסן, וואָס זאָלן באַרייכערן די ייִדיש־ליטעראַטור מיט אַ הונדערט משלים מער, ווי עס ווערט איצט אָנגענומען.

לאָזן מיר איצט אָפּ די בת־מלכה — די דיסקוסיע, אין וועלכער מיר וועלן אפשר אויך לאָזן פאַלן אַ וואָרט, און נעמען זיך צום בן־מלך — אַן איינציקער משל פון קאָפּעלמאַנס ספר, וואָס מרת טימס האָט אָפּגעפונען. עס איז דאָס ספר „משלי שועלים", ווו עס זענען פאַרייִדישט הונדערט־זעקס־און־דרייסיק משלים און די פאָרשערין האָט געפונען זייערע מקורים, חוץ איינעם, וואָס זי נעמט אָן, אַז אויב דער בעל־מחבר האָט עס אַליין נישט אויסגעטראַכט, שטאַמט עס מעגלעך, פון אַ מזרח־אייראָפּעיִשער טראַ־דיציע שבעל־פה. און אָט האָבן מיר דעם משל:

איין בייא שפיל בון [= פון] הינר אונ׳ איין מערדיר אונ׳ איין טחורש.

אוף איין צייט טעטן ויל [= פיל] הונער ביי אַנגדער שטין, / איין טחורש, אוף טייטש איין אילטש גינאַנט, קאם צו גין. / פר איין

צאביל טעט ער זיך אויש געבן / ער מיינט דער דורך די הונר צו ברענגן אום איר לעבן. / די הונר קענטן איין ניט אונ׳ שפראַכן: „מיר וועלן עש לאשן אַן ווייל אן שטין / אונ׳ וועלן זעהן, מיט וועם ער ווערט שפּאַצירין גין״. מיט דעם מערדר וואר אל זיין גאנג. / די הינר פלאגן בלד קען פאר, זי שפּראַכן: „זיין אורטל איז איבר אונש שטראנג״ / זי שפּראַכן: „עש מוש זיין אך [= אויך] איין הינר פרשר, ווייל ער מיט דעם מערדר האט אל זיין וועזן. / פאַר אים קונן מיר אך ניט גינעזן.״ /

איין בייא שפּיל, ווען דו ווילשט דער קענן איין מאַן, / זיך [= זע], מיט וועם ער האט צו טאָן.

אין היינטיקן יִדיש וואָלטן מיר דעם משל, בערך אַזוי געבראַכט:

אַ משל פון הינער און מאַרדער און אַ טכויר.

אַמאָל זענען אַ סך הינער ביי אַנאַנדער געשטאַנען. אַ טכויר וואָס רופט זיך טייטש: אַן אילטיס, איז געקומען צו גיין; האָט זיך אויס־געגעבן פאַר אַ סויבל, און האָט זיך מתכוון געווען די הינער אום זייער חיות צו ברענגען; די הינער האָבן אים נישט געקאָנט און האָבן געזאָגט: „מיר וועלן עס אַ ווייל לאָזן, און וועלן זען, מיט וועמען ער וועט שפּאַצירן״. זיין גאַנצער גאַנג איז געווען מיט אַ מאַרדער, די הינער זענען זיך באַלד צעפלויגן, און געזאָגט: „זיין פסק־דין איבער אונדז איז שטרענג״. זיי האָבן געזאָגט: „ער קער צו זיין אַ הינער־פרעסער, ווייל זיין גאַנץ מחזקות איז מיטן מאַרדער; פאַר אים קענען מיר נישט אויסקומען.״ אַ משל, אויב דו ווילסט קענען אַ מענטשן, קוק זיך איין, מיט וועמען ער האָט אַ מגע־משׂא.

ב

אַוודאי, אַז צום עצם פאַרשטענדעניש פונעם משל און זיין מקור פאָדערט זיך אויסצוגעפינען, צי איז זיין אָפּשטאַם טאַקע אַ מזרח־אייראָפּעיִ־שער, קלאָרער געזאָגט: סלאַוויש, נאָך קלאָרער געזאָגט: פּויליש, ווי עס באַווייזט אפשר דער אויסלייג: טחורש, אַזוי אַז דער מקור איז אפשר פּויליש, און דאָ האָבן קודם־כּל דאָס וואָרט די פאָרשער פון פּוילישן משל, ווי עס איז איצט יוליאַן קזשיזשאַנאָווסקי און זיין שול. מיר ווילן איצט פּרוּוון פאַרענטפערן די קשיא, פאַר וואָס דער מחבר, ר׳ יעקב ב״ר בונים קאָפּעלמאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן און זיך געכאָוועט אין בריסק דקויאַ

[= קויאַוועץ], און האָט זיין בוך געדרוקט אין ברייסגוא (פרייבורג), אין יאָר 1583, האָט געפונען פאַר נייטיק פאַר זיינע לייענערס צו ברענגען אַ בפירוש סלאַוויש וואָרט: טחורש, און זיך נישט באַנוגנט מיטן טייטש, וועלכן ער אַליין ברענגט: אילטיש. איז דאָך דאָס וואָרט: אילטיס אַ באַקאַנט וואָרט, וואָס קלינגט אַזוי אָדער ענלעך אין דער דייטשישער שפּראַך, אין אַלע אירע אַנטוויקל־תּקופות: אַלטדייטשיש, מיטלהויכדייטשיש, נייהויכדייטשיש, און איז אַריין אין יידיש און האָט זיך אין איר גאָר לאַנג געהאַלטן, און איז אַפילו אין די לעצטע דורות נישט גאַנץ פאַרשוווּנדן. צום דערקלער פון דעם דייטשישן וואָרט, איז געננג, אַז עס פאַרמאָגט בעיקר די פאָרעם: אילטיס, וואָס איז אַ טערמין פאַר אַ רויב־בעל־חיים, ענלעך צו אַ וויזעלע, און גרויס ווי אַ קאַץ, און עס לאָקערט אויף עופות, בעיקר הינער און איז, במחילה, באַרימט מיט צוויי מידות, מיט זיין געשטאַנק (וואָס נעמט זיך פון אַ דריז אונטערן ווידל), און זיין פּחדנות, אַזוי אַז אויך אַנדערע ברואים, דאַרונטער בעיקר מענטשן, וואָס פאַרמאָגן איינע פון די צוויי מידות, ווערן אָנגערופן אויפן נאָמען פון דער דאָזיקער חיה. אַזוי גייט עס אויך, נאָך דעם ווי דער דייטשישער טערמין: אילטיס איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורכן סלאַווישן טערמין: טכויר. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן מיר ביי יצחק באַשעוויס, וואָס לאָזט איינעם זאָגן: „איך האָב נישט קאַ׳ מורא — — נישט פאַר קאַ׳ לעבעדיקע און נישט פאַר קאַ׳ טויטע. אויב דו ביזט אַ טכויר, וואַרף נישט אַרויף אויף יענעם" („דאָס געוועט", פאָרווערטס, 19 נאָוועמבער 1965); און אַן אַנדערן לאָזט ער פאַר זיין תּליה, צו די תּליינים אַזוי זאָגן: „איר שטייט דאָ מיט די שווערדן און די צלמים, באַהאָנגען מיט מעדאַלן און בענדער, אָבער יעדער פון אייך שטינקט ווי אַ טכויר" („דער געהאָנגענער"). ענלעך שטייט עס אין די משלים, און אויב ברענגען אפשר דעם יינגסטן פון זיי, ווי עס ברענגט אים מ. ז. טקאַטש: „דער טכויר האָט פון דעם פוקס געחוזקט גראָב, / אַזוי ווי אַ כאַמולע: / אַ בראָך צו דיר דו קלוגער קאָפּ! / וואָס איז די פּעולה / פון דיין באַרימטן שאַרפן מוח, / אַז אַלע לויפן פאַר מיין ריח, ווי פאַר דעם גרעסטן כּוח? —" / „געגרעכט, אָט לויף איך טאַקע, ווי אַ האָז, — / האָט מיט אַן אָפּגעקערטער נאָז, / געזאָגט דער פוקס און פיס געשטעלט: / אַן אָפּשטויס־כּוח האָסטו, אָבער, גרויסער העלד, / צו קאָנסטו צוציען אַ פריינד דערמיט, / ווי דער, וואָס מיט זיין חכמה ציט? — " („נח׳ס קאַסטן, משלים און מעשה׳לעך", 1942, ז׳ 90).

ג

עס איז אָבער נייטיק צו געדענקען, אַז דאָס וואָרט: אילטיס, וואָס מיינט דייטשיש בלויז אַ טכויר, דינט יידיש צום באַצייכן פון צוויי פאַרשיידענע בעלי־חיים, אמת אין אוצר פון נחום סטוטשקאָוו, האָבן מיר אין דער ווערטער־משפחה פון בעלי־חיים, אַן אונטערגרופּע: טכויר, שעשקע, אילטיש, אילטיס, סקונגע, סקאַנגע, און ביי די ווערטער: אילטיש און אילטיס, האָבן מיר אַ סימן, אַז זיי ווערן נישט רעקאָמענדירט אין דער קולטורשפּראַך; ווייטער לגבי די צוויי לעצטע ווערטער, האָבן מיר אַ באַצייכן, אַז זיי זענען אַמעריקאַניזמען. הייסט עס, אַז סטוטשקאָוו באַנוגנט זיך מיט אילטיש, אילטיס ווי מיט אַ מער נישט באַנוצטן פּאַראַלעל פאַר דעם לעבעדיקן טכויר, וואָס האָט זיי אַרויסגעשטויסן. אָבער אַנדערש שטייט עס אין יודל מאַרק׳ס גרויסן יידישן ווערטערבוך, וואָס ברענגט דאָס וואָרט אין צוויי באַזונדערע פּאָזיציעס. די ערשטע פּאָזיציע: אילטיס, אָדער אילטעס ווערט באַצייכנט ווי אַן אַרכאַיש מערב־יידיש וואָרט און באַטייט, ווי אין דייטשישן, אַ טכויר, און עס ווערט דאָרט געבראַכט אַ גענוג שפּעטע ציטאַטע (וואַרשע, 1885): „דער אילטיס איז אַ שרעקלעכער רויבער. ווען ער קומט צו אַ שטייג פון הינער אָדער טויבן, דערווערגט ער אַלע, אום צום טרינקען זייער בלוט. זיין פעל ווערט געניצט צו פּעלצן״. די אַנדערע פּאָזיציע: אילטיש, אילטעס ווי אַ טייטשוואָרט פאַר לטאה (ויקרא, י״א, ל׳) און עס ווערן אויסגערעכנט די מקורות, וואָס האָבן אַזאַ טייטש: באר משה, באר־התורה, שפה ברורה, טייטש־חומש, דברי־יושר, און עס ווערט אויך באַמערקט, אַז דאָס וואָרט איז געבליבן ביזן סוף 19טן יאָרהונדערט, באמת גייט עס נאָך ווייטער, עס ווערט דאָך דערמאָנט אין ר׳ יצחק זאַלער׳ס שערי יצחק, (וואַרשע תרע״ט), משמע אַז אויך שפּעטער האָט מען דאָס וואָרט, לפּחות אין טייטש, באַנוצט. דערלויב איך מיר צו באַמערקן, אַז דער מחבר, ר׳ יצחק זאַלער, האָט זיך באַנוצט מיט עלטערע מקורים — וואָס שייך דעם עיקר ספר, וואָס איז געבויט ווי אַ שמועס צווישן רבין און תלמיד, האָט ער זיך בפירוש באַנוצט מיטן ספר „ראשית דעת״ פון ר׳ יצחק אליהו מנחם אסקולי, פון פעראַראַ, וואָס איז צומערשט אַרויס אין ליוואָרנאָ 1840, און פאַרמאָגט אויך אַ וואַרשעווער עדיציע 1883 און 1902. וואָס שייך ווייטער דעם סוף ספר פון יצחק זאַלער, דער גרופּע טייטש־ווערטער, זעט מען, לויטן דרוק און אויסלייג, אַז ער האָט עס פון אַ פריערדיקן, עלטערן ספר. יאָ, אין דערמאָנטן גרויסן ווערטערבוך ווערט אויך דערמאָנט אַז דער באר משה האָט אויך דאָס וואָרט אילטיש פאַרן וואָרט אוחים (ישעיה, י״ג, כ״א), פאַר וועלכן דער מאָדערנער יהואש האָט

קלאָג־חיות, פונקט ווי ער האָט פאַר לטאה נישט אילטיס נאָר עקדיש. אויך ווערט ביי מאַרק׳ן געבראַכט אַ ציטאַט פון דער ליטעראַטור און דאָס פון בראַנטשפיגל: „איין שטויק [= שטיק] אַז [= ווי] איין שוועצל פון איינם אילטש״.

אַזוי אַרום זעען מיר, אַז צוויי פאַרשיידענע בעלי חיים האָבן קאַנדידירט אויפן באַצייכן: אילטיס — דער טכויר און אַ סאָרט עקדיש, און פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טייטשוואָרט פאַר אילטיש, אילטיס, ווי דער פּאַראַלעל פאַר לטאה, וואָס האָט, לויט אַלע פּירושים, נישט צו טאָן מיטן טכויר, זענען געווען פּאָפּולאַרער, האָט זיך דאָך דאָס טייטשוואָרט אילטיס לגבי לטאה געהאַלטן. און מיר דערלויבן זיך צורעכענען אויך אַנדערע מקורות, וואָס ווערן אין גרויסן ווערטערבוך נישט דערמאָנט — אַזוי, אַ שטייגער, ר׳ יקותיאל בליץ: דער אילטש, ר׳ יוסף וויצהויזן: דער אילטש; מגישי מנחה: אונ׳ דיא אילטש; ר׳ שלמה זלמן לונדן („קהלת שלמה״): אילטעס, בשעת די לטאה, אַ קריך־חיה האָט מיטן טכויר — אַ רויב־חיה גאָרנישט צו טאָן, און יהואש איז גערעכט לויט די עיקרדיקע פּירושים, און אויב איך מעג מיר דערלויבן אַ השערה האָט זיך אפשר דער טייטש: הלטאה [לויט אַ טייל געהער די ה״א צום שורש] גענומען פון דער קלאַנג־ענלעכקייט צו אילטיס.

גאָר מעגלעך, אַז ר׳יעקב קאָפּעלמאַן האָט טאַקע געבראַכט דאָס טייטשוואָרט: אילטעס אין זינען ווי עס מיינט דייטשיש, און נישט ווי עס מיינט אין טײַטש, און האָט זיך דערוועגט צו באַנוצן דאָס סלאַווישע וואָרט, סיי ער האָט געהאַט דעם משל פון אַ סלאַווישן מקור, סיי ער האָט עס געהאַט פון זיין בריסקער קויאַווער ייִדיש. די קשיא, צי איז שוין דעמלט געווען דער הייגטיקער באַנוץ, וואָס צעפּאַלט זיך לויט פאַרשיידענע קאַנטן צווישן טכויר און טכאָר, אַזוי, אַ שטייגער האָב איך אין מיין געבוירנשטאָט, בראָד, געהערט, אַ טכאָר, אָבער: אַ טכוירענער פעלץ. און די פאָרעם: טכאָר גייט גיכער פון אוקראַיִניש, ווו די חיה הייסט אַפילו אין נאָמינאַטיוו טכיר, אָבער אין געניטיוו און אין די איבעריקע פלעקסיעס גייט: טכאָר. שווערער אָנצונעמען, אַז עס גייט פון רוסיש, ווו די טי״ת פאַרשווינדט. אַזוי האָט דרייזין אין זיין ווערטערבוך (1888), רוסיש: כאָר, און ייִדיש: טחויר. מתתיהו מיזיש, אַ פּשעמישלער, אין זיין בוך וועגן דער ייִדישער שפּראַך (1924) האָט (ז. 221) לגבי: tchórz, Marder, Feigling — tchojr אָבער איך האָב נישט באַגעגנט די פאָרעם: טכאָר, שטאָט: טכויר, פונקט ווי איך האָב נישט באַגעגנט די פאָרעם: שטשאָר, שטאָט: שטשור, שטשער (אין זינען פון ראַץ), אָבער מסתמא זענען די צוויי בראָדער ווערטער אַזוי געווען פאַרשריבן אויך אין אַלפרעד (אַברהם יצחק) לאַנדויס ייִדיש־ווערטערבוך.

ד

וואָס שייך דעם אויסלייג טכורש איז ער אַזוי אָנגעגאַנגען אין פּוילישן יידיש בצורת טכוזש, וואָס איז אויך געווען אַ ייִדישער משפּחה־נאָמען — אַזוי, אַ שטייגער האָבן געהייסן די באַקאַנטע וולאָצלאַקווער רבנים ר׳ אלכּסנדר גדליה טכורזש און זיין זון ר׳ כּתריאל פישל טכורזש, וואָס זענען געווען רבנים אין תּל־אביב, און דער ייִנגערער פון זיי האָט זיך אויסגעלייִען דעם פּסעוודאָנים אלמגור, ווי איינער זאָגט: מעגלעך, אַז דעם נאָמען האָט מען אונדז אָנגעוואָרפן, אָבער באמת בין איך גאָר דער היפוך פון אַ פּחדן. אַן ענלעכער פאַל איז דער משפּחה־נאָמען: וואָס איז אָנגעגאַנגען אין נאָוואָמינצק: אַשליאַק, וואָס מיינט: אַן אייזעלע, אָבער מען האָט אים הי איבערגעביטן אויף אשלג.

(כ״ו כסלו תשמ״ב)

פּרק ב׳: צווישן טכויר און מאַרדער

א

דער אויפמערקיקער לייענער פון מיין קליינער אַרבעט: אַ מעשׂה מיט אַ טכויר („ישׂראל שטימע״, כ״ו כסלו תּשמ״ב), האָט זיך געקאָנט כאַפּן אויף אַ סתּירה אין אויסטייטש פון די דערמאָנטע בעלי־חיים — אין דעם גע־בראַכטן אַלטן משל פון ר׳ יעקב קאָפּלמאַן (1588) זענען דער טחורש (= טכויר), וואָס שפּילט אַ צויבל (= סויבל), און דער מאַרדער, באַזונדערע חיות, בשעת אין דעם געבראַכטן יונגן אויסטייטש פון מתּתיהו מיזיש (1924) זענען דער ייִדישער (סלאַווישער) טכויר און דער דייטשישער מאַר־דער אידענטיש. כּדי דאָס מישב צו זיין, איז גענוג צו געדענקען, אַז דער מאַרדער איז, בעצם, אַ גאָר פּיל־סאָרטיקע קליינע רויב־חיה, וואָס ווערט פאַרשיידן אָנגערופן, לויט אירע כּל־ערליי באַזונדערקייטן, און זיינע נעמען גייען, דייטשיש, אין די היפּשע צענטליקער, און אַפילו ייִדיש, וואָס איז גאָר ווייט פון אַזאַ דיפערענציאַציע, האָט ביי נחום סטוטשקאָוו אַ לייטישע מערכה — אַ בינטל נעמען, וואָס גייען מסתּמא ווייניקער פון דער עלטערער שמועס־שפּראַך, ווי פון די ייִנגערע זאָאָלאָגיע־ביכער. און גענוג אַ קוק צו טאָן סי׳ 247, כּדי אין דער משפּחה מאַרדערס צו געפינען די אונטערגרופּע: טכויר, שעשקע, אילטיש, אילטיס, סקונק, סקאַנק, אַזוי אַז עס געהער, בעצם,

אַריין אין דער דאָזיקער כּלל־משפּחה און טיילט זיך אין איר אויס מיט זײַנע צוויי באַזונדערקייטן (אַ שלעכטער ריח און פּחדנות). נאָך־מער, מען זאָל מיך פֿרעגן, צי געדענק איך דאָס וואָרט מאַרדער פֿון מײַן היים, וואָלט איך געדענק עס גיכער ווי אַ דײַטשיש וואָרט, וואָס איז אָנגעגאַנגען סײַ בצורת מאַרדער סײַ בצורת מאַדער, ווי משפּחה־נעמען ביי אונדז אין שטאָט, און איז אפשר אַ באַצייכן פֿון אַ פֿעלץ־סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַזאַ פֿעל; פּונקט ווי עס זענען געווען משפּחה־נעמען: הערמעלין אָדער האַרמע־לין; סאָבל אָדער סאָבלמאַן; שאָפּנפּעלד וואָס מיינט, בעיקר, שאָפּנפּעל; און אין ווייטערע מקומות אפשר אויך טכוזש. איך דערמאָן מיך, אַז מען האָט אַמאָל, אין דער היים, אויסגערעדט אויף אַ היימישן גנבֿ, און צו זײַן גנאַי דערמאָנט, און דאָס אויף דײַטשיש, דעם זאָג: וואָ דער מאַרדער זיין נעסט האַט, דאַ האָלטעט ער די היהנער ניכט, און איך בין מסופּק, צי איך האָב דעמלט געוווּסט, אַז ס׳רעדט זיך וועגן אַ טכויר. ערשט אין דער שול האָבן מיר געלערנט דעם חילוק צווישן די, צום פֿאַרבײַטן ענלעכע, בעלי־חיים — דעם שטוב־מאַרדער און דעם טכויר.

ב

וואָס שייך דעם פֿאַרמיש, האָט ער זיך אויך הי, אין לעבעדיקן העברעיִש, געלאָזט באַמערקן: דאָס וואָרט נמיה, וואָס זאָל באַצייכענען אַ מאַרדער, איז אַן אַלט וואָרט און מיר האָבן עס נאָך אין דער גמרא (חולין נ״ב, ע״ב): דרוסת חתול ונמיה בגדיים וטלאים, משמע אַז ביי צעשעדיקטע ציקעלעך און שעפּעלעך, איז שייך צו זאָגן, אַז עס האָט זיי צעריסן אַ קאַץ און אַ מאַרדער. רש״י ברענגט דאָרט טאַקע, אַז נמיה איז אַ חיה, און אַ טייל זאָגן, אַז דאָס איז מרטיר״א בלעז (פּראָוואַנסאַליש). און באמת איז עס אַ נאָמען, וואָס איז בשותּפֿותדיק עטלעכע עלטערע און ייִנגערע לשונות — מיטללײטייניש, אַלטהויכדײַטשיש, מיטלהויכדײַטשיש, פֿראַנצויזיש, איטאַ־ליעניש, ענגליש. מיר האָבן אויך פּרטים וועגן דער נמיה — דער מדרש ברענגט אויפֿן פּסוק: ותאמר שרי אַל אברהם חמסי עליך (בראשית, ט״ז, ה), טײַטשט יהואש: מײַן עוולה איז אויף דיר, אָבער דער עלטערער טײַטש גייט: מײַן באַרויבונג איז אויף דיר, און דאָס מיינט אויך דער מדרש, וואָס זאָגט: חימסה בפניו (בראשית רבא, מ״ה), נאָר קלאָרער: שחיטטה פּניו; שחיטטה פּניו כנמיה; און ביידע גירסאות: שחיטטה אותו, וחמסה פּניו כנמיה (מדרש הגדול) משמע: זי האָט אים צעשטופּלט און צערויבט זײַן פּנים ווי אַ מאַרדער.

ג

אָבער, בעצם, האָבן מיר נישט באַדאַרפט וואַרטן אויף רש״י, כּדי צו הערן דאָס וואָרט מרטיר״א (אָדער מרטרינ״א) — עס איז שוין געווען פריִער, און טאַקע אין אַנדערע אַלטע מקורות. דער גרונטיקער שפּראַך־פאָרשער, זאב בן־חיים, אין זיין מאמר: הברדלס והמנדרים („ספר היובל לשמואל ייבין״, ז׳ 432־435), האָט אויפגעוויזן, אַז אין מכילתא דרבי ישמע־אל, מסכת נזיקין פ״א, כּתב־יד, ווערט דערמאָנט: טריפת חתול ושועל ומרים, ווי אויך: טריפת הדוב והארי והזאב והברדלס והנחש. דאָס וואָרט: מרים איז, ווייזט אויס, אַ גרייז, און האָט אין אַנדערע כּתב־ידן: ונמייה, אָבער אין אַ פראַגמענט פון דער קעמברידזשער גניזה הייסט עס: טריפת חתול ושועל ומינדרס, און קעגן דעם רעדט זיך דאָרט: טר[יפת ה] זאב והאַרי והדוב והנמר והפרדלס והנחש. הייסט עס, אַז אין די תּלמודישע מקורות דינט שוין דאָס וואָרט ברדלים, ווי אַ באַצייכן פון צוויי מינים חיות, אי פון דער גרויסער רויב־חיה, וואָס איז אַ סכּנה פאַר אַ מענטשן, אי פון דער קליינער רויב־חיה, פון דער פוקס־משפּחה, וואָס רופט זיך נמייה. שוין געווען אַ סברה, אַז אין לשון פון די תּנאים זענען געווען צוויי באַזונדערע נעמען, וואָס זענען לויטן דרך פון דער שפּראַך אָדער מחמת טעות סופרים, געוואָרן ווי איין נאָמען. בעצם, ווערט קלאָר, אַז די קליינע חיה מיינט דאָס ענגלישע מאַרטען, דאָס דייטשישע מאַרדער, דאָס פראַנצויזישע מאַרטער, דאָס איטאַליענישע מאַרטען, דאָס וואָרט, ווי מיר האָבן זי אין דערמאָנטן פראַגמענט פון דער מכילתא, ווערט באַשטעטיקט פון דער ערשטער האַנט אין ירושלמי, פּסחים כ״ז, ע״ז, כּתב־יד ליידן: ומנדרים, און זי קוקט אויך אַפיר פון פאַרגרייזטן: ומרים (און אפשר דאַרף זיין: ומדרים), און דאָס איז די פריִעסטע ליטעראַרישע עדות פאַרן ליטייניש נאָמען, וואָס איז דער פאָטער פון די דערמאָנטע ראָמאַנישע נעמען, אַן עדות וואָס דערגרייכט ביז צום פערטן און דריטן יאָרהונדערט. דאָס וואָרט האָט געקאָנט אַריין אין עברית גלייך פון ליטיין און גריילעך מיטן פאַרמיטל פון גרעקיש. על כּל פּנים איז דער נאָמען ברדלס פאַר יענער קליינער חיה, וואָס הייסט אויך נמייה, נישט מער ווי אַ פאַרגרייז פון די קדמונישע סופרים, ווען עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין דעם נאָמען מנדרים, וואָס איז געוואָרן זעלטן, און זיי האָבן אים פאַרביטן אויף דעם מער שכיחן וואָרט ברדלס, נישט פילנדיק, אַז זיי האָבן פאַרמישט צוויי פאַרשיידענע באַטייטן.

עד כּאן די עיקר אויספירן פון זאב בן־חיים, וואָס פאַרענדיקט מיט אַ קאָנקלוזיע, אַז אין העברעיִשן אַקאַדעמיש־היסטאָרישן ווערטערבוך (וואָס ער איז זיין הויפּט־רעדאַקטער) וועט מען מוזן באַשטימען אַ טאָפּעלעם ערך —

אי פּאַר ברדל(י)ס, מיטן אַרויסזאָג־פּאַרבייט פּרדלס, וואָס איז נענטער צום גרעקישן מקור (ווו עס וועלן געבראַכט ווערן שטעלן, וואָס באַהאַנדלען די גרויסע חיה פון סאָרט לייב); אי מנדרים, ווו עס וועלן געבראַכט ווערן שטעלן, וואָס באַהאַנדלען די קליינע חיה, וואָס הייסט אויך נמייה; ווי אויך שטעלן, וואָס האָבן די פּאָרעם ברדלים, כאָטש זיי זענען מסתּמא אַנטשטאַנען מחמת אַ טעות.

ד

און צוריק פון מאַרדער צום טכויר (אָדער טכאָר, וואָס איך האָב גע־הערט אין בראָד, אָבער ער גייט אָן אויפן שטח אַראָפּ ביז יאַס, ווו עס שטויסט זיך אָן אין רומעניש: דיכאָר), כּדי צו באַמערקן, אַז דאָס לעבע־דיקע העברעיִש האָט פאַרן טכויר מחדש געווען דעם טערמין בואש, וואָס מיינט: שטינקער. אמת, אַלעקסאַנדער האַרקאַווי (הרכבי) אין זיין ייִדישן ווערטערבוך האָט פאַר טכויר — חולדה, וואָס ווערט פּאָפּולאַר געטייטשט קאַץ אָדער וויזל (ביידע לגבי דער אגדה פון חולדה ובור) — אברהם גאָלדפאַדן האָט דעם ערשטן און נפתּלי הערץ ביימאַנאָוויץ (הנ״ץ) האָט דעם אַנדערן טייטש, און ביידע זענען אַ טעות, כאָטש אין דייטשישן ווערט דער אילטיס (= טכויר) באַצייכנט ווי שטינקוויזל. דען חולדה געהער צו דער משפּחה פון עכברים, דהיינו מייז, ראַצן וכדומה. און געווען דערוועגן אַ שטיקל ויכּוח — יחיאל קאַראַ, וואָס דערמאָנט האַרקאַוויס טייטש, און איז זיך אויף אים סומך, מיינט אַז טכויר גייט פון ביבלישע טחורים (וואָס זיין כּתיב איז: עפּולים), און רעזאָנירט, אַז אַזוי ווי די טחורים זענען שכנים פון עכברים, איז גערעכט יענער משׂכּיל, וואָס האָט געמיינט, אַז טחורים, וואָס ווערן דערלאַנגט הויפנווייז, ווי שפּייז, פון כינעזער, זענען בעצם, מיני מייז. (לשוננו״, ל״ז, ב״־ג׳, ז׳ 222).

ה

אויף דעם טעות האָט אָנגעוויזן אריה לייבל פּאַיאַנס, דערמאָנענדיק, אַז טכויר גייט ייִדיש פון פּויליש tchórz וואָס האָט נישט קיין שייכות צו חולדה, וואָס געהערט טאַקע צו דער משפּחה מייז, בשעת דער טכויר געהער צו דער משפּחה פון סאַמוריים. וואָס שייך ווייטער יענעם משׂכּיל, האָט ער מסתּמא, כּדרך משׂכּילים, קאָמבינירט, לויט דער קלאַנג־ענלעכקייט: קלוב

— כלוב; מידה — מאָדע, **האָבן מיר דאָך עד היום:** פּראָטאָקאָל — פּרטי־כל; כאָלערע — חולי רע. **צולעצט באַמערקט ער, אַז** טחורים **אין באַטייט פון מערידן האָט אַן אסמכתא אין דער גמרא, אויך ווי אַ ווערב:** ליטחר (**אַזוי ווי עס ווערט געבראַכט אין ערוך און נישט בטעות, ווי אין די דרוקן:** ליטרח), **און אַזוי גייט עס אויך סיריש און אַראַביש** לגבי **דעם יסורימדיקן גאַנג פון תחתוניות.** („לשוננו", תשרי־טבת, תשל"ד).

[כ"ז שבט תשמ"ב]

צווישן פיקס און פיש

א

מיר האָבן שוין, אין צוויי קליינע אַרבעטן, געדרוקט אין „ישׂראל שטימע״ (כ״ו כסלו און כ״ג שבט, תשמ״ב) דערמאָנט דעם אינטערעסאַנטן רעפעראַט פון מרת עריקאַ טימם וועגן דער ייִדישער משלים־ליטעראַטור,ביים לעצטן ירושלימער יודאַיִסטישן קאָנגרעס, און אַרויסגעהויבן, אַז זי האָט אָפּגעפונען צוויי געדרוקטע משלים־געזעמלען, דעם „קוהבוך״ פון ר׳ אברהם בן־מתתיהו און „משלי שועלים״ פון ר׳ יעקב קאָפּלמאַן, וואָס מען האָט געוווּסט פון זייער קיום, אָבער געהאַלטן פאַר פאַרלוירן. אונדזערע צוויי דערמאָנטע אַרבעטן, זענען ווי אַ דוגמה דערצו, וואָס עס איז אונדז, אין קאָפּלמאַנס „משלי שועלים״ צוגעקומען און מיר ווילן איצט אויף דער ליניע ממשיך זיין.

ב

ר׳ יעקב ב״ר שמואל קאָפּלמאַן, געבוירן אין פּוילישן בריסק דקויאַווע (1555), איז אַוועק קיין פראַנקפורט דמיין (1583) און שפּעטער קיין פרייבורג ברייסגאַו, ווו ער האָט געלאָזט דרוקן זיין משלים־בוך (1588) ביי ר׳ ישׂראל סיפרוני, און איז, אומבאַקאַנט ווו, נפטר געוואָרן (1598). ער האָט זיך, אין דערמאָנטן בוך, באַנוצט מיט כלערליי מקורות, וואָס מרת טימם רעכנט זיי, חוץ איינעם (מעגלעך סלאַווישן), פאַדראָבנע אויס. נאָכגייענדיק דעם ספר „משלי שועלים״ פון ר׳ ברכיה הנקדן, ברענגט ער פּונקט ווי יענער, אַן איין־און־איינציקן משל פון חז״ל — עס איז דער משל, וואָס ווערט גע־בראַכט אין נאָמען פון רבי עקיבא, וועגן פוקס און די פיש (ברכות ס״א, ע״ב). וועלן מיר אים, קודם כל, ברענגען, ווי ער גייט אין ייִדיש־נוסח פון ביאַליק־ראַווניצקיס ספר האגדה („די ייִדישע אגדות״, באַנד 2, זז׳ 126־127) ; מיט אַ פּאַראַיצטיקטן אויסלייג:

איין מאָל איז אַרויס אַ גזירה פון רוים, אַז ייִדן זאָלן זיך נישט דערוועגן צו לערנען תּורה, און ווער עס וועט נישט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן מיטן טויט. טרעפט איינער, פפּוס בן־יהודה, ווי

ר׳ עקיבא פאַרזאַמלט ייִדן און לערנט מיט זיי תּורה אָפֿן פֿאַר אַלע־מען. ווערט ער דערשטויגט און פֿרעגט אים:

— עקיבא, וואָס הייסט עס, שרעקט דיר (= דיך) גאָר נישט אָפּ די גזירה?

— איי, דו פּפּוס — זאָגט אים ר׳ עקיבא — מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט אַ קלוגער, צום סוף ביסטו גאָר אַ נאַר. איך וועל דיר זאָגן אויף דעם אַ משל: עס קומט אויס, ווי יענער פֿוקס, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ביים ברעג טייך, זעט ער ווי די פֿיש אין וואַסער לויפֿן אַרום אומרויִקע הין־און־הער. פֿרעגט ער זיי: פֿאַר וועמען אַנטלויפֿט איר עס אַזוי? ענטפֿערן זיי: מיר אַנטלויפֿן פֿאַר די אַלערליי נעצן, וואָס מען פֿאַרוואַרפֿט אין וואַסער, אונדז צו כאַפּן. — ווייסט איר וואָס — זאָגט זיי דער פֿוקס — פֿאָלגט מיך, גייט אַרויס צו מיר אויף דער יבשה און מיר וועלן זיך ווינען פֿריינדלעך צוזאַמען, ווי מיינע מיט איַיערע עלטערן האָבן אַמאָל געוווינט. ענט־פֿערן אים די פֿיש: „איי, דו פֿוקס, מען זאָגט אויף דיר, אַז דו ביסט דער קלוגסטער פֿון די חיות, צום סוף ביסטו גאָר אַ נאַר. באַרעכן זיך אַליין, אויב דאָ אין וואַסער, אינעם אָרט פֿון אונדזער לעבן, זענען מיר אין אַזאַ שרעק, ווי־זשע וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן אַרויסגיין אויף דער טריקעניש, אינעם אָרט פֿון אונדזער טויט!״ דאָס זעלבע זאָג איך דיר אויך: אויב איצט, ווען מיר הערן זיך נאָך נישט אויף אָפּצוגעבן מיט אונדזער תּורה, וואָס זי איז אונדזער לעבן און אין איר איז אונדזער אייביקייט — זענען מיר אין אַזאַ שרעק, היינט ווי וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן זיך אין גאַנצן פֿון דער תּורה אָפּרייסן?

געדויערט נישט לאַנג און מע כאַפּט ר׳ עקיבאן און מע פֿאַר־שפּאַרט אים אין תּפֿיסה און אין דער זעלבער צייט האָט מען אויך געכאַפּט פּפּוס בן־יהודה פֿאַר עפּעס אַ חטא, און מע האָט אים פֿאַר־שפּאַרט, צוזאַמען מיט ר׳ עקיבאן.

— פּפּוס — פֿרעגט אים ר׳ עקיבא — ווי קומסטו אַהער?

— ווויל איז דיר, ר׳ עקיבא — ענטפֿערט אים פּפּוס — וואָס דיר איז באַשערט אָפּצוקומען צוליב דער תּורה; ווײ איז אָבער צו מיר, וואָס איך דאַרף אָפּקומען פֿאַר פּוסטע זאַכן.

ג

ביי ר׳ ברכיה הנקדן איז עס דער זעקסטער משל, און הייסט: שועל ודגים [פוקס און פיש] און האָט אַן אונטערקעפּל: רבו יועצים לפי דרכם / להעלות זולתם בחכם, טייטש: ס׳האָבן זיך געמערט די ראַטגעבערס לויט זייער שטייגער, צו כאַפּן אַנדערע אין זייער נעץ. דער משל ווערט גע־בראַכט, סיי אויסגעברייט, סיי געגראַמט, און אויב ברענגען דעם רעווי־דירטן נוסח, ווי א. מ. האַבערמאַן האָט אים געבראַכט לויטן ערשטן דרוק (1557) און לויט פיר כתב־ידן (תש״ו, סי׳ ו׳ זז׳ י״ג־י״ד) און פּרוּוון פּראָ־זאַיִש פאַרייִדישן, וואָלט ער, לויט מיין טעם און אַחריות, אַזוי אויסגעזען:

אַ פוקס איז געגאַן אויפן ברעג פון טייך, האָט ער געזען אַ פיש, וואָס אײַלט זיך צו אַנטלויפן, און אַן אַנדערן פיש, וואָס יאָגט אים נאָך, ביז ער האָט אים דערשנאַפּט און מיט פיינדשאַפט אַוועק־געשטופּט, האָבן זיךביידע געאַמפּערט, און קיין רעטירער איז צווישן זיי נישט געווען. דער לויפט נאָך יענעם מיט גרים, האָט ער [דער פוקס] מיט זיי גאַרנישט גערעדט, און האָט גענענט צום וואַסער, אפשר וועט ער אַריינשטעקן זיינע צייך, און וועט זיי אַריינכאַפּן אין דער נעץ פון זיין ליסטיקייט, אָבער דאָס וואַסער האָט פאַרצוימט זיין תאווה, האָט ער זיך געווענדט צו אַן אַנדער אָרט, און האָט גענומען רעדן צו זיי, און זעענדיק אַז די פיש קריגן זיך צווישן זיך, און די גרויסע קוועטשן די קליינע, און די שטאַרקע בייסן די ייִנגערע, און עס האָט זיך געשטעלט אַ שווערע מלחמה, האָט ער גערופן צו זיי: אַ יעדער פון אייך איז אַ נאַר, אויב ער קאָן זיך נישט האַלטן שטיל, דען איז דאָס דער בונד צווישן אייך, האָט איר פאַר קהל איין געזעץ, וואָס אַ יעדער פאַרלענדט זיין פריינד, און ווער עס איז שטאַרקער, פאַרטיליקט זיין חבר, און צעפליישט אים מיט שוים און גרים. אָבער אויב אַלע פיש פונעם ים זאָלן זיך פאַרזאַמלען, און זאָגן צו מיר: קיניג איבער אונדז; וועל איך נישט אַרויס פון שלאַכטפעלד, אויב איר וועט זיך, דעם גאַנץ גייענדיקן טאָג, פאַרכטן און שרעקן און קריגן, איטלעכער מיט זיין ברודער, און איטלעכער מיט זיין פריינד, און דער וועג זייערער וועט זיך פאַרקרומען, פאַרצויגן און געשליפן. און דערמיט גרייזן זיי, נישט וויסנדיק אַ וועג פון שלום. הערט־זשע דעם געשמאַק פון מיינע ווערטער, בייגט צו אייַער אויער און ווענדט זיך צו מיר. גייט אַרויס פון דאָרט און קומט אַהער. מיט פרייד וועט איר אַרויס און מיט פריד, און אויב איר וועט פאָלגן מיין עצה,

וועט איר אויך מיך בענטשן. גייט אַרויס פון ים אויף דער יבשה, און צוזאַמען וועלן מיר אַרבן די ערד [וועלט]. און דעמלט וועל איך דעם שלום פאַר אייך מערן, און קיין פאָלק וועט קעגן קיין פאָלק נישט אויפהייבן קיין שווערד, ווייל עס וועט צווישן אונדז נישט זיין קיין אַריינרייסער, די גאַנצע ערד [וועלט] וועט רוען און שטיל זיין, מיר וועלן זיך אויסטערליש פרייען, און אויפפרישן דערשלאָגענע הערצער, און אַלע ערד־באַוווינערס אין זייער פרייד, וועלן זינגען אויף זייערע געלעגערס, וועלן נישט רוען טאָג און נאַכט, וועלן נישט איבלען און נישט פאַרדאַרבן. האָט איינער זיך אָנגערופן: און אויב דו וועסט טאָן קיניגן איבער אונדז, צי וועסטו אונדז באַזאָרגן מיט שלום? דען אָט זענען מיר אין רויִקע וואַסערן, און אַרום אונדז די משפחות, באַפאַלט אונדז, אין סאַמע שלום, אַ רויבער, וואָס לאָזט אויף אונדז אַראָפּ אַ האַק און מחמת דעם מענטשנס כאַפּ־שטייגל צע־גייען מיר זיך, און עס כאַפּן אונדז אַ סך פישערס און עס פאַנגען אונדז אַ סך פאַנגערס, און מיר ברומען אַלע ווי די בערן, און ווען דו וואָלסט געוווּסט אונדזער רו־אָרט, וואָלסטו אויך געליטן גלייך מיט אונדז. ווייל דו, מיט דיין ליסטיקייט, וועסט עסן פעטס, און אַז דו וועסט פאַרענדיקן צו רויבן, וועסטו אַליין באַרויבט ווערן, ווייל פּלוצעם וועלן זיך אויפשטעלן דיינע בייסערס, און וועסט נישט באַ־גליקן אין דיינע וועגן. און ווי־אַזוי שפּרייטסטו אויף אונדז די נעץ פון דיין שווינדל, און אין לאַנד פון שלום טוסטו פאַרטרויען. האָבן דאָך דאָס געפליגל פון הימל און די פיש פון ים און די חיות פון פעלד — אַלע, אַלע לאָקערערס און נאָכשטעלערס, ווייל אויך די מענטשן אַמפּערן זיך, מחמת קינאה, צווישן זיך, אָבער דער העכ־סטער איבער אַלע הייכן און אַלע הויכע, היט זיי אָפּ.

און דער משל, אַז מען זאָל זיין געוואָרנט פון ראַטגעבערס, לויט זייער שטייגער, און זיך היטן פאַר דער צימלעכקייט פון זייער גומען, ווייל אויף דער זינדיקער ערד מערן זיך די חניפהניקעס אין האַרצן, און דאָס אַנצליט פון דור איז ווי דאָס אַנצליט פון אַ הונט, און איט־לעכער זאָל זיך היטן פאַר זיין פאַלגרוב, דער קלוגער האָט די אויגן אין קאָפּ.

און איך האָב געזאָגט מיין משל: דאָס אַנצליט פון דור ווי דאָס אַנצליט פון הונט, און זייערע ווערטער מיט פאַלשער כּוונה, גלייך פּוטער איז דאָס וואָרט פון זייער מויל, און דער געדאַנק איז ווי חלב, און זיי האָבן אויסגעזויגן די ברוסטן פון מיין פרייד ווי אַ

זויג־קינד בשעתן מעלקן; אויסקונדשאַפטערס זענען זיי, אָבער נישט פֿאַראַן צווישן זיי נישט קיין יהושע נישט קיין כָּלֵב.

מען דאַרף, דוכט זיך, נישט לאַנג ברייען, אַז ר׳ ברכיה, האָט בעצם אַריינגעטייטשט אין אונדזער מדרש אַן אַנדערן משל און אַרויסגעטייטשט אין נמשל אַן אַנדערע כּוונה און האָט אַזוי־אַרום ווי פֿאַרפּלאָנטערט דעם מאָטיוו וואָס טראָגט דעם סימן J, 758 אין אינדעקס, און שטייט פֿאַראייניצלט אין דער מאָטיוו־ליטעראַטור, און לאָזט זיך בעצם, נישט אָפּזונדערן פֿון ענין רבי עקיבא, וואָס ר׳ ברכיה האָט אים אַפילו נישט דערמאָנט. וואָס שייך דער פֿאַראייניצלטקייט, וואָס בערנאַרד (דב) העלער האָט זי אונטערגע־שטראָכן, פּרוּווט זי חיים שוואַרצבוים, אין זיין גרויסן גרונטיקן בוך: The Mishle Shualim (Fox Fables) of Rabbi Berachia Hanakdan (קראָון, 1979, זז׳ 29־41 און אין צולאָג זז׳ 42־47), אַרויסבאַפרייען, ער ווינקט אויף ווערטלעך אין דער עוואַנגעליע, ווייזט אָן, אַז עס דערמאָנט אים, וואָס עס דערציילט העראָדאָט, וועגן אַ פֿייפער און פֿיש, אַזוי צו זאָגן ז׳ 26):

אַ משל וואָס כּורש האָט געזאָגט די גריכישע שליחים — עס איז אַ משל מיט אַ פֿייפער, וואָס איז געגאַנגען ביים ברעג פֿון ים און געשפּילט אויפֿן פֿייפֿל, גלייבנדיק, אַז די פֿיש וועלן אַרויס אויף דער יבשה, אָבער אַזוי־ווי זיי האָבן עס נישט געטאָן, האָט ער גענו־מען אַ נעץ און אַריינגעכאַפּט אַ סך פֿיש, וואָס האָבן גענומען שפּרינ־גען און טאַנצן, אָבער דער פֿייפער האָט זיי געהייסן אויפֿהערן, זיי האָבן געזאָלט קומען און טאַנצן, ווען ער האָט געפֿייפֿן.

מרת גלית חזן־רוקם, אין איר רעצענזיע וועגן שוואַרצבוימס בוך („קרית ספר״, באַנד 53, זז׳ 36־372), רימט דאָס גרויסע בקיאות פֿונעם מחבר, רעזערווירט זיך אָבער לגבי דער השערה, אַז אין די צייטן פֿון ר׳ עקיבא האָט דער אַלטער משל וועגן פֿייפער און די פֿיש, וואָס העראָדאָט ברענגט אים, געקריגן מכּוח דער מסורה שבעל־פּה, אַ נייע פֿאָרעם.

ה

ווילן מיר דערצו באַמערקן, אַז ר׳ יהושע פֿינקל, אין זיין מאמר וועגן ר׳ עקיבאס גלויבן אין משיחיות, וואָס וועט אויפֿבליִען פֿון בית דוד („בצרון״, אדר־ניסן תשל״ח, זז׳ 278־284), מיינט אַז ר׳ עקיבאס משל האָט

אַ שייכות צום זאָג פון דער הגדה של פסח, אַז אין אַ יעדן דור ווילן אונדז אונדזערע שונאים פאַרלענדן, נאָר ברוך־הוא ראַטעוועט אונדז פון זייערע הענט, און ווייזט אָן אַז דער משל מיטן פוקס, פּאַסט זיך בפירוש צו מצרים, ווי חז״ל זאָגן: „כשהוא מושל את המיצרים אינו מושלם אלא לשועלים״ (שמות רבא כ״ב א׳) טייטש: אויב ער פאַרגלייכט די מצרים, פאַרגלייכט ער זיי צו פיקסן. וואָס שייך ווייטער מצרים, מיינט עס כּלערליי שונאי־ישראל, ווי עס זאָגט ר׳ יוסי ברבי חנינא: „כל המלכיות נקראו שם מצרים, על שם שהיו מצירין לישראל״ (ויקרא רבא י״ג ה׳) טייטש: אַלע מלכותן האָט מען גערופן אויפן נאָמען פון מצרים (מלשון מיצר, דהיינו ענגשאַפט), ווייל זיי האָבן געענגט די יידן, און ער פּרוּווט אַנאַליזירן דעם משל פון ר׳ עקיבא און דערקלערן דעם סימבאָלישן און אַלעגאָרישן באַטייט פון פוקס און פיש, און כּדאי אויסצובולטן, וואָס ער ברענגט מכּוח דער השפּעה פון ר׳ עקיבאס משל — לגבי דעם פסוק „ותעשה אדם כדגי הים״ (חבקוק א׳ י״ד) טייטש: און דו וועסט מאַכן דעם מענטשן ווי די פיש פון ים, זאָגט ר׳ יהודה זאָגט ר׳ שמואל: „לומר לך מה דגים שבים כיון שעולים ליבשה מיד מתים, אף בני אדם כיון שפורשין מדברי תורה ומן המצוות מיד מתין״ (עבודה זרה ג׳ ע״ב) טייטש: אַזוי ווי די פיש אין ים, קוים גייען זיי אויף דער יבשה תיכף שטאַרבן זיי, אַזוי אויך מענטשן, קוים שיידן זיי זיך אָפּ פון תורה און מצוות, תיכף שטאַרבן זיי. דער דאָזיקער מאמר, מיינט ר׳ יהושע פינקל, איז מסתמא מושפע פון ר׳ עקיבאס משל, אָבער מען קען אויך אָננעמען אַז ער איז אַן אַלטער, פאַרזיכדיקער מאמר, נאָר ר׳ עקיבא האָט אים, מיטן כּוח פון זיין אגדישער קונסט, עפּעס אויס־פּאָלירט. ער זאָגט צו אַ המשך, ווו ער וועט זיך פאַרנעמען מיט די דעות פון רוימישע היסטאָריקער און שרייבער, וואָס האָבן, בערך, געלעבט אין יענער תקופה און וואַרפן אַ נייַ ליכט אויף דער געשטאַלט פון ר׳ עקיבא.

ד

און איצט צו ר׳ יעקב ב״ר שמואל קאָפּעלמאַן — און קודם־כּל אַ באַמערק, אַז ר׳ אלעזר שולמאַן, אין זיין בוך „שפת יהודית־אשכנזית וספרו־תה, מקץ המאה הט״ו עד קץ המאה הי״ח״ (תרע״ג, ז׳ 150) דערמאָנט דעם ייִדיש־נוסח פון „משלי שועלים״ און ברענגט אַפילו אַ משל (די מעשׂה פון אַ ראָב, אַ נבילה און אַן אָדלער) און מאַקס עריק, אין זיין „געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פון די עלצטע צייטן ביז דער השׂכּלה־תקופה״ באַמערקט (פאָטאָקאָפּיע תשל״ט, ז׳ 367) אַז אויך משה שטיינשניי־

דערן, איז די אויסגאַב געווען באַקאַנט, און ער גופא האָט זי נישט געזען, און עס פרעגט זיך, צי האָט זי טאַקע שולמאַן געהאַט פאַר זיך, על כל פנים ברענגט אונדזער משל זיגמונד א. וואָלף, אין זיין בוך „ייִדישעס ווערטער־בוך" (מאַנהיים 1962, זז' 406־47) און מיר ברענגען אים לויט אים אין אַן עפּעס דערלייכטערדיקן אויסלייג:

און משל פון איין פוקס מיט דען פישן
איינער גיבט אָפּט איינעם איין ראַט [עצה]
דאָס ער זעלבן נוץ דערפון האָט.
איין פוקס גינג נעבן איינעם באַך [טייַך]
ווי איין פיש דעם אַנדערן זאָגט, ער זאַך [האָט געזען]
ביז ער איין [אים] דעריאָגן
און טעט איין טאָטשלאָגן
און זאַך, דאָס די פיש מיט אַנאַנדער טעטן קריגן
און איינער דען אַנדערן טעט ניידן [מקנא זייַן]
און נימעט [קיינער נישט], דער זי טעט פון אַנאַדער שיידן.
דער פוקס טעט נעבן דעם וואַסער גען [גייִן],
ער געדאַכט זיך: לייַכט [פיליַיכט] קריג איך צווישן מייַנע צען [צייִן]
אָבער פיליַיכט באַצווינג איך זי מיט מייַנעם פאַלשן ראָט.
אָבער דאָס וואַסער צווישן דען פיש און פוקסן אונטערשיידן האָט.
דער פוקס מאַכט דאָ ניט פיל וואָרט
און מאַכט זיך באַלד אויף אַן אַנדער אָרט
ער טוט זיך איין אָרט פיגן
ווו זיך די פיש טעטן שלאָגן און קריגן,
און די גראָסע פיש אָסן [האָבן געגעסן] די קליינען
און ווער דאָרט אייטל שטרייט אין אירן געמיין.
ער טעט ניט לאַנג וואַרטן און האַרן.
ער שפּראַך: איר קליינע און גראָסע נאַרן,
זעלט איר ניט מיט איינאַנדער פריד [שלום] האָן [האָבן]
און איינער דען אַנדערן לאָט [לאָזט] גאָן [גייִן] מיט געמאַך לאָן
דאָס איר מאַכט איין גוט לעבן האָן,
טוט איר פאָלגן דעם ראָט מייַן
און לאָט [לאָזט] מייַנע רייד גערן אין אייַערע אָרן [אויערן] הערייַן.
קומט איר צו מיר אויף די ערד הערויס
מיר וועלן מיט אַנאַנדער האַלטן הויז,
מיר וועלן מיט אַנאַנדער האָן איין גוט לעבן,

מיט אַנאַנדער וועלן מיר פריינדלעך זײַן גאַר עבן [גלײַך].
קיין קריג זאָל מאַן צווישן אונדז ניט הערן,
דען שטרייט וועלן מיר גאַר פערשטערן.
איינער אונטער דעם פישן מאַכט זיך ניט קרויז [צעמישט זיך נישט]
און ענטפערט אים: אויס דעם וואַסער אויף די ערד קומען מיר ניט הערויס,
און וואַסער זען מיר אַל בײַ אַנאַנדער און איז אונדזער לעבן,
נאָך קענען מיר קוים פער [ווײַט] דען פישערן קלעבן,
דען מיט אירן [זייערע] נעצן טון זי [זיי] אונדז יאָגן און נאָך האַרט פלאָגן
און אויף דער ערדן זענען מיר פאַר טאָט [טויט],
דו גיבסט אונז נאָר איין פאַלשן ראָט.
אַך [אויך] מוסטו אייטל רום און ליגן זאָגן
טון דאָך די לײַט אַל טיר אויף ערדן און פעגל [פייגל] אין לופטן יאָגן
אויך קומט עס וואָל צו צײַטן
דאָס די לײַט זעלבעסט טון אויף איינאַנדער שטרײַטן.
איין בײַשפּיל דער צו איינעם, דער איינעם גיט איין ראָט גאַר גוט
ער געדענקט זיך אָבער אַך [אויך] וואָל [וויל] אין זײַנעם מוט
ער דענקט: איך וויל דיר אײַן ראָט געבן
דער איז מיר גאַר גוט און גאַר עבן.

ז

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז תמיד געווען אַ וועג זיך אומצוקערן צום רעכטן מקור פון משל — צו דער גמרא, אַזוי האָבן מיר ביי יהוֹאשן, אין זיין בוך „פאַבלען", (1912, זז' 149־150) דעם משל: דער פוקס און די פישן, מיט אַן אונטערקעפּל: פון מדרש, און אָט איז ער, אין אַ נאָרמאַ־טיווערן אויסלייג:

א פוקס וואָס איז געווען געוווינט
צו געבן עצות, סײַ מען פרעגט סײַ ניט
(באַזונדערס ווען דער עסק האָט געלוינט
און ער האָט זײַן אייגענעם פּראָיעקט
געדאַרפט צו ציִען אַ פּראָפיט).

געשטאַנען איז ביים וואַסערס ברעג
און זעענדיק די פיש לויפן
אין ציטערניש און שרעק,
מען זאָל זיי ניט, חלילה, פאַנגען,
האָט ער אויף זיין געוויינטן אופן
זיי איינצורעדן אָנגעפאַנגען:
„איר נאַרן
וואָס טויג אייך דאָ צו לעבן אין געפאַרן
אַז מער,
קומט אויפן ברעג אַהער,
און איר וועט זיך באַפרייען
פון אַלערליי פאַרפאָלגונגען און גדר'ן..."
אַ קלוגער שלייען
וואָס אין לעבן פיל ערפאַרן
געענטפערט האָט אין אַלעמענס נאָמען:
„אויב אין די טייכן און די שטראָמען
וואָס האָבן אונדז אַזויפיל יאָרן
גענערט
(צי שלעכט צי גוט)
ניט זיכער זיינען מיר איצט איין מינוט —
היינט, וואָס וואָלט שוין פון אונדז געוואָרן
ווען מיר באַזעצן זיך אויף דר'ערד?
דאָרט קענען מיר זיך גיכער ריכטן
מען זאָל אין גאַנצן אונדז פאַרניכטן".

דאָס דאָזיקע משל האָט יהואש צומערשט געדרוקט אין דער „וואָרהייט" (1 יוני 1912), און ווי מיר זעען, שטעלט ער, צוגלייך מיט ר' ברכיה, דעם פוקס אַנידער ווי אַן עצה־געבער, פונקט ווי ער דערמאָנט אַ קלוגן פיש, וואָס רעדט אין אַלעמענס נאָמען, בשעת אין דער גמרא ענטפערן דאָס אַלע פיש. און אַזוי ווי אין מדרש גייט עס אויך אין דייטשישן געגראַמטן נוסח, ווי עס ברענגט אים אַברהם מ. טענדלאַו אין זיין „דאָס בוך דער זאַגען אונד לעגענדען יידישער פאָרצייט" (פראַנקפורט דמיין, 1873, ז' 34).

ח

דער ענין פון די פיש, וואָס קאָנען לעבן, בלויז אין זייער עלעמענט, אין וואַסער, איז, פאַרשטייט זיך, אַן אָפּטער גאַסט אין וואָרט, ווערטל, משל, און די דוגמות דערצו זענען לאָין שיעור. וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט דריי פון זיי. דער לובלינער חוזה פלעגט צו זאָגן: לערנען תורה דאַרף דביקות, ווי אַ פיש, וואָס קאָן לעבן בלויז אין וואַסער, און דערפאַר הייסט עס: שׂמח זבולון בצאתך ויששׂכר באהליך" (דברים ל"ג, י"ח) ווייל זבולון, וואָס האָט געהאַנדלט, איז געוועזן גרויס, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, ישׂשׂכר ווייטער, וואָס האָט געלערנט תורה, איז געוועזן גרויס, בלויז אין זיין געצעלט. צווייטנס, ח. נ. ביאַליק שרייבט וועגן מענדעלע: „ואפילו מי שבא לשנות עליו למצוא איזה ,יש' קיים, שיחול עליו השינוי. יכול וגם חייב, כל כשרון להיות בן־חורין, לגלות את כוחו שלו על פי דרכו, אבל עליו להשתעבד גם על איזה ,מחוייב המציאות'. יצא כולו מן התחום — יצא הדג מן המים, נתלש הצמח מן הקרקע" („יוצר הנוסח", כל כתבי ז' של"ב) טייטש: און אַפילו ווער עס קומט משנה זיין — דאַרף געפינען אַ באַשטייענדיקן ,יש' וואָס אויף אים זאָל געפאַלן דער שינוי. יעדער טאַלענט קאָן, און איז אויך מחויב, צו זיין פריי אויף צו אַנטפּלעקן זיין כּוח, אָבער ער דאַרף זיך אויך אונטערגעבן עפּעס אַ ,מחוייב המציאות'. איז ער אין גאַנצן אַרויס פון תּחום — איז גלייך דער פיש איז אַרויס פון וואַסער, גלייך דער צמח איז אַרויס פון דער ערד. דריטנס, ווען מען האָט צום ערשטן יאָרצייט פון ביאַליקן, געמאַכט אַן אויסשטעלונג אין תּל־אָביב, האָט זיך דאָרט געפונען אַ ליד פון אַנדאַ פּינקערפעלד וואָס ביאַליק האָט, אויף זיין ראַנד, אָנגעשריבן זיינס אַ נוסח — דאָס ליד רעדט וועגן די זון־שטראַלן, וואָס האָבן געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך אין וואַסער פון טייך, און זיי זענען טאַקע אַהין אַריין, — מרת אַנדאַ פּינקערפעלד האָט געשריבן: „אך הדגים בורחים מאור" טייטש: אָבער די פיש אַנטלויפן פאַרן ליכט, און ביאַליקס אויסגעברייטערטער נוסח גייט: „ראו זאת דגי היאור / נבהלו מן האור / ומיד / כולם נסו על כל צד / זה לכאן וזה לכאן". טייטש: האָבן דאָס געזען די פיש פון טייך, זענען זיי נבהל געוואָרן פאַרן ליכט, און תּיכף זענען אַלע אַנטלאָפן אין אַ יעדער זייט, דער אַהין, דער אַהער. האָב איך, ברענגענדיק ביידע נוסחאות (בירורים, מוסף „דבר" כ"ד אדר ב' תּרצ"ה) באַמערקט אַז דער צולאָג גייט פון ר' עקיבאס משל, ווו עס הייסט: וראה דגים שהיו רצים לכאן ולכאן, טייטש: און ער האָט געזען פיש וואָס זענען געלאָפן אַהין און אַהער. אַגב, דער חילוק צווישן רצים און בורחים איז יידיש מינימאַל: לויפן — אַנטלויפן.

אויך פאַראַן שינויים אין עצם ציטירן פון דעם מדרש — אַזוי, אַ שטייגער, ברענגט משה סמבטיון („משלי סמבטיון", תשי"ג) אַ געקירצטן נוסח; וואָס הייבט זיך אָן: „שועל היה מהלך על שפת כנרת, ראה דגים שהיו מרצרצים לכאן ולכאן". אָבער דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך.
(אלול תשמ"ב)

צווישן אליהו און עליע

א

יאָהאַן וואָלפגאַנג געטהע, אין זיין בריוו צו שאַרלאָטע שטיין (29 אָקטאָבער 1780), שרייבט וועגן זיין שלעכטער שטימונג, און אויב עס איבערגעבן ייִדיש, הייסט עס אַזוי: „אַזוי גייט עס איינעם, וואָס ליידט שטיל פאַר זיך, און ער דערווייכט נישט, דורך קלאָגערייען, די זייגיקע און זיך גופא, ווען ער רופט סוף סוף פון זיין געדריקטן געמיט: אֵלי אֵלי למה עזבתנו, זאָגט דאָס פאָלק: דו האָסט אַנדערע געהאָלפן, העלף דיר אַליין, און די בעסטע איבערזעצן עס פאַלש און מיינען, אַז עס רופט עליאָס" (בריוו־אויסגאַב 1924, באַנד 2, ז' 209). בעטן זיך דאָ פיר באַמערקן:

ב

ערשטנס, האָט שוין דער אַרויסגעבער פון די בריוו, פיליפּ שטיין, אָנגעוויזן, אַז דער ציטאַט גייט פון דער עוואַנגעליע, אָבער באמת גייט ער פון תהלים. דער חילוק באַשטייט דאַרינען, וואָס אין דער עוואַנגעליע גייט ער בלשון ארמי: אלי אלי למה שבקתני (גרעקיש און לאַטייניש קלינגט עס: סאַבאַכטאַני) און אין תהלים גייט עס בלשון עברי: אלי אלי למה עזבתני.

צווייטנס, באַציט געטהע אויף זיך, וואָס עס ברענגט דאָרט די עוואַנגעליע און מיר ברענגען דאָ לויט דעם ייִדיש־נוסח פון חיים איינשפּרוך: „און בעת עס איז געקומען די זעקסטע שעה, איז געוואָרן אַ פינצטערניש איבער דעם גאַנצן לאַנד, ביז דער נײַנטער שעה, און אין דער נײַנטער שעה האָט ישוע געשריגן מיט אַ הויך קול: אלהי, אלהי, למה שבקתני? וואָס באַטייט: מיין גאָט, מיין גאָט, פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן. און

עטלעכע פון די וואָס זענען דערביי געשטאַנען, און האָבן עס געהערט, האָבן געזאָגט, ער רופט אליהון. און איינער איז געלאָפן, און האָט אָנגעפילט אַ שוואָם מיט עסיק, און האָט אים אַרויפגעטאָן אויף אַ שטעקן, און אים געגעבן צו טרינקען און געזאָגט: לאָזט נאָר, לאָמיר זען, צו [= צי] אליהו וועט קומען אים אַראָפּנעמען. און ישוע האָט אַרויסגעלאָזט אַ הויך קול, און האָט אויסגעהויכט די נשמה".

דריטנס, בעת די עוואַנגעליע פון מתי רעדט פון עטלעכע וואָס זענען דערביי געשטאַנען, רעדט געטהע, אַזוי ווי די עוואַנגעליע פון לוקאַס, וועגן פאָלק און איז מייחס צו די בעסטע דעם פאַרבייט פון אֵלי [= מיין גאָט] אויף עליאַס (=אליהו).

פערטנס, אַז סיי ישו און סיי די וואָס זענען אַרום אים געשטאַנען, און דאָס אין ירושלים, האָבן אַזוי ווייט גערעדט אַרמית, אַז זיי האָבן אַפילו אַ פסוק אין תהלים, און אפשר אַלע קאַפּיטלעך תהלים, נישט געזאָגט אין לשון פון מקור — איז אַ מין קיימא לן ביי די עוואַנגעליע־פאָרשער, כאָטש פאַראַן צווישן זיי וואָס האַלטן, אַז די עוואַנגעליעס, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען גרעקיש, זענען געווען גרונטיק אַרמית, (צבי פּרץ חיות אין זיינע מאַרקוס־שטודיעס האַלט, אַז דער טייל איז געווען גרונטיק העברעיִש), מיר קאָנען אָבער דעריבער נישט אַנטשיידן. על כל פּנים די פאַרהעברעיִשער פון דער עוואַנגעליע ברענגען דעם ציטאַט אין אַרמית און אין עברית — זע פראַנץ דעליטש: אלי אלי למה שבקתני, ותרגומו אלי אלי למה עזבתני, ווייטער יצחק זאַלקינסאָן און דוד גינצבורג: אלהי אלהי למה שבקתני אשר יאמר אלי אלי למה עזבתני.

ווי מיר האָבן געזען באַנוצט זיך געטהע מיטן עברי־טעקסט אין תהלים, ווי ער האָט אים געקענט אין מקור, און אַזוי האָבן מיר עס ביי אַ היינטיקן יידיש־דיכטער זיאַמע טעלעסין וואָס שרייבט: „ווי שלאָגן מע נעמט אים מיט שטעקנס, / ווי שפּייַען מע טוט אים אין פּנים, / און זייַנע תּלמידים זיך האָבן / באַהאַלטן פון אים ווי פּחדנים / דו הערסט זייַן געבעט צו די הימלען: / אֵלי למה עזבתני!" („קמץ אלף אָ", תשמ"א, ז' 164).

ג

אָבער אונדז אינטערעסירט באַזונדערס די קלאַנגלעכע ענלעכקייט צווישן נאָמען פונעם נביא, וואָס האָט אין תנ"ך אַ טאָפּעלעם אויסלייג — פיר מאָל: אליה, און מער ווי פופציק מאָל: אליהו, ווערט אָבער, ווי אַ לעבעדיקער נאָמען, אין אונדזער שמועסשפּראַך, פאַרקירצט און אַרויסגע־

רעדט: אלי, און קלינגט: עלי אָדער עליע. אין פּלוג קאָן זיך דאַכטן, אַז מיר האָבן דאָ עפּעס אַ ווייט בת־קול פונעם עוואַנגעלישן פאַרבייט, ווו דער קלאַנג: אלי האָט זיך געטייטשט ווי אַ קיצור פון אליהו — אָבער דאָס האָט נישט קיין האַפט, און דער ענין אליהו — אליה — עליע גייט נאָך אַ באַזונדערן כּלל — מיר לייענען אַשכּנזיש: ישעיהו, אַרויסגערעדט: Jeschayuhi אָדער Jeschayohu, אָבער אין דער שמועסשפּראַך קלינגט דער נאָמען: שאַיע, משמע דאָס אָנהייב־אות יו״ד מיטן שווא פאַרשווינדט, פּונקט ווי עס פאַרשווינדט ביי יחזקאל, און אין דער שמועסשפּראַך קלינגט דער נאָמען כעסקל אָדער כאַסקל, ווייטער לגבי ירמיהו ווו דאָס אָנהייב־אות איז אַ יו״ד מיט אַ חיריק, איז אין דער שמועסשפּראַך חל דער כּלל, אַז דער קלאַנג (ü, ie) i וואָס קומט פאַר אַ רי״ש, נאָך וועלכער עס גייט אַ קאָנ־סאָנאַנט, ווערט אַן e, און פּונקט ווי טירקע ווערט טערק און פירטל ווערט פערטל וכדומה, אַזוי געשעט עס לגבי ירמיהו וואָס קלינגט אין דער שמועס־שפּראַך יערמיע. און דער כּלל איז חל אויף אַנדערע ווערטער מיט דער סטרוקטור: אם ירצה השם — מערצעשעם, טירחה — טערכע, סירכא — סערכע וכדומה. צוריקקומענדיק צו אליהו זעען מיר, אַז עס ווערט אָן, אין דער שמועסשפּראַך, דעם סוף־אות און קלינגט עליע, ווי שמריהו קלינגט שמאַריע, זכריהו קלינגט זכאַריע וכדומה. און עס וועט אונדז נאָך אויסקו־מען דאַריבער גאָר בפרטות צו שמועסן.

ד

מיר רעדן טאַקע וועגן שרייבערס, וואָס הייסן עליע — פון עליע בחור ביז עליע שעכטמאַן, (אָבער נישט עלי וויזל, וואָס גייט נישט פון אליהו, נייערט פון אליעזר), און אין דער מיט די מעשׂה פון ווילנער גאונס שוועס־טער, וואָס האָט זיך, נאָך יאָרן, געזען מיט אים, און געבעטן: עלינקע, לאָז מיך דיך אָנקוקן, און ער האָט איר געענטפערט, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ קיין צייט, מען מוז לערנען, און אויף יענער וועלט וועט זיין מער צייט [אָדער: אַ סך צייט]. זע אויך נעמען פון ביכער און זייערע העלדן, ווי אַ שטייגער: עלי מאַקאָווער פון עליזע אָזשעשקאָ, וכדומה.

מיר שרייבן עלי, כאָטש נאָרמאַטיוו וואָלט מען באַדאַרפט אויסלייגן אלי, און אַזוי האָט עס טאַקע שאול טשערניכאָווסקי אין אַ פּאָעמע וואָס הייסט אַזוי — די אַל״ף מיט אַ סגול, כאָטש עס וואָלט באַדאַרפט זיין מיט אַ ציר״ה; אָבער דער סגול פאַרזיכערט דעם אויסרעד: e, און פאַרמיידט אַ פאַרמיש מיט אלי אין זינען: מיין גאָט. די פּאָעמע איז אַ מין הומאָריס־

טישער אַנידערשטעל פון אַ יִינגל, אַ כוואַט, אַ קונדס און אַ גיבור־חיל — (וועגן צוזאַמענטרעף צווישן דער פּאָעמע און אַ דערציילונג פון שלום עליכם, זע מיין בוך „אַ וואָרט באַשטייט", באַנד 2, תשל"ח, זז' 79־93).

אין פלוג דאַכט זיך, אַז אַהער געהער דאָס קינדער־לידל, וואָס הייבט זיך אָן מיטן קלאַנגיקן אַריינפיר: „עלע מעלע יאַשע [= יאָסקע, יאָסטע] / [אַ] שוואַרצע כלה האָסטו" (עס איז אויך דאָ אַזאַ אויספיר, ווי אין אַ ליד פון זעליג בערדיטשעווער). אָבער דעם אַריינפיר האָט אויך אַ פּויליש פאָלק־ליד, וואָס פאַרמאָגט היפּש וואַריאַנטן. ווי ווייט דער דאָזיקער אַריינפיר האָט זיך דורכגעזעצט, האָב איך אָפּגעלערנט פון אַ לעמבעריקער יִדענע, וואָס, דערציילנדיק וועגן דאָרטיקן פּאָגראָם, האָט געזאָגט: „נו, אַז דער חזן האָט זיך צעוויינט: עלע מעלע [= אֵל מלא] רחמים, איז ערשט געוואָרן די רעכטע יללה", ווילט זיך דערמאָנען, אַז אין חדר זענען אָנגעגאַנגען כלערליי חוזק־גראַמען לגבי נעמען, דערונטער דער גראַם: עליע וואָס קוקט (אָדער אַן אַנדער ווערב) אויף דער סטעליע.

און כדאי צו דערמאָנען, אַז עלי האָט, חוץ דעם העטשל־פאָרעם: עלינקע, אויך די פאָרעם: עליש, וואָס מיר האָבן, אַ שטייגער: ביי לייביש, בעריש וכדומה, אָבער, בשעת דאָ האָבן מיר אין צפונדיקן דיאַליקט: לייבוש, בערוש, בלייבט, דוכט זיך, אין אַלע דיאַלעקטן: עליש, על כל פּנים האָב איך נישט געהערט עלוש, עליוש, כיבאַ ער האָט שוין צו טאָן מיטן בפירושן סלאַווישן: עליושאַ, עליושקאַ.

אַז דער סלאַווישער יסוד איז פאָרט אַריין, לאָזט זיך אָפּלערנען פון זאָג: ס'פאַרנעמט זיך היינט אויף רעב עליש, אָדער רעב עליש האָט זיך היינט צעפּירט די הענט, ווי איך האָב געהערט אין דער סביבה פון די קאַרפּאַטן, כדי צו באַצייכענען אַן אָנזאָג פון אַ פאַרוואָלקנט, רעגנעריש, זאַווערוכעדיק וועטער. ווען איך האָב דאָס צומערשט געהערט, האָב איך עס אַסאָציִירט מיטן אוקראַיִנישן (בעצם מזרח־סלאַווישן) גלויבן וועגן אליהו הנביא, וואָס טרייבט זיך אַרום אין זיין רייטוואָגן און שאַפט די זאַווערוכעס; און גאָר מעגלעך, אַז דאָס בילד איז ערגעץ־ווו־אַרום אַריינגעדרונגען צווישן די באַרג־יִידן, אָבער באמת האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ בפירושן מעטאַנאַליז: רעב עליש גייט פון וואָרט רעבעליש, פון לשון רעבעל וואָס מיינט אַ מורד. נחום סטוטשקאָוו האָט אין זיין אוצר, סי' 467 ווי אַ סובסטאַנטיוו, אין דער אונטערגרופּע: אינסורגענט, רעבעל, מורד, מורד־במלכות, אויפשטאַנדלער, פּאָווסטאַניעץ, און ווי אַ ווערב, אין דער אונטערגרופּע: ווידערשפּעניקן, רעבעלירן, רעוואָלטירן, בונטעווען זיך, מורד זיין,

מורד במלכות זיין; און ווי אַן אַדיעקטיוו און אַדווערב, אַ גרויסע אונ־טערגרופּע, ווי מיר האָבן: ווידערשפּעניק, בונטאַריש, רעבעליש, רעוואָלו־ציאָנער, וכדומה. אָבער דער באַזונדערער באַנוץ, לגבי דעם ווערטער, דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן אין דער רעם פון זיין באַנוץ, בעיקר אין דער דער־מאָנטער סביבה (זע, אַ שטייגער, ביי שלמה ביקל). על כל פּנים געהער דער מעטאַנאַלישער דרוש: רעבעליש — רעב עליש צו אַן אַנדערן רייסטער.

ו

צולעצט ווילן מיר נישט לאָזן אומדערמאָנט די פאָלקישע טיטולאַטור פון אליהו הנביא אין דער פאָרעם: עלי האַנאַווער, לויטן שטייגער, משה רבינו אין דער פאָרעם מוישע ראַביינער, אָבער אויך דערוועגן אין אַ באַזונדערן באַהאַנדל.

(ו׳ סיון תשמ״ב)

דרך ארץ

א

אין מיין בוך „קערת צימוקים״ (תש״י, סי׳ 184) ברענג איך, אין נאָמען פון מיין פריינד יצחק צימערמאַן, אַ הלצה, וואָס ער האָט געהערט, אין זיין מתנגדישער משפּחה אין זשאָלקיוו, וועגן איינעם ר׳ נחום, אַ מקורב פון בעלזער הויף, וואָס איז נישט באַקאַנט געווען ווי דער גרעסטער תּלמיד־חכם און מען האָט דערציילט וועגן אים, אַז ער פלעגט זיך שווערן, אויס־שטרעקנדיק אַ פינגער צום נר־תּמיד און אויסרופן: אַזוי ווי עס איז אַ נר הייתי בארץ נכריה פון גאָט. אַזוי האָט ער, ווייזט אויס, געלייענט דעם פסוק: כי גר הייתי בארץ נכריה (שמות ב׳ כ״ב), משמע, אַז די ענלעך אויסזעענדיקע אותיות (ג און נ) האָבן זיך אים פאַרביטן, אַזוי אַז גר (אַ פרעמדער) איז ביי אים געוואָרן נר (אַ ליכט)...

אָבער דער ר׳ נחום האָט דווקא פאַרלאַנגט, מען זאָל לגבי אים נוהג כבוד זיין, און פלעגט דעם פסוק: ולא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא (שמות י״ג י״ז). אַזוי צו טייטשן: ולא נחם אלהים — און כאָטש

נחום איז קיין גאָט נישט, דרך ארץ פלשתים — האָט פאַר אים דרך ארץ, שקצים, כי קרוב הוא — ווייל ער איז אַ בנם של קדושים, און ממילא אַ קרוב פונעם בעלזער רב (אַגב, איז דאָרט דער נאָמען נחום שכיח, מחמת דער קירבהשאַפט צו די טשערנאָבילער). עד כאן די הלצה פון זשאַלקווער מתנגד.

ב

כדי צו כאַפּן, אין וואָס באַשטייט די קאָמיק פון דעם טייטש, דאַרף מען בלויז באַטראַכטן דעם פשט — האָבן דאָך שוין אונדזערע באָבעס דערוועגן געלייענט אין צאינה וראינה: „עס שיקט פרעה ישׂראל אונ גאָט פירט זיא ניט דורך לאַנד פלשתים וויא וואול עש וואַר גאַנץ נאָהנט צו ארץ ישׂראל". משמע, אַז יענער הדיוט האָט דאָס וואָרט נחם, וואָס מיינט נחה אותם [= ער האָט זיי געפירט] אויסגעטייטשט ווי נחום, אַ נאָמען, נישט ווי ער גייט אין תנ״ך, מיט דעם פתח אונטער דער נון, און מיינט אַ טרייסטנדיקער, נאָר ווי ער גייט ביי חז״ל, מיט אַ קמץ אונטער דער נון, און מיינט, אַ געטרייסטער. ווייטער די ווערטער דרך ארץ גייען אויך נישט ווי אין פסוק: דורכן לאַנד, נאָר ווי עס גייט אין חז״ל — אין זינען פון כלל מענטשלעכע מידות, לייטיש אויפפירונג (דרך ארץ קדמה לתורה), ווו עס געהער אויך אַריין דאָס אָפּגעבן כבוד אַנדערע, וואָס פאַרדינען עס. נחום סטוטשקאָוו, אין זיין אוצר, האָט דעם באַהעפט דרך ארץ סיי אין סי׳ 556 (איידלקייט), אין אַן אונטערגרופּע: דרך ארץ, תּרבות, נימוס, רעשפּעקט, כּבוד, אָפּשיי; סיי אין סי׳ 580 (כּבוד) ווו די דערמאָנטע ווערטער חזרן זיך איבער. און כּדאי צו דערמאָנען, אַז דער סטאַניסלאַווער אַברהם לעבנסאָרט, האָט זיך אויסגעצוכט דעם פּסעוודאָנים: דרך ארץ און האָט אַזוי געצייכנט זיינע זאַכן (אין ביטשוטשער „דער יודישער וועקער" וכדומה).

ג

אַוודאי איז מעגלעך, אַז די הלצה איז, ווי עס איז שכיח אין הומאָר, אַן אויסטראַכטעניש פון אַ מתנגד, אַ תּלמיד־חכם, וועגן אַ חסיד אַן עם־הארץ, וואָס פאַרבייט די טייטשן. אָבער וואָס שייך דעם פאַרבייט פון דרך ארץ אין חומש און דרך ארץ ביי די חז״ל, האָט ער שוין אַ לייטישע, און אפילו מיוחסדיקע, באָרד. אין פּיוט פון ר׳ מאיר בר׳ יצחק („את השם

הנכבד והנורא נאה לתהילותיו״), וואָס איז אַ יוצר אום שבת, צווישן יום־כּיפּור און סוכּות, הייסט עס: „ולא נחם בדרך ארץ יסודו / ברוך ד׳ כי הפליא חסדו״. שוין דער קליינער שינוי, וואָס דער פּייטן דערלויבט זיך לגבי דעם פּסוק, שרייבנדיק נישט: דרך ארץ נאָר: בדרך ארץ, ווינקט אָן אויפן באַטייט־שינוי, און דער מפרש פון די פּיוטים, ר׳ אברהם בר׳ עזריאל, אין זיין ספר „ערוגת הבושם״ (אַרויסגעגעבן פון כּתב־יד דורך ר׳ אפרים אלימלך אורבאַך) דערקלערט אויפן סמך פון מדרשים (תש״ז, חלק ב׳, זז׳ 165־164). אַז דער אייבערשטער האָט, אַרויספירנדיק ישׂראל, נישט אָפּגע־היט דעם דרך ארץ — ווייל לויט דרך ארץ טראָגט דער קנעכט דעם האַר זיינעם און נישט פאַרקערט, אָבער דער אייבערשטער האָט געטראָגן ישׂראל אין דער מדבר, ווי עס הייסט: אשר נשׂאך ד׳ אלהיך כאשר ישׂא איש את בנו (דברים, א׳ ל״א) טייטש: און דער אייבערשטער, דיין גאָט, האָט דיך געטראָגן, ווי עס טראָגט אַ מאַן זיין זון; ענלעך: ואשׂא אתכם על כנפי נשרים (שמות י״ט, ד׳) טייטש: און איך האָב אייך געטראָגן אויף פליגלען פון אָדלערס. לויט דרך ארץ וואַשט דער קנעכט זיין האַר, און דאָ האָט דער אייבערשטער געוואַשן ישׂראל, ווי עס הייסט: וארחץ במים ואשטוף דמיך מעליך (יחזקאל ט״ז, ט׳), טייטש: און איך וועל וואַשן מיט וואַסער און אָפּשווענקען דיין בלוט פון דיר. לויט דרך ארץ דאַרף דער קנעכט קליידן זיין האַר, אָבער דער אייבערשטער קליידט ישׂראלן, ווי עס הייסט: ואלבישך רקמה (דאָרט, י׳), טייטש: און איך וועל דיך קליידן אין אַ גע־ווערקט קלייד. לויט דרך ארץ דאַרף דער קנעכט צולייכטן דעם האַר זיינעם, אָבער דער אייבערשטער האָט צוגעלויכטן די בני ישׂראל, ווי עס הייסט: וד׳ הולך לפניהם יומם בעמוד ענן לנחותם הדרך ולילה בעמוד־אש להאיר להם, ללכת יומם ולילה (שמות, י״ג, כ״א), טייטש: און דער אייבערשטער גייט זיי פאָרויס, בייטאָג מיט אַ וואָלקן־זייל זיי צו פירן דעם וועג, און ביינאַכט מיט אַ פייער־זייל, זיי צוצולייכטן, צו גיין בייטאָג און ביינאַכט.

הייסט עס אַז דער פאַרבייט פון תנ״כישן אויפן שפּעטערן באַגריף פון דרך ארץ האָט נישט באַדאַרפט וואַרטן אויף דער דערציילערישער הלצה, דען ער גרייכט נאָך אין מדרש אַריין.

ד

יאָ, די הלצה פאַרמאָגט נאָך אַ שפּילעריי: קרוב אין טאָפּל־באַטייט, סיי ווי דער קאָנטראַסט פון רחוק, ווי עס איז דער קאָנטראַסט: נאָענט און ווייט; סיי ווי אַ באַצייכן פון אַ משפּחה־מיטגליד. אָבער אויך דאָס טאָפּל-

שפּיל איז גאָר שכיח — אַזוי אַ שטייגער, ברענג איך אין מיין בוך „קערת אגוזים" (תּשי"ג, סי' 5), וואָס איך האָב געהערט פון מיין באָבען, מרת חנה לאה שפּערבער, וועגן גאון ר' אפרים זלמן מרגליות, אַז עס איז צו אים געקומען אַן אָרעמאַן און געזאָגט: איך בין אײַער קרוב און אַ נצרך, איך דאַרף אויף הכנסת כלה; האָט דער גאון אים געגעבן אַ סכום, וואָס האָט אים נישט צופרידנגעשטעלט. האָט דער גאון געזאָגט: איר זענט דאָך אַזאַ ווייטער קרוב, האָט דער אָרעמאַן אים אָפּגעגעבן דעם סכום, אָבער ביינאַכט האָבן זיךביידע באַגעגנט צו סליחות, האָט דער גאון, דערמאָנענדיק: זכור לאברהם ליצחק וליעקב, זיך שטאַרק צעוויינט, האָט אים דער אָרעמאַן געפרעגט: וואָס וויינט איר אַזוי אויף די אָבות, זיי זענען דאָך ווייטע קרובים; לויט אַנדערע ווייטער זאָל זיך דער גאון האָבן צעוויינט, דערמאָנענדיק זיך אין אשרי: קרוב ד' לכל קוראיו, האָט דער אָרעמאַן אים אַ זאָג געטאָן: וואָס וויינט איר אויפן אייבערשטן, ער איז דאָך אַזאַ ווייטער קרוב.

און איך ברענג דאָרט וואַריאַנטן, און דערמאָן אַ מעשה פון רבין ר' מנחם דוד פון אַמשינאָוו, וואָס האָט געזען אַן עושר, וועלכער האָט זיך אויסגעדרייט פון צו העלפן אַן אָרעמען קרוב מיט דער טענה, אַז ער איז אַ ווייטער קרוב, האָט אים דער רבי געפרעגט, צי ער דאַווענט שמונה עשׂרה, האָט ער געענטפערט יאָ, האָט ער אים געפרעגט, ווי גייט דער אָנהייב, האָט ער אים געענטפערט: אלהי אברהם, אלהי יצחק ואלהי יעקב, האָט דער רבי געפרעגט, ווער זיי זענען, האָט דער עושר געענטפערט: די אָבות. האָט דער רבי ווייטער געפרעגט: ווען האָבן זיי געלעבט? האָט דער עושר געענטפערט: מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק; האָט דער רבי געזאָגט: אַזעלכע ווייטע קרובים דערמאָנט ער דרײַ מאָל אין טאָג, און הענגט אָן די תּפילה זיינע אין זייער זכות.

צום סוף וויל איך דערמאָנען, אַז מיכה יוסף בערדיטשעווסקי (בן גריון) האָט זיינע יידיש־געשריבענע ביכער אָנגערופן „כּתבים פון אַ ווייטן קרוב".

צווישן ה״א און היי

א

אַז עטלעכע אותיות לאָזן זיך, לויט זייער קלאַנג, טאָפּלט אויסטייטשן, און ווערן, מכּוח׳ן וואָרטשפּיל, שטיפערישׂ אויסגענוצט, איז אַ דבר ידוע ומפורסם. בעיקר האַנדלט עס זיך אין אות ה״א, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ לייכט אות „אתא קלילא״ און ווערט פאַרביטן מיטן וואָרט היי („היי און שטרוי״); און אין אות יו״ד, וואָס ווערט פאַרביטן מיטן וואָרט ייִד. ווייניקער האַנדלט עס זיך אין אות צד״י, ווי זי ווערט אַרויסגערעדט צדי״ק און ווערט פאַרביטן מיטן גלייכקלאַנגיקן וואָרט צדיק („דער צדיק אין פּעלץ״) און אין תיו (תּיו רפה) צו וועלכן מען פּאַסט צו אַ גלייכקלאַנגיקן גראַם (תּיו — סוף).

וואָס שייך די ערשטע צוויי אותיות, האָבן מיר דאָס וואָרטשפּיל אין אַ הלצה — אַ ייִד קומט זיך גטן מיט זיין ווייב, מחמת זי פירט זיך נישט לייטיש אויף, פרעגט אים דער סופר, ווי זי הייסט, ענטפערט ער חיה [= כאַיע]; פרעגט דער סופר ווייטער, ווי חיה לייגט זיך אויס, צי מיט איין יו״ד אָדער מיט צוויי יו״דן און אַ ה״א; טוט דער ייִד אַ קרעכץ: זי לייגט זיך אויס מיט צוויי גויים און אויף שטרוי. הייסט עס, אַז דאָס אות יו״ד (אַרויסגערעדט: ייִד) ווערט פאַרביטן אויפן וואָרט ייִד, וואָס ווערט ווייטער פאַרביטן אויף זיין היפּוך: גוי; און דאָס אות ה״א ווערט פאַרביטן אויפן וואָרט היי, וואָס ווערט ווייטער פאַרביטן אויף אַן אַנדערן סאָרט געוויקס: שטרוי. דער שטיפערישער עוקץ שטעקט אין טאָפּל-באַטייט פון ווערב: אויסלייגן, ווי אַ גראַמאַטיקאַלער טערמין (אָרטאָגראַפיע); אויסלייגן כפשוטו, ווי עס טוט אַ פּאָר־פאָלק, אָדער סתם זכר און נקבה.

ב

דער ענין ווערט פריוואַלער, ווען די הלצה לאָזט דעם סופר זיך ווענדן צו דער אשה, און זי פרעגן: איר לייגט זיך אויס מיט איין יו״ד אָדער מיט צוויי יו״דן, און ער רעדט אַרויס: איין ייִד, צוויי ייִדן. אָבער די הלצה האָט נאָך אַן עוקץ: עס האַנדלט זיך ווי מען דאַרף אויסלייגן דעם נאָמען

פון צווייטן חודש: צי איר צי אייר, און ש״י עגנון שרייבט אין נאָמען פון בעל־עגלה: „ומנהג בעירנו שאין כותבים גט באייר, מחמת ספק אם כותבין איר ביו״ד אחת או אייר בשתי יודי״ן („הכנסת כלה״, תשי״ג, ז׳ קצ״ט). טייטש: און עס גייט אָן אַ מנהג ביי אונדז אין שטאָט, אַז מען שרייבט נישט קיין גט אין חודש אייר, מחמת ספק, אויב מען שרייבט איר מיט איין יו״ד אָדער מיט צוויי יוד״ן.

צום שפיל מיט צוויי יוד״ן אין זינען פון צוויי יִדן געהער די הלצה פון אַדאָלף וואָלבערג („טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, נומער 15238): פאַר וואָס שרייבט מען מים [= וואַסער] מיט איין יו״ד, און חיים [= לעבן] מיט צוויי יוד״ן, און די תשובה איז: וויל מים, וואַסער קאָן אַ ייִד טרינקען אַליין, אָבער כּדי צו מאַכן אַ לחיים, מוז מען האָבן צוויי יִדן. אַגב, צום ענין חיה געהער אויך די הלצה (דאָרט, נומער 15526) וועגן יענעם, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע, און זיין ווייב, חיה, האָט ער איבערגעלאָזט אין שטעטל, און אַז מען האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס ברענגט ער זי נישט אַריף, האָט ער געענטפערט מיטן לשון פון דער תפילה: עפר אני בחיי, איך בין געלעגן אין דער ערד, ווען זי האָט געהייסן פשוט חיה, קל וחומר במיתתי — מה־דאָך אַז זי וועט הייסן מיסיס.

אַז דער ענין פון צוויי יוד״ן האָט אַ גאָר ערנצטע נאָטע, זע, אַ שטייגער, דעם פּיט („זיארה בארץ ישראל״), וואָס הייבט זיך אָן: „אבן הראשה רבון / נאמן צייר בתרי יודין״ („ארשת״, תש״ד, ז׳ רל״ב), וואָס א.מ. האַבערמאַן דערקלערט: אבן הראשה איז, ווייזט אויס, ירושלים, וואָס דער אייבערשטער האָט זי באַשאַפן מיט צוויי יודי״ן, און די כּוונה איז נישט וואָס חז״ל האָבן געדרשנט וועגן פסוק אין ישעיהו (כ״ו, ד׳).

ג

אָבער צוריק צו דער ה״א און איר פאַרבייט מיט היי — זע מענדעלע, וואָס באַקלאָגנדיק די ביטערע מערכה פון דער קליאַטשע, ווייזט, ווי מען וויל איר הונגער נאָך אַ קאָפּ היי אָפּפטרן, ווייזנדיק איר אַ ה״א אין סידור, און דאָס איז געוואָרן אַ מין ווערטל — זע, אַ שטייגער, מ.מ. שאַפּיר: „משוגע איז זי דען, טאָג איַין טאָג אויס צו קומען, / און נישט צו זען קיין גרייצער, נאָר אַ ה״א אין סידור?״ („דער שטערן־וואָגן״, 1968, ז׳ 30). אָבער דער שורש פון שפיל איז עלטער — בעריש גאָלדנבערג דערציילט

אין זיין בוך וועגן יוסף פּערל („אוהל יוסף", תרכ"ו, ז' י"ד), אַז ער האָט מקיים געווען אַלע דינים און מנהגים, און ווען ער האָט ביי איינעם פון די לערערס אין זיין שול געזען שבת אַ רויך פון קוימען, האָט ער אים אָפּגע־זאָגט פונעם פּאָסטן. נאָך־מער, ער האָט געהאַט פּאַראיבל ווען דער חכם ר' אליקום מילזהגי (מעלזאַק), וואָס איז ביי אים געווען אַ שמש, האָט נישט געוואָלט אויסשיטן היי ערב יום־כּיפּור, און זיך שטיפעריש פּאַרענטפערט: לא לכתוב רחמנא לא ה"א, משמע מע זאָל דעם שם המפורש נישט שרייבן דורכן אות ה"א, אָבער דער שמש האָט עס באַנוצט אין זינען פון היי. וויל איך דאָצו באַמערקן, אַז ש"י עגנון האָט מיר געזאָגט, אַז מילזהגי זאָל האָבן געענטפערט אַנדערש, דהיינו מיט דער קשיא: הא למה לך.

דעם באַנוץ האָט אויך ח. נ. ביאַליק — ווען אריה צפיר [= צאַפּ] זעט זיין שותף שלעפן די געשעפט־ביכער, פרעגט ער: ר' ברוך! — לאן אתה נושא זאת? הא למה לך?" משה טייטש האָט עס פאַרייִדישט: „ר' ברוך — וווהין שלעפּט איר עס? און צו וואָס טויג עס אייך?" (אויסגאָב שמואל ראָזשאַנסקי, תשכ"ד, ז' 172).

ד

ווי מיר זעען, באַנוצט דאָ ביאַליק דאָס וואָרט הא, ווי אַ דעמאָנסטראַ־טיווום („אָט דאָס"), אָבער ער באַנוצט עס אויך ווי אַן אות ה"א — זע, למשל, אין זיין באַרימטער הומאָרעסקע: „ויאמרו: אך התעטש בן המלך — ויתעטשו גם המה / עטישה שיש בה מן הא השאלה והא התימה // הבצי... הבצי... הבצלים? / ולא ידע בן־המלך מה הפליאה והתמיה / ויתעטש בדגש חזק ובהא הידיעה / פעם ושתים ושלישיה: / הבצי... הבצי... הבצ־לים!!" („אלוף בצלות ואלוף שום"). טייטש: און זיי האָבן געזאָגט: דער פּרינץ האָט בלויז געניסט, און זיי האָבן זיך אויך צעניסט, אַ ניס וואָס האָט אין זיך סיי אַ פרעג־ה"א סיי אַ שטוין־ה"א: האַבצי, הבצלים [= ציבעלעס]. און דער פּרינץ האָט נישט געוווּסט, וואָס איז דאָס וווּנדערן זיך און דער שטוין, און האָט אַ ניס געטאָן מיט אַ שטאַרקן דגש און מיט אַן אָנווייז־ה"א: האַבצי, האבצי, ציבעלעס.

אָבער די שטיפערישע מאַניפּולאַציע מיט דיקדוק־טערמינען איז אַ סך עלטער — און באַרימט איז די דוגמה פון ר' יהודה אלחריזי, וואָס שרייבט וועגן איינעם וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער אַ בתולה און זי איז מעוברת געוואָרן: „ויונת חן מקננת בחיק אב / ממלא יום יום טרפּה ומספּיק /

חשבוה בה״א רפה אבל עת / בחנוה מצאוה במפיק״ („תחכמוני״, מחברות לספרות, ז׳ 390). טייטש: און אַ גינציקע טויב האָט איר נעסט אין טאַטנס שויס, וואָס דערפילט און שטעלט איר צו טאָג־טעגלעך איר פּרעס, מען האָט געהאַלטן אַז זי איז אַ ה״א רפה [= אומגעפּינטלט], אָבער זייט מען האָט זי בודק געווען, האָט מען זי געפונען מיט אַ מפיק־ה״א [=געפּינטלט].

ד

דאָס איז שוין נישט ווייט פון ניבול־פה, וואָס זיין שפּיץ ווייזט אויס צו זיין אין אַ שטיפעריי, וואָס איז רעגיאָנאַל־דיאַלעקטיש באַגרענעצט — ווו עס פאַרבייטן זיך אַל״ף און ה״א (זיך אײַלן — זיך היילן, איצטער — היצטער, עס אַרט מיך — עס האַרט מיך וכדומה) אַזוי אַז ה״א ווערט אַרויסגערעדט איי. אַזוי גייט די הלצה, אַז אברם איז געווען אַן עקר, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין איי [= ה״א], איז אָבער געוואָרן אויפגעריכט מיטן נאָמען אברהם, ווייל ער האָט געקריגן אַן איי [= ה״א] — מעגלעך, אַז דאָס איז אַן אומגעלומפּערטער גלגול פון דרש (תוספות חגיגה, ט׳ ע״ב), אַז די נעמען בן בג בג און בן הא הא (וואָס מיר קענען פון פּרקי אָבות) זענען געווען גרים, און זיך אָנגערופן אויפן נאָמען פון שׂרה (וואָס האָט פריִער געהייסן שׂרי) און אברהם (וואָס האָט פריִער געהייסן אברם) וואָס האָבן צוגעקראָגן אַ ה״א, וואָס באַטייט פינף, ווי עס מאַכט אויך בג (אַגב, בן הא הא איז אויך אַ ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון שמעון האַלקין און מאַכט בן הלל האַלקין).

און אַן ענין פאַר זיך זענען קמיעות, סגולות און שמועות און סתם תכשיטים, בצורת ה״א וואָס פאַרנעמען אַ באַזונדער אָרט אין פאָלקלאָר. און מיר וועלן זיך איצט באַנוגענען מיט צוויי דוגמות. שלמה עטינגער: „ווי זי האָט דאָס קינד אַהיים געבראַכט, האָט זי דערזען, אַז דאָס קינד גייט אָנגע־טאָן אין אַ זילבערנע ה אויף אַ שנירעלע בערשטין אויף דעם העלזעלע״ (כתבים, אויסגאַב מאַקס ווײַנרײַך, באַנד 2, הוספות ז׳ 556); און זע ש״י עגנון: „מצא סידור קרוע וציצית פסולה ובית של תפילה של יד ולוח ישן ושופר נקוב וה״א של פה שתולין לו לבכור שלא נפדה״ („מזל דגים״). טייטש: ער האָט געפונען אַ צעריסענעם סידור און אַ פּסולע ציצה און איינעם פון די בתים פון תפילין של יד און אַן אַלטן לוח און אַ געלעכערטן שופר און אַ בלעכענע ה״א, וואָס מען הענגט אָן אַ בכור (אַ צאַפּ) וואָס מען האָט נישט אויסגעלייזט.

און אויב זיך לסוף אומקערן צום אָנהייב, לאָזט זיך נאָך שמועסן וועגן דריי ענינים פון אונדזער ערשטן אַנעקדאָט: 1) יוד — ייִד, 2) אויסלייגן תּרתּי משמע, 3) היי — שטרוי, און מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דריי באַמערקן.

ו

צום ערשטן ענין: יוד — ייִד, זע דעם ויכּוח, וואָס דאַרף מען זיך קודם־כּל ווינטשן, צי געזונט, צי פּרנסה, און די תּשובה, אַז שוין אין ערשטן פּסוק פון דער תּורה האָבן מיר: בראשית בריא, משמע אַמערשט געזונט, און ערשט דערנאָך: ברא אלהים את, משמע האָט דער אייבערשטער באַשאַפן דעם עס, די אכילה. איז עס קשה, מחמת דעם פאַרבייט פון ברא אויף בריא מכּוח אַן איבעריקער יו״ד. איז די תּשובה: אַ ייִד איז קיין מאָל נישט איבעריק.

צום צווייטן ענין, זע דעם באַנוץ מיטן וואָרט צעליגן, און זע אַ שפּיל מיט אַ טאָפּל־באַטייט: דער רבי צעלייגט פּרייטיק־צו־נאַכטס אַן אשת חיל, איז דאָ וואָס צו הערן. און זע קלמן אולריך, וואָס ברענגט מכּלומרשטע שבחים אויף אַ נאַריש ייִנגל: „זיין דאַוונען! זיין לעהרנען! זיין ערב שבת, זיין שיר השירים זאָגן! און אַז ער קומט צו „אשת חיל מי ימצא״ — ווערט ער פּשוט אַזש דערציטערט״ („דאָס מעזיניקל״, וואַרשע 1883, ז׳ 6). און וואָס שייך צום ענין צעליגן, געהער אַהער אויך דער סובסטאַנטיוו: צעלייגער, און באַטייט אַ בריה, אַ טויגער, און וואָס ווערט אויך באַנוצט אין איר איראָנישן זינען — זע, אַ שטייגער, אברהם קאַרפּינאָוויטש: „גרויסער צעלייגער. אפשר גייען מיר היינט אין אָוונט — אין טאַנץ־קלאַס? („עלינקע דער הויכער״) און דער ווערב קאָן אויך האָבן אַן אַנדערן פּרעפיקס; און זע דעם זאָג, וואָס ז. פרויד דערמאָנט אים לשם אַנאַליז פון וויץ: ער האָט אַ סך פאַרדינט און זיך עפּעס צוריקגעלייגט, און זי האָט זיך עפּעס צוריקגעלייגט און אַ סך פאַרדינט.

צום דריטן ענין: היי — שטרוי לאָזט זיך באַמערקן, אַז פּונקט ווי מיר האָבן אַ שפּיל: קש — קשיא, ווי אַ שטייגער, דער קעגנשטעל: קשיא לא קשיא, ווי עס האָט זיך באַקלאָגט ר׳ אלימלך פון ליזשענסק: ווי לאַנג איז דער שיעור צו עסן בלויז קאַשע, אפשר שוין צייט צו עסן לאָקשן. זע אויך די הלצה וועגן יהושע העשל שור בעל „החלוץ״, וואָס פלעגט מחמת קמצנות

זיך לאָזן טאָג־טעגלעך אָפּקאָכן אַ טאָפּ קאַשע: שור אוכל קש, משמע: שור — אי אַן אָקס אי אַ משפּחה־נאָמען, אוכל — אי פרעסט, אי עסט, קש — אי שטרוי אי קאַשע. און צום ענין: היי — שטרוי, זע הרב עהרנטרוי אין זיין מאמר וועגן פּלפּול־טערמינען („יאָהר־בוך דער יידישען ליטעראַרישן געזעלשאַפט״, פראַנקפורט, 1905), ברענגט אין נאָמען פון ווירפל, אין זיין געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין נירנבערג, אַז ער האָט געפרעגט יידן, וואָס מיינט דער לערן־טערמין: אַ נירנבערגער, האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי ווייסן נישט, און די ווייניקע וואָס ווייסן יאָ, ווילן עס נישט מגלה זיין פאַר אַ גוי, אָבער אַז ער האָט געפרעגט אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט זיך געשמדט, האָט ער אים דערציילט אַ מעשה: אַ פויער פאָרט מיט אַ וואָגן שווער באַלאָדן מיט שטרוי אויפן מאַרק, באַגעגנט אים אַ פלוני און ער פרעגט: פויער, וואָס פירסטו צום מאַרק? ענטפערט אים דער פויער: היי, זאָגט פלוני: דאָס איז נישט קיין היי נאָר שטרוי. האָט אים דער פויער אָפּגעפאַרטיקט: אויב דו ווייסט און זעסט, פאַרוואָס־זשע פרעגסטו (ז׳ 218). פון המשך איז קאָנטיק, אַז דער מחבר האָט די תשובה נישט פאַרשטאַנען, און עס מוז גריילעך האָבן צו טאָן מיט: הא קשיא, מיט אַ הינטערשפּיל: ה״א — היי.

ז

און גאָר צום סוף: איך האָב נישט באַרירט דעם ענין איד — ייד, נישט ווייל מיר זענען קעגן דער ערשטער, בעיקר ליטווישער פאָרעם, ווי עס איז די תקנה פון ייוואָ, און נישט ווייל מיר זענען קעגן אָנגעם פוןביידע פאָרמעס, ווי עס האָט געוואָלט א.א. ראָבאַק, שאַפנדיק בכיוון אַ דובלעט מיט צוויי פאַרשיידענע באַטייטן: פויכטוואַנגער איז אַ אידישער שרייבער אָבער נישט קיין יידישער שרייבער, און געפילטע פיש איז אַ אידיש מאכל און נישט קיין יידיש מאכל״ („דער פאָלקסגייסט פון יידיש״, פאַריז 1964, ז׳ 517), און נישט בלויז ווייל איך דערלויב מיר נישט צו זיין אַ נאָרמאַטיוויסט אין גייסט פון קבלו דעתי, נאָר וואָס איך וויל וויסן איז, צי איז עס מחייב אַן אַרויסרייד און אַן אויסלייג ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין: אַן איד פון אַ גאַנץ יאָר, אַן אידישע שמחה, וכדומה.

דער שוואַרצער בישאָף

א

אין אונדזער אַרבעט וועגן מאָטיוו פון בעל־שם־טוב און בישאָף, וואָס איז אַמערשט געווען געדרוקט אין „יִדישקייט״, העפט 5, זז׳ 15־18, און דערנאָך אַריין אין מיין בוך „צווישן ווייט און נאָענט״, תשמ״ב, זז׳ 212־221, האָבן מיר געפּרווּט אַנאַליזירן עטלעכע נוסחאות, וואָס זענען בעלע־טריסטיש פֿאַראַרבעט געוואָרן, און מיר האָבן באַמערקט, אַז דער גלח ווערט פֿאַרשיידן באַצייכנט — אברהם ווייץ שרייבט וועגן אַ בישאָף סתּם; ישעיהו טיגער טיטולירט אים דער שוואַרצער בישאָף; און מיר ווייסן פון זיין טעקסט נישט, מחמת וואָס; דער מקור, ווייטער, אויף וועלכן יוסף אָפּאַטאָשו האָט זיך געשטיצט, רופט אים: דער טערקישער בישאָף; פּונקט ווי מיר האָבן באַמערקט, אַז דער מאָטיוו גופא האָט שוין אַ לאַנגע באָרד, און מיר האָבן צוגעזאָגט אַ המשך פון באַהאַנדל.

קומענדיק איצט מקיים זיין אַ טייל פון אונדזער הבטחה, ווילן מיר פּירוּסשיקן, אַז מיר האָבן ווייט נישט אויסגעשעפּט די נוסחאות אַרום דעם סיפּור־המעשׂה וועגן בעל־שם־טוב און דעם גלח, און מיר ווילן איצט צוגעבן צוויי גירסות.

די ערשטע גירסא האָט פֿאַרעפֿנטלעכט ר׳ ישראל גוטווירט — אַ תּלמיד חכם, וואָס שטאַמט פון אַ באַקאַנטער פרומער משפּחה אין לעמבעריק, און איז אָנגעפּראָפּט מיט חסידישע מסורות, וואָס ער פֿאַרוועבט גאָר קונציק אין זיינע שיעורים און דרשות, ווי אַ מגיד אין גאַליציען שילעכל אין בוענאָס־איירעס, ווו איך האָב געהאַט אַ שעת־כּושר אים, מיט גרויס פֿאַר־גענוגן, אַ האַלב טוץ מאָל, צו הערן. די ווערסיע זיינע וועגן אונדזער מאָטיוו („די פּרעסע״, 25 יאַנואַר 1980), וואָס ער באַצייכנט ווי אַן אויטענטישן איבערזעץ פון ספרי חסידות, באַהאַנדלט „די אויסטערלישע געשיכטע פון בעל־שמס רייזע קיין איטאַליע״, און דערציילט וועגן איינעם, ר׳ ישׂראל נגיד, וועלכער האָט געלעבט אין אַ גרויסער שטאָט אין איטאַליע, און איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם און בעל־צדקה, און פלעגט פֿאַרבעטן אויף שבת ייִדן, וואָס האָבן אים דערציילט מעשׂות פון בעל־שם־טוב, וועלכע ער האָט, מיט גרויס תּענוג, אויסגעהערט. אַ מאָל איז געקומען צו אים אַן אורח,

ר׳ שרגא, וואָס האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן בעל־שם, און האָט טאָקע שבת גענומען דערציילן אַזאַ מעשׂה, האָט אָבער אָפּגעהאַקט, ווייל ער האָט דעם המשך פאַרגעסן. דער עולם האָט געמיינט, אַז דער דערציילער איז אַ שקרן, אַ באַרימער, וואָס וויל חוזק מאַכן פון דעם בעל־בית און זיינע אורחים. דער ר׳ שרגא האָט ביינאַכט נישט געקאָנט צוטאָן קיין אויג, און האָט געבעטן גאָט, ער זאָל אים צוריק שענקען זיין זיכּרון. אָבער סיי ביים שבת־מאָל סיי ביים שלוש־סעודות, האָט זיך אים דער זיכּרון נישט אומגעקערט. דער נגיד האָט אים געוואָלט, דעם ר׳ שרגא, פאַרהאַלטן אַ פּאָר טעג, אָבער יענער איז מיואש געוואָרן און געגרייט זיך אַוועקצופאָרן. אין דער לעצטער מינוט אָבער האָט ער דערפילט, אַז דער זיכּרון האָט זיך ביי אים צוריק אויפגעוועקט, און מיר באַקומען פון אים צו הערן די מעשׂה מיטן גלח, ווי מיר האָבן דאָס געהערט אין די געבראַכטע נוסחאות. דער חילוק איז אין סטיל, וועלכן ר׳ ישׂראל גוטווירט האָט עפּעס, און צומאָל צופיל, פאַרהיינטיקט. אַזוי אַ שטייגער, לאָזט ער, ר׳ שרגא, דעם מומר, בלשון מדבר בעדו, דערציילן:

„...איך בין שנעל געשטיגן אין מיין קאַריערע, ביז צו ווערן אַ הויכראַנגיקער פּריסטער, מיט דעם טיטל פון בישאָף. איך האָב אָבער געהאַט, צו מיין גרויס מזל, אַ פרומען טאַטן ע״ה [עליו־השלום], אַ חסיד פון דעם הייליקן בעל־שם־טוב. און מיין פאָטער האָט באַוויזן צו ווירקן אויפן הייליקן רבין, ער זאָל זיך באַמיִען און אַלץ טאָן וואָס נאָר מעגלעך, איך זאָל מיך אומקערן צו מיין אמונה. דער בעל־שם־טוב פלעגט יעדע נאַכט, אָן אויפהער, מיך שטראָפן פאַר דער געוואַלדיקער עוולה, וואָס איך באַגיי געגן [קעגן] טאַטע־מאַמע... מיר פאַרוואַרפן מיין ניט אַרנטלעכע שטעלונג קעגן מיינע ברידער, וועלכע ווערן גערודפט און געפּלאָגט דורך מיר... מיך אויס־געמוסרט פאַר מיין שׂנאת־חינם צו מיין אייגענעם שטאַם, מיך גע־עצהט, כ׳זאָל אויפגעבן מיין ביטערן קאַמפף קעגן ייִדנטום, און צוריקקומען צו מיין ייִדישן שורש, צו מיין פאָלק״.

דאָס איבעריקע גייט, ווי מיר האָבן עס געהאַט אין די געבראַכטע ווערסיעס — נאָך דעם ווי ר׳ שרגא האָט דערציילט די מעשׂה, און ר׳ ישׂראל נגיד איז מודיע, אַז דאָס איז אַ מעשׂה שהיה, און האָט זיך געטראָפן מיט אים אַליין, דען ער איז דאָס געווען דער משומד, דער בישאָף, וואָס איז אויסגעקומען, און איצט איז מקויים געוואָרן די הבטחה פונעם בעל־שם־טוב, וואָס האָט אים מבטיח־געווען:

זיי וויסן, מיין זון, אַז דעם טאָג, ווען אַן אורח וועט צו דיר קומען און דיר נעמען דערציילן דיין אייגענע איבערלעבונג, דאָס וועט זיין אַ סימן, אַז דער רבש״ע [רבונו־של־עולם] האָט דיר אַלץ מוחל געווען.

ג

די אַנדערע גירסא איז אַ באַזונדערע, אַן אויסטערלישע, אָבער אַ באַגלייבטע. פאַרשריבן האָט זי, אין יאָר 1915, פראַנץ קאַפקאַ, ווי ער האָט עס געהערט פון זיין יוגנט־פריינד מרדכי געאָרגאָ לאַנגער, וואָס איז אויס־געוואַקסן אין אַ טשעכיש־אַסימילאַטאָרישער שטוב אין פּראָג, האָט אָבער יונג גענומען זוכן אַ וועג צו אייגנס, און איז אַוועק קיין בעלז, געוואָרן אַ חסיד, אַ ירא־שמים, און זיך אָנגעזאַפּט מיט אַ ים חסידישע מסורות, האָט געשריבן העברעיש (פּאָעזיע), דייטשיש (פּסיכאָאַנאַליז), טשעכיש, בעיקר זיין בוך „דעוועט בראַם״ (משמע: ניי־ן טויערן), וועגן גדולי־חסידות. זיין עזבון האָט ער מיר איבערגעלאָזט, און בקרוב גייען אַרויס זיינע ווערק, מיט אַן אַריינפיר פון מרים דרור. (זיין ברודער, פראַנטישישעק לאַנגער, וועלכער איז בשעת דער צווייטער מלחמה געווען אין לאָנדאָן, איז געווען אַ באַקאַנטער טשעכישער שרייבער). פראַנץ קאַפקאַ ברענגט עטלעכע מעשׂות, וואָס ער האָט געהערט פון מ. ג. לאַנגערן, און די מעשׂה, וואָס אינטערע־סירט אונדז (טאָגביכער 1910—1923, אַרויסגעגעבן פון מאַקס בראָד, 1967, ז׳ 345); לאָזט זיך אַזוי פאַרייִדישן:

אַ צדיק דאַרף מען פאָלגן ווי גאָט. בעל־שם האָט איין מאָל געזאָגט איינעם פון זיינע געליבטע תּלמידים, ער זאָל זיך לאָזן שמדן. האָט ער זיך געלאָזט שמדן, האָט דערגרייכט חשיבות, איז געוואָרן בישאָף. דאָ האָט אים בעל־שם געלאָזט קומען צו זיך, און האָט אים דערלויבט צוריקצוקומען צו ייִדישקייט. האָט ער ווידער געפאָלגט און האָט, מחמת זיינע גרויסע עבירות, גרויס תּשובה געטאָן. בעל־שם האָט דערקלערט זיין באַפעל דערמיט, וואָס דער תּלמיד איז, וועגן זיינע אויסגעצייכנטע סגולות, דורכן בייזן (שׂטן) זייער גע־רודפט געוואָרן, און דער תּכלית פונעם שמד איז געווען דעם בייזן [שׂטן] אָפּצולעקן. בעל־שם האָט אַליין דעם תּלמיד געוואָרפן אין סאַמע בייז, דער תּלמיד האָט געמאַכט דעם שריט, נישט מחמת שולד, נאָר לויטן באַפעל, און פאַרן בייזן, האָט זיך געדאַכט, איז שוין דאָ מער קיין אַרבעט נישט פאַראַן.

די ווערסיע, וועלכע דער באַגלייבטער לאַנגער האָט געמוזט הערן, ווי ער ברענגט זי, שטייט פאַראיינצלט, אין קרייז פון אונדזער מאָטיוו, און וואָס עס אינטערעסירט אונדז דערביי, איז דער ענין שמד און אויסקומען, און בעיקר דער ענין בישאָף. ווי די ווערסיע איז ווייט פון די געבראַכטע נוסחאות, לאָזט זיך זען, אַז מען פאַרגלייכט זי מיטן נוסח, ווי עס ברענגט אים דער מייסטער פון סיפּורי מעשׂיות, דער גלינער ר׳ מרדכי בן־יחזקאל (האַלפּערן) ביים סוף פון פערטן באַנד „סיפּורי מעשׂיות״ (תשי״ח, ז׳ 421־430), ווו דער דערציילער פון דער מעשׂה הייסט טאַקע ר׳ יעקב, און איז דעם בעל־שם־טובס משרת, און דער גביר וואָס וווינט אין איטאַליע, ווערט נישט דערמאָנט ביים נאָמען, אָבער די איבעריקע פּרטים זענען ענלעך, לרוב אידענטיש, מיט דעם עיקר פון די דערמאָנטע נוסחאות, און אין דער ביבליאָגראַפיע צו דער מעשׂה דערמאָנט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל די מקורות: „קהל חסידים״ (אָן דרוק־יאָר און אָן דרוק־אָרט); „עדת צדיקים״ (לובלין, תּרס״ב), ווי אויך אַן אַנדערע ווערסיע אין „סיפּורים נוראים״ פון חב״דער חוזר ר׳ יעקב קאַדאַניר (מונקאַטש תרנ״ב).

ד

הייסט עס, אַז דעם ערשטן נוסח פון דער מעשׂה האָבן מיר פונעם אומגעדאַטירטן און אַנאָנימען „קהל חסידים״, וואָס איז נישט אַזוי אומגעדאַטירט — לויט דער השערה איז ער אַרויס 1863, און נישט אַזוי אַנאָנים — דער מחבר זיינער איז געווען מיכאל לוי פרומקין (ראַדקינזאָן). דאָ דאַרף מען באַמערקן, אַז ער איז געווען אַ ברודער פון ר׳ ישׂראל דב פרומקין, דער רעדאַקטער פון ירושלימער „חבצלת״, אָבער געגאַנגען אַנדערע, זייער פּראָבלעמאַטישע דרכים — געשריבן חסידישע ספרים: „תולדות בעלי השם״, „תולדות הצדיק דוועלעדניק״ (ח. נ. ביאַליק ברענגט, אין נאָמען פון וועלעדניקער צדיק, ר׳ ישׂראל דב, די באַרימטע באַלאַדע: „אמי זכרונה לברכה״); געווען, אין קעניגסבערג, רעדאַקטער פון ראַדיקאַלן העברעיִשן „הקול״ און זיין יידיש־ביילאַג „קול לעם״, געהאַט שותּפות מיט דער עקס־טרעמער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע אין ווין; צוגעשטאַנען צו דער קריסטלע־כער מיסיאָן, געוווינט אין לאָנדאָן, און געשריבן העברעיִש און ענגליש (זיין בוך וועגן תּפילין), באַשולדיקט געווען אין הילף פאַרן עלילת־דם־פּראָצעס, ווי עס האָט געטענהט הרב ד״ר יוסף שמואל בלאָך, אָבער ר׳ ישׂראל דב פרומקינס זון, דער אַנאַרכיסטישער ייִדישער שרייבער, רעדאַק־טער און איבערזעצער, אַברהם פרומקין, וואָס איז אויך געווען אין לאָנדאָן

(זע זיין בוך „אין פרילינג פון ייִדישן סאָציאַליזם — זכרונות פון אַ זשור־נאַליסט", ניו־יאָרק, 1940, זז' 163־180), האָט עס קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. אַזוי ווי ראַדקינזאָן איז געווען חשוד אין כּלערליי פֿאַלסיפֿיקאַטן, האָט מען צו זיי צוגערעכנט אויך זיינע מעשׂיות וועגן בעל־שם, און געהאַלטן, אַז ער האָט עס צוגעטראַכט, און בעיקר האָט מען אַזוי געהאַלטן די מעשׂה פון בעל־שם און דעם מכשף. — אַן אַכטהונדערט־יאָריקער מאָטיוו, וואָס יוסף דן באַהאַנדלט אים אין זיין אויספירלעכער שטודיע (אין „ביקורת ופרש־נות", העפט 9־10, תשרי תשל"ז), און ווייזט אָן, אַז ראַדקינסאָן האָט די אַלטע מעשׂה נישט אויסגעקלערט און צוגעקלעפּט צום בעל־שם־טוב, נאָר געהאַט אַן אסמכתא דערצו, ווי מיר לערנען אָפּ פון אַ גאָר וואָגיק ספר, וואָס ראַדקינסאָן האָט עס נישט געקאָנט זען, ווייל עס איז ערשט אַרויס פון כּתב־יד פּערציק יאָר נאָך זיין טויט. — געמיינט איז דאָס ספר „מגילת סתרים" פונעם קימאַרנער צדיק, ר' יצחק יהודה יחיאל סיפרין, וואָס ר' נפתלי בן־מנחם (פריד) האָט אַרויסגעגעבן (ירושלים, תש"ד), און וואָס אַנטהאַלט חשובע מסורות, דאַרונטער צוויי מעשׂות וועגן בעל־שם־טוב און, וואָס דער קימאַרנער צדיק האָט געהערט פון זיין שווער, ר' אברהם מרדכי פון פינטשעוו, און אויף וועלכן ער איז מעיד, אַז ער האָט גאָרנישט משנה געווען.

די ערשטע מעשׂה, וועגן בעל־שם און גלח, וואָס האָט כּאַרטראַכט אַן עלילת־דם, האָט זיין שווער געהערט פון ר' משה חיים אפרים פון סידלקיוו (דער בכור פון מרת אָדעל, דעם בעל־שם־טובס טאָכטער, דער מחבר פון „דגל מחנה אפרים"). עס איז אַ מעשׂה („מגילת סתרים", זז' כ"ט—ל"ו), וואָס האָט זיך געטראָפן:

...„אין מעזשיביזש, ווו גוייִם האָבן, פאַר פּסח, אונטערגעלייגט אַ פּגר פון זייערס אַ ייִנגל, אין הויף פונעם נגיד ר' ליפּע, כּדי אָנצוהענגען אַ בלוט־בילבול, און ווען ר' ליפּעס ווייב האָט דערזען דעם פּגר, האָט זי געזאָגט איר מאַן, ער זאָל גיין צום בעל־שם־טוב, כאָטש ער איז זיין קעגנער. איז ער געגאַנגען. האָט דער בעל־שם־טוב געשיקט דאָס דערמאָנטע אייניקל זיינס, אפרים, מיט אַ שטעקן, ער זאָל זאָגן דעם פּגר, ער זאָל תּיכּף קומען צום בעל־שם־טוב אין שטוב אַריין. האָט דער פּגר געפאָלגט און אַזוי געטאָן, און אַז די גוייִם זענען געקומען זוכן ביים נגיד, און גאָרנישט געפונען, זענען זיי אַוועק זוכן ביים בעל־שם־טוב. האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל ביי זיין ייִנגער אייניקל, ברוך, און עס אָנגעטאָן דעם פּגר, אים דער־לאַנגט אַ הגדה אין דער האַנט אַריין און געזאָגט: ברים [ברום]!

האָט דער פּגר גענומען שרייען, פון דער הגדה אַרויס, און די גויִים האָבן נישט געפונען, וואָס זיי האָבן געזוכט. דערנאָך האָט דער בעל־שם געהייסן דעם נגיד נעמען דעם פּגר און באַגראָבן. מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן די גויִים ווידער געפּרוווט אַ בלוט־בילבול, און צווישן זיי איז געווען אַ כּומר, אַ שׂונא ישׂראל, און בשעתן באַקן מצות, איז דער בעל־שם געגאַנגען צו דעם כּומר, און געשפּאַצירט מיט אים און געזאָגט: פאַר וואָס ווילסטו אַזוינס אָפּטאָן דעם הייליקן פאָלק, און אומזיסט פאַרגיסן זייער בלוט ווי וואַסער, און דורך אַ פאַסקודנע שקר־בילבול. ווייסטו דען נישט אַז איך בין דאָ אויף דער וועלט און קען אַלע דיינע געהיימע זאַכענישן, וואָס דו האָסט געטאָן און ווילסט טאָן, און אויך פאַראַיאָרן האָסטו נישט מצליח געווען, וואָס האָסט אונטערגעלייגט אַ פּגר ביי ר׳ ליפּע נגיד, און איך האָב אים אויף־דערווייל לעבעדיק געמאַכט, און דו אַליין האָסט אים געזען ביי מיר צופוסנס, לעבן בעט, און האָסט אים נישט דערקענט. האָט זיך דער כּומר מודה געווען, אַז לויט זיין עצה, האָט מען פאַראַיאָרן אַריינגע־וואָרפן דעם פּגר אין נגידס הויף אַריין, און אויך איצט האָט מען צוגעגרייט אַ פּגר אים אַריינצולייגן אין אַ ייִדישער שטוב און מאַכן אַ בילבול אויף הײַ־יאָר פּסח, און דער כּומר האָט אים געשווירן, אַז מער וועט ער אַזוינס נישט טאָן ייִדן ביז־אייביק. דערנאָך איז דער בעל־שם־טוב געגאַנגען, מיט גרויס שׂמחה, פּראַווען דעם חג־המצות.

די מעשׂה איז געווען באַקאַנט. אויך ש. אנסקי ברענגט זי, אָבער ביי אים הייסט עס: „האָט ער אים [דעם טויטן] אויף גיך אָנגעטאָן ייִדישע קליידער, אויפן קאָפּ אַ מיצל, און אַנידערגעזעצט ביים טיש. דער הרוג איז געזעסן ווי אַ לעבעדיקער, דער בעל־שם האָט אים נאָך אַ געשריי געטאָן: „ממזר! שאָקל זיך״. אָבער דוכט זיך, אַז אין לעצטן דור האָט די מעשׂה פּאָפּולאַריזירט שמשון מעלצער, דורך זיין מעלאָדישער באַלאַדע „האורח״ [דער אורח, דער גאַסט], וואָס פאַרמאָגט ביי אים צוויי נוסחאות, און דער חילוק צווישן זיי איז אַ קליינער, אָבער אַנטשיידנדיקער: אין ערשטן נוסח (געדרוקט אין זיין ערשטן לידער־בוך „בשבעה מיתרים״, תּרצ״ט, זז׳ 59־63) טוט דאָס נס, אין דער סדר־נאַכט, אליהו הנביא. אין צווייטן נוסח (אין זיין בוך „ספר השירים והבלדות״, תּש״י, זז׳ 51־55), טוט עס ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב, און ווער עס וויל זיך בפּרטות אָפּשטעלן אויף דעם ענין, קאָן אַ קוק דערלאַנגען אין מיין אַרבעט דערוועגן, אין מיין בוך „גלגל המועדים״, 1964, זז׳ 84־88.

ה

וואָס שייך דעם קווענקל פונעם דיכטער צווישן די צוויי געשטאַלטן, איז עס אַ מין, אפשר אומבאַוווּסטע, ראיה, אַז דער סיפּור־מעשׂה האָט געביטן דעם גיבור זיינעם, און דאָס איז דאָך די גרונט־הנחה פון יוסף דן לגבי דעם אַנדערן סיפּור־מעשׂה, וואָס דער קימאַרנער צדיק האָט געהערט פונעם שווער זיינעם („מגילת סתרים”, כנ״ל, זז׳ ל״ה־ל״ו):

...„אין אַ דאָרף איז געווען אַ גלח, אַ גרויסער מכשף, וואָס פלעגט, מיט זיין כּישוף, הרגענען ייִדישע קינדער פאַרן ברית זייערן. איין מאָל האָט זיך געטראָפן אַ ברית ביי אַ ייִדן, וואָס האָט געוווינט אין יענעם דאָרף, האָט מרן אלקי [אונדזער געטלעכער לערער] געזען, אַז דער גלח גרייט זיך הרגענען דאָס קינד. איז מרן מיט אַ שפּרונג געפאָרן אַהין, און מיט תּלמידים געקומען אַ נאַכט איידער דער ברית האָט צומאָרגנס באַדאַרפט צו זיין, און דער ייִד האָט אים זייער מכבד געווען. האָט מרן געזאָגט דעם ייִדן, ער זאָל פאַרמאַכן די טיר און אַ יעדעס אָפענע אָרט, און זאָל אַפילו נישט איבער־לאָזן אַ קליין לעכל, וואָס ער זאָל נישט פאַרשטאָפּן, און זאָל זיך אָנגרייטן גרויסע און גראָבע שטעקנס, און אַז ער וועט אים זאָגן „שלאָג!” זאָל ער שלאָגן מיטן גאַנצן כּוח. איז דער גלח געגאַנגען און האָט, מיט כּישוף, פאַרביטן זיין צורה אויף אַ בילד פון אַ קאַץ און טמא חיות, און האָט גענומען גראָבן אונטערן פונדאַמענט פונעם הויז, און ווי נאָר ער האָט דעם קאָפּ זיינעם אַריינגעשטופּט אין הויז אַריין, האָט מרן באַפוילן שלאָגן, האָט אים דער ייִד געשלאָגן מכּות אכזריות, און געראַניעט, ביז ער האָט געבראָכן האַנט און פוס, איז דער גלח אַוועק אַהיים. אין דער פרי איז די שׂמחה פון ברית געווען גאָר גרויס. אַז דער גלח האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט אים מרן אָפּגעטאָן, האָט ער אים פאַרקלאָגט פאַר די פּריצים, זיי זאָלן צווינגען מרן, ער זאָל מיט אים האַלטן אַ ויכּוח, ביז די פּריצים האָבן מסכּים געווען און באַשטימט אַ טערמין, אַז ביידע זאָלן זיך שטעלן און יעדער וועט טאָן אַ מופת און וועט גובר און מנצח זיין דעם אַנדערן, אין אַ געזעמל פון אַן עם־רב. זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ באַשטימטן טאָג אַלע שׂרים און גלחים, און אַ גרויסער המון. האָט מרן געזאָגט: מאַך דו אַמערשט, וואָס דו קאָנסט. האָט דער גלח אָנגעבראַכט אויף אים כּל מיני רוחות און שדים און חיות רעות און שלאַנגען און עקדישן און כּל מיני מזיקים, און מרן האָט גיך

געגומען דעם שטעקן, געמאַכט אַרום זיך אַ צערקל, און ער שטייט אין דער מיט, האָט [דער גלח] נישט געקאָנט אַריבער דעם צערקל, ביז ער האָט אויף אים נישט אָנגעבראַכט אַ וואַלד־חזיר. אַזוי ווי מרן האָט אים דערזען, האָט ער געזאָגט: דאָס איז אַ גרויסער עזות־פּנים, און האָט גיך געמאַכט אַ צערקל אין ערשטן צערקל, איז דער חזיר, אין זיין עזות, אַריבער מיט זיינע צוויי הענט [פֿאָדערשטע פּיס] דעם ערשטן צערקל, און האָט נישט געקאָנט אַריבער [דעם צווייטן צערקל] און איז אַנטלאָפֿן. אַז דער מכשף האָט דאָס דערזען, אַז אַלע מיני כּישוף זיינע האָבן פֿאַר אים נישט געטויגט אַריבערצוגיין דעם צערקל און ברענגען שאָדן, האָט ער געזאָגט צו מרן: מאַך דו! האָט ער [דער בעל־שם־טוב] אים געזאָגט: איך וועל גאָרנישט טאָן, בלויז רופֿן די קינדער, וואָס דו האָסט געהרגעט, און זאָלן זיי זיך אין דיר נוקם זיין. זענען תּיכּף געקומען און זיך פֿאַרזאַמלט גאָר פֿיל קליינע קינדער און זענען אים באַפֿאַלן, און האָבן פֿון אים נישט איבער־געלאָזט קיין ביינדל. כּן יאבדו כּל אויביך ד׳, אָמן.

ו

צו דעם סיפּור־מעשׂה ווייזט אָן נפֿתּלי בן־מנחם, לגבי דער נקמה פֿון די קליינע קינדער, אויף אַ מקור („עדת צדיקים״, לובלין תּר״ס, ז׳ 11), און וואָס שייך דעם עצם סיפּור־מעשׂה ברענגט אים ראַדקינסאָן אין זיין „קהל חסידים״ (י״א ז׳ ב־י״ב ע״א), ווי געזאָגט נישט קענענדיק, דעם נוסח פֿון „מגילת סתרים״, און ער ברענגט אים אַפֿילו מער אויסגעברייט, אָבער גרונטיק האָבן מיר פֿאַר זיך דעם זעלבן ענין, און וואָס שייך די שינויים אין פּרטים, האָבן מיר דאָ:

...„אַ רענדאַר, וואָס האָט נישט געקאָנט דעם בעל־שם־טוב, און האָט אים אַפֿילו אָפּגעזאָגט נעכטיקן ביי זיך, און האָט מחמת זיינע צרות — פֿיר קינדער זענען ביי אים אָן אַ שום קרענק געשטאָרבן אין דער וואָך־נאַכט, פֿאַרן ברית, און איצט דאַרף ער זיך צוואַיילן און מל׳ען דאָס פֿינפֿטע קינד זיינס, און ער שרעקט זיך פֿאַר אַן אומגליק. דער בעל־שם־טוב זאָגט אים, ווער ער איז, און לאָזט די תּלמידים זיינע זיך זעצן לערנען, און הייסט דעם רענדאַר אָנגרייטן אַ זאַק, און שטעלן ביי דער טיר צוויי שטאַרקע אירע, וואָס זאָלן אַכטונג געבן, אַז אויב עפּעס וועט אַריינפֿאַלן אין זאַק אַריין, זאָלן זיי

עס פעסט צושנירן. נאָך האַלבער נאַכט האָבן זיי באַמערקט, אַז אַ גרויסע קאַץ איז אַריין אין זאַק. האָט דער בעל־שם־טוב געהייסן די צוויי אירע, זיי זאָלן דעם זאַק אָפּשליסן און שלאָגן מיט זייערע שטעקנס, און דערנאָך עפּענען דעם זאַק און אַרויסוואַרפן. האָט מען געפּראַוועט דעם ברית, און פאַר דער סעודה איז דער רענדאַר גע־גאַנגען צום פּריץ, וואָס איז געווען אַ רשע, כּדי אים צו ברענגען זיסיקייטן פונעם ברית, און ער איז געגאַנגען און געטראָפן דעם פּריץ קראַנק אין בעט, מיט צייכנס פון קלעפּ אויפן פּנים, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, ווער איז דאָס דאָ ביים רענדאַר, און דער רענדאַר האָט אים דערציילט, אַז עס איז אַ ייִד פון פּוילן, אַן אָדם חשוב, און האָט פּאָדראָבנע דערציילט, וואָס ער האָט אויפגעטאָן, אָפּצוראַטעווען דאָס קינד זיינס. דער פּריץ, וואָס איז געווען דער מכשף, וואָס האָט געהרגעט דעם רענדאַרס קינדער, האָט אויפגעפאָדערט דעם בעל־שם און זיינע תּלמידים צו אַ פאַרמעסט מיט אים, דעם מכשף און זיינע תּלמידים, און זיי האָבן באַשטימט אַ טערמין.

איצט הערן מיר וועגן בעל־שם־טוב, וואָס מיר האָבן שוין געהערט פון „מגילת סתרים״, אָבער אויפגעבוישטערט, דען דאָ שיקט דער מכשף אָן שלאַנגען און פייער־שלאַנגען (שׂרפים) און אַלע וואַלד־חיות, וואָס קענען נישט אַריבער דעם ערשטן צערקל און זענען פאַרשלונגען געוואָרן, דערנאָך שיקט ער אָן אַ טשערעדע וואַלד־חזירים, און זיי קענען נישט אַריבער דעם צווייטן צערקל, און קומען אום, און דער מכשף איז מודה, אַז ער איז דורכגעפאַלן, און ער איז גרייט, אַז דער בעל־שם זאָל אים ממיתן. אָבער דער בעל־שם ענטפערט אים, אַז ער איז נישט קיין מכשף, און ער זאָל וועלן דעם מכשף הרגענען, וואָלט ער שוין לאַנג געווען אַ פּגר, אָבער:

ער וויל, אַז דער מכשף זאָל דערקענען, דאָס עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, און וואָס אַלע, וואָס דינען אים באמת, האָבן פאַר קיין כּישוף נישט מורא. און דער בעל־שם האָט אים געהייסן אויפ־הייבן די אויגן צום הימל, און ווי ער האָט עס געטאָן, זענען אַראָפּ צוויי קראָען, און יעדע פון זיי האָט אים אויסגעפּיקט אַן אויג, און ער איז געבליבן בלינד, און האָט מער קיין שום מענטשן קיין בייז מער נישט געקענט טאָן.

דעם דאָזיקן נוסח האָט ר׳ מרדכי בן־יחזקאל פאַראַרבעט, און ער ברענגט אים בראש פון פערטן באַנד „סיפּורי מעשׂיות״ (זז׳ 9־12), און אין

דער ביבליאָגראַפיע, פון זיינע מקורות, גיט ער טאַקע אָן „קהל חסידים", ווי אויך „דרכי חיים" (ירושלים, תרפ"ב); און וואָס שייך דעם מכשף בצורת קאַץ, שיקט ער אָפּ צו דער דייטשישער „צייטשריפט דעם פעריינס פיר פאָלקסקונדע" (בערלין 1896, באַנד 6, ז' 79), דערמאָנט אָבער נישט „מגילת סתרים". דער סיפור־מעשה וועגן מכשף און קינד און בעל־שם־טוב און זיינע צערקלען, איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער נעאָ־חסידישער ליטעראַטור, מיט אַ וואָגיקן שינוי: דער מכשף הרגעט נישט דאָס קינד אין דער וואַך־נאַכט, נאָר גנבעט עס אַוועק און שמדט עס אָפּ, און עס גייט אָן אַ שווער גראַנגל צווישן דעם מכשף און דעם צדיק, ביז דער משומד קומט אויס, און קערט זיך אום. דעם פּאָפּולאַרסטן נוסח האָבן מיר אין מרדכי זאב פייערבערגס דערציילונג „בערב", וכדומה, און וועגן דעם מאָטיוו־פאַרפלעכט זע די אַרבעט פון שמואל ווערסעס אין זיין בוך „סיפור ושורשו", וואָס אַנטהאַלט גרונטיקע שטודיעס וועגן אַנטוויקל פון דער העברעיִשער פּראָזע (זז' 88־103).

ז

פאַראַן אָבער אַ גרונט־מאָמענט, וואָס איז דאָ אין „מגילת סתרים" און נישטאָ אין „קהל־חסידים" — די אידענטישקייט פון מכשף און כומר (גלח), וואָס איז אַ קאַרדינאַלער פאַרבינד־פאָדעם פון אַ גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס אויף עטלעכע צענטראַלע מאָטיוון זיינע האָבן מיר אָנגעוויזן. בעיקר איז בולט דער אויספּעל אין געבראַכטן נוסח פון „קהל חסידים" וואָס ציט זיך דורות־לאַנג און פאַרמאָגט כּלערליי גילגולים, ווי עס באַווייזט יוסף דן, צוריקגייענדיק ביז צום צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט, און באַציי־כענענדיק ווי דעם צייטיקסטן אויסדרוק דעם יידיש־נוסח פון סיפור־מעשה (ער רופט עס: נאָוועלע), וועגן ר' מאיר ש"ץ און זיין פּיוט אקדמות, און וועלכן יצחק ריווקינד (ער רופט עס: היסטאָרישע אַלעגאָריע), האָט פּובלי־קירט, בעיקר לויטן כתב־יד (פון דער באָדלעיאַנאַ, און ערשטן דרוק, פּיורדא, 1694), וועלכע האָבן זיך אָפּגעהיטן. מיר שטרייכן דאָס אונטער, ווייל ער איז זיך משער, אַז עס איז מעגלעך געווען אַ פריִערער דרוק, און באמת מיינט אַגנעס ראָמער־סעגאַל, אין איר מחקר וועגן דער יידיש־ליטעראַטור און אירע לייענער אין 16טן יאָרהונדערט, לויט די פאַרצייכענונגען פון דער פּויפּסטלעכער צענזור אין מאַנטואַ, יאָר 1595 („קרית ספר", באַנד 53, תשל"ח, זז' 779־790), אַז אַזוי ווי עס ווערט דאָרט, אין אַכט רשימות,

דערמאָנט אַן אויסגאַב פון דער מגילה — פון ר׳ מאיר, דרוק קרעמאָנע, האָט ריווקינדס השערה אַ האַפּט.

ח

פֿאַרשטייט זיך, אַז ריווקינדס אַרבעט פֿאַרדינט אַ באַנייטן באַהאַנדל, אָבער וואָס מיר ווילן איצט אַרויסהייבן איז, אַז דאָס קעגנפּאַרל איז דער שוואַרצער מינך [מאַנאַך] און דאָס רויטע ייִדל, וואָס חזרט זיך איבער אויך אין די שפּעטערע נאָכדרוקן. דאָס ווערט בולט, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט, אַז יוסף דן ברענגט פֿינעף אַנעקסן, אין וועלכע עס בייט זיך דער היסטאָרישער פּערסאָנאַזש פֿונעם קעגנפּאַרל, אָבער עס פֿעלט דער באַצייכן פֿון שוואַרצן גלח, אָדער בישאָף. ווייטער, אין דער אַרבעט פֿון עלי יסיף [יאָסיפֿאָוויטש] (זז׳ 214־228), וואָס שליסט זיך אָן אין דער אַרבעט פֿון יוסף דן, און באַהאַנדלט אַן אַלטן איבערזעץ און דאָס איז אַ נוסח פֿון „מעשׂה אקדמות״ רעדט זיך וועגן אַ מכשף און מכשפים, אָנגעטאָן אין לבוש פֿון אַ כומר, וואָס איז גדול־קומה וכושי [אַ הויכער און אַ נעגער, משמע אַ שוואַרצער] און אין אַ צווייטן נוסח, ווו דער פֿאַרמעסט איז אין צפֿת. פֿרעגט זיך, ווער האָט מנצח געווען — הללו אומרים: היהודי, והללו אומרים: הכּושי, משמע די זאָגן: דער ייִד, און די זאָגן: דער נעגער, און מיר האָבן צו טאָן מיטן שוואַרצן בישאָף, וואָס איז אַריין אין עלטערע און ייִנגערע נוסחאות, ביז צום ראָמאַן פֿון ישעיהו טיגער.

ט

סע וואָלט זיך, בכן, געלאָזט נאָכגיין כּלערליי גילגולים פֿון שוואַרצן מאַנאַך, זען, אַ שטייגער, לייב אַליצקי, אין זיין באַלאַדע וועגן ר׳ שמעון ב״ר יצחק און זיין זון יוחנן, וואָס איז ווי אַ קינד, אַוועקגעגנבעט און אָפּגעשמדט געוואָרן און געוואָרן פּויפּסט, און וועגן דער דינסט, וואָס האָט אים אַוועקגעגנבעט, הייסט עס:

„אַ גיי צו דעם פֿענצטער.. אַ וואָרף אים אין דרויסן
ס׳כאַפּט אויף אים אַ שוואַרצער מאַנאַך, ווי אַ שטורקאַץ מיט ווילדער בהלה״

(„פֿון אייגענעם פֿעלדז״, תשכ״ה, ז׳ 89).

ענלעך אין אַ באַלדע פון איציק מאַנגער:

„זאָגט דאָס מיידל: ווי קען איך דען
אין האַנט דעם צלם נעמען,
אַז איך זאָל מייַן מאַמעס שבת־ליכט די גאָלדענע פאַרשעמען —
ווי קען איך עס שוואַרצער מאַנאַך!"

ער אָבער, דער שוואַרצער מאָנאַך, לאָזט איר די ברירה: אָדער דעם צלם אָדער דעם שייטערהויפן, און:

„אַז דאָס פייַער האָט אויסגעברענט
און דאָס גראָע אַש איז געבליבן
האָבן זיך אויפן אַש צעברענט
גאָלדענע שבת־ליכט זיבן
גאָלדענע שבת־ליכט זיבן".

(„ליד און באַלאַדע", 1952, ז' 3)

און פאַראַן נאָך דוגמאות, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.
(תשמ"ב)

VII

לא־היה־ולא־נברא־מעשׂות

1. צוויי וואַריאַנטן און אַ צולאָג

א

צווישן די סיפּורי־מעשׂיות, בכתב און בעל־פּה, וואָס גייען אַרום אין פֿאָלק, געפֿינט זיך דער סאָרט פֿון לא־היה־ולא־נברא־מעשׂות, וואָס זענען סיי אין עצם כאַראַקטער, סיי אין צוזאַמענשטעל זייערן — שקר וכזב, ווייל די געבראַכטע פּרטים זענען פֿול סתירות, וואָס לאָזן נישט אָננעמען קיין מעשׂה שהיה, אָדער ווייל זיי באַשטייען פֿון גוזמאות, וואָס פּרעטענדירן נישט צו וואָס־פֿאַר־אַ־ס׳איז רעאַלער מעגלעכקייט. וואָס שייך סתירות, האָבן מיר זיי שוין אין ווערטל („דער טויבער האָט געהערט ווי דער שטומער האָט דערציילט, אַז דער בלינדער האָט געזען דעם קרומען לויפֿן״), און אַ ווערטל איז דאָך אַ קאָנדענסירטער אַנעקדאָט, פּונקט ווי דער אַנעקדאָט איז אַ קאָנדענסירטער סיפּור־מעשׂה, און ווי אַ זאַמלער פֿון דעם מאַטעריאַל, האָב איך געהאַט געוווּנג שעת־כּושר, דאָס צו אָבסערווירן, פּונקט ווי עס לאָזט זיך אָננעמען אַ פֿאַרקערטער פּראָצעס — דער סיפּור־מעשׂה ווי אַן אויסגעברייטערטער אַנעקדאָט, און דער אַנעקדאָט ווי אַן אויסגעברייטערט ווערטל. וואָס שייך ווידער גוזמאות, האָבן מיר זיי אויך שוין אין קורצן זאָג („אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך און געלאָזט אַן איי״) וואָס פֿירט צום דערצייל, און מיר פֿאַרמאָגן דאָך אַ לאַנגע קייט, וואָס ציט זיך פֿון רבה בר־בר־חנא, ביז צום אָפּטער רביק, און אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין פֿאַרשטאָפּטע אויערן, האָבן מיר אויך געגאַשט פֿון דער פֿרעמד, פֿון נאָענט און ווייט, און נישט ווייניק מאַטעריאַל האָבן מיר זיך אויסגעלײַען און פֿאַרהיימישט.

די ליטעראַטור פֿון דוברי־שקרים, האָט זיך אין די לעצטע דורות אַזוי ווי אַרײַנגעצויגן אין דער ליגנערישער פֿיגור פֿון באַראָן מינכהאַוזן פֿון באָדענווערדער, וואָס איז געווען אַ מאָדים צו דערציילן כּלערליי אויסגעטראַכטע הוריות, גלייך זיי וואָלטן געווען מעשׂים שהיו, וואָס זאָלן זיך טאַקע אים גופֿא האָבן געטראָפֿן, און אַ בינטל פֿון זיי האָט ער אַרויסגעגעבן

דייטשיש בדרוק. ווייטער ר. ע. ראַספּע האָט די דאָזיקע מעשׂות דערגאַנצט און פֿאַרענגלישט, און אין דעם זעלבן יאָר (1786) האָט עס גאָטפֿריד אַוגוסט בירגער ווידער פֿאַרדייטשט און צוגעגעבן אַ בינטל הוספֿות, און ס'איז אַריין אין פֿאָלק, אויך אין דער ייִדישער גאַס, און מסתּמא משפּיע געווען אויף אירע נישט-געשטויגן-נישט-געפֿלויגן-מעשׂות.

וויל איך דאָ ברענגען צוויי אַזעלכע מעשׂות, וואָס טראָגן אַ בפֿירוש ייִדישן כאַראַקטער, וואָס איז ניכּר אין זייער גאַנצן נאַראַטיוון אויפֿבוי און אין די פּרטים.

ב

די ערשטע מעשׂה האָט מיר געשיקט ר' יעקב כּנעני (קויפֿמאַן), עליו השלום, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין עיקר-אויפֿטו: „אוצר הלשון העברית״, — עס איז אַ גרויס העברעיִש ווערטערבוך, וואָס נעמט אַרום די שפּראַך פֿון אַלע תּקופֿות. כּנעני האָט אויף דעם ווערטערבוך געהאָרעוועט יאָרנלאַנג, און דער רוב בענד איז נאָך אַרויס בימי חייו. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַ ווערטערבוך וועגן אברהם שלאָנסקיס שפּראַכלעכע חידושים. ווי אַ געבוירענער לעבן קעשעניוו, האָט ער זיך אויסגעקענט אין ייִדיש, שפּראַך און פֿאָלקלאָר. דאָס מעשׂהלע, וואָס מיר ברענגען דאָ, האָט ער קינדוויז געהערט פֿון זיין מאַמען, מרת פּערל, און ער האָט עס שפּעטער, פֿון איר מויל, מילה במילה פֿאַרשריבן, און עס מיר צוגעשיקט.

וכך לשונו:

„עס איז געווען אַ פּוילישער בעל-דרשער און אַ היגער איינבינדער האָט [ער] נישט געהאַט, ווער ס'זאָל דאַווענען מינחה, קומט אַריין די שנור מיטן מעלק-שעפּל און שטעלט זיך דאַווענען מינחה. זי טוט אַ קוק אונטערן בעט — האָט די קוואָטשקע היץ. זי טוט אַ קוק: אויף אַ באַנק זיצט אַ שלייען און קנאַקט ניסלעך. האָט זי אים געגעבן אַ פּאַטש. האָט ער אָנגעהויבן שפּייען מיט יתומים-בעטגעוואַנד, האָט זי געזען [אַז] זי האָט אַ נפֿש אומגעבראַכט, איז זי געלאָפֿן צום רבֿ, זיך אַ תּשובֿה אַרויסנעמען. האָט ער איר געהייסן זיצן מיט ווייסע פֿאַסאָלקעלעך אין מאַרק. ווי זי זיצט אַזוי, זעט זי אַז אַ ייִדענע טראָגט אַ לונג פּונעם ביניץ [= בוינע]. — האָרכט איר, ייִדענע, פֿון וואַנעט טראָגט איר די לונג? — סטאַטש [= סטייטש], אין בערדיטשעוו איז צעבראָכן געוואָרן די בריק, נעמט מען קאָרענע קלייען

מיט ווייצענע קלייען, מ׳דרייט אַ שטריק און מ׳פּאַררעכט [= מ׳פּאַרריכט] די בריק. ווי זי זיצט אַזוי, ווי זי זיצט אַזוי, הערט זי, אַז אין אַלע גאַסן קאַכט מען וואַרניטשקעס. וואָס איז? אַ חתן דאַרף זיך אויפרופן, איז נישטאָ אַ פּיצל הערינג, צו מאַכן דעם חסיד אַ יאַרמולקע מיט גאָלד. ווי זי זיצט אַזוי, ווי זי זיצט אַזוי, זעט זי דריי טויטע־לעבעדיקע מתים גייען צום פּוילישן איינבינדער, זיך לערנען שניידעריי. גייט זי אויך מיט זיי. ווי זי גייט אַזוי, ווי זי גייט אַזוי, הערט זי אַז אין אַ האָלץ שרייען דרײַ טויט־לעבעדיקע געבראָטענע טויבן. וויל זי זיי אַרויסנעמען, שטופּט זי אַריין אַ פינגער — קאָן ער נישט אַריין. שטופּט זי אַריין אַ האַנט — קאָן זי נישט אַריין. האָט זי זיך אין גאַנצן אַריינגעשטופּט. האָט איר דער זאָדעק אָנגע־הויבן ווײ צו טון. האָט מען איר געהייסן נעמען האָניק און עסיק און אַ לאָך פון אַ בייגל און אַ סקריפּ פון אַ טויער און אַ קוויטש פון אַ חזיר, און קישקעלעך פון אַ פלוי, צו רייבן אויפן שטערן, צולייגן צו דער פּטי־ליצע, וועט זי געזונט ווערן פונעם געזונט און פונעם לעבן. ווי זי גייט אַזוי, ווי זי גייט אַזוי, זעט זי אַ באַבעצע זיצט אין אַן אויוון און קלאַפּט איין צאָן אין אַנדערן: ס׳איז קאַלט, כאַטש אַן אויג אַרויס צו נעמען; ס׳איז פינצטער ,כאַטש אַ צאָן אַרויס צו נעמען. האָט זי גענומען אייזערנע פּראַ־טאַצקעס און גלעזערנע צערעמאַניעס און שיקט זי אָפּ רייטנדיק צו פוס אַ היים״.

ג

די אַנדערע מעשׂה האָב איך פאַרשריבן, מיט יאָרן צוריק מפּי מרת נחמה האָפּמאַן, געבוירן און אויפגעכאָוועט אין סעראַפּינעץ, לעבן האָראָ־דענקע, אין דרום־גאַליציע. זי האָט דאָס אָפּט מאָל געהערט פון איר עלטער־פעטער, ר׳ חיים אליעזר ראַזנראַוך, וואָס האָט געלערנט אין דער קילימייער גימנאַזיע (וואָס איז געווען, בשעתו, אַ חידוש צווישן די ייִדן אין יענע קאַנטן), און האָט שפּעטער, צוליב זיינע עסקים (עקספּאָרט פון פּאַטאַש) געמאַכט רייזעס (ברעסלע, ברין, לייפּסק). די מעשׂה זיינע האָט עפּעס פון מינכהאַוזן־שניט, איז אָבער אויסגעווייקט אין היימישע מאָטיוון, און איך האָב זי שוין געבראַכט („ידע עם״, ניסן תשי״ג), און אָט איז זי מילה במילה:

„עס זענען געווען אַ רב און אַ רביצין. זיי האָבן געהאַט אַ הונט, וועל־כער איז געווען ביי דער רביצין דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל און דאָס אונטערשטע פונעם בענטשן. אַ מאָל האָט דער הונט אויפגענאַשט די מאַמע־

ליגע, איז די רביצין בייז געוואָרן, האָט געכאַפּט דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל און נאָכגעוואָרפן דעם הונט, כדי צו טרעפן דאָס אונטערשטע פונעם בענטשן — און האָט טאַקע געטראָפן אין שווענצל, און פון דעם קלאַפּ זענען דעם הונט אַרויס אַלע ציין פון מויל.

עס איז געווען אַ יאָר פון אַ גרויסער פּאָסוכע. עס זענען נישט געוואַקסן קיין גרינע אוגערקעס, נאָר געלע. דער רב און די רביצין זענען געווען בעזדיעטניקעס און האָבן געהאַט ניין־און־נײַנציק טעכטער און איין זון. אין שכנות פון זיי האָט געוווינט אַן אַרענדאַר. צו דעם דאָזיקן שכן איז דער בן־יחיד געפאָרן אָנקוקן אַ כלה. האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד און גענומען רייטן צום שכן אַרום הונדערט מייל. רייטנדיק איז ער אָנגעקומען צו אַ פּאָטיק, איז דאָס פערד געווען זייער דאָרשטיק, און האָט אָנגעהויבן טרינקען. דער בחור זעט, דאָס פערד האָט באַלד אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע וואַסער, און טרינקט נאָך אַלץ, איז דער בחור אַראָפּ פונעם פערד און גענומען זוכן, וואָס איז מיט דעם פערד געשען, וואָס האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ. האָט ער דערזען, אַז דאָס פערד האָט נישט קיין הינטן, ווייל דערווייל איז געווען אַ מלחמה, האָט מען אים אָפּגעשאָסן דעם עק, און וואָס ער טרינקט פון פאָרנט, רינט אים אַרויס פון הינטן, און במילא קאָן ער זיין דאָרשט נישט לעשן. האָט דער בחור אויסגעהאַקט אַ ווערבע, און האָט פאַרשטעקט דעם לאָך. פּלוצים זעט ער, דער בוים וואַקסט און וואַקסט, ער גרייכט שוין ביז צום הימל. קלערט ער נישט קיין סך, קריכט אַרויף אויף דער ווערבע, און קומט אויפן שפּיץ, אָבער צום הימל קאָן ער נאָך נישט דערלאַנגען. וואָס טוט מען? אַ ייִד אַ למדן גיט זיך אַן עצה. ער דערמאָנט זיך, ער האָט אין קעשענע אַ פּלעשל זויערמילך, נעמט ער און דרייט אַ לאַנגן שטריק פון דער זויערמילך, שטוקעוועט צו צום שפּיץ פון ווערבע, און קריכט ווייטער צום הימל. דער שטריק איז אָבער נאָך אַלץ געווען קורץ, איז אים איינגעפאַלן אַ פאָרטל — ער האָט אָפּגעשניטן הינטן און אָנגעשטוקעוועט אויבן, אָפּגעשניטן הינטן און אָנגעשטיקעוועט אויבן, אָבער ס׳האָט אַלץ נישט געסטאַיעט. האָט ער קיין ברירה נישט געהאַט און איז געריטן ווייטער. דערווייל איז אין דרויסן געוואָרן אַ שטאַרקע זאַווערוכע. אַ גרויסער רעגן, אַ פּראָסט מיט אַ בלאָטע — איין פוס זינקט אין דער בלאָטע, דעם צווייטן שלעפּט ער אַרויס. אַזוי האָט ער זיך געפלאָגט, דער שווייס איז אויף אים פאַרפרוירן געוואָרן. ער קוקט זיך אום, שטייט אין דער זייט אַ פלוי, און לאַכט אים אויס. ווערט דער בחור אין כעס און שטרעקט אויס דער פלוי אַ פּאַטש. הייבט זי אָן צו שפּייען מיט סערעווע לייוונט און האָט אויסגעשפּיגן טויזנט איילן. האָט ער איינגעפּאַקט די לייוונט אויף חתונה־קליידער, פאַר זיינע ניין־און־נײַנציק שוועסטער.

דערווייל האָט ער דערפילט, אַז דער הונגער נאָגט אים ביים האַרץ. וואָס עסט מען? אויף איין מאָל הערט ער געבראָטענע פייגעלעך פייפן אין אַ בוים. האָט ער לאַנג אַרומגעזוכט און געפונען דעם בוים, אין וועלכן ס'איז געווען אַ לאָך, און פון דאָרט האָבן די געבראָטענע פייגעלעך גע־פייפט. האָט ער געפרוווט אַריינשטופן אַ פינגער — איז עס נישט געגאַנ־גען; האָט ער געשטופט די האַנט — איז עס נישט געגאַנגען. האָט ער געשטופט און געשטופט און געקוועטשט און געקוועטשט, ביז ס'איז אים געלונגען אַריינשטופן זיך אין בוים אַריין. דאָ האָט ער זיך אָנגעגעסן מיט די געבראָטענע פייגעלעך — זיי זענען געווען טעם־גן־עדן. איצט דאַרף דער בן־יחיד אַרויס פונעם בוים און דער לאָך איז קליין, און ער קאָן נישט אַרויס בשום אופן. שוין האָט זיך אים געדאַכט, ער וועט מוזן בלייבן — דאָס שטראָפט אים דער רבונו־של־עולם, וואָס ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט קריכן אין הימל אַריין. דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט, אין דער היים איז דאָ אַ שאַרפע האַק, לויפט ער גיך אַהיים, נעמט די האַק, מאַכט אויף דעם לאָך, און קריכט בשלום אַרויס פונעם בוים.

איצט רייט דאָס בחור'ל ווייטער. דער וועג גייט לעבן אַ שול, און גראָד איז געווען מנחה־צייט. איז זיך דער בחור אַריינגעריטן דאַווענען. די שול איז געווען געבויט פון היפקע, די בריק פון קרעמין, די פידקאָוועס פון פערד זענען געווען פון שטאָל, און אַזוי ווי דער בחור איז געשפרונגען קדושה, זענען פון דער פּאָדלאָגע אַרויס פונקען, די ווענט האָבן אָנגעהויבן ברענען, דער בחור איז קוים אַרויס לעבעדיק. פון פייער האָט זיך אָפּגע־ריסן די האַטקע פון טייך, האָט זיך דער בחור געשטעלט כאַפּן פיש אויף שבת".

ד

צו די צוויי נוסחאות פון דער נישט־געשטויגן־נישט־געפלויגן־מעשׂה, וואָס מיר האָבן („ישׂראל־שטימע", כ"ט בסיון, תשמ"א) געבראַכט — יעקב כּנעני, אין נאָמען פון זיין מאַמע מרת פּערל אין דער סביבה פון קישינעוו; מרת נחמה האָפּמאַן אין נאָמען פון איר עלטער־פעטער ר' חיים אליעזר ראָזנראַוך פון קילימיי — גיבן מיר איצט צו אַ דריטן נוסח, וואָס עס האָט געהערט ידידי יקירי ר' יעקב צבי שאַרגעל פון זיין באָבען, מרת הינדע בראָפּמאַן (אַן אור־אור־אייניקל פון ר' יואל סירקיש, בעל „בית חדש"), וואָס האָט געוווינט אין זשילקוווקע, רוסיש־פּוילן (נישט ווייט פון

דער געווענער גאַליצישער גרענעץ), און מיר ברענגען זי דאָ מילה במילה, ווי ער האָט זי פֿון זײַן באָבען געהערט:

„אַמאָל איז געווען אַ קרעטשמער מיט אַ קרעטשמערקע, זענען זיי געווען זייער אָרעם. זיי האָבן בלויז פֿאַרמאָגט אַ לעדערנע קרעטשמע מיט אַ זאַרע איאַקע [זויערע אוגערקע] מיט אַ ראָסל. זיי האָבן נישט געהאַט קיין קינדער, בלויז זיבן מיידן מיט איין טאָכטער. זענען די מיידן מיט דער טאָכטער געווען זייער הונגעריק, זענען זיי אַוועק זוכן עסן. זענען זיי גע־גאַנגען וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, ביז זיי זענען אַרײַן אין אַ געדיכטן וואַלד אַרײַן. גייען זיי, ביז זיי דערזעען זיבן געבראָטענע טויבן פֿלִיען. הייבן זיי זיך אָן צו יאָגן נאָך די טויבן, איז די טויבן טוען אַ פֿלי אַרײַן אין אַ דעמבענעם בוים אַרײַן. לויפֿן זיי צו צום בוים און דערזעען אַ לעכל. פּרוּוון זיי אַרײַנשטעקן אַ פֿינגער, גייט נישט אַרײַן, אַ האַנט — גייט נישט אַרײַן. זענען זיי אַליין אַרײַן. האָבן זיי זיך דאָרט אָנגעגעסן, געוואָרן פֿעט, און נישט געקאָנט אַרויס. אין דעם דערזעען זיי, ווי עס גייט פֿאַרביי אַ גוי מיט אַ האַק. זאָגן זיי צו אים: מיין גוי, מיין גוי, וויסטו וואָס? פֿאַרקויף אונדז די האַק, וועלן מיר אויפֿהאַקן דעם בוים, און אַז מיר וועלן אַרויס, וועלן מיר דיך אָפּגילטן. זאָגט דער גוי: ניין, כ׳קאָן אייך די האַק נישט פֿאַרקויפֿן, ווארעם די האַק איז מעוברת. זי האָט ערשט נעכטן געהאַט זיבן קליינע טאָפּאָריסקעלעך. זענען זיי אַליין אַרויס.

גייען זיי, גייען זיי און הערן, אַז אויפֿן הימל איז אַ יאַריד. ווי־זשע קומט מען אַרויף צום הימל? האָבן זיי גענומען אַ פּלוי, און אָנגעבונדן אַ שטרוי און אַרויפֿגעפֿלויגן. זייענדיק אויבן, הערן זיי, ווי מ׳שרייט: „דאַי שיאַנאָ, דאַי ריבי״ — האַ, איז דאָך היינט הושענא־רבה; לויפֿט אַהיים דער מאַן צום ווייב, און ברעכט איר די ביינער: ווו זענען די קרעפּלעך, ווו? היינט איז דאָך הושענא־רבה...״.

דער נוסח, וואָס ברייטערט אויס די מאָפּע פֿונעם מעשׂה־אויסשפּרייט, האָט בולטע בשותּפֿותדיקע מאָמענטן מיט די צוויי פֿרִיער געבראַכטע נוס־חאות, וואָס באַווייזט, אַז אַלע דריי שטאַמען פֿון איין פּרימאַרן גרונט־נוסח, וואָס האָט געוואַנדערט בעל־פּה, און אפשר אויך בכתב, און ס׳איז כּדאַי דעם ענין נאָכצוגיין, און קודם־כּל אָנצוזאַמלען אַנדערע נוסחאות, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן אין זכּרון, און דאָס וואָרט האָבן קודם־כּל אונדזערע לייע־נערס. און לעת־עתּה באַמערקן מיר.

ערשטנס — מיר האָבן זיך באַנוצט מיטן נאָמען: נישט־געשטויגן־נישט־געפֿלויגן־מעשׂה, אָבער האָבן זיך גריילעך געקאָנט באַנוצן מיטן

נאָמען: לא־היה־ולא־נברא־מעשׂה, אָבער, לויטן דייטשישן Lugenmaerchen וואָלטן מיר גיכער זיך געדאַרפט באַנוצן מיטן נאָמען: שקר־וכּזב־מעשׂה (אַגב, דאָס וואָרט: וכּזב ווערט אַרויסגערעדט גלייך עס וואָלט אויסגעלייגט געווען: וכּיזב, און קלינגט: וועקיזעף) משמע: אַ ליגן־מעשׂהלע. יאָ, אין אונדזערע קאַנטן האָבן מיר שטאָט אַ ליגן, געוויינטלעך: אַ ליגנט, און מיר דערמאָנען דאָס, ווייל דייטשיש איז פֿאַראַן אויך אַן אויסלייג Lugend ווי אַ טאָפּל־שפּיל, סיי ווי אַ פֿאַרמיש פֿון Legend [e]: לעגענד [ע] סיי ווי אַ פֿאַרדריי פֿון Lugent [e] — משמע אַ ליגן־קאַטשקע, וואָס האָט זיך זיין היסטאָריע און איך האָב מיך אויף דעם שוין אָפּגעשטעלט אין מיין בוך „יריד השעשועים” (1964, זז׳ 74־76), ווו עס באַגעגענען זיך צוויי פּירושים לגבי blaue Enten משמע: בלויע קאַטשקעס, אין זינען פֿון פֿאַלשע שמועות, דרך פּשט, וואָס געפֿינט זיך נאָך ביי פּאַראַצעלזוס, אין 15טן און 16טן יאָרהונדערט. פּונקט ווי Lug־Enten געפֿינט זיך נאָך ביי פֿישאַרט אין 16טן יאָרהונדערט. דרך רמז: .N. T ווי אַ קיצור פֿון non testatum משמע: נישט באַשטעטיקט, אַ טערמין וואָס גייט פֿון דער צייטונג־צענזור, וועלכע עס האָט איינגעפֿירט דער רעזשים פֿון קאַנצלער מעטערניך און וואָס האָט זיך באַנייַט אין דער צייט פֿון פּרייסישן קיניג פֿרידריך ווילהעלם דעם פֿערטן. אָבער לויט דעם קומט אויס אַז Ente איז גאָר די אמתע ידיעה, וואָס די צענזור האָט געשטראָכן, און דאָס לייגט זיך נישט אַזוי לייכט אויפֿן שׂכל.

צווייטנס, האָט די Lugente, די אויסגעטראַכטע קאַטשקע, אַ מין שייכות צו דער אויסגעטראַכטער טויב אין אונדזער מעשׂה. עס איז דער ענין פֿליִענדיקע געבראָטענע טויבן, וואָס איז אַ סתירה מניה־וביה, דען ממה־נפשך: זענען די טויבן געבראָטן, ווי קאָנען זיי פֿליִען; פֿליִען זיי וויטער, ווי קאָנען זיי זיין געבראָטן. דאָס פֿרעגט זיך לגבי דעם זאָג וועגן בר־מזל: געבראָטענע טויבן פֿליִען אים אין מויל אַריין, אָבער דער זאָג איז דאָך גרונטיק נעגאַטיוו, אַזוי ביי בערנשטיין־זעגל, סי׳ 1693: געבראָטענע טויבן פֿליִען נישט אין מויל אַריין; און אַזוי האָט אויך דייטשיש, וואָס וואָלט ייִדיש געקלונגען: טויבן פֿליִען קיינעם נישט געבראָטן אין מויל אַריין אָדער: וואַרטן ביז עס וועלן עמעצן געבראָטענע טויבן אין מויל אַריין פֿליִען; ענלעך פּויליש, וואָס וואָלט ייִדיש געקלונגען: געבראָטענע טייבעלעך פֿליִען קיינעם נישט אין מיילעכל אַריין, און די אַלע ווערטלעך זענען זיך מתכוון צו זאָגן: אַז מען דאַרף פֿריִער אַרבעטן, האָרעווען. אָבער דער, ווייזט אויס, ייִנגער פֿאַרבייט פֿון נעגאַטיוו אויף פּאָזיטיוו האָט אַן אַלטן גרונט — אין מאָטיוו, וואָס פֿאַרמאָגט, דייטשיש, עטלעכע גלגולים (זע דערוועגן מיין מאמר: „בין נקמה ונוחם”, מולד, כסלו תשי״ב), וועגן אַ ייִד וואָס אַ גוי האָט אים דערהרגעט און געמיינט אַז אַזוי ווי עס זענען קיין

עדות נישטאָ, וועט זיך עס נישט אַרויסשטעלן, צום סוף יאָוועט זיך דער עדות, וואָס דער ייִד האָט געזאָגט, אַז ער וועט די רציחה אויפדעקן (אַ פויגל, אַ זון־שטראַל, די רעגן־בולקעלעך) און איז בולט אין אַ ליד פון דאָמיניקאַנער אורליך באָנער (געבוירן בערך 1324) — אַ מעשׂה מיט אַ ייִד, וואָס האָט געוואָלט גיין דורך אַ וואַלד, האָט דער קיניג באַפוילן זיין קעכער ער זאָל אים באַלייטן און אָפּהיטן, האָט אָבער דער קעכער אים אין וואַלד דערהרגעט און האָט זיך אויסגעלאַכט פון גוססדיקן ייִדנס רייד אַז דאָס עוף (רעבהוהן, לאַטייניש: perdix, ביי סטוטשקאָוו: רעבהון) וואָס איז פאַר־ בייגעפלויגן, וועט זיין אַן עדות און אויסזאָגן וועגן דער רציחה. נישט לאַנג דערנאָך האָט מען דאָס עוף געבראַכט אין קיניגס קיך און ווען דער קעכער זיינער האָט עס געבראָטן, האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם ייִדס רייד און געלאַכט אָן אויפהער; האָט אים דער קיניג געפרעגט דערוועגן, האָט זיך דער רוצח מודה געווען, און איז געשטאָרבן אויף דער תליה. און פאַראַן אַ ייִדיש־נוסח פון ר׳ משה וואַליך אין זיין „ספר משלים" (1687, דף כ"ז ע"א־ע"ב), אָבער דאָרט איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטישער שינוי — ווען דער קעכער האַלט שוין דאָס עוף אויפן שפּיז, הערן מיר: „אונ׳ דוא דאס הון געברוטן וואר / דער קנעכט גינג דאר / און וואלט עז נון ווענדן אונ גרייפן / דאז רעפא הון [= רעבהון] הוב אן צו פפייפן". און דער קעכער קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַ ספּאַזמאַטיש לאַכן, דערמאָנט זיך אין דער רציחה און אין דעם דערהרגעטן ייִד, און זיינע רייד, און האָט זיך געמוזט מודה זיין, און ענדיקט אויף דער תליה. פאַר אונדז דאָ האָט אַ באַזונדערן ווערט די סיטואַציע ווו דאָס רעבהון (דייטשיש פאַראַן לעבן Rebhuhn אַ פאָלקישער אויסלייג: Rufhuhn) פייפט געבראָטענערהייט, ממש ווי אין נוסח פון אונדזער מעשׂה.

ה

דריטנס, אין די ערשטע צוויי נוסחאות האָבן מיר דעם נאָנסענס, אַז דער פאַרשפאַרטער אין בוים, לויפט אַהיים און נעמט אַ האַק און קערט זיך אום צום בוים, כּדי זיך צו באַפרייען, אָבער אין דריטן נוסח האָבן מיר אַ ראַציאָנאַליזירטן מאָמענט, אַז דער פאַרשפאַרטער אין בוים בעט דעם פאַרבייגייענדיקן גוי, ער זאָל אים פאַרקויפן זיין האַק, אָבער דערויף רעאַגירט דער פויער מיט אַן אַנדערן נאָנסענס: די האַק [דער טאָפּאָר] זיינע איז מעוברת געווען און געבוירן העקעלעך [טאָפּאָריסקעס].ביידע

נאָנסענסן זענען היפּש פֿאַרשפּרייט — דער ערשטער נאָנסענס אין אַנעקדאָט וועגן ראובן, וואָס איז געקומען צו גאַסט צו שמעונען, און אַזוי ווי ער קאָן נישט אַהיים גיין מחמת דעם שטאַרקן רעגן, פֿאַרבעט אים שמעון צו שלאָפֿן ביי אים, נאָר אַזוי ווי ראובן האָט נישט קיין נאַכטהעמד, לויפֿט ער, אין סאַמע גאָס רעגן, אַהיים כּדי צו נעמען אַ נאַכטהעמד און זיך אומקערן צו שמעונען, ער זאָל ביי אים, מחמת רעגן, זיך לייגן שלאָפֿן. דער צווייטער נאָנסענס ווייטער, אַז כּלים פֿאַרגייען אין טראָגן און האָבן כּלימלעך, האָט שוין אַ גאַר לאַנגע באָרד — ער ווערט נאָך געבראַכט אין אַלט־מצרישע טעקסטן (זע אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון יהושע מ. גרינץ), און פֿאַרמאָגט כּלערליי גלגולים — אַזוי ברענג איך אין מיין בוך „קערת אגו־זים" (תּשי"ג, סי' 850) אַ מעשׂה וועגן בראָדער באַרימטן כּליזמר יאָשי־וואָווי (יוסף וואָלף וויינטרויב), וואָס דאָס וויב זיינס האָט צוגעגרייט די שטוב לכּבוד פּסח, איז איר אַ קליין קישעלע פֿאַרלוירן געגאַנגען און זי האָט עס שפּעטער געזוכט און זיך מתיאש געווען און פֿאַרגעסן. דאָס אַנדערע יאָר, פֿאַר פּסח, האָט זי ווידער געגרייט די שטוב, און ווען זי האָט געקלאַפּט דאָס גרויסע קישן איז אַרויסגעפֿאַלן אַ קליין קישעלע, האָט זי דעם מאַן דערציילט אַ גוטע בשׂורה: דאָס קישן האָט געהאַט אַ יאַשיקל, האָט ער פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען, האָט זיך אָבער נישט ווּסנדיק געמאַכט, און אחרון של פּסח געפּראַוועט אַ ברית. האָב איך דאָרט אָנגע־וויזן אויפֿן ליד פֿון יעקב בר־מאיר, וועגן די פּראָגער דינסטמיידן, אין 18טן יאָרהונדערט, ווו עס דערציילט זיך וועגן זיי, אַז זיי גנבענען אַראָפּ פֿונעם טייג בשעתן באַקן און זאָגן: „זאָ וואָהל אַלס איין מוטער איין קינד טוט טראָגן / אזא מוס אויך דאס גראס טאגיכטס [= טייגעכץ] / איין קליין טאגיכטסל האָבען" (געזעמל גרונוואַלד, סי' 24, יאָהרבוך פֿיר ייִדישע פֿאָלקסקונדע, 1923, ז' 276). נאָך ראַפֿינירטער האָבן מיר עס אין פּאָפּו־לאַרן אַנעקדאָט וועגן ראובן וואָס האָט זיך ביי שמעון אויסגעליִען אַ גרויסן טאָפּ, און אַז ער האָט אים צוריקגעבראַכט, האָט ער צוגעשטעלט אַ קליין טעפּל, זאָגנדיק, אַז דער טאָפּ איז מיטן טעפּל געטראָגן געוואָרן. מיט דער צייט האָט זיך ראובן ביי שמעונען אויסגעליִען אַ פֿעלץ, און אַז ער האָט אים נישט אָפּגעגעבן, האָט אים שמעון געמאָנט, האָט ראובן גע־זאָגט: דער פֿעלץ איז געשטאָרבן, האָט שמעון געפֿרעגט: הייתּכן, האָט ראובן געענטפֿערט: אויב אַ טאָפּ קאָן געבערן אַ טעפּל, קאָן אַ פֿעלץ שטאַרבן. און אין מיין דערמאָנטן בוך „יריד השעשועים" (ז' 32־37) וועגן נאַר אויפֿן מאַרק, דערמאָן איך לויט אורליך קאַלמוס „דער מעזיניקעל" (1883) אַ מעשׂה וועגן אַ נאַר, וואָס עס גליקט אים, — ער פֿאָרט אויפֿן יריד מיט 50 רובל; פֿאַר בלויז 33 רובל קויפֿט ער סחורה, וואָס האָט די

ווערט 285 רובל און ברענגט נאָך צוריק 500 רובל, און אַז דער טאַטע חידושט זיך דערויף, ענטפערט ער: „אַז אַ פערד פערדלט זיך, און אַ ציג ציגלט זיך, איז דיר קיין חידש (חידוש) נישט, און אַז אַ טוך טוכענט זיך, און אַז אַ וועבעל וועבעלט זיך, איז דיר אַזאַ חידש?".

ו

פערטנס, אין דריטן נוסח האָבן מיר אויך אַ וואָרטשפּיל: דאָס לשון־קודשדיקע הושענא־רבה (וואָס ווערט אַרויסגערעדט שאָנע ראַבע) און סלאַווישע שיאַנאַ [= היין] ריבי [= פיש] וואָס דערמאָנט אַנדערע וואָרטשפּילן פון הושענא־רבה; קול מבשׂר, קאָהל [= קרויט] מיט וואַסער, שיבולת מצנמון [= שיבולת מיטצונעמען] וכדומה, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

2. נאָך צוויי מעשׂות

א

ווען איך האָב זיך, צומערשט, צונויפגעטראָפן מיט רבקה גובער, אין נהורה, און מיר האָבן זיך צעשמועסט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איר טאַטע און מיין טאַטע זענען, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען זעלנער. אירער — אַ רוסישער, מיינער — אַן עסטרייכישער. אירער איז געווען צווישן די באַלעגערערס פון דער גאַליצישער פעסטונג פשעמישל און מיינער צווישן די באַלעגערטע אין איר, און זיי האָבן זיך געקאָנט בלוטיק צוזאַמענשטויסן. און אַזוי־ווי ביידע זענען צוריק אַהיימגעקומען, איז אַ סימן, אַז ס'איז, ברוך־השם, צו אַזאַ צוזאַמענשטויס נישט געקומען. מרת רבקה, וויסנדיק מיין אינטערעס פאַר פאָלקלאָר און הומאָר, האָט מיר צוגעזאָגט אָנצושרייבן צוויי אַנעקדאָטן, וואָס און ווי איר פאָטער האָט זיי דערציילט, און דעם צוזאָג געהאַלטן, און איך גיב דאָ איבער לויט זייער גאַנג און נוסח.

ב

1. דער ייִשובניק און דער סדר

אין אַ דאָרף האָט אַמאָל געוווינט אַ ייִד, אַ ייִשובניק. ער פלעגט פאַר־דינגען די העלפט פון זייער שטוב, עס זאָל זיין נאָך אַ ייִד, און ער, דער ייִשובניק, זאָל נישט בלייבן עלנט צווישן גויִים. אָבער יעדעס יאָר, פונקט נאָך פורים, פלעגט ער זיך צו צעקריגן מיטן שכן און פלעגט אים אַרויס־וואַרפן, און נאָך פסח פלעגט ער זוכן אַ נייעם שכן, און אַזוי יאָר־יערלעך. ביז ער האָט אָנגעטראָפן אַ ליטוואַק, וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ברוגז נאָך פורים נעמט זיך דערפון, וואָס דער ייִשובניק ווייסט נעבעך נישט, ווי מע פּראַוועט אַ סדר. האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אויב אַזוי, וועט ער בלייבן און זיך מיטן ייִשובניק זעצן צום סדר. האָט מען זיך, נאָך פורים, געקריגט און אַפילו געשלאָגן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער ליטוואַק איז געבליבן זיצן. האָט דער ייִשובניק געזען, אַז ער האָט נישט קיין ברירה, און האָט שלום געמאַכט מיטן שכן, און אָנגעזאָגט דעם וויב זיינעם, זי זאָל גוט נאָכקוקן, וואָס די שכנה גרייט צום סדר, און טאָן פונקט דאָס זעלבע. האָט די שכנה געשטעלט בוריקעס — האָט זי אויך געשטעלט בוריקעס; האָט די שכנה געקויפט אַ שאָק אייער — האָט זי אויך געקויפט אַ שאָק אייער, די שכנה האָט געריבן כריין — האָט זי אויך געריבן כריין. אָבער דער ליטוואַק האָט אַריינגערוימט דעם וויב זיינעם, אַז זי זאָל, פאַר־באַהאַלטענערהייט, אָפּקאָכן אַ צענטליק האַרטע אייער, אַז די באַלעבאָסטע זאָל דערפון נישט וויסן, און נישט נאָכמאַכן.

אַז עס איז געקומען צום סדר, האָבן זיך ביידע משפחות, פונעם ייִשובניק און דעם ליטוואַק געזעצט אַרום טיש, און ביידע מאַנסבילן, ווי מלכים, אויבן אָן. גיט דער ליטוואַק אַ ווונק צו זיין וויב און זי ברענגט אים אַ שיסל אייער. טוט דער ישובניק דאָס זעלבע און זיין וויב ברענגט אים אויך אַ שיסל אייער. האָט דער ליטוואַק אַראָפּגענומען דאָס שטריימל, און עס אָנגעפילט מיט אייער און עס באַזאַכט צוריק אָנגעטאָן, און דער ייִשובניק טוט אויך דאָס זעלבע. און אַז עס איז געקומען צום לייענען די הגדה, האָט דער ליטוואַק מיט ביידע קולאַקעס אַ קלאַפּ געגעבן אין קאָפּ און אַרויסגעלאָזט אַ ווילד געשריי: הא לחמא עניא. און דער ייִשובניק אויך דאָס זעלבע...

2. צי האָט דער כעלמער רב געהאַט אַמאָל אַ קאָפּ

אַמאָל, פאַרצייטנס, האָט זיך געטראָפן זייער אַ נאַסער ווינטער, עס איז געגאַנגען מער רעגן ווי שניי, און די כעלמער בלאָטע איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט נישט געקענט אַרויס פון שטאָט, נישט מיט קיין וואָגן, און נישט מיט קיין שליטן. האָבן געפעלט פיל זאַכן, און מען האָט געמוזט אָנקומען צו גויִים. גאָר שווער איז געווען דער לייזן, ווייל עס האָט געפעלט זאַלץ. מען האָט קוים דערלעבט ביז נאָך פסח, און ווי עס האָט זיך נאָר אויסגעטרוקנט, האָט מען געבראַכט זאַלץ.

זענען זיך די כעלמער חכמים צונויפגעקומען און גענומען זוכן אַן עצה, ווי מאַכט מען, עס זאָל נישט ווידער־אַמאָל פּאַסירן אַזאַ אומגליק. איז אויפגעשטאַנען איינער פון די גבאים און אַזוי געזאָגט:

— רבותי, וואָס טוט מען, אַז מען וויל האָבן אייגן ברויט און נישט דאַרפן אָנקומען צו גויִים. אַז מען פאַרזייט, האָט מען. פאַר וואָס זאָל מען טאַקע נישט קענען מאַכן דאָס זעלבע מיט זאַלץ? מיר וועלן פאַרזייען זאַלץ — וועט אונדז אויסוואַקסן אייגענע.

די ווערטער זענען אַלעמען שטאַרק איינגעגאַנגען און — געזאָגט און געטאָן. אַרום און אַרום כעלם זענען דאָ פעלדער, זענען אַלע כעלמער ייִדן אַרויס מיט לאָפּעטעס, האָבן פאַרהויבן די פאָלעס און זיך גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט גוט געשוויצט, אָבער לטובת הכלל איז דאָך נישט שייך...

מען האָט פאַרזייט די זאַלץ און מען וואַרט, ביז זי וועט אויפגיין. אַלע וואָך גייט מען אַרויס אין פעלד צו וואַרפן אַן אויג — עס זעט זיך נישט. זענען זיך ווידער צונויפגעקומען די כעלעמער חכמים, צו האַלטן אַן עצה, פאַר וואָס איז די זאַלץ נישט אויפגעגאַנגען. רופט זיך אָן איינער פון זיי:

— אַרום כעלם זענען דאָ פעלדער, אַרום די פעלדער זענען דאָ וועל־דער, אין די וועלדער לויפן אַרום וועלף, און דאָס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז וועלף האָבן ליב זאַלץ. און זיי, די וועלף, האָבן עס טאַקע אויסגעלעקט.

האָבן די כעלמער חכמים געפרעגט:

— וואָס זשע טוט מען פאַרט, אַז מיר זאָלן האָבן אייגענע זאַלץ, וואָס זאָל אונדז קיין מאָל נישט פעלן?

רופט זיך אָן איינער פון זיי:

— מען דאַרף פאַרזייען די פעלדער נאָך אַ מאָל, נעמען כלי־זין און גיין היטן די פעלדער ביי דער נאַכט, אַז די וועלף זאָלן נישט קומען לעקן.

האָבן אַלע שטאַרק געלויבט די המצאה און — געזאָגט און געטאָן. ווידער איבערגעגראָבן די פעלדער מיט לאָפּעטעס און פאַרזייט גערדיכט מיט זאַלץ. פאַרנאַכט האָבן זיך אַלע באַוואָפנט מיט שטעקנס און קאָטשערעס,

און מען איז אַרויס היטן די פּאַרזייטע פעלדער. פּאַרויס איז געגאַנגען דער ערשטער נאָ פּערעד דער כעלמער רב, צו ווייזן אַ וועג אַלע איבעריקע. אָבער ווי זיי האָבן זיך דערנענטערט צום וואַלד, האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ וואָלף. האָבן זיך אַלע דערשראָקן: אַ קלייניקייט, אַ לעבעדיקער וואָלף! האָבן זיי, במחילה, אויסגעדרייט די פּלייצע, געכאַפּט די פיס און געמאַכט אַ ויברח.

דער רב, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, איז איצט געבליבן דער לעצטער. דערצו איז ער נאָך, ווי געוויינלעך, געגאַנגען אין פּאַנטאָפל, וואָס האָבן אים געשטערט צו לויפן. בקיצור, דער וואָלף האָט אים גלייך דער־יאָגט און אָפּגעביסן דעם קאָפּ.

די כעלמער ייִדן זענען געקומען ביז צו דער שטאָט, אין איין אָטעם. אַז זיי האָבן שוין דערזען די הייזער, האָבן זיי זיך פאַרשעמט: וואָס איז עפּעס דאָס לויפן — מען איז דאָך געגאַנגען היטן די פּאַרזייטע פעלדער, און דערצו זענען דאָך אַלע געווען באַוואָפנט. איז ביי זיי במוסכם געוואָרן, אַז זיי וועלן איינשטעלן דעם לעבן און נישט לאָזן הפקר די פּאַרלאָזענע פעלדער. זענען זיי פאַוואָלינקע צוריק געגאַנגען צום וואַלד, ביז זיי האָבן געפונען, אויפן וועג, אַ טויטן אָן אַ קאָפּ. צי דאָס איז אַ ייִד — איז לייכט צו אַנטפּלעקן, אָבער ווי אַזוי ווייסט מען ווער דאָס איז, מען דאַרף דאָך וויסן, וועמען מען ברענגט צו קבר ישׂראל. האָט מען די גוויה דערווייל געבראַכט אין הקדש אַריין, און געלאָזט דעם שמש גיין איבער די הייזער און אָנזאָגן:

יעדע ייִדענע, וואָס איר מאַן איז נישט אַהיימגעקומען נעכטיקן, זאָל צו מאָרגנס זיך פּעדערן אין הקדש, און געבן סימנים.

אין דער פרי איז געקומען די רביצין און דערציילט, אַז דער רב האָט נישט גענעכטיקט אין דער היים. פרעגט איר דער גבאי:

— זאָג מיר, איז דיין מאַן געווען מיט אַ קאָפּ צי אָן אַ קאָפּ?

ענטפערט די רביצין:

— פרעגט מיר בחרם; ווען ער פלעגט אַרויס אין בית־המדרש, בין איך נאָך געשלאָפן; ווען ער פלעגט זיך אומקערן, בין איך שוין געשלאָפן. פון וואַנען זאָל איך וויסן אַזאַ סימן?

האָבן זיך ווידער צונויפגעקליבן די כעלמער חכמים, צו האַלטן אַן עצה. ווער קאָן זאָגן אויף זיכער, צי האָט זייער רב געהאַט אַ קאָפּ אויף זיך. רופט זיך אָן איינער פון זיי:

לאָמיר פרעגן דעם שמש פון בית־מדרש, — דער רב איז דאָך דאָרט געווען פון פרי ביז נאַכט, מוז ער, דער שמש, אַוודאי וויסן.

האָט מען גערופן דעם שמש און אים אַ פרעג געטאָן:

— איז אונדזער רב געווען מיט אַ קאָפּ אָדער אָן אַ קאָפּ?

ענטפערט דער שמש:

— פרעגט מיך בחרם. ער איז דאָך געווען שטענדיק איינגעהילט אין זיין טלית איבערן קאָפּ — פון וואַנען זאָל איך וויסן?

האָבן די כעלמער חכמים ווידער געטראַכט און געטראַכט, געקנייטשט דעם שטערן, ביז איינער פון זיי האָט זיך אָנגערופן:

— כדי צו געפינען דעם רעכטן סימן, מוזן מיר רופן דעם בעדער — ער זעט דאָך יעדערן פון אונדז, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

האָט מען גערופן דעם בעדער און געשטעלט די דאָזיקע קשיא, האָט ער געענטפערט:

— פרעגט מיך בחרם — אין באָד איז אַזאַ געדיכטע פּאַרע, אַז מען זעט נישט איינס דאָס אַנדערע. און פון מיינעטוועגן קענט איר אַלע זיין אָן קעפּ.

איז טאַקע געווען זייער פריקרע: אַ ייִד קאָן, חס ושלום, נישט קומען צו קבר ישׂראל, און די רביצין קאָן, די שעה זאָל נישט אויסגערעדט זיין, בלייבן אַ פינצטערע עגונה. האָבן זיך די כעלמער חכמים ווידער צונויפגעקליבן, געטראַכט און געטראַכט, און מכריז געווען, אַז ווער עס וועט אויסגעפינען דעם אמת, וועלן זיי אים אָפּגילטן. צו זייער מזל איז דאָרט, אין יענע טעג, איינגעשטאַנען אַ ליטוואַק. ווי ער האָט נאָר דערהערט וועגן דעם גרויסן געצאָלטס, וואָס כעלם וועט מזכּה זיין ווער עס וועט אויסגעפינען, צי זייער רב האָט געהאַט אַ קאָפּ צי נישט, האָט ער זיך געיאַוועט פאַר די גבאים און געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז אײַער רב געווען עפּעס אַ משׂכּיל, און איבערגעלאָזט כּתבים?

האָבן די גבאים מיט גרויס אימפּעט געענטפערט:

— שייך צו זאָגן, ער איז דאָך געווען אַ גדול בתּורה, אַ קלייניקייט: צו זיין דער כעלמער רב!

און זיי האָבן גלייך געבראַכט און אַנידערגעלייגט אויפן טיש פאַרן ליטוואַק אַ גאַנצן באַרג פּאַפּירן. דער ליטוואַק האָט זיך גוט איינגעקוקט אין די כּתבים, געמישט די בלעטער, און לסוף האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און געזאָגט:

— הערט, ייִדן, איך קען מיך שווערן ביי באָרד און פּאות, אַז עס איז נישטאָ קיין ספק־ספיקא: אײַער רב, עליו השלום, איז געווען אָן אַ קאָפּ.

ג

עד כּאן די צוויי אַנעקדאָטן, ווי רבקה גובער האָט זיי, אין איר כּתב־יד, אויפגעשריבן, און אַזוי ווי עס זענען גרונטיק באַקאַנטע הלצות, פאַרבעטן זיי אַ פאַרגלייך מיט אַנדערע גירסאות. די הלצות גופא שטאַמען פון צוויי מקורים — איינע וואָס האָט צו טאָן מיטן אָפּלאַכן פון עם־הארץ, וואָס זיין עיקר־טיפּ איז דער אַרענדאַר, דער ייִשובניק („יאַקוניס הגדה" וכדומה), איינע וואָס האָט צו טאָן מיטן מאָטיוו פון אַ שטאָט נאַראָנים (כעלם, לינסק, בראָד וכדומה). וואָס עס פאַרבינדט ביידע איז דער ליטוואַק וואָס מאַכט חוזק פון אַן אַנדערן סאָרט ייִדן (אוקראַיִנע, פּוילן). וואָס שייך דער שפּראַך — האָט די דערציילערין מסתמא אָפּגעהיט דעם ייִדיש־קאָלאָריט פון ייִשוב, ווו זי איז אויפגעוואַקסן — (זע איר בוך „מורשה להנחיל", תשל"ט) אַ קאָלאָניע, ווו דער רוב זענען געווען ייִדישע ערד־אַרבעטער (געווען אויך אַ מיעוט דייטשן, אַנאַבאַפּטיסטן) און מעגלעך, אַז איר טאָפּלטער נאָמען זשאָלטע אָדער גיי־וויטעביק שפּיגלט אָפּ צוויי שפּראַכלעכע ייִדיש־עלעמענטן, דרום און צפון, און עס איז כּדאי דער זאַך נאָכצוגיין (אַזוי, אַ שטייגער, האָבן זיך דערהאַלטן ייִדיש־כּתבים פון פּעדאַגאָג א. מ. בייגל, שפּעטער: אביגל). על כּל פּנים האָבן מיר אָפּגעהיט די שפּראַכלעכע באַזונדערקייטן — דער לייזן, דער לעבן, די זאַלץ, אייגענע ברויט וכדומה. מיר האָבן אָבער פאַרביטן חלם אויף כעלם און אויך צל פון ספק אויף ספק־ספיקא.

די דערציילערין ברענגט, עבֿרית, צוויי הערות וועגן דער דערצייל־כּוונה פון איר טאַטן — צום ערשטן אַנעקדאָט: דעם דאָזיקן סיפּור האָט מיין טאַטע דערציילט, ווי אַ שטראָף־וואָרט קעגן נאָכמאַכעריי אָן אַ פּריִערדיקער הבחנה. צום צווייטן אַנעקדאָט: און מיין טאַטע האָט זיין שמייכל פאַרבאַהאַלטן אין עק וואָנס, און צוגעגעבן אַ מוסר־השׂכּל: עס איז אַ גוואַלטיקע זאַך צו זיין אַ ליטעראַט.

מעגלעך אַז דאָס איז דער אויסטייטש פונעם ליטוואַקס קשיא, צי איז דער כעלמער רבֿ געווען אַ משׂכּיל, כאָטש מעגלעך אַז די כּוונה איז: צי האָט ער געפּירט אַ פּען.

ד

מיר ווייסן נישט, ווו, ווען און פון וועמען האָט רבקה גובערס פאָטער געהערט די אַנעקדאָטן, אָבער וואָס שייך דעם צווייטן אַנעקדאָט, איז ער

באַזונדערס ענלעך צום נוסח אין געזעמל פון שלום מיר, וואָס זיין נאָמען פאַרוויַיזט שוין אויף דער טענדענציעזער יעוועסקישער פּרעפּאַראַציע: „אַנטיקלעריקאַלע פאָלקס־מיַיסעס" (פאָלקלאָריסטישע פאַרנאָטירונגען) (מלוכה־פאַרלאַג „דער עמעס", מאָסקווע 1940). דאָרט, גייט אַ בינטל כעלמער געשיכטעס, דערונטער אַ מעשה, (זז׳ 103־104) וואָס מיר ברענגען דאָ אין אָנגענומענעם אויסלייג:

די שטאָט כעלם איז וויַיט פון אַ ים. דעריבער, זאָגט מען, איז דאָרט שטענדיק אַ דוחק אין זאַלץ. אַז מע פלעגט אַ מאָל אַראָפּברענגען זאַלץ, פלעגט זי קאָסטן טיַיערער ווי צוקער. האָט קהל מיטן רב באַשטימט, מע זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָנקויפן אַ סך זאַלץ און מע זאָל זי פאַרזייען, די זאַלץ, און עס זאָל ניט אויסקומען מער צו קויפן קיין זאַלץ, וואָס מע זאָל זי דאַרפן פירן פון עק וועלט, און זאָל אין כעלם וואַקסן אייגענע זאַלץ.

די זאַלץ האָבן זיי פאַרזייט לעבן אַ וואַלד, און עס איז טאַקע ניט אויסגעוואַקסן. האָט מען זיך געווענדט צום רב מיט אַ פראַגע:

— וואָס איז דאָס די מעשׂה מיט דער זאַלץ, וואָס זי וואַקסט ניט?

האָט דער רב דערקלערט, אַז ביַינאַכט קומען צו גיין די גרויסע בערן פון וואַלד און מע לעקט זי אויס, דערפאַר גייט זי ניט אויף.

האָבן די כעלמער חכמים באַשטימט, אַז מע זאָל אַלע נאַכט שיקן אַ נייעם היטער צו דער זאַלץ, און דער היטער זאָל היטן דאָס פאַרזייטע פעלד, און די גרויסע בערן זאָלן ניט לעקן די זאַלץ.

איז געקומען דעם רב׳ס אָטשערעד היטן דאָס זאַלץ־פעלד לעבן געדיכטן וואַלד. האָט דער רבי אָנגעטאָן דאָס היטל מיט דער קאַפּאָטע, פאַרבונדן דאָס שאַלעכל אַפן האַלדז, גענומען דאָס הייליקע שטעקעלע אין האַנט און איז מיט גאָטס נאָמען אַוועק היטן דאָס זאַלץ־פעלד, זאָגנדיק דערביַי קריאת־שמע, וואָרעם ער איז געווען אַ פחדן אויך. ער האָט טאַקע פאַר די בערן אַ ביסל מורא געהאַט, און טאַקע גאַנץ גוט געציטערט, האָט ער מסתמא אין וועג פאַרלאָרן די יאַרמלקע און איז געקומען אויפן פּאָסט מיט אַ הוילן קאָפּ.

נו, דער רב איז אָפּגעשטאַנען אַ נאַכט און איז אַהיים אינדערפרי ניט געקומען, און מע איז אַוועקגעגאַנגען זוכן — שוין ניט די זאַלץ, נאָר דעם רב איז מען געגאַנגען זוכן.

אַז די כעלמער האָבן אים געפונען אין מיטן פעלד אָן אַ קאָפּ, האָבן זיי געמיינט, אַז די בערן פון געדיכטן וואַלד האָבן אָפּגעפרעסן דעם רבינס קאָפּ. אָבער דערנאָך האָבן זיי איבערגעטראַכט:

— ווען די בערן וואָלטן געגעסן דעם רבינס קאָפּ, וואָלטן זיי אויסער דעם קאָפּ גענומען ביים רבין נאָך עפּעס, אַ שטיק פּעטס, למשל. איז

טאָמער דער רב געווען טאַקע אין גאַנצן אָן אַ קאָפּ, און די בערן זיינען אין דעם ניט שולדיק?

האָבן זיי באַשטימט גיין פרעגן באַ דער רביצין, צי איז דער רבי געווען מיט אַ קאָפּ, בעת ער איז געגאַנגען היטן דאָס זאַלץ־פעלד, אָדער ער האָט בכלל קיין קאָפּ ניט געהאַט.

האָט די רביצין געענטפערט:

— איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת, — ער קומט צו גיין פון בית־מדרש שפּעט ביינאַכט, אַז איך שלאָף שוין, זע איך אין דער פינצטער ניט, און אַז ער גייט אַוועק צוריק אין בית־מדרש מיטן טאָג, זע איך אים ווייטער ניט, — ווייס איך ניט, צי ער האָט געהאַט אַ קאָפּ צי ניט. איז אויב ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, האָט ער אים מסתמא פאַרלאָרן, ווייל אַ מענטש מיט אַ קאָפּ וואָלט קיין זאַלץ ניט געהייסן זייען. און אויב ער האָט טאַקע געהייסן זייען זאַלץ, איז ער אָן אַ קאָפּ — האָט ער ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן.

(י״ב חשון תשמ״ב)

בכור שׂטן

וועגן אַ דעמאָנאָלאָגישן פּלאָנטער

א

בכור־שׂטן איז אַ באַהעפט, וואָס קומט פיר בלויז איין מאָל אין דער גמרא (יבמות ט״ז, ע״י) — אַזוי רופט אָן ר׳ דוסא בן־הורקנוס זיין קליינעם און קאַזויִסטיש היפּערקלוגן ברודער, יונתן, און איך האָב מיך שוין וועגן אָפּשטאַם, גאַנג און באַטייט דערפון, אָפּגעשטעלט, און דאָס גאַנץ בפּרטות אין אַ באַזונדערער אַרבעט („סיני״, סיון־תּמוז תשמ״א). און ווער עס האָט אַן אינטערעס דערינען, קאָן עס נאָכלייענען. אויב איך קער מיך דאָ צוריק צו דער עיקר־טעמע, איז עס נישט בלויז, כּדי צו ברענגען אַ צולאָג פון דוגמות פאַרן באַנוץ מיט דעם באַהעפט, נאָר כּדי אויסבּולטן די קשיא, וואָס שפּילט די עיקר־ראָל אין זיין באַטייט — צי דאָס דעמאָנישע איז דאָס פּריִע, גרונטיקע, אַזוי אַז דאָס וואָרט שׂטן מיינט אים טאַקע כּפשוטו, משמע אין ערנצטן זינען; צי דאָס ליצנישע, וואָס איז דאָס שפּעטע, צוגעקומענע, סעקונדאַרע, אַזוי אַז דאָס וואָרט שׂטן מיינט אים כּדרושו, משמע אין הומאָרישן זינען. די קשיא פאַרשאַרפט זיך מחמת אין איצטיקן באַנוץ מיטן דאָזיקן באַהעפט איז דער ערנצטער, דיאַבאָלישער באַטייט כּמעט גאַנץ פאַרשוווּנדן, און עס האָט אים געירשנט אַ שטיפערישער, פאַרשייטער זינען, אַזוי אַז בכור־שׂטן איז נישט מער ווי אַ סינאָנים פון מזיק, קונדס, לאָבוז וכדומה. דער באַטייט־וואַנדל קען נאָכגיין דעם כּלל, אַז וואָס עס איז געווען צומערשט אַ גאָט, אַ האַלב־גאָט, ווערט אַ העראָס, כּדי שפּעטער צו ווערן אַ שד, אַ רוח, כּדי צולעצט מגולגל ווערן אין אַ קאָבאָלד, אַ לאָפּיטוט וכדומה.

ב

אָבער אַזוי ווי דער הומאָרישער באַנוץ איז גאָר שכיח אין לעצטן דור, ווי עס באַווייזן די געבראַכטע דוגמות, לאָזט זיך אָננעמען, אַז דאָ האָט משפּיע געווען ח. נ. ביאַליק מיט זיין ליד „בשל תּפּוח״ (= מחמת אַן עפּל),

אַן איבערדיכטונג פון אַלפאָנס דאָדע׳ס ליד "Pour des prunes" (= מחמת פלוימען), וואָס מיינט: מחמת גאָרנישט, ווו ער באַנוצט זיך (און דאָס דווקא אין אַ סטראָף, וואָס איז אין אָריגינאַל נישטאָ) מיט אונדזער באַהעפט אין אַ פּאָעטירט־העטשלדיקן בפירוש הומאָריסטישן זינען, און די קשיא איז, צי איז דאָס רעכט אַזוי. און דערוועגן איז אָנגעגאַנגען אַ בריוולעכער משׂא־ומתּן מיט מיין פריינד ישׂראל כּהן, וואָס אין זיין בוך „בחביון הספרות העברית — עיון לאור מישנתו של ג. יונג" (תשמ״א) באַהאַנדלט כּלערליי אַרכיטיפּישע פענאָמענאַ, באַגריפן, טערמינען, און האָט אין אַ באַזונדער קאַפּיטל געבראַכט, בסדר אלף־בית, אַ רייסטער וועגן אַרכיטיפּישן עלעמענט אין די העברעיִשע שפּראַך־אויסדרוקן (זז׳ 81־90) און דאָרט בפירוש אַריינגענומען די קללה: יקחך בכור שׂטן, מסתּמא האַלטנדיק, אַז זי גייט פון אונדזער באַהעפט, וואָס האָט זיך אָנגעהאָנגען דעם ווערב („יקחך"), כּדי זיך צו אַסאָציִירן צום פּסוק: הלילה ההוא יקחהו אופל (איוב ג׳, ו׳), טייטש: די נאַכט זאָל נעמען די פינצטערניש (יהואש: שטאָקפינצטערניש), אָבער דער זאָג: יקחהו אופל, איז געוואָרן אַ מין, בעיקר משׂכּילישע, מליצה פאַרן זאָג: כאַפּט אים דער רוח, און גאָר מעגלעך, אַז עס האָט אויך געהאַט אַ האַנט דערביי אַ קלאַנגלעכע ענלעכקייט צווישן אופל (בעיקר געלייענט: אויפל) מיט דער דייטשישער קללה: Hol ihn der Teufel. על כּל פּנים ברענגט אברהם אבן־שושן אין זיין ווערטערבוך: יקחהו אופל, ווי אַן אויסדרוק פון קללה און כּעס, וואָס איז אידענטיש מיט: לך לאבדון, יקחהו השׂטן.

און כּדאי נישט צו פאַרגעסן, אַז נישט בלויז דאָס גאַנצע ספר איוב איז אַ שמעלקע מיטן שׂטן, נאָר אויך דער דערמאָנטער פּסוק אין אים איז אַ שכן פון כמרירי יום, וואָס ווערט פאַרשטאַנען ווי די שדים וואָס יאַוועט זיך אין די מיטיק־שעהען.

מיר האָבן, דוכט זיך, אין אונדזער דערמאָנטער אַרבעט באַוויזן, ווי דער באַנוץ מיטן באַהאַנדלטן באַהעפט וואַקלט זיך צווישן פּאָלאַרן באַטייט. און קומענדיק איצט צושטעלן נייע דוגמות, ווילן מיר די הנחה באַשטאַרקן. אַזוי אַ שטייגער, ווען ר׳ יעקב עמדין טענהט קעגן די אָנהענגער פון ר׳ יונתן אייבשיץ, אַז זיי האָבן, פאַרשפּרייטנדיק דאָס ספר „ואבוא היום אל העין", פּראָפּאַגירט די תּורה פון ברוכיה, דעם יורש פון שבתי צבי, רופט ער זיי „שלוחי בכור שׂטן אייבשיצר" (ספר ההתאבקות, תּרל״ז, י״ח, ע״א — זע אין דער שטודיע פון משה אריה פּערלמוטער (= ענת): „ר׳ יונתן אייבשיץ, ויחסו אל השבתאות", תּש״ז, ז׳ 129־130). דאָרט ווערט אויך, לויט אַ כּתב־יד, געבראַכט וואָס עס שרייבט ר׳ משה חאגיז: „כל אלה המפורסמים יהי׳ מי שיהי׳ יונתן או שׂטן או מקטרג" (ז׳ 46). און עס דאַרף אויך

נישט אומדערמאָנט בלייבן, אַז אַזוי ווי מיר האָבן צו טאָן מיטן נאָמען יונתן, איז געווען לייכט עס צו פאַרבינדן מיטן נאָמען פון ר׳ דוסאס ייִנגערן ברודער, וואָס האָט געהייסן יונתן און איז אין דער גמרא באַטיטלט בכור־שטן. ווי אַזוי דאָס גייט צו, לאָזט זיך אָפּלערנען פון אַ ייִנגערער דוגמה — פּ. בר־טוביה (= פרענקל) דערציילט וועגן איינעם אַ סטודענט, וואָס האָט גערעדט לטובת ציוניזם, האָט אים אַ שרייענדיקע סטודענטקע דער־מאָנט, אַז עס איז פאַראַן אַ קעגנער, אַן אָפּאָנענט: „בכור־שטן הוא, ויש עמו שלוש מאות תשובות בצרת הציונות, שהיא אסורה וכלום אינו מחכה, אלא לגמר הדרשה, להראות לו״ (ס׳ בר־טוביה, אויסגאַב גדליה אלקושי, תשכ״ב, באַנד 2, ז׳ 659). טייטש: ער איז אַ בכור שטן און האָט דריי הונדערט תשובות וועגן דער צרה פון ציוניזם, אַז זי איז אסור, און וואַרט בלויז אויפן סוף דרשה, כדי אָפּצוענטפערן. נו, זאָגט דאָך ר׳ דוסא, אין דער גמרא, וועגן זיין ייִנגערן ברודער יונתן: „שיש עמו שלוש מאות תשובות בצרת הבת, שהיא מותרת״.

ד

און אַזוי, אַ שטייגער, אלעזר שולמאַן, איבערזעצנדיק, מיט צוויי דורות צוריק היינריך היינע׳ס „דער רבי פאָן באַכאַראַך״, ווו דער גוי, האַנס דער פּייקלער, שעלט די ייִדן, אַז דער שד זאָל זיי כאַפּן, שרייבט ער: „יקח נא בכור שטן יחד עם כל היהודים״ („ממקור ישׂראל״, תרל״ו, זז׳ 135, 137). און ווען עס קומט ווייטער, אין אונדזער דור, יעקב אָרלאַנד אויסצודריקן דעם חילוק צווישן געטלעכן און טייוולאָנישן מקור, שרייבט ער וועגן איצטיקן יונגן דור: „הנערים הללו — — / — — הם אינם בני אלהים ואינם בכורי שטן / — — סביהם שיננו שם גמרות בבתי מדרש / ואבותיהם כבשו את כנען מחדש״ („יום תל־פאחר״, ז׳ 48); טייטש: די דאָזיקע ייִנגלעך זענען נישט זין פון גאָט און נישט ערשט־געבוירענע פון שטן, זייערע זיידעס האָבן געקנעלט דאָרט גמרות אין די בתי מדרשים, און זייערע טאַטעס האָבן פונסניי איינגענומען כנען.

ה

די לעצטע דוגמה איז, דוכט זיך, אַ שיינע ראיה פון איבערגאַנג צום שטיפערישן באַנוץ, וועלכער האָט, ווי מיר האָבן געוויזן, עטלעכע שפּילע־

רישע אַספּעקטן: איין אַספּעקט גייט אויף דער ליניע פֿון גראַם, וואָס עס האָט אים נאָך ר׳ דוסא: קטן — שׂטן, און צו די געבראַכטע דוגמות, נאָך אַ דוגמה — ר׳ יוסף בן־יהושע הכּהן: „פּיה תהי קטן, בלי שׂטן / בלי מום רע / והחוטם והרגלים״ (א. מ. האַבערמאַן: „מיבחר השירה העברית״, 1965, ז׳ מ״ח), טייטש: איר מויל זאָל זיין קליין, אָן אַ שׂטן, אָן אַ בייזן פֿעלער, און די נאָז און די פֿיס. דער אַרויסגעבער דערקלערט: בלי שׂטן — בלי דברי שׂטנה, משמע: אָן צו באַשולדיקן, אָן צו פֿאַרקלאָגן. דער אַנדע־רער אַספּעקט גייט אויף דער ליניע פֿון וואָרטשפּיל — אַזוי, אַ שטייגער, נתן אַלטערמאַן וועגן אַ זשיראַף וואָס האָט זיך איין שלאָף אויסגעוויזן קלע־נער פֿון אַ קריליק (= קיניגל) און זיך דערמאָנענדיק דאָס: „עודני זוכר בשׂמחה גם עתה / איך אותו בכור שפן — האמינו או לא / הסתכל בי מל־מעלה למטה״. טייטש: איך געדענק נאָך ביז איצט, ווי דער ערשט־געבוירע־נער זון פֿון קריליק — גלויב מיר אָדער נישט — האָט געקוקט אויף מיר פֿון אויבן אַראָפּ.

ו׳

דאָס געפֿינט זיך אין דער קאָמעדיע פֿון סאַמי (שמואל) גראָנעמאַן, וואָס נתן אַלטערמאַן האָט איבערגעדיכטעט („שלמה ושלמי״, 1942, ז׳ 162) און איז בלויז אַ דוגמה פֿון אַזאַ וואָרטשפּיל: בכור שׂטן — בכור שפן. און פֿאַראַן אַנדערע, בעיקר ביי אַברהם שלאָנסקי, וואָס האָט זיך אָפּט באַנוצט מיט די באַהעפֿטן: בכור־שׂטן און בכור־שוטה פֿאַרהעברעיִשנדיק „קאָלאַ בריניאָן״ פֿון ראָמען ראָלאַן, און אַזוי ווי איך האָב שוין געבראַכט דוגמות דערצו, וויל איך צושטעלן זיינע באַנוצן און זיין איבערזעץ פֿון ניקאָלאַי גאָגאָלס קאָמעדיעס („מחזות גוגול״, תשמ״א), און איך דאַנק מיין פֿריינד, אריה אהרוני (אַליין אַן איבערזעצער פֿון עטלעכע לשונות, דערונטער פֿון ייִדיש, בעיקר שלום עליכם), האָט מיר געטאָן דעם געפֿאַלן און האָט פֿאַר־גליכן דעם טעקסט פֿון העברעיִשן איבערזעץ פֿון די קאָמעדיעס מיטן טעקסט פֿון רוסישן מקור. אַזוי לייענען מיר (אין „רעוויזאָר״): „איזה שלל רב בכור־שׂטן —— ולפתע פתאום... פוי, בכור־שׂטן: עם איזה אשמדאי השתדכת!״ (ז׳ 238), טייטש: וואָס פֿאַר אַ זאַקרויב, בכור שׂטן; און פּלוצט־האַלבן, פֿוי, בכור שׂטן, מיט וואָס פֿאַר אַ אשמדאי האָסטו דיך משדך געווען. און דער מקור האָט פֿאַרביידע מאָל בכור־שׂטן, דאָס וואָרט: קאַנאַלסטוואָ, וואָס מיינט נבזהדיקייט, שפלות, פֿאַרכעריקע, און זיין שם־עצם איז קאַנאַ־

ליע, וואָס שטאַמט גרונטיק פון לאַטייניש canis, אַ הונט, און איז פון איטאַליעניש canaglia, אין זינען פון אַ הינטיש געזינדל, בעיקר דורכן פראַנצויזיש canaille אַריין אין כלערליי שפּראַכן. נאָך לייענען מיר (אין „מאַנטל״): עד שתיכנס הזקנה לפי שהיא יקחנה בכור שׂטן, שונאת את הלגימה״ (ז׳ 103), טייטש: ביז עס וועט אַריינקומען די אַלטיטשקע, זאָל זי נעמען דער רוח, האָט פיינט דעם טרונק. אָבער דאָ איז אַ שטיקל פּלאָנ־טער, ווי א. אהרוני אינפאָרמירט מיך, ברענגט שלאָנסקי די קאָמעדיע לויטן נוסח יוליאַן טובים (טוווים) — דער שפּילער און דיכטער, אַברהם חלפי, האָט שלאָנסקין פּירגעלייענט דעם פּויליש טעקסט און ווערטלעך איבער־געזעצט, און שלאָנסקי האָט עס תּיכּף, על רגל אחת, מייסטערדיק פאַר־העברעיִשט. און צולעצט נאָך אַ דוגמה, וואָס אָפּערירט אָבער נישט מיט בכור־שׂטן, נאָר מיט זרע־שׂטן (דער תּנ״ך ווייסט פון זרע־מרעים, זרע־רשעים) — אין „שידוכים״ לייענען מיר: „הנח לי זרע השׂטן״ (ז׳ 53), טייטש: לאָז מיך געמאַך, זוימען (= זערנע) פון שׂטן. און דאָ האָט דער מקור סאַטאַנאַ, וואָס מיינט דעם שׂטן, וואָס י. דרייזין איבערזעצט אין זיין ווערטערבוך (1888): דער סאַטין, דער רוח.

ז

אויב סומירן וואָס מיר האָבן געבראַכט, וואַקלט זיך דער באַהאַנדלטער באַהעפט צווישן אַ פּאָלאַרן באַטייט, און דאָ פרעגט זיך, צי איז דער באַ־העפט בכור־שׂטן אָנגעגאַנגען אין יידיש־באַנוץ, סיי בעל־פּה, סיי בכתב. ווילט זיך קודם כּל באַמערקן, אַז ער איז שכיח אין די יידיש־ווערטער־ביכער. אַזוי האָבן מיר ביי נחום סטוטשקאָוו (1950, סי׳ 467, אומפּאַלגע־דיווקייט, ווידערשטאַנד), אַן אונטערגרופּע: סטיגאַטער, בונטאַר, בונטאָוו־ששיק, בכור־שׂטן, מיאַטיזשניק, סאַנקילאָט. עס לוינט זיך באַזונדערס אָפּצו־שטעלן דערויף, וואָס פאַראייניקט די זעקס טערמינען, און דאָ איז בולט די איבערוואָג פון אויפשטאַנדישן באַטייט, און דאָס אויף אַ היסטאָרישער ליניע — אָנגעהויבן פון די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן, דורך די פּויליש־שע פּאָוסטאַנצעס, די אַנטי־צאַרישע מורדים, און געענדיקט ווידער מיט די פראַנצויזישע רעוואָלוציאָנערן. אַזוי ווי דער אוצר ברענגט בלויז ווערטער און נישט ציטאַטעס, איז שווער צו וויסן פאַר וואָס און ווו־אַרום עס געהער דאָ אַריין בכור־שׂטן, אָבער דער מחבר, און בעיקר זיין רעדאַקטער, מאַקס ווײַנרײַך וואָלטן עס נישט אַן אַ סמך געטאָן, און מסתמא וועט דערויף

ענטפּערן אַ קומענדיקער באַנד פון גרויסן ייִדישן ווערטערבוך, וואָס גרייט איצט צו דאָס אות בי״ת. איך קאָן אים, לעת־עתה, דינען מיט בלויז אַן איינציקן, כאָטש כאַראַקטעריסטישן ציטאַט. און דאָס פון אַ גאָר פּאָפּו־לאַרן שרייבער — יצחק יואל לינעצקי לאָזט אונדז הערן אַ ויכּוח צווישן פּרויקען און גדליהן: „דער רבי איז דאָך אַ צדיק יסוד עולם, אַ יאָ? אַוודאי ניט פון די בערלינער (= משׂכּילים, אויפגעקלערטע), להבדיל כּאלף אלפי הבדלות! — נאָ, פיהרט ער דען ניט די רביצין ווי אַ מאַנאַר־כינאַ, האַ? איך זאָל עס נאָר דערלעבן זעהען אָהן איהר שאַדען, אַ טויזנט־חלק אויף מיין ווייב, רבונו של עולם!...״ חאַ, חאַ, חאַ! — האָט גדליה אויסגעשאָסטען אַ גיפטיגען לאַך ווי דער בכור שׂטן אַליין — אַ דיא (= דו) שייגעץ איינער, דיא (= דו) אַרצע פליאַסקע עזות מחוצף פּנים איינער! דיא (= דו) גלייכסט זיך צום רבין להבדיל, אונ דיין יפהפיה — צו דער רעבעצין״ („דאָס חסידישע ייִנגעל״, ווילנע תּרנ״ז, ז׳ 65). אָבער עס איז אַ חוב צו באַמערקן אַז אין ערשטן נוסח פון „אַ פּויליש ייִנגעל״ גייט דער ויכּוח צווישן עזריאל און מאירטשע און ער איז אַ סך קירצער און דאָרט הייסט עס: „שאַ, שאַ מאירטשע! דער רבי איז אַוודאי נישט קיין אַפּיקורס, פריטייא איז דער רביצן גוט, רבונו של עולם, איך זאָל עס נאָר דערלעבן צו זעהן, אָהן איהר שאַדען, אויף מיין ווייב!״ — „חאַ! חאַ! חאַ! האָט מאירטשע אויסגעשאָסען אַ געלעכטער — אַ דיא (= דו) שגץ איינער! דוא ווילסט זיך גלייכען צו דער רביצן? אַ זאַסיע דיא (= דו) שגץ״ („קול מבשׂר״, 1867, זע פאַטאָקאָפּיע, וואָס איז אַרויס דורך ייִדיש־קרייז אין ירושלימער אוניווערסיטעט, תּשכ״ד, ז׳ 30). הייסט עס, אַז אונדזער באַהעפט ווי אַ פאַרגלייך, איז אין ערשטן געדרוקטן נוסח נישטאָ. על כּל פּנים גייט דער פאַרגלייך, ווי מיר האָבן אים אין פאָלקלאָר פון כּלערליי פעלקער און לשונות, ווו עס ווערט דעם שׂטן, שד, טייוול, סאַטיר צוגע־שריבן אַ באַזונדערס שטאַרק און גרילציק געלעכטער — זע אַ שטייגער ביי ח. נ. ביאַליק: „ואשמדי עומד מאחרי ושוחק / השחוק האכזרי״ („ער־בית״, תּרס״ח), טייטש: און (דער) אשמדאי שטייט הינטער מיר און לאַכט דאָס אַכזריותדיקע געלעכטער.

ח

אָבער מיר ווערן עפּעס געפּלעפט, געפינענדיק דעם באַהעפט בכור שׂטן אין געזעמלען וועגן עברית־עלעמענט אין ייִדיש — אויב אָנהייבן מיט אַ ייִנגן געזעמל, איז עס דאָס ווערטערביכל פון צבי יתום, ווו מיר לייענען:

„בכור (בכור), אַן ערשטן געבוירענער. בכור שוטה אָדער בכור שׂטן — אַזוי רופט מען אַ בכור קעגן אַ גוט אויג. אַרויסגיין ווי אַ בכור אויפֿן גוטן אָרט" („אוצר פֿון העברעיִזמען", ריאָ דע זשאַנעירא, תשי"ד, ז' 68). עס זענען דאָ פֿאַרמישט דריי פֿאַרשיידענע ענינים. וועגן בכור שׂטן און בכור שוטה וואָס זענען אין זייערע מקורות, אין דער גמרא, נישט אידענטיש, קאָן מען נאָכלייענען אין מיין דערמאָנטער אַרבעט. מעגלעך אַז צבי יתום איז דאָ נאָכגעגאַנגען נחמיה פּרעפּערקאָוויץ וואָס האָט אין זיין ווערטער־ביכל: „בכור שוטה (אָדער בכור שׂטן) רופֿט מען אַ בכור קעגן עין הרע" („העברעיִזמען אין יידיש", ריגע 1929, 1931). איך קען נישט מעיד זיין, אַז איך קען די צוויי באַהעפֿטן, אין דעם זינען, פֿון לעקטור און שמועס. על כּל פּנים, אַן אַלטער געזעמל פֿון אַברהם טענדלאַו „שפּריכווערטער אונד רעדנסאַרטן, דויטש־יידישער פֿאָרצייט, (פֿראַנקפֿורט אַם מיין, 1860) ווייסט, סי' 119, בלויז דעם זאָג Das is Bechor Schote, און טייטשט עס: אַן ערשט־געבוירענער נאַר, אַן אַרצי־נאַר, און ווייזט אָן, אַז דער זאָג גייט פֿון דער גמרא, ווו עס פֿרעגט זיך, אויב לגבי אַ נאַר גילט דאָס רעכט פֿון דער בכורה.

וואָס שייך ווייטער דעם דריטן זאָג ביי צבי יתום: אַרומגיין ווי אַ בכור אויפֿן גוטן אָרט, איז עס אַ זייער פּאָפּולער ווערטל, און זיין גרונט איז, לויט דין און מנהג, צו לאָזן דעם בכור פֿון אַ בהמה, וואָס מען האָט נישט אויסגעלייזט, אַרומגיין, אומדערטשעפּעט, פֿראַנק און פֿריי, און כּדי ער זאָל נישט אָנטאָן היזקות אין שטעטל, אים פֿאַרנאַרן אויפֿן בית־הקברות, ווו ער טוט וואָס ער וויל. בערנשטיין־זעגאַל, אין זייער אוצר (1908) האָבן דערוועגן: סי' 240: ער געהט אַרום, ווי אַ בכור אויפֿן גוטן אָרט, סי' 243: ער געהט אַרום ווי קהל'ס ביק. ענלעך ה. ביים, אין זיין אוצר Jerosche (יידישע שפּריכווערטער אין נידערלאַנדישן שמועס־געביט, אַססען, 1959), סי' 34: ער געהט ווי ע בעכאָר (= בכור) אויף ע בית־חיים. ער ציטירט בערנשטיין און ברענגט, וואָס הײנריך היינע דערציילט אין נאָמען פֿון לודוויג בערנע: „עס איז פֿריִער געווען דער מנהג, אַז די יידישע בהמה־סוחרים האָבן די בכורים פֿון זייערע בהמות, לויטן חומש, געשאָנקען דעם אייבערשטן און מחמת דעם האָבן זיי פֿון אַלע סביבות אין דייטשלאַנד געבראַכט אַהער, קיין פֿראַנקפֿורט, ווו מען האָט זיי אָנגעוויזן דעם יידישן בית־הקברות אויף צו פּאַשען און זיי האָבן זיך אַרומגעטריבן ביז צו זייער זעליקן סוף, און האָבן טאַקע אָפּט שרעקלעך געריטשעט".

ט

אָבער דאָסווערטל האָט עטלעכע נוסחאות — (ביי אונדז, אין בראָד, האָט עס געהייסן: ער דרייט זיך אַרום ווי אַ צאַפּ אין קליינעם שטעטל) — און פאַרמאָגט אַ היפּשן פאָלקלאָר, האָט אָבער גרונטיק מיט בכור שׂטן קיין שום שייכות נישט.

אַרום תּוספות גורניש

א

נייִן, מיר זענען זיך נישט מתכוון אויפצוראָלן די פּרשה תּוספות גורניש אין איר גאַנצן פאַרנעם — די כּוונה איז בלויז אויפצוקלערן, דאָס וואָרט גורניש, וואָס האָט זיך, בעיקר אין פאָלקס־מויל געלאָזט פאַר־שטיין, גלייך עס וואָלט געמיינט: גאָרנישט, איז אַזוי פאַרשטאַנען געוואָרן. ווער עס וויל וויסן, ווי דער וויכּוח וועגן דעם סאָרט תּוספות איז אָנגעג־גאַנגען, זייט ר׳ חיים יוסף דויד אַזולאַי (חיד״א) האָט דעם ערך געבראַכט אין זיין ביבליאָגראַפישן ספר „שם הגדולים״ (זינט תּקל״ד אַרויס אין כּלערליי עדיציעס), קאָן אַ קוק דערלאַנגען אין דעם נייעם אויסגאַב פון ר׳ אפרים אלימלך אורבאַכ׳ס בוך „בעלי התּוספות״, באַנד 2 (תּש״מ, זז׳ 753־770). אַזוי ווי דאָס בוך איז אַרויס נאָך דעם, ווי דער וויכּוח האָט זיך באַנײַט, בעיקר אין די מאמרים פון ר׳ ישׂראל תּא־שמע: 1) „תּוספות גורניש״, זייער מהות און באַצי צו די שיטות פון „פּלפּול״ און „חילוקים״ („סיני״, ס״ח, תּשל״א, זז׳ קנ״ג־קס״א); 2) ידיעות חדשות על „תּוספות גורניש״ ועניינן, אַ צולאָג צום אויספאָרשן פון אָנהייב די שיטה פון „פּלפּול״ און „חילוקים״ („עלי ספר״, שבט, תּשל״ו, זז׳ 79־90); 3) היכן נתחבר ספר „עלילת דברים״ (דאָרט, תּשרי תּשל״ז, זז׳ 44־53), האָט שוין ר׳ א. א. אורבאַך געקענט דעם מאַטעריאַל, און האָט זיך דערויף אָפּגערופן.

אַזוי־ווי איצטער, האַנדלט זיך אונדז וועגן עצם באַטייט פון וואָרט: גורניש, וועלן מיר דערמאָנען אַז רא״א אורבאַך האָט שוין אין דער פריִע־רער עדיציע פון זיין בוך, צוגלייך מיט ש. רש״ז שעכטער (1888) אָפּגע־וואָרפן די השערה, אַז די כּוונה איז צו גאַרוויטש אין ענגלאַנד, פּונקט ווי ער וואַרפט אָפּ די השערה פון ר״א נויבויער (אויך 1888), אַז די כּוונה איז צו גורנאי אין פראַנקרייך, וכדומה (זע בעיקר ז׳ 756, הערה 14).

ב

אָבער אין באַנײַטן וויכּוח וועגן תּוספות גורניש, האָט אויך גענומען אַ וואָרט ר׳ אפרים קופּפער, אין זיין מאמר: „גורניש״־גוֹרניש, („עלי ספר״, תּשרי תּשל״ז, ז׳ 168), משמע ער לייענט די וואָוו מיט אַ קמץ, נישט מיט

אַ מלאָפּום, אַזוי אַז עס זאָל גאָר קלינגען גוואָרניש און זאָל האָבן אַ סלאַ־ווישן אָפּשטאַם. ער שטיצט זיך אויף אַ ציטאַט פונעם חיבור „עלילות דברים" וואָס חוזקט אָפּ פון דער שיטה פון איבערגעשפּיצטע פּלפּולים. נישט אומזיסט האָט מען עס פאַרגליכן צו אַ סאַטירע, ווי עס האָט געשריבן, מיט אַ סך דורות שפּעטער, ר' יצחק (איציק) ערטער. און איך וואָלט נאָך צוגע־געבן, אַז נישט אומזיסט האָט דעם ערשטן פראַגמענט פון „עלילות דברים" אָפּגעדרוקט ערטערס תּלמיד, ר' יהושע העשל שור אין זיין „החלוץ" (תּרי"ב). פון אָט דעם „עלילות דברים" ציטירט קופּפער די שטעל: „ועתה קבצתם מן השאלות והתשובות ההם עד שיהיו ספרים נקראו דברים אצלכם — והמלאכה הזו תכנו פלפול, ואחרים אומרים בלבול — והכלי שמשתמ־שים בו בעלי־הפלפולים וקוראים לו דברים וההמונים קוראים לו גורי". טייטש: און איצט האָט איר צונויפגעזאַמלט פון יענע שאלות־און־תּשובות ביז עס זענען געוואָרן ספרים, וואָס ווערן ביי אייך גערופן דברים, און איר רופט אָן די מלאכה פּלפּול, און אַנדערע זאָגן בלבול, און די כּלי, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך די בעלי פּלפּולים רופט מען דברים, און די המו־נים רופן עס גורי. קופּפער דרינגט דערפון אַרויס, אַז דברים, משמע: ווערטער, רייד, האָט אין מויל פון דער יידיש־רעדנדיקער מאַסע געקלונ־גען גוואָר, פון סלאַווישן, פּויליש: gwary, gawory; טשעכיש: howori. קופּפער נעמט, פאַרשטייט זיך, אָן די סברה פון ר' ישראל תּא־שמע, וואָס וואַרפט אָפּ די אָנגענומענע סברה פון רוב פאָרשערס — פון גרעץ ביז צינבערג — אַז „עלילות דברים" האָט מען מחבר געווען אין ספרד, און ער גייט נאָך ר' אייזיק הירש ווייס' סברה, אַז מען האָט אים מחבר געווען אין צפון־איטאַליע, וווּ עס האָט זיך אין 15טן יאָרהונדערט געפונען אַ גרויסער, קאָמפּאַקטער אַשכּנזישער ציבור, מיט זיינע חכמים און גדולים.

ג

ווי מיר זעען, האָט ר' אפרים קופּפער געזוכט און געפונען דעם שורש פון גוריש אין סלאַווישן קאָמפּאָנענט פון יידיש, וועלכן ער האָט אַוועק־פאַרטראָגן קיין צפון־איטאַליע. איז עס אַ שאַרפער כאַפּ, אָבער כּדי עס זאָל אויך זיין אַ רעכטער כאַפּ, בעטן זיך אַ קאַפּ מער ראיות. בפרט אַז מען האָט, ווייזט אויס, געזוכט אַ ראָמאַנישן קאָמפּאָנענט — איז דאָך דער גאַנצער „עלילות דברים" אָפּגעדרוקט אין „אוצר נחמד" וואָס עס האָט רעדאַקטירט יצחק בלומענפעלד (1863, זז' 177־214), און דער אַרויסגעבער

צייכנט: מיכאל בן־ראובן (אַ פּסעוודאָנים פון רפאל קירכהיים, ווי ער איז מודה אין „העברעיִשע ביבליאָגראַפיע", VII, ז' 120) — ער, וואָס האָט דאָס כתב־יד געקריגן פון ר' שניאור זקס"ש, נעמט אויך אָן, אַז דער מחבר האָט געשטאַמט פון איטאַליע און אין זיין פירוש ברענגט ער די דערמאָנטע שטעל און ברענגט דעם פירוש פונעם אָפּשרייבער ר' אַברהם מרדכי פריצול (ז' 196): „זה ספר עלילות דברים, ידוע כי ענין עלילות הוא קריאת תגר על דבר־מה, ורצה באמרו דברים, הכלי שמשמשים בו בעלי־הפלפול וקור־אים לו דברים וההמונים קוראים לו גורי guerre וכאילו אמר שזה הספר ריב לו עם הדברים". טייטש: דער ספר עלילות דברים, און עס איז באַ־ווּוסט, אַז דער ענין עלילות מיינט רופן צו אַ קריג אויף עפּעס. און זאָגנ־דיק דברים, מיינט ער דאָס געצייג, וואָס די בעלי־פלפול באַנוצן און רופן עס דברים, און די המונים רופן עס גורי guerre" משמע, ער האָלט גורי ווי אַ גלייכקלאַנגיק ראָמאַניש וואָרט, וואָס מיינט מלחמה, קריג, מחלוקת.

הייסט עס, אַז פּונקט ווי קופּפער זעט דאָ אַ סלאַוויש וואָרט, זעט דאָ קירכהיים, לויט רא"ם פריצול, אַ ראָמאַניש וואָרט. פרעגט זיך, צי לאָזט זיך נישט אָננעמען דער פּאָפּולאַרסטער קאָמפּאָנענט, — דייטשיש. אַזאַ השערה וואָלט זיך געקאָנט שטיצן אויף דעם אויסטייטש פון עלילות דברים — משמע פלפולים, און אויפן גראַמיקן פאַרגלייך: פלפול — בלבול. הייסט דאָך עד היום עלילת־דם — אַ בלוט־בלבול, און וואָס שייך דעם פאַרגלייך, קער זיך בלבול אָן מיט פאַרמישן, פאַרווירן, און האָט אַ שייכות צום דור־הפלגה, ווו עס הייסט: „ונבלה שם שפתם — — על כן קרא שמה בבל כי שם בבל ד' שפת כל הארץ" (בראשית, י"א, ז'־ט'), און אונקלוס האָט דער־פאַר בלבל, וואָס פּאַסט זיך צום בלבול הלשונות.

ד

אמת, דער ווערב בבל גייט אין עברי־טייטש: פאַרמישן — אַזוי ר' יקותיאל בליץ: אונ' אירי שפּראַך פאַר מישין — — דאָ הער היישט איר נאָמין בבל וייל גאָט דאָ זעלבשט פאַר מישט האָט אַלר לאַנדן שפּראַך"; ר' יוסף וויצנהויזן האָט: „מיר וועלן דאָרטן אירי שפּראַך פאַר מישין — — דרום אויך הישט איר נאָמען (בבל), דען דאָרטן האָט גאָט פאַר מישט דיא שפּראַך פון דער גאַנצי ערדין"; דער מגישי מנחה זאָגט: „אונד איר שפּראַך פר מישן — — דאַרום ווערט די שטאָט בבל (דען בבל טייטשט געמישט). דאַ דאָרטין האָט גאָט פר מישט די שפּראַך פון אַלי לאַנדין"; ווייטער יהואש

האָט: „און צעמישן דאָרטן זייער שפּראַך — — דרום האָט מען גערופן איר נאָמען בבל, ווייל דאָרטן האָט גאָט צעמישט די שפּראַך פון דער גאַנצער ערד״.

ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ פּאַר בלל און בלבל דעם טייטש פאַרמישן, אָבער מעגלעך, אַז דער באַנוץ מיטן ווערב confudere, וואָס עס האָט די וולגאַטאַ, און די איבערזעצן וואָס גייען איר נאָך, גייט לויט זיין באַגלייט־טייטש: פאַרווירן, און דער בלבול־הלשונות מיינט: שפּראַך־פאַרוויר, אַזוי, אַ שטייגער, רעדט ר׳ אַברהם גייגער וועגן עונש פון דור הפלגה אין קאָראַן, אַז שטאָט der blossen Zerstörung und Sprachverwirrung, רעדט מוחמד וועגן אַ פולן חורבן מכּוח אַ גיפּטיקן ווונד („וואָס האָט מוחמד״ וכו׳, אויס־גאַב 1902, ז׳ 113). און זע, אַ שטייגער, אין העברעיִש־דייטשישן און דייטשיש־העברעיִשן ווערטערבוך פון לאַזער־טאָרטשינער (1927) ערך verwirren — בלבל, התבלבל, אויך Verwirrtheit, Verwirrung — בלבול.

האָט אפשר טאַקע תּוספות גורניש צו טאָן מיט געוויר, געווירניש. אָבער אויך די השערה, ווי די צוויי פריִערע השערות דאַרף, ווי זיי, קראַנטערע ראיות.

ה

וואָס שייך בלבול באַשטייט ער אין זיינע באַטייטן, ווי אַן אויסגע־טראַכטע פאַלשע באַשולדיקונג — זע, אַ שטייגער, אין פּנקס קהילת פּאַדואַ: „ואם יתעורר עליו ח״ו איזה בלבול מחמת מלאכתו הנ״ל יעמוד הוא על נפשו והקק״י יהיה נקי מכל הוצאה שהזדמן על זה״ (עדיציע מיכאל קאַרפּי, תּש״ם, ז׳ 62). טייטש: און אויב עס וועט זיך אויף אים דערוועקן אַ בלבול מחמת דער דאָזיקער מלאכה זיינער (דימענטן), זאָל ער זיך אַליין פאַרטיי־דיקן און קהל וועט זיין פּטור פון יעדער הוצאה וואָס וועט זיך מחמת דעם טרעפן. לויטן פּירוש דאָרט, האַנדלט זיך אין אַ פאַרפּלאָנטער מיט דער שׂררה. וואָס שייך ווייטער דעם פאַרגלייך: פּלפּול — בלבול האָט ער זיך פאַרירשנט די משׂכּילים — אַזוי אַ שטייגער, ברענגט ר׳ מרדכי סטרעליס־קער אין נאָמען פון זיין פאָטער, דעם וועלט באַרימטן חזן, ר׳ דוד וואָל־זינגער (אַ נאָענטער חבר פון ר׳ נחמן קראָכמאַל): „יקר בעיני דרך הפּשט מכל הפּלפּולים המבלבלים הזמן והמוח הצעיר״. („זכר עולם״ וכו׳, תּר״ש, עמ׳ מ. ח׳). טייטש: עס איז טייער אין מיינע אויגן דער דרך פון פּשט, מער פון אַלע פּלפּולים וואָס זיי זענען מבלבל די צייט און דעם יונגן מוח.

ו

דאַקעגן פאַרשטיי איך נישט קלאָר, וואָס עס ווערט געבראַכט אין ר׳ אליהו בחורס „פאַריז און וויענאַ״ וועגן וואַרטן אויפן גואל: „דער בלבול אונ׳ די האָפנונג מיין״, און קאָן מיר נישט קיין עצה טאָן מיט מאַקס ווײַנרײַכס פירוש („בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״ 1928, ז׳ 128), אַז דאָס וואָרט בלבול גייט דאָ, מסתמא, לויטן ערשטן פשט: „צו־טשעפעניש״, מיינט אָבער אָנשפאַר, אָנהאַלט. האָט דאָך ר׳ אליה בחור אין זיין „מתורגמן״ דעם ערך: בלבל: שם בלל — תמן בלבל; ונבלה שם — ונבלבל תמן, והמם גלגל עגלתו — ומבלבל בגלגלי״, און דער לעצטער ציטאַט גייט פון ישעיה (כ״ח, כ״ח). ווי מיר זעען גייט דאָ דער ווערב והמם (דערפון לשון מהומה) אין תרגום: מבלבל, די עלטערע יידיש־טייטשן האָבן דאָ דעם ווערב ברעכן, ווייטער יהואש האָט דערפאַר רעשן (זע אויך אין זיינע הערות צום תנ״ך).

ז

צולעצט צוריק צו קופּפערס השערה: דער שורש גוואַר, גאַוואַר וכדומה, איז דוכט זיך, שפּעט אַריין אין יידיש און דאָס פון אוקראַיִנישן און רוסישן ווי, אַ שטייגער, אין ווערטל: יאַק נעמאַ וואָדקי, האָוואָרי (אָדער גאַווערי) וואָדקי, משמע: אויב ס׳איז נישטאָ קיין בראָנפן, רעד וועגן בראָנפן: לא־כל־שכן: גאַוואַרילניע, ווי אַ באַצייכן פאַר אַן אָרט, ווו מען פלוידערט, אָנגעהויבן פון אַ קרעטשמע, און געענדיקט מיט אַ פאַרלאַמענט (ווי ש״י עגנון האָט מיר געזאָגט, האָט, אונטערן רושם פון צבי דיזענדרוקס אַן עסיי וועגן פשט פון וואָרט פאַרלאַמענט, וואָס האָט פויליש אַ חוזק־וואָרט גאַדאַלניאַ, געשאַפן דעם חידוש: בית השׂפתותים). איך האָב אויך געהערט וועגן אַ פלוידערער: דאָס איז דאָך דער מלאך גבריאל [אַרויסגע־רעדט: גאַוואַריעל] אַליין, און איז, ווייזט אויס, נישט קיין כלל־ווערטל, און מסתמא בלויז אַ יחידישער זאָג.

אייבעלעך־תּוספות

א

שוין אין די דרדקי־חדרים האָבן די קינדער געוווּסט, וואָס עס ברייען אויס די מאָנאָגראַפיעס וועגן חדר (א. מ. ליפשיץ, מנחם שטערן, צבי שאַרפ־שטיין וכדומה), אַז די מדרגות פון לערנען פירן פון שטאַפּל צו שטאַפּל — פון אלף־בית ביז טראַף, פון חומש מיט רש״י ביז גמרא מיט תּוספות; און דאָ גייט דאָס דרדקי־חדר מיטן דרדקי־מלמד איבער צום גמרא־חדר און גמרא־מלמד. איך ווייס נישט, ווי עס איז צוגעגאַנגען אין אַנדערע שטעט, אָבער ביי אונדז אין שטאָט, אין בראָד, איז געווען אַ מין צווישן־סטאַציע — תּוספות (אַרויסגערעדט מיטן אַקצענט אויפן ערשטן טראַף, אַזוי ווי: עירובין, הוריות, ערכין). און תּוספות מיינט, כּידוע, דער צו־שטייער וואָס רש״יס תּלמידים און תּלמידי־תּלמידים, חכמי צרפת און אַשכּנז, האָבן צוגעשטעלט צו זיין פּירוש אויף דער גמרא, און עס איז זיך צעפֿאַלן אויף כּלערליי סאָרטן, גאָר שאַרפֿע און טיפֿע, און עס ליגט פֿאַר אונדז דער גרונטיקער מחקר פון אפרים אלימלך אורבך, אין זיין פּערטער אויסגעברייטערטער צוויי־בענדיקער עדיציע: „בעלי התּוספות — תּולדו־תיהם, חיבוריהם, שיטתם״ („מוסד ביאליק״, תּש״מ), און מיר קאָנען זיך דערפון זאַט־לערנען. אָבער, ווי געזאָגט, איז געווען אַ צווישן־סטאַציע, וואָס האָט זיך גערופן אייבעלעך־תּוספות, וואָס איז פֿאַר די חדר־קינדער געווען אַ מין פּרוזדור צום טרקלין. איך גופא האָב עס שוין נישט מיטגעמאַכט, ווייל מיט מיין איבערגיין, אין זעקסטן לעבנס־יאָר, פון חדר אין דער נאָר־מאַל־שול, האָב איך, סוקצעסיוו, געלערנט ביי מלמדים, וואָס איך בין גע־גאַנגען נאָך מיטאָג צו זיי אַהיים, און נאָך דעם ווי מיר זענען אַריבער אין דאָרף אַריין, זענען זיי געקומען צו אונדז אַהיים.

ב

נאָך יונגוויז האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס מיינט דאָס וואָרט אייבעלעך, כאָטש די באָבע מיינע, מרת ראָניע, פלעג עס אָפט באַנוצן, אויסמאָלנדיק דעם ווייבערישן סטראָי און פוץ, און אונטערשטרייכנדיק דעם ווערט און וואָג פון די אייבעלעך, וואָס זענען געווען אָנגעהאָנגען אויפן

האַלדז און באַלויכטן דאָס ברוסטעך. אָבער אין דער ליטעראַטור האָט זיך דאָס פּרעזענטירט נישט ווי אַ ווייבערישער, נאָר דווקא ווי אַ מענערישער פּוץ — אַזוי דערציילט מענדעלע וועגן די צוויי וואַיאַזשאָרן: „איז צוגע־גאַנגען צו זייא אַ סאָלדאַט מיט אייבעלעך אונ האָט שיין פיין זייא געלאָזט בעטין זיך אויס צוטאָן" („מסעות בנימין השלישי", 1878, סטערעאָטיפּ־איבערדרוק 1904). אין העברעיִש־נוסח היפּערט ער איבער דאָס וואָרט און שרייבט בלויז: איש חיל, משמע: אַ סאָלדאַט, אַ זעלנער. אין שפּעטערע אויסגאָבן פונעם בוך גייט דער אויסלייג: אויבעלעך, און אין דעם אויסגאַב פון שמואל ראָזשאַנסקי (מוסטערווערק נומער 4, 1958) ווערט דאָס וואָרט אויבעלעך אויסגעטייטשט: מעדאַלן (ז׳ 148). דאָס וואָרט איז אַ דימינוטיוו פון אויבל, וואָס נחום סטוטשקאָוו האָט עס אין זיין אוצר, סי׳ 529, אין דער אונטערגרופּע וואָס הייבט זיך אָן: מעדאַליאָן, אויבל, זשעטאָן אאַז״וו. עס פאַרנעמט אויך אַ שיינעם און ברייטן פּלאַץ אין גרויסן יידיש־ווערטערבוך פון יודל מאַרק — דריי פּאַראַגראַפן מיט פּאַסיקע ציטאַטן, און עס איז כדאי נאָכצוקוקן.

ג

אויבל גייט פון דייטשישן Obel, וואָס דניאל סאַנדערס, אין זיין ווער־טערבוך (1863), באַצייכנט עס ווי אַ זעלטן וואָרט, און שיקט אָפּ צום וואָרט Obolus, ווו ער ברענגט בלויז איין ציטאַט (פון יאָר 1780). דאָס וואָרט גייט פון לאַטייניש אָבאָלוס, וואָס מיינט גרונטיק אַ קליינע אַלטגרעקישע מטבע, און איז געוואָרן אַ באַצייכן פון אַ תכשיט וכדומה. אָבער דאָס האָט צו אונדזער אייבעלעך־תוספות קיין שייכות נישט. צו דער פּאָפּולאַרקייט פון דעם לערן־טערמין ביי אונדז אין שטאָט, קאָן דינען זיין קלאָרער דערמאָן אין די זכרונות פון יוסף ר. עהרליך, וואָס איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין בראָד, און איז אַריבער פון חסידות צו השכלה, אַוועק קיין ווין און דאָרט געוואָרן אַ דייטשישער שרייבער. מיין בוך „עיר ואם בעיני בניה" (תשמ״א), טייטש: אַ שטאָט און אַ מאַמע אין די אויגן פון אירע קינדער, הייבט זיך אָן מיט אַ קאַפּיטל וועגן אים (זז׳ 7־38) און איך ברענג דאָרט וואָס ער דערציילט אין זיין דייטשישן בוך, וואָס הייסט: „דער וועג פון מיין לעבן — זכרונות פון אַן אַמאָליקן חסיד" (1874); ווו מיר הערן, אַז נאָך־דעם וואָס זיין פאָטער איז יונג געשטאָרבן און זיין מוטער, אַ פּערל־העפטעריך, איז בלינד געוואָרן, האָט אים אַדאָפּטירט אַ שוסטער, אַ הייסער חסיד פונעם בעלזער רבֿ, ר׳ שלום רוקח, צו וועלכן ער פלעגט גיין

צו פוס, ער זאָל אים בענטשן, אַז ער זאָל פונעם אַדאָפּטירטן ייִנגל נחת האָבן. נאָך־דעם ווי דער שוסטער האָט געהערט, ווי דאָס ייִנגל לייענט שיין אין דער תורה, זאָגט ער אים:

דו דאַרפסט געפינען עפּעס, וואָס איז מער כּבוד און מער תּכלית, ווי קאָנען זיין אַ בעל־קורא. זאָג נאָר, וואָלסטו נישט געוואָלט זיין, ראשית־כל, אַ דיין? און אויב נישט. קלער איך, אַז דו וועסט זיין אַ רבי אין אַ קליין גאַליציש שטעטל, ווי למשל, דער בעלזער, דער לעשניוווער, דער סאַסיוווער, און אפשר אַפילו ווי דער דובנער רבי — און אפשר האָסטו גאָר דעם גוטן געדאַנק צו זיין אַן אייבעלעך־תּוספות־מלמד.

ד

ווי מיר זעען, האַלט דער שוסטער ווי אַן אידעאַל די צדיקים פון דער סביבה — קודם־כּל זיין אייגענעם רבין, דעם אין בראָד געבוירענעם, ר' שלום רוקח אין בעלז, דערנאָך די רביים פון נאָענטן לעשניוו, ווו עס איז פריִער געווען רב ר' מרדכי קאַצענעלבויגן (שפּירא), וואָס איז אַוועק קיין נעסכיזש, דערנאָך דאָס נאָענטע סאַסיוו, ווו עס איז געווען דער אין בראָד געבוירענער ר' משה לייב עטינגער, און צולעצט דאָס נישט ווייטע, אָבער וואָלינישע דובנע, ווו עס האָט געוווינט אַ זון פון ר' מענדל קאָצקער. אַגב, יוסף ר. עהרליך דערמאָנט קאָצקער חסידים אין בראָד, וועגן וועלכע איך האָב נישט מער געהערט, אָבער כּדאַי צו דערמאָנען, אַז אַ זון פון בראָדער רב, ר' אליעזר לאַנדאַ, (מחבר פון „יד המלך") איז געווען אַ קאָצקער חסיד, און צו די חסידים פונעם קאָצקערס זון אין דובנע האָט געהערט שלמה מאַנדלקערן, אַ בראָדער אייִדעם, באַקאַנט ווי אַ העברעיִשער דיכטער און מחבר פון דער תּנ"ך־קאָנקאָרדאַנציע „היכל הקודש". אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט דער פּשוטער ייִד געהאַלטן פאַר אַ הויכער מדרגה דעם ענין מלמד פון אייבעלעך־תּוספות — אַ ראיה, אַז אַ ראָל פון אַזאַ מלמד איז אָנגעגאַנגען אין שטאָט. די קשיא איז, וואָס, בעצם, מיינט דאָ דאָס וואָרט אייבעלעך, נאָך־דעם ווי די תּשובה פון מיין רעליגיע־לערער, ר' עוזר קעניג, וואָס האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַרויסגעפאַלן די רי"ש און עס דאַרף זיין: אייבערלעך־תּוספות, איז מסתּמא נישט מער ווי אַ משׂכּילישע המצאה, שוין מחמת דעם וואָס דאָ האַנדלט זיך נישט אין אַן אייבערער נאָר אין אַן אונטערשטער לערן־מדרגה. האָב איך מיך אַנומלט געווענדט וועגן רעכטן באַטייט פון אייבעלעך־תּוספות צום אויטאָריטאַטיוון אַדרעס, טאַקע

צום מחבר פון „בעלי תוספות" און ער האָט מיר, מניה וביה, געענטפערט: איבלעכע תּוספות, וואָס גייט פון דייטשישן ueblich, וואָס מיינט: כּללדיק, אַלגעמיין, כּנהוג. נישט סטוטשקאָוו און נישט מאַרק גיבן דעם וואָרט איבעלעך דעם דאָזיקן באַטייט.

ה

און נאָך עפּעס. ביי אונדז אין שטאָט איז אויך אָנגעגאַנגען דער באַ־העפט: תּוספות־גאָרניש [ט] און איך האָב עס נאָך געהערט ווי אַ לעבעדיק וואָרט, און דאָס צוויי מאָל: ערשטנס, פון מיין עלטער־פעטער, מורי ורבי ר׳ יעקל בערגער, פון די גרעסטע לערנערס אין שטאָט — עס איז אַ מאָל, ביים טיש, געקומען צו רייד די מעשׂה מיט אַ יונגעטשקן מגיד, וואָס האָט געהאַלטן קוים ביי בר־מצווה און האָט זייער אויסגענומען מיט זיין מגידות, האָט מיין עלטער־פעטער מיט אַ שמייכל געזאָגט: נו, יאָ, דאָס בחורל האָט געוואָרפן מיט תּוספותן, נאָר עס איז געווען אַ תּוספות־גאָרנישט. צווייטנס, פון ר׳ משה זויבער, פון די לעצטע משׂכּילים (אין קרייז פון מחבר און דרוקער ר׳ משה לייב האַרמעלין) וואָס איז געווען אַ מגיד־שיעור אין בית־מדרש פון די בעלי־עגלות און געגעבן פרום־משׂכּילישע לעקציעס — האָט ער זיך געגייט אַ בייטל, האָפנדיק, אַז אַ גביר, וואָס האָט זיינע קינדער נישט געשיקט אין שול, וועט לאָזן לגבי זיי מקיים זיין די טאָפּל־ראָל פון אַ מלמד און אַ לערער, האָט אָבער יענער פאַר לימוד קודש גענומען ר׳ שלום אַקסל (גערופן: שטערוויצער), וואָס איז געווען אַ שאַרפער גמרא־קנעלער, און פאַר לימודי חול האָט ער גענומען איזידאָר (איציק) הינדעס, אַן אויטאָ־דידאַקט, וואָס האָט געגעבן לעקציעס אין דייטשיש (אין איר האָט ער אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער). אַז ר׳ משה האָט געהערט דערוועגן האָט ער געזאָגט: דער ערשטער איז אַ תּוספות גאָרנישט, דער צווייטער איז אַ מגרעת גאָרנישט.

ו

אָבער דער ענין תּוספת גורניש, וואָס האָט אַרויסגעבוירן דעם זאָג: תּוספת גאָרנישט איז אַן ענין פון אַ וויסנשאַפטלעכן משׂא־ומתּן, וואָס גייט שוין אַן זייט דורות, און האָט זיך, מיט אַ צייט צוריק, באַנייט — און דאַריבער באַזונדער.

זוכצעטל פון נעמען

אביגל (בייגעל), א. מ. 347
אבידע (זלאָטניק), יהודה לייב 60
אבן־גבירול, שלמה 35
אבן־עזרא, אברהם 35
אבן־שושן (ראָזענשטיין), אברהם 351
אַבראַמאָוויטש, שלום יעקב, זע: מענ־דעלע
אַבראַמזאָן, שרגא 82, 88
אברהם בן־מתתיהו 287
אברהם מרדכי (פון פּינטעוו)
אברהם בר׳ עזריאל („ערוגת הבושם״) 313
אברך, ישעיהו 88
אָדל (ר׳ ישראל בעל שם טוב׳ס טאָכ־טער) 325
אד״ם הכהן (אברהם דב מיכאלישקער לעבענזאָן) 88
אהרוני, אריה 353, 354
אויערבאַך, אפרים 53 87
אויערבאַך, שלום לייב 46
אוכמני (שוואַרץ), עזריאל 116, 117
אורבאַך, אפרים אלימלך 313, 358, 363 366
אזולאי (חיד״א) 358
אַזשעשקאָ, עליזאַ 155, 309
אחד העם (גינצבערג, אשר) 43 231 237
איבסן, הענריק 259
איזבאַן (איזביצקי), שמואל 24
אייזלאַנד, ראובן 45
אייזנמאַן, צבי 163
אייכל, איציק (אברהם יצחק) 8 175
אייכענדאָרף, יאָזעף 97
איינהאָרן, דוד 159
איינשפּרוך, חיים 307
אימבער, נפתלי הערץ 50
אימבער, שמואל יעקב 50 52 119 166 203
אינדעלמאַן, אלחנן 125
איסרלעס, משה (רמ״א) 18 67
אלחנן 125
אלחריזי, יהודה 73 317
אליה בחור (לעוויטע) 90 198 362
אליהו (דער ווילנער גאון) 18
אליהו מזרחי 198
אלימלך (מלך פון ליזשענסק) 319
אַליצקי, לייב 120 331
אלכסנדר מוקדון 168
אַלמי (שעפּס), אליהו חיים 69 70
אלצהרי (אלדהרי) 73
אלקושי (עלקעס), גדליהו 352
אלתרמן (אַלטערמאַן), נתן 353
אַנסקי (ראַפּאַפּאָרט), ש. ז. 22 23 24 26 326
אַסטור (טשערניכאָוו), מיכאל 81, 87 89 103
קאַסקאַלי, יצחק אליהו מנחם 290
אָפּאַטאָשו, אַדעלאַ 190
אָפּאַטאָשו (אָפּאַטאָווסקי), יוסף 152 156 189 190 191
אַקנער, אברהם 201
אַקסל, שלום (טשערוויצער) 366
אַקסעלראָד, זעליג 158
אַקסענפעלד, ישראל 10
אַקרוטני (טורקאָ), יוסף 154 162 163
אַראַק, מאיר (רב אין בעטשוטש און טאַרנע) 47
אָרלאַן, חיים 184
אָרלאַנד, יעקב 352
ארנון, יוחנן 54
אָרנשטיין, משולם יעקב („ישועות יעקב״) 10 11 12
אַשליאַק (אשלג) 292
באַלזאַק, אָנאָרע 155
באַמבאַך, פּינחס (אָשפּיצינער ישיבה) 48

באָמזע, נחום 203
באָנער, אולריך 340
באָסאָק, משה 203
באָסמאַן, רבקה 163 166
„באר משה" 290
באַראָן, דבורה 151
באַראַש, אשר 37 38 41 52 156
באַשעוויס־זינגער, יצחק 289
בוימינגער, צבי 74
בוכנער, חיים נחום 143
בזשאָזאָווסקי, סטאַניסלאַוו 229
ביאַליק, חיים נחמן 27 28 32 39 40
41 43 79 80 82 83 84 85 94 99
104 128 160 184 209 215 259 306
317 350 355
ביאַליק־רבניצקי 297
ביים, ל. 356
בילעצקי, ישראל חיים 201
בינענשטאָק, מאיר (יעקב) 231 232
ביק, יעקב שמואל 12 16 17 19 89 176
ביק, ראָזע 18
ביק, מרדכי 18
ביקל, שלמה 31 63 64 65 68 70 71
87 152 311
בירגער, גאָטפריד אויגוסט 334
בירנבאַום, נתן (נטע) 47
בירשטיין, יאָסל 163
בלאָט, אברהם 65
בלאָך, יוסף שמואל 324
בלומענפעלד, יצחק 359
בליך, יקותיאל 291, 360
בן־חיים (גאָלדמאַן), זאב 294
בן־יחזקאל (האַלפערן), מרדכי 12 16
17 18 19 324 329
בן־יצחק (זאָנע), אברהם 39 41
בן־מנחם (פריד), נפתלי 325 328
בן־ציון (גוטמאַן), שמחה אלתר 94
210
בנשלום (כץ), בנציון 115 117
בעז (בעזפראַזוואַני), חיים 8
בעליס, שלמה 89
בערגעלסאָן, דויד 154
בערגנער, הינדע 157
בערגנער, חנא זכריה, זע: ראַוויטש,
מלך
בערגנער (הרוני, הררי), משה 285
בערגער (שפירא), ברכה 275 279 283
בערגער, יהודה 278 279 280 281 282
283 284
בערגער, יחיאל מיכל 275 276 283
284
בערגער, יעקב 266 272 278 280 286
366
בערגער, שלמה־קהת 279 284
בערגער, שרה 283
בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף 89 210
בערדיטשעווער, זעליג 310 314
בערנע, לודוויג (ברוך לייב) 356
בערנשטיין־זעגל 339, 356
בערקאָוויטש, יצחק דב 54
בערקמאַן, יונה 32
בראָד, מאַקס 323
בראָדערזאָן, משה 128, 232
בראַווער, אברהם יעקב 159
בראַנדשטעטער, מרדכי דויד 46
בראַפמאַן, הינדע 337
ברודני, שמואל מרדכי („אהלי שם")
89
ברוידא, מאיר 144—150
ברוידא, מרדכי זאב 124
ברוכיה (כת שבתאי צבי) 351
בר־טוביה (פרענקל) פינחס 352
ברכות, ז. 53
ברכיה הנקדן 297 299 301
בר־מאיר, יעקב 341
ברענער, יוסף חיים 37 39 41 156 210
237
ברתיני (גאָלערגאַנט), ק. אהרן 100

גאַגאָל, ניקאָלאַי 353
גאון, משה דויד 270
גאָלדבערג, לאה 180
גאָלדבערג, ראובן 26
גאָלדענבערג, בעריש 316
גאָלדפאַדען (גאָלדפודים), אברהם 49
230 295

גאָרדאָן, אבא 88
גאָרדאָן, אהרן דויד 39
גאָרדאָן, וואָלף 88
גאָרדאָן, יהודה לייב (יל״ג) 84 210
גאָרדאָן, מיכל 166
גובער, רבקה 342
גוברין (כהן) נורית 208
גוטווירט, ישראל 321
גוטמאַן, מנחם („אוצר החסידות") 46
גורי (גאָרפינקל), חיים 135
גורפיין (אוכמני), רבקה 116, 117
גייגער, אברהם 361
גינזבורג־מאַרעק (יידישע פאָלקסליי־
דער) 126
גינצבורג, דויד 308
גלאַטשטיין, יעקב 87, 102 104 105
194
געבירטיק (בערטיק), מרדכי 193
געטהע, יאָהאַן וואָלפגאַנג 38 84 94
307 308
געלבער, נתן מיכל 18 21
געלערטער (געלערנטער), מנחם 270
גערשענזאָן, מיכאל 84
גפן (וויינשטאָק), מנשה 23
גראַבסקי, סטאַניסלאַוו 123 183
גראַדע, חיים 76—84 87 95 98 159
גראַיעווסקי, פינחס 33 34 36
גראַנאַט, חיים אליעזר 33
גראָנעמאַן, סאַמי (שמואל) 353
גראָס־צימערמאַן, משה 88
גראָסבאַרד, הערץ 29
גראָפּער, יעקב 141
גרונוואַלד, מאיר (מאַקס) 341
גרינבוים, יצחק 125
גרינבערג (לאַנדמאַן), אורי צבי
41—54 115 118 210 249
גרינבערג, חיים 44 194
גרינץ, י. מ. 341
גריס, נוח 162
גרעץ, היינריך (צבי) 359

דאָדע, אַלפאָנס 351
דוידזאָן 178

דאָסטאָיעווסקי, פיאָדאָר 156
דוסא בן הורקנוס 350 352 353
דיזענדרוק, צבי 362
דן יוסף 325 327 331
דעליטש, פראַנץ 308
דעמביצער, שלמה 119
דרור, מרים 323
דרייזין, יוסף 291 354

האַבערמאַן, א. מאיר 299 316 353
האַגער, ברוך 72 73
האַלפּערין, משה לייב 50 119
האַלקין, שמעון 318
האָפמאַן, נחמה 335 337
האָפמאַנסטאַל, הוגאָ 39
האָפער, יחיאל 87 108 153
הארוויץ, דב־בער 221
האָרוויץ, יעקב 22
האַרמעלין, משה לייב 68 366
האָרנשטיין (אָרנשטיין), יעקב (ר׳ יעקל
סופר) 267
האַרקאַווי (הרכבי), אַלעקסאַנדער 295
הופערט, שמואל 120
הורוויץ, שמואל און רבקה 141
הזז, חיים 156 206
הייל‍פערן, ישראל 189
היינע, היינריך 26 127 180 352 356
הינדעס, איזידאָר (איציק) 366
הירשהאָרן, שמואל 179
המאירי (פייערשטיין), אביגדור 39
העלד, פאַול 127
העלדערלין, פרידריך 41
העלער, דב (בערנאַרד) 301
הערדאָט 301
הערץ, הענריעטאַ 21
הערשעלע זשידיטשויווער (ר׳ צבי
אייכנשטיין) 16
העשל, אברהם יהושע 79
הרומי, עמנואל 73
הרושאָווסקי, בנימין 87 96

וואָגלער (ראָזשאַנסקי), אלחנן 87
וואָיסלאַווסקי, צבי 83 155

וואַלבערג, אַדאָלף 316
וואַלדמאַן, משה 199—207
וואַלזינגער, דויד (חזן) 361
וואַליך, משה 340
וואָלף, זיגמונד א. 303
וואָלף, מאיר 75
וואָלפזאָן־האַללע, אהרן 13 21 175
וואָלפע, דויד 90
וואַסערמאַן, יעקב 156
וואַסערמאַן, לייב 114
וורצל, אליעזר 201
ווידערמאַן, נחום (ביליקאַמינער רבי) 44
וויזען, משה אהרן 253
וויטלין, יוסף („אַלטער לעב״) 10 50
וויטלין, יוזעף (יוסף) 50
ווײַלד, אָסקאַר 50 118 119
ווײַנטרויב, יוסף וואָלף (יאָשע וואָווע קלעזמער) 341
ווײַנרײַך, מאַקס 69 70 87 171 191 192 354 362
ווײַנפער, זישאָ 53
ווײַנשטאָק, אײַזיק („אײַזיקל מזיק״) 23 24 26
ווייס, אײַזיק הערש („דור דור ודורשיו״) 359
ווייס, רות 97 99 100
ווייסנבערג, איצי מאיר 108
ווייסנבערג, פערל 158
ווײַץ, אברהם 321
ווינער, מאיר 8 9 10 16 38
וויספּיאַנסקי, סטאַניסלאַוו 229
וויצנהויזן, יוסף 291 360
ווירפעל (נירנבערג) 320
וועקסלער, מרדכי (מאָטל) 201
ווערבעל, מרדכי אליהו 49
ווערסעס, שמואל (ווילנאי) 89 330
ווערפעל, פראַנץ 260

זאַובער, (זויבער), משה 366
זאַלער, יצחק 290
זיידל ראַוונער (חזן) 272
זיידמאַן, חיים 141—143

זילבערשטיין, אברהם 183
זקש, שניאור 360
זרובבל (וויטקין), יעקב 87
זשאַבאָטינסקי, וולאַדימיר (זאב) 234

האגיז, משה 351
האַרטינער (הרטינר), מאיר 53
חבר, חנן 41
חזן־רוקם, גלית 301
חיות, יצחק („שיח יצחק״) 268
חיות, צבי הירש (זשאָלקווער און קאַלישער רב) 268
חיות, צבי פרץ 308
חלפי, אברהם 354
חריף (אַסטרי), יאָסל 110־113
חריף, משה (מוסאָ) 113
חריף, עמוס 113

טאַבענקין, יצחק 133
טאַוויאָוו (טביוב), י. ח. 32
טאָלסטאָי, לעוו 156
טויביש, אהרן משה („קרני ראם״) 142
טויביש, שמעלקע 142
טווים (טובים), יוליאַן 354
טורניאַנסקי (פונסקי), חוה 75 88 90
טורקאָוו, יצחק 158
טיגער, ישעיהו 321, 331
טיטוס (קיסר) 167
טים, עריקאָ 287, 297
טיססאָ, מ. 48
טכוזש, אלכסנדר גדליה 292
טכוזש (אלמגור), כתריאל פישל 292
טעלעסין, (זלמן) זיאַמע 308
טענדלאו, אברהם 305 356
טראַטנער, שמואל 83
טראַיאַנאָוו, מישאָ 203
טשערניכאָווסקי, שאול 52 94 104 160 259 309

יאָזעף דער צווייטער (יוסף קיסר) 184
יאַנאַסאָוויטש, יצחק 91 102 208
יאָסל (יוסף) איש ראַסהיים 149
יאָסל מלמד (חזן אין בראָד ישן) 271

יהואש (בלומגאַרטן), שלמה 290 293 351 361 362
יהודה הלוי 35 170
יוחנן ב״ר שמעון 331
יונאָשאַ קלעמענס (שאַניאַווסקי) 178
יונג, קאַרל גוסטאַוו 351
יונגמאַן, משה 88 152 163 166 208
יונתן (אַ ברודער פון ר׳ יוסי) 350
יוסי בר חנינא 302
יחזקאל המצרי 168
יחיאל מיכל (דער זלאָטשיווער מגיד) 44 269
יחיאל מיכל (הקדוש מנעמירעוו) 283
יעלין, מאיר 164
יסיף עלי 331
יעקב קאָפּעלמאַן 287 288 291 292 297 302
יערי (וואַלד), אברהם 187
יפה (יאָפּע), מרדכי 236 237 240
ישראל (דער ראַטינער רבי) 283
ישראל בעל שם טוב (בעש״ט) 321 325 328
ישראל דב (דער וועלעדניקער צדיק) 324
ישראל מאיר הכהן („חפץ חיים״) 161
יתום, צבי 355 356

כּהן, אב (רעדאַקטער פון „פֿאָר־ווערטס״) 195 196
כּהן, ד. י. 8
כּהן, יהודה לייב 126
כּהן, יעקב 127 160 220
כּהן, ישראל 351
כּנעני (קויפמאַן), יעקב 334 337
כּץ־סוכּי 117

כוואָלסאָן, דניאל 88
כמיעלניצקי, מלך 50 118 178

לאַזער־טאַרטשינער (ווערטערבוך) 361
לאַכאָווער (לחובר), פישל 82
לאַנגער, מרדכי געאָרגאָ 323
לאַנדאָן, ישראל („דער קוואַל״) 285
לאַנדוי, אברהם יצחק („ספר הקונדס״) 7
לאַנדוי, אליעזר („יד המלך״) 365
לאַנדוי, אַלפרעד (אברהם יצחק) 21 291
לאַנדי, מאַקס (מיעטשיסלאַוו) 94
לאַנדין, שלמה זלמן 291
לביא (לעווענשטיין), טעאָדאָר 143
לוז, צבי 40, 41
לוי יצחק דערבאַרימדיקער (בערדי־טשעווער) 115
לופּבאַן, יצחק 236, 237 241
לוצאַטו, שמואל דוד (שד״ל) 20
לוריא (קאַלמאַנאָוויטש), שלום 89 100
ליבערמאַן, חיים („אהל רח״ל) 18
ליטווין, מרדכי 90
לייבל דניאל 111 112 200 201
לייוויק (היילפּערן), ה. 87 206
ליליען, הענריק 220
ליליענפעלד, שלום 47
לינעצקי, יצחק יואל 355
ליס, אברהם 236 237
ליפינער, אליהו 91
ליפּצין, סאָל 113
ליפשיץ, אליעזר מאיר 83 101 363
ליפשיץ, יהושע מרדכי 18
ליפשיץ, נחמה 149
לעבענסאַרט, אברהם 312
לעוו, אברהם 201
לעווי (לוי), יוסף 236
לעווינסאָן, אברהם 189
לעוונער (לבנר), ישראל בנימין 33
לעטעריס, מאיר הלוי 20
לעיעלעס (גלאַנץ), אהרן 87
לעפין (לעווין), מנחם מענדל (סאַטאַ־נאָווער) 7 12 13 15 17 21 49
לערמער, אַרטור 181
לערנער, יעקב 160
לערער, יחיאל 203

מאַגעלאַן 25
מאָהר, אברהם מנחם מענדל 45 142
מאיר מיראַ (מירה) 60

מאַן, טאָמאַס 84 156
מאַן, מענדל 163
מאַנגער, איציק 56—70 74 87 159 160
165 180 332
מאַנדלקערן, שלמה („היכל הקודש")
365
מאַנזאָן, דוד (ר׳ דודילי) 283
מאָנטעפיאָרי, משה 149
מאַניק־לעדערמאַן, י. 201
מאַקאָווסקי, ל. 164
מאַרק, יודל 290 364 366
מאַרק, נתן (נאַטאַן) 115
מאַרקיש, פּרץ 249
מדפּיס, א. י. 11
מהר"ם שיף 67
מוקדוני (קאַפּעל), אַלכסנדר 194
מיזיש, מתתיהו 291 292
מיהלזהגי (מעלזאַק), אליקים 13 337
מייזעלש, משה 95
מיכלי (דוקאָווני), בנימין יצחק 91
מילאָש, טשעסלאַוו 89
מינכהאַוזן, באַראָן 333, 335
מינצער, ישראל 221
מיצקיעוויטש, אַדאַם 159
מיר, שלום 384
מיראָן (מירון), דן 84 141
מיראַנסקי. פּרץ 104
מירסקי, רבקה, זע: ראָם, מנוחה
מישקאָווסקי (חן), זעלדע 41
מלאך, לייבל 128
מלאכי (ענגעלמאַן), א. ר. 21
מנחם דוד (אַמשינאָווער רבי) 314
מעטערניך 339
מעלצער, שמשון 127 326 327
מענדעלע 7 54 79 89 93 94 145 159
178 197 210 306 316 364
מענעס, אברהם 68 69 74
מעסטעל, יעקב 50
מרגליות, אפרים זלמן 18 314
משה חיים אפרים („דגל מחנה אפרים")
325

נאָבל, שלמה 115, 117

נאַדיר, משה (רייז, יצחק) 127
נאַדזשאַראַ (נג׳רה), ישראל 38
נאָווערשטערן, אברהם 90 95 96
נאַטקעס, צבי בנימין 10 11
נבון, יצחק 181
נויבאַוער, אברהם (אַדאָלף) 368
נחמן בראַצלאַווער 285
ניגער (טשאַרני), שמואל 192
ניטשע, פרידריך 259
נייגרעשל, מענדל 51 52
ניימאַנאָוויטש, נפתלי הערץ (הנ"ץ)
295
נעכעלעס, לייב ב. (אַ דרוקער) 11

סאָלאָדאַר (סולודר), אברהם 190
סאָלאָמיאַק (אַ ביל"ו־עולה) 192
סאָלקינסאָן, יצחק עדואַרד (יע"ס) 308
סאַנדערס, דניאל 364
סוכיסטאַוו (סוכיסטאַווער), מרדכי 7
סוצקעווער, אברהם 79 86—106 159
160 161
סטוטשעווסקי, יהויכין (יאָאַכים) 127
סטוטשקאָוו, נחום 290 292 310 312
340 354 364 366
סטיווענסען, ראָבערט לואיס 23 24 26
סטיי, אַדריאַן 90
סטעמפּעל, מנחם 201
סטרעליסקער, מרדכי 361
סיפרוני, ישראל 297
סיפרין, יצחק יהודה יחיאל (קאָמאַרנע)
325
סירקיס, יואל („בית חדש") 18 337
סלאָוואַצקי, יוליוש 90
סמאָלענסקין, פּרץ 47
סמבטיון (ליבסטאַג), משה 307
סעגאַל, הערש 30
סעגאַל, קלמן 114—121
סעמועל, מאָריס 196 197
סעדיה גאון 169

עגנון (מאַרקס), אסתר 101
עגנון (טשאַטשקיס), שמואל יוסף 39

47 48 52 56 101 156 210 269 316
317 318
עהרענטרוי, חנוך 320
עדעל, יצחק 127
עהרענקראַנץ, בנימין זאב (וועלוול זבאַרזשער) 53
עהרענרייך, משה 19 20
עטינגער, משה לייב (דער סאַסעווער רבי) 16 365
עטינגער, שלמה 10 11 13 21 175 318
עמדין, יעקב (אשכנזי) 351
עמיאָט (יאַנאָווסקי), ישראל 87 158 203
ענגעל, שמואל (גרויס־ראַדימישלער רב) 46
ענת (פערלמוטער), משה אריה 351
עקיבא בן־יוסף 301 302
ערטער, יצחק (איציק) 10 11 12 16 19 359
עריק, מאַקס (שניאור זלמן מערקין) 12 112 302
ערליך, יוסף 107—109 112 364
ערעם (קאַזאַרנאָווסקי), משה 204

פאַדריאַטשיק, אליעזר (לייזער) 100 102
פאַהאַרילי, מרדכי 47
פאַט, יעקב 93
פאַטאַש, ריקודה 201
פאַסטאַר, יהודה לייב 10 11
פאַסטאַר (בישאָף) 11
פאַפיק, ל. 201
פאַפיערניקאָוו, יוסף 201
פאַראַצעלזוס, פיליפוס טעאָפראַסט 339
פושקין, אלכסנדר 84 189
פיורקאָ, אברהם מרדכי 33
פיטש־וויינשטאָק (דרוקערס) 285
פינסקער (אלמוגין), לעאָ (יהודה לייב) 145
פיפע, שמואל זייגוול 115 116 117
פינקערפעלד (עמיר), אנדא 306
פעלץ (ענצער), מרדכי 46
פערל, יוסף 7 13 17 21 48 49 89 317
פפוס, בן יהודה 298
פרוס, באָלעסלאַוו 155
פרייל, גבריאל 210
פריצול, אברהם מרדכי 360
פרנס, אברהם 82
פרעפערקעוויטש, נחמיה 356
פרץ, יצחק לייבוש 93 166 178 209 210 232

פאַגעל, דבורה (דעבאָראַ) 50 119 203
פאַגעל, דוד 39 41
פאַיאַנס, אריה לייב 295
פאַלק (בערגער), יוסף 46
פויכטוואַנגער, לעאָן 320
פוקס, אברהם משה 87 108 115
פיין, יאַני 89
פיינבערג, שבתי („אפיקי מגינים") 88
פייערבערג, מרדכי זאב 330
פיכמאַן, יעקב 128 155 195 196 210
פילאָן 169
פילדינג, הענרי 49
פינקל, יהושע 301 302
פינקל, שמעון 22
פינקלשטיין, ישעיהו מאיר 21
פישאַרט, יאָהאַן 339
פלאַוויוס, יוסף הכהן 169
פליישער, עזרא (י. גולה) 87
פעדער (גוטמאַן), טוביה 16 18
פראַנק, יאַקאָב 162
פראַנקאָ, איוואַן 234
פרויד, זיגמונד 319
פרוינד, לוי 17
פרומקין, אברהם 324
פרומקין, ישראל דב („חבצלת") 324
פרידמאַן, יעקב 87
פרישמאַן, דוד 54 210 229
פרענקל, אליעזר 29
פרענקל, באַרווין (ברוך) 153 154 157 164

צביון (האָפמאַן), בנציון 68 69 70
צווייפל, אליעזר צבי 7 13

צוקער, צבי הירש 11
צייטלין, אהרן 41 87 90 192 210
צייטלין, הילל 34 153 210 270
צימעלס, פּיניע 264 265 268
צימערמאַן, יצחק 311
צינבערג, ישראל 359
צעראַטע, א. ב. 285
צפנת, אהרן 95
צפתמן־בילער, שרה 8
צרפתי, יוסף 73

קאַדאַניר, יעקב 324
קאַזלאָווסקי, משה 26
קאַזשדאַן, ח. ש. 125
קאַליר, מאיר 20
קאַלמוס, אורליך 319 341
קאַמעט (אַ דרוקער) 221
קאַמעלהאַר, א. י. 48
קאַמפּע, יאָאַכים היינריך 49
קאַנאָפּניצקאַ, מאַריאַ 234
קאַנץ, שמעון 164
קאַסטאָף, מאיר 196
קאַפּלאַן, ישראל 130—132
קאַפקאַ, פראַנץ 323
קאַציזנע, אַלטער 22 23
קאַצנעלבויגן (שפירא), מרדכי (דער נעכסיזשער רבי) 365
קאַצנעלסאָן (כצנלסון), בערל 104 195
קאַצנעלסאָן, י. ח. 39
קאַצנעלסאָן, יצחק 90 210
קאַראַ, יחיאל 295
קאָרן, יצחק 181 182 208
קאָרן (הערינג) רחל 50 87
קאַרפּ, האַריאַ 143
קאַרפּי, מיכאל 361
קאַרפּינאָוויטש, אברהם 319
קאַרקיס, אברהם 231
קאַשטאַן (וויינטרויב), חזן 272
קדרי, שרגא (טעפּער פּיוויל) 41
קויפמאַן, פּערל 334 337
קולבאַק, משה 81 154 159 161
קופּפער, אפרים 19 358 359
קוק, אברהם יצחק הכהן 34 39 40 237
קזשיזשאַנאָווסקי, יוליאַן 288
קיפּניס, איציק 154
קירכהיים, רפאל (בן־ראובן מיכאל) 360
קלוגהויפּט, אורי (השרף מסטרעליסק) 44
קלוגער, שלמה (דער בראָדער מגיד) 18
קליגער, קעהאָס (קהת) 236
קלייסט, היינריך 94
קלמנאָוויטש, זעליג הירש 89
קמחי, דב (מעלער בעריש) 156
קנאָפּהייס, משה 203
קעלער, גאָטפריד 94
קעניג, לעאָ (יפה אריה) 92
קעניג, עוזר 365
קעניגסבערג, דוד 50 119 260
קראָכמאַל, נחמן 19 361
קראַנץ, יעקב (דער דובנער מגיד) 161
קראַשניניקאָוו („יעקב ורחל") 58
קריב (קריוואָרוטשקאָ) אברהם 37 41 155
קרני (וואָלאָווסקי), יהודה 39
קרעמער, שלום 116 117
קרעסל, געצל 33 111 220

ראַבאַך, בערל 115
ראַבאַק, א. א. 320
ראַבינאָוויטש, אלכסנדר זיסקינד 34 37
ראַבינאָוויטש, יעקב 37, 38
ראַבינאָוויטש, ישעיהו 87
ראַדקינסאָן (פרומקין), מיכאל 324 325
ראובני (שימשעלעוויטש), אהרן 52, 156
ראַוויטש, מלך (בערגנער חנא זכריה) 50 51 87 115 118 154 156 249 285
ראָזענפעלד, שלום 74
ראָזענרויך, חיים אליעזר 335 337
ראָזשאַנסקי, שמואל 317 364
ראָטה (ראָט), יוסף (משה) 50 94 118
ראָם, מנוחה 151—165
ראָמער־סעגאַל, אַגנעס 330
ראַן, לייזער 80 95

ראַספּע 334
ראַפּאַפּאָרט, חיים כהן (לעמבעריקער רב) 161
ראַפּאַפּאָרט, יהושע 153
ראַפּאַפּאָרט, שלמה יהודה לייב (שי״ר) 10 11 18 19
ראַפּאַ, נחמן 33
ר׳ בנימין (ראַדלער־פעלדמאַן, יהושע) 35 36
רבניצקי (ראַווניצקי), יהושע חנא 27 210
רובינשטיין, מרת 164
רופּין, אַרטור 39
רוקח, שלום (דער בעלזער רב) 364 365
ריבלין, יוסף יואל 111 112
ריבקינד (ריווקינד), יצחק 330 331
רייזן, אברהם 231
רייזן, זלמן 10 52 189
רייטמאַן, הערש 49
רייך, לעאָן 125
ריינעס, יעקב יצחק 34
רילקע, ריינער מאַריאַ 39
רימון, דויד 33, 37
רימון (גראַנאַט), יוסף צבי 32 33 37 38 41
רימון (גראַנאַט), יעקב 33 34 36
רמ״א, זע: איסערלעס
רמב״ם (ר׳ משה בן מימון) 13 48 49 169
רמז (דראַבקין), דוד 37
רעגעלסאָן, אברהם 87 210
רעדזשיאָ (יש״ר) 20
רש״י (ר׳ שלמה יצחקי) 171 209 293

שאַגאַל, מאַרק 88 201
שאַטלענדער, יעקב 222 223
שאַמיר (שמיר), זיווה 84
שאַפּיר, בירך (בענעדיקט) 53
שאַפּיר (שעכטער), משה מרדכי 53
שאָר (שור), יהושע העשיל („החלוץ״) 19 46 68 319 359
שאַרגעל, הילל 201
שאַרגעל, יעקב צבי 201 337
שאַרנשטיין, ד״ר 263
שאַרפשטיין, צבי 363
שבתאי, צבי 351
שבתי כהן („שפתי כהן״, ש״ך) 18
שוהם, מתתיהו (פּאָליאַקעוויטש, מ. מ.) 67
שוואַדראָן, שלום מרדכי (בערזשאַנער רב) 46 270
שוואַרץ, חיים 280
שוואַרץ, ישראל יעקב 99, 159 210 215
שוואַרצבוים, חיים 301
שווייצער, שלמה 113
שוכמאַן (זעצער) 221
שולמאַן, אלעזר 302 303 352
שולמאַן, אליהו 164
שוטהיים, א. ל. 260
שזר (רובאַשאָוו), שניאור זלמן 87 88
שטאַל, יעקב 201
שטאַק, בערל 264
שטאַק, יוסף משה 269
שטאַק, פראַדל 151
שטאַק (שפירא), ראַניע 363
שטאַרם, טעאָדאָר 94
שטיין, פיליפּ 307
שטיין, שאַרלאָטע 307
שטיינבאַרג, אליעזר 27 28 29 30 31 200 210
שטיינבאַרג, רבקה 30
שטיינבערג, אברהם מנחם מענדל הלוי („מחזה אברהם״) 47 271 272 285
שטיינבערג, אהרן 87
שטיינבערג, בינה 122—129
שטיינבערג, יהודה 28 210
שטיינבערג, יעקב 52 89 210
שטיינמאַן, אליעזר 210
שטייגשניידער, משה (מאָריץ) 303
שטיף, נחום (בעל דמיון) 8
שטירנער, מאַקס 253
שטערן, ישראל 41
שטערן, ישראל (איש יאיר) 41
שטערן, מנחם 363

שטערנבערג, יעקב 27
שיינטוך, יחיאל 90
שילער (בלאַנקשטיין), שלמה 231
שימעל, משה (מאַוריצי) 119 203
שי״ר, זע: ראַפּאַפּאָרט
שלאָנסקי, אברהם 58 334 353
שלום עליכם (ראַבינאָוויטש, שלום) 7
89 93 127 178 197 210 309 310 353
שלום, ש. (שפּירא, שלום יוסף) 41 87
שמואלעוויטש, מתתיהו 208
שמעון בר־יוחאי 13
שמעון בר־יצחק 331
שמעוני (שימאָנאָוויטש), דויד 52
שמערוק, חנא 8 9 10 11 55 56 57
75 88 90
שמרי (ריבאַ), אריה 87 97 100 201
שנאַפּער (רובענצאַל), בער 201
שנהוד (שיינהויט), שלמה 201 210
שניאור, זלמן (זאַלקינד) 54 94 160 210
שעכטמאַן, עליע (אליהו) 160 309
שעכטער, שלמה זלמן 358
שענבאַך, אברהם (אַדאַלבערט) 115

זוכצעטל — 13 — דב סדן

שענפעלד, רות 84
שענקיעוויטש, הענריק 155
שעפּס, זאב 166
שעקספּיר, וויליאַם 187
שפּיגל, ישעיה 87 90 91
שפּיגלבלאַט, אלכסנדר 88 91
שפּיגלמאַן (יציב), יצחק 195
שפּיצער, שלמה זלמן (ווינער רב) 26
שפּירא, זלמן 265
שפּירא, יוסף (יאָשע שו״ב) 238 263
271 272 282 283
שפּירא, יוסף אלקנה 269
שפּירא, יוסף משה („ברית אברם״) 269
שפּירא, למד 51 119
שפּירא, מאיר („ישיבת חכמי לובלין״)
115
שפּירא, שלום 266 268 272
שפּערבער, אלכסנדר זיסקינד 314
שץ, מאיר („אקדמות״) 330 331
שרביט (שווערט), א. 116
שרגאי, שלמה זלמן 206
שרון (שוואַדראָן), אברהם 231 270
שרייבער, משה (חת״ם סופר) 265

שׂריד, אריה לייב (גאָלדבערג, לייבל)
243

תא־שמע 358 359
תודר (טודער), שמעון 115 116
תלוש (מוסעלעוויטש), י. 53